א. לעווין

קאנטאניסטן

קאַנטאָניסטן

וועגן דער ײדישער רעקרוטשינע אין רוסלאַנד
אין די צייטן פון צאר ניקאָליי דעם ערשטן.

1856 — 1827

פון

אַ. לעווין

וואַרשע ◆ ◆ 1934

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2023

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2023

A. Lewin — Kantoniści

געזעצט אין זעצעריי פון פאַרלאַג „הוטגער“

װאַרשע, נאַלעװקי 13.

Druk. „Grafia“ Nowolipki 7

Printed in Poland

געווידמעט די יונגע און צארטע נשמות, וואס
זענען פארפייניקט געווארן אין די קאזארמעס
דורך ברוטאלע פעלדפעבלשע הענט...

אינהאַלט:

פאָרוואָרט I – V

I פאַרן איינפירן די רעקרוטשינע פאַר יידן. 3 – 35

II דאָס ספּעציעלע רעקרוטן-געזעץ פאַר יידן. 39 – 64

III ווי אַזוי האָבן יידן אויפגענומען די רעקרוטן-גזרה 67 – 94

IV די כסדרדיקע פאַרשאַרפונג פון דער רעקרוטשינע דורך צוגאָב-באַפעלן. 96 – 115

V די רעקרוטשינע אין ליכט פון זכרונות און פאַקטן 117 – 212

VI רעקרוטשינע-פאָלקס-לידער פון דער ניקאָלאַיעווער עפּאָכע. 214 – 241

VII זכרונות פון געוועזענע קאַנטאָניסטן. 245 – 313

VIII וועגן מיליטער פאַר יידן אין קאָנגרעס-פוילן. 317 – 359

קוועלן (ביבליאָגראַפיע). 360

פאררווארט.

איינע פון די שרעקלעכסטע און גרוילעכסטע תקופות אין אונזער געשיכטע, וואס דערוועקט אין יעדן פון אונז אן אינסטינקטיוון ציטער, איז בלי ספק די קאנטאניסטן-תקופה אין רוסלאנד אין צאר ניקאליי דעם ערשטנס צייטן.

לויט איר טראגישקייט פארנעמט זי א גלייך ארט מיט אזעלכע געשעענישן ווי די קרייץ-צוגן, גרוש-ספרד און גזרות-ת״ח. זי איז נאך אין א געוויסער מאס טראגישער פון די אויסגערעכנטע גזרות, ווייל פון איר האבן געליטן צום מייסטן די שוואכסטע פון די שוואכע, די אומגליקלעכסטע און אומבאהאלפנסטע: קליינע מינדעריעריקע קינדער און ארעמע, אומבאמיטלטע יינגע לייט, קינדער פון פאלק און שוואכע פרויען-מוטערס, מייסטנס אלמנות און פארלאזענע. אויך האט דער גורל געוואלט, אז יידן אליין זאלן ווערן די רוצחים און פייניקער פון זייערע ברידער. דאס זענען די קהל-תקיפים און זייערע משרתים-כאפערס.

מיט רעכט דריקט זיך אויס וועגן דער קאנטאניסטן-גזרה דער יידישער שרייבער (אין דער רוסישער שפראך) בן-עמי (מרדכי ראבינאוויטש), אז אין פארגלייך מיט דער כאפעריי פארבלייכט די אינקוויזיציע. אין זיין דערציילונג: „א בן-יחיד“ דריקט ער זיך אויס אזוי: „די אינקוויזיציע האט אפגעטאן שרעקלעכע זאכן, האט געפייניקט דעם קערפער פונם דערוואקסענעם ייד, וואס איז געווען פעאיק צו לאכן שטאלץ איבער זיין פייניקער, אפהיטנדיק די נשמה און דאס געוויסן פון יעדן פלעק, אדער פון שרעק און כדי צו ראטעווען דעם גוף האט ער אנגעטאן אויף זיך די געמיינע הויט פון זיין פייניקער און מערדער. די כאפערס האבן ארויסגעריסן פון די ארעמס פון די מוטערס קליינע קינדערלעך און זיי אפגעגעבן נישט צו די אינקוויזיטארן, נאר צו שכורע סאלדאטן, כדי זיי צו דערציען אין דער קריסטלעכער רעליגיע“.

גאנצע 29 יאר האבן זיך געגאסן איבערן ברייטן און ריזיקן רוסלאנד, וואס האט זיך אויסגעשפרייט איבער א האלב אייראפע און א האלב אזיען „טייכן בלוט פון יידישע קינדער און ימים טרערן פון יידישע מוטערס“, ווי

דאָס פאָלקס־ליד דריקט זיך אויס. ביי אַלע אַנדערע טראַגישע איבערלעבענישן האָבן אַלע יידן אין א געוויסער מאָס גלייך געטרונקען פון גיפט־בעכער. דאָ אָבער איז דער גאַנצער צאָרן אויסגעגאָסן געוואָרן דער עיקר אויף קליינע שוואַכע קינדער. אויך האָט קיין שום אַנדערע גזרה נישט אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג — גאַנצע ניין און צוואַנציק יאָר!

און זי איז געוואָרן וואָס א מאָל שאַרפער, אומברחמנותדיקער, ביז זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין די לעצטע יאָרן פון ניקאָלייס הערשאַפט אין א ווילדן און חיהשן געיעג נאָך קליינע און גרויסע אומבאַהאַלפענע און אומבאַשיצטע יידן... דאָס איז געווען אין די 3 יאָר פון יולי 1853 ביז סוף אויגוסט 1856, ווען אַלע יידן אָן אויסנאַם (די כאַפּערס זענען טאַקי געווען לויטער יידן) האָבן געהאַט דאָס רעכט צו כאַפּן אָן א פאַרוואָס און אָן א פאַרווען זייערע אַלטע און יינגע ברידער און אָפּגעבן זיי פאַר סאָלדאַטן...

אָט די טרויעריקע קאַנטאָניסטן־תקופה פון ניקאָליי דעם ערשטנס צייטן, (איינער פון די בלוטיקסטע און אוממענטשלעכסטע צאַרן), איז ביזן היינטיקן טאָג היסטאָריש ווייניק אויסגעפאָרשט און איז דעם ברייטן כלל נאָר אין אַלגעמיינע, אייגנטלעך, לעגענדאַרישע שטריכן באַקאַנט. ש. דובנאָוו באַמערקט וועגן דעם (יעווריסקאַיאַ סטאַרינאַ 1909): „די טראַגעדיע פון די יידישע קאַנטאָניסטן אין ניקאָליי דעם I-טנס צייטן איז אונז באַוווסט נישט פון היסטאָרישע, נאָר פון בעלעטריסטישע באַשרייבונגען. ביי אונז איז נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישטאָ קיין איין היסטאָרישע פאָרשונג וועגן דער אַנטשטייאונג און אַנטוויקלונג פון דער באַרימטער אינסטיטוציע אַלס טייל פון דעם אינקוויזיטאָרישן מעכאַניזם, וואָס האָט אין קעגנזאַץ צו דער אַלגעמיינער מיינונג עקזיסטירט אויך אין רוסלאַנד. די דערציילונג וועגן טויזנטער יידישע יינגימשקע רעקרוטן, וואָס זענען פאַריאָגט געוואָרן אין די ווייטסטע מזרח־גובערניעס און זענען מיט געוואַלט אָפּגעשמדט געוואָרן, אָט די דערציילונג דאַרף ענדלעך ווערן דערציילט אויפן יסוד פון געניגנדן היסטאָרישן מאַטעריאַל"...

בכלל זענען די שפורן פון יענע פינסטערע צייטן אין פאַרגלייך מיט דער גרויס פון דער טראַגעדיע שוואַך פאַרטראַטן אין דער יידישער פובליציסטיק און ליטעראַטור פון יענער עפּאָכע. דאָס דערקלערט זיך מיטן מאַנגל פון פּעריאָדישע אויסגאַבן ביי יידן צו יענער צייט אין רוסלאַנד, מיטן נידריקן השכלה־מצב און אויך מיט דער אַלגעמיינער שווערער פּאָליטישער רעאַקציע, וואָס האָט געהערשט דאַמאָלס אין רוסלאַנד און האָט נישט דערלאָזט צו קיין שום אמתדיק וואָרט וועגן די באַרבאַרישע מעשים פון דער רעגירונג.

אויף דער יידישער נשמה און אינם יידישן האַרץ האָט אָבער די עפּאָכע געלאָזט טיפע צייכנס. דאָס פאָלקס־ליד ווי אויך די שפּעטער פון דער נייער העברעאיש־יידישער ליטעראַטור האָבן אָפּגעגעבן א ברייט אָרט דעם יידישן מאַרטירערטום פון יענער גרויזאַמער צייט. דאָס גענוגט אָבער נישט כדי צו קאָנען זיך פאַרשאַפן אַן אומפּאַסנד בילד פון דעם, וואָס ס׳איז געשען. מ׳דאַרף, ווי דובנאָוו מיינט, היסטאָריש דאָס אַלץ דערציילן.

איך האָב מיט א סך יאָרן צוריק געלייענט אַלעקסאַנדער הערצנס זכרונות א. נ. „בילאָיע אי דומי“ (פאַקטן און געדאַנקען). איך האָב זיך אָנגעשטויסן אויפן קאַפּיטל, אין וועלכן ער דערציילט לגמרי אָביעקטיוו, אָן יעדער זייטיקער פניה, וועגן זיינער א באַגעגעניש מיט א פּאַרטיע יידישע קינדער־קאַנטאָניסטן אונטער וויאַטקע אין יאָר 1835.

דער איינדרוק פון הערצנס באַשרייבונג איז געווען אַזאַ געוואַלטיקער, אַזאַ אויפטרייסלענדער, אַז לאַנג לאַנג האָב איך זיך פון אים נישט געקאָנט באַפרייען. אומעטום האָט מיך פאַרפאָלגט דאָס בילד, וואָס הערצן האָט מיט זיין איינפאַכער מעמואַרן־פעדער געמאָלט און אין די אויערן האָט מיר געקלינגען דאָס געוויין פון לעצטן זאַץ פון יענער באַשרייבונג: „... און איך האָב געפילט, אַז איך וועל נישט אויסהאַלטן, אַז איך מוז זיך צעכליפען“...

אין יענער צייט איז ביי מיר רייף געוואָרן דער געדאַנק, אַז מ׳דאַרף אַלע יידישע קינדערשע טרערן פון דער קאַנטאָניסטן־תקופה איינזאַמלען אין איין בעכער און אים אַוועקשטעלן צווישן אונזערע פילע, מיט טרערן און בלוט פאַרפילטע בעכער. דאָס פאָלק דאַרף זיינע יינגע קדושים נישט פאַרגעסן.

און הגם יאָרן זענען פאַרלאָפן, האָב איך אָבער וועגן דעם געדאַנק נישט פאַרגעסן. אַן אינערלעכער כוח האָט מיך געטריבן צו פאַרשן און זוכן אַלץ וואָס איז באַוווּסט וועגן די אומגליקלעכע קאַנטאָניסטן. אויף דעם וועג איז אַנטשטאַנען דאָס פאַרליגנדע בוך.

* * *

די אַרבעט מיינע איז נישט קיין טרוקן־וויסנשאַפטלעכע אין אַנגענומענעם באַגריף, ווייל זי שטיצט זיך נישט אויף בלויז אַרכיוואַלע און אומבאַקאַנטע קוועלן, נאָר הויפּטזאַכלעך אויף מאַטעריאַלן, וואָס זענען שוין דערשינען אין דרוק. *) קיין סך פולשטענדיק נייע פרטים האָב איך נישט אַנטדעקט. איך האָב

---

*) מיטן אויסנאַם פון א ריי אַקטן, וואָס איך האָב געפונען אין ווילנער גענעראַל־גובערנאַטאָרישן מלוכה־אַרכיוו, אויך א סך פאַרשידענע אַקטן אין וואַרשעווער אַרכיוו, (Archiwum akt)

זיך נאָר באַמיט געוויסנהאַפט און עקזאַקט אויסצונוצן די ביי היינטיקן טאָג שוין פאַרעפנטלעכטע מאַטעריאַלן, ווי אויך די אַרכיוואַלע אַקטן, וואָס זענען מיר געווען צוטריטלעך. **)

מעגלעך, אַז פאַר היסטאָריקער און וויסנשאַפטס־פאַכלייט וועט מיין אַרבעט קיין גרויסע באַדייטונג נישט האָבן. (אויסער פילייכט דער, וואָס זי שטעלט פאַר מיט זיך דעם ערשטן פרווו פון אַ ברייטערער בוך־אַרבעט אויף דער טעמע). איך בין נאָר אויסן געווען צו דערציילן דעם ברייטן כלל־לעזער די געשיכטע פון דער קאַנטאָניסטן־תקופה אין רוסלאַנד.

דאָס בוך „קאַנטאָניסטן“ איז אַ בוך פון פאָלק פאַרן פאָלק.

איך געפין עס פאַר מיין חוב אויסצודריקן אויף דעם אָרט אַ דאַנק מיין פריינט און חבר ד״ר עמנואל רינגעלבלום פאַר זיין פאַראינטערעסירונג און דינסטפאַרטיקייט, וואָס ער האָט מיר אויף פאַרשידענע אופנים אַרויסגעוויזן בשעת דער אַרבעט. אויך ה׳ פינחס קאָן פון ווילנע קומט אַ יישר־כוח פאַר זיין הילף ביים באַקענען זיך מיט די אַקטן פון ווילנער רעגירונגס־אַרכיוו.

ווארשע, טבת תרצ״ד.

אברהם לעווין

Adamowicz, וואָס האָבן אַ שייכות צום מיליטער־דינסט פון ייִדן אין קאָנגרעס־פּוילן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ערשט אין יאָר 1844, און די אַקטן פון „ייִדישן קאָמיטעט“ אין פּוילן, וואָס געפינען זיך אין בילדונגס־אַרכיוו ביים וואַרשעווער אוניווערזיטעט.

**) איך האָב ניט אויסגענוצט דעם בעלעטריסטישן מאַטעריאַל, וואָס געפינט זיך אין דער קלאַסישער העברעאישער און ייִדישער ליטעראַטור (אויך אין דער רוסיש־ייִדישער). אַזוי געפינען מיר זייער ווערטפולע און קינסטלערישע שילדערונגען פון דער קינדער־כאַפּעריי ביי פּרץ סמאָלענסקין אין זיין „התועה“ (סמאָלענסקינס אַ ברודער איז געוואָרן געכאַפּט און יעדער שפּור פון אים איז בענאַנבען פאַרלוירן...), אויך ביי מענדעלע אין זיין „ווינטשפינגערל“ א. א. איך האָב אויסגענוצט בלויז דעם מאַטעריאַל, וואָס טראָגט אַ בולט היסטאָרישן כאַראַקטער (אַן אויסנאַם האָב איך געמאַכט בלויז פאַר די פאָלקס־לידער פון יענער עפּאָכע). זכרונות פון געוועזענע קאַנטאָניסטן און אַנדערע עדי־ראיה האָב איך געהאַלטן פאַר זייער וויכטיקן מאַטעריאַל.

I

פארן איינפירן די רעקרוטשינע פאר יידן.

א.

היסטארישער איבערבליק איבער דער לאגע פון יידן אין רוסלאנד ביז דער ערשטער חלוקה פון פוילן אינם יאר 1772.

די געשיכטע פון יידן אין רוסלאנד הייבט זיך איינגנטלעך אן ערשט ביים ענדע פון 18-טן יארהונדערט, מיט דער ערשטער חלוקה פון פוילן אין יאר 1772, ווען מאסן יידן זענען צוזאמען מיט די פארנומענע געביטן אריבער אין רוסלאנדס רשות. פריער זענען כמעט חי קיין יידן אין רוסלאנד נישט געווען. איינצלנע יידן האבן געלעבט בגנבה אין אוקראינע אדער זענען געקומען האנדלען אויך אין מאסקווער קאנט. די מאסקווער און שפעטער פעטערבורגער רעגירונגען האבן זיך באמיט דורך אפטע און שטרענגע באפעלן אויך דאס הייפל יידן צו פארטרייבן פון לאנד.

פון אלטע צייטן האט געהערשט אין פאלק, דערהויפט אין אדל און צווישן דער גייסטלעכקייט, א טיף-איינגעווארצלטע רעליגיעזע און ראסן-שנאה צו יידן, וואס האט נישט דערלאזט, זיי זאלן זיך באזעצן און איינבירגערן אין לאנד. די ווייניקע יידן, וועלכע האבן זיך אריינגעגנבעט אין לאנד, פלעגן האבן אויסצושטיין אומאויפהערלעכע רדיפות, ביז מ'האט זיי סוף סוף ארויסגעטריבן. אין אלע אפיציעלע דאקומענטן און באפעלן האט מען יידן נישט אנדערש אנגערופן ווי מיטן באליידיקנדן נאמען „זשידי". די שנאה צו יידן פלעגט געזייעט ווערן אין פאלק דורך דער רעגירונג. יעדעס מאל, ווען די רעגירונג האט אין אירע באפעלן דערמאנט וועגן יידן, פלעגט זי צום

וואָרם „זשידי" צונעבן פאַרשידענע גיפטיקע עפּיטעטן, ווי: „כריסטוס-פיינט" א. אנד.

אויך פּיאָטר דער גרויסער און זיינע נאָכפאָלגער, ריכטיקער נאָכפאָלגערינס, האָבן זיך אין פּרט פון שנאה צו יידן מיט גאָרנישט אונטערשיידט פון די פריערדיקע הערשער אין רוסלאַנד.

די סבות פון דער דערשיינונג זענען וואַרשיינליך מערערע און שטעקן טיף אין דער רוסישער פאַרגאַנגענהייט. מעגלעך, אַז דער טאַטאַרן-פּעריאָד, ווען רוסלאַנד איז געווען אונטעריאָכט גאַנצע 240 יאָר, פון 1240 ביז 1480, האָט פאַרזייעט און געלאָזן אַ שטאַרקן האַס צו יידן, ווייל מיט די טאַטאַרן זענען אויך מיטגעקומען יידן און די רוסן האָבן אין זיי געזען זייערע באַדריקער ווי אין די טאַטאַרן. אויך די פאַקטן פון איבערגיין צום יידנטום פון עטליכע פּראַוואָסלאַווע גייסטלעכע אין נאָווגאָראָד און מאָסקווע אין 16-טן יאָרהונדערט האָבן געוויס מיטגעהאָלפן צו שטאַרקן דעם רעליגיעזן אומצוטרוי און שנאה צו יידן.

פאָלגנדע צוויי פאַקטן זענען כאַראַקטעריסטיש און אילוסטרירן די באַציִונג פון די רוסישע צאַרן צו יידן. 1) דער צאַר איוואַן דער גרויזאַמער (בראַזני) האָט נישט דערלויבט צוויי יידן פון פּוילן אָפּצונעמען זייערן אַ חוב ביי די יורשים פון שולדיקער. כאָטש זיי האָבן געבראַכט אַ פּראָטעקציע-בריוו פון פּוילישן קעניג זיגמונט דעם ערשטן (1548—1506) צום פּוילישן פאַרשטייער אין מאָסקווע. דעם בריוו האָט מען ביי זיי אָפּגענומען און צום פּוילישן פאַרטרעטער נישט צוגעלאָזן. זיגמונט דער ערשטער האָט זיך אָנגענומען פאַר זיינע יידישע אונטערטאַנער. אין אַ ספּעציעלן בריוו אין יאָר 1539 בעט ער דעם צאַר צו טאָן גערעכטיקייט די יידן. ער דערמאָנט די אָפּמאַכן, לויט וועלכע ס'איז דערלויבט סוחרים פון ביידע לענדער צו פאָרן אָן שטערונגען פון איין לאַנד אין צווייטן. אין אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט מען ביי יידישע סוחרים פון ליטע, וואָס זענען געקומען קיין מאָסקווע, אָפּגענומען זייער סחורה. ווידער האָט זיך זיגמונט דער ערשטער אָנגענומען פאַר זיי. ער דערמאָנט די אָנגענומענע מנהגים פון אַלע צייטן, וואָס דערלויבן יידן ווי קריסטן צו קומען האַנדלען קיין מאָסקווע. דער צאַר האָט אָבער שאַרף אָפּגעזאָגט דעם קעניג אין זיין בקשה צוצולאָזן יידישע סוחרים קיין מאָסקווע, ווייל „די יידן רעדן אָפּ די רוסן פון זייער גלויבן". 2) בשעת דער זעלבער צאַר (איוואַן דער גרויזאַמער) האָט איינגענומען פּאָלאָצק ביי די פּאָליאַקן אין יאָר 1563, האָט

ער געהייסן אַלע יידן און קאַטוילישע גייסטלעכע אַריינוואַרפן אינם טייך דווינע. בלויז די, וועלכע ד־האָבן אָנגענומען פּראַוואָסלאַוויע, זענען ניצול געוואָרן.

וועגן זעלבן צאַר דערציילט די פאָלקס־לעגענדע נאָך אַ סאַך שרעקלעכע מערדערייען, וועלכע ער זאָל האָבן באַגאַנגען איבער יידן. דיזעלבע געשיכטע ווי אין פּאָלאָצק, זאָל אויך האָבן פאָרגעקומען אין קאַזאַן, וואָס איז אין איוואַן דעם גרויזאַמענס צייטן איינגענומען געוואָרן ביי די טאַטאַרן.

אַזוי האָבן אין רוסלאַנד — אוקראַינע און מאָסקווער קאַנט — געלעבט אומלעגאַל פאַרן יאָר 1772, ווען ס׳איז פאָרגעקומען די ערשטע צעטיילונג פון פּוילן און רוסלאַנד האָט פאַרנומען גאַנץ ווייסרוסלאַנד. בלויז געציילטע יידן. ערשט אין יעקאַטערינעס דער צווייטערס צייטן באַקומט רוסלאַנד צוזאַמען מיט די פּוילישע מזרח־פּראָווינצן אויך מאַסן יידישע אינטערטאַנער. הונדערטער טויזנטער יידן האָט מען שוין נישט געקאָנט דערטרינקען. אויך נישט ארויסטרייבן. רוסלאַנד האָט זיי, ווילנדיק נישט ווילנדיק, געמוזט באַטראַכטן פאַר אירע אינטערטאַנער און באַשעפטיקן זיך מיט זייער גורל. (ערשט פון 7 מאַי 1786 הייבן יידן אָן פאַררעכנט צו ווערן פאַר רוסישע בירגער) יעקאַטערינע אַליין האָט געוואָלט זיין אין אַ געוויסער מאָס יושרדיק לגבי די יידן, דערהויפּט אין די ערשטע צייטן פון איר ממשלה. זי האָט עס אָפּגעשאַפט אין די אָפיציעלע דאָקומענטן דעם באַליידיקנדן נאָמען „זשיד" און האָט געהאַט בדעה צו דערלויבן יידן דאָס באַזעצן זיך און האַנדלען אין גאַנץ רוסלאַנד. יידן האָבן אָנגעהויבן פאָרן אין די אינערלעכע גובערניעס און האָבן פאַרקויפט פאַרשידענע סחורות. דאָ אָבער האָט אויפגעוואַכט די אַלטע ראַסן־שנאה צו יידן, קודם כל ביים רוסישן סוחרטום, וואָס האָט מורא געקריגן פאַר דער יידישער קאָנקורענץ. פון מאָסקווע איז ארויסגעשיקט געוואָרן די ערשטע פאָדערונג צו דער פּעטערבורגער רעגירונג, זי זאָל פאַרווערן יידן צו באַזעצן זיך אין די רוסישע שטעט, כדי די קריסטלעכע סוחרים זאָלן נישט ליידן צוליב דער יידישער קאָנקורענץ. (יידן האָבן פאַרקויפט פאַרשידענע סחורות צו באַדייטנד ביליקערע פּרייזן, ווי די קריסטן).

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן די באַגרענעצונגס־געזעצגעבונג וועגן יידן. ס׳איז באַשאַפן געוואָרן די באַרימטע „טשערטאַ אָסיעדליעאָסטי דליאַ יעווריעיעוו" אָדער דער יידישער תחום־המושב. די יידישע מאַסן זענען איינגעשלאָסן געוואָרן אין די מערב־פּראָווינצן, ווו זיי האָבן זיך געשטיקט פון ענגשאַפט. די באַגרענעצונ-

גען און אויסנאם־געזעצן פאר יידן זענען כסדר געוואקסן, ווייל מ'האט זיי באטראכט פאר א שעדלעכן און אומפראדוקטיוון עלעמענט, פאר וועלכן מ'מוז שיצן דאס פאלק.

ב.

יידן און מיליטער־דינסט.

פוילן האָט יידן אין דער ארמיי נישט אריינגעצויגן, ווייל אין פוילן האט איבערהויפט נישט עקזיסטירט קיין אלגעמיינער צוואנג פון מיליטער דינסט. די ארמיי אין פוילן איז באשטאנען אין אלגעמיין פון צוויי טיילן: 1) פון קרוין־מיליטער, וואס איז געשאפן געווארן דורך דער קרוין־רעגירונג און איז באשטאנען פון געדונגענע זעלנער. 2) פון דער שליאכטע אדער ריטערטום (פריצים), וואס איז געגאנגען אין קריג אין פאל פון אן אלגעמיינער מאביליזאציע (Pospolite ruszenie). אויסער דעם האבן די גרויסע מאגנאטן, וועלכע זענען געווען כמעט זעלבסטשטענדיקע מושלים אין זייערע געביטן, אויסגעהאלטן אייגענע באדינענדע חיילות, וואס זענען באשטאנען פון דער קליינער ארעמער שלאכטע, וואס האט זיך געפונען ביי די גרויסע מאגנאטן אויף דינסט, און פון די פויערן־קנעכט. קיין אלגעמיינע פערסאנאלע מיליטער־פליכט האט אין פוילן נישט עקזיסטירט. זי איז געווען א פריווילעג־רעכט פאר דער שלאכטע און א צוואנג פאר די פויערן, דעם אדלס אייגנטום.

יידן האבן נישט אנגעהערט נישט צום אדל און נישט צום פויערטום, נאר זענען פאררעכנט געווארן פאר א שטאטישן עלעמענט. הגם זייער א גרויסער טייל פון זיי האט געוואוינט אין די דערפער. זיי האבן ממילא קיין ארט אין דער ארמיי נישט געהאט. בכלל האבן יידן, ווי אלע שטאט־איינוווינער אין אלטן פוילן, קיין בירגערלעכע רעכט נישט געהאט. ס'איז קיינמאל נישט אויפגעשוואומען דער געדאנק וועגן אריינציען זיי אין דער ארמיי. אפילו אין די צייטן פון 4־יעריקן סיים, ווען ס'איז שטארק דעבאטירט געווארן אין דער פובליציסטיק די פראגע וועגן רעפארמירן **די** יידן אין פוילן און ס'איז אריינגעטראגן געווארן אין סיים אן אנטשפרעכנדער פארשלאג דורך די דעפוטאטן טשאצקי און בוטרימאוויטש, ווערט בפירוש דערמאנט אינם דאזיקן פארשלאג, אז יידן זאלן זיין פריי פון פערזענלעכן מיליטער־דינסט כל זמן די מלוכה וועט זיי נישט איבערמאכן און פארוואנדלען אין אמתע פאטריאטן, וועלכע

זענען גרייט צו אפפערן זיך פארן פאטערלאנד. איבריקנס האט קיין איין מלוכה אין אייראפא צו יענער צייט, אפילו די, אין וועלכע ס'האט עקזיסטירט אלגעמיינע מיליטער־פליכט, יידן אין דער ארמיי נישט גענומען. עסטרייך האט די ערשטע אין יאזעף דעם צווייטנס צייטן דורכגעפירט א רעקרוטירונג ביי יידן (אין יאר 1788). די דאזיקע רעקרוטירונג האט ארויסגערופן א גרויסע דערשיטערונג ביי די עסטרייכישע יידן. ריירנד איז די באשרייבונג, וויאזוי דאס פאלק מיטן באוווסטן רב יחזקאל לאנדוי („נודע ביהודה") בראש האט זיך געזעגנט מיט דער ערשטער פארטיע רעקרוטן אין פראג. באזונדערס ריירנד זענען דעם רבס ווערטער צו זיי וועגן אפהיטן דעם צלם־אלהים און דאס יידישקייט.*)

נאך עסטרייך האט דאס רעוואלוציאנערע פראנקרייך אריינגעצויגן יידן אין מיליטער.

אין רוסלאנד האט שוין דאמאלס עקזיסטירט פערזענלעכע מיליטער־פליכט. דאס איז דורכגעפירט געווארן דורך א גורל. די מיליטער־פליכט איז אבער נישט געווען קיין אלגעמיינע, ווייל נישט אלע קלאסן האבן באדארפט געבן זעלנער. בלויז די שטאט־איינוווינער און די פויערן האבן באדארפט געבן רעקרוטן אין נאטור. דער אדל דאגעגן און דער סוחרים־קלאס, ד. ה. אזעלכע, וואס האבן געצאלט א סוחרים־אפצאל (גילדע) זענען געווען פריי פון געבן רעקרוטן אין נאטור. זיי האבן בלויז געצאלט א געוויסן רעקרוטן־שטייער. דער אדל 360 און דער סוחרים־שטאנד 500 רובל פאר יעדן רעקרוט, וואס זיי האבן געדארפט צושטעלן. מיט אנדערע ווערטער:

---

*) אין איינעם פון די ערשטע „המאספים", וואס זענען ערשינען אין קעניגסבערג, פון יאר 1789 לייענען מיר: „דינסטיק, דעם 16־טן טאג פון פאריקן חודש, זענען גענומען געווארן פון אונזער קהלה ארויס א חאגן 25 מאן צום מיליטער־דינסט, לויט א באפעל פונעם קיסר, ירה"ה. און ס'איז געווען א גרויסער געוואלד אין די גאסן. מאמעס האבן באוויינט זייערע זין, שוועסטער האבן באקלאגט זייערע ברידער און יונגע פרויען — זייערע יונגע־מענער, וועלכע האבן פארלאזט זייער געבורטס־היים און זענען אוועק אין קריג קעגן אונזערע שונאים.

נאכדעם ווי זיי האבן זיך אלע פארזאמלט אין דער קאזארמע איז געגאנגען צו זיי אונזער רב, הרב הגאון מוהר"ר ר' יחזקאל ב"י, צו טרייסטן זיי און צו לערנען זיי וויאזוי זיי דארפן זיך פירן אין דינסט. — — — נאכדעם ווי ער האט פארענדיקט זיינע רייד האט ער געטיילט יעדן איינציקן פון זיי צו פיר גילדן און יעדן פון די שומרים צו איין גילדן — — און זיי האבן געבענטשט זייער רב — — — און זיי זענען געפאלן פאר אים אויף די ערד און האבן געקושט זיינע הענט און געדרוקט זיינע קני. מיר האבן מורא געהאט, דאס זאל אים נישט צופיל ווי טאן און אפשוואכן, האבן מיר אים צוגענומען פון דארט און ארויסגעפירט. און די אלע, וועלכע זיינען דארטן געשטאנען, האבן געגעבן געלט און שפייז וויפל איינער האט געקאנט און האבן זיך מיט זיי געזעגנט זיפצנדיק און מיט טרערן אין די אויגן — — —

די שווערע לאַסט פון דינען אין מיליטער האָבן געטראָגן אויף זייערע פּלייצעס דאָס פאַרקנעכטעטע באַדנלאָזע פּויערטום און דאָס אָרעמע בירגערטום. די מיוחסים'דיקע גוטס-באַזיצער (דוואָריאַנעס) און די רייכע סוחרים (קופּצעס) זענען פון דער לאַסט געווען פריי.

איבערנעמענדיק די פּוילישע פּראָווינצן האָט רוסלאַנד יידן צום פּערסאָנאַלן מיליטער-דינסט נישט צוגעצויגן, אָפּהיטנדיק אין אַ געוויסער מאָס די פריערדיקע פּוילישע אָרדנונג און געזעצן. פון דער דאַמאָלסדיקער רוסישער געזעצגעבונג איז צו זען, אַז אַלע יידן, אויך די, וועלכע האָבן געוווינט אויפן דאָרף, זענען פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ שטאָטישן עלעמענט. אינם יאָר 1795 איז אַרויס אַ באַפעל איינצושרייבן אַלע יידן פון די דערפער אין די שטאָטישע באַפעלקערונגס-ביכער. דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט דער כוונה צו קאָנען זיי אַרויסטרייבן פון די דערפער, וואָס מ'האָט עטלעכע מאָל פאַרזוכט דורכצופירן. דער גרעסטער טייל יידן, סיי אין שטאָט און סיי אין דאָרף, האָט זיך באַשעפטיקט מיט האַנדל (לויט דובנאָוון האָט זיך אַ העלפט פון אַלע יידן אין רוסלאַנד באַשעפטיקט אויפן דאָרף מיטן פאַרקויף פון וויין- און בראַנפן-משקאות, אויך אַנדערע מסחרים). אויף דעם סמך זענען אַלע יידן געוואָרן צוגערעכנט צום סוחרים-שטאַנד און זענען פריי געווען פון פּערסאָנאַלן מיליטער-דינסט. אויפן זעלבן סמך האָט די רעגירונג אַרויפגעלייגט אויף די יידן דעם-רעקרוטן-שטייער. לויט די באַפעלן פון 7 סעפּטעמבער 1794 און פון 21 יאַנואַר 1796 איז געוואָרן באַשטימט, אַז יידן צאָלן גלייך מיטן סוחרטום צו 500 רובל פאַר יעדן רעקרוט, וואָס זיי וואָלטן דאַרפן צושטעלן.

יידן זענען אַלזאָ אויך ביי דער רוסישער הערשאַפט געבליבן פריי פון מיליטער-דינסט. דאָס, וואָס דער פּאַרטיזאַן אין דער גרויסער רוסיש-פראַנצויזישער מלחמה פון 1812, דאַווידאָוו, דערמאָנט אין זיינע זכרונות וועגן אַ געפעכט צווישן פראַנצויזן און אַ העלדישן ייד פון באַרדיטשעוו, איז נישט קיין באַווייז, אַז יידן האָבן געדינט אין מיליטער. דער באַרדיטשעווער ייד האָט וואַרשיינלעך געהערט צו די געציילטע פּריוויליקע יידן, וועלכע האָבן געקעמפט אויף רוסלאַנדס זייט. מעגלעך, אַז ער איז געווען געשמידט. בכלל געהערט דער פאַל צו די געשיכטלעכע זעלטנהייטן.

ג.

דער פחד פאר נעמען יידן אין מיליטער אין רוסלאנד.

די לאסט פון די שטייערן, וואס זענען געלעגן אויף יידן צו יענער צייט, איז שוין געווען זייער א שווערע. יידן האבן געצאלט א באזונדערן קאפ־שטייער, וואס איז געווען אן איבערבלייבעניש נאך פון די פוילישע צייטן. אויסערדעם האבן יידן געצאלט אלע קאמונאלע און מלוכהשע שטייערן אין א טאפלטער פראפארץ ווי די קריסטן, דאן דעם מיליטער־שטייער. דאס איינמאנען דעם רוב שטייערן און דאס אריינטראגן זיי אין דער מלוכה־קאסע איז געווען דעם קהלס אויפגאבע. דער קהל, וועלכער האט פון אלע זיינע אמאליקע רעכט און אויפגאבן איינגעהאלטן בלויז די פונקציע פון אן עקזעקוטאר און איז כלויז צו דעם צוועק געדולדעט געווארן, איז געווען פאראנטווארטלעך פאר דער גאנצקייט און פארן פינקטלעכן איינצאלן פון די שטייערן.

צוליב דער איינגעשלאסנקייט און ענגשאפט אין תחום־המושב און אויך צוליב דער אלגעמיינער ארעמקייט און נויט וואס האבן געהערשט אין רוסלאנדס מערב־פראווינצן, איז די ארעמקייט צווישן יידן געווען אן אומגעהייערע גרויסע. דער קהל איז נישט געווען אימשטאנד איינצוצאלן רעגלמעסיק אלע שטייערן, צווישן זיי אויך דעם רעקרוטן־שטייער. דאס האט דערוועקט אן אומצופרידנהייט ביי די רוסישע הויכע באאמטע. ס'איז אנטשטאנען דער געדאנק, אז אויב יידן צאלן נישט קיין שטייערן אין דער פולער אויף זיי ארויפגעלייגטער מאס, דארפן זיי נישט באפרייט ווערן פון פערסאנאלן מיליטער־דינסט. דערביי האט, נאטירלעך, געשפילט א גרויסע ראלע די רעליגיעזע און ראסן־שנאה, און בכלל דער אנטי־יידישער קורס, וואס האט באהערשט דעם רוב רוסישע באאמטע, אנהייבנדיק פון מיניסטער אין פעטערבורג ביזן קלענסטן באאמטן אין יידישן תחום. ס'האט זיך אויפגעוועקט א געפיל פון קנאה: פארוואס זאלן יידן זיין פריווילעגירט אנטקעגן דער קריסטלעכער באפעלקערונג, זייענדיק באפרייט פון געבן זעלנער?

שוין אין יאר 1800, ביים צאר פאוועל דעם 1־טן, באווירט דער סענאטאר און פאעט דערזשאווין אין זיינעם אן אנטיסעמיטישן פראיעקט די פראגע פון יידישער רעקרוטשינע. אין יענער צייט האט אין רייסרוסלאנד

געהערשט צווישן דעם פויערטום א הונגער צוליב די אפטע אונגערעטענישן און נאך סבות, וואס זענען געלעגן אין דער פינסטערקייט. שכרות און פארקנעכטונג פון פויער צום פריץ. דערזשאווין איז געשיקט געווארן קיין ווייסרוסלאנד צו פארטײַן די לאגע פון דער הונגערנדער פראווינץ. ער האט אנגעשריבן אויפן ארט און צוגעשטעלט דעם צאר א פראיעקט א. נ. : „ווען באווארענען ווייסרוסלאנד פון הונגער און איינארדענען דעם לעבנס-שטייגער פון די יידן".

דערזשאווין ווארפט ארויף די גאנצע שולד פון דער אומגליקלעכער לאגע פון פויערטום אויף די יידן, ווייל זיי פארשיכורן די פויערן און ברענגען זיי צו דער שרעקלעכסטער ארעמקייט. צווישן אנדערע מיטלען, וויאזוי צו רעפארמירן דאס יידישע לעבן און צו באשיצן דעם פויער פאר דער יידישער אפנארעריי און עקספלואטאציע, לייגט ער אויך פאר צו נעמען פון יידן רעקרוטן, באמערקנדיק וועגן דעם: „ביי רעקרוטן-נאבארן וואלט מען די יידן געקאנט נעמען אין מיליטער-דינסט, אבער צוליב זייער נאטירלעכער פרעקעוודיקייט קאן פון זיי קיינמאל נישט ווערן קיין רעכטער סאלדאט. און אחוץ דעם וועלן זיי זיך אים שבת קיינמאל נישט נעמען פארן געווער קייגן פיינט, ווייל ס׳זענען שוין געווען אזעלכע ביישפילן און זיי זענען באזיגט געווארן. דעריבער קאן מען זיי געברויכן נאר אלס פורמאנעס און צו אנדערע נישט-פראנט-דינסט".

דער געדאנק וועגן צוציען יידן צום מיליטער-דינסט ווערט וואס אמאל פאפולערער אין די רוסישע רעגירונגס-ספערן. א צווייטער סענאטאר אלעקסעיעוו. וועלכער איז אין יאר 1807 קאמאנדירט געווארן דורך אלעקסאנדער דעם ערשטען קיין ווייסרוסלאנד און ליטע אויסצופארשן די מעגלעכקייט פון דערווייטערן יידן פון די דערפער, נאך דעם ווי די דראזיקע גזרה איז שוין געווארן ארויסגעגעבן פריער אין יאר 1804, שרייבט אין זיין ראפארט צום קייזער: „עס איז דורכאויס נייטיק אנצונעמען אלע מעגלעכע מיטלען, כדי צו פארמינדערן די צאל יידן אין דעם קאנט, וועלכן זיי באוווינען איצט". ער לייגט פאר פאלגענדע מיטלען: „1) פון אלע יידן, וואס זענען דורכן געריכט אנערקענט געווארן פאר שולדיקע אין פארברעכענס, פאר וועלכע ס׳קומט ווייניקער ווי קאטארגע, זאל מען, נאך זייער אפקומען די שטראף, נעמען די פאסיקע אין מיליטער אלס פורמאנעס און די נישט פאסיקע אפשיקן אויף פעסטונגס-און בערג-ארבעטן. 2) יידן לידיקגייער, וואס האבן נישט קיין אייגענע הייזער, קיין האנט-ווערק און קענען נישט פארדינען אויף זייער

דערנערונג און אויף דער דערפילונג פון זייערע בירגערלעכע מלוכה־פליכטן. זאל מען פארשרייבן אלס ארבעטער מיט געהעריקע לוינען אין געווער־פאבריקן אדער אנדערשוואו. 3) כדי וואס זיכערער און מיט א גרעסערן דערפאלג צו געבן אן אויסוועג אט דעם פאלק, וואס מערט זיך אן אויפהער, ווי אויך כדי צוצוציען עס צו ערד־ארבעט, וועלכע איז אים אזוי פארהאסט, קאן מען, דוכט זיך, ווייניקסטנס אלס פרווו און נאר אויף א געוויסער צייט, נעמען פון יידן רעקרוטן גלייך מיט אלעמען און באשטימען די יידישע רעקרוטן, אויב זיי טויגן נישט צום פראנט, פאר האנטווערקער, פורמאנעס און אנדערע נישט פראנט־דינסט". אלעקסעיעוו גיט צו: „אפילו די סאמע פארדארבענע און פוילע יידן וועלן, כדי אויסצומיידן דאס, וואס ס'ווערט פאר זיי פראיעקטירט, דערשפירן די נויטווענדיקייט צו ווערן פלייסיק און ארנטלעך".

יידן זענען פויל און פארדארבן. יידן מערן זיך צופיל. מ'דארף זיי אויסבעסערן און פארמינדערן זייער צאל. א ראדיקאל מיטל צום ערשטן און צום צווייטן איז די רעקרוטשינע. אט דער געדאנק באהערשט וואס אמאל מער און מער די רוסישע רעגירונגס־קרייזן און אירע העכסטע אדמיניסטראטיווע באאמטע.

דאך איז פון אלע פראיעקטן דערווייל גארנישט געווארן. אין אלעקסאנדער דעם 1־טנס צייטן זענען זיי נישט פארווירקלעכט געווארן. דאס זאל האבן געווען א פועל־יוצא פון דער ליבעראלער און הומאנישער שטימונג, וואס האט געהערשט אין די ערשטע יארן פון אלעקסאנדער דעם 1־טנס הערשאפט. ס'איז פאר יעדן איינעם געווען קלאר, אז דאס איינפירן די רעקרוטשינע פאר יידן וואלט פאר זיי געווען דער שרעקלעכסטער קלאפ, וואס וואלט זיי געקאנט טרעפן. צו אזעלכע דראקאנישע מיטלען איז דער געבילדעטער און אידעאליסטיש־מיסטיש געשטימטער קייזער נישט געווען גענייגט. אויסערדעם האט, ווארשיינלעך, שטארק מיטגעווירקט צום פארהאמעווען די אלע פראיעקטן די דאמאלסטיקע פאליטישע לאגע אין אייראפע. נאפאלעאן האט באזיגט זיינע הויפט־פיינט: עסטרייך און פרייסן. ער האט אין יאר 1807 צונויפגערופן דעם יידישן סנהדרין קיין פאריז, וואס איז געווען אויסגערעכנט אויך אויף צו מאכן א פארבלענדנדן עפעקט אויף אלע יידן אין דער וועלט. דאס פראנצויזישע מיליטער האט זיך צוגערוקט גאנץ נאענט צו די רוסישע מערב־גרענעצן. ס'איז געווארן געגרינדעט אין יאר 1807 דאס ווארשאווער פירשטנטום, וואס איז געווען גענצלעך אפהענגיק פון נאפאלעאנען און גרייט צו יעדן

באַפעל זײנעם, אײגענטלעך א געװער אין נאפּאלעאָנס האַנט. רוסלאַנד האָט זיך געזען באַדראָט פון דעם װעלט-באַזיגער און האָט זיך געזען געצװוּנגען אַנצונעמען אַפּװער-מיטלען. ס'האָט זיך געגרײט צום שפּעטערדיקן גרױסן דעצידירנדן קאַמף, װאָס איז אויסגעבראָכן אין יאָר 1812. אײנס פון די װערמיטלען איז געװען אויך דאָס אָפּציען די סימפּאַטיע פון די יידן פון פראַנקרײכס זײט, װאָס האָט געקאָנט װאַקסן צוליב דעם סנהדרין-זויפטו. און דאָס אַריבערציען זי אויף רוסלאַנדס צד. צו דעם צװעק האָט מען פון פּעטערבורג פאַרשפּרײט צװישן די יידישע מאַסן אין תחום דעם געדאַנק, אַז נאַפּאַלעאָן באַדראָט דער יידישער רעליגיע און זײן ציל װאָלט געמאַכט אַ סוף צו דער רבניש-חסידישער פרומקײט. די אַגיטאַציע, װאָס די גובערנאַטאָרן אַלײן האָבן אויסן באַפעל פון פּעטערבורג געפירט צװישן יידן, האָט געהאַט דערפאָלג. װירקלעך איז זי געלונגען צו דערװעקן אין די רבנישע אין רבישע קרײזן (ממילא בײם גאַנצן כלל-ישראל) אומצופרידנקייט צו נאַפּאַלעאָנען און אויפצורײצן זײ קעגן דעם גרויסן אימפּעראַטאָר. די דאָזיקע אַנטינאַפּאַלעאָנישע שטימונג פון די יידישע מאַסן האָט שפּעטער בשעתן קריג געבראַנגט רוסלאַנד זײער אַסאַך נוצן. צו דעם זעלבן צװעק, ד. ה. כדי נישט אויפצורײצן קעגן זיך אין אַזאַ קריטישער צײט אַ מיליאָניק פאָלק, האָט די רעגירונג באַפוילן אָפּצושטעלן דעם גירוש פון די דערפער, װאָס האָט זיך שוין געהאַט אָנגעהויבן און איז געװען זײער טראַגיש פאַר יידן. זעלבספאַרשטענדלעך, אַז אין אַזאַ צײט האָט מען נישט געקענט טראַכטן װעגן רעאַליזירן די רעקרוטשינע-פּראָיעקטן, װאָס װאָלטן נאָך מער װי דער גירוש צורײצט און פאַרביטערט די יידן. מהאי טעמא איז פון די רעקרוטן-פּראַיעקטן גאָרנישט געװאָרן.

נאָכן זיג איבער נאַפּאַלעאָנען איז אַלעקסאַנדער געװען גוט געשטימט צו יידן. אין חודש יוני 1814 האָט ער אויפגענומען אַ יידישע דעלעגאַציע אין ברוכזאַל (באַדן-דײטשלאַנד), װאָס איז באַשטאַנען פון די צװײ דעפּוטאַטן: זונדל זאַנענבערג פון גראָדנע און אליעזר דילאָן פון נעסװיזש, און האָט זײ געהײסן איבערגעבן די יידן װעגן זײנע גוטע געפילן און זײן גוטן װילן צו טאָן פאַר זײ אַלדאָס בעסטע. ער האָט זיך געפילט, אַזוי צו זאָגן, דאַנקבאַר אַנטקעגן די יידן פאַר זײער פּאַטריאָטישער האַלטונג בשעתן קריג און האָט זײנע געפילן געבראַכט צום אויסדרוק.

אין אַזאַ שטימונג פון קײזער האָבן װידער די רעקרוטשינע-פּראָיעקטן נישט געהאַט קײן שאַנסן פאַרװירקלעכט צו װערן. אויך די יידישע דעפּוטאַטן, װעלכע זענען גערופן געװאָרן קײן פּעטערבורג, לויט אַלעקסאַנדערס װילן, כדי

די רעגירונג זאָל זיך מיט זיי באַראַטן אין אַלע יידישע ענינים און זאָל זיך אויך באַקאַנען מיט די יידישע ווונשן און באַדערפענישן — דילאַן און זאַנענבערג — , האָבן געטאָן אַלץ, וואָס איז געווען אין זייער מאַכט, נישט צוצולאָזן ביי דער רעגירונג אפילו דעם געדאַנק וועגן איינפירן אין לעבן די שרעקלעכע רעקרוטן-גזירה.

דאָך ווערט די פראַגע אַ פּאָר יאָר שפּעטער ווידער דערוועקט. אין די יאָרן 1820 און 1823 לייגט פאַר דאָס פינאַנץ-מיניסטעריום צו נעמען צו איין רעקרוט פאַר יעדע טויזענד (1000) רובל פאַרלעגענע שטייערן, ווייל די לעצטע זענען אומאויפהערלעך געוואַקסן. דאָס בילדונגס-מיניסטעריום האָט דעם פּראָיעקט געשטיצט. דאָס קריגס-מיניסטעריום האָט זיך אָבער אַרויסגעזאָגט קעגן. אַ העלפט פון די רעקרוטן האָבן באַדאַרפט בילדן יינגלעך פון 13 ביז 15 יאָר, וועלכע האָבן געזאָלט ווערן אָפּגעגעבן אויף פאַבריקס-אַרבעט. ס׳זענען אויך געווען פּראָיעקטן וועגן בילדן באַזונדערע יידישע אַרבעטס-ראָטעס און אויך וועגן אַרייננעמען זיי אין פראָנט-דינסט.

די אַלע פּראָיעקטן האָבן אָבער קיין דערפאָלג נישט געהאַט. די סבה דערפון דאַרף מען זוכן דער עיקר אין דער נישט-פיינטלעכער באַציאונג פון רעליגיעז-מיסטיש געשטימטן קייזער צו יידן און אויך אין דער געוואַלטיקער התדלנות, וואָס די יידישע פאָרשטייער אין פּעטערבורג האָבן מיט אַלע צוגענגלעכע מיטלען אַנטוויקלט קעגן די דערמאָנטע פּראָיעקטן. אַזוי האָבן דילאַן און זאַנענבערג אין יאָר 1817 אויפגעוויזן דער רעגירונג, אַז פאַר יידן קען מען נישט איינפירן פּערזענלעכן מיליטער-דינסט צוליב פאָלגענדע מאָטיוון: 1) די קאָמאַנדירן און סאָלדאַטן וועלן אויס שנאה צו יידן זיי באַדריקן; 2) ביים אָפּגעבן באַווייבטע וועלן זייערע פרויען בלייבן אָן ברוים; 3) די הענדלער וועלן פאַרלירן זייער קרעדיט, ווייל מ׳וועט נישט טרויען אַזעלכע, וועלכע קענען ווערן אָפּגעגעבן פאַר רעקרוטן; 4) ווייל יידן הייבן אָן לערנען גאָר יונג און ווערן פרי באַווייבט, זענען זיי פיזיש שוואַך און טויגן נישט צום שווערן מיליטער-דינסט. — דאָך איז די סכנה אין די לעצטע יאָרן פון אַלעקסאַנדער דעם 1-טן געוואָרן גרעסער, וואָס ס׳איז צו זען פון די איבערגעכאַפּטע בריוו פון די יידישע דעפּוטאַטן אין די יאָרן 1820 און 1824 *)

---

*) ש. גינזבורג (מינסקער היסט. שריפטן באַנד 2 „די אַנטשטייאונג פון דער רעקרוטסינע") דריקט אויס די מיינונג, אַז די סבה פון נישט איינפירן אין לעבן די רעקרוטסינע-פּראָיעקטן זאָל האָבן געווען די שנאה און פאַראַכטונג פון די מיליטערים-פּריוויסע קרייזן צו יידן, וואָס האָט נישט

ד.

די באַציונג פון יידן צום מיליטער-דינסט.

די באַציונג פון יידן צו די אַלע פּראָיעקטן, אפילו בלויז צום געדאַנק וועגן צוציען זיי צום מיליטער-דינסט, האָט געמוזט זיין א דורכאויס נעגאַטיווע. בלויז ביים טראַכטן וועגן דעם האָט זיי דאָס בלוט געגליווערט אין די אָדערן. קיין שרעקלעכערע גזרה פאַר יידן האָט צו יענער צייט נישט געקאָנט עקזיסטירן. דאָס דאַרף אונז נישט וווּנדערן און דאָס פאַרמינערט נישט דעם כבוד פון אונזערע עלטער-זיידעס אפילו אויף א האָר. ביי די דאַמאָלסטיקע פאַרהעלטעניסן סיי אין יידישן גאַס און סיי אין דער אַרומיקער נישט יידישער וועלט, באַזונדערס ביי דער דאַמאָלסטיקער אויסערגעוויינלעך-האַרטער רוסישער ווירקלעכקייט, איז די באַציונג פון יידן געווען א נאַטירלעכע און האָט קיין אַנדערע נישט געקאָנט זיין. לאָמיר זיך דערמאָנען די יידישע אָפּגעשטאַנענקייט פון יענער צייט, די פיזישע אָפּשוואַכונג צוליב די פריע התונות, דעם אַבסאָלוטן מאַנגל פון וועלטלעכער בילדונג און די פרעמדקייט פון דער קריסטלעכער (איבערהויפט רוסישער) סביבה און שפּראַך, די געוואַלטיקע אָבערגלויבערישקייט און די עקסטרעמע פרומקייט, וואָס איז געווען דער מעכטיקסטער פאַקטאָר אין לעבן. וועט דען אונז וווּנדערן, אז בלויז צוליבן רעליגיעזן פאַנאַטיזם האָט דאָס גיין אין מיליטער געמוזט באַטראַכט ווערן דורך יעדן ייד פאַר דעם גרעסטן אומגליק אין רעליגיעז-מאָראַלישן זין. גיין אין מיליטער

דערלויבט צו לאָזן זיי אָנטון דעם מיליטערישן מונדיר. אַלס באַווייז דערצו ברענגט ער א פאַקט וועגן א געשמדטן ייד פון סקלאָוו, וואָס האָט אין יאָר 1822 געוואָלט אָנקומען אין מאַריאַמפּאָלער הוזאַרן-פּאָלק און האָט אָנגעטראָפן אויף שוועריקייטן, אזוי, אז דער ענין איז דערגאַנגען צום סענאַט. הגם אַזאַ מענדעל האָט טאַקע עקזיסטירט, דאַך שיינט מיר די מיינונג צו זיין נישט אין גאַנצן קיין ריכטיקע, ווייל דאָס אַריינציען יידן אין מיליטער האָט נישט געדאַרפט קומען פּאַראַלעל מיט זייער פּאָליטיש-רעכטליכע עמאַנציפּאַציע, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין פּרייסן, נאָר האָט געדאַרפט דינען אַלס שטראָף און פאַרמינדערונגס-מיטל קעגן יידן און אויף דעם האָט די מיליטערישע קאַסטע געקאָנט איינגיין, ווייל ווען סיהאַנדלט זיך וועגן איינפאַך האַרמאַטן-פלייש, דאַן קלייבט מען ווייניק אויסער און מ׳פאַרצערט אַלץ, אפילו נעגער-פלייש... די רוסישע אַרמיי אין יענע צייטן איז דאַך באַשטאַנען פון אמתע סאָלדאַטן-קנעכט און דאָס אָנטון דעם סאָלדאַטסקע מונדיר א יידן האָט גאַרנישט אָנגערירט דעם כבוד פון די גענעראַלן. וועגן צולאָזן יידן צום אָפיצירן-ראַנג איז דאַך נישט געווען קיין רייד. — פון דערמאָנטן פאַקט איז אויך נישט קיין ראיה: סיקאָן זיין, אז דער מאַריאַמפּ. הוזאַרן-פּאָלק האָט געהערט צו די גוואַרדעאיסקע אָדער סתם מיוחסדיקע פּאָלקן און האָט נישט געוואָלט אויפנעמען קיין ייד, אפילו א געשמדטן.

האט באדייט: אראפווארפן פון זיך די טראדיציאנעלע יידישע הלבשה, פארלירן בארד און פאות אדער דעם צלם־אלקים. די אוממעגלעכקייט אפצוהיטן שבת און צו עסן כשרע מאכלים, אפגעריסן צו ווערן פון א יידישער סביבה, פון שול און בית־המדרש און פון תורה־לערנען א. א. וו. איז דען א וואונדער, אז דאס דינען אין מיליטער האט באדייט פארן ייד א פולקאמענעם מאראליש־רעליגיעזן טויט און ער האט זיך מיט אלע זיינע רמ״ח אברים אנטקייגנגעשטעלט דער סכנה אפגעריסן צו ווערן פון בוים, צו וועלכן ער איז מיט טויזנטער פעדעם געווען צוגעבונדן און צונויפגעוואקסן. אויך פון מענטשלעכן, פון פשוטן נאטירלעכן מענטשלעכן שטאנדפונקט, האט דער ייד געמוזט פילן אן עקל, אן אפנויג און א גרענעצלאזע מורא פאר דער שרעקלעכער ווירקלעכקייט, וואס האט געהייסן רוסישער מיליטער־דינסט. פילט דען נישט א חיה די נעץ, וואס מ׳שטעלט אויף איר אויף, און ווערט זי זיך דען נישט מיט איבערנאטירלעכע כוחות פון איר אנטרינען צו ווערן? האט דען דער ייד דעמזעלבן זעלבסט־דערהאלטונגס־אינסטינקט נישט באזעסן און האט ער דען געקאנט נישט וועלן רעטן זיך מיט אלע מיטלען פון דעם אפגרונט, וואס איז געווען פאר אים אפן? וואס האט באדייט פארן ייד גיין אין רוסישן מיליטער, ווען דאס רוסישע פאלק און די רוסישע שפראך זענען אים געווען לחלוטין פרעמד, די רוסישע לעבנס־ארט און סביבה לגמרי אומבאקאנט; ווען מ׳איז געווארן פארשיקט אין די ווייטסטע אזיאטישע געגנטן, וווהין דער וועג צופוס האט געדויערט האלבע יארן און מ׳האט געדינט גאנצע פינפאונצוואנציק יאר? ווען די קינדער און קינדס־קינדער זענען אויטאמאטיש געווארן צוגענומען פאר סאלדאטן (קאנטאניסטן) און די פאמיליע איז פארוואנדלט געווארן אין א פאמיליע פון אייביקע שקלאפן? גיין אין מיליטער האט באדייט פארן ייד, ווי אויך פארן רוס, א פולשטענדיקע רואין פון זיין פערזענלעכן גליק, פאמיליע און צוקונפט. בלויז א גאנץ קליינער טייל פון די אפגעגעבענע סאלדאטן האט אויסגעהאלטן אזא לאנגן און שווערן דינסט.

און די באדינגונגען אין די רוסישע קאזארמעס ווי שרעקלעך שווערע זענען זיי געווען! דער דעספאטיזם און טיראניע, אנהייבנדיק פון אפיציר און ענדיקנדיק ביים עלטסטן זעלנער, זענען געווען שרעקלעכע און גרויזאמע. די דיסציפלין און אייזערנע דאס שלאגן אין אלע מענטשלעכע קערפער־טיילן און דאס פייניקן אויף דעם אוממענטשלעכסטן אופן זענען געווען א לעגאל מיטל. די שטראפן פאר די קלענסטע חטאים זענען געווען אכזריותדיקע און טיף־בא־

לײַדיקנדיקע. דאָס שמײַסן אויפן נאַקעטן לײַב איז געווען א נאָרמאַלע טאָגטעגלעכע דערשײַנונג אין די פולקן. געשמיסן האָט מען אַלט און יונג און פאַרשמיסן אָפט צום טויט. מ׳האָט געטריבן דורך לאַנגע רייען (ביז 500 מאַן) זעלנער. וועלכע האָבן געהאַלטן ריטער אין די הענט און געשלאָגן מיט זיי איבערן הוילן לײַב ווי ס׳האָט זיך געלאָזט („סקוואַז סטרוי״). אויך אַנדערע שווערע שטראָפן-ענויים זענען געווען אײַנגעפירט אין מיליטער. אין דער פערספעקטיוו האָט דער זעלנער געהאַט שטענדיק די מעגלעכקייט פון א קריג, ד.ה. פון מאַרשן אויף טויזנטער מײַלן צופוס, איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען, לײַדן, קאָמפן און צום סוף דאָס ווערן א קאַליקע אָדער געפינען דעם טויט...

ס׳איז דעריבער גאָנץ נאַטירלעך, אַז דאָס דינען אין מיליטער האָט אין יענע רויע צײַטן געדאַרפט באַטראַכט ווערן דורך די, וואָס אויף זיי איז געפאַלן דער גורל צו זײַן דער קרבן פאַרן כלל, ווי באַגראָבן צו ווערן לעבעדיקערהייט און מ׳האָט זיך געראַנגלט ווי ווייט מ׳האָט געקאָנט געגן אומברחמנותדיקן פאַטום.

נישט בלויז פאַר יידן איז דאָס דינען אין מיליטער געווען א קבר. אויך די רוסן האָבן זיך נישט בעסער געפילט. רוסישע קוועלן שילדערן אין די טונקעלסטע פאַרבן די דראַמאַטישע פאַרהעלטענישן אין מיליטער און די באַציאונג פון פאָלק צו די רעקרוטן-נאַבאָרן.

פירשט אימערעטינסקי שרײַבט „רוסקאַיאַ סטאַרינאַ״ (1893—III): „דער דינסט פון א סאָלדאַט האָט געדויערט 25 יאָר, ד. ה. אַז א פערטל יאָרהונדערט האָבן די סאָלדאַטן פאַרבראַכט אין שווערן פראָנט-דינסט, וועלכן איך, בײַ מײַן בעסטן ווילן בין נישט אימשטאַנד ריכטיק און גענוי צו באַשרײַבן. אויף די זעלנער האָט געריסן יעדער עגאָיזם, פאַנטאַזיע און קאַפריז. די סאָלדאַטן זענען געווען אייביקע האַרעפּאַשניקעס. און ווען זיי האָבן זיך, אַלט און צובראָכן, כמעט קאַליקעס, אומגעקערט אַהיים — האָבן זיי נישט געפינען נישט קיין פאַמיליע, וואָס איז שוין געווען לאַנג אויסגעשטאָרבן אָדער אויסגעוואַנדערט, נישט קיין הויז, נישט קיין שפאַן ערד: מיט איין וואָרט — זיי זענען אַרײַנגעפאַלן אין א פאַרצווייפלטער לאַגע״.

וועגן דער באַציונג פון פאָלק צום מיליטער-דינסט שרײַבט איינער פעדאַראָוו (אינם דערמאָנטן זשורנאַל 1911—III): דער סאָלדאַטן-דינסט האָט געדויערט כמעט דאָס גאַנצע לעבן. דער רעקרוט, נאָכן צונעמען אים צום מיליטער, איז געוואָרן פאַר זײַן פאַמיליע א מת. ער איז אַוועק פון דערהיים, פאַרלאָזט אַלץ וואָס איז נאָענט צום האַרץ, אַלץ וואָס איז היימיש, אויף גאַנצע 25 יאָר.

און אויב ער האט נישט איבערגעלאזט זיינע ביינער ערגעצוווּ אויף א שלאכטפעלד, האט ער זיין געזונט יעדנפאלס פארלוירן אין די ליידן פון די אומאיפהערלעכע מארשן און איז פארוואנדלט געווארן אין א אינוואליד. ס׳איז נישט קיין וואונדער, וואס דער מיליטער-דינסט איז געווען ביים פאלק שרעקלעך פארהאסס און יעדער, וואס איז אריינגעפאלן אין די סאלדאטן, האט נישט אויפגעהערט צו טרויערן און צו בענקען נאך זיין היים-ווינקל. וואס נענטער ס׳האט זיך צוגערוקט דער סוף פון זיין דינסט, אלץ שווערער איז געווארן דעם סאלדאט אויף דער נשמה. צום טרויער-געפיל האט זיך צוגעמישט א פיינלעכער געדאנק וועגן די, וואס ער וועט נאך אנטרעפן אין דערהיים און וויאזוי ער וועט אויסלעבן די לעצטע אלטע יארן, פאר וועלכע ער האט גארנישט געקאנט אפשפארן אין דער דינסט-צייט. א סאך, קומענדיק א היים, האבן זיי געפונען אנשטאט היימישע מענטשן — היימישע קברים".

די באציונג פון פויערטום צום מיליטער-דינסט שילדערט אין בולטע שטריכן איינער לוטשינסקי (אויבן 1897—IX): „דער באפעל וועגן נאבאר פלעגט ווערן צוגעשיקט דורך א שליח מיוחד אין א פאקעט מיט אן אויפשריפט: „געהיים". אלע פארבערייטונגען פלעגן געמאכט ווערן געהיים. איבערן גאנצן אויעזד האט זיך דורכגעטראגן א שרעק: מ׳נעמט רעקרוטן. אויף יעדן נויסיקן רעקרוט האט מען גענומען דריי: טאמער וועלן זיי זיך ארויסווייזן פאר נישט טויגלעך. די גענומענע רעקרוטן פלעגט מען אפפירן אין א ספעציעל צימער. מ׳האט זיי געשמידט אין קייטן, אפטמאל אין צווייען און אין אזא צושטאנד האט מען זיי געפירט אין רעקרוטן-אמט. מ׳האט געמוזט אננעמען אזעלכע מיטלען, ווייל אנדערש וואלטן זיי זיך אלע צולאפן. די פערספעקטיוו פון דער צוקונפט האט באוויגן צו אנטלויפן אויך אזעלכע פויערן-רעקרוטן, וואס האבן ביי זייערע פריצים געהאט אויסצושטיין נישט קיין קלענערע צרות ווי אין מיליטער. אבער דא זענען זיי געווען אין א קרייז פון באקאנטע, וועלכע האבן, וואס אן אכת, נישט תמיד געקאנט העלפן אין א נויט, האבן אבער געקאנט מיטפילן און באדויערן. דאס יאמערלעכע געוויין, וואס הערט זיך אין אוקראינע ביים באגלייטן א טויטן, האט זיך אויך געהערט ביים פירן די רעקרוטן אין אמט".

דער זעלבער אויטאר דערציילט אויך וועגן דער באציאונג פון יידן צום מיליטער-דינסט: „יידן איז געווען אמשווערסטן צו דערפילן דעם מיליטער-דינסט. די געשרייען און געוואלטן, געוויינען און ליידן פון יידישע מאמעס, ווען מ׳האט ביי זיי צוגענומען זייערע קינדער, זענען געווען שרעקלעכע. אין

שטעטל טשיגרין. ווען איך בין דארטן געווען אויף דינסט, איז געשעען אזא פאל: אין דער צאל פון די יידישע רעקרוטן איז געווען א קליין 10—9 יעריק יינגל. א פלינקער, א רויטינקער, און זייער א שיינער. ווען זיין מאמע האט זיך דערוווסט, אז מ'האט אים צוגענומען, איז זי געלאפן צום טייך און זיך אריינגעווארפן אין א לאך, וואס איז געווען אויסגעהאקט אין אייז".

פירשט אבאלענסקי באמערקט: „וואס איז דא צו רעדן וועגן די נאבארן פון די פאריקע צייטן, ווען מ'פלעגט נעמען דעם פויער אויף 25 יאר דינסט. ווען באגלייטנדיק דעם אפגעגעבענעם האט דאס דארף געוויינט איבער אים ווי איבער א טויטן! ווי שווער ס'האט זיך נישט געלעבט דעם פארקנעכטעטן פויער ביים פריץ, זענען אבער די 25 יאר דינסט מיט זיינע שרעקלעכקייטן געווען נאך שווערער. איך געדענק א יונג פון אונזער שטאל, וואס האט זיך אפגעהאקט די פינגער, כדי נישט צו גיין אין מיליטער".

אן אומבאקאנטער שרייבער שילדערט די נאבארן פון די 20־קער יארן פון פאריקן יארהונדערט אויף אזא אופן: „וואס פאר א שרעקלעכערעס בילד קאן זיין פאר יעדן, וואס באזיצט אן עטוואס מיטפילנדיק הארץ און דעם מינדעסטן באגריף וועגן מענטשלעכקייט, ווי די רעקרוטן־נאבארן אין רוסלאנד. א מענטש, וואס איז באשטימט אריינצוטרעטן אין דעם אזוי געהאסטן מיליטער־שטאנד, ווערט, נישט האבנדיק נאך באגאנגען קיין שום פארברעך, געפירט צום מיליטער אונטערן קלאנג פון קייטן. אזא פארהיטונגס־מיטל קעגן זיין אנטלויפן מאלט אים שוין אויס זיין צוקונפט אין די שווארצעסטע פארבן. ער אליין, וויאזוי זיין פאמיליע, וואלטן אן א פארגלייך מיט מער צופרידנהייט געווען אויפגענומען דעם טויט... דאן דאס צונעמען אין מיליטער שטעלט מיט זיך פאר דאס באליידיקנסטע בילד פאר דער מענטשהייט. ביי די, וואס טויגן צום דינסט, גאלט מען אפ דעם פאדערשטן טייל קאפ, ביי די וואס טויגן נישט — דעם הינטערשטן. מיר, וועלכע זענען געבוירן און דערצויגן אין דערדאזיקער געוווינהייט, פילן נישט די גאנצע שרעקלעכקייט פון דאזיקן בילד. דער רעקרוט פארלאזט זיין אנגעהארעוועט אייגנטום, שיידט זיך מיט זיין ווייב, קינדער און פאמיליע, פון צער און ווייטיק פארלירט דער מענטש זיינע גייסטיקע און פיזישע כוחות"...

אזוי האבן זיך באצויגן צום מיליטער־דינסט דאס פארקנעכטעטע פויערטום, דאס לייב־אייגנטום פון די פריצים, און געבוירענע קריסטן־פראוואסלאוונע. וויאזוי האבן זיך געקאנט און באדארפט באציען צום מיליטער־דינסט יידן?...

ה.

נאָכן טויט פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן.

כל זמן אַלעקסאַנדער דער ערשטער האָט געלעבט, איז די יידישע דעפוטאַטן דילאָן און זאַנענבערג געלונגען אָפּצווענדן די דראָענדע געפאַר פון רעקרוטשינע. באַלד אָבער ווי אַל. סאַנדער איז געשטאָרבן (1.12. 1825) און אויפן טראָן איז אַרויף ניקאָליי דער ערשטער, איז די לאַגע געוואָרן גאָר שטאַרק קריטיש. נאָך פּיאָטער דעם גרויסן איז דאָס געווען דער מעכטיקסטער און גרויזאַמסטער צאַר. ער האָט זיך דורך קיינעם און פאַר גאָרנישט געלאָזט בייגן. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַן אייזערנעם ווילן און כאַראַקטער, דעספּאָט און רעאַקציאָנער ביז צו די לעצטע גרענעצן פון מענטשלעכער נאַטור. אין זיינע צייטן איז רוסלאַנד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פינסטערע תּפיסה. אָנגעהויבן האָט עס זיך מיטן באַרימטן דעקאַבריסטן-אויפשטאַנד, וואָס האָט דאָס הייפל ליבעראַלע און אויפגעקלערטע רוסן געבּרענגט אויף דער תּליה און אין די וויסטע סיבירער קאַטאָרגע-תּפיסות. נאָכן אויפשטאַנד האָט רוסלאַנד באַהערשט אַ בית-הקברות-שטילקייט און אַלץ איז געגאַנגען לויטן אַלמעכטיקן ווילן פון בלוטיקן טיראַן. קיין שטים האָט זיך נישט געטאָרט אויפהייבן קעגן וואָס פאַר עס איז עולה אָדער פאַרברעך, וואָס זענען אָפּגעסון געוואָרן. ס׳האָבן אויפגעוואַכט די ווילדע אַזיאַטישע רעגירונגס-מעטאָדן פון די ערשטע צאַרן. גאַנץ רוסלאַנד האָט זיך געשטיקט אין דער שווערער פאַרפעסטעטער אַטמאָספער, וואָס האָט אָנגעהאַלטן פולע דרייסיק יאָר.

אויך די יידן האָבן באַלד דערשפירט די שווערע בלוטיקע האַנט פון ניקאָלאַיען. ער איז געווען אַ שרעקלעכער שונא-ישראל. ער האָט אַלע יידן באַטראַכט פאַר פאַרברעכער, וועלכע מ׳דאַרף מיט אַלע מיטלען אויסראָטן. זייענדיק נאָך אַ יינגער פרינץ און באַרייזנדיק אין יאָר 1816 דעם ווייפרוסישן קאַנט, מאַכט ער אין זיין רייזע-נאָטיץ-ביכל פאָלגנדע באַמערקונג וועגן יידן: „דאָס אַלגעמיינע אומגליק פאַר די היגע איינוווינער איז דאָס, וואָס די יידן זענען דאָ די צווייטע הערשער נאָך די פריצים. דורך זייערע באַשעפטיגונגען רואינירן זיי שטאַרק דאָס אומגליקלעכע פאָלק. זיי זענען דאָ אַלץ: אי הענדלער, אי ליפעראַנטן, אי שענקערס, אַרענדאַרן פון מילן און פאַראָמען, האַנטווערקער א. ד. ג. זיי פאַרשטייען אַזוי צו נאַרן און צו דריקן דאָס פּראָסטע

פאלק, או זיי לייען געלט אויף א קארן, וואס איז נאכגישט פארזייט. זיי זענען עכטע פיאווקעס, וואס זויגן אומעטום און רואינירן די היגע אומגליקלעכע גובערניעס".

ווערנדיק קייזער האבן זיינע פיינטלעכע געפילן צו יידן אנגעהויבן אנצונעמען קאנקרעטע פארמען. זיינע נאנטע מיטהעלפער האבן דערפילט, צו וואס דער נייער קייזער צילט, און זיי האבן אים געדינט געטריי און געהאלפן כאארבעטן די געזעצן, וואס האבן געדארפט פירן צום ענד-ציל: צום פארניכטן, אדער, ווייניקסטנס, צו דער שטארקער פארמינדערונג פון דער צאל יידן. אפיציעל האט עס געהייסן, אז דער קייזער וויל אויס ליבע צו אלע זיינע אונטערטאנען רעפארמירן אויך דאס לעבן פון די יידן. אין דער הקדמה צום שרעקלעכן רעקרוטן-געזעץ. פארפאסט ספעציעל פאר יידן, רעדט זיך מיט א האלב מויל וועגן דער טובה, וואס וועט פון נייעם געזעץ ארויסקומען פאר יידן, ד. ה., אז די ארמיי וועט אויסבילדן די יידן און אהיימקומענדיק וועלן זיי אויסנוצן די בילדונג לטובת זיך און אנדערע. אין דער אמתן האט ניקאליי געהאט איין לייט-געדאנק אין באצוג צו יידן: באקעמפן זיי מיט אלע מעגלעכע מיטלען און דערפירן צו זייער אונטערגאנג. דאס האט געדארפט דערגרייכט ווערן דורך צוויי וועגן: איין טייל יידן האט געדארפט ווערן אויסגעשמדט אין די קאזארמעס און דער צווייטער האט געדארפט אומקומען א דאנק די פארפאלגונגען, גרושים, ענקשאפט א. אז. וו.

די קרוין פון אלע פארפאלגונגס-געזעצן, וואס זענען ארויסגעגעבן געווארן אין ניקאליס צייטן און האבן באדארפט פירן צו דער פארווירקלעכונג פון דער הויפט-אויפגאבע — צו דער פארמישונג פון יידן מיט קריסטן דורך שמד — איז געווען די רעקרוטן-גזרה.

שוין אין די ערשטע חדשים נאך זיין באטרעטן דעם טראן האט זיך ניקאלייען פארועצט אין מות דער געדאנק, אז דאס ווירקזאמסטע מיטל צו באקעמפן יידן אדער צו רעפארמירן זיי, איז די קאזארמע. די רעקרוטשינע וועט ארויסרייסן פון די יידן קליינע קינדער און יינגע בחורים און אין דער קאזארמע וועט שוין דער מיליטער-קאמאנדע נישט אנקומען שווער זיי אויסצושמדן. אזויארום וועט געלעזט ווערן איין טייל אויפגאבע. דער צווייטער טייל וועט געלעזט ווערן דורך אנדערע רדיפות. קיין אנדערע מיטלען ווי צו לעזן די יידן-פראגע האט ניקאליי נישט געזען. זיינע נאנטע מיטארבעטער האבן דערפילט דעם קייזערס פארלאנג און זיי האבן אים אונטערגעטראגן פראיעקטן צוגעפאסטע צו זיין כאראקטער און ווילן. אזוי איז איז

די „מינסקער היסטאָרישע שריפטן" צום ערשטן מאָל פּובליקירט געוואָרן אַן אינטערעסאַנטער ראַפּאָרט, וואָס בענקענדאָרף, דער ראש פון דער באַרימטער „דריטער אָפּטיילונג" (אָכראַנע) האָט צוגעשטעלט דעם קייזער. דער ראַפּאָרט איז אַן אַנאָנימער אין טראָגט דעם טיטל: „וועגן פאַרווענדן יידן צום נוצן פון דער אימפּעריע דורך צוציען זיי אָן אויפהער צום קריסטלעכן גלויבן, אַלזאָ דורך דערנענטערן זיי און ענדלעך דורך צונויפמישן זיי מיט די איבעריקע אונטערטאַנען". צום ערשטן ווערן אויסגערעכנט די זינד און פאַרברעכנס פון די יידן: „זיי האָבן אַלע איבעריקע פעלקער, באַציען זיך פיינטלעך צו די לענדער, וווּ זיי וווינען, זענען פאַרזונקען אין פינסטערן אָבערגלויבן, היטן זיך נישט באַשעפטיקן מיט ערד-אַרבעט, פאַרנעמען זיך נאָר מיט האַנדל און פאַרשידענע שווינדלערייען א. אַז. וו., מערן זיך אָן אַ גרענעץ דורך די פריע שידוכים... צי קאָן זיין עפּעס ווילדערס אין פּאָליטישער הינזיכט און עקלהאַפטיקערס אין מאָראַלישער, איידער אַזאַ פאָלק, וואָס רעכנט דאָס אָפּנאַרן פאַר אַ מצווה און זיינע מיטבירגער פאַר פיינט?" צו באַקעמפן דאָס פאָלק איז דאָ נאָר איין ווירקזאַם מיטל: נעמען פון יידן רעקרוטן און דערביי אין צווייפאַכער צאָל ווי ביי קריסטן. די טאָפּלטע צאָל רעקרוטן איז פּונקט אַזוי באַרעכטיקט ווי דער טאָפּלטער שטייער, וואָס מ'נעמט ביי יידן. אויב יידן וועל'ן אַנטלויפן, קאָן מען באַשטימען אַזעלכע האַרבע שטראָפן, וואָס וועלן זיי פון דעם אָפּהאַלטן. אויב ס'זאָל זיך אַרויסווייזן, אַז יידן טויגן נישט פאַרן פראָנט, וואָס עס איז נאָכנישט דערוויזן, קאָן מען זיי פאַרנוצן אַלס מוזיקאַנטן, פורמאַנעס און דינער; אויך בילדן פון די יידישע רעקרוטן באַזונדערע אַרבעטס-באַטאַליאָנען און שיקן זיי אין פאַרשידענע רעגירונגס-פאַבריקן. „דער וויכטיקסטער נוצן אָבער פון נעמען יידישע רעקרוטן, דערקלערט אָן דער ראַפּאָרט, וועט זיין די זיכערקייט, אַז זיי וועלן ווירקזאַם זיין באַוויגן צו טוישן זייער רעליגיע. אַריינטרעטנדיק אין מיליטער וועט דער ייד קלאָר פילן, אַז אים איז אוממעגלעך אויסצופירן די געבאָטן פון זיין רעליגיע. אָבער פיל מער וועלן אים שרעקן די נויטן און שטראָפן, וואָס דערוואַרטן אים דאָ. נישט האָבנדיק קיין האָפענונג פריי אָפּצוהיטן אַלס סאָלדאַט דעם גלויבן, אין וועלכן ער איז געבוירן, וועט ער גרייט זיין אים אָוועקצוואַרפן, אַבי צו האָבן רו און פרייהייט". נעמען דאַרף מען, וואָס יינגערע רעקרוטן, „ווייל אַזעלכע קאָנען זיין פעיקער צום דינסט און אויסערדעם וועלן די שפּעטערייען און דאָס חוזק-מאַכן פון די קריסטלעכע חברים גיכער ווירקן אויף זיי — די יינגערע — איידער אויף די עלטערע —

אַוועקצוּוואַרפן זייער אָבערגלויבן". — „די יינגלעך פון די יידישע סאָלדאַטן דאַרף מען אָפּגעבן אין סאָלדאַטן-שולן, טויפן און פאַרווענדן אַלס קאַנטאָניסטן און די מיידלעך אָפּגעבן אין דערציִונגס-הייזער, טויפן זיי דאָרטן און אויסלערנען ווייבערישע פויערשע מלאכות און אויסנוצן זיי אַלס פּאַסנדע פרויען פאַר די קאָלאָניסטן אין סיביר און אַנדערע רוסישע לענדער".

די צילן פון דער רעקרוטן-גזרה זענען אַלזאָ גאַנץ קלאָר און דורכזיכטיק פאַרגעשטעלט: שמד און פאַרמינדערונג. צו יענער צייט האָט ביי דער רעגירונג אין פּעטערבורג עקזיסטירט אַ ספּעציעלער קאָמיטעט פאַר יידישע ענינים, דער א. ג. „דירעקטאָרן-קאָמיטעט", וואָס איז באַשטאַנען פון פיר דעפּאַרטאַמענטס-דירעקטאָרן: יוסטיץ, אינערן, פינאַנץ און פאָלקס-בילדונג. דערדאָזיקער קאָמיטעט האָט פון יאָר 1825 געאַרבעט איבער אַ נייעם רעגלאַמענט פאַר יידן אַנשטאָט דעם אַלטן פון יאָר 1804 (דער נייער רעגלאַמענט איז אַרויס אין יאָר 1835 און האָט אַנטהאַלטן אַ מאַסע שווערע באַגרענצונגען פאַר יידן). איינע פון די דירעקטע אויפגאַבן און פליכטן פון דאָזיקן קאָמיטעט, וואָס זענען אים געשטעלט געוואָרן ביי זיין גרינדונג, ווי ס'איז אָפיציעל באַשטעטיקט געוואָרן אין יאָר 1829, איז געווען דאָס אויסזוכן און אויסאַרבעטן מיטלען אויף צו פאַרקלענערן די צאָל יידן.

שוין אין יאָר 1826, קורץ נאָכן באַשטייגן דעם טראָן, האָט ניקאָליי, חייוס אויס. אָנגענומען אַ פעסטן באַשלוס וועגן צוציִען יידן צום מיליטער-דינסט. דער קייזער האָט דאַן באַפוילן דעם אינערן-מיניסטער אויסצואַרבעטן אַן אַנטשפּרעכנדן פּראָיעקט. דובנאָוו דערקלערט ניקאָלייס עקסטע אַנטיסעמיטישע שטימונג פון יענער צייט מיט דער ווירקונג פון וועלישער בלוט-בלבול, וואָס האָט זיך דעמאָלט געצויגן, אויף זיין פּסיכיק. ניקאָליי זאָל האָבן געווען איבערצייגט, אַז יידן באַנוצן קריסטלעך בלוט. קעגן אַזאַ פאַרוואָרבן און פאַרווילדט פאָלק, האָט ער געטראַכט, מוז מען אָננעמען אויסערגעוויינלעך-האַרטע און אומברחמנותדיקע מיטלען, כדי אויסצובעסערן זיי און אויסצוּוואָרצלען זייער ווילדן פאַנאַטיזם. איינס פון די מיטלען האָט געדאַרפט זיין די רעקרוטשינע. דערפון זאָל שטאַמען זיין עקשנות און ווילדע שנאה צו יידן ביים דורכפירן דאָס רעקרוטן-געזעץ.

די ידיעה, אַז אין אינערן-מיניסטעריום ווערט צוגעגרייט אַ פּראָיעקט וועגן דער רעקרוטן-גזרה, האָט די יידן שטאַרק נידערגעשלאָגן און צעמישט. מ'האָט פאַרשטאַרקט די שתדלנות ביז צו דער העכסטער מדרגה. מ'האָט אויסגענוצט דאָס אַלטע און אויספּרובירטע מיטל אין אַזעלכע פאַלן: מ'האָט

אנגעהויבן איבערצוקויפן די הויכע באַאַמטע, און וועלכע ס'האָט זיך געווענדעט לויט ווי די יידן האָט זיך אויסגעדאַכט. צו די גזרה זאָל דורכגעפירט ווערן. ניט בלויז יידן, דאַרף באַמערקט ווערן, האָבן זיך באַמיט אויסצומיידן מיליטער-דינסט. אויך אַלע אַנדערע פרעמדע פעלקער אין רוסלאַנד האָבן געשטרעבט פטור צו ווערן פון אים. די קאַראַאימער, צום ביישפיל, האָבן אין יאָר 1828 דערגרייכט א פולשטענדיקע באַפרייונג פון מיליטער דינסט, באַטש זיי זענען געווען, אין פאַרגלייך מיט יידן, כמעט גלייכבאַרעכטיקט מיט די רוסן. *)

---

*) אין ווילנער רעגירונגס-אַרכיוו געפינען זיך די אַקטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער באַפרייונג פון די קאַראַאימער פון ווילנער און וואָלינער קאַנטן פון דער רעקרוטן-גזרה.

די פאַקטן זענען גאַנץ אינטערעסאַנטע און שטעלן זיך פאָר אויף אַזאַ אופן:

אין יאָר 1827 האָבן געוווינט אין טראָק 122 קאַראַאימער-מענער און אין פאַניעזיעוס 78, צוזאַמען אין גאַנץ ווילנער קאַנט 200. לויט די פאָרשריפטן זיינען זיי פריי געווען פון צושטעלן רעקרוטן, ווייל לויטן געזעץ האָט אַ קהלה פון 500 דערוואַקסענע מאַנסלייט געדאַרפט צושטעלן רעקרוטן. קלענערע קהלות זענען צוגערעכנט געוואָרן צו גרעסערע און האָבן צוזאַמען געגעבן רעקרוטן. די קאַראַאימער האָבן זיך באַטראַכט פאַר אַ באַזונדערע עדה און זענען אַזוי אַרום פריי געווען פון געבן רעקרוטן.

אויף אַן אַנדער שטאַנדפּונקט האָבן זיך געשטעלט דער פאַניעוועזער קהל און די גובערניאַלע מאַכט אין ווילנע, דהיינו, אַז אין פרט פון מיליטער-פליכט זענען קאַראַאימער אויך יידן און דאַרפן צוזאַמען מיט זיי דערפילן מיליטער-פליכט. פאַר יידן איז אַזאַ אינטערפּרעטאַציע פון געזעץ געווען, ווייזט אויס, באַקוועמער. אָט וואָס ס'איז געשען:

באַלד ווי ס'איז אַרויס דאָס שרעקלעכע רעקרוטן-געזעץ פאַר יידן, זענען די פאַניעוועזער קהל-לייט באַפאַלן ביינאַכט דעם קאַראַאימער-קוואַרטל און האָבן פאַרכאַפּט זעקס יונגע לייט, פון וועלכע איינער איז געוואָרן אָפּגעגעבן פאַר אַ רעקרוט. די קאַראַאימער האָבן זיך געווענדעט צוערשט צו דער גובערניאַלער מאַכט אין ווילנע וועגן אָפּגעבן זיי צוריק דעם רעקרוט. די גוב. מאַכט האָט אָבער, שטיצנדיק זיך אויפן 14-טן פּאַראַגראַף פון מיליטער-אוסטאַוו, זייער ביטע אָפּגעוואָרפן, ד. ה. זי האָט זיי באַטראַכט פאַר אַן איינהייטלעכע עדה, אין פרט פון מיליטער-דינסט, מיט די יידן.

דאַן האָבן זיך די קאַראַאימער געווענדעט מיט אַ נייער ביטע און אָנקלאַגע צום קייזערס ברודער און שטעל-פאַרטרעטער איבער אַלע מערב-גובערניעס, קאָנסטאַנטין פּאַוולאָוויטש. אין זייער לאַנגער ביטע בעטן זיי, מ'זאָל זיי ניט צוזאַמענגיסן מיט די יידן, וועלכע זענען זייערע אייביקע שונאים און פאַרפאָלגער. זיי דערציילן, ווי אַזוי זיי זענען געקומען קיין ליטע לויט באַזונדערע פּריווילעגן, ד. ה. ניט צוזאַמען מיט די יידן, און אַז זיי זענען אייביק געווען טריי און איבערגעגעבן דער רעגירונג, פאַרנעמען זיך פון שטענדיק אָן מיט ערד-אַרבעט און האָבן געהאַט אַ סך אויסצושטיין פון די יידן, וועלכע זיינען אומערלעך און זענען זיי שונאים צוליב רעליגיעזע מיינונגס-פאַרשיידנהייטן. זיי שרייבן, אַז זיי וועלן גרייט צו געבן דעם רעקרוט, באַטש לויט זייער צאָל זענען זיי דערפון פטור, נאָר ער זאָל ניט אַריינגיין אין דער אַלגעמיינער יידישער רשימה און זאָל זיי פאַררעכנט ווערן אויף דער צוקונפט. צום סוף בעטן זיי, מ'זאָל פון זיי נעמען אַ געלט-אָפּצאָל חוי ביז דעמאָלט

פון אינערן-מיניסטעריום איז דער פראיעקט אריבער אין דעם ספעציעלן קאמיטעט פאר יידישע ענינים, וואס איז שוין דערמאנט געווארן. דא האבן זיך יידן ווידער שטארק משתדל געווען און א דאנק דעם האט, ווייזט אויס, דער קאמיטעט דעם פראיעקט לאנג באטראכט און די זאך אפגעשלעפט. מער האבן יידן, נאטירלעך, נישט געקענט דערגרייכן. מ'האט געהאפט אויף א נס. דערווייל האט מען זיך באמיט די זאך צו פארציען. גוט איז אויך חיי-שעה.

וועגן דער געוואלטיקער שתדלנות, וואס יידן האבן דעמאלסט אנטוויקלט קעגן דער רעקרוטן-גזרה, דערציילן אונז צוויי רוסישע הויכע באאמטע. פארשידן איז געווען די באציונג פון די דערציילער צו יידן: איינער — אן אויסגעשפראכענער אנטיסעמיט און דער צווייטער — שיינט צו זיין פריי פון יידן-האס. נישט אלץ וואס זיי דערציילן קאן באטראכט ווערן אלס היסטארישער פאקט. דאך ווייזט אויס א סך פון זייערע דערינערונגען צו שטימען מיטן אמת. באזונדערס דאס, וואס ס'שרייבט אין זיינע מעמוארן דער אביעקטיווער און פריינטלעכער צו יידן ציפרינוס. ער דערציילט:

„ביז יענער צייט זענען יידן נישט געווען באטייליקט פערזענלעך אין מיליטער-דינסט. דערפאר האבן זיי געצאלט א ספעציעלן שטייער, פון וועלכן זיי זענען שטענדיק געבליבן שולדיק זייער א סך. דער אימפעראטאר ניקאליי דער 1-טער האט מודיע געווען, באלד ווי ער איז געווארן קייזער, דעם דעמאלסדיקן אינערן-מיניסטער, אז ער פארלאנגט דורכאויס, אז פון יידן זאלן גענומען ווערן רעקרוטן ווי פון אלע אנדערע קלאסן, וואס אונטערליגן דער רעקרוטן-פליכט און, אז זיי זאלן צאלן דעם זעלבן קאפ-שטייער, ווי די דערמאנטע קלאסן.

אזוי ווי דער תחום, וווּ יידן האבן געוווינט, האט זיך געפונען אונטער דער הערשאפט פון קאנסטאנטין פאוולאוויטש, האט דער מלוכהשער טאקט געפאדערט, נישט קוקנדיק אויפן פעסטן ווילן פון קייזער באלד איינצופירן דאס געזעץ, מ'זאל פריער אנפרעגן ביי קאנסטאנטינען זיין מיינונג. באזונדערס האט זיך דאס געפאדערט ביי די דעמאלסדיקע פארהעלטענישן. ס'איז אנגעקומען אן ענטפער, אז דער גרויספירשט האט די זאך איבערגעגעבן צום

דעם 8 יולי 1828 איז ארויס קאנסטאנטינס באפעל, חוץ אויס נאך א פארשטענדיקונג מיט דער רעגירונג אין פעטערבורג, נישט צו נעמען פון די קאראימער פון האלינער און ווילנער קאנטן קיין רעקרוטן. (ארכיוו פון גענעראל-גובערנאטאר 1828 נומער 114).

באַטראַכטן דעם סענאַטאָר נאָוואָסילצאָוו *), ווייל ער איז גוט באַקאַנט מיט די פאַרהעלטענישן אין די קאַנטן וווּ ס׳וווינען יידן. ווי נאָר נאָוואָסילצאָוו וועט זיין מיינונג צושטעלן, וועט דער גרויספירשט באַלד איבערשיקן זיין ענטפער דעם קייזער.

דער קייזער האָט נישט געמאַכט דערפון קיין סוד. אַלע האָבן געוווּסט און גערעדט וועגן דער פאַרשטייענדער יידישער רעקרוטשינע. די יידן האָבן גוט געוווּסט, וואָס ס׳דערוואַרט זיי. זיי האָבן געהאַט אין פעטערבורג זייערע אַגענטן, וועלכע האָבן געאַרבעט דערפאַר, אַז מ׳זאָל דאָס געזעץ אינגאַנצן מבטל מאַכן אָדער עס אָפּלייגן בּיז משיחס צייטן. זיי וואָלטן זיכער געהאַט דערין אַ דערפאָלג, אַזוי ווי זיי האָבן געהאַט אין אַ סך אַנדערע ענינים, ווען דאָס וואָלט נישט געווען די פּערזענלעכע איניציאַטיוו פון קייזער און זיין אומדערשיטערלעכער ווילן.

די יידן האָבן צוליב פאַרשידענע סבות נישט געוואָלט געבן קיין רעקרוטן. צוליב זייער פחדנות פילן זיי אַן עקל צום מיליטער־דינסט. בכל אופן איז עס קעגן זייערע איבערצייגונגען צו געהערן צו אַ נישט־יידישן מיליטער. זיי האָבן אויך פאַרויסגעזעען, אַז אין צוזאַמענהאַנג מיט דער רעקרוטשינע וועט מען זיי ציילן. דאָס איז אויך קעגן זייער רעליגיעזן אַבערגלויבן: קיינער טאָרף נישט וויסן ווי גרויס ס׳איז זייער צאָל.

זיי האָט געלונגען, אַ דאַנק דער איבערקויפבאַרקייט פון די באַאַמטע, אויסצובאַהאַלטן זיכער אַ העלפט פון זייער צאָל. אַפילו דער טאָפּלטער קאָפּשטייער, וואָס זיי האָבן געצאָלט, איז אין דער ווירקלעכקייט נישט געווען קיין טאָפּלטער, בפרט ווען די חובות זענען פון זיי צוליב דער דערמאָנטער סבה (שוחד) קיינמאָל נישט אויפגעמאָנט געוואָרן. — צו יענער צייט פלעגט צו מיר אין שטוב אָפט אַריינקומען אַ יידישער רב פון גראָדנער גובערניע מיטן נאָמען מרדכי בן לייבוש. ער האָט מיר געבּרענגט אַ בריוו פון איינעם אַ גראָדנער. ער איז געווען אַ גאַנץ געבילדעטער מענטש און איבערהויפּט אַ געלערנטער אויף זיין שטייגער. איך האָב זיך צו יענער צייט פאַרנומען מיט שטודירן די יידישע קבלה, און וועלכער מרדכי איז געווען זייער באַלערנט. איך פלעג אים איינלאַדן צו זיך און מיר פלעגן גאַנצע אָוונטן רעדן וועגן

---

*) דער זעלבער נאָוואָסילצאָוו איז געווען אַ גרויסער שונא פון די פּאָליאַקן און האָט געשפּילט אַ סאַטאַלע ראָל אין פּוילן און ליטע פאַר דעם נאָוועמבער־אויפשטאַנד. ער טרעט אויף אין מיצקעוויטשעס באַוווּסטער מיסטעריע „דזיאַדי" 3־טער אַקט („אימפּראָוויזאַציע") אַלס [illegible] סענאַטאָר

קבלה און רעליגיע בכלל. אין מיין שטודיום איז ער מיר געווען זייער נוצלעך. אזוי האָבן מיר זיך דערנענטערט און מרדכי איז געוואָרן מיט מיר זייער אָפנהערציק. ער האָט, ווייזט אויס, געחלומט, אז ער וועט מיך איבערריידן און אַריבערציען אויף זיין רעליגיע. כדי וואָס מער פון אים ארויסצוקריגן, האָב איך אים געלאָזן אין דעם דאָזיקן חלום.

אזוי ווי אַלע האָבן דעמאָלט גערעדט וועגן דער יידישער רעקרוטשינע, האָבן מיר אויך אָפט וועגן דעם גערעדט. מרדכי איז געווען זייער א שאַרפער קעגנער פון דעם אַקט. ער האָט אים געהאלטן פאר אומגערעכטיק, פאר א שרעקלעכע עולה און איז געווען זיכער, אז ער וועט נישט פארווירקלעכט ווערן, אַדער וועט אָפגעלייגט ווערן אויף לאנגע צייטן און ביז דאַן וועט זיך די לאַגע ענדערן. לויט זיין מיינונג וואָלט דער קייזער אליין זיך אָפגעזאָגט פון דאָזיקן געדאנק, ווען מ׳וואָלט אים גרינטלעך דערקלערט די עצם־זאך.

איך האָב אים, פאַרשטייט זיך, נישט דערציילט וואָס ס׳קומט פאָר אין מיניסטעריום. ס׳ווייזט אָבער אויס, אז מרדכי איז געווען איינער פון די אַגענטן און האָט אָן מיר געוווסט, וואָס ס׳טוט זיך דאָרט. ער איז אָבער געווען אזוי סובטעל, אז ער האָט געמאַכט א שווייג דערפון. ווען איך האָב אַביסל חוזק געמאַכט פון אים און געזאָגט, אז איינער פון זיינע זין וועט זיין א סאָלדאַט, האָט מרדכי שטענדיק מיט א געהיימניספולער מינע געענטפערט: „נו, אָבאַצים". (מיר וועלן זעען).

דערווייל איז אַדורך א וואָך זעקס און די צוגעזאָגטע מיינונג פון סענאַטאָר נאָוואָסילצאָוו איז נישט אָנגעקומען. ביי יעדן ראַפּאָרט פון מיניסטער האָט דער קייזער מיט אומגעדולד געפרעגט וועגן דעם ענין און געהייסן שיקן א דערמאָנונג. דער גרויספירשט האָט געענטפערט, אז נאָוואָסילצאָוו זאמלט מאַטעריאַלן אויף די ערטער. ס׳איז אַדורך נאָך א דריי וואָכן. ענדלעך, אין א שיינעם פרימאָרגן האָט דער קייזער באַפוילן דעם מיניסטער מער נישט צו וואַרטן אויפן ענטפער, נאָר צוצוגרייטן פאַר אים א באַפעל צום סענאַט וועגן אויסגלייכן יידן מיט אַלע אַנדערע קלאַסן אין דערפילן מיליטער־דינסט און אויסצופירן דעם באַפעל באַלד ביים ערשטן פאַרשטייענדן נאַבאָר.

אויפן צווייטן טאָג, ווי ס׳איז אָפגעשיקט געוואָרן דער קייזערלעכער באַפעל צום סענאַט, איז צו מיר געקומען דער רב. איך האָב אומישנע פאַרפירט א געשפרעך וועגן דער רעקרוטשינע און האָב דערזען, אז ער ווייסט פון גאָרנישט. ווידער האָט ער מיט אַ שמייכל געזאָגט זיין אייביקן

„אַבאַציס״. אַזוי ווי איך האָב שוין נישט געהאַט קיין סיבה ווייטער צו היטן דעם מלוכה־סוד, האָב איך מרדכין געזאָגט, אַז אַלץ איז שוין אייגנטלעך פאַרענדיקט. איך האָב זיך נישט פאַרגעשטעלט, אַז דאָס וועט מאַכן אַזאַ שרעקלעכן איינדרוק אויף מיין יידישן גאַסט. דאָס איז געווען עפּעס שרעקלעכס. ער האָט זיך אינגאַנצן אַ טרייסל געטון, די אויגן האָבן זיך אים פאַרגלייזט. ער איז כמעט אַנידערגעפאַלן אין חלשות. מ׳האָט אים דערלאַנגט וואַסער. דער פאַרפאַל האָט זיך פאַרענדיקט מיט ספּאַזמען. ער האָט זיך שרעקלעך צעוויינט. באַלד דערנאָך איז אין אים פאַרגעקומען אַ פּלוצלעכער שנוי. ער האָט זיך אויפגעשטעלט. דאָס פּנים האָט זיך ביי אים שרעקלעך אויסגעקרימט; ער האָט אָנגעהויבן צו שפּרייזן מיט ברייטע טריט איבערן צימער און עמעצן זידלען אויף וואָס די וועלט שטייט. איך האָב אים געלאָזט באַרויקן זיך און דאַן געפרעגט: „וועמען שעלט איר אַזוי, רב מרדכי?״

„וואָס הייסט וועמען? נו, יענעם״ און ווידער קללות

„נו, וועמען, סוף כל סוף?״

„אייער שיינעם סענאַטאָר״.

„פאַרוואָס איז ער שולדיק?״

„וואָס הייסט פאַרוואָס? פאַר אונזערע צוואַנציק טויזנט רענדלעך. ער האָט אונז אָפּגענאַרט, באַגנבעט און באַגראָבן... ער האָט צוגעזאָגט, אַז ס׳וועט גאָרנישט זיין. מיר, רבנים, האָבן אַרויפגעלייגט אויף אַלעמען אונטער אַ חרם אַ צוויי־וואָכנטלעכן תענית (ציפּרינוס באַמערקט, אַז יידן פּלעגן אין משך פון תענית עסן נאָר ברויט, און דאָס אָפּגעשפּאָרטע געלט פון מויל אָפּגעבן אויף כלל־זאַכן), און די צוואַנציק טויזנט רענדלעך אים אַוועקגעגעבן. אַלע פולע, נישט קיין באַשניטענע. אוי, אַ גזלן! וואָלט ער כאָטש דאָס צוריקגעגעבן״.

פאַר דער ריכטיקייט פון פאַקט זאָל זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די דורות מרדכי אַליין. נאָר די היסטאָרישע פּינקטלעכקייט נייט מיך צו באַשטעטיקן, אַז די סצענע האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אַ צופלוס פון זייער אַ נאַטירלעכן כעס און אָן יעדער קינסטלעכער עמפּערונג. מעגלעך, אַז ער האָט געזאָגט ליגנס, נאָר אויב אַזוי איז ער מיט זיין שפּיל איבערגעשטיגן אַלע באַרימטע פעלשער און ליגנער.

צוויי וואָכן נאָכדעם, ווי דער סענאַט האָט פונאַנדערגעשיקט צו אַלע גובערניע־פאַרוואַלטונגען דעם באַפעל וועגן נעמען פון יידן רעקרוטן, איז אָנגעקומען פון גרויספירשט זיין אָפּרוף וועגן דער זאַך צוזאַמען מיט נאָוואָסילצאָווס מיינונג. דער גרויספירשט האָט געשריבן, אַז צוזאַמען מיט נאָוואָסיל-

צאַוס מעמאָריאַל האָט ער אויך באַקומען דעם סענאַטס-באַפעל וועגן אַלערהעכסטן קייזערלעכן ווילן. אויב אַזוי—איז אים נאָר געבליבן אויסצופירן פינקטלעך דעם קייזערלעכן ווילן. ער האָט שוין פאַנאַנדערגעשיקט די געהעריקע באַפעלן. דאָך האָט ער געפונען פאַר נייטיק לשם אָריענטאַציע צוצושיקן אויך נאָוואָסילצאָווס מעמאָריאַל.

נאָוואָסילצאָווס זייער לאַנגער מעמאָריאַל האָט זיך אָנגעהויבן מיטן פולן אָנערקענען די נוצלעכקייט פון נייעם געזעץ. באַלד דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשידענע „אָבער״, „נישט קוקנדיק דרויף״, „דאָך״ און אַנדערע און אַנדערע אַזעלכע ווערטער, וואָס האָבן פאַרגעשטעלט מער ווי אַ ווידערשפרוך צום ערשטן הויפּט-געדאַנק. ס'איז געווען אַ ווונק אויף דער אייביקער טרייהייט צו דער רוסישער רעגירונג מצד די ייִדן, אויף די טובות, וואָס זיי האָבן געטון בשעתן קריג מיט נאַפּאָלעאָנען, אויף דער נישט-פּאָליטישקייט פון אַקס פון שטאַנד-פּונקט פון די דעמאָלסטיקע אייראָפּעישע פאַרהעלטנישן, ווייל ער וועט באַליידיקן מער ווי אַ מיליאָן מענטשן פון אַזאַ נקמה-דורשטיק פאָלק ווי ייִדן זענען א. א. וו. א. א. וו. דער אויספיר איז געווען אויבן אויף, אַז ס'איז נאָך נישט געקומען די צייט צו פאַרווירקלעכן דאָס געזעץ, אַז פאַרן פאַרווירקלעכן איז דאַרפן נאָך קומען פאַרשידענע פאַראָרדנונגען, וואָס זאָלן צוגרייטן ייִדן צו אַזאַ טיפער איבערקערעניש א. א. וו.

פאַר מיר, אַלס ייִנגן באַאַמטן, איז עס ‚געווען אַ טייער בילדל פון אַדמיניסטראַטיווער חריפות. דער סענאַטאָר האָט נישט געקאַרגט די פאַרשידנסטע דיפּלאָמאַטישע אָנשטעלן. מיט איין וואָרט, ער האָט אַלץ געטון, וואָס ער האָט נאָר געקאָנט אין זיין שווערער לאַגע. די פאַרביטערונג פון מיין פריינט מרדכי געגן סענאַטאָר איז געווען אָן אומגערעכטע!״

די ציטירטע פאַקטן, אויב זיי זענען ריכטיקע, לכל הפחות, אין זייער וויכטיקסטן טייל, וואַרפן אַ העל ליכט אויף דער פאַטאַלער ראָל, וואָס ניקאָליי האָט געשפּילט ביים פאַרעפנטלעכן דאָס שרעקלעכע רעקרוטן-געזעץ און אויך אויף די ייִדישע שתדלנות-מעטאָדן פון יענער צייט. מיר האָבן איבריגנס נישט קיין יסוד נישט צו גלייבן ציפּרינוסן. ס'איז כדאַי אויך צו ברענגען די אַ ביסל הומאָריסטישע דערציילונג פון צווייטן באַאַמטן אַריסטאָוו וועגן דעם, ווי אַזוי די ייִדן האָבן געפּרוּווט איבערקויפן דעם מיטגליד פון נאָסודאַרסטווענני סאָוויעט מאָרדווינאָוו. כאָטש די איבערגעגעבענע פאַקטן ווייזן אויס צו זיין ווייט פון אמת, דאָך איז די דערציילונג כאַראַקטעריסטיש פאַר די באַציאונגען פון די העכסטע רו-

טישע רעגירונגס-ספערן צו די יידן מיט הונדערט יאר צוריק און דעריבער איז כדאי זי צו ציטירן. אריסטאוו דערציילט:

„ס'איז באַוווסט, אז אין די ערשטע צייטן פון ניקאליים ממשלה האבן יידן לייכט געקאנט אויסמיידן נאטירלעכן מיליטער-דינסט. צאלנדיק דערפאר א געלט-שטייער און פארשרייבנדיק זיך אין סוחרים-שטאנד. נישט איינמאל איז אויפגעשווומען די פראגע וועגן דעם אומרעכט, וואס געשעט די רוסן דורך דעם, וואס אויף זיי ווערט ארויפגעלייגט דער שווערסטער סאלדאטן-דינסט און די יידן ווערט געגעבן די מעגלעכקייט זיך אַרויסצודרייען פון אים. אבער די איינפלוסרייכסטע פערזענלעכקייטן האבן אויפגעוויזן, אז דער יידישער שבט איז א שוואכער און קיינמאל וועט פון אים נישט ארויסקומען קיין טויגלעכער סאלדאט. זיי וועלן נאר זיין א משא פאר די פולקן. זיי זענען אויך פון דער נאטור פחדנים, נישט פון קיין פעסטער זיטלעכקייט, גיריק און אייגננוציק — וועלן זיי דעריבער לייכט ווערן פאררעטער און דעזערטירן אין א שלאכט מיטן פיינט. א לאנגע צייט האט די מיינונג מנצח געווען. נאר דער גראף מארדווינאוו, דער באוווסטער איידעלער מלוכה-מאן, האט באשלאסן פאר יעדן פרייז איבערצוצייגן דעם קייזער אין דער נויטווענדיקייט פון נעמען יידן אין מיליטער. ער האט צוגעשטעלט אומאפווענדבארע באווייזן, אז דער גערעכטער און געזעצלעכער שריט פון דער רעגירונג דארף איינגעפירט ווערן וואס פריער.

דער קייזער האט באפוילן צו פירן די זאך אויפן פארמעלן וועג.

מיט דער גרעסטער שרעק האבן זיך די יידן דערוווסט וועגן די ביטערע פאר זיי כונות פון דער רעגירונג. מיט א בליץ-שנעלקייט האט זיך איבער אלע קהלות צעטראגן די ידיעה וועגן דער פארשטייענדער סכנה, וואס דארף מאכן אַ סוף צו זייער זארגלאזן לעבן, ווי אין די צייטן פון מלך שלמה. איבעראל איז אויסגערופן געווארן א שווערער תענית און פרייוויליקע נדבות. דער אריגינעלער תענית איז באשטאנען אין דעם, וואס יעדער האט פארקלענערט זיינע טעגלעכע אויסגאבן אויף דריי פערטל. דאס אפגעשפארטע געלט האט מען געמוזט אַריינטראגן אין דער קהל-קאסע. דאסזעלבע האט מען אויך געטאן מיט שבת-ליכט. מ'האט, צום ביישפיל, אנגעצונדן אַ פערטל פון דער געוויינלעכער צאל. אַזאַ אויסערגעוויינלעכער תענית אין משך פון אַ חדש האט געבילדעט אַן אנגעזעענע סומע פון עטלעכע הונדערט טויזנט רובל. די סומע איז געווען באשטימט אויף איבערצוקויפן איינפלוסרייכע פערזאנען אין פעטערבורג, וועלכע האבן באַדארפט נישט דערלאזן צו דער יידישער רעקרוטשינע. די

רייכע יידישע פירער האבן גענומען דאס געלט און זענען אפגעפארן קיין פעטערבורג צו באארבעטן זייערע געשעפטן. אינם גרעסטן טייל זענען זיי געבליבן צופרידן, ווייל זיי האבן אומעטום געהאט דערפאלג.

נאר אויף די הויפט-שטערונג האבן זיי אנגעטראפן אין דער פערזאן פון אומאייגננוציקן און אומאיבערקויפבארן גראף מארדנווינאוו, אויף וועמענס צד ס'איז אויך געשטאנען דער קייזער. — „אויב ער וועט זיך כאטש א ביסל איבערבייגן אויף אייער זייט, אדער ער וועט אונטערן אויסרייד פון א קראנקהייט נישט קומען צו דער זיצונג פון גאס. סאוויעט, אדער ער וועט פשוט שווייגן, דאן וועט אייער זאך געוויס זיגן" — אזוי האבן דערקלערט אלע הויפטמענטשן און די יידישע פארשטייער האבן באקלערט וויאזוי צוצוטרעטן צום אדמיראל מארדווינאוו. די זיצונג וועגן דער יידישער רעקרוטשינע איז שוין געהען נאנט. עס באווייזן זיך גייערס צום גראף און בעטן פינף מינוט צייט. ס'איז ארויס צו זיי דער רוסישער אריסטידעס*) און אנגעהויבן זיי אויפמערקזאם אויסהערן. ווי טיפע קענער פון מענטשלעכן הארץ האבן זיי אנגעהויבן שפילן אויף זיין הומאניסטעס און האבן צווישן אנדערעס געזאגט:

„וואס פארא פארדינסט וועט דאס זיין פאר אייער ליכטיקייט, ווען דעם קייזערס מיליאנען אונטערטאנען איבער גאנץ רוסלאנד וועלן אויפהייבן א געוויין און וועלן שעלטן דעם שולדיקן אין זייער אומגליק?"

„בעסער זאלן זיך שיסן אויף מיין קאפ יידישע קללות, האט געענטפערט מארדווינאוו, איידער קללות פון אייגענע פראוואסלאוונע ברידער, וואס זענען די באלעבאטים פון רוסלאנד און פארדינען מ'זאל זיי לייכטער מאכן מיט אלעם מעגלעכן."

דעמאלס זענען די יידן צוגעטרעטן צום ליכטיקסטן, לויט זייער מיינונג, איבערצייגנדסטן, פראקטישן מיטל און האבן אנגעהויבן פארצולייגן גרויסע סומעס געלט בלויז פאר דעם, ער זאל נישט שטערן אנדערע צו ריידן אויף דער זיצונג פאר זייער טובה.

„ביז היינט האב איך קיינמאל נישט געהאנדלט נישט מיטן אמת און נישט מיטן געוויסן" — האט שטאלץ געענטפערט דער גראף.

„אייער ליכטיקייט! וועמען איז דען נישט באוווסט אייער און ספעראנסקיס אומאיבערקויפבארקייט? האלט איר אונז פאר אזוי נידריק, אז מיר זאלן האבן די העזה צו וועלן איבערקויפן אייער ריינע נשמה? מיר לייגן אייך

---

*) א גריכישער העלד בארימט פון זיין ערלעכקייט. — א. ל.

פאַר צוויי הונדערט טויזנט רובל נאָר דערפאַר, איר זאָלט שווייגן אויף דער זיצונג אין סאָוויעט. פאַר דעם געלט קענט איר טאָן פיל גוטס".

„הייסט עס, אז איר לייגט מיר פאַר 200 טויזנט רובל נאָר דערפאַר, איך זאָל שווייגן?" — האָט איבערגעפרעגט דער אדמיראַל.

„ריכטיק, נאָר פאַר שווייגן און קיין שום פאַלשקייט וועט איר נישט באַגיין."

„אויב אזוי — גיט אהער דאָס געלט און די גאַנצע צייט פון דער זיצונג וועל איך נישט ארויסזאָגן קיין איין וואָרט, נישט פאַר און נישט קעגן".

שנעל און פינקטלעך האָבן די יידן אויסגעצאָלט מאָרדווינאָוון דאָס געלט און זענען אוועק אהיים באַגייסטערטע, זייענדיק זיכער אין גוטן אויסגאַנג פון זייער זאַך.

צו דער זיצונג פון גאָס. סאָוויעט איז בעקומען אויך דער קייזער. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די וכוחים איבער דער פראַגע פון יידישער רעקרוטשינע. די מערהייט מיטגלידער האָבן אָנגעהויבן איינער נאָכן צווייטן צו באַווייזן, וואָס פאַרא געוואַלטיקער שאָדן ס'וועט ארויסקומען פאַר דער מיליטערישער דיסציפלין פונם צוציען יידן צום פאַקטישן דינסט. מאָרדווינאָוו הערט זיך צו אויפמערקזאַם און שווייגט. דער קייזער האָט אָנגעהויבן ווינקען צו מאָרדווינאָוון, ער זאָל ריידן. דער גראַף האָט אויסגעמיטן דעם קייזערס בליק. ענדלעך האָט ניקאָליי גלייך און שאַרף באַמערקט מאָרדווינאָוון:

„דו האָסט אַממייסטן געפאָדערט, אז יידן זאָלן דערפילן פערזענלעך מיליטער-דינסט. איצט ווערט די וויכטיקע פראַגע באַטראַכט. דו הערסט, אז פיל זענען נישט מסכים, דערווייזנדיק דעם גרויסן שאָדן, וואָס וועט ארויסקומען דערפון פאַר דער ארמיי. פאַרוואָס רעדסטו נישט?"

„איך קאָן נישט, אייער קייזערלעכע גרויסקייט!"

„וואָס הייסט — דו קאָנסט נישט"? — האָט זיך אָפּגערופן דער קייזער.

„איך האָב געגעבן אַן ערן-וואָרט, נישט צו ריידן, מוז איך עס האַלטן".

דער קייזער האָט זיך נאָכמער געוווּנדערט און האָט באַוואָרפן דעם אדמיראַל מיט פראַגן, וועמען און פאַרוואָס האָט ער געגעבן אזא וואָרט.

„פאַר דעם, איך זאָל שווייגן אין דער יידן-פראַגע, האָט מען מיר געגעבן גרויסע געלטער. (דאָ האָט דער גראַף ארויסגענומען די 200 טויזנט רובל און זיי איבערגעגעבן דעם קייזער). אויב די יידן האָבן מיר בלויז פאַר

שווייגן געגעבן אַזאַ סומע געלט, טאָ וויפל האָבן באַקומען די מיטגלידער פון גאָס. סאָוויעט, וואָס האָבן מיט אַזאַ עלאָקווענץ גערעדט פאַר די יידישע פּריווילעגיעס?" —

דער קייזער האָט זיך צעלאַכט. האָט בעהייסן אָוועקגעבן דאָס געלט פאַר די אינוואַלידן און פאַרמאַכט די זיצונג".

אַריסטאָווס דערציילונג ווייזט אויס צו זיין אינם גרעסטן טייל אויסגעזויגט אין זיין פאַנטאַזיע. זי איז מער ענלעך אויף אַ וויץ. אָבער פון די ביידע ציטירטע דערציילונגען איז צו זען, אַז אינם אַרויסגעבן דאָס געזעץ האָט געשפּילט אַ דעצידירנדע ראָל ניקאָלייס פעסטער ווילן און, אַז יידן האָבן אָנגעווענדעט אַלע שתדלנות-מעטאָדן, כדי אָפּצוּווענדן די דראָענדע געפאַר. דאָס מאָלט זיי זיכער געלונגען, ווען נישט דעם הערשערס עקשנות און פאַרביסענע שנאה.

ס׳איז אויך וואַרשיינלעך אמת דאָס, וואָס ביידע מעמואַריסטן דערציילן וועגן פּרוּוו איבערצוקויפן די העכסטע מלוכה-מענער און וועגן גרויסע געלט-סומעס, צונויפגעזאַמלטע דורך די קהלות, מיט דער הילף פון אייגנאַרטיקע זעלבסטבאַשטייערונגען ווי: אָפּשפּאָרונגען אין עסן, אין שבת-ליכט א. א. אויך אין יידישע קוועלן ווערן דערמאָנט אַזעלכע אופנים פון זאַמלען געלט פאַר די יידישע שתדלנים אין פּעטערבורג. די דאָזיקע געלט-מיטלען זענען אָבער געווען קאַרגע, ווייל בלויז אַ טייל קהלות פון תחום, דערהויפּט אין ווייסרוסלאַנד און ליטע, האָבן געטראָגן אויף זיך דעם עול פון כלל-ישראל-אינטערעסן, האָבן די שתדלנים דעלעגירט און געזאָרגט פאַר זייערע מאַטעריעלע אויסגאַבן. געוויס האָבן די יידישע שליחים אין פּעטערבורג בעהאַט אין זייער רשות געלט-סכומים, וואָס זענען געווען באַשטימט אויף שוחד, אָבער די אָנגעגעבענע סומעס ביי ציפּערינוסן און אַריסטאָוון (20 טויזנט רענדלעך און 200.000 רובל און דאָס בלויז פאַר 2 פּערזאָנען) זענען גיכער לעגענדאַרע, ווייל דער יידישער דלות און די יידישע דעזאָרגאַניזאַציע און צושפּליטערטקייט האָבן בשום אופן נישט געגעבן קיין מעגלעכקייט צו זאַמלען אַזעלכע ריזיקע געלטער. אויך ווייזן אויס צו זיין נישט-פּינקטלעכע די ידיעות פון די דערמאָנטע באַאַמטע, אַז דאָס יידישע רעקרוטן-געזעץ זאָל האָבן באַאַרבעט געוואָרן און באַשלאָסן אין אינערן-מיניסטעריום אָדער אין גאָס. סאָוויעט. לויט די לעצטע היסטאָרישע פאָרשונגען, געשטיצט אויף אַרכיוו-מאַטעריאַלן, ("מינסקער היסט. שריפטן", באַנד 3, דורך ש. גינזבורג) איז דאָס אויסאַרבעטן און

פארעפנטלעכן פונם געזעץ פארגעקומען אויף אזא אופן: אז דער „יידישער קאמיטעט" האט דעם פראיעקט פארצויגן און אפגעשלעפט, האט דאס ארויסגעברענגט פון געדולד רוסלאנדס אייזערנעם דיקטאטאר. ער האט דעם פראיעקט ארויסגענומען פונם „יידישן קאמיטעט" און איבערגעגעבן צו באארבעטן איינעם, א דעפארטאמענטס-דירעקטאר, ג. פאקראווסקי, וועלכער האט נישט אנגעהערט צום דערמאנטן קאמיטעט, אונטער דער אנפירונג פון גענעראל-שטאב-שעף, גראף דיביטש. דיביטש האט דעם פראיעקט צוגעשטעלט צום באשטעטיקן דירעקט דעם קייזער, אויסמיידנדיק אלע אנדערע אינסטאנצן. דער פראיעקט איז אלזא נישט געווארן באטראכט נישט אין מיניסטארן-קאבינעט, נישט אין גאס. סאוויעט און נישט אין סענאט. ער איז געווארן אויסגעארבעט, באשטעטיקט און פובליקירט אויף אן עקסטרא-ארדינערן וועג. אזוי ווייט איז עס געלעגן ניקאלייען איבערן הארץ דורכצופירן וואס שנעלער און אין דער גרויזאמסטער פארם זיין געדאנק וועגן יידישער רעקרוטשינע, וואס האט באדארפט לעזן אויף א באזונדערן, ניקאלייעשן אופן די יידן-פראגע אין רוסלאנד.

דאס פאטאלע יידישע רעקרוטן-געזעץ איז געווארן פארעפנטלעכט דעם 26-טן אויגוסט 1827.

דאס איז געווען איינער פון די טרויעריקסטע און אומגליקלעכסטע, אויב נישט דער טרויעריקסטער און אומגליקלעכסטער טאג אין דער געשיכטע פון יידן אין רוסלאנד. ס'האט זיך אנגעהויבן די שרעקלעכע מארטירער-תקופה פון יידישע קינדער און דערוואקסענע אין רוסלאנד, וואס האט אנגעהאלטן גאנצע ניין און צוואנציק יאר.

ווי גרויס ס'איז געווען די עוולה, וואס ניקאליי איז באגאנגען אנטקעגן די יידן – איז צו זעען פון דער לגמרי אביעקטיווער מיינונג פונם זייער באגאבטן פוילישן שריפטשטעלער, קריטיקער און פובליציסט – מויריצי מאכנאצקי (1804 — 1834). אין זיין מאנומענטאל ווערק: „דער אויפשטאנד פון פוילישן פאלק אין די יארן 31 — 1830" מאכט ער פארווורפן דער ווארשעווער רעוואלוציאנערער רעגירונג, פארוואס זי האט נישט אויסגענוצט די אנטירוסישע שטימונגען פון די יידן אין תחום, וואס זענען ארויסגערופן געווארן דורך דעם רעקרוטן-אוקאז, לטובת דעם אויפשטאנד. וועגן דער רעקרוטן-גזרה גופא שרייבט ער דרך אגב: „קיינמאל פריער האט א ייד נישט געדינט אין דער

רוסישער ארמיי. ניקאליי, וועלכער האט איבערגעשטיגן אלע מיסברויכן פון אן אומבאגרענעצטער ממשלה, האט צוגענומען ביי די יידן אויך די איינציקע, לעצטע פרייהייט זייערע אין זיין מלוכה. מיט אן אוקאז, וואס רופט [illegible] זין אין מיליטער אריין, האט ער אפגעשוואכט די צוגעבונדנקייט פון די יידן, וועלכע וווינען שוין אויף דערדאזיקער ערד 600 יאר, צום טראן. פריינט פון מאסקווע אין די פוילישע גובערניעס האט ער געמאכט פאר אירע שונאים. מ׳דארף קענען דעם כאראקטער, די פאראורטיילן, דעם פאנאטיזם פון פוילישן ייד, כדי מ׳זאל פארשטיין, אז דורכן לעצטן אוקאז זענען שמערצלעך באליידיקט געווארן זיינע אייביקע נאציאנאלע מנהגים. דער ייד ביים ניעמאן אדער ביים בוג, דער סוחר, קרעמער, ליפעראנט, טאנדייטניק, בעל-מלאכה — קאן נישט זיין און דארף נישט זיין צוליב וויכטיקע סבות קיין זעלנער, נישט אונטער דער מאסקווער ממשלה, נישט ערגעץ ווו אנדערש. פארוואס זאל ער דאס פארגיסן זיין בלוט אין שלאכט-פעלד, וואס גייט אים אן די מלחמה אין די רייען פון די אונטערדריקער, וועלכע ער האט פיינט, וועלכע פאראכטן אים און פארגרעסערן דורך דעם נאכמער די שנאה, בפרט, אז אן צו שמדן זיך קאן ער קיינמאל נישט ווערן קיין אפיציר? וואס פארא נוצן וועט ער האבן פון נצחון? דערדאזיקער אוקאז פון צאר, דאס איז צוגלייך אכזריותדיק ווי נישט פאליטיש. האט אונטערגעשניטן די עקזיסטענץ-מעגלעכקייט פון דערדאזיקער אומגליקלעכער באפעלקערונג, וואס איז אבער ביכולת אסאך אויפצוטאן. דער אוקאז האט נעמלעך געשטעלט אין סכנה דעם צווווקס פון די יידן, מיט וועלכן זיי האבן זיך פארטיידיקט פארן אונטערגאנג.

דער דערמאנטער אוקאז פון צאר האט די פעאיקסטע יוגנט פון דעמדאזיקן פאלק אויסגעשטעלט אויף א מלחמה-געפאר. אין די יינגסטע יארן האט מען גערופן יידן צו מיליטער-דינסט. זיי האבן צוליב דעם געהאט א טאפלטן שאדן: ראשית, צוליב דער פארקלענערונג פון דער באפעלקערונג בעת מארשן, שלאכטן און מלחמה-מאטערנישן, צווייטנס, צוליב דעם, וואס ס׳האט זיך פארקלענערט דורך דעם די צאל חתונות. דער ייד קאן דאך נישט לעבן מיט זיין פרוי אין רוסישן לאגער. דאס האט אויך געשטערט די יידן אין פרט פון מסחר און פרנסה. דער יידישער סאלדאט האט נישט געקאנט באַרייכערן נישט זיך און נישט די משפחה. אנדערע אוקאזן האבן אזוי פארשארפט דעם מיליטער-פאבאר, אז יידן האבן זיך מיט

גאָרנישט געקאָנט אייסקויפן. הגם אַנדערע קלאַסן איז דאָס יאָ געווען דערלויבט".

אזוי האָט פאַרשטאַנען דעם מהות און ציל פון דער רעקרוטן גזרה א נייטראַלע פערזאָן, ווי ס'איז געווען דער קלוגער און ווייטזעעוודיקער מאַכנאַצקי: זי האָט בעצילט דירעקט אין קיום פון יידישן פאָלק אין רוסלאַנד. זי האָט געוואָלט פירן צו דער פאַרמינדערונג, וואָס איז געווען א וויכטיקער עטאַפּ צום אייגנטלעכן ציל — צו דער אויסראָטונג פון יידן אין צאַרס מלוכה.

II.

דאָס ספעציעלע רעקרוטן-געזעץ פאַר יידן,

א.

דאס געזעץ.

די הקדמה צום געזעץ פון 26/8 1827 לויטעט:

האלטנדיק דאס פאר א גערעכטע זאך, אז דער רעקרוטן-דינסט זאל װערן ארויפגעלייגט אויף אלע קלאסן, וואס זענען דאצו מחויב, כדי אונזערע טרייע אונטערטאנען זאל ווערן לייכטער, באפעלן מיר:

1) צו צווינגען די יידן צו דינען אין מיליטער אין נאטור;
2) מבטל צו מאכן דעם געלט-אפצאל, וואס איז אויף זיי געווארן ארויפגעלייגט אנשטאט נאטירלעכן דינסט אין מיליטער;
3) ביים נעמען פון יידן רעקרוטן אפהיטן די כללים, וואס זענען ספעציעל פאר דעמדאזיקן נאבאר געווארן ארויסגעגעבן און צום באפעל צוגעלייגט.

באמערקונג צום געזעץ:

מיר זענען זיכער, אז די בילדונג און די פעאיקייטן, וואס זיי (יידן) וועלן דערווערבן אין מיליטער, װעלן — נאכן אויסדינען די געזעצלעכע צאל יארן און נאכן צוריקקערן זיך א היים — איבערגיין צו זייערע פאמיליעס און װעלן מיטהעלפן צו זייער גרויסן נוצן און בעסטער הצלחה אין זייער וווין-ארט און הויז-ווירטשאפט.

די וויכטיקסטע פונקטן פונם ספעציעלן יידישן מיליטער-דינסט-געזעץ אדער רעגולאמין זענען:

1.

אלע געזעצן און באשטימונגען וועגן אלגעמיינעם מיליטער-דינסט ביי אלע אונטערטאנען פון רוסלאנד ווערן אנגעווענדעט צו יידן נאר אין דעם פאל, אויב זיי געפינען זיך נישט אין ווידערשפרוך צו די ספעציעלע באשטימונגען, וואס זענען ארויסגעגעבן צום געזעץ וועגן יידישער רעקרוטשינע. אויב זיי געפינען זיך יא אין ווידערשפרוך, האבן זיי אין באצוג צו יידן קיין קראפט נישט. אויך די אין דער צוקונפט ארויסגעגעבענע פארשריפטן און געזעצן, ווערן נישט אויסגעשפרייט אויף יידן אן א כפירושן באפעל פונם „יידישן קאמיטעט״ און דער ספעציעלער הסכמה פון קייזער.

2.

יידן דערפילן מיליטער-דינסט אין נאטור. אויב ביים פארעפנטלעכן א נאבאר-באפעל וועט ווערן אנגעוויזן, אז מ׳קאן אנשטאט סאלדאטן אריינטראגן א געוויסע סומע געלט, קאנען יידן געניסן פון דער הנחה נאר אין דעם פאל: א) אויב דער קהל איז נישט שולדיק קיין רעגירונגס-שטייערן, אויך נישט שטאטישע און אנדערע ארטיקע אפצאלונגען; ב) אויב קהל איז נישט שולדיק קיינעמען, אפילו פריוואטע פערזאנען קיין שום חובות. פארלעגענע שטייערן און חובות, וועגן וועלכע עס קומט נאך פאר א משפט, ווערן באטראכט פאר פאקטישע חובות, כל זמן עס איז נאך נישט ארויס קיין אנטגילטיקער אורטייל, וואס איז זיי מבטל.

3.

יידישע רעקרוטן, וועלכע ווערן צוגעשטעלט דורך די קהלות, דארפן זיין אין עלטער פון 12 ביז 25 יאר. יינגערע פון 12 און עלטערע פון 25 דארפן נישט צוגעשטעלט און אנגענומען ווערן.

4.

ביים באטראכטן די יידן פון 12 ביז 18 יאר פאדערט זיך נאר, זיי זאלן נישט האבן קיין קראנקהייטן אדער פעלערן. דאגעגן אלע אנדערע ביי

רוסן געפּאָדערטע אייגנשאַפטן ווערן נישט גענומען אין באַטראַכט. יידן פון 18 ביז 25 יאָר ווערן שוין באַטראַכט לויט די אַלגעמיינע אָנגענומענע כללים.

5.

אין פאַל פון אַ ספק וועגן עלטער פון רעקרוט ווערט ער באַשלאָסן דורכן רעקרוטן-אַמט.

6.

מיליטער-פליכט פון יידן ווערט אויסגעפירט דורך יעדער קהלה באַזונדער און אומאָפּהענגיק פון די קריסטן.

7.

אַלס יידישע קהלה ווערן באַטראַכט אַלע יידן, וועלכע זענען צוגע-שריבן צו די פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך פון זעלבן אויעזד (קרייז), ד. ה., אַז אַלע יידן פון איין אויעזד בילדן איין קהלה אין פרט פון מיליטער-פליכט.

8.

די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער פּינקטלעכער אויספירונג פון מיליטער-פליכט, וואָס ווערט באַפוילן דורך די גובערניע-פאַרוואַלטונגען, ווערט אַרויפגעלייגט אויפן קהל. אַלע באַפעלן וועגן מיליטער-פליכט גיט אַרויס דער קהל אין פאָרם פון אורטיילן, וועלכע מוזן ווערן באַשטעטיקט דורך דער גובערניאַלער מאַכט. ערשט דאַן באַקומען זיי קראַפט. קהל האָט רעכט אויסצוקלייבן פון 3 ביז 6 פאַרטרויאונגס-מענער, וועלכע פאַרנעמען זיך בלויז מיטן אויספירן די באַפעלן וועגן מיליטער-דינסט. נאָכן נאָבאָר מוזן די פאַרטרויאונגס-מענער אָפּגעבן אַ גענויען דין וחשבון, אויך די קוויטאַנציעס. אַלע אויסגאַבן, וואָס ווערן געמאַכט דורך די פאַרטרויאונגס-מענער, ווערן צוגעשריבן צו די לאָקאַלע הוצאות פון די קהלות. פאַר אויספירן זייער אַרבעט מיט דערפאָלג קאָן קהל באַשענקען די פאַרטרויאונגס-מענער מיט אַ שיינער באַלוינונג

9.

אויב די נעהעריקע צאָל רעקרוטן און דאָס אָפּצאָל-געלט וועלן נישט-

ווערן אריינגעטראָגן צו דער צייט, דאַן נעמט די גובערניאַלע מאַכט אַליין רעקרוטן און געלט דורך אן עקזעקוציע.

10.

אויב אין נישט געהעריקן אויספירן די מיליטער-פליכט זענען שולדיק די פאַרטרויאונגס-מענער. צאָלן זיי שטראָף אין דער הויך פון די אויסגאַבן אויף די רעקרוטן, וועלכע זיי האָבן נישט צוגעשטעלט. אויב זיי האָבן נישט קיין געלט, ווערן זיי צוגענומען פאַר סאָלדאַטן, נישט ווערנדיק פאַררעכנט אין חשבון (ד. ה. אין סכום רעקרוטן, וואָס פאַלט אויס אויף דער באַטרעפנדער קהלה).

11.

יעדער קהל קאָן יעדן ייד צו יעדער צייט אָפּגעבן פאַר א רעקרוט לויט אן אורטייל פאַר: א) שולדיק בלייבן שטייערן, ב) האַנדערן, און ג) פאַר אַנדערע אומאָרדנונגען, וואָס קהל וויל נישט ליידן. פאַר יעדן רעקרוט פון דעם מין באַקומט קהל א קוויטאַנציע, וואָס וועט אים ווערן פאַררעכנט ביים קינפטיקן נאָבאָר.

12.

יידן דערפילן רעקרוטן-פליכט לויט דער ריי, ד. ה. אַלע יידישע פאַמיליעס ווערן אריינגעטראָגן אין ספּעציעלע צו דעם צוועק געפירטע ריי-ביכער און דער רעקרוטן-חוב גייט איבער פון איין פאַמיליע צו דער אַנדערער לויט דער ריי („אָטשערעד“).

13.

אויב א יידישע פאַמיליע, וואָס איז פאַרשריבן אין ריי-בוך, וויל איבערגיין אין סוחרים-שטאַנד, איז דאָס איר דערלויבט. פון רעקרוטן-פליכט ווערט זי אָבער נישט באַפרייט — ביז זי וועט נישט דערפילן איר פליכט לויט דער ריי.

14.

יידן איז דערלויבט צוצושטעלן א פרייוויליקן אָנשטאָט דעם מיטגליד פון דער פאַמיליע נאָר אין די פאַלן: א) אויב דער פרייוויליקער וועט געבן זיין אונטערשריפט, אז ער גייט מיטן גוטן ווילן, ב) אויב דער פרייוויליקער

געהערט צו דער זעלבער קהלה, וואָס דער רעקרוט און ג) אויב די פאמיליע פון פריוויליקן האָט שוין דערפילט איר רעקרוטן-פליכט לויט דער ריי. אָדער זי האָט נאָך א געזונטן רעקרוט.

15.

סאנקציעס: אויב געזונטע מענער פון א ריי-פאמיליע באהאלטן זיך אויס אין דער צייט פון נאָבאָר און מ׳געפינט זיי דערנאָך, אָדער זיי שטעלן זיך אליין צו, דאָן ווערן זיי צוגענומען פאר רעקרוטן אויסערן חשבון. אויב א פעאיקער רעקרוט מאכט זיך א פעלער, ווערט ער אויך צוגענומען אין מיליטער אויסערן חשבון און אויסערדעם ווערט פון דער פאמיליע גענומען נאָך א רעקרוט, ווי ווייט מעגלעך אין עלטער פון 12 יאָר.

16.

יידן קענען אין קיין פאל ניט צושטעלן קיין קריסטלעכע רעקרוטן-קוויטאנציעס אָדער קריסטלעכע פריוויליקע.

17.

פון פערזענלעכער מיליטער-פליכט זענען באפרייט: א) סוחרים לויט די אלגעמיינע כללים, ב) באשטעטיקטע רבנים, די קינדער זייערע ווערן יאָ גענומען אין מיליטער, ג) די וואָס האָבן געלערנט אין די אלגעמיינע עלעמענטארע, מיטעלע און הויך-שולן, האָבן די שולע געענדיקט און שטעלן צו א צייגניש וועגן אויסגעצייכנטע רעזולטאטן אין דער לערע און אויך וועגן גוטער אויפפירונג, ד) מינדערייעריקע, וועלכע האָבן געלערנט ווייניקסטנס דריי יאָר אין אַן אלגעמיינער שולע מיט גרויס דערפאָלג און לערנען ביי קריסטלעכע צעך-מייסטערס א מלאכה, זענען פריי פון פערזענלעכן דינסט כל זמן זיי זענען פאָר זייער לערע, ה) מייסטערס, וועלכע באזיצן א געהעריקע צייגניש אויפן דאָזיקן טיטל און לערנען זיך קונסט-ארבעט אין יידישע פאבריקן; ו) ערד-ארבעטער אין די גרויסע ספעציעלע יידישע פערמעס זענען פריי פון מיליטער-דינסט 50 יאָר, אין די קליינע—25.

18.

אין די פאלן, ווען מ׳נעמט צו יידן פאָר רעקרוטן אויסערן חשבון, ד. ה. באשטראָפטע אָפגעגעבן צו ווערן פאָר סאָלדאטן, און זיי זענען ניט דינסט-פעאיק, ווערן זיי פאָרשיקט קיין סיביר צום וואוינען אָדער אויף

קאַסאַרנע־אַרבעט און עס ווערן נישט גענומען אין אַכט קיין שום צייגנישן, װאָס געבן רעכט אין אַנדערע פאַלן באַפרייט צו ווערן פון מיליטער־דינסט.

19.

מינדעריעריקע יידן ווערן צוגענומען אין מיליטער אָן אַ שבועה. זיי שווערן װען זיי טרעטן אַריין אין ווירקלעכן דינסט. אַלט ווערנדיק 18 יאָר. רעקרוטן אין עלטער פון 18 ביז 25 יאָר, װעלכע טרעטן אַריין אין װירקלעכן דינסט, ווערן באַשווירן דורך אַ רב אין אַנוועזנהייט פון עדות מצד דער מאַכט און קהל. אויב דער רב אָדער די אַנוועזנדיקע מצד קהל װעל'ן צולאָזן עפּעס אַן אומפּינקטלעכקייט אין דער שבועה, װאָס גיט לויטן דין אַ מעגלעכקייט דעם שווערנדן זי נישט צו היטן, װערן די יידן אָפּגעגעבן פאַר רעקרוטן אויסערן חשבון און די באַאַמטע — דעם געריכט.

20.

מינדעריעריקע, באַלד נאָכן צונעמען זיי אין מיליטער, און פוליעריקע, נאָך דער שבועה, ווערן איבערגעגעבן דער מיליטער־מאַכט. ייִנגערע פון 18 יאָר װערן איבערגעגעבן אין די קאַנטאָניסטן־אַנשטאַלטן, עלטערע פון 18 יאָר — גלייך אין די פולקן.

21.

אויב אַ יידישער רעקרוט אַנטלויפט איידער ער איז איבערגענומען געוואָרן דורך דער מיליטער־מאַכט, ווערט ער באַטראַכט ווי אַן אַנטלאָפענער פון קהל. אויב ער ווערט געכאַפּט נאָכן נאַבאָר, גייט ער אַוועק אַלס רעקרוט. ער װערט שוין אָבער נישט פאַררעכנט אויפן חשבון פון קהל. אין אַזאַ פאַל דאַרף קהל צושטעלן אין משך פון 3 טעג אַן אַנדערן רעקרוט. אויב ער איז אַנטלאָפן פון דער מיליטער־מאַכט, איז קהל נישט פאַראַנטוואָרטלעך.

22.

יידן, וועלכע העלפן צו אַ רעקרוט צו אַנטלויפן אָדער האַלטן אויף אַזעלכע, מעג זיין די קורצסטע צייט, װערן צוגענומען פאַר רעקרוטן אויסערן

חשבון אומאפהענגיק פונם שטאנד, צו וועלכן זיי געהערן. אין פאל פון נישט פעאיקייט צום מיליטער-דינסט ווערן זיי פארשיקט קיין סיביר אדער אויף קאטארגע-ארבעט. אויסער דער פערזענלעכער שטראף ווערט פון קהל, ווו אזא אנטלאפענער האט זיך אויסבאהאלטן, איינגעמאנט 1000 רובל קנס פאר יעדן אנטלאפענעם.

23.

יעדער, וועלכער כאפט אן אנטלאפענעם יידישן מיליטער-מאן אדער אנטדעקט די, וועלכע האבן אים אויסבאהאלטן, באקומט פון דער מלוכה-קאסע 100 רובל באלוינונג.

24.

אויב א ייד וועט זיך אויסצייכנען מיט זיין גבורה קעגן פיינט, דערביי אין זיין אויפפירונג געווען שטענדיק א גוטע און דער דינסט א פינקטלעכער, ווערט זיין טאט צוגעשטעלט צום וויסן פון קייזער.

25.

אויסגעדינטע סאלדאטן מיט גוטע צייגנישן קענען צוגענומען ווערן אויף בירגערלעכן אדמיניסטראציון דינסט. יידן, וועלכע האבן נישט אויסגעדינט די פארגעשריבענע צייט (25 יאר), קענען אין קיין פאל נישט צוגענומען ווערן אויף קיין שום ציווילן דינסט כל-זמן זיי בלייבן ביי זייער גלויבן.

26.

פאר יידישע מינדעריעריקע הייבט זיך אן זייער דינסט. וואס ווערט זיי פאררעכנט צו די 25 יאר, ערשט פון זייער 18-טן לעבנס-יאר.

27.

וועגן דער רעקרוטן-שבועה: עס מוזן זיין עדות מצד דער מאכט און א מנין יידן. אויך דיינים. מ׳מוז שווערן איבער נישט קיין פסולער ספר-תורה, פון וועלכער מ׳לייענט שבת אדער יום-טוב. אויב די מאכט האט א פארדאכט, אז מ׳וועט באנוצן א פסולע ספר-תורה, האט זי דאס רעכט צו

פארחתמענען די נישט פסולע, פון וועלכער יידן לייענען בשעתן דאווענען.

אין שבת און אין אנדערע ימים־טובים קומען קיין שבועות נישט פאר, ווייל עס איז פארווערט לויטן דין. די שבועה נעמט אפ א באזונדערער רב און ער מוז געהערן צו דער זעלבער סעקטע, צו וועלכער עס געהערט דער רעקרוט. (דאס מיינט מען, ווארשיינלעך, חסידים און מתנגדים — א. ל.). פאר יעדער שבועה דערקלערט דער סטראפטשע דעם רב די גרויסע באדייטונג פון זיין אויפגאבע. נאך דער שבועה שרייבט זיך דער רב אונטער, אז ער האט אויסגעפירט אלץ פינקטלעך. דערנאך האלט דער רב פארן רעקרוט א דרשה לויטן בייגעלייגטן נוסח. די דרשה ווערט געהאלטן פלוצלינג. פאר דער שבועה שטייען צוויי אנגעצינדענע ליכט, וואס ווערן פארן שווערן אויסגעלאשן. נאך דער שבועה זאגן אלע אנוועזנדע צום רעקרוט: „מיר האבן דיך באשווירן נישט לויט דיינע געדאנקען, נאר לויט אונזערע און פון בית־דין״.

פאר דער שבועה ווערן געמאכט אלע הכנות לויטן דין. דער רעקרוט וואשט די הענט, טוט אן טלית און תפילין, בינדט ארום דעם קאפ און די לינקע האנט מיט די רצועות און שטעלט זיך אוועק פארן אפענעם ארון־קודש. יעדער רעקרוט באזונדער לייענט די שבועה אין העברעאיש לויטן בייגעלייגטן נוסח, וואס ווערט אים ווארט ביי ווארט פארגעלייענט דורכן רב. דער רב שרייבט אויף דאס ווארט „אדוני״, ווייל עס איז אים נישט דערלויבט דאס ווארט ארויסצורעדן. דאס ווארט „אדוני״ מוז זיין אויסגעשריבן מיטן שם הויה: „יהוה״. אזוי ווי די שבועה ווערט געלייענט אין דער העברעאישער שפראך, דארף מען זי פריער דורכלייענען דעם רעקרוט אין דער יידישער שפראך.

אנמערקונג צום לעצטן פונקט:

אין א טייל ערטער איז מען זיך נוהג צו האלטן בשעתן שווערן א ספר־תורה אונטערן ארעם. אין אנדערע לייגט מען ארויף די האנט אויפן 14־טן און מייטערדיקע פסוקים פונם 26־טן קאפיטל פונם חומש „ויקרא״. די מאכט רעכנט זיך מיט די מנהגים פונם באטרעפנדן ארט. די גובערניאלע מאכט זאמלט אויטענטישע ידיעות וועגן די יידישע מנהגים, כדי זיי אויסצופירן פינקטלעך. — די באאמטע האלטן דעם העברעאישן טעקסט פון דער שבועה אנגעשריבן מיט רוסישע בוכשטאבן און קאנטראלירן יעדעס ווארט, וואס דער רב און רעקרוט רעדן ארויס, צי עס שטימט מיטן טעקסט. כדי צו קענען אכטונג געבן, צי די יידישע מנהגים ווערן בשעתן שווערן אויסגעפירט

פינקטלעך, באַנוצט זיך די מאַכט מיט משומדים אָדער קריסטן, אויב עס זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס קענען גוט דעם יידישן ריטואַל. – דער שבועה בויגן מוז זיין געדרוקט און ווערט אונטערגעשריבן דורך אַלע אַנוועזנדע יידן און קריסטן. דאַן ווערט ער איבערגעגעבן אין „קאַזיאָננע פּאַלאַטע”. נאָך דער שבועה בלאָזט אַ ספּעציעלער מענטש שופר אין 4 טענער (תקיעה, תרועה, און שברים-תרועה).

דער רב שרייבט אונטער פאָלגנדע התחיבות: „איך נעם גאָט פאַר אַן עדות, אַז איך פון מיין זייט וועל גאָרנישט דורכלאָזן פון דעם, וואָס עס פאָדערט זיך לויטן דין בשעת אַ שבועה, כדי זי זאָל זיין הייליק און אומאָנרירבאַר. אויב איך וועל מיט דער כונה אָפּצושוואַכן דעם רעקרוטס שבועה עפּעס אין איר דורכלאָזן אָדער וואָס עס איז אין דעם זין טון, נעם איך ערשטנס אויף מיר, אַלס אויף אַ שבועה-ברעכער, אויך אויף מיין פאַמיליע און אויפן גאַנצן יידישן פאָלק – גאָטס קללה; צווייטנס, בין איך גרייט צו טראָגן די געהעריקע שטראָף פאַר דעם פאַרברעכן”.

דער זעלבער טעקסט אין העברעאיש*): „הבטחת אמת ואמונה מאת הרב המקבל שבועת בני עמו הנלקחים לצבא חיל-מלכנו לבעלי-מלחמה, להבטיח כי ימלא כל סדר שבועה לנכון:

„הנני מעיד עלי את ד׳ יתברך שמו, שאני מצדי בהיותי מורה להורות אמונת ישראל לא אחדל ולא אתרשל לעשות כל דבר, אשר כפי חוקי תורתנו שיכים לשבועת אמת לבל תחולל קדושתה ולבל יוכל מי להפר אותה ולהתירה. ואם במזיד אחטא לעשות שמץ דבר לחילול השבועה אשר נשבעו בעלי בריתי לעבוד עבודת בעלי מלחמה, תבוא מארת ד׳ עלי ועל משפחתי ועל כל ישראל, כדבר עוברי על איסור שבועת שוא, ומלבד זה הנני מוכן ומזומן לקבל ולשאת העונש הקצוב על עון פלילי כזה, כפי חוקי המדינה”.

דער טעקסט פון דער מוסר-דרשה פאַרן רעקרוט פאַר דער שבועה:

– וואָס מען לייענט פיר דיא יודישע רעקרוטין פאַר דער שבועה:

---

*) דעם דאָזיקן העברעאישן טעקסט, ווי אויך די ווייטערדיקע יידישע און העברעאישע טעקסטן פון דער מוסר-דרשה פאַרן רעקרוט און פון דער רעקרוטן-שבועה האָב איך געפונען אין טאַראַשטשער אַרכיוו פון אַלטע אַקטן. – די יידישע טעקסטן ציטיר איך מיט זייער דעמאָלטיקער טראַנסקריפּציע.

„(דער רב זאגט) אזו וויא איך ווייס וויא עס שטייט גישריבין אין דער הייליגער תורה, דיא וואש משה רבינו האט גיגעבין צו די קינדר ישראל אויף דעם בארג סיני, בין איך אייך מודיע בייא דער ספר-תורה, אז מיר זענן מחויב מכניע זיך צו זיין און דינן דעם רוסישן קיסר (קעניג פון פאלען) און דעם קייזערליך-קעניגליכען טראן פאלגער (נאסטעמפצא טראנו) און דעם קייזערליך רוסישין הערשאפט אזו וויא מיר העטטען גידינט די יודישי מלכים ביז אן דר צייט, אז ירושלים וועט גיבויעט ווערין און מיר וועלין זיך דארט אהין אום קערין, אזו ווי אין פסוק שטייט גישריבן.

די שבועה וואש איר וועט שווערין צו זיין גיטרייע זעלנר איז אזו איין הארבע שבועה וויא אלי שבועות פון דער תורה און עס איז אויך אסור עובר צו זיין דיזי שבועה.

מיר ויסען, אז די אבות הקדושים האבין הייליג געהיטען און געהאלטען דיא שבועה וואש זייא האבין גישווארין אפילו צו געטצין-דינער, דהיינו אברהם אבינו און יצחק צו אבימלך, יעקב צו לבן, דיא נשיאים אין יהושועס צייטין צו די אנשי גבעון, אויך דיא נשיאים וואס זענין גיוועזין אין בבל האבין אויך ניט עובר גיוועזן דיא שבועה וואש זיי האבין גישווארין צו דעם פאלק, וואש האט זיך גיבוקט צו פרעמדי געטער, ווייל עס איז איין עברה צו פר שוועכין דעם הייליגן נאמין פון גאט דורך איין פאלשי שבועה, דען איבעראל וואו די תורה ווארענט אויף איין פאלשי שבועה, געפינען מיר ניט, אז זי זאל מאכין איין חילוק צווישען איין יהודי אדער אינו יהודי. ווארום דער עיקר וואש דיא תורה האט מקפיד גיוועזין איז דאס מען זאל ניט ביי דעם הייליגען נאמען פון גאט ב״ה פאלש שווערין, סייא קייגין איין יהודי, סייא קייגין איין מענש פון איין אנדער פאלק: ובפרט וואש אנבעלאנגט דען קעניגליכען דיהנסט. וואס צייט דעם אז דאס מלכות ישראל האט אויף געהערט, זענין מיר מצווה דורך דען נביא אז מיר זאלען דיהנען דעם קעניג און דער רעגירונג, וואס מיר לעבין אונטער זיין שוטץ; און אזויא געפינט זיך צווייא מאל אין דיא כתבי-קודש (מלכים ב׳ קאפ. כ״ה פסוק כ״ד, ירמיהו קאפ. מ׳ פסוק ט׳) אז גדליהו בן אחיקם, וואס מיר עד היום לקדושת זכרונו האלטין צום גדליה, האט געזאגט צו דיא אנשי גלות „פארכט אייך ניט צו דיהנען דיא כשדים, זיצט אין לאנד און טהוט דיהנען דעם קעניג פון בבל, אזויא ווירד אייך וואויל גיין״. מילא, אז מען האט אזויא אונס בפאלען אין דיא כתבי-קודש וועגין איין מלך און איין פאלק וואש זענין גיוועזין געטצין-דינער. און וואס האבין חרוב גימאכט אונזער בית-המקדש,

און האבין אונזערי אבות אויס זייער לאנד פערטריבען, וויא פיהל מעהר זענין מיר מחויב טרייא צו דיהנען איינעם מאנארך און איינער רעגירונג, װאס זענין קיין געטצין-דיהנער. זאנדערן וואס אן ערקענין דען וואהרען גאט. וואש גלויבען אזוי וויא מיר גלויבען אן גילוי שכינה אויף דעם בארג סיני און וואס מיר אונטער זייער גנעדיגען שוטץ אין זייער לאנד וואהנען. אויך זאגין אלי אינזרי חכמים אז עס איז איין גרייסער חטא עובר צו זיין אויף איין שבועה אפילו וואש פאר איין שבועה עס איז. מכל שכן איז איין חטא עובר צו זיין אויף דער שבועה וואש מען שווערט צו זיין איין געטרייער זעלנער. און אזו איין חטא איז מען ניט מוחל אפילו ווען מען טוט תשובה. אויך העלפט ניט מתיר שבועה זיין אדר הפרת-נדרים אדר מסירת מודעא אדר כל נדרי אדר על חטא. אויך ניט אום יום כפור און אויך ניט אייביג.

דער וואש שווערט און טראכט אין זיין הארצין עפיס אנדרש איז ער עובר אויף איין שבועה פון דער תורה וויל ער שפרעכט אויס דעם הייליגען נאמין פון גאט צו פאלש.

זייט װיסין אז דיא גאנצי וועלט האט גיציטערט בשעת אז הקב״ה האט גיזאגט לא תשא, דוא זאלסט ניט שווערין פאלש. בייא אלי עברות אין דער תורה שטייט גישריבין, אז דער מענש קען דורך תשובה ריין ווערין פון דער עברה, אבער בייא א פאלשי שבועה שטייט גישריבין, אז ער קען אייביג ניט ריין ווערין. פאר אלי עברות אין דער תורה שטראפט מען דעם בעל-עבירה נאר אליין, אבער פאר א פאלשי שבועה שטראפט מען אים און זיין גאנצי משפחה און ער איז גורם אז אנדרי יודין ווערן חלילה אויך גישטראפט, וויל כל ישראל זענין ערבים זה לזה. פר אלי עבירות ווארט מען דעם חוטא, ווען ער האט איין זכות, ביז צום צווייטין אדער דריטין גבירס, אבער פר א פאלשי שבועה שטראפט מען אים באלד. אזעלכי זאכין װאש פייער און װאסיר קען ניט מכלה זיין איז איין פאלשי שבועה מכלה.

ווען איר וועט עובר זיין דיא שבועה וואס איר טוט שווערין היינט בייא דער ספ״־תורה, וועט איר זעהר מחלל השם זיין, און איר וועט אליין אויף אייך ציהען איין שרעקליכע שטראף, װאש לאזט זיך בשום אופן נישט אב װענדען, און איר וועט אויך אין חרם זיין, וויל מען האט אייך שוין מודיע גיוועזין, אז עס איז איין גרויסער חטא.

און איטלעכע שטראף, וואס די עלצטי פון חיל שטראפין פר דעם װאס מען טוט נישט ערפילען דעם דינסט (אזו וויא אין דער שבועה שטייט גישריבין) איז שוין דיא שטראף, וואס איז גישיקט פון גאט דורך זייערי הענט.

פאר דעם. וואס מען האט עובר געוועזין דיא שבועה אזו וויא אונזרי חכמים האבין געזאגט, אז צדקיהו המלך איז געשטראפט געווארין פון גאט פאר דעם. וואס ער האט עובר געוועזין דיא שבועה צו נבוכדנאצר מלך פון בבל, ווייל ער האט מחלל השם געוועזין און דרום האט נבוזראדן געשאכטין פאר זייני אויגין זייני צווייא זין און דער נאך האט ער אים דיא אויגין אויס געסטאכין".

דער זעלבער טעקסט אין העברעאיש:

נוסח האיום שמאיימין על רעקרוטין יהודים קודם שמשביעין אותם. (הרב אומר) „כאשר אני יודע את התורה הקדושה, אשר נתנה לבני ישראל מהר סיני על ידי משה רבינו אני מודיע לכם (לך) לפני ספר התורה הזה, אשר אנחנו חייבים להכנע ולעבוד את הקיסר רוסיא (מלך פולין) ואת היורש עצר וממלכת רוסיא כאשר היינו עובדים את מלכי ישראל, עד כי יבנה ירושלים עיר הקודש ונשוב לתוכה כמו שכתוב.

השבועה אשר אתם עתידים לישבע לעבוד באמונה, חמורה כמו כל שבועת ה׳ ואסור לעבור עליה.

הלא ידענו שאבותינו הקדושים שמרו וקיימו שבועתם אף לעובדי גלולים כמו אברהם אבינו ויצחק לאבימלך, יעקב ללבן, ונשיאי העדה לאנשי גבעון, גם הנשיאים אשר היו בבבל לא היו עוברים על שבועתם שהיו נשבעים לעם משתחוה לאלוהי נכר, מפני שאסור לחלל את השם כשבועת שקר, כי כן בכל המקומות שהזהירה התורה על שבועת שוא ועל שבועת שקר, לא נמצא שחלקה בין יהודי לאינו יהודי, כי העיקר הוא שהקפידה התורה, שלא לישבע בשמו ית׳ לא לשוא ולא לשקר, בלי שום חילוק אם השבועה נגד יהודי או ליתר האומות, ובפרט לענין עבודת המלך אשר מאז נשבת מלכות ישראל, מצוה עלינו מפי נביאינו לעבוד את המלך ואת הממשלה אשר בצלו נחיה, כמו שמצינו ב׳ פעמים בכתבי-הקודש שגדליה בן אחיקם אשר לקדושת זכרונו עד היום הקדשנו צום השביעי אמר לשארית הגולה: אל תיראו מעבוד הכשדים, שבו בארץ ועבדו את מלך בבל וייטב לכם, ואם בזה נצטוינו בכתבי הקודש על מלך ועם שהיו עובדי גלולים, שהחריבו בית-קדשנו והגלו את אבותינו מארצם, על אחת כמה וכמה מחויבים אנחנו לעבוד את המלך והממשלה אשר אינם עובדי גלולים, אבל מכירים אלהי האמת, מאמינים כמונו בגילוי שכינה על הר סיני ואשר אנחנו מתלוננים בצל חסדם בארצם.

כל עובר על כל שבועה. וממילא גם עובר על שבועה שנשבע לעבור באמונה עבודת בעל מלחמה בכלל, לפי כל הפוסקים הוא חוטא גדול ואין נמחל לו החטא לא ע״י תשובה, ולא ע״י התרת שבועה, ולא ע״י הסרת נדרים, ולא ע״י מסירת מודעא, ולא ע״י כל נדרי, ולא ע״י על חטא, ולא ע״י שום אופן שבעולם, ולא ביום הכפורים ולא לעולם.

הנשבע וחושב בלבו דבר אחר עובר על שבועה מן התורה מפני שמוציא שם ה׳ לשוא. ידוע תדעו שכל העולם נזדעזע בשעה שאמר הקב״ה לא תשא את שם ה׳ אלהיך לשוא, ובכל העבירות שבתורה נאמר ונקה, וכאן נאמר לא ינקה, וכל העבירות שבתורה נפרעים ממנו, וכאן ממנו וממשפחתו. ולא עוד אלא שגורם ליפרע מכל ישראל, שכל ישראל עריבים זה לזה. כל עבירה שבעולם תולין לו שנים ושלשה דורות אם יש לו זכות וכאן נפרעים מיד: דברים שאין אש ומים מכלה אותם, שבועת שוא מכלה אותם.

אם תעברו על השבועה, אשר אתם נשבעים היום לפני התורה, תחללו שס ה׳ בזדון ותמשכו עליכם עונש גדול אשר אין מפלס ומעצור לדרתותו. גם מוחרמים תהיו, מפני שמודיעים לכם חטאתכם ומזידין אתם.

וכל עונש מן שרי החיל עבור בלתי התמלאות את חוב העבודה (כפי השבועה) יהיה העונש אשר נשלח מן השמים, על ידיהם, על אשר עברתם על שבועתכם. (כמו שאמרו חז״ל, שמן השמים נענש צדקיהו המלך בחרב נבוזראדן רב טבחים על אשר חלל את השם בעברו על השבועה שנשבע לנבוכדנאצר מלך בבל)".

די שבועה, וואָס דער רעקרוט שווערט אין יידיש:

נוסח שבועה וואָש דער יידישער רעקרוט שווערט צו זיין איין זעלנער.

(דער רעקרוט זאָגט) „איך טוא שווערין בייא דעם לעבעדיגין גאָט ה׳ אלהי ישראל, אַז איך וויל און וועל דיהנען דעם רוסישין קיסר (קעניג פון פּאָלען) (און זיינער קייזערליכען האָהייט דעם גרויספירשטען צעסאַרזעוויטש אַלעקסאַנדער מיקאָלאַיעוויטש טראָן פאָלגער) און דעם קייזערליך רוסישן הערשאַפט, און וועל פאָלגין אַלס וואָס זייא וועלין מיר הייסין טון אין דער גאַנצֶר צייט וואָס איך וועל זיין איין זעלנער און וועל זיין אונטערטעניג דיא עלצטי פון דעם חיל און אויך גיטרייא אַזוי ווייא איך וואָלט מוזין דיהנען אין יודישין חיל צו בעשירמען אונזר הייליג לאַנד און דיא הייליגי תורה.

אין מיין סון ריידין דיזע שבועה בין איך זיא ניט משנה און ניט מבטל אין האַרצין נאָר איך טראַכט אַזוי וויא עס טראַכטין דיא. וואָס מיך פירין צו דער שבועה. איך האָב ניט גירעט און וועל ניט ריידין אַז איך שווער מיט דער דעה איך זאָל ניט האַלטין דיזי שבועה. אַכלל איך וועל ניט זוכען און וועל ניט אָן נעמין פון קיינעם איין עצה אָדער איין ספּאָסוב איך זאָל עפּיס עובר זיין פון דער שבועה

אַבער ווען איך וועל אַליין זינדיגין אָדער איך וועל מיך לאָזין פון וועמין אָן ריידין און וועל עפּיס עובר זיין פון דער שבועה וואָס איך טוא שווערין היינט צו דיהנען טרייא אין חיל, אַזוי זאָל איין אייביגער פלוך טרעפין מיין נפש און מיין גאַנצע משפחה מיט מיר בערירין אויף איי־ביג. אמן״.

דערזעלבער טעקסט אין העברעאיש:

„הריני נשבע בשם אל חי ה׳ אלהי ישראל שאני רוצה לעבוד ואעבוד את הקיסר רוסיה (מלך פולין) (ואת בכורו יורש העצר הוא הצעס. אלעקסאנדער מיקאל.) וממשלת רוסיה איך ומה שיצוה אותי בכל זמן עבודתי בהכנעה שלמה לפני שרי החיל וגם באמונה כאילו הייתי חייב לעבוד למען הצלת ארצנו ותורתנו הקדושה.

את דברי השבועה הזאת אין אני משנה ומבטל בלבי, רק אני נשבע על דעת המשביעים אותי. ואני מבטל כל מסירת מודעות שמסרתי או אמסור כדי לבטל שבועה ז׳. הכלל שחלילה לי בעצמי לבקש מאיש אחר שום תחבולה כדי לבטל שבועה ז׳.

אבל אם אחטא מעצמי או ע״י מסית ואעבור על השבועה אשר אני נשבע היום לעבוד באמונה עבודת בעל־מלחמה, תבוא מארת ה׳ על נפשי ותגע בי ובכל משפחתי עד עולם — אמן. (לויט אַן אַנדערן נוסח: אהיה מוחרם עם משפחתי בעולם הזה ובעולם הבא — אמן״).

28.

יידישע רעקרוטן, וואָס געפינען זיך אין וועג צום דינסט־אָרט, טאָרן ניט איינשטיין ביי יידן, נאָר ביי קריסטן (שטרענגער באַפעל). יידישע רעקרוטן ווערן אָפּגעשיקט אין באַזונדערע פּאַרטיעס, ניט צוזאַמען מיט קריסטן.

ב.

באַמערקונגען און דערקלערונגען צום געזעץ.

דאָס זענען די וויכטיקסטע און קאַרדינאַלסטע פונקטן פונם ספעציעלן מיליטער-געזעץ פאַר יידן און פונם בייגעלייגטן רעגולאַמין. ווען מיר וועלן פונקט אזוי גענוי באַטראַכטן דאָס געזעץ און דעם רעגולאַמין, וועלן מיר זען, אז דאָס איז געווען אַ מין שטראַף-סאַנקציע אָדער אויסבעסערונגס-מיטל אויף יידן. די רעגירונג האָט זיך באַמיט און געקליגט צו מאַכן דאָס געזעץ וואָס הארבער, וואָס אומדערטרעגלעכער, כדי זיין ווירקונג אויפן פאַרדאַרבענעם פאָלק זאָל זיין וואָס שטאַרקער. עפּעס מער אכזריותדיקעס, מער טייוולאַנישעס, מוז מען מודה זיין, האָט די רוסישע רעגירונג דעמאָלס נישט געקאָנט צוטראַכטן. מ׳האָט געוואָלט, פּשוט, פאַרמינדערן די צאָל יידן דורך פאַרפייניקן און אויסשמדן זיי. צו דעם צוועק האָט דאָס רעקרוטן-געזעץ געדאַרפט דינען.

דער פונקט 3 פונם געזעץ און פונקט 1 פונם רעגולאַמין באַשטימען פאַר יידן באַזונדערע נאָבאָרן און דינסט-פאַרשריפטן, פיל האַרבערע און שווערערע פון די געוויינלעכע, וואָס זענען געווען באַשטימט פאַר דער אַלגעמיינער קריסטלעכער באַפעלקערונג. אויך די לעצטע זענען געווען גענוג שווערע און גרויזאַמע אין רוסלאַנד. מיר האָבן זיך אין דעם איבערצייגט פון די ציטירטע אָפּרופן פון די רוסישע זכרונות-שרייבער. פאַר יידן וואָלטן זיי געווען, לויט ניקאָלייס איינזעען, צו מילדע. פאַר זיי איז געשאַפן געוואָרן אַ באַזונדערס שווערער רעגולאַמין. און בפירוש ווערט געזאָגט: קוים געפינען זיך די אַלגעמיינע פאַרשריפטן אין אַ סתירה צו די ספעציעל-יידישע, האָבן זיי שוין קיין קראַפט נישט אין באַצוג צו יידן. מ׳האָט זיך באַוואָרנט, אז אויך אין דער צוקונפט זאָל דער יידישער שטראַף-רעגולאַמין נישט אָנגערירט ווערן דורך אַן אַלגעמיינעם באַפעל.

די באַמערקונג, וואָס קומט צו צום געזעץ, וועגן דער טובה, וואָס יידן וועלן אַרויסטראָגן פון מיליטער-דינסט דורך דערהערבן זייך פעאיקייטן, וואָס וועלן זיי שפּעטער מיטהעלפן צום אויפבליען פון זייער ווירטשאַפט, איז אַ געמיינע צביעות און אַ ביטערער סאַרקאַזם. גלייך ווי דעם סאָלדאַט וואָלט נאָך געבליבן לאַנג צו לעבן נאָכן אויסדינען 25 יאָר. וויפל פון די

יידישע סאלדאטן האבן זיך בכלל אומגעקערט אין זייערע פריערדיקע וואוינערטער? מ׳האט געוואלט דערמיט פארמאסקירן די שרעקלעכע עולה, וואס מ׳איז באגאנגען לגבי די שוצלאזע יידן, פארשטעלנדיק עס כלומרשט אלס זייער טובה.

דער פונקט 2 אנטהאלט א שווערע באגרענעצונג פאר יידן. אויך דעמאלס, ווען דער אלגעמיינער באפעלקערונג איז דערלויבט געווארן אריינצוטראגן געלט אנשטאט רעקרוטן, איז עס יידן פאקטיש געווען אוממעגלעך, ווייל ביי יידן איז עס געווען אפהענגיק פון דעם, צי קהל איז שולדן-ריין; אפילו פריוואטע חובות און אפילו קיין געלט-משפט טאר ער נישט האבן. און וועלכער קהל איז נישט געווען שולדיק שטייערן? יידן האבן אלזא קיינמאל נישט געקאנט באפרייט ווערן פון צושטעלן רעקרוטן אין נאטור. אין דעם איז אויך צו זעען א גרויסע ביזוויליקייט מצד דער רעגירונג.

דער שווערסטער פונקט פונם געזעץ, וואס האט עס פארוואנדלט אין א צווייטער אינקוויזיציע, איז דער 3-טער פונם רעגולאמין, וואס זאגט, אז יידישע רעקרוטן דארפן זיין אין עלטער פון 12 ביז 25 יאר. אין רערדאזיקער באשטימונג ליגט דער טראגיזם און שווערער פונם געזעץ. זי האט געגעבן דעם קהל די מעגלעכקייט ארויסצורייסן יינגינקע זיבן-אכט-יעריקע קינדער פון די מאמעס שויסן, מ׳זאל זיי פאריאגן אין די ווייטסטע אזיאטיש-רוסישע גובערניעס, כדי צו באזייען די ברייטע רוסישע ערד מיט זייערע שוואכע גופימלעך, אדער כדי פארפייניקט און אפגעשמדט צו ווערן דורך ווילדע שכורע סאלדאטן-דערציער. דער צייט-עלטער פאר רוסישע רעקרוטן איז געווען פון 20 ביז 35 יאר. בלויז פאר יידן האט מען געמאכט אן אויסנאם און מ׳האט דערלויבט צוצושטעלן קליינע קינדער, גלייך ווי מ׳וואלט דערמיט געוואלט טון יידן א טובה: אויב איר קענט נישט אדער ווילט נישט געבן קיין דערוואקסענע, גיט אונז קליינע קינדער; באין ברירה וועלן מיר זיך אויך מיט זיי צופרידנשטעלן. אין אמתן איז די רעגירונג געווען פאראינטערעסירט צו באקומען וואס מער קינדער, ווייל זי האט געוואוסט, אז מיט קינדער וועט עס איר פיל לייכטער אנקומען צו מאכן זיי פאר קריסטן. און צוליב פארשידענע סבות האט קהל מיט א ברייטער האנט גענאסן פון דערדאזיקער דערלויבניש און מ׳האט צוגעשטעלט קינדער, נישט רעכענענדיק זיך אפילו מיט דעם פארגעשריבענעם 12-יעריקן עלטער. מ׳האט גענומען אויך 7–8-יעריקע. און ווי מאנכע מעמוארן-שרייבער (צ. ב. קאטיק) דערציילן, האט מען געכאפט אויך 5–6-יעריקע. א געבורטס,

שיין האָט זעלטן ווען אַ יידיש קינד געהאַט. לויטן געזעץ האָט מען אַזעלכע קינדער געשאַצט און באַשטימט זייער עלטער אין רעקרוטן־אַמט אָדער לויט אַ גבית־עדות. קהל האָט שטענדיק געפונען אַזעלכע עדות*) און האָט אויך איבערגעקויפט די באַאַמטע: אַזוי, אַז אַלע געכאַפּטע קינדער, אויך די יינגסטע, זענען אַנגעגאַנגען פאַר 12־יעריקע.

דער פּונקט 4, וואָס זאָגט, אַז יינגע רעקרוטן פון 12 ביז 18 יאָר ווערן באַטראַכט נישט לויט די אַלגעמיינע כללים. נאָר קוים האָבן זיי נישט קיין אָנזעעוודיקן פעלער אָדער קראַנקהייט, זענען זיי שוין אָננעמבאַר פאַר רעקרוטן — האָט אויך מיטגעווירקט דערצו, אַז קהל זאָל אָפּגעבן וואָס מער מינדעריעריקע. עלטערע פון 18 יאָר האָבן לייכט געקאָנט פאַרבראַקירט ווערן, ווייל פיזיש־געזונטע יידן זענען דעמאָלסט געווען ווייניק. די פריע חתונות און דאָס אָרעמע געטאָ־לעבן האָבן אָפּגעשוואַכט דעם ייד. עלטערע האָבן זיך אויך געמאַכט פאַרשידענע פעלערס. אינם פאַל פון אויסבראַקירן רעקרוטן האָט קהל געהאַט גרויסע קאָפּ־דרייעניש, ווייל אין משך פון 3 טעג האָט ער געמוזט צושטעלן אויף זייער אָרט אַנדערע קאַנדידאַטן. דאָס איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. דאַגעגן ביים אָפּגעבן קליינע קינדער און מינדעריעריקע איז נישט געווען קיין מורא פאַר זייער אויסבראַקירן.

די פּונקטן 6, 7 און 8 געהערן אויך צו די שווערסטע, ווייל זיי האָבן אַרויפגעלייגט אויפן קהל די פליכט פון אויספילן דורך יידן מיליטער־דינסט און אויך די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער פּינקטלעכער דורכפירונג פון דער זאַך. די רעגירונג האָט בעניצט די יידישע קהלה־פאַרשטייער. זיי זאָלן ווערן די מערדער פון זייערע אייגענע קלענערע און דערוואַקסענע ברידער. ווילנדיק נישט ווילנדיק האָט קהל געמוזט נעמען אויף זיך די דאָזיקע אַכזריותדיקע אויפגאַבע. אַזוי ווי מיטן אייגענעם ווילן האָט זיך קיינער נישט צוגעשטעלט, האָט קהל געמוזט דינגען מענטשן און אויפזוכן די יעניקע. וועלכע קהל האָט אָנגעמערקט פאַר די קרבנות פון רוסישן מולך. אַזוי אַרום איז באַשאַפן געוואָרן די אינסטיטוציע פון יידישע כאַפּערס.

---

*) דער רוסישער בעלעטריסט נ. לעסקאָוו דערציילט, אַז אין תחום האָבן געהאַנדלט שיקעס יידישע שווערער. זייער גאַנצע באַשעפטיקונג איז געווען צו גיין פון קהלה צו קהלה און צו פרעגן, צי עס איז נישטאָ פאַר זיי קיין אַרבעט, ד. ה. צו שטערן אין די רעקרוטן־אַמטן פאַר געכאַפּטע קליינע קינדער, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געבורטס־שיינען.

וועלכע האָבן אין משך פון קרוב 50 יאָר (ערשט אינם יאָר 1874, ווען עס איז איינגעפירט געוואָרן אַלגעמיינע פּערסאָנאַלע מיליטער-פליכט, איז די כאַפּעריי בטל געוואָרן) געלויערט אויף **יידישע קינדער און יינגע לייט ווי אַ מלאך-המות און האָבן אַזויפיל שרעק, צער, פאַרצווייפלונג און אומעט פאַרשפּרייט איבערן יידישן תחום.**

דער קהל האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אכזריותדיקער און האַרצלאָזער האַנדלונג אַנטקעגן די אָרעמע און נישט מיוחסימדיקע קינדער פון פאָלק, פון צווישן וועלכע ער האָט זיך שטענדיק אויסגעזוכט זיינע קרבנות. ער איז דערפאַר פאַרשאָלטן געוואָרן פון אַלע פאַראומגליקטע קינדער, מאַמעס און טאַטעס, און אויך פון די אַלע, וואָס האָבן געהאַט אַ מענטשלעכן פונק אין האַרץ. אויך די העברעאיש-יידישע משכילישע ליטעראַטור האָט זיך מיטן קהל גענוג אָפּגערעכנט. ער איז דורך איר געמאָלט געוואָרן אין די שוואַרצסטע פאַרבן. איך בין ווייט פון וועלן מלמד-זכות זיין אויפן פאַרהאַסטן און פאַראורטיילטן קהל. פון דער צווייטער זייט מוז מען אָבער נעמען אין אַכט אויך די אויסגאַנגסלאָזע לאַגע, אין וועלכער קהל האָט זיך געפונען: ער האָט געמוזט אָן יעדן תירוץ געבן רעקרוטן. ער האָט געמוזט טויטן אין זיך יעדעס מענטשלעך געפיל און פאַרשטיינערן דאָס האַרץ. אויב נישט — קומען סאַנקציעס און קהל גייט אויף קאַטאָרגע! וואָס פאַר אַ מעפיסטאָפילישער געדאַנק איז דאָס געווען מצד דער רעגירונג אַרויפצוואַרפן דעם עול פון צושטעלן רעקרוטן אויפן קהל! דאָס, וואָס אַ רוסישער באַאַמטער וואָלט אפשר נישט געהאַט קיין האַרץ צו טון, האָט מען גענייט ראַצו די יידן: זייט איר אַליין די כאַפּערס פון די קליינע עופעלעך!

האָבן זיך טאַקע די בעסטע און איידלסטע יידן באַזייטיקט פון דער קהלה-פירונג; זיי האָבן דאָס נישט געקאָנט מיטמאַכן. אַ יידישער קהל-מאַן האָט געקאָנט זיין — ווי עס דריקט זיך אויס דער רוסיש-יידישער שרייבער יוסף ראַבינאָוויטש (אין זיין דערציילונג „דער באַשטראַפטער") — אָדער אַ קדוש אָדער... אַ רוצח; קיין מיטל-פונקט איז נישט געווען. קיין סך קדושים האָבן זיך נישט געפונען. געבליבן זענען אין שפּיץ פון די קהלות האַרצלאָזע מענטשן, רוצחים. פון זיי איז, נאַטירלעך, שווער געווען צו פאָדערן, זיי זאָלן אין דעם גרויסן אומגליק זיין, לכל הפחות, גערעכטיק אין אַ גלייכער מאָס צו אַלע קלאַסן יידן. **זיי האָבן געשוינט די רייכע, די פאָרנעמע,**

די לומדיש-רבנישע קינדער און דערגלייכן — און האָבן די גאַנצע משא פון רעקרוטשינע אַרויפגעוואָרפן אויף די אָרעמע און שוואַכע, שוצלאָזע און פאַרלאָזטע יידישע פאָלקס-מאַסן. דערפון האָט זיך גענומען די פאַרביסנקייט און שטאַרקער האַס קעגן קהל.

אין די פונקטן 9—10 זענען פאַרגעזען שווערע סאַנקציעס פאַר נישט צושטעלן צי דער צייט די געהעריקע צאָל רעקרוטן-קאַנדידאַטן און די געהעריקע אָפצאָל-געלטער. אין אַזאַ פאַל נעמט די רעגירונג אַליין רעקרוטן און געלט דורך אַן עקזעקוציע, ד. ה. זי כאַפּט אויף מענטשן אין די גאַסן און פאַרשיקט קיין סיביר, אָדער נעמט צו פאַר סאָלדאַטן אויסער השבון די פאַרטרויאונגס-מענער פון קהל, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט די רעקרוטן-ענינים. די דאָזיקע שטראָפן זענען געווען פולקאָם אינם גייסט פון רוסישן סיסטראַפ.

פונקט 11 גיט רעכט דעם קהל אָפצוגעבן יעדן איינציקן ייד פאַר אַ סאָלדאַט צוליב עפעס אַ חטא, אָדער ווען ער האָט סתם מיט וואָס עס איז נישט נושא-חן געווען אין די אויגן פון די קהל-תקיפים. קהל פלעגט זיך מיט דעם רעכט באַנוצן. אַזוי דערציילט דער רוסיש-יידישער שרייבער באָגראָוו (אין זיין באַרימטן ראָמאַן: „נאָטיצן פון אַ ייד"), אַז זיין פאָטער איז געהאַט געווען פאַרמשפט דורך קהל אָפגעגעבן צו ווערן פאַר אַ סאָלדאַט צוליב אַ פגם אין פרומקייט. דורך אַ נס איז ער דערפון ניצול געוואָרן. אויך דעם העבּרעאישן שרייבער און חובבי-ציון משה לייב לילענבלום האָט דער ווילקאָמירער קהל געוואָלט אָפגעבן פאַר אַ סאָלדאַט, ווייל ער האָט געפאָדערט אין אַן אַרטיקל אין ה„מליץ" (1868), אַז די רבנים זאָלן אַ ביסל רעפאָרמירן און לייכטער מאַכן דעם „שלחן-ערוך".

אָט איז אַ בייספּיל פון אַזאַ קהל-משפט (פאַרעפנטלעכט אין „מינסקער צייטשריפט"):

„5 אָקטאָבער 1840. אויפן באַפעל פון זיין קייזערלעכער הויכקייט.

די מינסקער קהל-באַפולמעכטיקטע האָבן, אויפן סמך פון דעם אורטייל פון 30-טן מאַי, באַשטעטיקט דורך דער שטאָט-דומע דעם 26-טן יוני, געמשפט דעם מינסקער בירגער איצעק בן נטע קאָנסאָראָוויטש, וואָס איז אייגנוויליק אַנטלאָפן פאַר דעם קינפטיקן נאַבאָר.

אויף דער ביטע פון זיין פאָטער איז ער געוואָרן אַרויסגעפאָדערט פון שטעטל לובענין, פּאָלטאַווער קרייז, און איז געוואָרן צוגעשטעלט מיטן עטאַפּ

אונטער א קאנוווי. – כדי אים אוממעגלעך צו מאכן צו אנטלויפן אויפסניי, און אויך פאר נישט זיין אונטערשטעניק דער פאטערלעכער מאכט, האט דער פאטער אויסגעדריקט זיין פארלאנג אפצוגעבן דעם זון פאר א רעקרוט אויפן חשבון פון די שפעטערדיקע נאבארן, בעת וועלכע זיין פאמיליע וועט שוין זיין מחויב צוצושטעלן א רעקרוט, הגם זי באשטייט בלויז פון דעם 24-יעריקן איצעק און א קלענערן ברודער משה, 12 יאר אלט, ווייל שוין בשעתן נאבאר פון 1840 האבן אזעלכע פאמיליעס אנגעהערט צו דער ריי. דעריבער האט מען פארמשפט איצעק קאנטאראוויטש פאר אייגנוויליק פארלאזן די שטאט, כאטש ער האט געהערט צו די ריי-פאמיליעס און אויך. כדי ער זאל נישט קענען ווידער פארלאזן די שטאט ביים קינפטיקן נאבאר. און לויטן פארלאנג פון זיין פאטער – אפצוגעבן שוין היינט פאר א רעקרוט אויפן חשבון פונם שפעטערדיקן נאבאר. – דער גזר-דין דארף ווערן איבערגעגעבן דעם קהל צום באשטעטיקן און אפגעשיקט צו ווערן ווייטער ווו מ׳דארף.

אונטערגעשריבן: די קהל-באפולמעכטיקטע אין צאל פון 25 מאן״.

פונקט 12 באשטימט, אז יידן ווערן אריינגעטראגן אין ריי-ביכער און געבן רעקרוטן לויט דער ריי. דאס האט אין דער פראקטיק געזאלט הייסן, אז די פאמיליעס, וואס האבן א גרעסערע צאל מאנספילן, געבן א רעקרוט פריער; די, וואס האבן ווייניקער – שפעטער. די קהל-לייט האבן אבער שטענדיק אזוי מאניפולירט מיט דעם ריי-בוך, אז יתומים און, בכלל, ארעמע פאמיליעס האבן כסדר געהערט צו דער ריי און האבן געמוזט צושטעלן רעקרוטן; דאקעגן די רייכע און מיוחסימדיקע זענען געבליבן אין דרויסן. ד. ה. אויסער דער ריי. געמאכט האבן זיי דאס דורך צונויפגיסן אינם ריי-בוך עטלעכע קליינע פאמיליעס אין איין גרויסער. וואס איז שוין געווען מחויב צו געבן רעקרוטן. דאקעגן די פאמיליעס, וועלכע קהל האט געוואלט באפרייען, האט זי זיי צוטיילט, פארקלענערט אזוי, אז די ריי איז קיינמאל צו זיי נישט צוגעקומען. אויסערדעם האט קהל געהאט נאך פארשידענע מיטלען, ווי אזוי צו באפרייען די פראטעזשירטע עלעמענטן און פארקערט. בכלל איז קהל געווען אומבאגרענעצט אינם רעכט און מעגלעכקייט פון צוציען די אדער יענע פאמיליע צו מיליטער-פליכט. דער גורל פון יעדער פאמיליע איז געווען אפהענגיק פון דער גוטער אדער שלעכטער באציאונג צו איר מצד דעם קהל.

פונקט 16 אנטהאלט אויך א שווערע באגרענעצונג פאר יידן. אין יענע צייטן פלעגט מען זיך א סאך באנוצן מיט קויפן פרייוויליקע, וועלכע פלעגן

פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל גיין אין מיליטער און באַפרייען די פאַמיליע, וואָס האָט געדאַרפט געבן אַ רעקרוט.

פאַר יידן זענען געוואָרן איינגעפירט אַ ריי באַגרענעצונגען: דער פרייוויליקער מוז געהערן צו דער זעלבער קהלה, וואָס דער רעקרוט; דעם פרייוויליקערס פאַמיליע מוז שוין האָבן דערפילט מיליטער-פליכט; דער פרייוויליקער מוז זיין דווקא אַ ייד.

די אַלע באַגרענעצונגען האָבן שטאַרק באַשווערט דאָס צושטעלן פרייוויליקע דורך יידן.

די שטראָפן פאַר אויסבאַהאַלטן זיך פון מיליטער אָדער פאַר מאַכן זיך אַ פעלער זענען אויסערגעוויינלעך שווערע; אַזעלכע ווערן צוגענומען פאַר זעלנער אויסערן חשבון און פון דער פאַמיליע ווערט גענומען אַ יינגל פון 12 יאָר. אויב זיי זענען נישט פעאיק צו מיליטער-דינסט, ווערן זיי פאַרשיקט אויף קאַטאָרגע קיין סיביר (§ 19).

פונקט 21 זאָגט: יידישע קינדער-רעקרוטן ווערן אָפּגעגעבן אין די קאַנטאָניסטן-שולן אָדער קאַנטאָניסטן-באַטאַליאָנען. דאָ מוזן מיר זיך קלאָר מאַכן, וואָס דאָס איז אַזוינס געווען דער קאַנטאָניסטן-באַטאַליאָן, פון ווען אָן האָבן די אַנשטאַלטן עקזיסטירט און ווי אַזוי האָבן זיי אויסגעזען. דאָס וואָרט „קאַנטאָניסט“ שטאַמט פון דייטשישן און באַדייט: אַ יינגער סאָלדאַט, וואָס איז געוואָרן אָפּגעגעבן אין מיליטער אַלס אָרעמער יינגל אָדער יתום און איז געוואָרן דאָרטן דערצויגן. די קאַנטאָניסטן-אַנשטאַלטן זענען געגרינדעט געוואָרן אינעם יאָר 1725 דורך פיאָטר דעם גרויסן. די נויטווענדיקייט פון אַזעלכע אַנשטאַלטן איז אַרויסגעפלאָסן פון די ספּעציפישע לעבנס-באַדינגונגען פונעם רוסישן זעלנער. ער האָט געדינט דאָס גאַנצע לעבן. ער האָט געהאַט ביי זיך די פרוי. די מלוכה האָט זיך געזען פאַרפליכטעט צו שפייזן און דערציען די קינדער, וועלכע זענען געבוירן געוואָרן ביי פאַטערס-סאָלדאַטן. די ערשטע קאַנטאָניסטן-אַנשטאַלטן זענען טאַקי געגרינדעט געוואָרן ביי די פּאָלקן. דערציענדיק די קינדער האָט זיי די מלוכה באַטראַכט פאַר איר אייגנטום און זיי זענען שפּעטער, אויפוואַקסנדיק, געוואָרן אויטאָמאַטיש זעלנער. מיט דער צייט איז געוואָרן איינגעפירט, אַז יעדע סאָלדאַטן-פרוי איז געווען מחויב לויטן געזעץ צו פאַרשרייבן איר נייגעבוירן יינגעלע אין די קאַנטאָניסטן-רעעסטערס. אין די ערשטע עטלעכע יאָר פלעגט זי באַקומען אַ געוויסע שטיצע פון דער מלוכה אויף צו דערציען דאָס קינד. דערנאָך האָט זי עס געמוזט אָפּגעבן אין

דער קאַנטאָניסטן-אַנשטאַלט. אַזוי האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע, אַז די קינדער פון מענטשן געפּלעכט פון אַ רוסישן סאָלדאַט זענען געוואָרן אויטאָמאַטיש, כסדר, דור איין דור אויס, דאָס אייגנטום פון דער מלוכה. דער סאָלדאַט האָט אויף אַזאַ אופן געהאַט צו דערפילן אַ טאָפּלטע אויפגאַבע: אָפּצוגעבן דער מלוכה זיינע כוחות ביז אין די אַלטע יאָרן און אויך צוצושטעלן איר פרישע יינגע זעלנער. זיין לאַגע איז געווען אַן ענלעכע צו דער פון די קנעכט אינם אַלטערטום און פון די נעגערס אין די נייערע צייטן. זיין חוב איז געווען צו מערן זיך. די קינדער אָבער האָבן צו אים נישט אָנגעהערט: נישט ער איז געווען דער באַלעבאָס איבער זיי, נאָר די מלוכה, ד. ה. די מיליטער-מאַכט, די אַרמיי.

אין די קאַנטאָניסטן-באַטאַליאָנען האָט געהערשט אַ רויע, שווערע און דריקנדע אַטמאָספער. די יינגע קינדער זענען געוואָרן אויפגעצויגן דורך סאַדיסטן-שכורים אונטער אומאויפהערלעכע שטראָפן פון ריטער, שמיץ, שטעקנס און אַנדערע ווילדע פּייניגונגס-מיטלען. עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, וואָס פאַרע מענטשן די דאָזיקע יונגנטלעכע קאַזאַרמע האָט אַרויסגעגעבן. זי איז טאַקי געווען שטאַרק פאַרפּיינט אין פאָלק. וועגן רעזשים און קולטורעלן ניוואָ, וואָס האָבן געהערשט אין די קאַנטאָניסטישע קאַזאַרמעס, דערציילט אונז איינער, א. מ. קרעטשמער, וואָס האָט אַליין דורכגעמאַכט די דאָזיקע אייגנאַרטיקע שול, פאָלגנדעס:

„דאָס וואָרט „קאַנטאָניסט“ איז געווען אַ זידל-וואָרט. זיין אַ קאַנטאָניסט האָט באַדייט אויב נישט עפּעס ערגערס, איז אַלענפאַלס נישט בעסערס, ווי זיין אַן אַרעסטאַנט. ווען מ'וואָלט מיר פאָרגעלייגט באַשטראָפט צו ווער פאַר עפּעס אַן עבירה מיט קאַטאָרגע אָדער מיט אָפּגעבן מיך אין די קאַנטאָניסטן, וואָלט איך באַשטימט אויסגעקליבן דאָס ערשטע. אָנהייבנדיק פון די קאַפּראַלן, יעפרייטאָרס, ביזן ראָטנעם קאָמאַנדיר, זענען אַלע געווען הויטשינדער; יעדער פון זיי האָט געפילט אַ באַזונדער פאַרגעניגן צו באַשטראָפן מיט דער זעלבער האַרטקייט שולדיקע ווי אומשולדיקע. דער רעזשים אין די קאַנטאָניסטן-אַנשטאַלטן איז געווען ענלעך צו די אינקוויזיציע-פּייניגונגען פון מיטלאַלטער. אַ גרויסער טייל פון באַטאַליאָן האָט זיך פון די שמיץ אַריבערגעטראָגן אויף יענער וועלט“.

דער זעלבער אויטאָר אילוסטרירט מיט פאָלגנדער סצענע די באַציאונג פון נאַטשאַלסטוואָ צו די קאַנטאָניסטן:

„הער נאָר, טייבעלע, — רופט זיך אָפּ געוויינלעך דער אָפיציר — ווי

אַזוי ווילסטו זאָל איך דיך שמייסן? זאָל איך דיר געבן 150 אָדער נאָר 50 שמיץ מיטן באַדינג, אַז דו אַליין זאָלסט ציילן נישט איבעררייסנדיק? אויב דו וועסט אויפהערן צו ציילן, וועט זיך דער חשבון אָנהייבן אויפסניי. וואָס שווייגסטו? זאָג, טייבעלע, וואָס ווילסטו?"

דער קאַנטאָניסט הייבט אָן צו וויינען, צו בעטן און צו שווערן ביי גאָט, אַז ער איז נישט שולדיק. אָבער דאָס העלפט נישט. דער סאַדיסטישער אָפיציר לאָזט נישט אָפּ. ער נייט דעם יונגן קאַנטאָניסט צו געבן אַן ענטפער אויף וואָס ער באַשטייט: 50 מיט אַן אייגענעם חשבון אָדער 150 אָן אַן אייגענעם חשבון. דער אומגליקלעכער קרבן ווייסט נישט אויף וואָס ער זאָל זיך באַשליסן, ווייל פון דער דערפאַרונג ווייסט ער, אַז קיינער האַלט נישט אויס און ברעכט איבער דאָס ציילן מיט געוויינען און געשרייען; באַקומט אַלזאָ אַנשטאָט 50—200 און 300. ער ענטפערט נישט. דער פאַלשער און כיטרער אָפיציר רעדט זיך צו מיט אַ זיסלעכן קול: — „באַשטיי, טייבעלע, אויף 50. איך ראָט דיר אַלס גוטער פריינט".

נאָך אַ האַלבער שעה וואַקלען זיך באַשטייט דער אומגליקלעכער קאַנטאָניסט אויף 50 און אָן אייגענעם חשבון. דאָ הייבט זיך ערשט אָן דאָס אמתע פאַרגניגן פאַרן מערדערלעכן אָפיציר. די ערשטע שמיץ ציילט נאָך דער קרבן, אָבער איידער ער קומט צו צו 10 — הייבט ער אָן יאָמערלעך צו שרייען און צו בעטן רחמים. דער אָפיציר לאַכט ביז צום צוזעצן און אַלץ הייבט זיך אָן פון דאָסניי. די שפּיל חזרט זיך איבער נאָך עטלעכע מאָל און יעדעס מאָל ברעכט אויס דער סייוולשער געלעכטער פונם אָפיצירמערדער".

רוסישע קוועלן דערציילן אונז, אַז רוסישע סאָלדאַטן-פרויען פלעגן אין די העכערע חדשים פון שוואַנגערשאַפט אַנטלויפן אין די וועלדער און אַנדערע ווייטע דערפער און פלעגן דאָס ניי-געבוירענע קינד לאַנג אויסבאַהאַלטן, אָדער פאַרשרייבן עס אויף אַ פרעמדן נאָמען, אָדער אַלס אומלעגאַל קינד, ד. ה. אַלס קינד פון אַן אומבאַוווּסטן פאָטער, כדי אָפּצוראַטעווען עס אויף אַזאַ אופן פון די קאַנטאָניסטן. דערביי איז די עלטערן און קרובים פון די רוסישע קאַנטאָניסטן-קינדער דערלויבט געווען (לויטן באַפעל פון 6/7 1828) צו האַלטן זיי ביי זיך ביז 16—20 יאָר און דאַן אָפּצוגעבן גלייך אין די פּאָלקן, ווו די באַציאונגען זענען געווען אין פאַרגלייך מיט די קאַנטאָניסטן-באַטאַליאָנען פיל בעסערע. יידן, דאַקעגן, איז דאָס קיינמאָל נישט געוואָרן דערלויבט. ביי יידן האָט מען צוגענומען די

קליינע קינדער און זיי אָפּגעגעבן אין די קאַזאַרמעס צו די מערדערישע דערציער, וועלכע האָבן נאָך אָנגעווענדעט פאַרשידענע אינקוויזיטאָרישע מיטלען כדי אָפּצושמדן זיי. אַזוי האָט דאָס יידישע קינד געהאַט אויסצושטיין פיזישע און גייסטיקע יסורים הונדערט מאָל מער ווי דאָס רוסישע, וועלכעס האָט נישט געדאַרפט טוישן נישט די שפּראַך, נישט דעם גלויבן און בכלל די סביבה-קולטור.

אויב אין די קאַנטאָניסטן-באַטאַליאָנען איז נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר אַלע צוגעשיקטע קינדער, פלעגט מען די איבערגעבליבענע אָפּגעבן צו די פויערן אָדער האַנטווערקער אויף אַרבעט. אַ סאַך יידישע קינדער האָט טאַקי געטראָפן אַזאַ גורל. זייער לאַגע איז דורכדעם נישט געווען קיין בעסערע, ווייל זיי זענען געווען אויסגעשטעלט אויף די פאַרשידנסטע באַליידיגונגען און קאַפּריזן פונם רוסישן פּרימיטיוון, האַלב-ווילדן פויער אָדער בעל-מלאכה. זיי זענען אויך געוואָרן אויסגענוצט און באַלאַסטעט מיט דער שווערסטער פעלד-און דאָרפס-אַרבעט, צו וועלכער דאָס יידישע שוואַכע שטאָט-קינד איז נישט געווען צוגעוווינט און פעאיק. *)

קאַנטאָניסטישע באַטאַליאָנען האָבן עקזיסטירט אין די פאָלגנדע שטעט: נאָווגאָראָד, סמאָלענסק, וואָראָניעזש, סימבירסק, אָרענבורג, טראָיצק, ווערכני-אוראַלסק, אָמסק, פּעטראָווסק, סאַבאַלסק, קראַסנאָיאַרסק, אירקוטסק, סעמיפּאַלאַטינסק, קאַזאַן, פּענזאַ און נאָך אַנדערע ערטער. אין אַזעלכע ווייטע ווינקלען פון אַזיאַטישן רוסלאַנד (סיביר) האָט מען געיאָגט צענער טויזנטע יידישע קינדער פון תחום אויף טויט און שמד. עס איז נישט קיין וווּנדער, וואָס דאָס יידישע הארץ האָט אויפגעציטערט בלויז ביים געדאַנק וועגן נעמען צום מיליטער, כאָטש מ׳האָט נאָך נישט געוווּסט, ווי אומגעהייער שרעקלעך די ווירקלעכקייט וועט אויסזען.

שווערע שטראָפן זענען פאַרגעזען פאַר די, וואָס העלפן מיט אַ רעקרוט צו אַנטלויפן אָדער האַלטן אים אויס, מעג זיין, די קורצעסטע צייט. זיי ווערן צוגענומען פאַר רעקרוטן אויסערן חשבון אָדער ווערן פאַרשיקט קיין סיביר אויף קאַטאָרגע. פון קהל ווערט נאָך אויסערדעם אויפגעמאָנט 1000 רובל שטראָף (§ 22). פאַר העלפן כאַפּן אַן אַנטלאָפענעם מיליטער-מאַן פּאַ-

---

*) יהודה שטיינבערג שילדערט אין זיין געלונגענער דערציילונג „בימים ההם" (איבערזעצט אויך אין יידיש) דאָס לעבן פון די יידישע קאַנטאָניסטן אין דאָרף.

קומט מען פון דער מלוכה-קאסע 100 רובל אלס באלוינונג. דאָס האָט געשאפן א גוס פעלד פאר כלערליי מוסרים און אויסוואורפן.

די מעמוארן-שרייבערין פאאולין וועגגעראָוו דערציילט, אז דערדאָזיקער מין מוסרים איז געווען שטאַרק פארשפרייט אין די יידישע שטעטלעך.

ווי אומדאַנקבאר די מלוכה איז געווען לגבי דעם יידישן זעלנער און ווי ווייניק דער לעצטער האט געהאט צו דערווארטן פון איר פאר זיין שווערן איבערמענטשלעכן דינסט! אפילו צו קיין אונטעראָפיציר-ראנג האָט ער נישט געקאָנט דערגרייכן. בכלל קיין שום אוואנסירן. און ווען דער יידישער סאָלדאט האָט פארגאָסן זיין בלוט אין קריג פארן „קייזער און פאטערלאנד“, האט ער דערפאַר געהאט דאָס גליק, אז... זיין טאט זאל ווערן צוגעטראָגן צום וויסן פון קייזער. און אויך נישט יעדערער און נישט שטענדיק האָט געהאט דאָסדאָזיקע גליק. ער האָט געמוזט האָבן א גוטע אויפפירונג און א טאדללאָזן דינסט (§ 24). קיין גרעסערע באלוינונג האָט ער נישט געקאָנט דערוואַרטן.

נאָכן אויסדינען 25 יאָר קאָן א יידישער סאָלדאט אָנגענומען ווערן אויף בירגערלעכן אדמיניסטראטיוון דינסט. ד. ה. ער קאָן ווערן א שרייבער אין א מאגיסטראט אָדער אנדערשוו. טאָמער האט ער אָפּגעדינט 24 יאָר און עס פעלט אים 1 יאָר דינסט, איז ער שוין פסול צו ווערן א שרייבער, סיידן ער שמדט זיך (§ 25).

ווידער א באווייז, ווי שטארק ניקאָליי האט געשטרעבט יידן אויסצושמדן.

דער יידישער סאָלדאט האט אויך נישט געהאט קיין רעכט צו בלייבן וווינען אויפן אָרט, וווּ ער האט אָפּגעדינט מער ווי א האלב לעבן. נאָכן אָפּדינען פון 25 ביז 30 יאָר פארלירט ער דאָס רעכט צו וווינען אויסערן תחום און מוז צוריקפאָרן אין שטעטל, פון וואַנען ער איז געקומען, הגם ער האָט שוין נישט צו וועמען און צו וואָס צו פאָרן. אין ניקאָלייס צייטן האָבן יידישע סאָלדאטן נישט געהאט דאָס רעכט צו בלייבן וווינען אין רוסלאנד. ערשט אין אלעקסאנדער דעם 2-טנס צייטן (1867) איז זיי דאָסדאָזיקע רעכט געוואָרן געגעבן און פון דידאָזיקע אויסגעדינטע א. ג. ניקאָלייעווער סאָלדאָטן זענען שפּעטער באשטאנען כמעט אלע יידישע קהלות אין די שטעט פון אינערלעכן רוסלאנד, וווּ יידן איז געווען פארווערט צו וווינען.

מיט וואָס פארא אומצוטרוי די רוסישע רעגירונג האָט זיך באצויגן צו יידן, מיט וואָס פארא אָבסורדאלן אָבערגלויבן און צביעות זי איז געווען דורכגעדרונגען איז צו זען פון די שבועות, נדרים און מוסר-דרשות, וועלכע זי האָט ארויפגעלייגט אויף דעם רעקרוט, די רבנים און דעם קהל. די

רעגירונג האט געפילט און געוואוסט, אז דאס מיליטער-געזעץ איז א שרעקלעכע שטראף פאר יידן, אז עס איז נעגן זייער נאטור און יעדער עלעמענטארער מענטשלעכקייט. זי האט פאראויסגעזעען, אז יידן וועלן זיך מוזן געגנשטעלן דעם בארבארישן קארעקס און וועלן אנווענדן אלע מעגלעכקייטן, כדי אים אויסצומיידן. האט די רעגירונג אין איר רשעות, ווילדקייט און פאנאטיזם געגלייבט צו קענען בינדן דעם יידישן קרבן דורך א צערעמאניאלע שבועה און פריידיג. ווי קאמיש עס זענען די פארשריפטן פון דער שבועה. ווי שטארק די רעגירונג זארגט פאר דער כשרקייט פון די ספרי-תורות, פאר די ליכט און אנדערע איינצלהייטן, וואס דארפן מאכן די שבועה פייערלעכער און הייליקער. דאס אלץ, האט די רעגירונג געגלייבט, וועט צווינגען דעם ייד צו טראגן דעם קרייץ, וואס איז געגן זיין נאטור און מעגלעכקייט. ווי מיסטרויאיש די רעגירונג איז אויך געווען אין באצוג צו די רבנים! רוסישע באאמטע קאנטראלירן דעם העברעאישן טעקסט פון דער שבועה, וואס דער רב לייענט!

צוליב דעם זעלבן טעם, ד. ה. צוליב דעם אומצוטרוי צו יידן האט מען נישט דערלויבט יידישע רעקרוטן אויפצוהאלטן זיך אויפן וועג צום דינסטארט ביי יידן. מ׳האט מורא געהאט, זיי זאלן נישט אנטלויפן מיט דער הילף פון די יידישע אכסניות-אייגנטימער. מ׳האט דעם יידישן רעקרוט איזאלירט פון יעדן מגע ומשא מיט יידן. דאס איז געווען דער ערשטער שריט צו דער שפעטערדיקער אקציע: אפצושמדן אים.

אויך בנוגע דער צאל רעקרוטן האט מען גענומען פון יידן פראפארצייאנעל מער ווי טאפלט ווי ביי קריסטן. אין דער רוסישער געזעצן-זאמלונג וועגן יידן פון מיש (ז. 382. § 293) און אין אנדערע קוועלן געפינען מיר, אז פון יידן האט מען גענומען 10 רעקרוטן פון יעדע 1000 פארשריבענע און יעדעס יאר איז פארגעקומען א נאבאר. פון קריסטן האט מען גענומען נאר 7 פון 1000 און אויך נאר איין מאל אין צוויי יאר. אלזא מער ווי טאפלט.

אזוי שטעלט זיך פאר אין די הויפט-פונקטן דאס ספעציעלע יידישע רעקרוטשינע-געזעץ. דאס איז געווען אן אפענער פרווו אונטערצוהאקן די וואָרצלען פונם יידישן פאלק אין רוסלאנד. עס איז נישט קיין וואונדער, וואס דער גאנצער יידישער קבוץ אין תחום איז אויפגעציטערט געווארן ביז אין זיינע טיפסטע טיפענישן, ווען ס׳איז צו אים דערגאנגען די איוב-בשורה וועגן דער רעקרוטן-גזרה.

III

וויאזוי האָבן יידן אויפגענומען די רעקרוטן-גזרה?

א.

דער איינדרוק אין תחום־המושב.

דער ציטער און גרענעצלאָזע פאַרצווייפלונג, וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן יידישן קיבוץ אין רוסלאַנד*), לאָזן זיך קוים באַשרייבן און קאָנען פּי־לייכט פאַרגלייכט ווערן מיט דער דערשיטערונג, וואָס האָט דורכגענומען די יידן אין שפּאַניען בשעתן גירוש. אַזוי־ווי דאָרטן, אַזוי אויך דאָ האָט דאָס פאָלק רעאַגירט מיט וויינען און מיט באַלאַגערן די בתי־הקברות.

בלויז דריי יידישע שרייבער האָבן אונז געשילדערט דעם שרעקלעכן איינדרוק, וואָס די גזירה האָט געמאַכט אויף יידן. די שילדערונגען זענען אָבער געשריבן געוואָרן אין דער פאָרם פון זכרונות בערך 50 יאָר נאָך די געשעענישן, ווען אַ סאַך איינצלהייטן און פאַקטן ווערן פאַרגעסן און די סאַר־כּיקייט פון די געשעענישן פאַרבלייכט. ביים בעסטן זכרון פונם שרייבער און ביי זיין בעסטן ווילן איבערצוגעבן געטרוי דאָס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט און געזעען זייענדיק אַ קינד, גייט אַ סאַך פון דער ווירקלעכקייט פאַרלוירן. אויך זענען די דאָזיקע שרייבער געווען השכלה־אידעאָלאָגן, אַלזאָ פּסידאָ־ און היפּער־פּאַטריאָטן; זיי האָבן עס געהאַלטן פאַר זייער חוב מלמד־זכות צו זיין אויף דער רוסישער רעגירונג און צו דערקלערן דעם יידישן פאָלקס־טרויער און אויפרור אַלס פּועל־יוצא פון זייער אָפּגעשטאַנענקייט און פאַנאַטיזם. דאָס

---

*) בלויז קאָנגרעס־פּוילן איז דעמאָלס ניצול געוואָרן פון די דאָזיקע שרעקלעכע ליידן. פּוילן איז נאָך דעמאָלס געהאַט אויטאָנאָמיע מיט אַן איינענעם סיים און דאָס רעקרוטן־געזעץ האָט זיך ניט אויסגעשפּרייט אויף איר. אין קאָנגרעס־פּוילן האָט מען איינגעפירט מיליטער־דינסט פאַר יידן ערשט אינם יאָר 1844 און מיט פיל לייכטערע פאָרשריפטן. (זע דאָס באַזונדערע לעצטע קאַפּיטל וועגן מי־ליטער־דינסט פאַר יידן אין קאָנגרעס־פּוילן).

ליינט ארויף א געוויסן שטעמפל אויף דער דערציילונג. עס מילדערט דיווירקלעכקייט. אויך האבן זיי זיך נעמווט רעכענען מיט דער צענזור. וואס האלט קיין שום קריטישע באציאונג אפילו צו דער אמאליקער ניקאלייעווישער רעגירונג נישט דורכגעלאזט. דאריבער דארף מען זייערע דערציילונגען באטראכטן ווי א געמעסיקטן אפשיין פון דעם, וואס האט זיך דעמאלס אפגעטון אין אלע שטעט און שטעטלעך פונם תחום. אבער לייענענדיק אויך די געמעסיקטע דערציילונגען ווערט מען פארציטערט און מ׳קאן זיך קוים פארשטעלן די טראגעדיע, וואס יידן האבן איבערגעלעבט.

די דריי שרייבער, וועלכע שילדערן די טראגישע אויגוסט-סעפטעמבער וואכן פונם יאר 1827 זענען: 1) אברהם בער גאטלאבער פון אלט-קאנסטאנטינאוו, 2) שמואל יוסף פין פון ווילנע און 3) אייזיק מאיר דיק אויך פון ווילנע. דערפון איז צו זען, אז איבעראל אין תחום, אין פאדאל ווי אין ליטע, בכלל אומעטום, האבן יידן אויף איין און דעמזעלבן אופן רעאגירט אויף דעם אומגליק.

גאטלאבער דערציילט אין זיינע זכרונות. וואס ער האט אפגעדרוקט אין זיין העברעאישן זשורנאל „הבוקר אור״ (אינם יאר 1880) פאלגנדעס:

„אינם יאר תקפ״ת איז ארויסגעגעבן געווארן דאס געזעץ צו נעמען יידן אין מיליטער, אזוי ווי אנדערע פעלקער, וואס געניסן פון שוץ פונם קייזער. ווייל די מלוכה שיצט דאך אויך די יידן און זיי זענען מחויב צו אפפערן איר זייערע כוחות אין לייב-פרוכט. אויב עס וועט דער מלוכה גיין גוט, וועט דאך אויך די יידן גיין גוט. אבער די יידן פון יענער צייט, וועלכע זענען נישט געווינט געווען צו טראגן די שווערע לאסט פון דינען און האבן זייערע קינדער נישט געלערנט די לאנדס-שפראך און זענען אויך געווען אפגעשיידט פון אלע אנדערע בירגער מיט זייער שפראך, קליידונג און מנהגים — האבן שטארק געציטערט פאר זייער לעבן און אמונה. און עס איז זיי שווער געווען זיך צו שיידן פון זייערע קינדער, וואס זענען אוועקגעגאנגען אין מיליטער. עס איז דעמאלס געווען א גרויסע צרה אויף יידן. דאס הארץ איז ביי אלעמען צעגאנגען און די דערשלאגנקייט איז געווען אין לשער. עס איז געווען א געוויין און א קלאג אין אלע שטעט אזוי, אז יעדעס הארץ, וואס האט עס געהערט, איז צעבראכן געווארן. די חסידישע רבים האבן געטרייסט דאס פאלק מיט פאלשקייטן און אפנארערייען און האבן פארזיכערט, אז גאט וועט גארנישט טון איידער ער וועט ביי זיי אנפרעגן. אליין אבער האבן זיי צונויפגעקליבן געלט דורך אפנארן דאס פאלק און אפגעגעבן עס

צו פאַרשידענע מאַכערס, כדי מ׳זאָל זיי איינשרייבן אַלס גרויסע סוחרים, וואָס זענען געווען פריי פון מיליטער.

לאַנגע טעג האָבן די יידן פון אונזער לאַנד געציטערט. די זאָרג האָט שוואַרץ געמאַכט זייער פנים. ווייל אין דער לופט האָבן זיך געטראָגן קלאַנגען, אַז דער קייזער און זיינע מיניסטאָרן גרייטן זיך צו נעמען מיליטער פון יידן. — — —

...און דאָך איז יידן שווער און ביטער געווען אָפּצוגעבן זייערע קינדער אין מיליטער. באַזונדערס אין יענע צייטן, ווען יידן זענען נאָך מער חי היינם געווען אָפּגעזונדערט פון די שכנים. דער ייד, וואָס דינט אין מיליטער, מוז עובר זיין אויף אַ סך מצוות, ווי שבת, יום-טוב, און מוז אויך עסן טרפות. באַזונדערס טוט ווי דעם ייד, וואָס ער מוז אָפּגאָלן די באָרט און טראָגן שעטנז. יידן האָבן דעמאָלס יונג חתונה געהאַט און, זייענדיק אין מיליטער, האָבן זיי איבערגעלאָזט זייערע ווייבער און קינדער, און עס איז געווען אַ טרויער און געוויין פון ביידע זייטן. אויך די לאַנגע דינסט-צייט האָט אָפּגעשראָקן דאָס פאָלק. דעריבער האָבן יידן שטאַרק געציטערט צוליבן קלאַנג, אַז מ׳וועט נעמען פון זיי זעלנער. און זיי האָבן אויסערגעוויינלעך געטרויערט.

אויפן דריטן יאָר פון ניקאָלייס רעגירן איז דער קלאַנג געוואָרן אַ ווירקלעכקייט. די יידן האָבן דערזעען דעם קייזערס שטאַרקע האַנט, וואָס איז געווען געווענדעט צו מאַכן ביי זיי נייע אָרדנונגען אין זייער אָרט לעבן. עס איז געווען די האַנט פון ניקאָליי דעם I-טן, וואָס האָט געהאַט אַן אייזערנעם ווילן און האָט זיך פאַר גאָרנישט אָפּגעשטעלט.

יעדע שרייבערשע פעדער וועט מיד ווערן דאָס צו דערציילן פאַר די שפּעטערדיקע דורות און עס איז נישטאָ קיין ווערטער צו באַשרייבן דאָס פּאַסטן, וויינען און קלאָגן און דעם שווערן טרויער, וואָס יידן האָבן אין יענעם יאָר געמאַכט. — — —

צו יענער צייט האָב איך זיך געפונען ביי מיין שווער אין טשערניכאָוו. עס איז אַרויס אַ באַפעל, אַז אַלע יידן, קליין און גרויס, מוזן צוריקפאָרן אין זייער געבורטס-אָרט, כדי צו שטעלן זיך פאַר דער מיליטער-קאָמיסיע. איך בין אויך געגאַנגען אין גרויס עגמת-נפש קיין אַלט-קאָנסטאַנטינאָוו צו זען, וואָס מיינע שטאָט-לייט מאַכן. כאָטש איך האָב געוווּסט, אַז מיך וועט דאָס אומגליק נישט אָנרירן, ווייל איך בין געווען אַ בן-יחיד ביי מיינע

עלטערן און אויף איינאיינציקע זין איז די גזרה נישט חל געווען. אָבער מיין פאָטער ז״ל האָט נישט געקאָנט צוזען דאָס אומגליק, וואָס האָט געטראָפן זיינע ברידער־יידן, עס איז אים פאַרמיאוסט געוואָרן דאָס לעבן און ער האָט באַשלאָסן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. — — —

נאָך ראש־השנה תקפ״ח בין איך אַרויסגעגאַנגען פון מיין שטעטל סטאַראָ־ניכאָוו און בין אָנגעקומען פאַר יום־כפור קיין אַלט קאָנסטאַנטינאָוו. אינם זעלבן טאָג פון מיין אָנקומען האָט מען באַגלייט צו קבר־ישראל דעם מענטש, וועלכן די עלטסטע פון שטאָט האָבן אין זייער גרויסער נאַרישקייט מיטגעגעבן אַ כתב־בקשה צום רבונו של עולם אין הימל. *)

יענער טאָג איז געווען אַ טאָג פון שרעקלעכסטן טרויער און געטומל אין שטאָט. פון קליין ביז גרויס זענען אַלע אַרויס אויפן בית־החיים. מ׳האָט שרעקלעך געוויינט. די געשרייען זענען דערגאַנגען ביז צום הימל.

אין מיטן סוכות האָט זיך פלוצלינג פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז נאָט האָט זיך דערבאַרמט אויף יידן און, אַז דער קייזער האָט די גזרה מבטל געמאַכט. דעמאָלס איז דער טרויער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסער שמחה. אַלע האָבן געטאַנצט און געזונגען אין די שולן און בתי־מדרשים.

דעם קלאַנג האָבן אָבער געהאַט אַרויסגעלאָזט די גבאים, וואָס זענען געוואָרן באַשטימט צו נעמען רעקרוטן פון יידן, כדי אָפּצונאַרן דאָס פאָלק. דידאָזיקע לייט זענען אַלע געווען לויטער יידן, אַ טייל חסידים. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז די יינגעלייט, אויף וועלכע עס איז געפאַלן דער גורל צו גיין אין מיליטער, זאָלן זיך נישט פונאַנדערלויפן. אַט די יינגעלייט האָבן זיי געהאַלטן אויפן אויג און האָבן דעריבער פאַרשפּרייט דעם קלאַנג, אַז די גזרה איז בטל געוואָרן.

---

*) ווירקלעך האָט דעמאָלס פּאַסירט אַזאַ אויסטערלישער פאַל: אין די עשרת־ימי־תשובה איז געשטאָרבן אַ ייד פון אַלט־קאָנסטאַנטינאָוו. גראָד איז אין יענע טעג געווען אין שטעטל אַ צדיק אַ בעל־מופת, האָט ער געהייסן די ראשי־הקהל צו שיקן דורך דעם טויטן אַ בקשה צום רבש״ע. אַ מנין יידן האָבן זיך צו דעם אַקט צוגעגרייט, געטובלט זיך און תפלה געטון. אַ סופר האָט אין דער גרעסטער הייליקייט אָנגעשריבן אויף פּאַרמעט די בקשה. צו דער קבורה האָט זיך דאָס גאַנצע שטעטל פאַרזאַמלט אויפן בית־עולם. דער צוגעגרייטער מנין יידן האָט אַריינגעשטעקט די פּאַרמעטענע בקשה דעם טויטן אין האַנט אַריין און מיט געוויינען און תפלות אים באַשווירן, צו אײַלן מיט איר, באַלד ווי ער וועט אַרויפקומען אין הימל, צום כסא־הכבוד און צו קומען צו חלום איינעם פון די סגני־העיר ביז דער תשובה, וואָס ער וועט באַקומען.

אין אַלט-קאָנסטאַנטינאָוו איז געווען אַ ייד, אַ פאַרמאַסקירטער חסיד, וועלכער האָט געהייסן, צו זיין אייביקער שאַנד, חיים מיכל. אַט דער חיים מיכל איז אויסגעקליבן געוואָרן צו נעמען פאַר רעקרוטן די יינגעלייט, וואָס אים וועט געפעלן. דערדאָזיקער מאַן איז געווען שלעכט און נידערטרעכטיק, מיט אַ האַרץ האַרטער פון אַ שטיין, וואָס איז נישט גערירט געוואָרן פון די טרערן פון די אומגליקלעכע. אין זיין חסידישער פאַרביסנקייט האָט ער זיך אָפגערעכנט מיט די אַלע, וואָס זענען נישט געגאַנגען מיט די חסידים, מיט די יינגע לייט, וואָס האָבן נישט זוכה געווען צו האָבן לאַנגע פאות, נאַקעטע פיענטעס און אַן אַרויסשטאַרנדן קנאַפ אין דער גרגרת.

— — — עס איז ביי אים נישט געווען קיין צווישנמענטש פון אַ חסיד ביז אַן אפיקורס. יעדער איינער, וואָס איז נישט געווען קיין חסיד, איז ביי אים פאַררעכנט געוואָרן פאַר אַ מין. דער פאַרשוין האָט עס אַרויסגעלאָזט די גוטע בשורה און האָט דער ערשטער זיך שטאַרק משמח געווען, כדי אָפצונאַרן דאָס פאָלק. ער האָט געטאַנצט מיט התלהבות און מיט חסידישע תנועות אין „מעדזשיבוזשער שולכל". די יידן, זעענדיק זיין שמחה, האָבן זיך אויך משמח געווען און זענען רואיק געזעסן אין שטוב. דערווייל האָבן זעלנער אונטער דער קאָמאַנדע פון חיים מיכל אַרומגערינגלט די הייזער און געכאַפּט די יינגע לייט, וועלכע זיי האָבן געזוכט; זיי האָבן זיי אָנגעטון קייטן אויף די פיס און פאַרשפאַרט אין תפיסה.

דעמאָלט האָט דאָס פאָלק פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען נישט מער ווי אַ שפּיצל אָפצונאַרן אים און האָט ווידער אָנגעהויבן צו וויינען און קלאָגן אַזוי, אַז יעדעס האַרץ איז צעגאַנגען און יעדעס אויג האָט געגאָסן טרערן ווי וואַסער.

אין יענע טעג האָט מען געכאַפּט מיין שוועסטער-קינד משה, מיין פאָטערס ברודערס אַ זון. ער איז דעמאָלט געווען אין אַדעס. ווען די כאַפּערס פון אַלט-קאָנסטאַנטינאָוו זענען אַהין אָנגעקומען, האָבן זיי אים אָנגעטראָפן און געפונען, אַז ער איז שיין און שטאַרק. זיי האָבן אים געכאַפּט און געברענגט אונטערן שוץ פון חיים מיכל קיין זשיטאָמיר, געשטעלט פאַר דער קאָמיסיע, וועלכע האָט געזאָגט: „גאָדיען" (טויג). ער איז אַוועק אין מיליטער און ביזן היינטיקן טאָג ווייס איך נישט, וואָס מיט אים איז געשען".

וועגן איינדרוק, וואָס די רעקרוטן-גזירה האָט געמאַכט אין ווילנע, אין דער ירושלים-דליטא, דערציילט אונדז שמואל יוסף פין אין זיין העברעאישער

צייטשריפט „הכרמל“ (אינם יאָר 1879), צום ערשטן דערקלערט ער, אַז אין אַלעקסאַנדער דעם 1-טנס צייטן האָבן יידן געלעבט רואיק, האָבן גענאָסן פון די אַלטע פריווילעגיעס פון די פוילישע צייטן און האָבן קיין אַנטייל אין מלוכהשן און בירגערלעכן לעבן נישט גענומען. זיי האָבן ממילא אויך אין מיליטער נישט געדינט — צוגלייך מיט דער אַריסטאָקראַטיע און סוחרים-קלאַס.

ראַן גייט פין איבער צו שילדערן דאָס דערשיינען פון דער גזרה און ער דערציילט:

„אין די רואיקע טעג האָבן זיך פלוצלינג די הימלען פאַרוואָלקנט. אַ שרעקלעכער קלאַנג האָט זיך ווי אַ דונער צעטראָגן, האָט אַלעמענס הערצער געמאַכט ציטערן און אָנגעפילט מיט טויט-אַנגסט.

פון פעטערבורג איז אָנגעקומען אַ ידיעה, אַז דער נייער קייזער, ניקאָליי דער 1-טער, האָט בדעה מבטל צו מאַכן די רעכט, וואָס יידן באַזיצן פון די צייטן פון די פוילישע מלכים — דאָס פריי זיין פון מיליטער-דינסט צוגלייך מיטן אַדעל — און האָט בדעה אַרויפצולייגן אויף זיי דעם רעקרוטן-עול און צו מאַכן זיי גלייך מיט די פויערן און מיעשטשאַנעס, ווייל אַלס אַזעלכע האָט ער זיי באַטראַכט. אַן אויסנאַם האָבן געזאָלט זיין נאָר די גרויסע סוחרים, וואָס צאָלן גילדיעס.

...אַ ציטער האָט דורכגענומען אַלע יידן. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ רעש און אַ געוואַלד. די ראשי-הקהל האָבן גוזר תענית געווען. מ'האָט גערופן תפלה צו טון. איידער מ'האָט נאָך גערופן, האָבן שוין די מאַסן, אַלטע מענער און פרויען, אויך קינדער, אַלע אָן אויסנאַם, געשטראָמט אין די שולן און בתי-מדרשים. מ'האָט תפלה געטון און געוויינט, אויך די מלמדים האָבן געבראַכט זייערע קליינע תלמידים צו זאָגן תהלים. גאַנצע קאָמפּאַניעס האָבן זיך געלאָזט אויסער דער שטאָט צום בית-הקברות צו דערציילן די טויטע, וואָס עס איז נגזר געוואָרן אויף די לעבעדיקע, און אויסצובעטן ביי זיי אַ ישועה פאַר די לעבעדיקע, וואָס זענען געווען געגליכן צו טויטע.

די ראשי-הקהל האָבן געמאַכט טאָג טעגלעך אספות און האָבן געזוכט עצות, ווי אַזוי ניצול צו ווערן פון דער שרעקלעכער גזרה. אין שטאָט האָט מען דערציילט, אַז די ראשי-הקהל שיקן אַ בקשה צום קייזער, אַז מ'האָט שוין געשיקט קיין פעטערבורג אויסגעפרוּווטע שתדלנים, וואָס זאָלן אָפּשלאָגן די שוועלן ביי אַלע גרויסע מלוכה-לייט און זאָלן שטיין אויף דער וואַך. עס זענען אויך אויפגעשטאַנען אין שטאָט פאַר-

שידענע טרייסט- און ישועות-אנזאגער (מבשרי ישועות ונחמות), וואס האבן אנגעוויזן, אז די גזרה איז שוין מרומז געווארן אין אלטע ספרים און מ׳דארף נאר תשובה טון.

זעקס. אכט וואכן זענען אדורך אין שרייען, זיפצן און וויינען, אין שרעק און האפנונג, ביז עס איז אנגעקומען דער באפעל. אלע שולן און בתי-מדרשים זענען געווען אפן בייטאג און ביינאכט. מ׳האט זיך צוטיילט אין וואכן: אויף דאוונען חצות, תצות אין מיטן טאג און חצות אין מיטן נאכט. אויף פארטאג-תפלות, אויף תהלים-זאגן — אויסער די געוויינלעכע תפלות. די טויערן פון טרערן האבן זיך געעפנט און זיי האבן זיך געגאסן טייכנווייז. פון די געשרייען און געוויינען האבן געציטערט די ווענט פון די בתי-תפלה. דער בית-הקברות איז אויך פארוואנדלט געווארן אין א בית-תפלה, ווו מענער, פרויען און קינדער האבן געוויינט און געיאמערט... אזוי האט מען זיך נוהג געווען א גאנצע וואך. נאר שבת האט מען געטרויערט אין דער שטיל. מ׳קאן זיך פארשטעלן וויאזוי עס זענען אדורך די ימים נוראים. אויך אין סוכות איז דער טרויער געווען גרויס. מ׳האט נישט געזונגען און נישט געטרונקען, אלע זענען געווען פארצוקט און פארווייטיקט. אין שמיני עצרת נאך דער סעודה האט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז דער קייזער האט זיך באדענקט און מבטל געמאכט די גזרה. ווי אויף פליגל האט זיך די גוטע בשורה פארשפרייט אין שטאט. פון אלע זייטן האבן געשטראמט מחנות מענטשן אין די שולן. מ׳האט זיך געהאלזט און געקושט. מיט גרויסער פרייד האט מען געזאגט צו איין, צוויי און דריי מאל „הלל“ ביזן אוונט און מ׳איז אהיימגעגאנגען קאמפאניעסווייז מיט געזאנג. כאטש אין הארץ האבן אלע געהאט ספקות אין דער ריכטיקייט פון דער ידיעה. דאך האט מען זיך אליין געשטארקט און משמח געווען דעם גאנצן שמחת-תורה ביז שפעט אין דער נאכט.

צומארגנס אבער, ווען קהל-לייט זענען ארויסגעגאנגען אין שטאט באגלייט פון זעלנער צו כאפן צום מיליטער וועמען און ווו עס האט זיך געלאזט, האט ווידער אויסגעבראכן אין שטאט א גרויס געוויין. מ׳האט געזאגט, אז מיט א כוון האבן די ראשי-הקהל פארשפרייט די פאלשע בשורה, כדי צו געבן דעם עולם די מעגלעכקייט צו פרייען זיך כאטש איינמאל אין יום-טוב אנשטאט דעם פארשטערטן שמחת-בית-השואבה. אויך האט מען געזאגט, אז דאס איז געטון געווארן מיט א הינטער-כוונה צו נארן דאס פאלק, כדי עס זאלן זיך נישט אויסבאהאלטן די, אויף וועלכע עס איז געפאלן דער גורל צו גיין אין מיליטער.

דאַ מוז איך אויפהערן צו שילדערן מיט מיין פעדער דאָס בילד פון אונזער שטאָט אין יענע טעג, ווייל איך ווייס, אַז איך וועל קיין כוח דערצו נישט האָבן.——

אין אַ סך הינזיכטן האָט דער מיליטער-דינסט געווירקט אויף יידן. דאָ וויל איך נאָר אָנווייזן, אַז די מיליטער-פליכט האָט אויסגעגאָסן אויף אונזערע ברידער פון יענעם דור אַ גרויסע דערשלאָגנקייט און טרויער, און האָט דערוועקט אין אַלעמענס הערצער אַ תשובה-געפיל. ווייל מ׳האָט עס אָנגענומען ווי אַ שטראָף פון גאָט פאַר די זינד. מ׳האָט זיך גענומען שטאַרק תשובה טון און שטאַרקן דאָס תורה-לערנען. אין די אַלטע תנך-, משנה-, גמרא- און מדרש-חברות האָט זיך פאַרמערט די צאָל חברים, עס זענען אויך צוגעקומען נייע חברות. אין די אַלטע ישיבות האָט מען צוגעשטעלט נייע בענק, עס זענען געגרינדעט געוואָרן נייע ישיבות. עס האָבן זיך פאַרמערט די מתנדבים און דווקא צווישן די אומפאַרמעגלעכע. זיי האָבן גענומען אויף זיך די מצוה צו געבן עסן די ישיבה-לערנער. און ווייל די פרנסי-הקהל האָבן רחמנות געהאַט אויף די בני-טובים און בני-תורה און האָבן מיט דער הסכמה פון די רבנים אַרויפגעלייגט די גאַנצע רעקרוטן-לאַסט אויף די קינדער פון די אָרעמע שיכטן, וואָס האָבן קיין תורה נישט געקענט, האָבן זיך אויך די אָרעמע באַמיט צו מאַכן פון זייערע קינדער תורה-לערנער. אויך די הפקר-קינדער, וואָס האָבן זיך פריער אַרומגעדרייט פוסט און פּאַסט, האָבן זיך צוריקגעקערט צו דער תורה. די צאָל פון די תלמידים איז בעוואַלטיק געוואַקסן. אויך די באַלעבאַטישע קינדער האָבן זיך אויפגעהערט צו שפּילן אין דער פרייער צייט אין די גאַסן. אַלע האָבן תשובה געטון, האָבן זיך געהיטן פאַר אַן עבירה און האָבן זיך נישט געוויזן אין די גאַסן״.

פינס דערציילונג איז פאַרבנרייכער און אויסשעפנדער פון גאָטלאָבערס. באַזונדערס איז רירנד דאָס, וואָס ער דערציילט וועגן דער מרה-שחורה און שטאַרקער פרומקייט, וואָס האָבן פאַרכאַפּט די ווילנער יידישע באַפעלקערונג. אויך פריער האָט זיך דאָס לעבן אין ווילנער יידישן געטאָ נישט אויסגעצייכנט מיט לעבנס-לוסט, זאָרגלאָזיקייט און פרייהייט. שטענדיק האָט זיך יידן אין ווילנע זייער שווער געלעבט. אויך אויף מאַנגל אין פרומקייט האָט מען זיך נישט געקאָנט באַקלאָגן... איז געקומען די נייע צרה און האָט אינגאַנצן פאַרפינסטערט דאָס לעבן פון די דערוואַקסענע, און צוגערויבט ביי די קליינע קינדער דאָס ביסעלע לופט. באַוועגונגס-פרייהייט און קינדערישע שטיפערייען, פון וועלכע זיי האָבן פריער גענאָסן. די אָרעמע שיכטן ווידער, ווי

עס באַשטעטיקט פין, זענען בכלל געבראַכט געוואָרן פאַר אַ קרבן-עולה אויפן מזבח פון דער רוסישער רשעות. פאַר זיי איז די זון אינגאַנצן אונטערגעגאַנגען...

אָבער אויך פין איז מודה, אַז זיין פעדער איז געווען צו שוואַך צו שילדערן אַזאַ טראַגישע אויפטרייסלונג אין פאָלק ווי די, וואָס איז דעמאָלט פאָרגעקומען. דאָס, וואָס פין האָט נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען פון זיין שוואַכער פעדער, דאָס האָט זיך אונטערגענומען צו טון דער העברעאיש-יידישער השכלה-שרייבער — אייזיק מאיר דיק פון ווילנע. דיק האָט אָנגעשריבן אַ גאַנץ ביכל זכרונות פון דער צייט פון דער רעקרוטן-גזרה מיטן נאָמען: „דער ערסטער נאָבאָר, וואָס וואַר אין דעם יאָר תקפ״ח מאת אמ״ד״ (אַרויסגעגעבן אין ווילנע אין יאָר 1872 — תרל״ב). דיק, אַזוי ווי גאָטלאָבער, באַציט זיך אויך נעגאַטיוו צו דער יידישער מאַסע, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַזאַ שטאַרקע נערוואָזיטעט און היסטעריע. ער מיינט אויך, אַז די מיליטער-פליכט, וואָס די רעגירונג האָט אַרויפגעלייגט אויף יידן, איז בעצם געווען אַ גערעכטע תקנה, ווייל... זי האָט באַפרייט די יידישע געזעלשאַפט פון די „ליידיקגייער פוסט און פאַסטניקעס אָדער יונגאַטשעס“... בלויז דער יידישער פאַנאַטיזם און סעפּאַראַטיזם האָבן גורם געווען צו אַזאַ פאַרצווייפלונג. דאָס איינציקע, וואָס איז אויך לויט דיקס מיינונג געווען אַ שרעקלעך פאַרברעכן, איז דאָס אָפגעבן אין מיליטער יינגע קינדער. אין דעם, אָבער, זענען שולדיק געווען די ראשי-הקהל, וועלכע האָבן דאָסדאָזיקע רעכט פון קינדער-רעקרוטן אויסגענוצט, אָבער נישט די רעגירונג, וועלכע האָט דערצו גישט גענייט. הגם זי האָט אַזאַ רעכט געגעבן. דער ספּעציפיש-השכלהשער בליק אויף דער זאַך שטערט דאָך נישט דיקן צו באַשרייבן די ווירקלעכקייט אין בונטע פאַרבן. ביי דיקן זעט זיך מער אַרויס און עס פילט זיך די גראָע ווירקלעכקייט. אומבאַוווסטזיניק האָט אויף אים געווירקט זיין פאָלקסטימלעך-בעלעטריסטישער טאַלאַנט צו שילדערן מיט דער גרעסטער גענויקייט און פּרטות די איינדרוקן, וואָס זיין יוגנטלעכער גייסט האָט איינגעזאַפּט. דערצו האָט אים אויך געהאָלפן זיין אויסערגעוויינלעך שטאַרקער זכרון. דיקס ביכל געהערט היינט צו די יקר-המציאותן. נאָר געציילטע עקזעמפּליאַרן זענען געבליבן אויף דער וועלט. צוליב דער זייער גרויסער וויכטיקייט פונם מאַטעריאַל, וואָס דיק גיט, פאַר דער באַהאַנדלטער טעמע, ציטירן מיר ברייטערע שטעלן פונם דערמאָנטן ביכל, אָפּהיטנדיק דיקס סטיל און אָרטאָגראַפיע.

אין דער איינלייטונג צום ביכל רערקלערט דיק, אז אין אלע זיינע פריערדיקע דערציילונגען איז ער ארויסגעטרעטן אנאָנים. אין אַ באשרייבונג, וואָס באהאַנדלט אַ היסטאָרישע געשעעניש, קומט אַ סאך אָן דארויף, ווער דער מחבר איז, כדי מ׳זאל וויסן צו מ׳קאָן אים גלויבן. דאריבער שטעלט ער זיך פאָר פאַר זיינע לעזערינס (אין דעם ביכל ווענדעט זיך דיק צו דער יידישער פרוי) אויף פאָלגנדן אופן:

„איך הייס אמ״ד, איין געבאָרענער חילנער און לעבע ביז יעצט אין חילנא. און וואר אלט בייא דעם ערסטין נאפאָר דרייצעהן יאהר. עש איז שוין צוואר דרייא און פערציק יאָר איבער גילאָפין פון יענע צייט אָן ביז דיזען טאג. און דאָך געדיינקע איך אים אזויא גוט, אלס חיא עש העטע געסטערין געשעהען. דען דער ליבער גאָט האט מיך בענאבט מיט איינעם טרייען געדעכטניס און געדיינקע קלאָר און ריכטיג אלע מערקווירדיגע בעגעבענהייטען, וואָש זיינען גישעהען אין מיינעם קרייז״. — — —

ווען נאבאָר פון 1827-טן יאָר דערציילט דיק:

1

„...זויך גידיינק די ערסטע טרערין, וואָש איך האָב גיוויינט אויף דעם טויט. נאָך מער גידיינק איך דיא ערסטע טרערין, וואָש איך האָב גיוויינט אויס אנדאכט (פרעמיקייט) אין דעם ראש-השנה פון דעם ערסטין נאבאָר צוא מוסף בייא דיא ווערטער „מי לא יפקד ביום הזה ?״ און גידיינק נאָך אזויא אָלץ וואָש דאן איז גישעהען, גלייך וויא איך וואָלט עש ערסט מיט מיינע אויגין גיזעהען: עש וואר דאן גיווין איבער גיווין און איך האָב גיוויינט מיט. — און בעשרייבע עש אזויא וויא איין אויגין-צייגער, וואָש איז צוגלייך אויך אנטייל-נעהמער אין דיזער בעגעבענהייט. — — און אזויא לעבין נאָך גאָט זייא דאנק פיל, וואָש גידיינקען עש וויא איך דאָ אין מיינער פאָטער-שטאָדט. אזויא וואָלט איך ניט ארויס גיטראָטין אפענטליך מיט אונוואָרהייטען פאָר דיא יעניגען, וואָש קאָנען מיך נאָך צום ליגנער מאכין.

און ווען אויך איך בעשרייבע דיזע בעגעבענהייט פון ווילנער געזיכטס-פונקט, נאָר ביי אלעם דעם ברייטעט אויס דיזע בעשרייבונג איינע העליקייט איבער אלע אידעשע בעזיצונגען אין רוסלאנד. דען עש וואָר איבעראל דאָס זעלבע מיט קליינע אונטערשיידונגען.

2

ווי גרויס עש וואר דאן דיא ווירקונג פון דעם ערסטין אוקאז אויף ווילנער אידעשע געמיינדע?

בעודני נער, אלס איך וואר נאך א קינד פון א יאר פינף זעקס, האט זיך שוין גיהערט, דאס מען וועט אנהייבין צו נעהמין אידעשע קינדער פאר זעלנער, ווי אין עסטרייך. און עש וואר דריבער זייער פיל גיפאסט און תהלים גיזאגט יאר פאר יאר אין אלע שטעדט. דען ווירקליך וואר דאן דיא סלוזבע זייער שווער אין גאנץ אייראפא, נאך מער אין רוסלאנד. דער סאלדאט וואר דאן בעהאנדעלט אין פולק פון זיין צינאווניק נישט בעסער, וויא דער בויער אין דארף פון זיינעם פאמיעסציק. דער צוא נאך האבען דיזען שרעק פאר מעהרט דיא אידעשע אנטלאפענע זעלנער פון עסטרייך, וואש פלעגין אום צוא גיין דא אין ווילנא און אין אנדערע שטעדט איבער דיא הייזער. איך גידיינק נאך וויא היינט, וויא מען פלעגט מיך פירין אין שול תהלים זאגין, דאס דיזע גזרה זאל בטל ווערין. אגב האט זיך גיהערט דער צוא נאך אנדערע גזרות אויף אידען, דאס מען וויל זיי מעביר זיין אין גאנצין אויף זייער דת. — — —

...עס זיינען דאן גיזעסין אין פעטערבורג אידעשע דעפוטירטע, דען אזויא האט בעפוילין דער זעליגער קייזער אלעקסאנדער דער ערסטער, מנוחתו כבוד. און דיזע דעפוטאטין, וואס וואָרין דארטין אין פעטערבורג מער בעשעפטיגט וועגין זייערע אינטערעסין, אלס אין כלל-זאכין, פלעגין אריין צוא שרייבין אין דיא אידעשע קהלות, דאס עש הערט זיך גרויסע גזרות אויף אידין און עס איז נאך צייט עס צוא פארכאפין מיט מיטלען. און מען האט פאר גיוויס גישיקט צו זייא מאסין געלד. און באמת וואר עס א ליגען, און דער ווילע האבין שוין גיהאט פיל בעל-דרשער פון וואס צו זאגין אין די שולען און עס וואר אימער גיווינס און גיוויינס. אויף יעדער גזרה, וואס מען האט אויס גיטראכט, האט זיך גיפונען רמזים אין דער תורה און אין ספרים קדמונים. — — —

מיט א יאר פריהער פאר דעם אוקאז, דאס מען זאל נעמען רעקרוטין, האט דער זעליגער קאנסטאנטין, וואס וואר א מאן פון גרויסען כאראקטער. א ברודער פון אלעקסאנדער דעם ערסטין, זייענדיק אין קאוונא אויף

א רעוויע, גיזאגט צוא דיא אלע יענעראלין, וואס ער האט זיי גילאזט ארום שטעלין זיך ארום אים, דיזע ווערטער: „נאספאדא, איבער א יאר וועלין מיר האבין נייעס אין אונזער ארמייע, עס וועלין אידין אריין טרעטין אין דינסט“. דיזע הערטער דיזע האבין דורך צוקט ווי א בליץ אונטער אלע אידעשע געמיינדען און זייא זיינען גיווארין פערשיטערט. ווייא דורך איינע עלעקטריציטעט. דאן נאר אויף א קליינע צייט. מען האט זיך באלד בערוהיגט. ערסטינס, דורך דיא גריף פון די כאדאסייען (שתדלנים), וואס וואדין דאן אין פעטערבורג, דען זייא האבין גישריבין, דאס מען קאן עס נאך מיט געלד פערריכטען. און צווייטינס, דורך דיא רייסישע און וואלינער רביים, וואס האבין דעם עולם פערזיכערט אויף גיווים, דאס מען וועט פון אידין קיינע רעקרוטין נעהמען. — — —

בשנת. אין דעם יאר תקפ״ח צוא דיא ערסטע סליחות איז דער אוקאז אנגעקומען קיין ווילנא דורך איין פעלד-יעגער. ער איז גיקומען, אלס דער עולם וואר נאך אין שול און האט גיזאגט סליחות. און ביוואר גיווארין איז מען פון אים ערסט ארום צוועלף דעם זייגער בייא טאג. איך האב דער פון דער הערט שטייענדיק לעבין מיינע עלטערינס קראם און האב יענעמען, דער וואס האט עס מיר אנגיזאגט, גירופין לינגער, דען מיט איינער האלבע שטונדע פריהער וואר איך בייא איינעם געוויסען גביר אין שטוב, ר׳ זאנחיל סערדמארקער, וואס מיר האבין דאן גיוואוינט אין זיין הויף, און עס וואר גאר קיין רייד נאך דער פון. דאך האט מיך דיזע נאכריכט העכסט בצאונרוהיגט. און בין אריין גילאפין זייער שנעל דארטין אין הויף, אום צוא דערגיין דיא זאך אויף קלאר. איך האב אבער שוין פערשפארט צו פרעגין, דען איך האב עס שוין גיזעהען מיט מיינע אויגין. איך האב גיזעהען, וויא עס שטייט אין מיטין הויף א געזעמעל אידין, בערך א פאר הונדערט מענשין, און אין זייער מיטין שטייט דעם נבירס איידעם, וואס וואר א חאויללערנער און א גוטער רוסאק, און לייענט פאר זייא דיזען אוקאז, וואש וואר שוין אפ גידרוקט און האט פערנומען בערך צעהן, צוועלף בויגין. ער איז גישטאנין און גילייענט און דער עולם איז גישטאנען און האט גיחיינט, דען דער אוקאז וואר גישריבין זייער שטרענג, די ווערטער „בעז אטצאטא און צערעז שטרויא“ (Без ответа и через строй) האבין זיך מידערהאלט אין יעדין פאראגראף.

דיזעס לעזין האט גידויערט מקור, אלס צוויי שטונדען. און בעפאר ער האט עס בעענדעט, איז אונטער גיקומען איין משרת פון קהל און האט

גיבעטין די גבירים, דאָס מען זאָל קומען אין קהל-שטיבעל אויף איינע אסיפה. און דער עולם איז זיך פון אַנדער גיגאַנגען גיבייטס אין דרייצן. און וואו הין? דאָס האָט קיינער נישט גיוואוסט. דען עס וואר דאַן יעדען פינסטער דיא וועלט. און מען האָט זיך ניט גיקענט האַלטין אויף דיא פיס פון שרעק און פון מוטלאָזיקייט. און אַזויא וואר מיר אויך. איך האָב מיך קוים אַרויס גישלעפּט פון הויף אויפן גאַס און האָב זי ניט דערקענט. דען זיא וואַר וויא אויסגישטאַרבין. אַלע קראָמען וואַרין צוא און עס וואַר קיין מענש צו זעהען. ווייל דער גאַנצער עולם איז אַוועק אין דיא שולען און אין דיא קלויזין, אום דאַרטין הילפע פון דעם איינציגען גאָט אוים צוא בעטין. דער גרעסטער טייל פון זייא זיינען אַוועק אין דער גרויסער שול און איך נאָך זייא.

3

דיא גרויסע ווילנער שול.

אונזער ווילנער גרויסע שול איז ווירקליך אין מקדש מעט. זיא שטייט טיף אין דער ערד, מען שטייגט אין איר אַרונטער אויף 15 גרויסע טרעפּ. גיבוים וויא איין טעמפּעל זייער גרויס און הויך, און זייער מאַסיף. זי האָט זייער פיל פענסטער און דאָך אימער דונקעל. גאַנץ גישאַפין צוא שטימען דען מענשליכען גייסט צוא איינער הייליגען אַנדאַכט. דאָס מיט רעכט קאָן מען אויף איר זאָגין דעם פסוק: „מה נורא המקום הזה. אין זה כי אם בית אלהים וזה שער השמים“.

...און אַהין האָט דאָס פאָלק גישטראָמט אויך אין דיזען טאָג אין פילער האָפנונג, דאָס זייא וועלין זיך פאַר גאָט'ס נים אום קערין פון דאָרטין מיט ליידיגין. אַלס איך בין אין איר דאַן אַריין, האָב איך דערוואוסט נאָר עטליכע הונדערט מענשין. די פני-העיר זיינען גישטאַנען געשטיצט אויף זייערע טראַסצענעס, דיא קעפּ אַראָפּ גילאָזין, דיא קאַפּעלוסין איבער דיא אויגין, שטום וויא דיא שטיינער. נאָר זייערע אויגין האָבין גיגאָסין בעך טרערין. דיזע שטילע וואר אָבער באַלד אונטער בראָכין דורך דרייסיג אָדער פערציג אידעשע רעקרוטניקעס, וואָס זיינען אַריין אין שול. האָבין צוא גיטראַטין צוא דעם ארון-קודש, האָבין גיעפענט דיא טירעלאַך און זיינען גיפאַלין פאַר אים צוא דער ערד און האָבין גישריען מיט איינער גיוואַלטיגער שטימע: „אַ, גרויסער גאָט! רעטער ישראלס! זיין העלפער אין צייט דער נויט! אונז, נאָר אונז זאָל טרעפין דיין שטראָף-גריכט. דען נאָר מיר זיינען דיא

זינדער. מיר האבין גיטאן אלעס, וואס נאר פאר באטין איסט. און פאר שוינע די איבעריגען, די אום שולדיגען״.

דיזע טרויעריגע סצענע האט גיעפענט הונדערטע קוועלין פון טרערין. דען עס איז גיוואָרין איין גרויס גיוויין. קיין אויג איז גיבליבין טרערין לעער. באלד דערויף האט אנגעהויבין דער חזן צוא זאגין אויף דעם אלמעמער מיט איינער יאמער-שטימע: „יענך ה׳ ביום צרה״. און טויזינדע מיילער האבין עס נאך גיזאגט מיט דער גרעסטער אינברונסט (התלהבות). דען דיא שול וואר שוין דאן פול מיט מענשין, אזויא דיא מאנעשע און דיא ווייבערשע. אין אזויא האט דיזער קאפיטעל דארטין אזעק גידונערט ביז שפעט אין דער נאכט, אדער ביז סאמע סליחות. און אויף מארגין האבין אונזערע מורי-הוראה שוין אויף גיעפינט אונזערין אלטין ארסענאל און האבין אונזער גימיינדע בעוואפענט מיט דיא אלטע וואפין פון אונזערין אלטין קיניג דוד המלך, דאס הייסט, זייא האבין ארויס גינומען פון זיינעם תהלים פאסענדע קאפיטליך און האבין פון אנדער גישיקט רשימות דער פון אין אלע שולין און קלויזין, אום עס צוא זאגין גאנצענע טעג און גאנצענע נעכט דא און דארטין. און פון דיזען טאג אן און ווייטער וואָרין אלע גיבעט-הייזער אן גיפראפט מיט מענער, פרויען, קינדער, וואס האבין דיזע קאפיטלעך גיזאגט פארמיטט מיט דיזע שלש-עשרה מדות. גאר אן אויף הערונג ביז דיא אנדערע טעג סוכות — מיט גרויסע בכיות און מיט תעניתים. עס וואָרין דאן גיטאן גרויסע תשובות, פיל צדקות איז געוואָרין אויס גיטיילט גאר אן שיעור און אן ערך.

4

דיא נייע משגיחים אדער אנפיהרער.

יעדעס פערגעניגען איז פון קורצין דויער. נאך קורצער איז יעדעס ענטציקען, אם קורצעסטין אבער איז דיא אנדאכט, דאס הייסט, איינע נעטליבע שטימונג אין בעטין. — — — דיזער פאל וואלט פאר גיוויס ניט אויסין גיבליבין דא בייא אונזער געשיכטע אויך. דען דער עולם האט זיך אפגעפירעט שוין אין דיא ערסטע צווייא טעג אין בעטין און אין וויינען. און וואלטין שוין פאר גיוויס זיך באלד בערוהיגט און גישוויגין, ווען עס וואלטין ניט גיווען דער בייא צווייא וויכטיגע אור זאכין, וואס האבין איסגיפרעסט פון זייער ברוסט טיפע קלאגענדע זיפצער און פון זייערע אויגין הייסע

טרערין, ווי מיט איינער פרעס-מאשינע. דיזע צוויא אור זאכין וואר איינע די תשובה-טעג. דען עס וואר דאן ימים נוראים צייט. וואס דאס פאָלק ווייטס אין איר אלע יאָר גאָר אזויא אויך אָן א שום גזרה. — — — דיא צווייטע וואר דיא אזויא גינאנטע משגיחים אָדער מנהלים. וואס האָבין זיך מתנדב גיוועזן פון זיך אליין ניט צוא לאָזין דעם עולם א מינוט רוהען אָדער, ווי מען זאגט, ניט עטעמען. דיזע לייטע ווארין מענשין פון קליינעם שטאנד. דאס רוב בעלי-מלאכות. א טייל אָרעמע לומדים. פלעגין אום צוא גיין בייא נאכט איבער דיא גאסין, פלעגין צוא קלאפין אין דיא טירין, אין לאָדינס און פלעגין צוא שרייען:

„וואס שלאפט איר? די וועלט שטייט אין פלאמין! ישראלס צעלטען ברענען! שטייט אויף צו עבודת הבורא! גיסט אויס וויא וואסער אייערע הערצער פאר גאָט און בעטעט וועגין אייערע קליינע קינדער! א, איר צערטליכע מאמעס. שרייט צוא גאָט! גאָטעס טויערין זיינען אָפין אימער און בפרט אין תשובה-טעג. הערט איר, ווי מען שרייט אין דיא שולען שוין: „יענך ה׳ ביום צרה״ פון צעהן דעם זייגער און איר, פוילענדע, פערגינט אייך נאָך צוא שלאָפין?״

זיי פלעגין עס צו שרייען מיט איינער קלאָגענדער שטימע. דאס עס האָט אויך גישרעקט קינדער אין דיא וויגין און צו רייסין די באנדין פון שלומער. און מען איז אוועק אין דיא שולען קליין און גרויס און מען האָט אוועק גיזאָגט תהלים מיט שלש-עשרה מדות ביז סליחות. און נאָך דעם דאַווענען האָט מען ווייטער גיזאָגט תהלים. מען האָט פארלאָזין אלע גישעפטין, עס האָט אויף גיהערט דער קרעדיט, ווייל יעדערער האָט גימיינט, דאס עס וועלין ווערין אלע אידין סאָלדאטין.

עס וואר אפילו דאס נגד דעם רצון פון דיא מורי-הוראות. ווער אָבער האָט זייא גיהערט? די משגיחים האָבין אין גאַנצין בעהערשט דעם המון-עם. זיי אליין האָבין שוין גימאכט רעליגיאָזנע רעצעפטין. האָבין גימאכט רשימות פון שטיקער פיוטים פערמישט מיט יהי רצונס פון כמה קבלה-ספרים און מיט וידויים. — — — דיזע משגיחים פלעגין ארויס צוא שיקין איבערין שטאָדט אלע טאָג בחורים און מוידין מיט קערב, אום צוא קלייבין ליכט און געלד אום צוא קויפין תהלימס. און פלעגין צוא קאָמאַנדעווען דורך זייערע פאָסלאַנצעס אין אלע קלויזין, וויא מען זאָל דאַווענען מנחה, צוא אין טלית און תפלין, צוא אָן טלית און תפלין, צוא זאָל מען לייענען „ויחל״ צוא מנחה, צוא זאָל מען ניט לייענען. אויך פלעגין זייא ארויס צוא

שיקין גאַנצע אָטראַדען אַרעמע אינגלעך אויף דעם בית-עולם דורך פאַרשיירענע גאַסין, ווי איינע אַטאַקע, מיט איין יאַלעמווער מלמד. לבד פרייא וויליגע, וואָס פלעגין אַליין מיט גיין. אויך האָבין זייא דאַן אויס גיווירקט בייא דיא מיניסקעס, וואָס האָט דאַן גיהערט צוא זייא דער גרינער בריק, דאָס מען זאָל ניט נעהמען קיין בריק-געלד פון יענע, וואָס גייען מתפלל זיין אויף דעם בית-עולם. — — —

5

דער בית-עולם.

אין דיזע יאָמער-טעג איז דער בית-עולם זייער שטאַרק בעזוכט גיווארין פון אַלע קלאַסין מענשין. עס וואר זיך ניט צוא צוא שלאָגין גיוועזן צוא קיין רבנים-שטיבעל. און אַזויא אויך אויף יעדין זנאַצנעם קבר. מען איז גילעגין איינער איבער דעם אנדערין און מען האָט ניט גיוויינט, נאָר גירעוועט. מען האָט קיין זאַך גיבעטין, נאָר מען זאָל קיין סאָלדאַט זיין. א מוטער איינע, וואָס ביי איר איז גישטאָרבין א זון פון 17 יאָר, האָט אַרום איר טויטין זון גיטאַנצט מיט גרויס ענטציקען און האָט גידאַנקט גאָט, דאָס זיא האָט זוכה גיוועזן צוא ברייננגען אים אלס איד צוא קבר-ישראל. און פילע פרויען האָבין איר מקנא גיוועזן. — און איך האָב אַזויא אויף איר גילייענט דעם פסוק: „והפכתי אבלם לששון". און אַזויא אין כלל האָבין פיל מקנא גיוועזן דיא טויטע, אַלס דיא גליקליכסטע לעבענדיגע. איך זעלבסט, וואָס איך בין גיבאַננען כמעט אַלע טאָג אויף דעם בית-עולם, האָב זיך גיוואוינט דעם טויט. און פלעג זיך שיידין פון די קברים מיט דער גרעססער ווייהע מוטה. איך גידיינק, דאָס איך האָב אוועק גיטאַנצט בייא דעם קבר פון איינעם גיוויסין קדוש וטהור א גוטע שטונדע מיט וויכטיגע טענות. און האָב נאָך דעם גיווארט א היבשע צייט אויף א תשובה און וואר אַזויא גיוויס, דאָס מיינע רייד זיינען אנגילייגט. דאָס וויא איך האָב נאָר דערזעהען איינעם פרישין מענשין, וואָס איז גיקומען פון שטאָדט, בין איך אים גילאָפין אנטקעגין צוא הערין פון אים ידיעות.

אויך וואָר דערציילט דאַן פיל גרויסע וואונדער. מען האָט א! גישפירט, אַז דיא זון גייט אונטער צוא פריא. דער הימעל איז צוא רויט. מען האָט אויף גיוויזין רמזים אין אַלטע ספרים, דאָס מען וועט אַן הייבין צו נעהמען אידעסע זעלנער אין דיזען יאָר. אַנדערע האָבין אויף גיזייזן פאַר קערט

דאָס דיא גזרה וועט בטל ווערין. האָבין עש בעהויזען פון דעם פסוק: „הפח נשבר ואנחנו נמלטנו”. פח איז מרמז אויף דעם יאָר תקס”ח. נון הייסט עס, אלס דיזעס יאָר וועט זיין צוא ענדע, וועלין מיר גירעטעט ווערין. מעהר פון אלץ וואָר דערציילט פון חלומות. עש וואָר דריבער בריף גישריבין פון איין שטאָדט אין דער אנדערער. ווער שמועסט שוין, אלס עש האָט זיך דאָן גימאכט עפּיס א רעכטער מת. דאָן וואָר אים פון טויזינד שטימען אריין גישריען אין אויער, דאָס ער זאָל זיין דאָרטין איין מליץ טוב פאַר אידין און זאָל דערציילין, וואָס דאָ טוט זיך אָפּ. און דער צוא וואָר גיוויינט און גיזאָגט: „איר גייט אייך למנוחה און מיר בלייבין דאָ לאנחה”. און פאַר ביסין מיט דיא ווערטער: „בייא וועמין לאָזט איר אונז?” דרשנים און ספרנים האָבין שוין ניט גיהאַט קיין שטימע זאָגענדיג אלץ, דען זייא וואָרין הייזעריג, וויא דיא וואַנד. עש האָבין זיך דאָן גיפינען זאָגערלעך אזויא פיל, וויא מוליארעס פאַר פסח. — — — דאָס רוב זאָגערס האָבין אין דיזער גזרה איין גיזעהען משיח-צייט און האָבין עס בעהויזען פון של”ה און נאָך ספרים און מען האָט זיך גיריכט אלע וויילע אויף נסים. און אזויא פלעגט מען צוא לינין גאנצענע טעג אויף דעם בית-עולם און מען האָט גיריסין קברים גאָר אָן אויף הערונג ביז ערב סוכות. אויך אום חול-המועד סוכות וואָר מען דאָרטין גאַנצענע טעג. — — —

6

דיא שטימונג דעס פאָלקעס אין דיזען טאָגען אין ווילנא.

דיא גאנצע אידעשע נאציאָן וואָר דאָן פאַר זונקען אין איינעם טיפין טרויער. עש וואָר פער נאכלעסיגט אלער האַנד גישעפטין. עש וואָר קיין שידוך ניט גישלאָסין. און פיל גישלאָסענע וואָרין אָפּ גילאָזין. פיל האָבין זיך פאַר פערטיגט אוועק צוא פאָרען קיין ארץ-ישראל. פיל האָבין זיך גיחאַפּט צו גילדעס. דער, וואָס וואָר איין קריפּעל, וואָר איין גיהאָלפענער. איין אוינענער, איין הינקענדער, איין הארבאטער וואָר איין מיוחס, א שבר וואָר איין יחוס. איבער א קאלטין וואָרין שוין דעות. מאַנכע האָבין זיך גימאכט אליין פאַר קריפּלען. פיל זיינען צו לאָפין, פיל האָבין זיך בעהאלטין.

אין דיזען טאָגין וואָרין גרויסע אסיפות. און עש איז ניבליבין, דאָס איניגע נכבדים זאָלין פאָרין קיין וואַרשוי, אום צוא בעטין קאָנסטאַנטינען, מנוחתו כבוד, דאָס ער זאָל זיך פאַר ווענדין בייא זיינעם ברודער, דעם קי-

ליבין קייזער ניקאלייא. דאס ער זאל ערלויבין זיך צוא לייזין מיט געלד, וויל דיא אידין זיינען פון נאטור א שוואכעס פאלק. עס וואַרין אונטער דיען דעפּוטירטען ר׳ שואל פינסקער ז״ל און איינער פון דיא צייטלען. און נאך מערער. דיזער גוטער פירסט האט זייא זייער שיין אויף גינומען און האט מיט זייא פריינדליך גישפראכין און זייא איין גילויכטין, דאס זייער ביטע איז זייער אונשיקליך. און דאס ער וועט מיט זיינעם פאר ווענדין זיך פאר זייא גאר ניט ווירקין, דען עס איז שוין דער קייזערליכער אוקאז ארויס. און האט זיך דער בייא בעדינט מיט דעם אויסדרוק: „מי יבוא אחר המלך אשר כבר עשהו״, ד. ה. וואס איין קייזער איין מאל בעפוילין האט, דארף נימאנד איין ווענדין. אגב האט ער זייא אן גיוויזין, דאס אידין גיבין רעקרוטין אין אלע לענדער און האבין דער בייא קיינע איין ווענדונג גימאכט. און זיינען אזויא אוועק גאנץ אונטערדריקטער זאכע. ———

7

ראש-השנה און יום-כפורים.

אין דעם זיינען אן גיקומען די הייליגע טעג ראש-השנה און יום-כפור, וויא גירופין. און ווער עס האט נאר גיהאט אפגישפארטע טרערין, האט זיי אויס גיוויינט אין זייא. דען דער עולם אין כלל האט אפעלירט צוא זייא, וויא איין פאר משפטער צום סענאט. נאך איז אין קיין ימים נוראים גידאווינט גיוואָרין מיט אזויא א יראה און מיט אזויא איינער אנדאכט. דען יעדערער בעזונדער האט דאן ניט גיהאט צוא בעטין בייא גאט איין עטוואס פאר זיך אליין, ווי אלע יאר. ניין, אין דיזעם יאר וואר נאר גיבעטין איינע זאכע: דאס דיא גזרה פון רעקרוטין זאל בטל ווערין. און יעדער וואר בייא זיך גיוויס, דאס מען וועט וואס גוטעס אויס בעטין. עס וואר מיט דעם דאוונען אין דיזען הייליגען טעג אזויא זיס· אזויא אנגענעהם, דאס עס האט זיך מיר גאר ניט גיוואלט פון שול ארויס גיין. דיא בעטענדע געזענגע פון דעם חזן, וואס וואר צוא גאסין אין וויינען, וואר איין באלזאם דאן צוא מיינער פאר וואונדעטער זעלע. זיא וואר דער פון עפיס וויא איין גיוויגט און פאר זעצט אין איינער בעסערען וועלט. די טעג פון עשרת-ימי-תשובה וואַרין צוא גיבראכט פיל מער אנדעכטיגער, אלס איין גיוויינלעכער יום-כפור. מען האט גיפאסט אלע טעג און מען איז ניט ארויס פון דיא שולען. און ווער קען בעשרייבין דיא סצענען פון ערב יום-כפור פאר נאכט. עס וואר אין יעדעס הויז ניט גיוויינט, נאר געיאמערט, גיקלאגט. מען האט זיך גי-

זעגינט מיט איין אנדער, וויא מען וואלט דארפין גיין צום ביוויסין טויט. איינע גאנצע שטונדע האב איך אויס גיליטין אונטער דיא הענד פון מיינעם זעליגען פאטער. אלס ער האט מיך גיבענצט פאר זיין אוועק גיין אין שול אן געטאנערהייט אין טלית און קיטעל. ער האט מיך באנעצט מיט זיינע טרערין, וואס זיינען גיפאלין פון זיינע קלוגע אויגין. וויא איין שטארקער מארגין-טויא אויף איין פון גאט גיבענצט פעלד. זיין ברכה איז בעשטאנען נאר אין דעם, דאס איך זאל א איד בלייבין. וויא גאט וועט מאכין מיט מיר זאל איך פון זיינעם וועג ניט ווייכין. און דער בייא גיבענצט דעם כלל-ישראל. מיין יונגעס הערץ האט דער בייא ניט ווייניג גיליטין. איך האב דער ביי גיוויינט, נישלוכצט. און עס וואר מיר דאן צוא מוטה, וויא אונזערין פאטער יצחק צוא דער עקדה. קוים בין איך ארויס א לעבעדיגער פון אונטער זיינע הענד, איז אריין אין שטוב מיט א גרויס גיוויין מיינע א גרויס-מוטער. און האב אזויא גימוזט אויך אונטער אירע הענדע מאנכע האלבע שטונדע אויס ליידין. איך האב אבער שוין ניט גיוויינט. דען איך האב שוין קיין טרערין און קיינע כוחות ניט גיהאט. און וויא עס וואר גיוויינט אין דיא הייזער, וואר גיוויינט אויך אין דיא גאסין. עס וואר גיוויס קיין גרעסערעס גיוויין אין דעם טאג פון חורבן-ירושלים. יעדערער וואר פאר צווייפעלט וויא דאמאלט און נימאנד האט דאס לעבין גיאכטעט וויא דאן. און קיינער האט גאר ניט גיבעטין אויף לעבין. אזויא ווייט וואר מען איין גישראקין פאר דעם ענין פון רעקרוטין.

נון וואר מען אין שול דיא גאנצע 24 שטונדען וואך. מען האט ניבעטין, שיר-היחוד גיזאגט, מגידים ניהערט. עס וואר יעדע מינוט צוא טייער, אום אין איר ניט צוא פאר ברייננען. דען דער טאג וואר צוא קורץ, אום זיך אויס צוא שפרעכין אין אים מיט דעם ליבין גאט אלעס. וואס מען האט אויף דעם הארצין. און אזויא האט מען זיך גאר ניט ארום גיזעהען, וויא דער טאג איז זיך איבער גילאפין און עס האט זיך אזויא גאר ניט גיוואלט ארויס גיין פון שול. אזויא היימיש האט מען זיך דארטין גיפונען. דען מען וואר דארטין וויא אונטער גאטעס פליגעל. — — —

און מען איז ארויס פון שול מיט ווייהע-מוטה און מיט דעם פאר שפרעכין, דאס מען וועט באלד ווידער קומען. און מען איז ווירקליך באלד ווידער גיקומען און ווייטער תהלים גיזאגט.

8

סוכות.

אויף מארגין נאך יום-כפור וואר מען אין פיל ערווארטונג גוטע נייעס צו הערין. — — —

מאנכע וואונדער-זיכטיגע האבין אן גיהייבין צוא דער ציילין, דאס עש זיינען דא גוטע בריף פון ארץ הקדושה און דאס גלייכין פון מקום הגדול. עש וואר צוואר דער ציילט אלעס בסוד. און דאך האבין אלע דער פון גיפלוידערט. און ביי אלעס דעם האט מען זיך דאך ניט אפ גילאזין פון תהלים זאגין און פון תשובה טאן. און אזויא וואר מען בין יום-כפור לסוכות אויך ניט רוהיג פון תהלים זאגין. מיט איינער האנד האט מען גיבויט דיא סוכה און מיט דער אנדערער האנד האט מע צוא גיהאלטין דעם תהלים׳על. עש וואר גיוויינט אויך בייא דעם מאכין, אלס מען האט פאר גליכין דיא פאריגע סוכותן מיט דעם איצטיגין. און אים סוכות האט מען זיך אזויא גאר גישעמט זאגין די ווערטער: „זמן שמחתנו“, דען עש וואר גאר טרויער איבער טרויער. קוים פלעגט מען אפ צוא דאוונען און אפ עסען — היידא איבער א נייעס אין שול תהלים זאגין, מגידים הערין. — — —

דאהער וויא עש איז גיקומען דער טאג, וואס איז פאר דער נאכט פון הושענא רבה, האט זיך דאס גיוויין ערנייערט מיט נאך מער פריסקייט. מען וואר פיל אין אלע שולען, קלויזין, קלייזלאך, עש וואר גיזאגט סליחות, תהלים און משנה-תורה, דער צוא מגידים און מוכיחים גיהערט. אויף דעם בית-עולם האט גיקאכט וויא אים צום-גדליה, מען וואר דארט מיט ליכט, מיט ספרי-תורות, וויא מיר האבין שוין פריהער גישריבין. — — —

דער גאנצער סוכות אין כלל האט אויס גיזעהין זער טרויעריג: עש וואר גיראווינט וויא אים תשעה-באב. עש וואר קיינע פריידען-שטימע צוא הערין, קיין גוט-יום-טוב-ביטער ניט צוא זעהין, קיין שפאציר-גייער ניט בעגעגינט. עש ווארין דיא אידעשע גאסין ווי אויס גישטארבין, וויסט און לעער. דען מען וואר ענטוועדער אין דיא שולין, אדער אין קהל-שטיביל בייא דער אסיפה, דען אסיפות ווארין גימאכט טאג טעגליך.

9

שמיני עצרת.

שמיני-עצרת נאך דעם דאוונען, אלס איך בין מיט מיינעם זעליגען

פאטער גיזעסין אין סוכה בייא דעם צימעס. איז איינער אריין גילאפין צוא אונז מיט גרויס שמחה און האט אונז אן גיזאגט, דאס דיא גורה איז בטל גיווארין. און מיר האבין אים גיגלויבט, ווייל עש האט זיך גיוואלט גלויבין. מיין פאטער אבער, וואס וואר איין גיזעצטער מענש מיט א גיזונטין מענשין-פערשטאנד, האט זיך באלד בעזונט און האט אן גיהייבין צוא צווייפלען. „וויא אזויא איז עש מעגלאך — האט ער זיך אפ גירופין — דאס איין קייזערליכער אוקאז זאל בטל ווערין?" — דאך דיזער צווייפעל איז גיווארין באלד דערשטיקט דורך דעם פריידען-לארם, וואס איז גיווארין אויף דעם הויף. מיר האבין מקצר גיווען מיט דעם צימעס, און מיר האבין באלד אפ גיבענצט און זיינען ארויס אויף דעם הויף, וואס וואר בעוואוינט פון זייער פיל מענשין און האבין עס נאך גיפרעגט. און אלע האבין דערציילט מיט איינעם נוסח, דאס עש זיינען גיקומען בריף פון מקום הגדול, דאס דער קייזער זעלבסט האט דיזען אוקאז מבטל גיווען אויס גיוויסע אורזאכין און דיא קלויזנער האבין שוין דער בייא דער ציילט א מופת מיט א חלום. מיין פאטער, וואס וואר נאך דער מיט ניט צוא פרידין, האט עש נאך גיפרעגט בייא איינעם וויכטיגין מאן, וואס, וויא מען רופט, „זנייעס דיעלא". און דיזער האט אים גיענטפערט, דאס — עש זיינען דא בריף — איז מער וויא גיוויס. דאך מען וויל זיך דער מיט ניט ארויש ווייזין. און דער לעצטער פונק פון צווייפעל האט זיך ביי אונז אויס גילאשין, אלס מיר האבין גיזעהען, דאש הונדערטער מענטשין לויפין אן גארטלען און אן היטלען ווי וואנזיניגע אין דער גרויסער שול, אום צוא זאגין דארטין הלל הגדול. איך בין אויך אהין גילאפין. איך האב אבער שוין קיין פלאץ גיפונען, וואו א נאז אריין צוא שטעקין. דיא שול וואר פול און פאק. זעלבסט דער גרויסער לייטער וואר בעזעצט מיט מענטשין פון אונטען ביז ארויף. און מען זאגט הלל הגדול מיט א גרויסין ברען. און אלע ווילע איבער א נייעס.

אין יענע צייטין וואר אין ווילנא איין גרויסער נכבד, וואש מען האט אים גירופין ר׳ בינעם פישעלעס. יעצט וואלט ער הייסין הערר נאטאנזאהן. דיזער מאן וואר איין גרויסער וועלט-מענש, איין משגיח איבער ווילנער אידעשין בקור-חולים און איין גרויסער מקורב בייא דעם דאמאלסדיגין גובערנאטאר הארען, איין דייטשער. און דיזער האט גיוואוסט אויף קלאר, דאש נור מאנכע אידעשע פיינדע האבין אונטער גישיקט אזעלכע פאלשע בריף פון מקום הגדול, אם ווייניגסטין, אזעלכע פערדארבענע מענטשין, וואש האבין גיוואלט מוציא זיין פון דעם כלל. און איז דאהער גיקומען

װאַש צום גיכסטען אין שול, איז אַרויף אויף דעם אַלמעמער און האָט אַן גיהויבין צוא שרייען מיט קולות: „אהיים! אהיים! אהיים! עש איז ליגין. שונאים זיינען דאָ אין שפיל. מען בעטריגט אייך". — דיזע וואָרע און קלוגע רייד פון דיזעם וועלט-מאַן וואַרין גישפּראָכין אין ווינד. מען האָט אים ניט גיהערט. מען האָט גיזאָגט און גיזאָגט הלל ביז הקפות. און ער האָט גיהאַט צוא דער ציילין נסים. דאָש ער איז גיבליבין לעבין. דען דער פּעבעל האָט אים גיװאָלט שטייניגין, וואָש ער איז טונע כמה אלפים אידין גאָט צוא דאַנקין און פאַר שטערט זייא דעם יום-טוב. און אַזויא וואַר אַוועק גיהולעט דער גאַנצער שמחת-תורה מיט דער אויס גילאַסענער פריידע. מען האָט גיטאַנצט אין די גאַסין, מען האָט זיך ניקוסט און אַרום גינומען זיך. מען האָט גיוויינט אויס פריידין און מען האָט זיך אַן גידערציילט וואונדער איבער וואונדער. פון ווילנא האָט זיך דער ליגין אויס גיברייטעט אויך אין דיא קליינע שטעדט, אין דיא דערפער און דאָרטין האָט מען אַוועק גישכורט איבער שבת-בראשית און מען האָט אַזויא וויים ראַזגולעוועט, דאָס עש וואַר זייא שוער דער נאָך אָפּ צוא רייסין פון דיא גולייקעס. וויא עס װאַר זייא פריהער שוער אָפּ צוא רייסין פון געיאַמער.

קורץ אום, עש וואַר נאָך אין קיין שמחת-תורה אַזויא שטאַרק גיהולעט. װיא אין דיזין. און מען האָט זיך ערסט אַן גיהויבין אויש צוא ניכטערין, אַלס מען האָט שוין אייניגע צוא גינומען פאַר רעקרוטין.

10

די ערסטע רעקרוטין.

באַלד נאָך איסרו-חג האָט מען גימאַכט זעקסטלאַך און מען האָט צוא נומען אַ זעכציק שטיק פון דער גאַנץ נידעריגער קלאַסע, למשל פון דיא אַפּענטליכע הייזער, פּיסקאַלין, קיסעניקעס, מאַנכע אויס גילאַסענע דראַנסקאַווניקעס. וואָש וואַרין װירקליך צוא שאַנדע פון אונזער אידעשער װילנער געמיינדע. דער גרעסטער טהייל וואַרין אַלע גיזונטע און פיינע אינגלאַך. עש וואַרין קוים צווייא אויש גיבראַקירט. עש װאַר אין דעם פּריאָם-טאָג איין טרויער אונטער דיא אידין. און דיא רעקרוטין האָבין אויש גיזעהין װיא הייליגע קרבנות, וואָש מען האָט זייא זייער שיין אויש גיקליידעט. און מען איז גילאָפין אויף דעם וואונדער זייא צוא זעהען. אידין הן קריסטין. און מען האָט זיי דערהאַלטין אין שטאָדט אַזוי לאַנג, וויא מעגליך נאַר װאַר. — — —

14/11 1827. רשימה פון די אויפגעגעבענע רעקרוטן פון מינסקער קהל. 1-ער נאַבאָר.

№	נאָמען און פאַמיליע-נאָמען	יאָ	באַשטאַנד פון דער פאַמיליע	באַשעפטיקונג	האָט ער אַן אייגן הויז	צאָלט ער רעיעל שטייערן	וואו וווינט ער?	איז ער שוין געווען געמשפט?
1	אייזיק וואָלמאַן	24	פאָטער, מוטער, ברידער, שוועס.	אַרבעטער	ניין	ניין	אין שטאָט	ניין
2	בערקע קסן	16	עלטערן, ברידער שוועסטער	אָן באַשעפטיקונג	″	″	אונטערן שטאָט	חשוד
3	בנימין גערטיק	13	″ ″	″ ″	″	″	אין שטאָט	חשוד
4	הירש אָדער זיין ברודער חיים עווזאַר.	22 24	1) אָן פאַמיליע 2) אַ ווייב און אַ טאָכטער	″ ″ ″ ″	″ ″	″ ″	″ ″ ″ ″	ניין
5	צאַלים יאַכעלעוויטש	17	עלנד	″ ″	″	″	″ ″	″
6	הירש לעקינד	20	אַ פרוי מיט אַ קינד	פּשוטער אַרבעטער	″	″	אין מאָהילעוו, אָן אַ פּאַס	″
7	חיים אנפאַטער	16	איינזאַם	אָן באַשעפטיקונג	″	″	אין שטאָט	″
8	חיים קאַרפּ	25	″	פּראָסטער שוסטער	″	″	גייער איבער דערפער	″
9	איציק וואָלף ריפּ	17	″	לערנט אַ מלאכה	″	″	וואַנדערט אָן אַ פּאַס	″
10	יאַנקל כוראַק	15	פאָט. בריד. שוועס. לעבט באַזונ.	בעטלט	″	″	אין שטאָט	″
11	יוסל כאַמעקער	16	אַ מוטער און אַ ברודער.	שוסטער-אַרבעטער	″	″	″ ″	″
12	יוסל שעכט	21	פאָטער, ברידער, שוועסטערן	″ ″	″	″	″ ″	″
13	לייב לעדער	25	אַ ווייב און קינדער	פאַקטאָר	″	″	″ ″	″
14	משה פערדינער	25	איינזאַם	אָן באַשעפטיקונג	″	″	″ ″	″
15	משה לייב באַמשטיין	25	אַ פאָטער	″ ″	″	″	″ ″	″
16	עקיבא גראַיעווער	17	איינזאַם	בעטלט	″	″	″ ″	″
17	פייוויש טשערסאָוו	24	ברידער – לעבט באַזונדער	שניידער	″	″	וואַנדערט אָן אַ פּאַס	″
18	איצעק גלייכנהויז	23	″ ″ ″	דינער	″	″	דאָרף וואַנדערער	″
19	פסח דוד קעמלמאַכער	23	איינזאַם	געלערנט שוסטעריי	″	″	וואַנדערט אָן אַ פּאַס	″
20	שמואל סלושער	24	אַ ווייב — ברידער, וווינט באַזונ.	אָן באַשעפטיקונג	″	″	אין שטאָט	″
21	שלמה איטקין	25	אַ ווייב	″ ″	″	″	″ ″	″
22	טעוול אָדער זיין ברו- דער לייב איצקאָוויטש	22 21	ברידער 1) באַזונדער 2) אַ ווייב	געלערנט שוסטעריי פירט משאות	″	″	″ ″	″
23	אברהם מירקאָוויטש	25	איינזאַם.	משרת	″	″	″ ″	″
24	מענדל קאַפּלאַן	21	″	″	″	″	″ ″	″
25	אברהם פערצאָוו	19	″	שפּילט אין קאָרטן	″	″	″ ″	″
26	אהרן לעבער	14	″	בעטלער	″	″	″ ″	″
27	אהרן קאַלקאָוו	23	מוטער און ווייב	אַרענדאַר	″	″	אין דאָרף	″
28	אברהם גלייכנהויז	17	איינזאַם	משרת	″	″	″ ″	″
29	בער איזאַקאָוו	14	עלטערן, אַ ברוד. וווינט באַז.	″	″	″	אין שטאָט	″
30	בער פינכוסאָוויטש	16	פאָט. קליינע בריד. לעבט באַז.	″	″	″	″ ″	″
31	הערץ ראַשקין	13	מוטער, ברוד. שוועס. וווינט באַז.	″	″	″	″ ″	″
32	הערץ קאַפּלאַן	22	איינזאַם	שניידער	″	″	וואַנדערט	″
33	מענדל אהרן ראָזענבערג	13	מוטער — וווינט באַזונדער	משרת	″	″	אין שטאָט	″
34	איציק קערשטיין	17	איינזאַם	אָן באַשעפטיקונג	″	″	″ ″	″
35	מאיר לעוויטאַס	12	ברוד. וווינען ווייט פון מינסק	″ ″	″	″	″ ″	″
36	יקותיאל מאיר סאַנקין	25	איינזאַם	″ ″	″	″	אין דאָרף	″
37	לייב גלידער	20	עלטערן, ברידער, שוועסטערן	″ ″	″	″	אין שטאָט	″
38	לייזער פּאַלעיעוו	16	[illegible] ″ ″ ″	″ ″	″	″	″ ″	חשוד
39	שמואל באַראַקאַן	18	″ ″ ″	געלערנט שניידעריי	″	″	″ ″	ניין
40	שמואל זופער	19	″ ″ ″	שוסטער	″	″	″ ″	″
41	גוטמאַן גאַטאָוו	15	איינזאַם	אָן באַשעפטיקונג	″	″	אין דאָרף	″
42	דוד שלמה לעווין	14	עלטערן, ברידער, שוועסטערן	ביי די עלטערן	″	″	″ ″	″
43	שמואל רייכער	23	איינזאַם	אָן באַשעפטיקונג	″	″	אין שטאָט	″
44	הלל קלאַצין	16	פאָטער — וווינט באַזונדער	משרת	″	″	″ ″	″
45	וואָלף דוד נורימאָוו	19	ווייב	קעסט-איידעם	″	″	אין דאָרף	″
46	אברהם שהעדעל	16	ברידער — וווינט באַזונדער	משרת	″	″	אין שטאָט	″
47	אהרן קלאַטשין	19	ווייב	″	″	″	″ ″	″
48	שעוול רובין	17	עלטערן, ברוד. וווינט באַז.	″	″	″	″ ″	″
49	משה ברייטמאַן	21	אַ ווייב. בריד. שוועס. וווינט באַז.	שניידער	″	″	″ ″	″
50	אשר סענדעראָוויטש	13	עלטערן, שוועסטער, ברידער	ביי די עלטערן	″	″	″ ″	″
51	משה חיים ליטוואַק	15	איינזאַם	משרת	″	″	″ ″	″
52	נטע לייב סטאַראָבין	19	ווייב	ביים שטיף-פאָטער	″	″	אין דאָרף	″
53	לייב ניגין	19	עלטערן, ברידער, שוועסטערן	ביי די עלטערן	″	″	″ ″	″
54	איציק מאָוושאָוו	19	מוטער. ברודער וווינט באַז.	גלעזער	″	″	אין שטאָט	″
55	ניסן אָדער זיין ברודער דוד ווידראַ	19 14	פאָטער, ברידער. לעבט באַזונדער.	משרת	″	″	″ ″	″
56	לייב ציפּעראָוויטש	25	מוטער	פאַקטאָר	″	″	″ ″	″
57	הערש פידלאַן	21	אַ ווייב	″	″	″	″ ″	″
58	שמואל קריץ	17	איינזאַם	אָן באַשעפטיקונג	″	″	″ ″	″
59	מרדכי סערעבריאַנסקי	17	פאָטער. ברידער שוועסטערן	″ ″	″	″	″ ″	″
60	ראובן וואַלענקאָ	20	איינזאַם	″ ″	″	″	וואַנדערער	″
61	דוד בעלאַק	24	איינזאַם	″ ″	″	″	אין שטאָט	″
62	פישל גיטלין	21	″	משרת	″	″	″ ″	″
63	נח אָדער זיין ברודער זלמן צנאַנסקי	20 14	ברידער לעבן באַזונדער	אָן באַשעפטיקונג ″	″	″	וואַנדערער	″
64	יאַנקל טשאַרני	21	ווייב	שוואַרצע אַרבעט	″	″	אין שטאָט	″
65	איציק רוסאָוו אָדער זיין ברודער פייטל	21 22	איינזאַמע — וווינען באַזונדער.	1) שוסטער 2) פירט משאות	″	″	″ ″	″

בייא זייער אָפּ ציהען אָבער אין די ווייטע גובערניעס האָט זיך ווידער בעגייט די טרויער־שצענע. עס האָבין זייא באגלייט די גאַנצע שטאָדט ביז גלינאַנקע, איינע קרעצמע, וואָש איז איין האלב מייל פון ווילנע. עס זיינין נאָך גיגאַנגען כמה וכמה וועגין בעלאָדין מיט דינע ברויט, בולקעס, קעז, העריגג, דאָרטין אין קרעצמע האָט מען זייא אויש גיטיילט תפלין, סדורים, תהלים׳ס. דער שטאָדט־מגיד ז״ל האָט פאַר זייא גיזאָגט איינע ריהרענדע פריידיגט, דאָש זייא זאָלין זיך אָרענטליך אויף פירין, זאָלין זיין גיהאָרזאָם זייערע אויבערקייט און אָן גאָט ניט פאַר געסין. עס וואַר דאָרטין גינוג גיוויינט, גינוג טרערין פאַר גאָסין. דער נאָך וואָר דאָרטין גימאַכט איין מי־טאָג פאַר זייא. כלי־זמר האָבין גישפּילט. עס וואָרין פון דיזער שצענע גי־ריהרט זעלבסט די אָפיצירין און דיא רויע סאָלדאַטין און האָבין מיט גיוויינט. דיזע טרויעריגע שצענע ביי דעם אָרויסלאָזין זייא האָט זיך ווידער האָלט כמה יאָהר בייא יעדין נאַבאָר, ביז מען האָט אָן גיהייבין צוא נעהמען צווייא מאָל אַ יאָהר בייא אונז אידין צוא צעהען פון טויזינט. — — —

אין דיא צייטין פון דעם ערסטין נאַבאָר האָט מען איין גיפירט בייא אונז אין ווילנא מעמדות. דאָש יעדערער, וואָש מיינט נור גוט מיט זיינעם גאָט, זאָל קומען איין טאָג אין יעדין חודש אין דער קברנישער שול און זאָל דאָרטין צוא ברייננין דעם גאַנצין טאָג, זייענדיג אָן גיטאָן אין טלית און תפלין, אין תחנות און בקשות און אויך פאַסטין דער צוא. עס האָט דיזער תיקון גיהאַלטין עטליכע יאָר זייער פעסט. נור איצינד דינגט מען איינען אַנדערין אָן שטאָט זיך און עס ווערט דאָרטין גיפּעסין נאָך עד היום״. — — —

אזוי ווי אין ווילנע, אזוי האָבן אויך אַלע אַנדערע יידישע ישובים אויפגענומען די נייע גזרה. אַלס־קאָנסטאַנטינאָוו און ווילנע געבן אונז נאָר אַ ביישפּיל פון דער דערשלאָגנקייט און פאַרצווייפלונג, וואָס האָבן באַהערשט יידן. אזא סצענע, ווי די טאַנצנדע מוטער אויפן קבר פון איר 17־יעריקן זון, ווייל זי האָט זוכה געווען צו ברענגען אים צו קבר־ישראל, דערמאָנט אונז אין ענלעכע סצענעס פון דער אַלטער רייכער יידישער מאַרטיראָלאָגי, פון די צייטן פון די קרייץ־צוגן צ. ב. — די גראָקייט און עלנטקייט פונם יידישן לעבן אין געטאָ, אויך די פרומקייט און אַבערגלויבערישקייט זענען שטאַרק געוואַקסן. געוויס האָט פין רעכט, ווען ער זאָגט, אַז די רעקרוטן־גזירה האָט איבערגעלאָזט טיפע שפּורן אין פאָלק... דאָס לעבן איז געוואָרן פינסטערער,

אימהדיקער. יידן האבן רעאגירט בלויז מיט תפלה-טון, מיט פאסטן און וויינען. צו קיין שטארקערן ארויסטריט אדער צו אן עפנטלעכן פראטעסט האט דאך ניטס געקאנט קומען. ביים דעמאלסדיקן הארבן רעזשים און ביי דער יידישער פאסיוויטעט און דערשלאגנקייט איז יעדער עפנטלעכער פראטעסט געווען אוממעגלעך. בלויז אין אלט-קאנסטאנטינאוו איז געקומען צו א געוויסן אויפרור ביי יידן. דער המון זאל האבן אויסגעהאקט די שויבן ביי עטלעכע קהל-לייט, ווייל מ׳האט געגלייבט, אז זיי זענען שולדיק אין דעם אומגליק: זיי האבן באדארפט און געקאנט אויספועלן, די גזירה זאל בטל ווערן.

דאס שויבן-האקן זאל האבן פארגעקומען אין דעם טאג, ווען עס איז פארגעקומען די לויה פונם תשובן ייד, וועמען מ׳האט מיטגעגעבן די בקשה צום רבונו-של-עולם. דאס האט זיך געקאנט ענדיקן גאנץ טראגיש פאר אלט-קאנסטאנטינאווער יידן, ווייל דעם 27-סטן סעפטעמבער 1827 האט דער וואלינער גובערנאטאר אנדזשייקאוויטש מיטגעטיילט דעם פארוואלטער איבער דער באוווסטער „3-טער אפטיילונג" (אכראנע), בענקענדארפן, אז דעם 21 סעפטעמבער, נאכן פובליקירן דעם אוקאז, האבן די יידן מאסנווייז זיך צונויפגעקליבן, געמאכט אן אויפרור און אנגעפאלן אויף פיל יידישע הייזער. דער דארטיקער גאראדניטשי האט מיט דער הילף פון א מיליטערישן פאטרול פונאנדערגעטריבן דעם יידישן אנגעלויף און ארעסטירט 6 מאן. דעם 4-טן אקטאבער האט בענקענדארף צוגעשטעלט דעם גובערנאטארס ראפארט דעם קייזער. אינם זעלבן טאג האט ניקאליי ארויסגעגעבן א באפעל צו משפטן די אלט-קאנסטאנטינאווער יידן דורך א מיליטער-געריכט. דאס האט געדראט מיט שמיץ, אפגעבן פאר סאלדאטן און קאטארגע. צום גליק איז דערצו נישט דערגאנגען. די אויספארשונג האט באוויזן, אז מ׳האט בלויז אויסגעהאקט די שויבן ביי א פאר קהל-לייט און גבירים. עס האט זיך איינגעגעבן דעם ענין צו פאררייבן.

אזעלכע סצענעס פון שויבן-ברעכן זענען פארגעקומען אויך אין בערשאד (וואלין) און, ווי מאנכע דערציילן, אויך אין מינסק. אזוי שטעלט זיך פאר דער אויסברוך פונם אומבאהאלפענעם יידישן פאלקס-צארן און גרענעצלאזער פארצווייפלונג.

ב.

וועמען האָט קהל אָפּגעגעבן פאַר רעקרוטן?

דער אוקאַז איז איבעראַל געוואָרן דורכגעפירט. קיין רעקרוטן האָבן נאָך דעמאָלס נישט אויסגעפעלט. די פאָלקס-רעזערוון זענען נאָך געווען אומגערירט... און אומעטום איז דאָס פשוטע פאָלק געפאַלן אַלס קרבן פון דער רעקרוטשינע. גענומען האָט מען פּראָסטע פאָלקס-מענטשן, מרוב בעלי-מלאכות, און קליינע קינדער, אויך איינאייניקע זין, פון אַלמנות און סתם אָרעמע עלטערן. גבירישע, באַלעבאַטישע און לומדישע קינדער האָט מען געשאַנעוועט. די רשימה פון די קאַנדידאַטן צום ערשטן נאָבאָר אין מינסק גיט אונז אַ בולט בילד פון דעם עלעמענט, וואָס האָט געמוזט אויסטראָגן אויף זיינע פּלייצעס די גאַנצע משא פון רעקרוטשינע. מינסקער קהל האָט געדאַרפט אָפּגעבן צום ערשטן נאָבאָר נאָר 18 רעקרוטן. דאָך, צוליב דעם חשש, טאָמער וועלן אַ סך פון די צוגעשטעלטע געפסלט ווערן צוליב פיזישער נישט טויגבאַרקייט, האָט קהל צונויפגעקליבן דורך די כאַפּערס קרוב 70 פערזאָן. צווישן די געכאַפּטע זענען געווען 28 יינגערע פון 18 יאָר, ד. ה. קינדער (40 פּראָצ.), די איבעריקע — אין עלטער פון 18 ביז 25 יאָר. 25 פון זיי זענען געווען איינזאַמע אָן פאַמיליע; 28 האָבן געהאַט אַ פאַמיליע, ווי: אַ פאָטער, אַ מוטער, ברידער און שוועסטערן; 13 זענען שוין געווען באַווייבטע און האָבן געהאַט קינדער. צווישן די פאַמיליע-מענטשן זענען אויך געווען איינאייניקע זין, וואָס האָבן געהאַט אויסצוהאַלטן אַ פאָטער אָדער אַ מוטער.

לויטן סאָציאַלן שטאַנד זענען 33 געווען אַרבעטער, ווי: שניידער, שוסטער, גלעזער, באַדינער, משא-פירער, סתם שוואַרצע אַרבעטער. די איבעריקע זענען געווען אָן באַשעפטיגונג, ביי די עלטערן, אָדער ביים שווער אויף קעסט, אָדער האָבן זיך פאַרנומען מיט פאַקטאָריי, שענק-אַרענדע און אַנדערע מסחרים. אַלע האָבן אָנגעהערט צו דער אָרעמסטער שיכט. ווייל קיין איינער האָט נישט געהאַט קיין אייגענע שטוב און האָט נישט געצאָלט קיין שטייערן. 46 פון זיי האָבן געוווינט אין שטאָט. די איבעריקע אין דאָרף. קיין איינער פון זיי איז נישט געווען פאַרמשפּט פאַר וועלכן ס'איז פאַרברעך. בלויז 2 זענען געווען „חשוד אין שלעכטער אויפפירונג" און איינער אַ 16-יעריקער האָט געהאַט אויף זיך אַ משפט. איין חטא האָבן אַלע געהאַט: זיי זענען

געווען ארעם און פון פראסטן שטאנד... פאר דעם דאזיקן חטא האבן 18 פון די פארשפארטע יידן געמוזט ווערן דער שעיר לעזאזל פארן גאנצן מינסקער קהל.

מינסק איז נישט געווען קיין אויסנאם. אזוי איז אויך געווען אומעטום — אין אלע שטעט און שטעטלעך.

כאראקטעריסטיש פאר דער האנדלונג פון קהל אנטקעגן די ארעמע און פראסטע פון פאלק איז די פאלגנדע שטעל פון יצחק בער לעווינזאנס סאטירע: „הפקר-וועלט". לעווינזאן, אדער דער רוסישער מענדעלזאן, ווי ער ווערט מיט רעכט אנגערופן, האט אנגעשריבן די „הפקר-וועלט" אין יידיש אין די יארן 1828-30, ד. ה. אוממיטלבאר נאכן איינפירן די רעקרוטן-גזרה, און זיין שילדערונג פון דער אויפפירונג פון די קהל-לייט איז א וויכטיקער דאקומענט און גבית-עדות פון א לעבעדיקן באאבאכטער, וואס האט זיך צוגעקוקט צו די שווידערלעכע מעשים פון די קהל-תקיפים און זיי גלייך באשריבן. אין דער „הפקר-וועלט" קומט פאר אזא דיאלאג:

„**ר' פייטל**: אמער פרעגט א קשיא, מיין ליבער ייד, דארף מען בעסער, ווי דער קייזער, זאל מאריך ימים זיין, האט אזוי געטראכט פאר דעם יושר ביי רעקרוטן-נעמען, אז עס זאל אלץ ערלעך צוגיין?

אורח: נו, סטייטש! ביי אונז גייט טאקי זייער ערלעך צו. אין דען ביי אייך ניטא קיין אטשערעדני קניגע?

ר' פייטל: טא. עס איז דא. נאר ביי דער אטשערעדני קניגע מאכט ערשט קהל מיט די אטראוושיקעס, וואס מאכן חשבון, וואס בחשבונען זיך זייער גוט לכתחילה, ווי אזוי זיי זאלן שטעלן דעם סדר פון די נכתבים, אז ס'זאל אויסקומען טאקי אויף דעם אריממאן, וואס זיי ווילן.

אורח: ווי אזוי, למשל?

ר' פייטל: לעת עתה שטעלן זיי פון פארנט די אלע, וואס זיי טויג, אז עס זאל אזוי גינוג זיין אויף 3 יאר. נאך 3 יאר וועט מען באדארפן מאכן א נייע קניגע. וועלן זיי ווידער אזוי אויסדרייען, עס זאל אויסקומען ווידער אויף דאס זייעריקע.

ר' זרח: אין דער אמתן, זינט מ'נעמט רעקרוטן, האט מען נאך ניט אהעקגעגעבן קיין עושרס קינד, קיין שום תקיפס קינד, קיין שום

פאַקסאַרס קינד, קיין שום בית-מדרש-בחור, נאָר אָרעמע לייטס קינדער נעבעך, ערלעכע בעלי-מלאכות, קינדער. וואָס העלפן זייערע עלטערן אַרבעטן, ערלעכע משרתים, ערלעכע באַהעלפערס.

אורח: יאָ, וואָס טוט מען אָבער מיט אַ בן-יחיד, למשל? דעם קאָן מען דאָך שוין ניט אוועקגעבן פאַ זאַקאָנו?

ר' זרח: מאַ, אַזוי ווי איר טענהט אַלץ פאַ זאַקאָנו, זענט איר בוודאי זייער גערעכט, ביי אַ דין-תורה הייסט עס, אָבער מ'גיט דוקא אַוועק איינאונאיינציקע, ערלעכע קליינע קינדערלעך פאַר 12 יאָר, ווייל מיט אַ קינד קענען זיי מאַכן אַלע אַ שווינדל.

ר' פייטל: איר זאָלט זען, מיין פריינט, ווי מ'שלעפּט פּיצלעך קינדערלעך ווי די חזירים פון דער מוטערס שויס! דאָס רחמנות צוברעכט דאָס האַרץ. כאָטשי אַזוינע קינדערלעך, פּיפּינקעלעך, וואָס מ'הייסט, אַז די פּריסוסטווע וועט זיי בוודאי ניט צונעמען, כאַפּן זיי די לאַווצעס אויס. דען זיי ווייסן, אַז די מוטערס וועלן די העמדער פאַרקויפן און זיי אוועקגעבן, זיי זאָלן אָפּלאָזן זייערע קינדער. ווי קאָן מען דאָס נאָר אויסהאַלטן, אַז מ'זעט קליינע קינדערלעך בעטן די פאָטערס און די מוטערס זאָלן זיי בלינד מאַכן אָדער עפּיס איין אַנדער מום מאַכן, כדי זיי זאָלן פּטור ווערן פון שרעקן...

אורח: איר הייסט, אַז סדום איז נאָך אַ הונד געווען אַקעגן אייער קהל מיט אייערע אַטראַוושיקעס, מיט זייערע רציחות און גנבות, ווי איך פאַרשטיי.

ר' זרח: איך האָב הנאה. איר קומט שוין אַביסל צום שכל.

דאָס בילד איז קלאָר און רעדט פאַר זיך. אַזוי איז געווען שוין אין אָנהייב. דאָס שפּעטער איז געוואָרן אַלץ ערגער. — — —

דער היסטאָריקער יוליוס העסען דערציילט אין זיין „געשיכטע פון די יידן אין רוסלאַנד" (אין רוסיש), אַז אין די ערשטע יאָרן פון רעקרוטשינע האָט די רעגירונג אַרויסגעגעבן אַ ריי צירקוליאַרן, וואָס האָבן דערלויבט די קהלות צו דעקן זייערע שטייער-חובות מיט איבער-קאָנטינגענטס-רעקרוטן, ד. ה. נאָך דעם, ווי זיי האָבן די געפאָדערטע צאָל רעקרוטן נעגעבן, האָבן זיי געקאָנט ווייטער געבן רעקרוטן פאַר די חובות — פאַר יעדע 1000 רובל

א רעקרוט. עס האבן זיך, ליידער, געפונען קהלות, וואס האבן זיך באנוצט מיט דעם דאזיקן רעכט. די ערשטע האבן עס געטון גראדנער און מאהילעווער קהלות. עס זענען אויך געווען אזעלכע קהלות, וואס האבן מיט א מאל געגעבן מער רעקרוטן, ווי מ'האט פון זיי געפאדערט. די דאזיקע רעקרוטן האבן זיי אפגעגעבן פארויס אויפן חשבון פון די שפעטערדיקע נאבארן.

זיי האבן זיך באצייטנס פארזארגט.

עס פלעגט אויך טרעפן, אז שוין אין די ערשטע יארן פון דער רעקרוטשינע האבן קהל-לייט פארכאפט קינדער פון אנדערע קהלות און זיי אפגעגעבן פאר רעקרוטן פאר זייערע אייגענע קהלות. אין ווילנער מלוכה-ארכיוו געפינט זיך אן אנקלאגע, וואס איז אריינגעטראגן געווארן דעם 19/5 1832 צום ווילנער גענעראל-גובערנאטאר דורכן ראש-הקהל פון שטעטל שאטי, גבריאל גאדי. אין דער דאזיקער שריפט באקלאגט זיך דער ראש-הקהל פון שאטי אויף דער גובערניע-פארוואלטונג, פארוואס זי האט אנגענומען פאר רעקרוטן צוויי קינדער פון זיין שטעטל, וואס זענען געווארן אפגעגעבן דורך פרעמדע קהלות און, הגם ער האט שוין וועגן דער דאזיקער זאך אריינגעשיקט צוויי ביטעס צו דער גוב.-פארוואלטונג, האט זי דאך אויף זיי נישט רעאגירט. (מן הסתם צוליבן שוחד, וואס די קינדער-רויבער האבן געגעבן — א. ל.).

די ביידע קינדער האבן געהייסן:

1) יאנקל קורלאנדטשיק. אים האט פארכאפט דאס שטעטל ווילקי.
2) פסח שטיין. " " " " " שאדאווא.

אזא הפקרות און דעמאראליזאציע האבן געהערשט ביי די קהל-לייט און כאפערס, ווען ס'האט זיך געהאנדלט וועגן ארעמע יינגע קינדער!

עס איז בכלל אומדערשעפלעך די צאל פון די פארברעכערישע מעשים פון די קהל-תקיפים.

IV.

די כסדרדיקע פארשארפונג פון דער רעקרוטשינע פאַר יידן דורך צוגאָב-באפעלן.

שפּעטערדיקע פאַראָרדנונגען.

די באַזונדערע אויסנאַם-געזעצגעבונג פאַר יידן אין צאַרישן רוסלאַנד האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך עטלעכע דיקע בענדער. אויך װעגן דער רעקרוטשינע זענען כסדר, דורכן גאַנצן לעבן פון ניקאָלײַ דעם 1-טן, אַרויסגעגעבן געװאָרן צוגאָב-פאַראָרדנונגען, װאָס האָבן געהאַט אַלס ציל צו מאַכן די רעקרוטשינע פאַר יידן װאָס שװערער, װאָס אומדערטרעגלעכער, אַזוי אַז אין די לעצטע יאָרן פונם גרױזאַמען צאַר האָבן יידן ממש געבלוטיקט אונטער די אוממענטשלעכע באַדינגונגען פון דער רעקרוטשינע. דידאָזיקע פאַראָרדנונגען װיקלען פאַר אונז ברייטער פונאַנדער די גאַנצע שױדערהאַפטיקײַט פון דעם אוממענטשלעכן רעקרוטן-געזעץ און פון דער דאַמאָלסדיקער טראַגישער יידישער װירקלעכקײַט. אַרויסגעגעבן זענען זיי געװאָרן אין פאָלגנדער כראָנאָלאָגישער אָרדנונג:

1) — פון 22/5 1828. — „ס'װערט דערלויבט צו צעטיילן גרויסע משפחות אויף קליינע, אויב אין דער משפחה האָבן די זין חתונה געהאַט און זענען געװאָרן אַ פאַמיליע פאַר זיך, אַפילו װען זיי זענען נישט צעטײלט אין לעבן. דאָסגלײַכן װערט אויך דערלויבט צו פאַראייניקן עטלעכע קליינע פאַמיליעס אין איין גרויסע, אויב עס איז פאַראַן צװישן זיי עפּעס אַ קרובהשאַפט". —

די דאָזיקע פאַראָרדנונג האָט געגעבן אַ געפערלעכן געװער אין די הענט פון קהל קעגן די אָרעמע. זי האָט געגעבן דעם קהל אַ מעגלעכקײַט צו מאַכן פאַרשידענע שװינדלערײַען בײַם צונויפשטעלן דאָס רײַ-בוך און צו באַפרײַען גרויסע און רײַכע פאַמיליעס פון רעקרוטן-פליכט דורך צעטיילן זיי אויף עטלעכע קלענערע. װײַל דאָדורך זענען זיי געװאָרן אָפּגערוקט אויף אַ װײַטן

ארט אין רעקרוטן-בוך, צו וועלכן די ריי איז קיינמאל נישט דערגאנגען. דאגעגן איז אן ארעמע קליינע פאמיליע געווארן פאראייניקט מיט נאך א פאמיליע און האט שוין פארנומען לויט איר גרויסער צאל מאנסלייט איינס פון די ערשטע ערטער אינם ריי-בוך און האט די ערשטע נעמוזט געבן א רעקרוט, הגם אין אמתן האט די ריי נישט געדארפט דערגיין צו איר. אויך א בן-יחיד איז דורך אזא מין שווינדל געווארן אויס בן-יחיד, ווייל ער איז געווארן צוגעשריבן צו א צווייטער פאמיליע, וואס האט געהאט זין און איז געווארן אפגעגעבן אלס זייער עלטסטער ברודער פאר א רעקרוט.

דער זעלבער באפעל זאגט אויך, אז — „גלידער פון א פאמיליע, וואס וואוינען אין דארף און פארנעמען זיך מיט פאקטארייי אדער בראנפן-פארקויף, ווערן געשטעלט אויפן ערשטן ארט אינם ריי-בוך און ווערן די ערשטע אפגעגעבן פאר רעקרוטן". ווייטער — „קהל קאן אויך אויסקלייבן באפולמעכטיקטע, וועלכע האבן רעכט אליין ארויסצוגעבן אורטיילן אויף אפצוגעבן נישט-נעהונטשנע עלעמענטן פאר רעקרוטן". — ווי באוויזט פלעגט זיך קהל טאקי באנוצן מיט דעם דאזיקן רעכט.

2) — פון 22/5 1828 — וועגן יידישע סאלדאטן-קינדער. — „יידישע סאלדאטן-קינדער פון מענלעכן געשלעכט, וואס זענען פון זיי געבוירן געווארן: 1) אין דער צייט פון זייער דינסט אין סאלדאטן-ראנג, 2) נאכן ארויסגיין פון דינסט, נאר איידער זיי האבן באקומען אין הסכם מיט די געזעצן וועגן יידישע סאלדאטן עפעס א בארוף, 3) וואס זענען געבוירן געווארן פון פרויען, וועלכע זענען געווען מעוברת בשעת מ'האט זייערע מענער אפגעגעבן פאר רעקרוטן, 4) וואס וועלן געבוירן ווערן דורך די סאלדאטן-אלמנות אומגעזעצלעך אדער דורך די טעכטער פון סאלדאטן און טעכטערס-טעכטער, ווען זיי זענען נאך אומפארהייראט — די אלע אויסגערעכנטע קינדער ווערן באטראכט פאר מיליטער-קאנטאניסטן און ווערן צוגלייך מיט אלע סאלדאטן-קינדער אפגעגעבן אין די קאנטאניסטן-באטאליאנען און לויט די אלגעמיינע כללים באשטימט אויף דינסט". —

דער דאזיקער ווילדער און בארבארישער באפעל. וואס האט זיך באצויגן, וואס אן אמת, אויך אויף קריסטלעכע סאלדאטן-קינדער (נאר אין א סך מילדערער פארם), האט באדייט אן אייביקע פארשקלאפונג נישט בלויז פון רעקרוט, נאר אויך פון זיינע קינדער און קינדס-קינדער אן אויפהער. דאס

האט נאך מער פארשטארקט דעם אומחילן פון יידן צום מיליטער-דינסט. דער דאזיקער באפעל האט אויך גורם געווען דערצו, אז נישט איין יידיש פאמיליען-לעבן זאל צעבראכן ווערן. אויב א באוויבטער יונגערמאן איז געווארן אפגעגעבן פאר א רעקרוט, האט ער מיטן גוטן ווילן געגעבן גט דעם ווייב און אויך זי האט זיך גערנוויליק געשיידט פון מאן, כדי זי זאל נישט אריינגעטראגן ווערן אין די רשימה פון די סאלדאטן-ווייבער און די קינדער זאלן נישט אריינפאלן אין די קאנטאניסטן. — אין די ערשטע רעקרוטשינע-יארן איז אויפגעוועקט געווארן די פראגע, צי אזעלכע גטן זענען גילטיק. די ביאליסטאקער קרייז-פארוואלטונג האט זיך געווענדעט צום ווילנער גענעראל-גובערנאטאר וועגן דאזיקן ענין. דער לעצטער האט די פראגע איבערגעשיקט צום קריגס-מיניסטער. דער ענין איז געווארן איבערגעגעבן ווייטער צו דער אנטשיידונג פונם „יידישן-קאמיטעט". די תשובה פון „קאמיטעט" איז געווען, אז אויב די רבנים אנערקענען, אז דער גט איז על-פי-דין כשר, איז ער אויך פאר דער רעגירונג גילטיק און די געגטע פרוי קאן ווערן אויסגעשריבן פון דער רשימה פון די סאלדאטן-ווייבער.*)

3) — **א קייזערלעכער באפעל פון** 6/12 1828 — האט דערלויבט

---

*) קאנקרעט האט עס זיך געהאנדלט וועגן אזא פאל (פון די ארכיוו-אקטן פון ווילנער גענעראל-גובערנאטאר): איינער, יאנקל געלבארט פון ביאליסטאק, איז געווארן אפגעגעבן פאר א רעקרוט. דאס ווייב זיינס דבורה איז לכתחילה מיטגעפארן מיט אים. אין גראדנע אבער האט זי חרטה געקריגן און האט גענומען פון מאן, דעם רעקרוט, א גט, וואס איז געווארן דורכגעפירט דורך די גראדנער רבנים. דערנאך איז זי צוריק געקומען קיין ביאליסטאק און חתונה געהאט מיט איינעם, לייב ראזען, און דער ידיעה פון די ביאליסטאקער רבנים. ביאליסטאקער קהל האט, ווייזט אויס, מורא געהאט אויסצומעקן אויף אייגענער אחריות די געגטע פרוי פון דער רשימה פון די סאלדאטן-פרויען און איז אויך צוליב אן אומבאוואוסטער סבה בייז געווען אויף די גראדנער רבנים, וועלכע האבן דעם גט דורכגעפירט. קהל האט דאן דערוועקט די פראגע, צי דער גט איז גילטיק און צי די פרוי הערט אויף צו זיין א סאלדאטקע. אזוי ארום איז דער ענין דערגאנגען ביז צום „יידישן קאמיטעט".

נאך איז אין ביאליסטאק פארגעקומען א פאל מיט א צווייטער פרוי, וועלכע האט נישט געוואלט נאכפארן איר מאן, א רעקרוט, אין די שטאט, ווו זיין פולק האט סטאציאנירט. ביאליסטאקער פאליציי האט זיך געווענדעט צום ווילנער גענעראל-גובערנאטאר מיט א פראגע, צי מ'קאן די פרוי איבערשיקן צום מאן מיט געוואלט אויפן עטאפנעם אופן. דער ענין איז געווארן איבערגעשיקט צו קאנסטאנטין פאוולאוויטשן און ער האט געפסקנט, אז מיט געוואלט קאן מען די פרוי נישט איבערשיקן.

אַלע קריסטלעכע קאַנטאָניסטן, יינגערע פון 14 יאָר, צו בלייבן אָדער צוריק צוקערן צו זייערע עלטערן, עווענטועל פאַמיליעס. און צו פאַרבלייבן דאָרט אין דאָרף ביז 18 יאָר און אין שטאָט ביז 16 יאָר. דאַן קערן זיי צוריק אין די קאַנטאָניסטן-באַטאַליאָנען און ווערן באַשטימט אויף דינסט. וועגן יידן ווערט אין דעם דאָזיקן באַפעל צוגעגעבן, — אַז „צו זיי האָט עס קיין שייכות נישט: יידן מוזן בלייבן אין די באַטאַליאָנען אומאָפּהענגיק פון זייער עלטער".

לויטן געזעץ זענען סאָלדאַטן-קינדער, וואָס זענען פון געבוירן אָן באַטראַכט געוואָרן אַלס מיליטער-קאַנטאָניסטן, געבליבן ביי די מוטערס אָדער קרובים ביזן 7-טן לעבנס-יאָר, באַקומענדיק פון דער מלוכה אויף לעבנס-הוצאות. דאַן זענען זיי איבערגעגעבן געוואָרן אין די קאַנטאָניסטן-באַטאַליאָנען צום הייטערן דערציען ביז זייער אַריינטרעטן אין די פּאָלקן. דער דערמאָנטער באַפעל האָט געמאַכט פאַר קריסטלעכע קאַנטאָניסטן אַ גרויסע פאַרלייכטערונג, דערלויבנדיק זיי צו בלייבן אין דערהיים ביז 16 אָדער 18 יאָר און צו געניסן פון מוטערלעכער ליבע און מוטערלעכער קינדער-פלעגע. בלויז יידישע קינדער האָבן געמוזט אָפּגעגעבן ווערן אין די באַטאַליאָנען אין די פריסטע קינדער-יאָרן.

דער דאָזיקער באַפעל האָט שווער געטראָפן די קינדער פון יידישע סאָלדאַטן, וואָס זענען ביים געבוירן ווערן אַריינגעטראָגן געוואָרן אין די קאַנטאָניסטן-רשימות, און אויך די קינדער פון יידישע פאַרשיקטע קיין סיביר, וועלכע האָבן אויך געמוזט אָפּגעגעבן ווערן אַלס קאַנטאָניסטן. (זע פאַראָרדנונג № 16 וועגן קינדער פון פאַרמשפּטע יידן).

4) — אַ קייזערלעכער באַפעל פון 10/4 1829 — האָט פאַרווערט צו באַשטימען יידן אַלס אָרדאָנאַנסן (דענשטשיקעס) ביי אָפיצירן און אַנדערשוו.

5) — דעם 10/4 1829 — איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ קייזערלעכער נישט פּובליקירטער באַפעל, וואָס זאָגט, אַז די פּראַוואָסלאַווע גייסטלעכע (פּאָפּעס) מעגן טויפן יידישע קאַנטאָניסטן אָן אַ באַזונדערע דערלויבניש דערויף.

6) — קייזערלעכער באַפעל פון 30,7 1829 וועגן אָפּשמדן יידישע רעקרוטן: — „יידישע רעקרוטן, וועלכע ווילן אָננעמען דעם פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן. דאַרפן ווערן אָפּגעשיקט אויפן דינסט-אָרט צוזאַמען

מיט קריסטלעכע רעקרוטן. כדי זיי זאָלן נישט בלייבן צוזאַמען מיט יידן און זאָלן נישט ווערן אָפּגעשוואַכט אין זייער נייעם גלויבן, די באַגלייטס-אָפיצירן דאַרפן זיי היטן ווי זייער אויג אין קאָפּ און האַלטן זיי ביי זיך אויף דער ווינונג״. עס ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס איז דער העכסטער קייזערלעכער ווילן אין דעם פּרט.

די ביידע לעצטע באַפעלן באַווייזן, אַז ניקאָלײַ האָט באַוווּסטזיניק געשטרעבט אָפּצושמדן אַלע יידישע עלטערע און יינגערע רעקרוטן. דאָס איז אויך דורך פאַרשידענע צוואַנגס-מיטלען און ענויים געוואָרן דורכגעפירט אין די קאַנטאָניסטן-באַטאַליאָנען און פּולקן.

7) — וועגן שטעט, וואָס ליגן נאָענט ביי דער גרענעץ. — שטעט, וואָס ליגן אין שטח פון 100 װיאָרסט ביי דער גרענעץ, איז דערלויבט געוועזן צו צאָלן געלט (1000 רובל פאַר אַ רעקרוט) אַנשטאָט צו געבן רעקרוטן אין נאַטור. יידן האָבן נאַטירלעך אויך געוואָלט געניסן פון דערדאָזיקער הנחה. קאָנסטאַנטין פּאַוולאָוויטש האָט עס אָבער דעם 16/11 1827 יידן פאַרווערט צוליבן טעם, ווייל אַלע מיליטער-פליכטיקע יידן וועלן זיך אַריבערציען נאָענט צו דער גרענעץ. דער סענאַט האָט נישט מסכים געווען מיט קאָנסטאַנטינס מיינונג און האָט דעם 24/7 1828 באַשלאָסן, אַז יידן, וואָס וווינען נאָענט פון דער גרענעץ, מעגן יאָ דערפילן מיליטער-דינסט מיט געלט. שפּעטער אָבער, דעם 26/11 1829, האָט דער מיניסטאַרן-קאַבינעט מיט דער הסכמה פון קייזער מבטל געמאַכט דעם סענאַטס-באַפעל און געהייסן נעמען אויך פון די דאָזיקע יידן דורכאויס רעקרוטן אין נאַטור, אַזוי ווי קאָנסטאַנטין האָט געהאַט באַפוילן. יידן האָבן אַלזאָ אין קיין פאַל נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אויסצוקויפן זיך מיט געלט.

) — נאָך אַ באַפעל וועגן אָפּשמדן יידישע רעקרוטן. — דעם 6/9 1830 איז אַרויס אַ קייזערלעכער באַפעל, וואָס האָט דערלויבט יידישע רעקרוטן אָנצונעמען אויסער פּראַוואָסלאַוויע אויך אַלע אַנדערע קריסטלעכע אמונות, וואָס זענען אין רוסלאַנד דערלויבט. — אַבי אָפּשמדן זיך, מעג זיין נישט פּראַוואָסלאַוויש.

9) — וועגן אָפּגעבן יידן אין מיליטער פאַר שטייער-חובות. דער גענויער טעקסט פון דאָזיקן באַפעל איז אַזעלכער: „דער אינערן-מיניסטער האָט געהאַט דאָס גליק פאַרצושטעלן דעם קייזער אַ ראַפּאָרט וועגן די אַרבעטן פון „יידישן קאָמיטעט״ אין חודש יוני 1830. צווישן

אַנדערן האָט דער קאָמיטעט באַטראַכט פֿאָלגנדן ענין: אין מינסקער, גראָדנער, ווילנער און פּאָדאָלער גובערניעס האָט זיך אויף די יידישע קהלות צוליב זייער נישט־פּינקטלעכקייט אין צאָלן שטייערן אָנגעזאַמלט און עס זאַמלען זיך ווייטער אָן גרויסע פֿאַרלעגענע שטייער־חובות. קיין שום מאָנען און מילדע באַציאונג פֿון דער אָרטיקער און צענטראַלער מאַכט געבן נישט קיין האָפֿנונג אויפֿצומאָנען די פֿאַרלעגענע חובות. די גובערנאַטאָרן האָבן וועגן דעם מודיע געווען דעם טראָן־פֿאָלגער, קאָנסטאַנטין פּאַוולאָוויטש, און האָבן אָנערקענט פֿאַר נייטיק, כדי צו זיכערן און צו באַפֿרידיקן די מלוכה־קאַסע אין אויפֿמאָנען שטייערן פֿון יידן: — 1) אָפּצוגעבן זיי אַלס רעקרוטן פֿאַר חובות, 2) צוצורעכענען קליינע קהלות צו גרויסע, וועלכע קאָנען זיין פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר זיי. דער קייזער — געפֿינענדיק, אַז די מלוכה־קאַסע באַקומט כמעט גאָרנישט פֿון יידן, אין דער צייט ווען זיי, ווענדענדיק זיך אָן אויפֿהער צו זיין קייזערלעכער הויכקייט וועגן נעמען ביי זיי געלט אָנשטאָט רעקרוטן, באַטיין, אַז, ווען זיי וואָלטן זיך דערפֿון נישט אויסגעדרייט, וואָלטן זיי יאָ באַדאַרפֿט קענען צאָלן שטייערן, — האָט באַוויליקט אָנצונעמען דאָס מיטל פֿון אָפּגעבן אַלס רעקרוטן פֿאַר שטייערן, און צו אָנערקענען עס אַלס נייטיקעס און ווירקזאַמערעס מיטל פֿון די ביזאַיצטיקע".

דער קייזער האָט באַפֿוילן די רעקרוטן פֿאַר פֿאַרלעגענע שטייערן אָפּצוגעבן אויסער חשבון און אָפּצורעכענען פֿון חוב, לויטן פֿאָרשלאָג פֿון יוסטיץ־מיניסטער בלודאָוו, 1000 רובל פֿאַר יעדן דערוואַקסענעם רעקרוט, וואָס איז עלטער פֿון 20 יאָר, און 500 רובל פֿאַר יינגערע פֿון 20 יאָר. (דער מיניסטער האָט געהאַט פֿאָרגעלייגט אָפּצורעכענען פֿאַר יעדן רעקרוט אָן אונטערשייד פֿון עלטער 1000 רובל. ניקאָליי האָט אייגנהענדיק צוגעשריבן די רעזאָלוציע וועגן 1000 רובל פֿאַר עלטערע און 500 פֿאַר יינגערע. אַפּנים, אַז מער זענען זיי פֿאַר אים נישט ווערט געווען). דער דאָזיקער שרעקלעכער באַפֿעל איז דעם 10/12 1830 געוואָרן אָפּגערופֿן ביז אַ ווייטערער פֿאַראָרדענונג, וואָס איז געקומען דעם 27/12 1850, אַלזאָ נאָך 20 יאָר.

10) — קייזערלעכער באַפֿעל פֿון 6/12 1832 וועגן יידישע אונטעראָפֿיצירן. — „יידישע סאָלדאַטן קאָנען ווערן אונטעראָפֿיצירן נאָר דאַן, ווען זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט העלדישקייט אין אַ שלאַכט מיטן פֿיינט". — דער באַפֿעל באַדייט, אַז יידן האָבן געקאָנט ווערן אונטעראָפֿיצירן נאָר אין מלחמה־צייט. קיין אָפֿיצירן האָבן זיי קיינמאָל נישט געקאָנט ווערן.

11) — קייזערלעכער באַפעל פון 12/10 1834 — האָט דערלויבט יידישע זעלנער צו האַלטן ביי זיך אויך אין די הויפּט-שטעט זייערע פרויען און קינדער מיטן באַדינג, אַז זיי (די פרויען און קינדער) זאָלן נישט טראָגן קיין יידישע, נאָר דייטשישע קליידונג. — דער זעלבער באַפעל האָט אויך דערלויבט יידישע זעלנער חתונה צו האָבן מיט יידישע פרויען. אויב זיי פאַרפליכטן זיך צו פאַרשרייבן די קינדער פון מענלעכן געשלעכט אין די קאַנטאָניסטן.

12) — וועגן מאַכן זיך קערפּערלעכע פעלער. — יידישע יונגע לייט פלעגן זיך מאַכן די פאַרשידנסטע פעלער, כדי ניצול צו ווערן פון מיליטער-דינסט. דעם 3/6 1837 איז אַרויס אַזאַ באַפעל: „רעקרוטן, וועלכע מאַכן זיך אַ קערפּערלעכן פעלער ווערן אָן ריקזיכט אויפן פעלער גענומען אין מיליטער. אויסערדעם ווערט נאָך אַלס שטראָף גענומען פון דער זעלבער פאַמיליע, אויב עס איז מעגלעך, אַ מינדעריעריק יינגל. די ביידע רעקרוטן ווערן דער פאַמיליע פאַררעכנט פאַר איינעם. פאַר דעם דערוואַקסענעם רעקרוט ווערט דער קהלה אָפּגערעכנט 1 3 רעקרוט אויסער דעם איינעם, מערסטנטיילס, קליינעם יינגל, וואָס איז גענומען געוואָרן אַלס שטראָף”.

13) — עס האָט געטראָפן אַ פאַל, אַז אין אַ געוויסן אָרט האָבן יידן פאַרשריבן אין די רוי-ביכער אַן עסטרייכישן בירגער און אַ פאַמיליע האָט אים געדונגען אַלס איר פרייוויליקן פאַרטרעטער. שפּעטער איז דער דאָזיקער פרייוויליקער געוואָרן צוריקגערופן פון מיליטער אַלס פרעמדער אונטערטאַן. — דעם 26/12 1837 איז אַרויס אַ שטרענגער קייזערלעכער באַפעל וועגן דורכפירן אַ גענויע אויספאָרשונג פונעם פאַרברעך. די שולדיקע באַאַמטע, ווי דער פּאָליציי-מייסטער א. א., האָבן באַדאַרפט ווערן אַרעסטירט און איבערגעגעבן דעם מיליטער-געריכט, די קהל-פרנסים — פאַר רעקרוטן אויסערן חשבון. עס איז אויך באַפוילן געוואָרן מודיע צו זיין די יידישע קהלות, אַז אויב אין דער צוקונפט וועט זיך איבערחזרן אַן ענלעכער פאַל, וועט מען ביי זיי צונעמען דאָס רעכט פון צושטעלן פרייוויליקע געדונגענע רעקרוטן.

14) — נאָך וועגן סאָלדאַטן-קינדער אין די הויפּט-שטעט. — דעם 8/3 1838 האָט דער מיניסטאַרן-קאַבינעט פאַרגעלייגט צו דערלויבן דער פרוי פונעם יידישן זעלנער מאַרקוס אין פעטערבורג צו בלייבן ביי איר מאַן מיט זייער טעכטערל רבקה און זון יאָסעלע ביז די קינדער וועלן ווערן פולייעריק. דער קייזער האָט צוגעשריבן פאָלגנדע רעזאָלוציע:

„מסכים, אָבער דעם זון נישט אַנדערש, נאָר אויב דער פאָטער וועט מסכים זיין אָפּצוגעבן אים אין די קאַנטאָניסטן. אין דער צוקונפט דאַרף דאָס דינען פאַר א געזעץ".

אין דעם פאַל האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ יינגל, וואָס איז געבוירן געוואָרן פאַרן פאָטערס אַוועקגיין אין מיליטער און איז לויטן געזעץ נישט געווען מחויב פאַרשריבן צו ווערן אין די קאַנטאָניסטן. ניקאָליי האָט געשטרעבט, וואָס מער יידישע קינדער צו פאַרשיקן אין די קאַנטאָניסטן-באַטאַליאָנען, כדי זיי דאָרט אָפּצושמדן. אין די שפּעטערדיקע צייטן האָט ניקאָלייס באַמערקונג וועגן אַזעלכע קינדער געגאָלטן אַלס געזעץ.

15) — שטראָפן פאַר צורעדן יידן צו אַנטלויפן אָדער אויסצומיידן מיליטער-דינסט. — דעם 27/11 1838 האָט דער „גאָסודאַרסטווענני סאָוויעט" באַשטעטיקט די שטראָפן פאַר צורעדן יידן אויסצומיידן מיליטער-דינסט אָדער צו אַנטלויפן פון מיליטער.

די שטראָפן זענען: 1) אָפּגעבן די שולדיקע פאַר סאָלדאַטן, אויב זייער שולד איז גענוג באַוויזן, אָדער ווען זיי זענען זיך מודה אין איר, 2) איבערגעבן די שולדיקע אין געריכט, אויב די שולד דאַרף אויסגעפאָרשט און באַוויזן ווערן, 3) איבערגעבן אין געריכט אויך אַזעלכע, וואָס זענען נישט פעאיק צו מיליטער-דינסט, קאָנען אָבער פאַרמשפּט ווערן צו ווערן פאַרשיקט קיין סיביר אָדער אויף קאַטאָרגע.

דער קייזער האָט די מיינונג פון „גאָס.-סאָוויעט" באַשטעטיקט און געהייסן אויספירן.

16) — וועגן אָפּגעבן די קינדער פון פאַרמשפּטע יידן אין די קאַנטאָניסטן. — דעם 20/2 1840 האָט דער מיניסטאָרן-קאַבינעט באַשלאָסן: „יידישע קינדער אין עלטער ביז 18 יאָר פון עלטערן, וואָס זענען פאַר פאַרשידענע חטאים פאַרשיקט געוואָרן אויף סיביר אָדער קאַטאָרגע, מוזן אומבאַדינגט אָפּגעגעבן ווערן אין די קאַנטאָניסטן, אפילו ווען זיי זענען שוין עלטער פון 18 יאָר, נאָר צוליב פאַרשידענע סבות איז דאָס אָפּגעבן זיי אין די קאַנטאָניסטן נאָך נישט אויסגעפירט געוואָרן".

דער דאָזיקער באַפעל איז נוגע קינדער, וועלכע זענען נאָך נישט-

אלט געווען קיין 18 יאר בשעת זייערע פאטערס זענען פארמשפט געוואָרן. עלטערע פון 18 יאר האבן געמעגט בלייבן ביי זייער פאמיליע.

דער סעם. פארוואס די רוסישע רעגירונג האט זיך געפירט לויטן כלל: „אבות אכלו בסר ושני הבנים תקהינה" און האט אַרויסגעגעבן די דאזיקע אומגערעכטע פאראָרדנונג, איז מיר אומבאקאנט. ווי שטענדיק האבן אויך דאָ, ווייזט אויס, געווירקט די צוויי באקאנטע מאטיוון: שנאה צו יידן און דער פארלאנג צו פארמערן די צאָל פון די משומדים.

17) — שטראָפן פאר אהעקפירן יידישע קינדער קיין אויסלאנד. — צוליב אַ פאל, ווען די קרובים האבן אוועקגעפירט אַ מינדעריאריקן רעקרוט קיין אויסלאַנד, האט דער קייזער דעם 2/9 1840 באפוילן צו נעמען פאר יעדן מינדעריאריקן רעקרוט, וואס וועט ארויסגעפירט ווערן קיין אויסלאנד, 2 רעקרוטן פון דער זעלבער קהלה.

18) — פארבאָט פאר יידישע זעלנער אָנצוקומען אין די שפיטעלער אלס סאַניטאַרן. — דעם 7/11 1840 האט א קייזערלעכער באפעל פאַרבאָטן יידישע זעלנער אָנצוקומען אין די שפיטעלער אלס שילער, אויב זיי בלייבן ביים יידישן גלויבן.

19) — וועגן אָפגעבן יידישע קינדער אין די קאַנטאָניסטן. — דעם 5/7 1843 איז אַרויס אַ קייזערלעכער באַפעל וועגן ארויסטרייבן אַלע יידן פון קיעווער און פאָדאָלער מיליטער-קרייזן. ניקאָליי האט דערלויבט צו בלייבן נאָר יענע יידן, וואָס וועלן איינשטימען אָפצוגעבן זייערע זין אין עלטער ביז 15 יאָר אין די קאַנטאָניסטן. להבא דאַרפן אלע יינגלעך פון די יידן, וואָס ווילן פאַרבלייבן אויף די ערטער, פאַרשריבן ווערן אין די קאַנטאָניסטן באַלד ווי זיי וועלן געבוירן ווערן.

נאָך אַ באַווייז, ווי טיף ניקאָליי איז געווען פאַראינטערעסירט אין פאַנגען יידישע קינדער-נשמות. פאַרן פרייז פון די קינדער איז ער גרייט געווען צו דערלויבן זייערע עלטערן צו בלייבן אין דער „הייליקער" שטאָט קיעוו און אין אַנדערע ערטער, פון וואַנען ער האָט זיי געטריבן.

דעם 19/12 1844 איז אַרויס דער באַפעל וועגן מבטל מאַכן דעם קהל און איבערגעבן אַלע יידישע ענינים דער אַלגעמיינער שטאָט-פאַרוואַלטונג, אין רעקרוטן- און שטייערן-ענינים איז אָבער קיין שום שנוי נישט איינגעטראָטן. דער קהל איז ווייטער געבליבן עקזיסטירן צו דערפילן די צווי-

„וויכטיקע״ אויפגאַבן: צו צושטעלן רעקרוטן, און צו צאָלן שטייערן פאַר די צוויי ענינים איז קהל ווייטער געווען פאַראַנטוואָרטלעך.

20) — **וועגן דערפילן מיליטער-דינסט אין תחום.** — דעם 21/6 1845 איז אַרויס אַ באַפעל, אַז יידישע סאָלדאַטן קאָנען איבערגעפירט ווערן צו דינען אין ערטער פון „תחום״ נאָר דאַן, ווען זיי האָבן שוין אָפּגעדינט 15 יאָר אָן יעדן פגם.

די רעגירונג האָט מורא געהאַט פאַר דער „דעמאָראַליזירנדער״ השפעה פון יידן אויף די יידישע זעלנער. אויך איז זי געווען פאַראינטערעסירט צו האַלטן יידישע זעלנער וואָס ווייטער פון יידן, כדי זיי זאָלן נישט קענען ביישטיין דעם נסיון און אָננעמען פּראַוואָסלאַוויע.

21) — **נאָך אַמאָל וועגן אָפּגעבן קינדער פון פאַרמשפּטע יידן אין די קאַנטאָניסטן.** — באַפעל פון 23/12 1846: „קינדער פון יידישע פאַרשיקטע אויף סיביר, וועלכע דערגרייכן דעם 16-יעריקן עלטער, מוזן ווערן אָפּגעגעבן אין די קאַנטאָניסטן-באַטאַליאָנען. אויב זיי זענען צוגעשריבן צו די פריערדיקע קהלות, ווערן זיי פאַררעכנט די קהלות דורך קוויטאַנציעס. אויך קינדער פון יידן, פאַרמשפּטע אויף קאַטאָרגע, מוזן אָפּגעגעבן ווערן אין די קאַנטאָניסטן-באַטאַליאָנען״. (דער באַפעל איז נישט קיין נייער. ער איז אַ ווידערהאָלונג פונם פריערדיקן פון 20/2 1840).

22) — **וועגן געשמדטע קאַנטאָניסטן, וואָס ווילן ווערן שרייבער.** — באַפעל פון 25/9 1848: „יידישע קאַנטאָניסטן, וועלכע זענען איבערגעגאַנגען אויף פּראַוואָסלאַוויע, קאָנען אָננעמען שרייבער-שטעלעס נאָר אינעם פאַל: 1) אויב זיי טויגן נישט צוליב שוואַכקייט און נידריקן וווּקס אויפן פראָנט, 2) און אויב זיי זענען שוין 5 יאָר פּראַוואָסלאַוונע און זענען צוגעבונדן צו דער נייער אמונה״.

23) — **באַשווערט יידן צו ווערן אונטער-אָפיצירן.** — באַפעל פון 20/9 1850: „יידישע סאָלדאַטן, אפילו אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער העלדישקייט אין אַ שלאַכט מיטן פיינט, קאָנען נישט אַריבערגעפירט ווערן אין אונטעראָפיצירן-ראַנג אָן אַ ספּעציעלער דערלויבניש פון קייזער אין יעדערן באַזונדן פאַל״.

24) — **וועגן שטראָף-רעקרוטן פאַר די אַזוי גערופענע „ניעדאָימקעס״.** — קייזערלעכער באַפעל פון 27/12 1850: „צוליב די

כסדרדיקע אומאָרדנונגען און נישט דערגעבן דורך די יידישע קהלות די געהעריקע צאָל רעקרוטן באַפעלן מיר: צו נעמען פון היינט אָן און ווייטער פאַר יעדן רעקרוט, וואָס וועט נישט צוגעשטעלט ווערן צו דער צייט, נאָך 3 רעקרוטן פון דער זעלבער קהלה נישט יינגערע פון 20 יאָר״.

פאַר יעדן איינציקן פעלנדיקן רעקרוט האָט די רעגירונג גענומען צוואַנגסמעסיג 4 רעקרוטן. מיט דעם דאָזיקן און ווייטערע באַפעלן הייבט זיך אָן דער באַזונדערס שווערער און אומדערטרעגלעכער פעריאָד פון די לעצטע יאָרן פון ניקאָלייס ממשלה.

25) — **דאָס באַנייען דעם באַפעל וועגן נעמען רעקרוטן פאַר שטייערן-חובות.** — קייזערלעכער באַפעל פון דער זעלבער דאַטע (27/12 1850): „צוליב דעם בהדרגהדיקן פאַרגרעסערן זיך פון די שטייערן-חובות, וואָס קומען פון די יידישע קהלות, און כדי צו באַוואָרנען פון אַ ווייטערדיקן אָנזאַמלען זיך פון אַזעלכע חובות, באַפעלן מיר: צו נעמען פון היינט אָן און ווייטער פון די קהלות, וואָס וועלן אין משך פון אַ יאָר נישט אריינטראָגן זייערע חובות, צו איין דערוואַקסענעם רעקרוט פאַר יעדע 2000 רובל אין זילבער״.

26) — **וועגן די רעקרוטן-נאַבאָרן אין די מערב-גובעריעס.** — אין פרט פון נעמען רעקרוטן איז די רוסישע מלוכה אין די גאָר אַלטע צייטן געווען איינגעטיילט אין 2 טיילן: דרום און צפון. דער נאַבאָר פלעגט נישט פאָרקומען גלייכצייטיק אין ביידע מלוכה-טיילן, נאָר איין יאָר אין דרום-טייל און דאָס צווייטע יאָר אין צפון-טייל. עס איז אויסגעקומען, אַז יעדער טייל האָט געגעבן רעקרוטן נאָר איין מאָל אין צוויי יאָר. אין 19-טן יאָרהונדערט איז די מלוכה געווען צעטיילט אַנדערש, נעמלעך, אין אַ מזרח- און מערב-טייל. די אָרדנונג איז דערביי געבליבן די זעלבע: איין יאָר האָט געגעבן רעקרוטן דער מזרח-טייל און דאָס צווייטע יאָר דער מערב-טייל. דאָס איז אָבער געווען פאַרפּליכטנד בלויז פאַר די עכט-רוסישע גובערניעס. דאַגעגן פון די אַמאָליקע פּוילישע געביטן, וואָס זענען איבערגעגאַנגען צו רוסלאַנד נאָך דער 1-טער, 2-טער און 3-טער חלוקות פון פוילן און האָבן זיך געפונען אינם מערב-טייל פון דער מלוכה, ווי אויך פון קאָנגרעס-פוילן (Królestwo Polskie) האָט די רעגירונג גענומען רעקרוטן ביי יעדן נאַבאָר, ד. ה. סיי ווען עס איז פאַראָרדנט געוואָרן אַ נאַבאָר אין מזרח-טייל און סיי אין מערב-טייל. די דאָזיקע אַמאָליקע פּוילישע פּראָווינצן האָבן אַלזאָ געגעבן רעקרוטן יאָר ביי יאָר. אַזוי ווי דער יידישער תחום האָט זיך אויס

געשפרייט איבער די אמאליקע פוילישע לענדער. האבן יידן אויך געמוזט געבן רעקרוטן יעדעס יאר. די איינוואוינער פון די דאזיקע מערב-לענדער איז דערמיט געשעען א גרויסע עולה: זיי האבן געמוזט געבן רעקרוטן אין א טאפלטער פראפארץ

דעם 14 6 1851 איז ארויס א באפעל וועגן דורכפירן דעם 9-טן סייל-נאבאר אין דער מזרח-העלפט פון דער אימפעריע. דער דאזיקער באפעל באשטימט אויך צו נעמען פון וויטעבסקער, מאהילעווער, קיעווער, פאדאלער, וואלינער, מינסקער, גראדנער, ווילנער און קאוונער גובערניעס צו 10 רעקרוטן פון יעדע 1000 איינוווינער.

וועגן יידן פון וויטעבסקער גובערניע רעדט זיך באזונדער. זיי דארפן צושטעלן 10 רעקרוטן פון 1000 פארשריבענע מאנסלייט און עס ווערט זיי בפירוש דערלויבט צו צושטעלן קליינע קינדער אנשטאט דערוואקסענע. די שטראף-רעקרוטן, וועלכע זיי דארפן צושטעלן לויטן באפעל פון 27/12 1850, מוזן זיין דורכאויס עלטערע פון 20 יאר.

27) — שטראפן אויף יידן, וואס באהאלטן זיך אויס פון מיליטער-דינסט. — באפעל פון „גאסודארסטווענני סאוועט" פון 22/10 1851: „אויב יידן פון א פאמיליע, וואס געהערט צו דער ריי, האבן זיך אויסבאהאלטן אין נאבאר-צייט, נעמען רעקרוטן פון א ווייטערדיקער פאמיליע, וואס געהערט צו דער ריי. די אנטלאפענע אבער, ווי נאר מ'וועט זיי כאפן, אדער ווען זיי וועלן אליין צוריקקומען, — אפגעבן גלייך פאר רעקרוטן אן יעדן משפט. זיי ווערן פאררעכנט פאר די, וואס זענען געווארן אפגעגעבן (אויב מ'האט זיי נאך נישט אפגעשיקט אין פולק) און אויך אויפן חשבון פון די שפעטערדיקע נאבארן. אויב זיי זענען נישט פעאיק צום דינסט, ווערן זיי צוגענומען פאר רעקרוטן אויסערן חשבון. — אויב דער צוגענומענער פון דער ריי-פאמיליע איז שוין אפגעשיקט אין פולק, באקומט זיין פאמיליע א קוויטאנץ, וועלכע זי קאן באנוצן לויטן געזעץ (ד. ה. זי קאן זי פארקויפן אן אנדער ריי-פאמיליע, וועלכע ווערט אויף אזא אופן באפרייט פון געבן א רעקרוט). דער געכאפטער אנטלאפענער ווערט באשטראפט קערפערלעך אין פולק. — יידן, וועלכע פארלאזן זייער שטאט אין נאבאר-צייט אפילו מיט פאספארטן, ווערן אויך באטראכט פאר אנטלאפענע און ווערן באשטראפט. ווי עס איז אויבן געזאגט.

יידן, עלטסטע פון פאמיליעס, און די ראשי-הקהל, וועלכע האבן דורכן אויסגעבן א פאס און דורך אנדערע מיטלען מיטגעהאלפן א רעקרוט אויסצו-

באהאלטן זיך פון דינסט, ווערן אליין אפגעגעבן פאר רעקרוטן אויסערן חשבון, אדער אין די ארעסטאנטן-ראטעס. ווען זיי זענען נישט פעאיק צו מיליטער-דינסט.

א יידישע קהלה, ווו עס האט זיך אויסבאהאלטן אן אנטלאפענער רעקרוט, ווערט באשטראפט מיט 300 רובל. יעדער וואס כאפט אן אנטלאפענעם ייד, אדער ווייזט אן אויף דעם, וועלכער באהאלט אים, באקומט פון דער מלוכה-קאסע 30 רובל אין זילבער”.

28) — **וועגן נאבאר פון יידן פון וויטעבסקער גובערניע.** — די יידן פון וויטעבסקער גובערניע האבן בשום אופן נישט געקאנט צושטעלן די געפאדערטע צאל רעקרוטן פון לעצטן נאבאר און די שטראף-רעקרוטן פאר די נישט-דערגעבענע רעקרוטן בעת די פריערדיקע נאבארן. דעם 5/11 1851 איז ארויס א סענאטס-באפעל וועגן דעם קייזערלעכן חסד צו פארלענגערן די יידן פון וויטעבסקער גובערניע דאס צושטעלן די געפאדערטע צאל רעקרוטן ביזן 1/1 1852.

29) — **א פירוש צום באפעל וועגן נעמען רעקרוטן פאר פארלעגענע שטייערן.** — צום באפעל (פון 27/12 1850) וועגן נעמען צו איין דערוואקסענעם רעקרוט פאר יעדע 2000 רובל פארלעגענע שטייערן איז דעם 16/4 1852 ארויסגעגעבן געווארן פאלגנדער פירוש: „נאכן נעמען דעם רעקרוט ווערט פון די תובות גארנישט אפגערעכנט. ווייל דער רעקרוט איז נאר א שטראף פאר נישט צאלן די שטייערן אין דער צייט. דער חוב ווערט ווייטער איינגעמאנט אין זיין פריערדיקער גרויס. אויב דער חוב בלייבט דער זעלבער, ד. ה. 2000 רובל, ווערט יעדעס יאר כסדר גענומען א רעקרוט אלס שטראף”.

דער דאזיקער באפעל איז כאראקטעריסטיש מיט זיין באזונדערער אכזריות און אומיושרדיקייט.

30) — **געזעצלעך באשטעטיקט דעם מנהג צו נעמען פון יידן טאפלט רעקרוטן, ווי ביי די רוסן.** — דעם 4/8 1852 איז ארויס א באזונדערער סענאטס- און קייזערלעכער באפעל, אז יידן מוזן ביי יעדן ריי-נאבאר אין דער מלוכה (ד. ה. סיי ווען דער נאבאר קומט פאר אינם מערב-טייל און סיי אינם מזרח-טייל פון דער אימפעריע) געבן צו 10 רעקרוטן אויף יעדע 1000 פארשריבענע יידן, אויך שטראף-רעקרוטן פאר נישט דערגעבענע רעקרוטן צום טערמין.

מיט דעם דאָזיקן באַפעל איז געזעצלעך סאַנקציאָנירט געוואָרן דער מנהג צו נעמען פון יידן רעקרוטן טאָפּלט, ווי ביי די רוסן.

31) — פאַרבאָט פאַר יידישע אויסגעדינטע סאָלדאַטן צו וווינען אויסערן תחום. — דעם 22/5 1853 איז דערשינען פאָלגנדער באַפעל: „יידישע באַפרייטע סאָלדאַטן, וועלכע זענען געבליבן יידן, טאָרן נישט וווינען אין די ערטער, וואָס זיינען פאַר יידן פאַרמאַכט, ד. ה. אויסערן יידישן תחום“.

דער דאָזיקער באַפעל איז, פונקט ווי אַנדערע, נישט קיין שפּאָגל-נייער, נאָר אַ באַשטעטיקונג פון אַ פריער אָנגעווענדעטער גזרה. ווי באַקאַנט איז דער דאָזיקער פאַרבאָט אָראָפּגענומען געוואָרן ערשט אין די צייטן פון אַלעקסאַנדער דעם 2-טן אינם יאָר 1867.

32) — וועגן דער באַזונדערער אומיושרדיקער באַציִונג צו יידן ביים נעמען רעקרוטן. — דעם 8/7 1853 איז פּובליקירט געוואָרן דער 10-טער נאַבאָר פון די מזרח-גובערניעס. פון פּסקאָווער, וויטעבסקער און מאָהילעווער גובערניעס, וועלכע זענען אין די יאָרן 1846 און 1847 צוליב אַן אומגערעכטעניש אינגאַנצן באַפרייט געוואָרן פון געבן רעקרוטן, האָט מען אינם דערמאָנטן באַפעל געהייסן נעמען נאָר צו דריי פון 1000 און די אויך אויפן חשבון פון די נישטדערגעבענע רעקרוטן ביים נאָרמאַלן מערב-גובערניעס-נאַבאָר פון יאָר 1852 ד. ה. אַז די דריי אויסגערעכנטע גובערניעס האָבן געגעבן רעקרוטן נאָר איין מאָל. בעת דער נאַבאָר איז פאָרגעקומען אינם מערב-טייל פון דער אימפּעריע אינם יאָר 1852. ביים מזרח-נאַבאָר פון יאָר 1853 האָבן זיי קיין רעקרוטן נישט געגעבן, זיי האָבן בלויז באַדאַרפט צושטעלן די נישטדערגעבענע רעקרוטן ביים מערב-נאַבאָר פון יאָר 1852 אין דער הויך פון 3 אויף 1000.

די יידן אָבער פון וויטעבסקער און מאָהילעווער גובערניעס האָבן אויך ביים מזרח-נאַבאָר פון יאָר 1853 וועגן דעם רעדט זיך בפירוש אינם ציטירטן באַפעל פון 8/7 1853 (וועגן 10-טן מזרח-נאַבאָר) געמוזט געבן צו 10 פון 1000. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אויך ביים נאָרמאַלן מערב-נאַבאָר פון יאָר 1852 האָבן יידן געגעבן רעקרוטן אין דער געוויינלעכער פּראָפּאָרץ, ד. ה. צו 10 פון 1000.

יידן זענען אַלזאָ באַהאַנדלט געוואָרן ערגער פון אַלע איבריקע בירגער.

33) — דער טרויעריק־באַרימטער־באַפעל וועגן כאַפּן סתם פאַספאַרטלאָזע יידן. — די יאָר־יערלעכע נאָבאָרן אין דער הויך פון 10 אויף 1000 האָבן זיך געלייגט ווי אַ שווערע אומדערטרעגלעכע משא אויף יידן. זיי זענען נישט אימשטאַנד געווען צוצושטעלן אַזוי פיל רעקרוטן, וויפל די רעגירונג האָט געפאָדערט. דער קרימער קריג, וועלכער איז געהאַנגען אין דער לופטן, האָט אויך בלי־ספק גורם געווען דערצו, אַז די יינגע יידן זאָלן זיך צולויפן. עס איז אַלזאָ שטאַרק געוואַקסן די צאָל פון די נישטדערגעבענע יידישע רעקרוטן. אַלס ענטפער און געגנמיטל צו דעם איז דעם 29/7 1853 אַרויס אַ קייזערלעכער באַפעל וועגן כאַפּן יידן, וועלכע האָבן נישט ביי זיך קיין פאַספאָרטן. לויט דעם דאָזיקן אַכזריותדיקן באַפעל איז יעדן יחיד און יעדער קהלה געווען דערלויבט צו כאַפּן יעדן איינציקן פאַספאַרטלאָזן יידן — אומאָפּהענגיק פון עלטער און ווין־אָרט — און אָפּגעבן אים פאַר אַ רעקרוט פאַר זיך, פאַר זיין פאַמיליע אָדער פאַר דעם באַטרעפנדן קהל. צו אונזער חרפה האָבן זיך איינצלנע יידן און קהלות (די ערשטע איז, ווייזט אויס, געווען באַרדיטשעוו) באַנוצט מיטן דאָזיקן „רעכט״ און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ ווילדע, אין דער געשיכטע נישטגעהערטע, מענטשן־כאַפּעריי. די דרום־קהלות האָבן איינגעאָרדנט אַ יאָגד אויף די פרעמדע יידן, דערהויפּט ליטוואַקעס, וועלכע האָבן איבערגעוואַנדערט אַהינצו, אויך אין ליסע האָט מען אויפגעכאַפּט יידן, וואָס האָבן געשטאַמט פון קאָנגרעס־פוילן. פאַרשידענע אויסוואָרפן האָבן זיך דערפון געמאַכט אַ פּרנסה: זיי זענען אַרומגעפאָרן מיט וועגנס און האָבן אויף די וועגן אויפגעכאַפּט יעדן באַגעגנטן ייד. דערנאָך האָבן זיי די געפאַנגענע פאַרקויפט פאַר רעקרוטן פאַר גאָר הויכע פרייזן. עס האָט זיך געפירט אַן אמתער מענטשן־האַנדל. קיין פאַס האָט די אומגליקלעכע אויך נישט געהאָלפן, ווייל די כאַפּערס פלעגן פאַרברענען די געפונענע פאַספאָרטן און זייערע קרבנות האָבן זיך מיט גאָרנישט געקאָנט העלפן. דאָס איז געווען די סאַמע שווידערלעכסטע אין טרויעריקסטע צייט פון דער ניקאָליי־עפּאָכע, וועגן וועלכער אונז וועט נאָך אויסקומען פיל צו דערציילן.

די דאָזיקע ווילדע גזרה האָט אָנגעהאַלטן גאַנצע דריי יאָר. ערשט אַלעקסאַנדער דער 2־טער האָט זי מבטל געמאַכט.

34) — ווייטערדיקער אַכזריותדיקער באַפעל וועגן נעמען רעקרוטן פון יידן. — לויטן באַפעל פון 7/9 1853 איז דער

באַפעלקערונג פון פּסקאָווער, מאָהילעווער און וויטעבסקער גובערניעס לויט אַ קייזערלעכן חסד געוואָרן אָפּגעלייגט דאָס צושטעלן די 3 רעקרוטן אויף 1000 (זע דעם באַפעל נומער 32) אויפן חשבון פון די נישט־דערגעבענע רעקרוטן בעת דעם נאָרמאַלן מערב-נאַבאָר פון יאָר 1852 — ביזן 11-טן נאָרמאַלן מערב-נאַבאָר. יידן אָבער קאָנען פונם דאָזיקן קייזערלעכן חסד נישט געניסן. יידן, ווערט בפירוש נאָך אַמאָל באַטוילן, מוזן צושטעלן צוגלייך מיט אַלע יידן פון תחום צו 10 אויף 1000 אויך בשעת דעם דערמאָנטן 10-טן מזרח-נאַבאָר.

35) — **פרישע נאַבאָרן פון יידן**. — דעם 29/1 1854 איז אַרויס אַ מאַניפעסט וועגן דורכפירן דעם 11-טן מערב-נאַבאָר צו 10 אויף 1000. דער מאַניפעסט דערמאָנט בפירוש, אַז יידן מוזן ווידער (קוים 6 חדשים נאָכן מזרח-נאַבאָר פון יאָר 1853) געבן רעקרוטן צו 10 אויף 1000. ווייל יידן זענען מחויב צו געבן רעקרוטן ביי יעדן נאַבאָר.

די אָפטע נאַבאָרן, וואָס זענען יענע יאָרן פאָרגעקומען איינער נאָכן אַנדערן, דערקלערן זיך מיטן קרימער קריג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין נאָוועמבער 1853 און האָט געצוווּנגען די רעגירונג צו קאָמפּלעטירן אין אַ האַסטיקן טעמפּאָ די אַרמיי, וואָס איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט אויפן מלחמה-פראָנט. אויך יידן האָבן אין יענע יאָרן געבלוטיקט נישט ווייניקער פון דער רוסישער אַרמיי, ווייל די כאַפּעריי און די אינטענסיווע נאַבאָרן מיט די אוממענטשלעכע עקזעקוציעס האָבן אַריינגעוואָרפן דאָס גאַנצע רוסישע יידנטום אין תהום פון דער גרעסטער פאַרצווייפלונג.

דעם 27/4 1854 איז אַרויס אַ נייער מאַניפעסט וועגן 11-טן מזרח-נאַבאָר אין דער הויך פון 9 אויף 1000. לויט דעם דאָזיקן מאַניפעסט זענען יידן ווידער מחויב געווען צו געבן רעקרוטן 10 אויף 1000 צוליב דעם כלל, אַז יידן געבן רעקרוטן ביי יעדן, סיי מזרח-, סיי מערב-נאַבאָר.

עס איז אָבער געווען אַן אוממעגלעכע זאַך אַרויסצופּרעסן פון יידן אַזוי פיל רעקרוטן אין משך פון דריי חדשים. ווייל לויטן מאַניפעסט פון 29/1 1854 האָבן זיי דאָך געמוזט געבן רעקרוטן צום נאָרמאַלן מערב-נאַבאָר. דעם 19/7 1854 איז אַרויס אַ „גנאָד-באַפעל" פון קייזער וועגן באַפרייען יידן פון געבן רעקרוטן צום 11-טן מזרח-נאַבאָר, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דעם 27/4 1854.

די קייזערלעכע גנאָד איז אָבער געווען בלויז אויף אַ ווייל. וואָרום

באַלד דערנאָך, דעם 26/8 1854, איז דערשינען אַ מאַניפעסט וועגן 12-טן מערב-נאַבאָר און ביי דעם נאַבאָר האָבן שוין יידן געמוזט געבן רעקרוטן צו 10 אויף 1000.

דעם 1/12 1854 איז פובליקירט געוואָרן דער 12-טער מזרח-נאַבאָר, לויט וועלכן יידן זענען ווידער געווען מחויב צו געבן רעקרוטן — 10 אויף 1000.

אזוי ווי דאָס איז געווען אוממעגלעך, איז דעם 6/1 1855 אַרויס אַ באַפעל, וואָס האָט די יידן באַפרייט פון צו געבן רעקרוטן צום 12-טן מזרח-נאַבאָר.

דעם 3/10 1855 איז פאַראָרדנט געוואָרן אַן אַלגעמיינער נאַבאָר גלייכצייטיק פון גאַנץ רוסלאַנד און אויך יידן האָבן ביי דעם דאָזיקן נאַבאָר געגעבן רעקרוטן צו 10 אויף 1000.

36) — וועגן שענקען די קהלות די שטייערן-חובות. — אויף דער השתדלות פון דער פעטריקאָווער קהלה (מינסקער גובערניע) איז דעם 16/5 1855 אַרויס אַ באַפעל נישט צו נעמען קיין שטראָף-רעקרוטן פאַר די חובות, וואָס די קהלות זענען שולדיק געבליבן ביזן 1/1 1855 מיטן אויסנאַם פון אַן אייניאָריקן חוב, ד. ה. אַז דער לעצטער חוב פאַרן יאָר 1854 איז זיי נישט געשאָנקען געוואָרן. פאַר דעם דאָזיקן אייניאָריקן חוב, אויב ער האָט דערגרייכט 2000 רובל, האָט מען ווייטער גענומען שטראָף-רעקרוטן.

פון דעם דאָזיקן באַפעל איז צו זען, אַז דאָס נעמען שטראָף-רעקרוטן פאַר פאַרלעגנע חובות איז געוואָרן דורכגעפירט אין לעבן מיט דער גאַנצער האַרבקייט. מיר האָבן דערויף קלאָרע באַווייזן אויך פון אנדערע קוועלן.

פון די ציטירטע באַפעלן איז צו זען, אַז דאָס ספּעציעלע יידישע רעקרוטן-געזעץ איז נישט געבליבן בלויז אויפן פּאַפּיר. פאַרקערט, עס איז נאָך געוואָרן וואָס אַמאָל מער פאַרשאַרפט. די פּראַקטיק קעגן יידישע קאַנטאָניסטן און סאָלדאַטן אין די קאַזאַרמעס איז געווען אַן אַכזריותדיקע. אין די לעצטע יאָרן פון ניקאָליי דעם 1-טן, בשעתן קרימער קריג, האָט זיך די רעקרוטשינע געלייגט אויף די יידישע מאַסן, ווי אַ שווערער פינסטערער

וואלקן. די פארצווייפלונג און מוטלאָזיקייט האָבן דערגרייכט דעם העכסטן פונקט, עס איז געווען ממש: „באו מים עד נפש”.

ערשט ווען ניקאָליי דער 1-טער איז געשטאָרבן (סוף 1855) און אויפן טראָן איז אַרויף אַלעקסאַנדער דער 2-טער, האָבן אין רוסלאַנד אָנגעהויבן צו בלאָזן פרייערע ווינטן און דאָס ריזיקע לאַנד האָט פרייער אָפּגעעטעמט נאָכן לאַנגן שטיקנדן קאָשמאַר. דעמאָלט איז אויך די יידישע רעקרוטשינע אַביסל לייכטער געוואָרן און עס זענען געוואָרן אָפּגעשאַפט די אַממייסטן דריקנדע און גרויזאַמע באַשטימונגען פונם געזעץ, דהיינו: דאָס אָפּגעבן קינדער, דאָס כאַפּן פּאַספּאַרטלאָזע יידן און דאָס נעמען שטראָף-רעקרוטן פאַר חובות און פאַר נישטדערגעבענע רעקרוטן.

דעם *26/8 1856* איז דערשינען פאַלגנדער קייזערלעכער מאַניפעסט:

> „וועלנדיק פאַרלייכטערן די יידן דאָס דערפילן מיליטער-פליכט און שטרעבנדיק צו באַזייטיקן די שוועריקייטן דערפון, באַפעלן מיר: *1)* רעקרוטן פון יידן אַננעמען לויט די זעלבע כללים, ווי פון די אַנדערע שטאַנדן, און דעריבער ווערט בטל דאָס נעמען מינדעריעריקע, *2)* מבטל מאַכן דאָס נעמען שטראָף-רעקרוטן פאַר פעלנדע (ד. ה. נישטדערגעבענע) און *3)* עס ווערן אָפּגעשאַפט די צייטווייליקע געזעצן, וואָס זענען געוואָרן אַרויסגעגעבן אַלס פרווו אין יאָר 1853, וועגן דערלויבן קהלות און איינצלנע יידן צו צושטעלן פאַר זיך אַלס רעקרוטן געכאַפּטע פּאַספּאַרטלאָזע יידן”.

פונקט 29 יאָר (*26/8 1827 — 26/8 1856*) האָט געדויערט די אומדערהערטע און אומפאַרגלייכבאַרע אין דער יידישער און אַלגעמיינער געשיכטע גזרה, וואָס האָט באַשאַפן די שרעקלעכסטע קינדער-מאַרטיראָלאָגיע, וועלכע האָט ווען עס איז געהאַט אַן אָרט צווישן מענטשן.

מיטן מבטל מאַכן דאָס קאַנטאָניסטן-סיסטעם איז אָבער די אָרדנונג ביים אָפּגעבן רעקרוטן געבליבן די זעלבע, דאָס פריער, ד. ה. אויפן קהל איז ווייטער געלעגן דער חוב צו צושטעלן אַ באַשטימטן קאָנטינגענט זעלנער און ממילא איז די כאַפּער-אינסטיטוציע געבליבן עקזיסטירן אויך אייף ווייטער ביזן יאָר 1874, ווען עס איז אין רוסלאַנד איינגעפירט געוואָרן אַלגעמיינע און פערזענלעכע מיליטער-פליכט. קינדער, לכל-הפחות, האָט מען אויסגעהערט צו נעמען.

דעם 25/12 1856 איז אַרויס אַ באַפעל װעגן מבטל מאַכן די קאַנטאָניסטן-באַטאַליאָנען און װעגן אָפּשיקן די קאַנטאָניסטן-קינדער צו זייערע עלטערן און קרובים. ענדלעך איז געקומען אַ סוף צו דער פאַרהאַסטער שקלאַפעריי-אינסטיטוציע. קריסטלעכע קינדער זענען װירקלעך אַלע אָפּגעלאָזן געװאָרן אַהיים. פון די יידישע קאַנטאָניסטן, װעלכע האָבן זיך שוין געפונען אין די באַטאַליאָנען, זענען געװאָרן באַפרייט בלויז די יעניקע, װאָס זענען גענומען געװאָרן אין די קאַנטאָניסטן אַלס קינדער פון יידישע פאַרשיקטע אויף סיביר און פאַרמשפטע אויף קאַטאָרגע, אָדער אַזעלכע, װאָס זענען אַלס סאָלדאַטן-קינדער פאַרשריבן געװאָרן אין די קאַנטאָניסטן-רשימות באַלד נאָכן געבוירן װערן. אויך די דאָזיקע קאַנטאָניסטן זענען באַפרייט געװאָרן נאָר דאַן, װען זיי זענען געבליבן ביים יידישן גלויבן. אויב זיי זענען שוין געװען אָפּגעשמדט, האָט מען זיי שוין זייערע יידישע עלטערן נישט אָפּגעגעבן. אַזוי װי בלויז געציילטע יידישע קאַנטאָניסטן זענען געבליבן ביי דער יידישער אמונה, איז אויסגעקומען, אַז זייער אַ קליינע צאָל יידישע קינדער איז אָפּגעלאָזן געװאָרן אַהיים.

דאַקעגן אַלע יידישע קינדער-קאַנטאָניסטן, װעלכע זענען גענומען געװאָרן אַלס רעקרוטן בשעת די נאָבאָרן, אָדער אַלס שטראָף-רעקרוטן פאַר פאַרלעגענע שטייערן א. א. — און פון אַזעלכע איז באַשטאַנען די איבערװיגנדע צאָל פון יידישע קאַנטאָניסטן — זענען אין קיין פאַל נישט באַפרייט געװאָרן. אפילו װען זיי זענען נאָך נישט געװען אָפּגעשמדט.

װען פאַר אַלע קריסטלעכע קינדער-קאַנטאָניסטן איז געקומען די שעה פון דערלייזונג, האָבן די יידישע קינדער װייטער געמוזט שמאַכטן אינם קאַנטאָניסטן-גיהנום. יידן האָבן געמוזט אויסטרינקען דעם בעכער מיט גיפט ביזן סוף.

V

די רעקרוטשינע אין ליכט פון זכרונות און פאקטן.

א.

אלעקסאנדער הערצען.

לויט דער גרויס פון דער טראגעדיע האט די קאנסאניסטן-תקופה געפונען א שװאכן אפקלאנג אין דער ליטעראטור און פובליציסטיק פון יענער צייט. איך האב באװונדערט, וואס אין די טויזנטער בריװ, וואס שד״ל (שמואל דוד לוצאטא) האט אין זיין לעבן געשריבן און װאס באַרירן אזויפיל אקטועלע יידישע ענינים פון יענער צייט, צװישן זיי אויך יידישע אנגעלעגנהייטן אין רוסלאנד, װי דאס שול-פראבלעם פון די 40-קער יארן אין די צייטן פון מאקס ליליענטאל און מיניסטער אוװאראװ, דערמאנט ער מיט קיין איין װארט נישט די קינדער-כאפעריי. אויך מאנטעפיארע האט בעת זיינע באזוכן אין רוסלאנד, אויף װיפל מיר איז באװוסט, װעגן דער אוממענטשלעכער רעקרוטשינע און קינדער-כאפעריי גארנישט גערעדט. עס שיינט, אז אויך די יידישע פרעסע אין די מערב-אייראפעאישע לענדער (װעלכע איז דעמאלט, װאס אן אמת, געװען ארעם אין כמות און איכות) האט װעגן דער שרעקלעכער גזרה װײניק געשריבן. אויך די אלגעמיינע פרעסע אין אויסלאנד איז, װייזט אויס, געװען װײניק אינפארמירט װעגן די שוידערלעכקייטן, װאס זענען פארגעקומען אין ריזיקן רוסלאנד. אויב עס האט זיך פון מערב-אייראפע נישט געהערט קיין שום פראטעסט קעגן די אלע װילדקייטן און געװאלד-טאטן, װאס מ׳איז באגאנגען איבער קליינע שװאכע קינדער, איז א סימן, אז מ׳האט װײניק װאס דערפון געװוסט.

ערשט שפעטער, װען די רעקרוטשינע, אין דער פארם פון קינדער-כאפעריי, האט שוין געהערט צו דער פארגאנגענהייט, האבן זיך געפונען מענטשן, װעלכע האבן דערציילט פרטים פון דער שװערער איבערגעלעבטער

ווירקלעכקייט. און אַ דאַנק די זכרונות און איבערגעגעבענע פאַקטן קאָנען מיר זיך פאָרשטעלן די גרוילן, וועלכע זענען אָפּגעטון געוואָרן צו ערשט אין שטעטל דורכן קהל און זיינע משרתים־כאַפּערס. דאַן אין וועג צו דער קאַזאַרמע און אין די קאַזאַרמעס גופא. דאָס זענען טרויעריקע קאַפּיטלען פון מענטשלעכער און ספּעציעל־יידישער מאַרטיראָלאָגיע. *)

אַ באַזונדערס גרויסע וויכטיקייט האָט פאַר אונז די דערציילונג וועגן דער באַגעגעניש פון אַלעקסאַנדער הערצען, דעם באַרימטן רוסישן פּובליציסט און ערשטן מאָדערנעם פרייהייטס־קעמפער, מיט אַ פּאַרטיע יידישע קאַנטאָניסטן אין טיף־רוסלאַנד, וועלכע ער ברענגט אין זיינע זכרונות מיטן נאָמען: "Былое и думы" 1־ער באַנד. די וויכטיקייט פון הערצענס דערציילונג ווערט נאָך גרעסער, ווייל זי באַציט זיך אויף די ערשטע יאָרן פון דער רעקרוטשינע, פון וועלכע עס זענען צו אונז דערגאַנגען זייער ווייניק דערינערונגען און פאַקטן און אויך, ווייל דער אויטאָר איז ניטש געווען קיין ייד און ממילא האָט ער געקאָנט אַזעלכע דערשיינונגען און פאַקטן באַטראַכטן מיט אַ רואיק געמיט און אָביעקטיווער זיי באַאורטיילן. די דאָזיקע זכרונות האָט הערצען געשריבן אַ יאָר צוואַנציק־דרייסיק לאחר המעשה. ער האָט אַלזאָ געקאָנט באַטראַכטן די דאָזיקע צייט אָן יעדן אַפעקט און משפטן מיט אַ רואיק געוויסן.

די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען אין יאָר 1835. הערצען איז דעמאָלס געווען סטודענט פון מאָסקווער אוניווערזיטעט און האָט אָנגעהערט צו אַ קרייזל ליבעראַלע סטודענטן. אין יענע שווערע רעאַקציאָנערע צייטן האָבן זיך דאָן געפונען אין רוסלאַנד בעסערע ליכטיקערע מענטשן. ווי פּראָפעסאָר גראַנאָווסקי למשל, וועלכן הערצען דערמאָנט מיט אַזויפיל ליבע און פּיעטעט. אויך אַנדערע פּראָפעסאָרן, שרייבער און קינסטלער. זיי האָבן אויף די לעקציעס אין די הויכשולן און ביי אַנדערע געלעגנהייטן פאַרשפּרייט פרייהייטס־אידייען און געוועקט דעם גלויבן אין אַ בעסערער צוקונפט.

---

*) אין די 70־קער יאָרן האָט דער רוסישער שרייבער ח. נ. ניקיטין (אַ געוועזענער יידישער קאַנטאָניסט, וועלכער איז פאַרשמדט געוואָרן אין די קינדער־יאָרן און האָט זיך צום יידנטום ניט אומגעקערט) פאַרעפנטלעכט צוויי גרויסע דערציילונגען פון דער קאַנטאָניסטן־מאַרטיראָלאָגיע א. נ. "Многострадальные" און "Вѣкъ пережить – не поле перейти". די דאָזיקע דערציילונגען זענען פון אַ הויכן קינסטלערישן ווערט און מאָלן אַן אמתדיק בילד פון קאַנטאָניסטן־לעבן. מ׳וואָלט זיי באַדאַרפט איבערזעצן און פאַרעפנטלעכן אין יידיש. אויסער ניקיטינען האָבן נאָך שרייבער, ווי באָגראָוו (אויך אַ ייד) א. אַנד. געשריבן וועגן די קאַנטאָניסטן. ניקיטינס ווערק זענען אָבער, לויט מיין מיינונג, די באַדייטנדסטע פון דעם מין.

די דריטע אפטיילונג ביי דער קייזערלעכער קאנצעלאריע. די שפעטער בארימט-געווארענע „אכראנע״, האט אן רחמנות פארפאלגט די קלענסטע אפענבארונג פון ליבעראליזם און אכזריותדיק גערודפט אלע פארדעכטיקע פערזאנען.

איינמאל איז פארגעקומען אין א קרייזל פון אפיצירן, קינסטלער און סטודענטן א סעודהלע און, ווען די טרינקער זענען שוין געווען שטארק בגילופין, האבן זיי געזונגען א סאטיריש לידל אויף ניקאליי דעם ערשטן, פארפאסט דורך איינעם פון די אנטייל-נעמער. א פינסטערער פארשוין האט זיי צומארגנס פארמסרט פאר דער מאכט, וועלכע האט צוליב דעם דורכגעפירט א סאך ארעסטן. צווישן די ארעסטירטע האט זיך אויך געפונען הערצען, הגם ער איז אויף דער סעודה נישט געווען. מ׳האט אלע פארהאלטענע באשטראפט אויפן אדמיניסטראטיוון וועג, ד. ה. אן א משפט. די שטראפן זענען געווען שרעקלעכע. די הויפט-שולדיקע: דער פאעט, מחבר פון לידל, און דער זינגער, זענען פארמשפט געווארן צו אייביקער תפיסה אין שליסעלבורגער פעסטונג, ווו זיי זענען אין משך פון גאר א קורצער צייט פארפייניקט געווארן צום טויט. הערצען, וועלכער האט מיטן לידל און מיט די זינגער קיין געמיינזאמעס נישט געהאט, נאר איז בלויז געווען חשוד אין ליבעראליזם און באקאנטשאפט מיט די פאראורטיילטע, איז פארמשפט געווארן אויף פארשיקונג קיין פערם.

אפזייענדיק א קורצע צייט אין פערם איז ער פארשיקט געווארן ווייטער קיין וויאטקע. אויפן וועג פון פערם קיין וויאטקע האט ער געהאט די אומגעריכטע באגעגעניש מיט די יידישע קאנטאניסטן, וועגן וועלכער הערצען דערציילט אזוי:

> „...אויפן צווייטן טאג נאכן פארלאזן פערם האט פון באגינען אן געגאסן א שטארקער אומאויפהערלעכער שלאקס-רעגן, וואס איז נאטירלעך פאר וואלדיקער געגנט. דער רעגן האט געדויערט א גאנצן טאג. ארום צוויי אזייגער נאכמיטאג זענען מיר אנגעקומען אין זייער אן ארעם דארף פון וויאטקער גובערניע. דער סטאנציע-אויפזעער איז נישט געווען אין דערהיים. פויערן, אנאלפאבעטן, האבן דערפילט די פונקציע פונם אויפזעער. זיי האבן פונאנדערגעוויקלט דעם פאר-שיין. האבן באקוקט, צי עס איז דא צוויי סטעמפלען אדער איינער, האבן געשריגן: איידא, איידא, און האבן איינגעשפאנט פערד, פארשטייט

זיך, טאָפּלט שנעלער, ווי דאָס וואָלט געוואָרן געטון ביים אויפזעער. מיר האָט זיך געוואָלט אויסטרוקענען זיך, דערוואָרעמען און עפּעס צובייסן. דער זשאַנדאַרם, וועלכער האָט מיך באַגלייט פון פּערם, האָט איינגעשטימט מיט מיין פאָרשלאָג אויסצורוען אַ שעה צוויי. דאָס האָבן מיר נאָך געהאַט אָפּגעמאַכט, ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צום דאָרף. אָבער, ווען איך בין אַריין אין דער דושנער שוואַרצער כאַטע און בין געוואָר געוואָרן, אַז עס איז אַבסאָלוט גאָרנישט פאַראַן וואָס צו באַקומען, אַז אַפילו אַ שענק איז נישט בנמצא אין אַ מרחק פון 5 וויאָרסט, האָב איך תּרמה באַקומען אויף מיין אָפּמאַך און האָב בוין געוואָלט פאָרן ווייטער.

אין דער צייט, ווען איך האָב זיך מיישב געווען, צי זאָל איך פאָרן אָדער נישט, איז אַריינגעקומען אַ סאָלדאַט און האָט מיר געמאָלדן, אַז אַן עטאַפּ־אָפיציר פאַרבעט מיך צו זיך אויף טיי.

— מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. ווו איז דיין אָפיציר? —

— דערלעבן אין דער כאַטע, אייער איידלקייט! — און דער סאָלדאַט האָט זיך אומגעדרייט מיליטעריש אויף לינקס. איך בין אים נאָכגעגאַנגען.

אַן אָפיציר אין די עלטערע יאָרן, קליין געוויקסיק, מיט אַ געזיכט, וואָס האָט אויסגעדריקט אַ סאַך איבערגעטראָגענע ליידן, קליינלעכע זאָרגן, מורא פאַר נאַטשאַלסטווע, — האָט מיך באַגעגנט מיט דער גאַנצער צופרידנקייט פון טייטנדער, דריקנדער בענקשאַפט. דאָס איז געווען איינער פון די נישט־איבערגעשפּיצטע, גוטמוטיקע דינער, וועלכע שלעפּן אַ יאָר 25 זייער טאַטשקע אָן צו באַטראַכטן זיך, אָן צו אַוואַנסירן אין ראַנג, אַ שטייגער ווי עס דינען אַלטע פערד, מיינענדיק, וואַרשיינלעך, אַז אַזוי דאַרף מען יעדן פרימאָרגן אָנטון דעם כאָמוט און עפּעס שלעפּן.

— וווהין און וועמען פירט איר דאָס? — האָב איך געפרעגט דעם אָפיציר.

— פרעגט גאָרנישט. בלויז דאָס האַרץ ווערט צעריסן. אמת, וועגן דעם ווייסן די העכערע. אונזער זאַך איז אויסצופירן די באַפעלן. נישט מיר זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם. מענטשלעך גענומען איז עס אָבער נישט שיין. —

אָבער אין וואָס גייט עס? — האָב איך ווייטער נאָכגעפרעגט.

— זעס איר, מ׳האט אנגעקליבן א כאליאסטרע פארשאלטענע יידעלעך (זשידיאנקעס) פון אכט-און ניין-יעריקן עלטער. אין פלאס אדער אנדערשוואו קלויבט מען זיי — איך ווייס עס נישט. צוערשט האט מען זיי געהייסן יאגן קיין פערם. פלוצלינג איז פארגעקומען אן ענדערונג. איצט יאגן מיר זיי קיין קאזאן. איך האב זיי איבערגענומען פאר א וויארסט הונדערט. דער אפיציר, וועלכער האט זיי מיר איבערגעגעבן, האט מיר געזאגט, אז עס איז דא מיט זיי גרויסע צרות. א דריטל איז געבליבן אויפן וועג (דער אפיציר האט מיר אנגעוויזן מיטן פינגער אויף דער ערד). א העלפט וועט נישט דערגיין ביז צום באשטימונגס-ארט. — האט ער צוגעגעבן.

— עפידעמישע קראנקהייטן, אדער עפעס אנדערש? — האב איך געפרעגט, אן אויפגעטרייסלטער ביז אין די סיפעניש.

— ניין. נישט קיין עפידעמיעס; זיי שטארבן גלאט אזוי, ווי די פליגן. א יידל ווייסט איר דאך, איז אזוי שוואך, אזוי אפגעמאגערט. פונקט ווי אן אפגעקראכן קעצל, און איז נישט געוווינט צו דרעפטשען אין דער בלאטע א שעה צען און צו עסן דארע סוכארעס. און ווידער צווישן פרעמדע מענטשן, אן א פאטער, אן א מוטער, אן יעדער צערטלעכקייט, נו, הוסט עס, הוסט עס און — קיין מאהילעוו! (דאס איז א רוסיש ווארט-שפיל: „מאהילא“ באדייט אין רוסיש א קבר. די כוונה פון זאץ: עס הוסט און הוסט און שטארבט. — א. ל.). און זאגט מיר איך בעט אייך, צו וואס האט דאס זיי געטויגט? וואס קאן מען מאכן מיט קליינטשיקע קינדער? —

— ווען קלייבט איר זיך אין וועג אריין? — האב איך זיך אנגערופן.

— אייגנטלעך איז שוין לאנג צייט. נאר דער רעגן איז שוין געווען גאר שטארק... עך, דענשטשיק, הייס צונויפרופן דאס קליינווארג.

מ׳האט געברענגט צו פירן דאס קליינווארג און מ׳האט זיי אויסגעשטעלט אין א גלייכן פראנט. דאס איז געווען איינס פון די סאמע שרעקלעכסטע בילדער, וואס איך האב ווען עס איז אין מיין לעבן געזעען. ארעמע, ארעמע קינדער!

די יינגלעך פון צוועלף-דרייצן יאר האבן זיך נאך ווי עס איז געהאלטן. נאר די קליינינקע פון אכט-צען יאר... קיין איין שווארצער מאלער-פענדזל וועט נישט ארויסרופן אזא מורא-

דיק בילד אויפן לייוונט... בלייכע, אויסגעמאגערטע און אויסגעמאטערטע, מיט צעטראגענע בליקן — זענען זיי געשטאנען אין די גראבע, נישט אויף זייער מאס גרויסע סאלדאטן־שינעלן מיט די שטייענדיקע קאלנער, ווענדענדיק עפעס ווי א הילפלאזן צעווייטיקטן רחמנות־בליק אויף די גארניזאן־סאלדאטן, וואס האבן זיי אויסגעגלייכט אין דער פראנט־שורה. די ווייסע ליפן, די בלאע רעדער אונטער די אויגן האבן עדות געזאגט וועגן פיבער אדער פארקילונג. און די ראזיקע קינדער, אן יעדער מוטערלעכער אויפזיכט, אן יעדער צערטלעכקייט, געטריבן און פארפרוירן פון די ווינטן, וואס האבן געבלאזן פון צפונדיקן ים־הקרח אן יעדער שטערונג, זענען געגאנגען גלייך אין קבר אריין... דערביי דארף מען באמערקן, אז זיי האט געפירט א גוטמוטיקער אפיציר, וועמען עס איז געוויס געווען א רחמנות אויף די קינדער. און ווען אנשטאט אים וואלט זיך געטראפן א טיפישער מיליטעריש־פאליטישער עקאנאם?...

איך האב אנגענומען דעם אפיציר פאר דער האנט און זאגנדיק אים: „היט די קינדער“, האב איך זיך געווארפן אין מיין פירל אריין. מיר האט זיך געוואלט צעכליפן... איך האב געפילט, אז איך וועל נישט אויסהאלטן“.

הערצען פארענדיקט די באשרייבונג מיט פאלגנדער באמערקונג:

„וואס פארע טייוולאנישע פארברעכנס זענען געבליבן אומבאקאנט, באגראבן אין די ארכיוון פון דער רוצחישער אוממאראלישער הערשאפט פון ניקאלייען! מיר האבן זיך צו זיי צוגעוווינט. זיי זענען פארגעקומען טעגלעך, פון קיינעם נישט באמערקט, פארלוירן אין א שרעקלעכער ווייטקייט, אפקלאנגלאז, פארשטיקט אין די שטומע קאנצעלארישע אפגרונטן אדער פארהאלטן דורך די פאליציי־צענזור!... זאל ניקאלייס אנדענק זיין דריי מאל פארשאלטן“.

הערצען איז גערעכט: דאס, וואס איז געווארן אפגעטון אין באצוג צו יידישע קליינע קינדערלעך, געהערט צו די סאמע פארברעכערישסטע און טייוולאנישסטע מעשים פון ניקאלייס רשעותדיקע ממשלה. דאך איז נישט אלץ געבליבן באגראבן און באהאלטן אין די ארכיוון און אין די קברים פון די אומגעקומענע עופעלעך. עפעס איז דאך צו אונז דערגאנגען. און

דאָס צו אונז דערגאַנגענע מאַכט אונז אויפציטערן און פילט אונז אָן מיטן טיפסטן מיטלייד.

ב.

אַגאַטאָן גיללער.

פון די לעצטע יאָרן פון דער רעקרוטשינע (1854) געפינען מיר אויך ביים פּוילישן שרייבער און רעוואָלוציאָנער אַגאַטאָן גיללער זייער אינטערעסאַנטע און אָביעקטיווע זכרונות וועגן אַ באַגעגעניש מיט אַ פּאַרטיע יידישע קאַנטאָניסטן.

גיללער איז געווען אַ הייסער פּוילישער פּאַטריאָט, געשטימט רעאַקציאָנעריש-קאַטויליש, מיט קיין באַזונדערער ליבע און פאַרשטענדניש פאַר יידן האָט ער זיך נישט אויסגעצייכנט. װערנדיק אָבער אַליין געיעגט און געטריבן דורך ניקאַלייס משרתים אַלס רעקרוט קיין סיביר, האָט ער דערפילט די אויסערגעוויינלעכע טראַגעדיע פון די יינגע יידישע קינדער און האָט זיי באַשאַנקען מיט וואַרעמען מיטגעפיל. יעדעס מענשלעך-ערלעכעס האַרץ האָט נישט געקאָנט אַנדערש דערויף רעאַגירן.

גיללער איז אַרעסטירט געוואָרן אינם יאָר 1853. לאַנגע חדשים האָט מען אים געהאַלטן פאַרשפאַרט אין דער וואַרשעווער „ציטאַדעל״. דערנאָך איז ער געוואָרן פאַרמשפּט צו ווערן פאַרשיקט קיין סיביר און צו װערן אָפּגעגעבן פאַר אַ רעקרוט אין איינעם פון די סיבירער פּולקן. אינם יאָר 1854 איז ער געוואָרן געטריבן קיין סיביר אַלס רעקרוט און פּאָליטישער אַרעסטאַנט. אונטער מאָסקווע האָט ער באַגעגנט יידישע קאַנטאָניסטן און אין זיינע נאָטיצן און זכרונות וועגן דאָזיקן מאַרש קיין סיביר (דערשינען אינם יאָר 1866 אין לייפּציק), גיט ער איבער וועגן זיי פּרטים, וואָס באַשטעטיקן, אַז עפּעס װילדערעס און באַרבאַרישערעס איז אין דער מענטשלעכער געשיכטע כמעט ווי נישט באַקאַנט.

גיללער דערציילט:

> „די געגנט אונטער פּאָקראָוו איז אַ גלייכע און אַן איינפאַכע; פאַרמאָגט נישט קיין שום מאָלערישעס. די רייזע איז מאָנאָטאָן און מיט גאָרנישט אינטערעסאַנט. אין איין דאָרף האָבן די סצענעס פון די ציגיינער-טאַבאָרן אַביסל צעשטרייט די איינטאָניקייט פון דער רייזע.
>
> אינם דערפל, ווו מיר האָבן איבערגענעכטיקט, האָט אויף אונז

געווארט אן אויסערגעוויינלעך בילד פון א פארטיע יידישע קינדער אין דער צאל פון הונדערט, פון וועלכע די עלטסטע זענען אלט געווען קוים 14 יאר. ס׳זענען אבער געווען אויך 8- און 9-יעריקע צווישן זיי.

די דאזיקע אומגליקלעכע קינדער, אוועקגעריסענע פון די מוטערס און עלטער, ווען זיי נויטיקן זיך אממייסטן אין זייער צערטלעכקייט און השגחה, און אנגעטאענע אין גרויע רעקרוטן-מאנטלען, — האבן שוין איבערגעטראגן אלע ליידן פון גלות און קנעכטשאפט.

די באגלייט-זעלנער האבן געהאט מיט זיי נישט ווייניק מי. דאס געוויין פון די קינדער האבן זיי איינגעשטילט מיט ריטער. די פויערים, ביי וועמען די קליינע קינדער זענען געווען איינקווארטירט, האבן זיי, אלס נישט-קריסטן, ארויסגעוויזן פאראכטונג און שנאה און האבן זיי נישט געוואלט לייען שיסלען און אנדערע געפעס אויסן מאטיוו, אז די „געצנדינער" וועלן זיי אלע כלים פאראומרייניקן. די עלטערע האבן פארשטאנען אביסל פויליש און האבן מיט מיר גערן געשמועסט. זיי האבן זיך שטארק דערפרייט, ווען איך האב צו זיי גערעדט יידיש.

די דאזיקע פארטיע קינדער שטאמט פון מאהילעווער גובערניע און מ׳פירט זיי אין ניזשני-נאווגאראד, וו זיי וועלן דערצויגן ווערן אין א שטרענגער מיליטערישער דיסציפלין אלס זעלנער און וועלן פארגעסן זייער שפראך, מנהגים און אמונה, און וועלן אננעמען דעם גלויבן פון זייערע פייניקער.

ס׳איז באקאנט, אז די מאסקווער רעגירונג נעמט נישט אין די ליטווישע, וואלינער, פאדאלער און אוקראינער קאנטן קיין דערוואקסענע יידישע רעקרוטן. נאר נעמט צו קינדער און דערציט זיי פאר זעלנער. דער טאג פון די קינדער-נאבארן איז א טאג פון בהלה און געוויין ביי יידן. דאס געוויין, וואס באגלייט די מחנות קינדער, בשעת מ׳פירט זיי אוועק אין מאסקוויטער-לאנד, דערמאנט אן דעם געוויין אין בבל (על נהרות בבל... א. ל.) און די געוויינען פון די קינדער, וואס זענען געמארדעט געווארן דורך הורדוסעס סאטראפן. (לויט א לעגענדע אין דער עוואנגעליע — א. ל.).

צומארגנס פרי איז עס נישט לייכט אנגעקומען צונויפצוזאמלען די קינדער פון די איינקווארטירונגס-הייזער און אויסצושטעלן זיי פארן

אָפיציר. אייניקע. אויפגעוועקטע צו פרי פון שלאָף, האָבן פון נישט דערשלאָפן געוויינט הויך אויפן קול. אַנדערע, וועלכע די זעלנער האָבן געוועקט. האָבן אין שלאָף געדופן: טאַטע! מאַמע! נאָך אַנדערע האָבן זיך געשלעפט צום זאַמלפונקט אָן פרישטיק, נישט פאַרקעמט און נישט אָפגעוואַשן. געטריבן דורך די פויערים. וועלכע האָבן זיי קיין ביסל וואַסער נישט געוואָלט געבן און האָבן זיי אויך נישט דערלייבט צו דאַווענען. די אונטעראָפיצירן האָבן זיי אויסגעשטעלט אין רייען און דער אָפיציר האָט קאָנטראָלירט. צי ס'פעלט נישט קיינער. דערנאָך האָט מען זיי אַריינגעזעצט צו צענטליקער אויף אַ וואָגן און אַזוי האָט מען געפירט די כאַפּטע קינדער. וואָס האָבן גאָרנישט געאַנט וועגן טרויעריקן גורל, וואָס האָט זיי דערוואַרט.

איך מיט מײַנע באַגלייטס-זעלנער האָבן אויך געאײַלט נאָך די קינדער און כ'האָב געזען, ווי מ'האָט די עלטערע אַראָפגעוואָרפן פון די וועגענער און די יינגערע האָבן כמעט בײַ יעדן חיאָרסט פאַרהאַלטן די פערד און זענען אַראָפגעקראָכן צוליב זייערע נאַטירלעכע באַדערפֿנישן. דער פורמאַן האָט דערווייל געשאָלטן מיט ביטערע קללות און די זעלנער האָבן זיי אונטערגעשטופּט און געשטויסן.

ס'איז מיר געווען אַ רחמנות אויף די אומגליקלעכע קינדער, וועלכע זענען אַרײַנגעפאַלן אין אַ נייער עגיפּטישער קנעכטשאַפט.

ג.

ניקאָליי און אַ קלײנינקער יידישער קאַנטאָניסט.

איינער, י. ס. זשירקין, דערציילט (אין „רוסקאיא סטארינא״ 1891, העפט 3, זייט 155):

אינם יאָר 1836 איז דער קייזער ניקאָליי געווען אין סימבירסק און האָט זיך געהייסן פירן אין די קאַנטאָניסטן - קאַזאַרמעס. ראַרטן האָבן זיך באַדאַרפט געפונען 1200 קאַנטאָניסטן. אין דערווירקלעכקייט האָבן זיך אין די קאַזאַרמעס גופא געפונען בלויז 300. די איבעריקע זענען געווען אויף פריוואַטע וווינונגען. די 300 קאַנטאָניסטן זענען באַשטאַנען כמעט פון לויטער יידן. דער קאָמענדאַנט האָט דערקלערט דעם קייזער, אַז יידן האַלט מען אין די קאַזאַרמעס, כדי זיי זאָלן זיך

נישט הכרן מיט די פיר יידן, וואָס האָבן געוווינט אין סימבירסק לויט א ספעציעלער קייזערלעכער דערלויבניש. דער קייזער האָט געפרעגט:

— וו איז דער ייד, וועלכער איז נעכטן געקומען צו מיר מיט א ביטע?

מ׳האָט אַרויסגערופן א יידיש יינגל פון ניין-צען יאָר. דער קייזער האָט געפרעגט, ווי אַזוי דער ייד פירט זיך אויף. באַקומענדיק א צופרידנשטעלנדן ענטפער, האָט ער זיך געווענדעט צום יינגל:

— נו, ביסטו אַן איינאיינציקער ביי דיין מאַמען?

— יאָ, אַזוי איז עס, אייער קייזערלעכע הויכקייט! — האָט געענטפערט דער קליינער.

— בענקענדאָרף! — האָט דער קייזער באַפוילן — מאַכט א חקירה ודרישה, אויב עס איז אמת, באַפעלט אומצוקערן דאָס יינגל דער מוטער. אויב נישט...

דאָ האָט דער קייזער געמאַכט א באַוועגונג מיט דער האַנט אין געוויזן, ווי אַזוי מ׳דאַרף באַשטראָפן דעם קליינעם באַטריגער, ד. ה. מיט שמייסן.

ד.

„די ליעטניעווצער מעשה“ אָדער „דער ניי-אושיצער משפט“.

(א טראַגישע געשיכטע מיט אומגעבראַכטע יידישע מוסרים
און דער שרעקלעכער גזר-דין אויף די ראשי-הקהל פון פאַדאָל אין די יאָרן 1838—40).

די שרעקלעכע עוולות, וואָס די קהל-לייט פלעגן באַגיין קעגן פּראָסטן פאָלק, צונעמענדיק ביי אים איינאיינציקע זין, פאַטערס פון קינדער, און אָפּטוענדיק פאַרשידענע אַנדערע אומגעזעצלעכע און אכזריותדיקע מעשים, האָבן גורם געווען צום אַנטשטיין פון מוסרים, וועלכע פלעגן זיך נוקם זיין אין די קהל-עלטסטע פאַר דער עוולה, וואָס איז געגן זיי אָדער זייערע קרובים אָפּגעטון געוואָרן, און פלעגן זיי מסרן פאַר דער מאַכט. דער הויפּט-חטא פון די ראשי-הקהל אַנטקעגן דער מאַכט, וואָס האָט געדינט פאַר א שווערט אין די הענט פון די מוסרים, איז באַשטאַנען אין אויסבאַהאַלטן א גרויסע צאָל יידן ביים איינשרייבן זיי אין די ביכער, פון וועלכע מ׳האָט צונויפגעשטעלט

די רעקרוטן־רשימות. אַזעלכע נישט־פאַרשריבענע יידן האָט מען גערופן מיטן העברעאישן נאָמען: „נעלמים“, ד. ה. די באַהאַלטענע *). די צאָל פון די „נעלמים“ פלעגט זיין זייער גרויס, ווייל דאַדורך האָט זיך אויך זייער אַ סך פאַרקלענערט די צאָל געפאָדערטע רעקרוטן. אויך די שטייערן, וועלכע קהל האָט געמוזט צאָלן פאַרן כלל־ישראל, האָבן זיך אויך אין אַ גרויסער מאָס פאַרקלענערט. די באַאַמטע פלעגן נעמען שוחד און פאַרמאַכן די אויגן אויף די אָפנעסטענע פאַלשקייטן. די מוסרים אָבער, וועלכע האָבן גוט געוווּסט דעם ציפערישן באַשטאַנד פון דער געמיינדע, פלעגן פאַרמסרן די קהלות ביי דער גובערניאַלער מאַכט אָדער אַרויספרעסן פון קהל גרויסע סכומים לאַ־יחרץ־געלד, אָנטוענדיק די קהל־לייט גרויסע צרות. פאַרשטענדלעך, אַז צווישן די מוסרים האָבן זיך אויך געפונען סתם פאַרברעכערישע פאַרשוינען, וואָס האָבן זיך געמאַכט דאָס מסרן פאַר אַ פרנסה. די מוסרים האָבן בכלל געבראַנגט אין יענע צייטן גרויסע אומגליקן אויף יידן. דער משומד און מסור בראַפמאַן, וועלכער האָט אָנגעשריבן דאָס באַקאַנטע (אין די 70—80־קער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט) בוך: „דער קהל“ אין האָט דערמיט געבראַנגט אַן אומגעהייערן שאָדן פאַר יידן אין רוסלאַנד, איז אַרויסגעקומען פונם שטעטל קלעצק און האָט זיך געשמדט אין די יונגע יאָרן צוליב די רדיפות פון דאָרטיקן קהל, וועלכער האָט אים געוואָלט אָפגעבן פאַר אַ רעקרוט. אין שטעטל מסטיסלאַוו (מאָהילעווער קאַנט) איז געווען אַ מסור מיטן נאָמען בריסקין און דער דאָזיקער פאַרשוין האָט עס גורם געווען צום גרויסן אומגליק, וואָס איז געקומען אויף מסטיסלאַווער יידן אינם יאָר 1844 און איז באַקאַנט אין דער געשיכטע מ. נ. „דער מסטיסלאַווער בונט“.

אַזעלכע מוסרים האָבן זיך אין יענע צייטן געפונען אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך פון יידישן תחום.

צוליב צוויי מוסרים, וואָס האָבן טעראָריזירט די קהלות פון פאָדאָלער גובערניע, איז אין יאָר 1838 פאַרלאָפן אַן אויסטערליש־טראַגישע געשיכטע, באַקאַנט אונטערן נאָמען: „די לעטיטשעווער מעשה אָדער דער ניי־אושיצער

---

*) די דאָזיקע נישט־איינגעשריבענע יידן האָבן זיך געפונען אין דער שרעקלעכסטער לאַגע. זיי זיינען געווען רעכטלאָז, ווייל זייענדיק נישט פאַרשריבן האָבן זיי קיין פערזענלעכע דאָקומענטן נישט געהאַט און האָבן נישט עקזיסטירט פאַר דער מאַכט. דאָך, אַז קהל האָט געוואָלט אָפגעבן זיי פאַר סאָלדאַטן, האָט מען זיי צוגעשריבן צו אַ סילגלירערדיקער פאַמיליע און אָפגעגעבן.

משפט". וועלכע האט געמאכט דעמאלס א שרעקלעך-דערדריקנדן איינדרוק אויף יידן און האט געלאזן אין זכרון פון פאלק א טרויעריקע דערינערונג פון א שווערן, בלוטיקן געשפענסט. די געשיכטע שטעלט זיך פאר אזוי:

אין קאמעניעץ-פאדאלער קרייז געפינט זיך א שטעטל מיטן נאמען ני-אושיצע. אין די פוילישע צייטן, ד. ה. פאר פוילנס ערשטער חלוקה האט עס געהייסן ליעטניעווצע. אין דעם דאזיקן שטעטל האבן זיך געפונען צוויי מוסרים — איצעק אקסמאן און שמואל שווארצמאן פון סאקאלעץ. זיי האבן פארמסרט דעם ניי-אושיצער קהל. ווייזט אויס, אז די צרות און נגישות, וואס די דערמאנטע מוסרים האבן אנגעטון די קהלות פון יענעם קאנט, זענען געווארן גאר אומדערטרעגלעכע, ווייל די ראשי-הקהל פון עטלעכע קהלות זענען זיך צונויפגעקומען און געמשפט די מוסרים אלס שונאים און בוגדים פונם פאלק און פארמשפט זיי צום טויט, וואס עס איז לויטן תלמוד *) און לויט א בפירושן דין אין חושן-המשפט (שפ"ח סעיף ט"ו) דערלויבט. מ'דערציילט, אז דער באוווסטער רוזשינער (שפעטער, נאכן אנטלויפן פון רוסלאנד — סאדיגורער) רבי ר' ישראל פרידמאן און דער דונאיעווצער רב ר' מיכאל האבן געגעבן זייער הסכמה אויפן טויט-אורטייל. עס זענען פאראן ידיעות, אז א זעלכע לינטש-געריכטן אויף מוסרים זענען אין יענע צייטן כלל נישט געווען קיין זעלסנהיים, ווייל זיי זענען געווען צו געפערלעך פארן צבור.

עס זענען באשטימט געווארן די מענטשן, וועלכע האבן פאר געלט און לשם מצווה (דאס אפרוימען די מוסרים איז באטראכט געווארן פאר א כלליזאך און מצווה) גענומען אויף זיך די אויפגאבע אומצוברענגען די ביידע מוסרים. שווארצמאנען האט מען דערהרגט אין שול, דאן צעשניטן אויף שטיקער און פארברענט אין באד. ווען אקסמאן האט זיך דערוווסט, וואס מיט זיין חבר איז געשען, איז ער שנעל אנטלאפן צופוס קיין קאמעניעץ-פאדאלסק, כדי צו דערציילן דער מאכט וועגן דעם פארברעכן. מ'האט אים אבער דעריאגט אויפן וועג, דערהרגט און דעם טויטן קערפער פארשטעקט ערגעצוו. עס איז אבער נישט געווען באשערט, אז די מעשה זאל בלייבן אומענטדעקט. פויערן האבן געפונען אקסמאנס טויטן קערפער און מודיע געווען וועגן דעם אין שטאט. מ'האט דעם מת געפאלמעסט און עס האט זיך אנגעהויבן אן איספארשונג.

---

*) מוסרים — מורידין ולא מעלין (ע"ז כ"ו).

יידן האבן דאן איבערגעקויפט די ניי-אושיצער מאכט: דעם איספראווניק סאפראנאוויטש, דעם סטריאפטשי אסליקאווסקי, דעם שטאב-דאקטאר אפאנאסיעוו און דעם פארזיצנדן פון געריכט מאגערדיטש. זיי אלע זענען, ווייזט אויס, אין הארצן אויך בייז געווען אויף די מוסרים, ווייל זיי פלעגן אויך ליידן פון די מסירות. זיי האבן די גאנצע זאך פארטושט און פארריבן, פעסטשטעלנדיק, אז דער געפונענער מת איז נישט אקסמאן און איז בכלל דורך קיינעם נישט דערקענט געווארן. וועגן שווארצמאנס פארשווונדן האבן זיי זיך לגמרי געמאכט נישט וויסנדיק.

דערמיט וואלט דער ענין געווען פארענדיקט. צום אומגליק האט זיך וועגן דעם דערוווסט א יידישער פאליציי-באאמטער אין קאמעניעץ-פאדאלסק. א משומד. דער פאליציאנט האט זיך איבערגעטאן אין יידישע מלבושים, איז אראפגעקומען קיין ניי-אושיצע און געווארן אן איינגייער ביים רב. עס איז אים געלונגען צו געווינען דעם רבס צוטרוי אויף אזוי וויים, אז יענער האט אים אלץ דערציילט בפרטות. דער משומד האט גלייך אנגעשריבן א ראפארט צום דעמאלסטיקן באקאנטן גענעראל-גובערנאטאר פון קיעווער, פאדאלער און וואלינער גובערניעס—ביביקאוו, וועלכער האט זיך מיט דער גאנצער ענערגיע גענומען פאר דער זאך. עס האט זיך אנגעהויבן א שטרענגע אויספארשונג. קרוב צו 80 יידן (דער גרעסטער טייל פון זיי איז באשטאנען פון די שענסטע באלעבאטים און ראשי-הקהל פון די ארומיקע שטעטלעך) זענען געווארן פארהאלטן און איינגעזעצט אין תפיסה. ביי דער אויספארשונג האט מען זיי געפייניקט און מ'האט פון זיי ארויסגעקריגן אלע איינצלהייטן פונם מארד. לויטן באפעל פון ניקאלייען האט מען די ארעסטירטע געמשפט אין א מיליטער-געריכט אין שטעטל דונאיעווצע, וואס ליגט נישט ווייט פון ניי-אושיצע.

דעם 28 פעברואר 1840 האט דאס מיליטער-געריכט ארויסגעטראגן דעם אורטייל אויף 70 יידן. (עטלעכע יידן זענען אין משך פון דער אויספארשונג און דערנאך געשטארבן אין תפיסה). אויך דער רוזשינער רבי איז אין צוזאמענהאנג מיטן ניי-אושיצער משפט געזעסן אין תפיסה 22 חדשים, אבער פאר געלט און דורך פראטעקציע איז אים געלונגען צו באפרייען זיך פון תפיסה און איבערצוגיין אונטער דער השגחה פון דער פאליציי. דאן איז ער אנטלאפן קיין עסטרייך. דעם דונאיעווצער רב ר' מיכאל האט מען אפגעשלאגן ביים קאנוואי, בשעת מ'האט אים איבערגעפירט א געשמידטן אין קייטן פון איין תפיסה אין דער צווייטער. אויך ער איז אנטלאפן קיין אויסלאנד.

אינם אורטייל ווערט אין אָנהייב דערקלערט. אַז דאָס געריכט האָט געפונען פאַר נייטיק צו באַשטראָפן אַלע שולדיקע אינם טויט פון די מוסרים מיט אַ האַרבער שטראָף, כדי זי זאָל דינען פאַר אַ ביישפיל פאַר אַנדערע אויף אַלע צייטן. דערנאָך קומט דער אורטייל. אַלע באַשולדיקטע ווערן צעטיילט אויף זעקס קאַטעגאָריעס און ווערן פאַרמשפט צו פאָלגנדע שטראָפן:

די ערשטע קאַטעגאָריע, אַלס די הויפּט-שולדיקע אין פאָרלייגן דעם פלאַן צו דערהרגענען די מוסרים, ווערט פאַרמשפט צו פאַרלירן דאָס גאַנצע פאַרמעגן און פאַרשיקט צו ווערן קיין סיביר אויף אייביקע קאַטאָרגע. די אָנגעהעריקע צו דער קאַטעגאָריע, די יידן: פאַרשטעטמאַן, אקערמאַן, זילבערמאַן, רויטמאַן, פישמאַן, און קרעטמאַן, ווערן אויסער דעם פאַרמשפט צו באַקומען שמיץ „סקוואַז סטרוי”, ד. ה. דורכצוגיין נאַקעטערהייט צווישן 2 שפּאַליערס סאָלדאַטן פון 500 מאַן מיט שפּיצרוטן אין די הענט — פאַרשטעטמאַן 4 מאָל; אקערמאַן, רויטמאַן און פישמאַן צוליב אַלטקייט צו 2 מאָל; זילבערמאַן און קרעטמאַן אַלס עלטערע פון 60 יאָר צו איין מאָל; עדעלמאַן אַלס עלטערער פון 70 יאָר ווערט קערפּערלעך נישט באַשטראָפט.

צווייטע קאַטעגאָריע, אַלס אויספירער פונם מאָרד, ווערט באַשטראָפט מיט שמיץ „סקוואַז סטרוי”. גוטערמאַן, אינטראַליגאַטאָר, האָפּשטיין און פליישמאַן — יעדער צו 4 מאָל פון 500 מאַן; גוזמאַן צוליב זיין יוגנטלעכן עלטער — 2 מאָל פון 500 מאַן: אויסערדעם גיין אַלע אַוועק אויף אייביקע קאַטאָרגע קיין סיביר.

דריטע קאַטעגאָריע: פליישמאַן דער בעדער — פאַר נעמען אַן אָנטייל אין צעשניידן און פאַרברענען שוואַרצמאַנס קערפּער — ווערט פאַראורטיילט דורכצוגיין צוויי מאָל „סקוואַז סטרוי” פון 500 מאַן און פאַרשיקט צו ווערן אויף אייביקע קאַטאָרגע. — מענדל עדעלמאַן, מאירקע עדעלמאַן, ראָזענשטיין, רויזמאַן, מילמאַן, ספעקטאָר און אַניסצאַ — פאַר וויסן וועגן מאָרד און נישט דערציילן וועגן דעם דער מאַכט — ווערן פאַרמשפט צו שמיץ צו צוויי מאָל צו 500 מאַן, צו פאַרלירן דאָס פאַרמעגן און צו ווערן פאַרשיקט אויף אייביק אין די אַרעסטאַנטן-ראָטעס אָדער קיין סיביר, אויב זיי וועלן נישט זיין פעאיק צו שווערער פעסטונגס-אַרבעט. די דאָזיקע שטראָף איז חל אויך אויף ספעקטאָרן — אויסער די שמיץ, וואָס ווערן אים געשענקט, צוליב זיין טיפן עלטער. — וואָלפענזאָן — פאַר אָנרעדן די מוסרים צוריקצוציען זייער מסירה, פאַר וויסן וועגן מאָרד און אויסבאַהאַלטן אים — פאַרלירט דאָס אייגנטום,

רעכט און ווערט פארשיקט קיין סיביר. מיט שמיץ ווערט ער נישט באשטראפט צוליב זיין לאנגיעריקער ראטמאנשאפט אין ניי-אושיצער ראטהויז.

פירטע קאטעגאריע — פאר וויסן וועגן מארד און אויסבאהאלטן אים פאר דער מאכט — ווערן: אייזענגארט, בלייכמאן, פליישמאן, גרינמאן, וואלמאן, לעדערמאן, וואליכמאן און שמוקלער פארמשפט צו שמיץ איינמאל פון 500 מאן און זיי ווערן איבערגעלאזט אויפן ארט, אונטער פאליציי-אויפזיכט. — דעם בעדערס ווייב און זון ווערן באפרייט, ווייל זיי האבן געהאט רעכט נישט צו מסרן זייער מאן און פאטער. — טרייסטמאן באקומט פארן זעלבן חסא שמיץ פון 300 מאן און בלייבט אויפן ארט אונטער פאליציי-אויפזיכט.

די פינפטע קאטעגאריע נעמט ארום 20 מענטשן, וועלכע מ׳האט נישט געקאנט באווייזן זייער שולד. זיי ווערן באפרייט פון שטראף און בלייבן אויפן ארט אין שטרענגן פארדאכט אונטער פאליציי-אויפזיכט.

אווערבוך — פאר גוטברודערשאפט מיט די פארברעכער און פאר האלטן פארבאטענע שעדלעכע ביכער (קבלה- און אנדערע ספרים, וואס זענען נישט געווארן צענזורירט דורך דער רוסישער מאכט) — פארלירט דאס אייגנטום-רעכט און ווערט פארשיקט קיין סיביר.

די זעקסטע קאטעגאריע פון 26 מענטשן איז אינגאנצן באפרייט געווארן.

די באאמטע — סאפראנאוויטש, אסילקאוויטש און אפאנאסיעיו — זענען פארמשפט געווארן צו פארלירן די טיטולן, דוואריאנסטווא און אפגעגעבן צו ווערן פאר סאלדאטן. (דאס ראזיקע מיטל איז דעמאלט אנגעווענדעט געווארן טאג-טעגלעך אלס שטראף פאר כל-מיני-עבירות).

דאס באשטראפן מיט שמיץ („סקוואז-סטרוי”) האט באדארפט פארקומען אין די שטעטלעך ניי-אושיצע און וואנקאוויעץ, בפני כל עם ועדה, למען ישמעו וייראו.

דער אורטייל איז געווארן צוגעשטעלט דעם קייזער און ער האט אייגנהענדיק אונגעשריבן: „ביט פא סעמו”, ד. ה. ער האט אים באשטעטיקט.

דער אורטייל איז טאקי געווארן גאנץ גענוי אויסגעפירט...

מ׳קאן זיך פארשטעלן דעם איינדרוק, וועלכן די אוממענטשלעכע עקזעקוציע, דאס יאגן נאקעטע 60-יעריקע זקנים צווישן 500 זעלנער מיט ריטער אין די הענט, האט געמאכט אויף אלע יידן.

ש. רובנאוו ניט איבער אינם נאמען פון זיין באקאנטן, ס. י. הארענשטיין.

וועלכער האט אויסגעפארשט די בלוטיקע געשיכטע אויפן ארט, אז דאס שרעקלעכסטע איבערלעבניש פארן פאלק איז געווען די שמיץ-עקזעקוציע, און אז אלע 30 געשמיסענע יידן האבן נישט אויסגעהאלטן און זענען אויסגעגאנגען אויפן ארט אונטער די ריטער. דאס פאלק האט זיי דערנאך גערופן „קדושים".

דובנאוו דערציילט אויך, אז מענדעלע מוכר ספרים האט אים איבערגעגעבן, דאס אין די 50-קער יארן, ווען ער האט געלעבט אין קאמעניעץ-פאדאלסק, איז נאך די ניי-אושיצער טראגעדיע געווען פריש אינם זכרון פון פאלק. מענדעלע האט דארט געקענט איינעם א זון פון א ניי-אושיצער קדוש. אויך האט מען אים אנגעוויזן אויף א זון פון איינעם פון די דערהרגעטע מוסרים, וועלכער האט דארט געוווינט.

און צו טראכטן, אז דאס איז נאר איינע פון די פילע, פילע טראבעדיעס פון יענער שרעקלעכער צייט, וועלכע זענען צו אונז דערגאנגען!

ה.

די שמד=אינקוויזיציע אין די קאנטאניסטן-קאזארמעס.

עס איז א פעסטגעשטעלטער פאקט, אז אלע קאנטאניסטן, מיטן אויסנאם פון געציילטע עקשנים, וועלכע האבן דערלעבט אנצוקומען אין די באטאליאנען און זענען נישט געפאלן אויף דעם לאנגן און שווערן וועג, האבן זיך צוליב די שרעקלעכע ענויים מצד דער מיליטער-קאמאנדע אויסגעשמדט, ריכטיקער, זענען געווארן מיט געוואלט אויסגעשמדט.

מיט דער אקציע פון אפשמדן די יידישע קאנטאניסטן האט אנגעפירט ניקאלײ זעלבסט, ווייל זי איז אים געווען שטארק נאנט צום הארץ. עס שיינט צו האבן געווען איינע פון זיינע שטארקסטע ליידנשאפטן און אקטיעלסטע אויפגאבן. ער האט אלץ געטון, כדי די שמד-אקציע זאל האבן דערפאלג. צו דעם צוועק איז ער גרייט געווען צו מאכן יידן פארשיידענע הנהות בנוגע דעם וווינען מחוץ לתחום. אויך די יידישע סאלדאטן, וועלכע האבן געדינט אין די הויפט - שטעט, האט ער דערלויבט צו נעמען צו זיך זייערע פרויען און קינדער מיטן באדינג, אז די יינגלעך וועלן אפגעגעבן ווערן אלס קאנטאניסטן. אין דער פערספעקטיוו האט ער געזען נישט בלויז קאנטאניסטן, נאר אויך משומדים פון דער פראוואסלאוונער קירך. דאריבער איז ער געווען גוטהארציק. צו דעם זעלבן צוועק האט ער ארויס-

געגעבן זיין געהיימען באפעל פון 10 4 1829. אז די פאפעס דארפן נישט בעטן קיין באזונדער דערלויבניש ביים אפשמדן יידישע קאנטאניטן. לויטן געזעץ האט מען ביי יעדן פאל געמוזט האבן א באזונדערע דערלויבניש.

ש. גינזבורג האט פארעפנטלעכט אין דער „יעווריעסקאיא סטארינא" פון 1930 *) אינטערעסאנטע ציפערן און פרטים, געפונענע אין די פעטערבורגער ארכיוון, וועגן ניקאלייס אויסערגעוויינלעכן אייפער און פאראינטערעסירונג מיט דער שמד־אקציע צווישן די יידישע קאנטאניסטן.

פון די דאזיקע קוועלן ווערן מיר געוווּיר, אז אין סאראטאוו, למשל, האט מען אין די יארן 1828—1842 אויסגעשמדט 576 יידן־קאנטאניסטן. אין פערם אין די יארן 1837—1842 — 381 קאנטאניסטן. אין סמאלענסק זענען געווארן אויסגעשמדט אלע יידישע קאנטאניסטן. וועלכע זענען אנגעקומען אהין אין די יארן פון 1827 ביז איבער 1843. וויפל זייער צאל האט אויסגעמאכט, ווייסן מיר נישט.

אין ווערכני אוראלסק האט מען אויסגעשמדט פון 1836 ביז 1842 הונדערט און איין קאנטאניסט. אין ארענבורג האט מען אפגעשמדט אין דיזעלבע יארן 88 קאנטאניסטן.

ביזן יאר 1843 איז די מיסיאנערישע אקציע נאך נישט געווען קיין פלאנמעסיקע. לכל הפחות, נישט אומעטום האט מען דערויף געלייגט אכט. אינם יאר 1843 האט זיך אבער די לאגע ראדיקאל געענדערט. דעם 24 אפריל 1843 האט דער קריגס־מיניסטער טשערנישעוו געהיים מיטגעטיילט דעם אויבערפראקוראר פון סינאד, גראף פראטאסאוו, פאלגנדן באפעל פונם צאר ניקאליי:

„צוטרעטן צום אפשמדן אלע יידישע קאנטאניסטן, וועלכע געפינען זיך אין די קאנטאניסטן־באטאליאנען, דורך זייערע פאפעס און פאדערן פון פראטאסאוון א ספעציעלן רעגולאמין וועגן דער זאך. מ׳דארף ווענדן דערויף א באזונדערע אויפמערקזאמקייט. מ׳דארף צוטרעטן דערצו מיט דער מעגלעכסטער פארזיכטיקייט, גוטסקייט און אן יעדער רדיפה".

לויט דער רשימה פונם מיניסטער טשערנישעוו, האבן זיך אין יאר 1843 אין 22 קאנטאניסטן־באטאליאנען געפונען 6753 קינדער. פאפעס 29.

---

*) ראס לעצטע העפט פון דער דאזיקער צייטשריפט, דערשינען אין לענינגראד, אינם יאר 1930, פאר דעם, ווי ש. גינזבורג האט פארלאזן רוסלאנד.

דעם 5 מאי 1843 האט דער סינאד באפוילן אלע העכערע גייסטלעכע צו באטראכטן די פעאיקייטן פון אלע פאפעס פון די קאנטאניסטן-באטאליאנען. אויב זיי וועלן זיך ארויסווייזן פאר נישט גענוג פעאיק צו דער שמדאקציע, דארפן זיי פארטוישט ווערן דורך אנדערע, אדער מ׳דארף זיי צוגעבן געהילפן. דער סינאד האט אויך איבערגעגעבן דעם אויבערגייסטלעכן פון דער ארמיי און פלאט — קוטנעוויטשן — צוזאמענצושטעלן א ספעציעלן רעגולאמין פאר די פאפעס פון די קאנטאניסטן-אנשטאלטן, אין וועלכע עס געפינען זיך יידן. ניקאליי האט כסדר נאכגעפרעגט וועגן רעגולאמין. מ׳האט קוטנעוויטשן געיאגט, ער זאל די ארבעט פארענדיקן. אין אקטאבער האט קוטנעוויטש צוגעשטעלט דעם סינאד א „רעגולאמין פאר די גייסטלעכע פון די מיליטערישע קאנטאניסטן-אנשטאלטן וועגן אפשמדן די קינדער פון יידישן גלויבן אויפן קריסטלעכן“.

דעם 26 אקטאבער האט דער קריגס-מיניסטער פארגעשטעלט דעם רעגולאמין דעם קייזער, וועלכער איז געבליבן פון אים שטארק צופרידן. ער האט געהייסן דאנקן דעם מחבר.

אין יאנואר 1844 האט דער סינאד אפגעדרוקט דעם רעגולאמין אויף „גוטן ווייסן פאפיר“ און פונאנדערגעשיקט צו אלע פאפעס פון די קאנטאניסטן-באטאליאנען. דער רעגולאמין האט געהאלטן 25 זייטן און האט געלערנט בפרטות, ווי אזוי מ׳דארף צוטרעטן צו דער אויפגאבע ביי פארשידענע קינדער.

ניקאליי נעמט די איניציאטיוו אין זיין האנט. ער פאדערט יעדן חודש א חשבון פון די קינדער, וועלכע זענען געווארן אפגעשמדט. ער באלוינט און לויבט פאר דערפאלגן, שטראפט פאר מיסערפאלגן, גיט אנווייזונגען און באפעלן — מיט איין ווארט, ער ווערט זיער רוח-החיה פון דער גאנצער אקציע.

אינטערעסאנט זענען זיינע באמערקונגען צו די מאנאטלעכע באריכטן:

אפריל 1844 — „זייער ווייניק“.

יוני 1844 — „זייער נישט צופרידנשטעלנד“.

יולי 1844 — „כ׳בין נישט צופרידן מיטן קלייניעם דערפאלג אין אפשמדן אויף פראוואסלאוויע. מ׳דארף לייגן מער אכט אויף די גייסטלעכע, וועלכע פארנעמען זיך דערמיט.

דאקעגן האט דער קריגס-מיניסטער אין יאנואר 1844 מיטגעטיילט דעם אויבערפראקוראר פון סינאד דעם קייזערס צופרידנקייט און אנטציקונג מיטן טאבאלסקער יעפיסקאפ, ווייל אין טאבאלסק זענען מיט אמאל אפגעשמדט

געוואָרן 48 יידישע קאַנטאָניסטן. דער קייזער האָט אויך באַפוילן צו שטעלן דעם פאַקט פאַר אַ ביישפּיל פאַר אַלע אַנדערע פּאַפּעס אין רוסלאַנד.

אויף דער מעלדונג פונם אויבערפּראָקוראָר פון סינאָד פון יוני 1845, אַז אין סאַראַטאָוו האָבן זיך דעם 4 יוני 1845 אָפּגעשמדט 130 יידישע קאַנטאָניסטן, האָט דער קייזער אָנגעשריבן: „סלאַווא באָגו“ — (אַ דאַנק גאָט).

ניקאָליי האָט ברייטהאַרציק באַלוינט די פּאַפּעס און קאָמאַנדירן פון די באַטאַליאָנען, אין וועלכע דאָס אָפּשמדן יידישע קאַנטאָניסטן איז פאָרגעקומען באַזונדערס אינטענסיוו. צוליב אַזאַ אויפּפאָדערונג און אויפמונטערונג פונם קייזער האָבן זיך אַלע גענומען מיט אַן אויסערגעוויינלעכער פלייסיקייט צו דער אַרבעט: די גייסטלעכע און מיליטערישע. ווי די ציווילע פאַרשטייער פון דער מאַכט. עס זענען געווען פאַלן, ווען מ׳האָט די קינדער אָפּגעשמדט אין וועג, נאָך איידער זיי זענען אָנגעקומען אין זייער באַשטימונגס-אָרט.

מ׳האָט אָנגענומען מיטלען, אַז די יידישע קאַנטאָניסטן זאָלן נישט קאָנען קומען אין קיין שום באַרירונג מיט די יידישע סאָלדאַטן אָדער פאַרשיקטע, וואָס האָבן זיך געפונען אין די זעלבע ערטער, ווייל די דערוואַקסענע יידן פלעגן ווירקן אויף די קינדער, זיי זאָלן נישט טוישן זייער אמונה. מ׳האָט פאַרווערט די קינדער צו זען זיך אַפילו מיט זייערע עלטערן (אויב דאָס זענען געווען קינדער פון פאַרשיקטע אויף סיביר און זייערע עלטערן האָבן געוווינט אויפן אָרט).

דער אירקוטסקער אַרכי-יערעי האָט דעם 21/9 1844 געשריבן דעם סינאָד, אַז אַ דאַנק זיינע באַמיאונגען זענען אַלע יידישע קאַנטאָניסטן אין אירקוטסק, מיטן אויסנאַם פון 4, געוואָרן אויסגעשמדט. אויך די פיר וואָלטן זיך געשמדט, ווען נישט די ווירקונג פון זייערע קרובים אויף זיי.

די זין פון די פאַרשיקטע אויף סיביר, פלעגן אַריינטרעטן אין די קאַנטאָניסטן-באַטאַליאָנען אַלט ווערנדיק 14 יאָר. געגן דעם זענען אַרויסגעטרעטן פאַרשיידענע סיבירער יעפּיסקאָפּן, ווייל פירצניעריקע ייִנגלעך איז געווען שווער אָפּצושמדן.

דעם 15 אַפּריל 1845 האָט ניקאָליי אַרויסגעגעבן אַ באַפעל:

1) „די זין פון יידן, וועלכע וווינען אין מזרח- און מערב-סיביר, און דאַרפן ווערן צוגעשריבן צו די קאַנטאָניסטן, מוזן ווערן איבערגעפירט אין די דאָזיקע אינסטיטוציעס דערגרייכנדיק דעם עלטער פון

אכט יאָר. 2) דערלויבן די זין פון יידישע עלטערן, וואָס געפינען זיך אין די קאנטאָניסטן-אנשטאלטן, דאָס זעען זיך מיט זייערע עלטערן נאָר אין די קאזארמעס גופא און אין דער אָנוועזנהייט פון איינעם פון די לערער אָדער אָפיצירן".

די פאפעס האָבן אויך געקוקט קרום אויף די יידישע בריוו, וואָס די קינדער פלעגן באקומען פון זייערע טאטע-מאמע. זיי האָבן געפאָדערט, אז די קינדער זאָלן זיך איבערשרייבן נאָר אין דער רוסישער שפראך. אויב פאר די קינדער זענען אָנגעקומען בריוו פון זייערע עלטערן אין דער צייט, ווען זיי זענען שוין געווען אָפגעשמדט, האָט מען די בריוו צוריקגעשיקט מיט דער באמערקונג, אז אזעלכע און אזעלכע געפינען זיך שוין נישט אין דער אנשטאלט. פאָרמעל זענען זיי כלומרשט געווען אין אָרדנונג: ביים שמדן האָט מען די קינדער משנה-שם געווען. ממילא האָבן שוין אזעלכע נעמען אינם באטאליאָן נישט פיגורירט.

די קינדער איז אויך געווען פארווערט צו באזוכן די שול, וואָס די עלטערע סאָלדאטן האָבן זיך איינגעאָרדנט. הגם לויטן געזעץ איז זיי דאָס געווען דערלויבט, מ'האָט די יידישע קינדער געצווינגען צו באזוכן די צערקוועס, בייצוואוינען די תפלות און מיטזינגען זיי מיט די רוסישע קינדער. יידישע קינדער האָבן אויך געמוזט זיין אויף די לעקציעס פון די פראוואסלאוונע גייסטלעכע.

די באטאליאָנען אין סאראטאָוו און פערם האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פלייס און גרויסן דערפאָלג אין אָפשמדן יידישע קאנטאָניסטן. אין די דאָזיקע שטעט פלעגט מען אויך אריבערפירן פון אנדערע ערטער די איינגעשפארטע קאנטאָניסטן, וועלכע האָבן זיך בשום אופן נישט געלאָזט אָנרעדן צום שמד.

אין אַרכאנגעלסק האָבן זיך אינם יאָר 1843 פון 134 קאנטאָניסטן געשמדט — 125.

אין פערם האָבן זיך אין די יאָרן 1840—1843 געשמדט 613 קאנטאָניסטן.

אין וואָראָניעזש האָבן זיך אינם יאָר 1843 געשמדט 567 קאנטאָניסטן.

אינם יאָר 1845 זענען אלע יידישע קאנטאָניסטן אין פערם געווען אויסגעשמדט. אויך סאראטאָוו האָט געהערט צו די ערטער, ווו אלע יידישע קאנטאָניסטן זענען געווען אויסגעשמדט. אינם יאָר 1853 האָבן זיך אין איין טאָג געטובלט אין דער וואָלגע און אָנגענומען פראַ-

וואָסלאַוויע 134 יידישע קינדער. דעם 13 יוני 1854 האָבן זיך ווידער געטובלט אין דער וואָלגע 223 יידישע קאַנטאָניסטן. בלויז איינציקע אויסדערווילטע יידישע קינדער זענען — נישט קוקנדיק אויף די אינקוויזיטאָרישע ענויים און אומאויסהערלעכע נסיונות — דאָך געבליבן יידן. אָבער וויפל זיי איז אויסגעקומען דורכצולײַדן אין דעם קאַנטאָניסטן-גיהנום, קאָנען מיר זיך אפילו נישט פאָרשטעלן. זיי האָבן באַצאָלט אַזאַ טייערן פרייז פאַר זייער יידישקייט, אַז אפילו דער נאָמען „קדוש", מיט וועלכן דאָס פאָלק האָט זיי גערופן, איז געווען אַ גאַנץ קליינע באַלוינונג... וויפל פון די קינדער האָבן מיט זייער לעבן באַצאָלט פאַר זייער עקשנות צו בלייבן יידן, וויפל האָבן זיך אַליין דאָס לעבן גענומען איידער מ'האָט זיי געזאָלט אָפּשמדן און וויפל נאָכן שמד — פון חרטה און געוויסנס-ביסן! די צאָל פון די עקשנים איז אָבער געווען אַ קליינע. אַזוי דערציילן אונז פאַרשידענע קוועלן, אָפיציעלע און פּריוואַטע. דאָס איז נאַטירלעך. קינדער זענען דאָך נישט מער ווי קינדער.

און צו טראַכטן, אַז דאָס איז געווען איינע פון די הויפּט-זאָרגן פון רוסלאַנדס הערשער.

ווי אויסטערליש און ווילד!

עס איז אַ פאַרשטענדלעכע זאַך, אַז אין אַזעלכע באַדינגונגען איז די צאָל יידישע משומדים אין רוסלאַנד געווען אַן אומגעהייער גרויסע. ד"ר זאַמטער גיט אָן אין זיין בוך: „דאָס יידנטום אין 19-טן יאָרהונדערט", אַז לויט מיטטיילונגען פון סינאָד האָבן זיך אין די זעכציק יאָרן — פון 1837 ביז 1997 — אויסגעשמדט אין רוסלאַנד 58.582 יידן. אין משך פון גאַנצן 19-טן יאָרהונדערט האָבן זיך אויסגעשמדט אין רוסלאַנד 69.400 יידן. אין דעם איינעם יאָר 1854 האָבן אָנגענומען פּראַוואָסלאַוויע 4439 יידן. אין די 40-קער יאָרן האָבן מאָסקווע און פעטערבורג געציילט דרייסיק טויזנט משומדים. דאָס זענען קאָלאָסאַלע ציפערן. פון וואַנען, אַנשטייט די פראַגע, האָט זיך אין רוסלאַנד גענומען אַזאַ ריזיקע צאָל משומדים, וואָס שטייגט פּראָפּאָרציאָנעל איבער אַלע אַנדערע יידישע קיבוצים אין דער וועלט, אפילו די אַממייסטן אַסימילירטע? עס איז זיכער, אַז די איבערוויגנדע מערהייט משומדים האָט צוגעשטעלט די קאַזאַרמע און, דער עיקר, די קאַנטאָניסטן-קאַזאַרמע, וווּ מ'האָט געהאַט צו טון מיט קליינע שוואַכע קינדער, ווייניקער ווידערשטאַנדספעאיקע פון די דערוואַקסענע. דער בעסטער באַווייז פאַר דער דאָזי-

קער באהויפטונג איז דער פאקט, אז אינם יאר 1863, נאכן מבטל מאכן די קאנטאניסטן-אינסטיטוציע, האט די צאל משומדים אין רוסלאנד באטראפן בלויז 352 פערזאן. עס איז דאריבער קלאר, אז די יוגנטלעכע קאזארמע איז געווען דער הויפט-ליפעראנט פון משומדים אין רוסלאנד.

יידישע קינדער האבן זיך אבער געראנגלט פאר זייער אמונה און נישט אזוי לייכט איז עס אנגעקומען די נשמה-כאפערס צו דערגרייכן זייער ציל. עס האט זיך געשאפן א גאנצער סיסטעם פון אינקוויזיטארישע פייניגונגס-מיטלען, מיט וועלכע מ׳האט זיך באנוצט קעגן די ווידערשפעניקע, וואס האבן מיטן גוטן ווילן נישט געוואלט אונטערגעבן זיך. וועגן די דאזיקע שרעקלעכע ענויים דערציילט אונז (אין „יעווריסקאיא סטארינא” 1909) דער אירקוטסקער רב ביילין פארשידענע פרטים, וואס ער האט זיך אנגעהערט פון געוועזענע קאנטאניסטן.

דער רב דערציילט:

אן אלטער איינוווינער פון אירקוטסק, א חשובער מיטגליד פון אונזער סינאגאגע, יעקב בן גרשון יערמאנאוויטש, אן אויסגעדינטער ניקאלאיעווער סאלדאט, געבוירן אין א דארף נעבן אירקוטסק אינם יאר 1828, באפרייט פון מיליטער אינם יאר 1869, האט מיר דערציילט פאלגנדעס פון זיין קאנטאניסטן-לעבן.

אלס א זון פון א פארשיקטן האט מען אים גענומען אין די קאנטאניסטן אינם יאר 1844 און מ׳האט אים באשטימט אין א קאנטאניסטן-באטאליאן. דארטן איז אים באלד אויסגעקומען צו דערפילן די שרעקלעכע לאגע פון א יונגן יידישן רעקרוט, ווען די מיליטער-נאטשאלסטווא האט געשטעלט די ברירה: אדער שמדן זיך, אדער ליידן אומאויפהערלעכע ענויים. איינמאל האט מען מיט יערמאנאוויטשן דורכגעמאכט פאלגנדע גימנאסטיק, כדי צו צווינגען אים, ער זאל זיך שמדן: מ׳האט אים אריינגעלייגט אין א שטרוי-זאק, צוגעבונדן צו א שטריק און אראפגעלאזט אויף די טרעפ פון 2-טן שטאק ביז אונטן אויפן פארטער און דאן צוריק ארויפגעשלעפט. מ׳האט אים מיט דער גימנאסטיק אזוי צעשלאגן, אז נאך דעם איז ער געלעגן א האלב יאר אין שפיטאל.

דאס געוויינלעכע מאטערן די קאנטאניסטן פלעגט פארקומען ביים באדן אין טייך. אט באדן זיך יידישע און רוסישע קאנטאניסטן. דער

יעפֿרייטאָר (עלטסטער סאָלדאַט) כאַפּט אַ יידישן רעקרוט בײַם קאָפּ און טונקט אים איין שנעל אין וואַסער אַ מאָל 10 — 15 נאָכאַנאַנד. דאָס ייִנגל פֿאַרכלישטשעט זיך, וואַרפֿט זיך, וועלנדיק זיך אַרויסרײַסן פֿון יעפֿרייטאָרס הענט. יענער אָבער שרײַט כסדר: שמד זיך, וועל איך דיך באַפֿרײַען. ווען אָבער דאָס ייִנגל באַשטייט דאָך נישט אויף שמד, וואַרפֿט ער דעם אומגליקלעכן אַרויס אויפֿן ברעג. פֿיל פֿון יערמאַנאָוויטשעס חברים זענען דעמאָלט בײַם באָדן טויט געוואָרן.

יעקב יערמאַנאָוויטש האָט געהערט צו די אײַנגעשפּאַרטע. זײַנע דרײַ ברידער, אויך קאַנטאָניסטן, האָבן זיך אין פֿאַרשידענע צײַטן אויסגעשמדט. עס איז אים אויסגעקומען זייער אַ סך צו לײַדן. איינמאָל בײַם שערן האָט אים דער פֿעלדשער געמאַכט מיט דער שער זיבצן וווּנדן אויפֿן קאָפּ.

עס איז געווען שטרענג פֿאַרבאָטן צו טראָגן אַרבע־כנפֿות מיט ציצית. ווען מ׳האָט געכאַפּט אַ קאַנטאָניסט מיט אַ „טלית קטן״ האָט מען דעם „טלית קטן״ אונטערגעצונדן און מיט דעם פֿלאַם געבערנט די ברעמען פֿונם פֿאַרשולדיקטן.

מ׳פֿלעגט אַרויסגעבן אַ ייִנגן רעקרוט די יערלעכע מלוכהשע באַקליידונג און מ׳האָט זי געהייסן היטן אין קעסטל. דער קאַנטאָניסט שטייט אויף צו־מאָרגנס אין דערפֿרי. אינם קעסטל איז גאָרנישט געבליבן. אַלץ אויסגעגנבעט. עס קומט צולויפֿן דער יעפֿרייטאָר און הייבט אָן צו מאָלן דעם ציטערנדן ייִנגל אַלע עינויִים קשים. וואָס דערוואַרטן אַ ייִנגן קאַנטאָניסט פֿאַר פֿאַרסאַכלעווען מלוכה־זאַכן: שמיץ, יאָגן „סקוואָז סטרוי״ א. א. װ. דאָס ייִנגל באַניסט זיך מיט הייסע טרערן און אַ פֿאַרצווייפֿלטער בעט ער זײַן עלטסטן, ער זאָל אים העלפֿן אַרויסצודרייען זיך פֿון שטראָף. דאַן קומט דער פּאַטערלעכער ענטפֿער: שמד זיך, וועט דיר נאַטשאַלסטווע שענקען די שטראָף.

מ׳גיט באָרשטש צוגעשמאַלצן מיט חזיר־שמאַלץ. דער יידישער קאַנטאָניסט קאָן נישט אַריבערטראָגן אַפֿילו דעם ריח פֿונם דאָזיקן מאכל. עס איבלט אים. דעם באָרשטש רירט ער נישט אָן און עסט בלויז ברויט.

— זשיד, פֿאַרוואָס עסט דו נישט דעם באָרשטש — שרײַט אויף אים זײַן יעפֿרייטאָר.

— איך קאָן נישט, עס שמעקט מיט חזיר־שמאַלץ — ענטפערט דער קאַנטאָניסט.

— אַ — דאָס ביסט דו אַ זוינער און אַ זוינער! שטעל זיך אויף דער קני פאַר דער איקאָנע — באַפעלט דער עלטסטער.

ער האַלט אָפ דעם פאַרזינדיקטן יינגל אַ שעה אַנדערהאַלבן אויף די קני, ביז זיי ווערן אים פאַרשטאַרט. דערנאָך הייסט ער אים אויפשטיין און ער באַקומט 15 — 20 שמיץ איבערן נאַקעטן לייב.

דעם דערמאַנטן יערמאַנאָוויטשן און איינעם פון זיינע חבר״ס, לייב סאָוד, האָט נאַטשאַלסטווע אויסגעקליבן ווי פאַרשטייער פון אַלע יידישע קאַנטאָניסטן אין ביידע ראָטעס. מ׳האָט אָנגענומען, אַז אויב די ביידע וועלן זיך שמדן, דאַן וועלן אַלע איבעריקע נאָכטון זייער ביישפיל. עטלעכע מאָל האָט מען זיי געשיקט צום אַרכי־יערעי ניל אויסצוהערן אַ מוסר־דרשה. אָבער אַלע זיינע רייד האָבן נישט געהאָלפן. די יינגע „אַפיקורסים" זענען געבליבן פאַרעקשנט אין זייער בלינדקייט. איינמאָל נאָך אַזאַ דרשה האָט מען זיי אַרויפגעשיקט צום גלאָקנטורם פון דער אַרכי־יערעי־צערקווע. געווען איז עס אין אַ קאַלטן אָקטאָבער־טאָג. מ׳האָט זיך געמאַכט פאַרגעסן אָן זיי און זיי זענען דאָרט געבליבן אין דינע ווייכע שינעלן און שטיוול פון אָוונט ביז זעקס אַ זייגער פרי. די פרעסט זענען שוין אין אירקוטסק געווען גאַנץ שטאַרקע. אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיך די יינגלעך געוואַרעמט איינער אָן אַנדערן. אַ דאַנק דעם האָבן זיי זיך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט.

אויף צומאָרגנס, ווען דעם אַרכי־יערעיס דינער האָט צופעליק באַמערקט די יינגלעך, האָט ער זיך דערשראָקן. ער האָט זיי אָוועקגעפירט צו זיך אין שטוב און אַריינגעלייגט אין אַ בעט ביי אַ וואַרעמער קיך. ער האָט זיי געוואַרעמט און געפאָיעט מיט הייסן טיי. יערמאַנאָוויטש האָט זיך אָפגעפרוירן די פינגער פון די פיס, סאָוד דאַקעגן איז געבליבן אומבאַשעדיקט.

דערמיט האָבן זיך געענדיקט זייערע נסיונות און ליידן. מ׳האָט זיי אָפגעפירט צום סעמינאַר־דירעקטאָר פיעטוכאָוו. נו, דאָס איז געווען אַן אמתער „אבינו מלכנו" מיט אַ לאַנגער באָרד (מיט טרערן אין די אויגן פלעגט עס דערציילן יעקב יערמאַנאָוויטש).

— נו, קינדער, וואָס וועט פון אייך זיין? — פרעגט ער זיי.

— „פון אונז — יידן" — ענטפערן זיי אָפ.

— ווילט איר זיך שמדן? —

— ניין, מיר ווילן בלייבן ייִדן, אַזוי ווי אונזערע טאַטעס און זיידעס. —

נו, גייט זיך אייער וועג, בלייבט אויף אייביק ייִדן און דער ייִדישער גאָט זאָל אייך העלפן. —

די ייִדישע עלטערן איז געווען שטרענגסטנס פאַרבאָטן נישט נאָר צו באַזוכן זייערע קינדער, נאָר אַפילו צו רעדן מיט זיי אויך פון דערווייטנס. איינמאָל האָט יערמאַנאָוויטש דערזעען זיין מוטער פאַרבייגיין פאַר דער קאַזאַרמע. ער האָט זיך דערפרייט און אויסגעשריגן: „אוי, מאַמע!“ די מוטער האָט זיך אָפּגעשטעלט און אָנגעהויבן רעדן מיט אים פון דערווייטנס אויף ייִדיש. די מיליטער-עלטסטע האָבן עס באַמערקט און פאַרהאַלטן די „זינדיקע“ מוטער. מ'האָט זי אָפּגעפירט אין דער פּאָליציי און געצווּנגען צו וואַשן 4 טעג די פּאָדלאָגעס אין פאַרשידענע רעגירונגס-געביידעס.

אַזוי האָט מען מורא געהאַט פאַר דער שעדלעכער ווירקונג פון די ייִדישע טאַטע-מאַמע אויף זייערע אומגליקלעכע קינדערלעך“.

אין דעם בוך: „די ייִדן אין אירקוטסק“ פון ווישינסקי און האָרענשטיין געפינען זיך אַביסל זכרונות פון אַלטע ייִדישע אירקוטסקער איינוווינער, געוועזענע קאַנטאָניסטן. דער געוועזענער קאַנטאָניסט לעאָנטי בן יצחק טאָובער האָט דערציילט פאָלגנדעס:

„אָנהייבנדיק פון די 50-קער יאָרן זענען די ליידן פון די קאַנטאָניסטן געוואָרן שוואַכער. דאָך זענען זיי נישט געווען לויט די כוחות פון ניין-צען-יעריקע קינדער. איך געדענק, ווי דאָס וואָלט פאָרגעקומע-איצט. איך האָב פאַרבראַכט דאָס לעצטע יאָר אין די קאַנטאָניסטן-קאַזאַרמעס און האָב זיך געגרייט איבערצוגיין אין די סאָלדאַטן-קאַזאַרמעס, ד. ה. צום שרעקלעכן 25-יעריקן דינסט. אין יענעם יאָר, אָנהייב פרילינג, פונקט פורים, האָט מען צו אונז אין קאַנטאָניסטן-באַטאַליאָן אין אָמסק געבראַכט צו פירן 70 ייִדישע יינגלעך פון זשיטאָמיר. און וואָס מיינט איר? פונקט צו פסח, ד. ה. נאָך מיר וואָכן איז איינער פון זיי געשטאָרבן, 60 האָבן זיך געשמדט און נאָר ניין זענען געבליבן ייִדן.“

צוזאמען מ'ט סאוּבערן האט אין די קאנטאניסטן געדינט א צווייטער אירקוטסקער א'ינגוווינער, יעקב בן משה פערצעל. אט וואס דער זקן האט דערציילט א טיף אויפגערעגטער:

„איך ווייס אליין נישט, ווי אזוי איך בין געבליבן א ייד. בלויז ביים דערמאנען זיך די פארגאנגענהייט לעב איך נאכאמאל איבער דעם גאנצן קאשמאר. מ'האט מיך געשמיסן. דאס ערשטע מאל האט מען מיך געשמיסן דערפאר, ווייל איך בין אנטלאפן און א דערלויבניש אין שטאט ארײַן צו יידן. דאס צווייטע מאל האט מען מיך געשמיסן פאר קינדערשע שטיפערייען: פאר א געשלעג מיט א חבר צוליב א מעסערל. ווען מיר איז פארגעשטאנען געשמיסן צו ווערן דאס דריטע מאל, האב איך נישט אויסגעהאלטן און האב געזאגט, אז איך וויל זיך שמדן. דאס האט באפרייט פון שמיץ. עס איז דאן געווען א מנהג צו געבן אלע, וואס האבן איינגעשטימט צו שמדן זיך, נייע נעמען. וועלכע זענען שוין געבליבן אלס טויף-נעמען. מיך האט מען אנגערופן אלעקסאנדער. דאך זעט איר, אז איך בין געבליבן יעקב.

איך ווייס אליין נישט, וואס מיך האט אזוי פייערדיק געהאלטן ביי יידישקייט. אפשר דער נאציאנאלער אינסטינקט, אפשר מיין מוטערס טרערן, וועלכע האט מיך, אן אכט-יעריקן יינגל, געבעטן צו בלייבן א ייד. און אפשר די נאטירלעכע עקשנות געגנצושטעלן זיך די, וועלכע איך האב בישט געקאנט נישט באטראכטן פאר מיינע פיינט?...

איך האב איינגעשט'מט צו שמדן זיך. איך בין אבער קראנק געווארן פון עגמת-נפש און מ'האט מיך אפגעפירט אין שפיטאל. באלד איז געקומען מיך באזוכן אונזער קאנטאניסטן-פאטערל אלעקסאנדער. ער האט מיר געברענגט מתנות. דערזעענדיק אים האב איך זיך שטארק אויפגערעגט... אט באלד וועט מען מיך טויפן און אלץ וועט זיין פארענדיקט... איך בין צוגעפאלן צום פאטערלס ברוסט און האב אנגעהויבן ביטער צו וויינען. דאס גוטע פאטערל אלעקסאנדער האט מיך אנגעהויבן צו טרייסטן און האט מיר דערציילט וועגן דער פרייד, וואס דערווארט מיך נאכן ווערן א קריסט.

— און איר, פאטערל אלעקסאנדער, צי וואלט איר שטארק געמיינט, ווען אייער זון וואלט איבערגעגאנגען צום יידנטום? האב איך אים מיט טרערן געפרעגט.

— וואָס רעדסטו, קינד מיינס, גאָט איז מיט דיר, אַוודאי וואָלט איך געוויינט. —

— אויך מיין מוטער וועט ביטער וויינען, ווען זי וועט זיך דערוויסן, אַז איר זון איז געוואָרן אַ קריסט. — און איך האָב אָנגעהויבן נאָך שטאַרקער צו וויינען, איך ווייס נישט, וואָס עס האָט געווירקט אויפן פאָטערל אַלעקסאַנדער. מיין נאַאיווע פראַגע, וועלכע איז געווען גלייכצייטיק, אָן צו האָבן דאָס באַוווסטזיין דערפון, אויך אויף אַזויפיל הינטערליסטיק, אָדער מיינע טרערן, טרערן פון אַ קראַנקן יינגל? אַזוי צי אַזוי, נאָר דאָס פאָטערל אַלעקסאַנדער איז געשווינד אַוועק פון שפּיטאָל.

מער האָט מען מיך שוין נישט באַאומרואיקט אויך ווען איך בין צוריקגעקומען פון שפּיטאָל אין קאַזאַרמע.

פון יענער צייט אָן האָט זיך דאָס פאָטערל אַלעקסאַנדער, וואָס האָט אין אַלגעמיין געשמט ביי אונז אַלס גוטער מענטש, מער צו אונז נישט געוויזן. באַלד דערנאָך האָט אַלעקסאַנדער דער 2-טער מבטל געמאַכט דעם קאַנטאָניסטן-אינסטיטוט. מיין טרוים איז געווען צו זעען נאָך אַמאָל דאָס פאָטערל. ווען איך האָב זיך מאַטעריעל אַביסל איינגעאָרדנט, בין איך ספּעציעל צוליב דעם געפאָרן קיין אָמסק, נאָר דאָס פאָטערל איז ווי אין וואַסער אַריין...

און מיר איז נישט געלונגען צו זען דעם גוטן פּאָפּ, וואָס איז געווען אַן עדות פון מיינע ליידן און פון מיין גליהענדער ליידנשאַפט צו בלייבן אַ ייד"

דער דערמאָנטער רב ביילין פון אירקוטסק דערציילט נאָך פאָלגנדע געשיכטע:

„דער סוחר נאָנקין פון צאַרסקאָיע סעלאָ, אַ געשמדטער ייד פון די אַרכאַנגעלסקער קאַנטאָניסטן, האָט מיר נאָך אין די אַכציקער יאָרן איבערגעגעבן פאָלגנדע פּרטים פון זיין מאַרטיראָלאָגי פון דער דינסט-צייט:

דער יעפרייטאָר, וועלכער האָט באַוואַכט נאָנקינען, האָט דערפילט זיין מיסיאָנערישע מיסיע זייער פלייסיק. ער האָט גענייט דאָס יינגל צו שטיין אויף די קאַנטן פון צוויי ברייט-פונאַנדערגערוקטע בעסן.

דערביי האט ער אין ביידע הענט איבערן קאפ געמוזט האלטן צו איין גענוג שווער קישן אין יעדער האנט. אין אזא אומנאטירלעכער פאזיציע האט דאס יינגל געמוזט שטיין א לאנגע צייט מיט צעשפרייטע פיס, ביז ער איז אנידערגעפאלן פון אנמאכט אויף א בעט אדער אויף דער פאדלאגע. דעמאלסט פלעגט ער באקומען שטארקע קלעפ. ווען דער אומגליקלעכער קאנטאניסט האט שוין מער קיין כוח נישט געהאט צו שטיין און ער פלעגט אנהייבן בעטן רחמים ביי זיין פייניקער: „פאטערל, לאז אפ", פלעגט ער הערן א גראבן ענטפער: „שמד זיך, זשיד, וועל איך דיך דעמאלט אפלאזן".

אזעלכע און ענלעכע עינויים האבן געצוואונגען נאנקינען און זיינע חברים, וועלכע זענען געווען שטארק איבערגעגעבן דער יידישער אמונה, צו שמדן זיך".

די דערטרונקענע אויף קידוש-השם.

מ. י. מארגאלין דערציילט פאלגנדע פאלקס-לעגענדע:

ווען מ'האט ניקאליי דעם 1-טן אפגעווארט אין קאזאן אויף א מיליטער-פאראד, האט די מיליטער-נאטשאלסטווע פארטאפלט איר פלייס ביים נויטן די יידישע רעקרוטן אנצונעמען דאס קריסטנטום. אלע באמיאונגען זענען געבליבן אומזיסט. דעמאלט האט זיך די מיליטער-מאכט געכאפט פאר א ריזיקאליש מיטל. נאך ניקאלייס אנקומען אין שטאט האט מען ארויסגעפירט עטלעכע הונדערט יידישע קאנטאניסטן צו דער וואלגע, ווו די גאנצע גייסטלעכקייט אין פולער באקליידונג האט אפגעווארט דעם צאר. אלץ איז געווען צוגעגרייט צום דורכפירן ביים צארס אנקומען די טויף-צערעמאניע. די אומגליקלעכע קדושים זענען געשטאנען באוועגונגסלאז.

עס איז צוגעפארן דער צאר. נאך דער געוויינלעכער באגריסונג און נאכן אפנעמען דעם ראפארט האט ער געהייסן די קינדער אריינגיין אין טייך און אפטובלען זיך צום שמד. „מיר הערן" — האבן אפגעענטפערט אין איין קול אלע יידישע קינדער. זיי זענען אלע צוזאמען לעבעדיק און פלינק אריינגעשפרונגען אין טייך. ניקאליי איז געווען פארוואונדערט פון אזא פלייס ביים אויספירן זיין באפעל. וואס איז אבער געשען? דאס וואסער האט צו-

געדעקט די קאַנטאָניסטן. איבער זיי זענען געלאָפֿן בלאָזן און רעדער: די אומגליקלעכע האָבן זיך אַליין מיטן אייגענעם ווילן דערטרונקען.

ניקאָליי, דערציילט די לעגענדע, האָט זיך פֿון שרעק געכאַפּט פֿאַרן קאָפּ און אָנגעהויבן צו רייסן די האָר: אויך ביים שרעקלעכן צאַר האָט אַ ציטער געטאָן דאָס האַרץ.

די אויסגעמאַטערטע קינדער האָבן זיך געהאַט, ווייזט אויס, אָפּגערעדט צו שטאַרבן אויף קדוש-השם אין צאַרס אָנזעענהייט. — — —

די ציטירטע פֿאָלקס-לעגענדע האָט ווי יעדע לעגענדע, אַ געוויס קערנדל פֿון אַ היסטאָרישן אמת. אין דער דייטשיש-יידישער „אַלגעמיינער צייטונג דעס יודענטומס" פֿונם יאָר 1845 ווערט דערציילט פֿאָלגנדער פֿאַקט: אַ געוויסער פֿאָלקאָווניק האָט זיך דערלויבט אויף אַ בייזן שפּאַס. ער האָט געהייסן אַרייניאָגן 800 יידישע קאַנטאָניסטן אונטערן קלאַנג פֿון טראָמפּייטן און פּויקן אין וואַסער צום טויפֿן. צוויי פֿון די קאַנטאָניסטן האָבן בעסער געוואָלט שטאַרבן אויפֿן אָרט, איידער טויפֿן זיך. זיי האָבן זיך אַליין דערטרונקען.

די דאָזיקע נאָטיץ האָט באַאיינפֿלוסט דעם דייטשישן פּאָעט לודוויק ווייל אָנצושרייבן אַ ליד מ. נ. „די ביידע מאַטראָזן", וואָס איז געוואָרן אָפּגעדרוקט אינם יאָר 1847 אינם זשורנאַל: „Westöstliche Schwalben".

מיר ברענגען דאָ דאָס אינטערעסאַנטע געדיכט אין אָריגינאַל און אין פֿולן טעקסט:

Die beiden Matrosen

In Odessa, in Odessa, an des schwarzen Meeres Gestade,
Stand der Kaiser aller Russen auf der hohen Balustrade,
Sah, so weit sein Auge reichte, wie die stolzen Kriegsfregatten
Im Manevör ihm zu Ehren Posto auf's Kommando hatten.
    Sah die Schiffe kühn wie Adler feindlich aufeinander fliegen.
    Sah wie diese mutig stiegen, sah wie jene unterliegen.

Welch ein Schauspiel, gross und prächtig für das Aug des Autokraten!
Ha, wie wächst auf seinen Beifall stets der Eifer der Soldaten.

Doch vor allem sieht er staunend zwei Matrosen zusammen
Heldenmuthig sich bekämpfen wie zwei grosse Wetterflammen.
Beifall winkt des Kaisers Gnade und er grüsst sie froher Miene,
Nennt belobend laut die Beiden — Offiziere der Marine.

Diese, sich in Ehrfurcht beugend, treten in die Vorderreihe.
Doch der Admiral erschroken ruft: „Czar, o Czar, verzeihe!
Weisst Du, Herr, denn nicht, dass beide dem verhassten Stamm entsprossen,
Der das Blut des Weltheilandes, Jesu, unseres Herrn vergossen?

„Juden Sie?" versetzt der Kaiser, — „gut! des Czaren Wort bleibt stehen,
Doch sie müssen Christen werden und zur Kirche übergehen".
Ach, in ihres Glückes Blüte ist zu schnell der Sturm gefahren:
Eine Gnade zu erbitten wagen zitternd sie vom Czaren:

„Lass uns, Herr und Kaiser, würdig deiner Huld uns Beide zeigen,
Lass uns Beide in die Tiefe in das Meer hinuntersteigen,
Dass wir, todesmuthige Taucher, deinen Beifall auch erringen.
Dir zu Ehren, wird das Höchste, Herr und Kaiser, uns gelingen"!

„Bravo! bravo!", rief der Kaiser, „hätte ich solcher Juden viele,
Wär' ich längst mit euch Tscherkessen, ihr Rebellen, schon am Ziele,
Und der Osten, wie der Westen, wäre längst mir zugefallen,
Und der Ruhm von meinen Siegen würd in China widerhallen".

So der Kaiser. Siehe, wie die Augen aller sich auf die Matrosen lenken.
Die, wie Brüder sich umarmend, keck sich in die Fluthen senken.
Siehe, wie sie untertauchen, die todesmuthig kühnen Schwimmer;
Höre, sie Jehova preisend untersinken dann für immer. —

In Odessa, in Odessa, auf unheimlich schwarzem Meere
Starben die Juden Beide in ihrem Glauben, ihrer Ehre.

„אינם יאָר 1845. דערציילט א געוועזענער קאַנטאָניסט, זענען פון אונזער באַטאַליאָן געבליבן לעבן נאָר צוויי: איך און נאָך איינער. דריי האָבן זיך געשחטן. צוויי דערשטיקט. עטלעכע — דערטרונקען.

מ׳פלעגט אונז אָנקאָרמען מיט סאָלאָנגע (קליינע געזאַלצענע פישלעך). דאַן אַרייַנלאָזן אין באָד, אָנמאַכן דאָרט א גרויסע היץ — און מאַסער אויף קיין רפואה.

— נו, זשידעס, וועט איר זיך שמדן אָדער נישט? —

פאַרשטייט זיך, קינדער קלייניקע. באַלד מעלדעט איינער זיין הסכמה. מיר האָט אויך פאַרפעלט אויסהאַלטונגס־כוח. נו, האָב איך זיך אָפּגעשמדט".

(דערציילט פון אן אַרכאַנגעלסקער קאַנטאָניסט אינם יאָר 1886 אין צאַרסקאָיע סעלאָ).

מיכל דעם ליכטמאַכערס מוסר־דרשה.

„איך געדענק נאָך פון די קינדער־יאָרן, דערציילט דער דערמאָנטער רב ביילין, די מוסר־געשפּרעכן פון אונזער קלויז־באַזוכער, מיכל דער ליכט־מאַכער, וועגן די קאַנטאָניסטן.

— הערט ברידער, פלעגט אויסשרייען מיכל דער ליכטמאַכער אין אַ מינוט פון שטאַרקן איבערלעבן די זכרונות פון אַמאָליקע יאָרן, חער עס האָט נישט געזעען, ווי מ׳האָט איינמאָל געיאָגט אַ פּאַרטיע יידישע קאַנטאָניסטן אין אַ צאָל פון 400, האָט נישט געזעען גאָטס ליכט!

אָט גייען זיי, די קליינינקע, דאַרינקע, אין לאַנגע סאָלדאַטישע שינעלן, וואָס האָבן זיך געפּלאָנטערט אַן אָרשין אונטער די פיס, און אין די טיפע, ביז איבער די אויגן אַראָפּגערוקטע היטלען.

די עלטסטע באַגלייטנדע סאָלדאַטן יאָגן זיי אונטער מיט קלעפּ און שטורכאַצן. געוועזן איז עס פרייטיק פאַר ליכטבענטשן. דער עולם באַגיסט זיך מיט הייסע טרערן, קלאָגט אויפן קול ווי אויפן חורבן בית־המקדש. אַ טויטער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון קבר. דער רב גייט אַרויס אונטער די שטאָט, שטעלט זיך אַרויף אויף אַ טיש און הייבט אָן צו טרייסטן די קינדער און איבערצוצייגן, אַז זיי זאָלן בלייבן יידן ביי אַלע פאַרשטייענדע ליידן. אַלע זיפצן און וויינען.

— געוואַלט, רייסט זיך אַרויס פון מיכל דעם ליכטמאַכער אַ ביטערער געשריי, פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אונזערע יידן אַזוי פיל אכזריות, מ׳זאָל אַוועקגעבן די קליינע עופעלעך אויף אַוועקציאָגן זיי אַלס סאָלדאַטן אין די ווייטסטע ווינקעלעך פון רוסלאַנד! נישט בחנם ליידן יידן איצט אַזוי פיל, נישט געשטראָפט זאָל מען ווערן פאַר די רייד. גאָט זאָל עס מיר מוחל זיין! מ׳טאָר אַזוי נישט רעדן. אָבער עס איז פאַקט אַזוי. גאָט שטראָפט אונז איצט פאַר אונזערע אַמאָליקע זינד.

— וואָס מיינט איר? מיקאַלייקע איז געווען זייער קלוג. ער האָט געזאָגט צו די יידן: „איר האָט אַלעמען געקלינגען אין די אויערן, אַז איר זענט אַ באַרמהאַרציק פאָלק, רחמנים בני רחמנים. גוט, נאָט. וועל איך אייך זעהן, ווי אַזוי איר זענט גוט און באַרמהאַרציק. איר

אַליין וועט מיר אָפּגעבן אײַערע קליינינקע קינדערלעך". און ער איז אויפגעשטאַנען און אַרויסגעגעבן זײַן שרעקלעכן באַפעל און וואָס מיינט איר? איז דען נישט געווען אַזוי, ווי ער האָט געזאָגט? —

אַלע אַרום מיכלען זיפצן אָפּ שווער. אויך מיכל אַליין זיפצט. מ׳לאָזט אַראָפּ די קעפּ, פאַרזונקען אין ביטערע דערינערונגען פון דער שרעקלעכער פאַרגאַנגענהייט".

דאָס מעשהלע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קריטישער באַציאונג פונם פּשוטן פאָלקס-מענטש צו דער קינדער-כאַפּערײַ: דאָס פאָלק ווערט פאַר די דאָזיקע מעשים שווער געשטראָפט...

ו.

אַנסקיס פאָלקס-מעשהלעך וועגן די קאַנטאָניסטן.

אין ש. אַנסקיס געבליבענע כתבֿ-ידן, וואָס געפינען זיך אינם אַרכיוו פונם „יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט" („ייוואָ") אין ווילנע, איז פאַראַן אויך אַביסל מאַטעריאַל, וואָס האָט אַ שייכות צו דער קאַנטאָניסטן-תּקופֿה. אַנסקי האָט, ווײַזט אויס, זיך פאַראינטערעסירט מיט דער דאָזיקער עפּאָכע און ער האָט אויפגעצייכנט פאַרשיידענע מעשהלעך און עפּיזאָדן, געהערטע פון געוועזענע אַלטע קאַנטאָניסטן.

אַנסקי האָט די מעשהלעך געהערט און גלײַכצײַטיק פאַרשריבן. זיי געהערן דעריבער סיי אין אינהאַלט, סיי אין פאָרם און סטיל צו די דערציילער. אין דער אמתן: „מפּי-העם".

די דאָזיקע מעשהלעך האָבן אַ גרויסן פאָלקלאָרישן ווערט. צוליב זייער וויכטיקן אינהאַלט ברענגען מיר דאָ עטלעכע פון זיי (פאַרעפנטלעכט דאָ צום ערשטן מאָל).

I.

ווי אזוי מ׳פלעגט מוטשען און נייטן די קאנטאָניסטן צום
שמדן זיך און קאָנסטאנטין ניקאָלאַיעוויטש האָט אויף זיי
רחמנות געהאָט *).

איך בין אליין א קרעמעניצער. נאָר בשעת עס האָט זיך אָנגעהויבן די פוימאַניס (כאפערײ), האָט מיך מיין טאַטע אוועקגעשיקט קיין אָסטראָ צו מיינעם א פעטער, וועלכער איז געווען א גביר און א אדם חשוב, ר׳ ישראל הירש אָקרענט. ער האָט געמיינט, אז דאָרט וועט מען מיך נישט כאַפן. האָט מען דאָרט אָפגעגעבן א גבירס א קינד. האָט מען געזוכט אן אנדערן אויף זיין אָרט. איינמאָל, פרייטיק צו נאכטס, בשעת איך בין שוין געלעגן אויפן געלעגער, איז אריין דער לאָווטשיק (כאפער), מ׳האָט מיך נעכאַפט, ארויפגעוואָרפן אויף מיר קייטן און מיט א בערעטע אוועקגעפירט קיין לוצק. דאָרטן האָט מען מיך אָפגעגעבן און אוועקגעפירט קיין סימבירסק. איך בין שוין דאַמאָלס אַלט געווען 14 יאָר. דאָס איז געווען אינם יאָר 1856. אזוי ווי מיר זענען אָנגעקומען אַהין — האָט מען אונז צושטעלט „פאָ קוואַרטיראַם“, ביי קאַצאַפעס. און דערנאָך אין קאַזאַרמעס גענומען. און מ׳האָט אָנגעהויבן צו רעדן מיט אונז, מיר זאָלן זיך שמדן. צווישן אונז זענען געווען קינדער פון 8 יאָר, פון 12 און פון 18. וואָס מ׳האָט זיי אָפגעגעבן פאַר 12-יאָריקע. האָט קיינער נישט געוואָלט. האָט מען נעגעבן א שיט אויס איבער דער קאַזאַרמע שאָלן פון ניס און רעטשקע און מ׳האָט אונז געהייסן פאַרקאַטשן די הויזן און זיך שטעלן אויף די קני אויף די רעטשקע-לופיאַנקעס. די קליינוואַרג, דער שכל איז ביי זיי געווען קליין, האָט זיך אויסגעהויבן און געוויינט פאַר נאַטשאַלסטוואָ. האָבן זיי געפרעגט: „בודעש קרעסטיטסיא ז“ (וועסט זיך שמדן ?) האָבן זיי געזאָגט: — יאָ. — האָט מען זיי תיכף געפירט אין קלויסטער אריין און אָפגעשמדט. מיר עלטערע, זענען מיר געהען ביז 40 מאָן. זענען מיר געשטאַנען, געוויינט שטילערהייט און אויסגעהאַלטן. האָט מען אונז נאָך צוויי דריי שעה געהייסן זיך אויפהייבן און אָפגעלאָזט.

עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ וואָך, האָט מען אויסגעהייצט די באָד און

---

*) די אָרטאָגראַפיע אין די מעשהלעך איז געענדערט אויף דער נייער.

מ׳האט אונז, 40 מאן, אריינגעלאזט און אונז געהייסן ארויפגיין אויף די אויבערשטע באנק און זיי האבן געגאסן וואסער אויף די שטיינער און מיר זענען געזעסן און שיער נישט דערשטיקט געווארן.

האבן זיי ווייטער אנגעהויבן צו פרעגן: „קסא זשעלאיעס קרעסטיטסיא״ ? (ווער וויל זיך שמדן ?).

האבן מיר זיך אלע צונויפגערעדט, אז דערדישעט זאלן מיר ווערן און נישט בייטן דאס רענדל. זיי האבן געזען, אז זיי וועלן מיט אונז גארנישט מאכן, האבן זיי אויפגעהערט שוין אונז אנטון געברענטע ליידן.

דער פאלקאווניק אונזערער איז געווען א דייטש, רומעל. איז ער געווען א גרויסער רשע און כלב. האט ער געהייסן, אז מיט אונז, נישט-געשמדטע יידן, זאל מען באזונדער מושטירן און די דיאדקעס זאלן האלטן טרוטיעס (ריטער) און, אויב איינער וועט נישט וויסן, זאל מען אים פאסעווען מיט די פרוטיעס. מיר זענען געגאנגען אנגעטון אין דינע פאווסינענע לייבעלעך און, אז מ׳פלעגט אונז געבן א שמיר מיט פרוטיעס, פלעגן די ביינער אזש טרעסקעטשען!

צווישן אונז איז געווען איינער א ליטוואק פון א יאר 18, זשילינסקי. ער האט געקענט לערנען א סאך און א קלוגער. פלעגט מען אים שלאגן מער ווי אלע. מ׳האט געוואלט, אז ער זאל זיך שמדן. ווען אלע שוין נאכטון.

נאך דעם ווי ניקאליי האט ארויסגעגעבן, אז יידן דארף מען אפלאזן אויף דריי טעג אין יאר, צוויי טעג ראש - השנה און איין טאג יום-כפור, האט זיך ביי אונז איינמאל בעטראפן דאס ראזיקע. היינט איז עס נאך פאר מיר גלייך, ווי עס איז נעכטן געווען.

עס איז געווען אים יום-כפור. מיר האבן אפגעדוונגען ביי א קאצאפ א חדר און מיר האבן גענומען ביי די אסטסאוונע סאלראטן, וואס האבן זיך באזעצט אין סימבירסק, א ספר-תורה און מיר האבן געמאכט א מנין. און זשילינסקי האט אונז געדאווענט און געלייענט.

בייטאג פאר מוסף, בשעת די ספר-תורה איז נאך געלעגן אויפן טיש, קומט אריין אונזער פעלדפעבל, א משומד, און זאגט אונז, אז מ׳טרעבעוועט אונז אויף א סמאטר. האבן מיר געזאגט, אז מיר וועלן נישט גיין. דער קייסר האט אונז אפגעלאזן אויף היינטיקן טאג, איז ער אוועקגעגאנגען און דאס איבערגעגעבן אונזערן פאלקאווניק. האט זיך יענער אנגעטון אין פאלנער פארם און געקומען צו אונז צו גיין און געזאגט: „וואס, איר בונטעוועט זיך ד-

איך וועל אייך אַלע געבן ראַזגעס, אויב איר וועט באַלד נישט גיין. און דיר, זשילינסקי, האָט ער זיך געווענדעט צו אים, וועל איך ווייזן, ווי אַזוי בונטעווען זיך״.

וואָס זאָל מען טון? האָבן מיר איבערגעלאָזן די ספר־תורה אויפן טיש און אַוועקגעגאַנגען. האָט מען דעמאָלט געמאַכט אַ סמאָטר ביים פּאַלקאָווניק אויפן הויף. איז געשטאַנען דער גאַנצער באַטאַליאָן און געמושטירט אין דריי שרענגעס. מ׳האָט אָפּגעמושטירט, רופט זיך אָפּ דער פּאַלקאָווניק: „זשילינסקי, ווּפּעריאָד״ (פאָרויס)! איז זשילינסקי אַרויסגעגאַנגען. רופט ער זיך אָפּ: „איך בונטעווע נישט. דעם טאָג האָט אונז דער קיסר פּאָזוואָליעט צו דאַווענען״.

האָט דער פּאַלקאָווניק אַ געשריי געטון: „ראָזגי, סקאַמיעקאַ״ (ריטער און אַ בענקל). ווארום אויף אַ בענקל שטייען די שמיץ בעסער צו. מ׳האָט אים אַנידערגעלייגט בשעת דער גאַנצער באַטאַליאָן איז געשטאַנען. און צוויי רוסישע קאַנטאָניסטן זענען אַרויסגעגאַנגען און דער פּאַלקאָווניק האָט אים געהייסן געבן 100 שמיץ. דאָס בלוט האָט געשפּריצט און מיר האָבן דאָס געמוזט אַליין זען. בשעת מ׳האָט אים אָפּגעגעבן די שמיץ, האָט ער שוין נישט געקאָנט אויפשטיין. האָט מען געבראַכט אַ ליילעך און מ׳האָט אים אַוועקגעטראָגן אין באָלניצע (שפּיטאָל) און דאָרטן האָט מען אים אַרויסגענומען די שטעכעלקעס. דערנאָך, נאָך דעם „סמאָטר״, האָט מען אונז אָפּגעלאָזט אַ היים דאַווענען. עס איז שוין געווען שפּעט. מיר זענען געקומען שוין צו מעריב. מיר האָבן זיך געשטעלט דאַווענען מעריב און עס איז געווען אַזאַ געוויין, אַז מ׳האָט נישט געקאָנט דאַווענען. עס האָט געדויערט דער מעריב אפשר צוויי שעה און מיר האָבן זיך געטראַכט: רבונו של עולם! העלף אונז, אַז מיר זאָלן פּטור ווערן פון דעם פּאַלקאָווניק, און נישט האָבן מער מורא, אַז מיר וועלן דאָס נישט אויסהאַלטן. און גאָט האָט אונז טאַקי געהאָלפן. דאָס האָבן מיר טאַקי באַלד געזען.

אַ קורצע צייט נאָך דעם איז אָנגעקומען צו אונז אויף אַ סמאָטר קאַנסטאַנטין ניקאָלאַיעוויטש. האָט מען אונז אַלע צונויפגענומען אין אַ קאַזאַרמע אַריין. נאָך דעם אַז ער האָט אונז באַטראַכט, רופט ער זיך אָן: „ווער האָט עפּעס אַ פּרעטענזיע אויף דעם ראָטנעם אָדער אויף דעם פּאַלקאָווניק?״ איז אַרויסגעגאַנגען זשילינסקי און געזאָגט: „וואַשע אימפּעראַטאָרסקאָיע וועליטשעסטוואָ (אייער קייזערלעכע הויכקייט)! איך האָב אַ פּרעטענזיע אויפן פּאַלקאָווניק״ און דער פּאַלקאָווניק אונזערער, אַן אַלטער מאַן ווי ער שטייט מיר

איצט פאַר די אויגן, שטייט מיט דער האַנט „פּאַד קאַזיריאַק" (סאַלוטירנדיק מיט דער האַנט אויפן ראַנד פון היטל) און די האַנט ציטערט אים. און זשילינסקי דערציילט קאָנסטאַנטינען די גאַנצע מעשה. פרעגט אים קאָנסטאַנטין: „האָסטו אויף דעם לייב סימנים?" זאָגט ער: — יאָ — זאָגט ער אים: „אויסטון זיך". האָט ער זיך אויסגעטון. איז נאָך דאָס גאַנצע לייב געווען צעקיילט און אויסגעריסן שטיקער פלייש. האָט ער, קאָנסטאַנטין, געגעבן — דאָס האָב איך אליין געזען — א ציטער.

„נו, פרעגט נאָך אַמאָל קאָנסטאַנטין, ווער האָט נאָך פּרעטענזיעס?" גייען אַרויס צוויי געשמדטע יידן, שיינע צוויי קינדער, קייזערלעכע, און האָבן אָנגעהויבן צו וויינען, אַז מ'האָט זיי גענויט צו שמדן זיך, אַז מ'האָט זיי געשלאָגן און געממיתט. „אויסטון זיך" — רופט זיך אָן קאָנסטאַנטין צו איינעם פון זיי — „וועלן מיר זען, צי דו האָסט נאָך סימנים". האָט ער גענומען און זיך אויסגעטון. און אַלע, מיטן פּאַלקאָווניק, שטייען און ציטערן. איז ביי אים אויך געווען דאָס לייב פול מיט וווּנדן. „גענוג" — רופט זיך אָן קאָנסטאַנטין ניקאָלאַיעוויטש און ער ווענדעט זיך צום פּאַלקאָווניק און זאָגט: „דאָס זענען דאָך קינדער. קליינע קינדער טאָר מען נישט שלאָגן. מ'האָט זיי גענומען צו בילדן און נישט צו שלאָגן. אויב מ'עסט פלייש קאָן מען דען פילן א טעם פון פיש? אויב מ'וועט זיי שלאָגן, וועלן זיי קיינמאָל נישט זיין קיין גוטע קריסטן". און איז צוגעגאַנגען צום פּאַלקאָווניק און אים אָפּגעקנעפּלט די עפּאָלעטן און אַראָפּגענומען פון אים די קאַוואַלעריע און די קרייצן און זיי אָפּגעגעבן דעם קאַזנאַטשיי און געזאָגט: „נו, דאָס וועסטו אויפהענגען אין סאָבאָר אונטער די אָבראַזן (הייליקע בילדער). גיב אָן אין אָטסאַווקע, זאָגט ער צום פּאָלקאָווניק, דו דאַרפסט קיין פּאָלקאָווניק נישט זיין. און צום מאַיאָר: דו וועסט זיין פּאָלקאָווניק אויף זיין אָרט. נאָר דו זאָלסט נישט טון אַזוי ווי ער".

מיר זענען אַלע געשטאַנען און אָפּגענומען די נקמה. פון דעמאָלט אָן האָט מען אונז מער נישט געשלאָגן.

(אַנסקיס באַמערקונג: שמעתי מרב יוסי אוקרענט,
75 יאָר אַלט. קרעמעניץ).

II

זכרונות פון אַ קאַנטאָניסט.

(אשר קיסיל, קאָרעץ)

געווען איז דאָס אין אַ רעגן־טאָג. איינמאָל איז דער עטאַפּ פון די קליינע קינדער, וואָס מ׳האָט זיי געפאַנגען און אָפּגעריסן פון די מוטערס הענט און אוועקגעפירט חייט פון דער היים אָפּצוגעבן פאַר פאַסטוכער צו די פויערן אין די דערפער, ביז זיי וועלן אונטערוואַקסן און נאָך דעם גיין דינען אויף 25 יאָר, ווי אין ניקאָלייס צייטן פלעגט מען זיך נוהג זיין. — איינמאָל איז דער עטאַפּ דורכגעגאַנגען דורך קאָרעץ און זיך געשטעלט אויף אַ טאָג אָפּרוען, דען די קינדער האָבן זיך שוין מער נישט געקאָנט האַלטן אויף די פיס. אַלע זענען זיי געווען נאַס פון די רעגנס און איבערגעפרוירן. צוויי אַלטע סאָלדאַטן מיט אַ דרייסיק קינדער זענען אַריין צו דעם ייִדן אין שטוב און זיך צעלייגט. נישט קוקנדיק אויפן פּראָטעסט פון די באַלעבאַטים, אַז פאַר זייערטוועגן אַליין איז אויך קליין די דירה און עס איז דאָ אין דער נאַנס גרעסערע הייזער, וווּ זיי קענען באַקוועמער האָבן. זיי האָבן זיך צעלייגט, ווער אויף אַ טיש, ווער אויף אַ קאַנאַפּע און די איבעריקע אויף דער ערד. די אַלטע סאָלדאַטן האָבן אויסגעטרונקען די פלעשלעך בראַנפן, אויפגעגעסן וואָס מ׳האָט געפונען ביים באַלעבאַס אין שאַפע און זיך גאַנץ ברייטלעך אויסגעלייגט אויף די בעטן שלאָפן. דער באַלעבאַס מיטן חייב און קינדער האָבן געמוזט זיך לייגן אין אַ פרעמד הויז.

פאַרטאָג, ווען די סאָלדאַטן האָבן אויפגעוואַכט און האָבן גענומען מאַכן אַ „פּאָוויערקע“, צו אַלע קינדער זענען דאָ, האָט מען געזען, אַז עס פעלט איינער פון זיי. די סאָלדאַטן האָבן אָנגעהויבן פרעגן ביי די קינדער, צו זיי ווייסן עפּעס, נאָר זיי האָבן געענטפערט, אַז ניין. די נאַסע מלבושים פונם יינגעלע זענען געלעגן, און ער אַליין איז נישט געווען. די סאָלדאַטן האָבן זיך גענומען צום באַלעבאַס און גענומען סטראַשען, ער זאָל זיי אָפּגעבן דאָס יינגל, נאָר עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. זיי האָבן איבערגעזוכט די גאַנצע שטוב, דעם בוידעם, די דערבייאיקע הייזער און גאָרנישט געפונען. פאַרנאַכט זענען די סאָלדאַטן מיטן עטאַפּ ווייטער אַוועק.

ווען דער באַלעבאָס מיט דער פאַמיליע האָבן זיך צוריק אַריינגעצויגן אין הויז, האָבן זיי אויך אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם פאַרשווונדענעם ייִנגל. ווו קאָן ער זיין? דאָן האָט דער עלטערער זון פונם באַלעבאָס געזאָגט, אפשר איז ער אין דער ריבע (קוימען)? מ׳האָט גלייך געעפנט די ריבע (די אַמאָליקע אויוונס זענען געווען זייער גרויסע און ברייטע) און אין אַ ווינקל האָט מען געזעען שטיין דאָס ייִנגעלע. מ׳האָט אים אַרויסגענומען און ער האָט דערציילט, וויאַזוי מ׳האָט אים צוגענומען. כאָטש ער איז אַן איינציקער ביי דער מוטער. קיין פאָטער האָט ער נישט. די מאַמע איז אים נאָכגעפאָרן עטלעכע שטעט און אים געוואָלט אַרויסגנבענען, נאָר עס איז איר נישט געלונגען. איצט האָט ער זיך אַליין גערעטעט.

דער באַלעבאָס האָט געמאַכט עטלעכע קערבלעך און מ׳האָט דאָס קינד אָפּגעשיקט צו זיין מוטער.

III.

וויאַזוי מ׳האָט באַוואָרנט קינדער פאַר די כאַפּערס?

אין לעטיטשעוו זענען אַמאָל אָנגעקומען כאַפּערס און האָבן געכאַפּט אַ קליין ייִנגל, צו ווייסט ער נישט, ווו עס וווינט דער און דער (איינער פון די שטאָט-לייט). דאָס ייִנגל האָט געענטפערט, אַז ער ווייסט און, אויב זיי ווילן, וועט ער מיט זיי זיך אויפזעצן אויף דער פור און וועט זיי ווייזן, ווו ער וווינט. די כאַפּערס האָבן זיך זייער דערפרייט און האָבן אים אַרויפגענומען צו זיך. אויף דעם וועג האָט זיי דערזעען איינער און שרייט צו זיי: — פירט אים! ער קאָן אייך שוין קיין פייג נישט שטעלן! (דאָס הייסט, מ׳האָט אים שוין אַראָפּגענומען אַ פינגער).

ווען די כאַפּערס האָבן דאָס דערהערט, האָבן זיי אים אַראָפּגעוואָרפן פון דער פור.

(ברוך רויטמאַן

IV.

אַ קאנטאָניסט — א למד־וו־ניקס א קינד...

(קרעמעניץ 1913 .VI 10)

מיט אונז אינאיינעם אין סימבירסק האָט געדינט אַ ל״ו־ניקס אַ קינד. דעם נאָמען זיינעם האָב איך שוין פארגעסן, נאָר די פאַמיליע זיינע איז געווען שירמאַן. דעם שירמאַנען האָט מען געכאַפּט לעבן אַ מיל און מ׳האָט אים אָפּגעגעבן. ווער דער טאַטע זיינער איז און פון וואַנען ער קומט אַרויס — פלעגט ער קיינמאָל נישט וועלן דערציילן. ער פלעגט זיך כסדר ארויסגנבענען און אנטלויפן אין שול אַריין פון די אָטסטאַוונע סאַלדאַטן אין סימבירסק אזן תמיד דאַוונען און לערנען. ער איז געווען אַלט אַ יאָר 12: אַ קליינינקער, א דאַרינקער מיט אַ פּאָר ברענענדיקע אויגן, מיט זייער אַן איידל געזיכט.

בשעת דער אוטשעניע (לערע) פלעגט מען אים תמיד זוכן און אים געפינען אין שול. איינמאָל, געדענק איך, האָט געדאַרפט קומען צו אונז דער גענעראַל פון דער בריגאַדע. ער האָט געהייסן אַנדריי. האָט מען זיך גערעכנט פריער אויף אים און מ׳האָט ארויסגעגעבן פון דעם טשעכהאַוז נייע מלבושים. אין דעם טאָג פון זיין קומען איז מען אלע ארויסגעגאַנגען פון דער שטאָט אויף אַ גרויסן פלאַץ און מ׳האָט זיך אַלע אויסגעשטעלט. דער פאַלקאָווניק אונזערער רומעל איז געגאַנגען און איבערגעקוקט אַלע. ער קומט צו צו דעם שירמאַנען, גיט ער אַ קוק! עס איז ביי אים צעריסן א שיך און עס פעלט אים דער נאַבראַשניק. (דעמאָלס פלעגט מען טראָגן אַזעלכע נאַבראַשניקעס אויף דעם לייב). — ווו איז דיין נאַבראַשניק? — פרעגט ער אים. — פּאַטעריאַל (פאַרלוירן) — ענטפערט ער אים. ער הייבט אָן רייסן אויף זיך די הויט. שיקן אין טשעכהאַוז אַריין נאָך א נאַבראַשניק — איז עס געווען זייער חיים.

אַזוי ווי ער שטייט אַזוי לעבן אים — גיט מען אַ געשריי: דער גענעראַל פאָרט. האָט מען אין אים פאַרגעסן. מ׳האָט געגעבן אַ געשריי: — סמירנאָ (אויסגלייכן זיך)! דער גענעראַל איז אָנגעקומען, אָפּגעמושטירט מיט אונז. מיר זענען געגאַנגען אָן ביקסן. און האָט אָנגעהויבן אַרומצוגיין אַלע.

ער איז צוגעקומען צו שירמאַנען. דערזעט ער, ווי ער שטייט אָן אַ נאַבראַשניק. פרעגט ער, ווּ איז זיין נאַבראַשניק. האָט אים שוין דער פאָלקאָווניק דערציילט, אַז ער גייט נישט אויף דער אוטשעניע און אַנטלויפט כסדר אין שול אַריין. רופט זיך אָן דער גענעראַל: „נאָ, נאַדאָ יעוואָ אוטשיט אי ביט״ (מ׳דאַרף אים לערנען און שלאָגן) און איז אַוועקגעפאָרן.

אַזויווי ער איז נאָר אַוועקגעפאָרן, האָט דער פאָלקאָווניק געגעבן אַ געשריי צו אונזער באַטאַליאָן: „סלאַווא נאַ פראַוואָ״ (פון לינקס אויף רעכטס). דער פאָלקאָווניק מיט די אָפיצירן זענען געבליבן שטיין אין מיטן. רופט ער אַרויס שירמאַנען און הייבט אים אָן צו רוגאַיען (זידלען) און געהייסן מ׳זאָל ברענגען ראָזגעס. מ׳האָט געבראַכט ראָזגעס און מ׳האָט אים געהייסן אַנידערלייגן זיך. ער האָט זיך אַזוי לעבעדיק און פריילעך אויסגעטון און זיך אַנידערגעלייגט און מ׳האָט אים אָנגעהויבן צו שמייסן. מ׳גיט אים אָפּ אַ שמיץ 10 און ער ליגט זיך און קיין ריר טוט ער זיך נישט און דאָס לייב איז אַזוי שיין, קיין שום סימן נישט אויף אים. האָט דער פאָלקאָווניק אַ געשריי געטון: „פּאָקריעפּטשע״ (שטאַרקער). האָט מען געגעבן „פּאָקריעפּטשע״. מ׳האָט אים שוין געגעבן אַ 50 שמיץ — קומט צולויפן רייטנדיק אויף אַ פערד דעם פאָלקאָווניקס דענשטשיק און זאָגט: — די באַרינע שרייט אויף גרויסע קולות, זי שרייט, מ׳שלאָגט זי און מ׳זעט נישט קיינעם. — האָט ער געהייסן אויפהערן און איז אַוועק רייטנדיק אַ היים. ער קומט אַריין אין שטוב, ליגט די פרוי זיינע מיט דעם פנים אַראָפּ און שרייט אויף סטראַשנע קולות. — וואָס איז? — פרעגט ער איר. — מ׳האָט מיך צעשלאָגן — זאָגט זי — איך ווייס נישט ווער. מ׳האָט מיך געהאַלטן אין איין שלאָגן. —

בקיצור דאָס גאַנצע לייב איז געווען צעשלאָגן און מ׳האָט זי געמוזט פירן אין באָלניצע אַריין. דעם פאָלקאָווניק איז דאָס אַריין אין נאָז. אויף דער נאַכט האָט ער צונויפגערופן אַלע אָפיצירן און האָט עס זיי דערציילט. רופט זיך אָן דער ראָטנער אונזערער: — איך וועל דיר שוין אויך דערציילן אַ זאַך. איך האָב אים, דעמדאָזיקן שירמאַנען, אויך איינמאָל געשמיסן. האָט עמעצער צעקלאַפּט און צעהרגעט מיין גוטן פריינט. וואָס איך האָב. —

מ׳האָט געשיקט רופן דעם שירמאַנען פון דער שול און מ׳האָט אים געפרעגט, ווער זיין פאָטער איז. האָט ער געזאָגט, אַז זיין פאָטער איז געווען אַ רב און ער איז געשטאָרבן, בשעת ער איז געווען אַ קליין קינד. נוען — האָט ער נישט געוואָלט דערציילן. דער פאָלקאָווניק האָט אים תיכף געגעבן דאָס רעכט צו זיצן און דאַוונען און אין אַ חודש אַרום האָט מען

אים געגעבן א „טשיסטע אססטאווקע" (באפרייט). בשעת ער האט שוין באדארפן אוועקגיין, איז ער אריינגעגאנגען אין שול אריין. האט ער דארט געטראָגן דריי קאנטאניסטלעך דאווענען. האט ער אויפגעעפנט דעם ארון-קודש און עפעס געזאגט. דערנאך האט ער זיך געזעגנט מיט זיי און געזאגט: „גאט זאל העלפן, אז איבער א יאר זאלט איר אויך באפרייט ווערן". און טאקי אזוי געווען. זיי האבן אים געוואלט באגלייטן, נאר ווי ער איז ארויסגעגאנגען פון דעם בית-המדרש, איז ער נישט געבליבן...

(שמעתי מרב יוסי)

ז.

א ביסל ידיעות און סטאטיסטיק.

דער רוסיש-יידישער שרייבער בן-עמי (מרדכי ראבינאוויטש) דערציילט, אז טויזנטער יינגלעך פלעגט מען ביז צו דער חתונה אנטון פרויען-קליידער, כדי מ'זאל נישט דערקענען, אז זיי זענען יינגלעך. אזוי פלעגן זיי גיין געקליידעט ביז 13 יאר, ד. ה. ביז צו דער חתונה.

באגראוו דערציילט, אז ארעמע לייט — בעטלערס — פלעגן א גאנץ יאר קלויבן נדבות, כדי צו האבן דעם סכום אויף אפצוצאלן פאר א גילדע. (סוחרים זענען, ווי באוווסט, פריי געווען פון פערסאנאלן מיליטער-דינסט). באגראוו דערציילט אויך, אז יידישע מאמעס פלעגן מיט די אייגענע הענט מאכן זייערע קינדער פאר קאליקעס (דאס זעלבע אויך אין אנסקיס מעסהלע נומער 3).

דער ווילנער קהל האט זיך אינם יאר 1833 געווענדעט מיט א בקשה קיין פעטערבורג, אז מ'זאל אנווענדן צו יידן דאס אלגעמיינע געזעץ וועגן מיליטער-דיענסט און מ'זאל נישט נעמען קיין קינדער-רעקרוטן, נאר עלטערע פון 20 ביז 35 יאר, אזוי ווי ביי קריסטן. דער גאסידארסטווענני סאוויעט האט זיך ארויסגעזאגט אין זיין מערהייט פאר דער דערפילונג פון דער יידישער בקשה. ניקאליי אבער, וועלכער האט דערביי געהאט זיינע שמד-כוונות, האט אונטערשריבן פאלגנדע רעזאלוציע: — אלץ זאל בלייבן ווי געווען.

אינם ווינטער פון יאר 1834—35 האט זיך פארשפרייט אין תחום א קלאנג, אז עס וועט ארויסגעגעבן ווערן א גזרה אויף פריע חתונות, דערפאר אבער וועלן די צו יענער צייט שוין באווייבטע פריי זיין פון רעקרוטשינע. עס האט זיך דאן אנגעהויבן די עפידעמיע פון פריע חתונות, באקאנט אויך פון דער ליטעראטור אונטערן נאמען: „די בהלה". מ'האט חתונה געמאכט 6-

7 און 8-יעריקע קינדער. פארשטייט זיך, אז פאר דער רעקרוטשינע האט די „בהלה"-עפידעמיע קיינעם נישט באשיצט. זי האט נאר פארמערט אין די טויזנטער די צאל פון די קינסטלעך-צונויפגעשטעלטע זיווגים, וועלכע זענען שפעטער געווארן פאראומגליקט, בשעת מ׳האט די יינגלעך געכאפט פאר רעקרוטן.

די „חתונות-בהלה" שילדערט מענדעלע מוכר ספרים אין זיין „שלמה רב חיימס", פרץ סמאלענסקי — אין „התועה בדרכי החיים", באגראוו — אין „זאפיסקי יעווריא" און אייזיק מאיר דיק — אין זיין העברעאישער דערציילונג: „זפרונה".

אויף דער פראגע, וויפל קינדער האט מען אפגעגעבן פאר קאנטאניסטן, רעקרוטן, איז שווער צו געבן אן ענטפער. עס פעלט ליידער א פולע סטאטיסטיק פון די גאנצע 29 יאר, וואס די גזרה האט אנגעהאלטן. מיר האבן נאר ציפערן פון 12 יאר און אויך די דאזיקע קאנען נישט באטראכט ווערן פאר אויסשעפנדע און אומבאדינגט ריכטיקע. פארשידענע אומפינקטלעכקייטן האבן געקאנט געמאכט ווערן אי מצד קהל, אי מצד דעם רוסישן באאמטנטום. מינדעריעריקע האבן געקאנט פארשריבן ווערן פאר פולייעריקע. אויך קאן זיין, אז די ציפערן זענען נישט קיין פולע, ד. ה. אומפאסן נישט דעם גאנצן יידישן כלל פון רוסלאנד.

די סטאטיסטישע ציפערן פאר די 12 יאר, וואס איך האב געפונען, שטעלן זיך פאר אזוי:

אין	יאר			גענומען יידישע קינדער-רעקרוטן		
אין	יאר	1833	גענומען יידישע קינדער-רעקרוטן		640	
„	„	1843	„	„ „	1490	2/3 פון דער גאנצער צאל יידישע רעקרוטן.
„	„	1844	„	„ „	1428	
„	„	1846	„	„ „	1332	
„	„	1847	„	„ „	527	
„	„	1848	„	„ „	2265	
„	„	1849	„	„ „	2612	
„	„	1850	„	„ „	2445	
„	„	1851	„	„ „	3674	ביי דעמדאזיקן נאבאר האט מען גענומען דערוואקסענע בלויז 1306.
„	„	1852	„	„ „	2351	
„	„	1853	„	„ „	3904	
„	„	1854	„	„ „	3611	

סך-הכל פאר 12 יאר צוגענומען יידישע רעקרוטן-קינדער 26.279 אדער דורכשניטלעך צו 2190 קינדער א יאר.

אויפן סמך פון דער דאזיקער טאבעלע װאלט מען געקאנט אננעמען, אז די אלגעמיינע צאל יידישע קינדער-רעקרוטן פאר די גאנצע 29 יאר האט באטראפן בערך א 75.000. דאס איז שוין זייער א ריזיקע צאל, בפרט ווען עס האנדלט זיך וועגן קינדער-קרבנות, אבער מיר האבן נישט די זיכערקייט, אז די דאזיקע צאל איז שוין די מאקסימאלסטע. עס קאן זיין, אז די צאל קינדער-קרבנות איז געווען נאך א גרעסערע. די דערוואקסענע יידן, אויף וועלכע עס איז געלעגן דער מיליטער-חוב, פלעגן זיך צעלויפן פאר די נאבארן, אויסבאהאלטן זיך גאנצע מאנאטן אין וועלדער, אנטלויפן קיין אויסלאנד א.א.וו.

אין די ערשטע יארן האט זיך א געוויסע צאל יידן פון די ערטער, וועלכע זענען געלעגן בשכנות פון פוילישן קעניגרייך (קאנגרעס-פוילן), אריינגעקריגן קיין פוילן און אזוי ארום געראטעוועט זיך פון דער רעקרוטשינע. (אין פוילן האט מען ביזן יאר 1844 קיין יידן צום מיליטער נישט גענומען). אין װארשעווער רעגירונגס-ארכיוו פון אלטע אקטן געפינען זיך (4) באפעלן פון קאנסטאנטין פאוולאוויטשן צו דער „ראדא אדמיניסטראצינא" (געשריב[illegible] אין דער פראנצויזישער שפראך) וועלכע זאגן עדות, אז אזא איבערוואנדערונג איז טיילווייז פארגעקומען.

דעם 12-טן אקטאבער 1827 באפעלט קאנסטאנטין, מ'זאל נאך א מאל דורכקוקן די רשימות פון די יידן, װאס זענען געבוירן אין פוילן און האבן א רעכט אויף דער פוילישער בירגערשאפט; די געבוירענע אין פוילן און נישט-פארשריבענע זאל מען איצט איינשרייבן, כדי אוממעגלעך צו מאכן פאר די יידן פון דער אימפעריע דאס אויסבאהאלטן זיך אין פוילן. די, װעלכע האבן נישט קיין רעכט אויף דער פוילישער בירגערשאפט, זאל מען תיכף אפשיקן אין די ערטער פון זייער אפשטאמונג.

דעם 7-טן נאוועמבער פון זעלבן יאר אינפארמירט קאנסטאנטין די „ראדא אדמיניסטראצינא", אז א סך יידן פון די שטעט, וואס ליגן ביי דער פוילישער גרענעץ, באקומען ארויס פון דער פוילישער מאכט פאלשע צייגנישן, אז זיי זענען געבוירן אין פוילן, און מיט די דאזיקע צייגנישן גייען זיי אריבער די גרענעץ און באהאלטן זיך אויס פון נאבאר. קאנסטאנטין בעט דורכצופירן אן אויספארשונג, צו באשטראפן די שולדיקע און אוממעגלעך צו מאכן דאס דאזיקע אויף ווייטער.

די דאזיקע באפעלן האבן, װייזט אויס, ווייניק וואס געהאלפן, ווייל

דעם 20-טן נאָוועמבער קומט ווידער אַ שטרענגער באַפעל וועגן זעלבן ענין. קאָנסטאַנטין שרייבט צו מיט דער אייגענער האַנט: „Insuster sur l'execution de ce que j'ai démandé".

אין 10 טעג אַרום, דעם 1/12. קומט פון קאָנסטאַנטינען אַ שטרענגערער באַפעל וועגן זעלבן ענין און דער פּוילישער מיניסטער סאָבאָלעווסקי באַגייט מיט אַ שטאַרקן נאָכדרוק די באַפעלן, וואָס ער האָט שוין געהאַט אַרויסגעגעבן צו דער פּאָליציי, וועגן אויפכאַפּן און צוריקשיקן די פרעמדע יידן קיין רוסלאַנד. דאָס באַווייזט, אַז אַזאַ מין לויפן פון די אַמאָליקע פּוילישע פּראָווינצן אין „קאָנגרעס-פּוילן" איז פאָרגעקומען און, אַז די פּוילישע מאַכט האָט געקוקט אויף דעם דורך די פינגער. נישט קוקנדיק אויף די מערמאָליקע באַפעלן און דערמאָנונגען האָבן אַלע וואַיעוואָדשאַפטן-קאָמיסיעס געכאַפּט און צוריקגעשיקט אויף יענער זייט גרענעץ בערך אַ 20 יידן.

דער וואָלינער גובערנאַטאָר גיט איבער אין זיין באַריכט פונם יאָר 1850, אַז אין דער צייט פון נאָבאָר ווערן אַלע יידן פון די שטעטלעך פאַרשווּנדן. עס בלייבן בלויז קאַליקעס. אַ טייל פון זיי אַנטלויפט קיין אויסלאַנד, די איבעריקע באַהאַלטן זיך אויס אין די שכנותדיקע גובערניעס. די יידן מאַכן זיך אויך פעלערס און קויפן איבער די באַאַמטע און קהל-באַפולמעכטיקטע, וועלכע דאַרפן אויפזוכן די באַהאַלטענע. אין רעזולטאַט פון דעם אַלעם קומט אויס, אַז דער גאַנצער עול פון רעקרוטשינע פאַלט אויס אויף די אָרעמע, קליינצאָליקע פאַמיליעס און אויף די איינאיינציקע זין. און שליסלעך פעלט דאָך אויס צום פאַרפילן די געפאָדערטע צאָל רעקרוטן.

פאָלגנדע טאַבעלע שטעלט פאָר די צאָל פון די זיך אויסבאַהאַלטנדע יידן אין אַ ריי יאָרן:

אינם יאָר		האָבן זיך אויסבאַהאַלטן		מיליטער-פליכטיקע יידן
" "	1833	" " "	355	" " "
" "	1836	" " "	733	" " "
" "	1837	" " "	2075	" " "
" "	1839	" " "	476	" " "
" "	1840	" " "	489	" " "
" "	1842	" " "	802	" " "
" "	1844	" " "	908	" " "
" "	1846	" " "	1562	" " "
" "	1848	" " "	1875	" " "

דיראָזיקע טאַבעלע נעמט אַרום בלויז איין וואָלינער

גובערניע. די ציפערן ווייזן אונז, מיט וואָס פאַר אַ שווידער יידן זענען געלאָפן פון ניקאָלייס קאַזאַרמע. אמת, מיר וועלן זיין די לעצטע צו מאַכן יענע דורות וועלכן עס איז פאַרוואָרף פאַר „דעזערציע“ אָדער מאַנגל אין פאַטריאָטיזם פאַר דער מלוכה. דאָס אויסבאַהאַלטן זיך פון די דערוואַקסענע האָט אָבער געהאַט די פאַטאַלסטע רעזולטאַטן פאַר די קליינע. קהל האָט געמוזט זוכן רעקרוטן צווישן די, וואָס האָבן זיך נאָך געמוזט האַלטן אָן דער מאַמעס פאַרטוך און האָבן זיך נישט געקאָנט ראַטעווען דורך אַנטלויפן קיין אויסלאַנד אָדער אַנדערשוווּ. אַזוי האָבן קינדער טיילמאָל אויסגעמאַכט 2/3 און 3/4 פון דער גאַנצער צאָל יידישע רעקרוטן (אינם יאָר 1843 2/3 און אינם יאָר 1853—3/4—75 ½ פּראָצ.) די גרויסע, ד. ה. דערוואַקסענע, זענען זיך צעלאָפן, די נאָבאָרן זענען געווען אָפטע און אַלס פועל-יוצא דערפון האָבן אויסגעפעלט רעקרוטן. נישט קוקנדיק אויף דער אַכזריות פון די כאַפּערס און דער ריקזיכטסלאָזיקייט פון קהל איז נישט געווען וועמען צו כאַפּן און אָפּצוגעבן. אויף אַזאַ אופן זענען אַנטשטאַנען די „ניעדאָימקעס“, ד. ה. נישט דערגעבענע צאָל פון רעקרוטן. די דאָזיקע „ניעדאָימקעס“ אָדער רעקרוטן-חובות האָבן געבראַכט גרויסע צרות אויף די יידישע קהלות, ווייל לויטן באַפעל פון 1850 האָט מען פאַר יעדן פעלנדן רעקרוט גענומען דורך אַן עקזעקוציע דריי דערוואַסענע. די רעגירונג פלעגט דעם באַפעל אויספירן מיט דער גאַנצער האַרבקייט און ווידער האָט זיך דאָס אויסגעלאָזט צו די קעפּלעך פון די קליינע קינדער, ווי דאָס באַווייזט דער פאָלגנדער ביישפּיל פון באַרדיטשעוו:

אינם יאָר 1850 האָט באַרדיטשעוו נישט דערגעבן 45 רעקרוטן. לויטן דערמאָנטן באַפעל האָט די רעגירונג געדאַרפט נעמען פון באַרדיטשעווער קהלה דורך אַן עקזעקוציע 3 מאָל אַזוי פיל דערוואַקסענע רעקרוטן, ד. ה. 135 מאַן נישט יינגער פון 20 יאָר. אויף דורכצופירן די עקזעקוציע איז אין נאָוועמבער 1852 געשיקט געוואָרן קיין באַרדיטשעוו דער פליגל-אַדיוטאַנט סטורלער. דער דאָזיקער סטורלער האָט „געאַרבעט“ איבער זיין „אויפגאַבע“ ביז מאַי 1853. לויט ווי ער גיט איבער אין זיין באַריכט זענען אין דעצעמבער פלוצלינג געכאַפּט געוואָרן אין באַרדיטשעוו און אין דער אומגעבונג 651 יידן. אַחוץ דעם האָט קהל צוגעשטעלט נאָך 75. פון די 726 פאַרהאַלטענע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר באַרדיטשעווער איינוווינער בלויז 339 און פון זיי זענען אַנערקענט געוואָרן פאַר דינסטפּעאיק נאָר 10. אין אַפּריל 1853 האָט מען ווידער געכאַפּט אין באַרדיטשעוו און אין דער אומגעבונג 496 יידן און פון זיי איז געדעקט געוואָרן די איבעריקע צאָל פון 125. סטורלער מעלדעט

דערביי, אז 81 פון די שטראף־רעקרוטן זענען געווען מינדעריעריקע, ד. ה. קינדער; אלזא גאנצע 60 פראצ.

דער דאזיקער ביישפיל איז כאראקטעריסטיש פאר דער „ליידנשאפט", וועלכע ניקאלייס רעגירונג האט ארויסגעוויזן פאר יידישע נישטדערוואקסענע יינגלעך: אפילו אין דעם פאל, וואס איז בפירוש קענן געזעץ, האט זי זיך געלאזט צופרידנשטעלן מיט קינדער אנשטאט דערוואקסענע.

די אמתע סבה פון דעם אייגנארטיקן ויתור דארף מען זעען אין דער שוועריקייט צו כאפן דערוואקסענע, ווייל זיי האבן זיך אויסבאהאלטן, און אין דער פארהעלטנישמעסיקער לייכטקייט צו פאנגען פיצלעך קינדער. וויפל 8־7 יעריקע האבן זיך געפונען צווישן די 81 קינדער־רעקרוטן—ווייסט איין גאט.

דער רוסיש־יידישער שרייבער יוסף ראבינאוויטש שילדערט אין זיין דערציילונג: „דער אלטער שטראף־רעקרוט" די שטראף־עקספעדיציעס, וועלכע פלעגן איבערפאלן די יידישע שטעטלעך, וואס זענען שולדיק געבליבן רעקרוטן. ראבינאוויטש דערציילט:

> „דאס אייביקע אומגליק פון די קהלות איז געווען דאס אויסשטעלן פון רעקרוטן („ניעדאימקי רעקרוס").
>
> וואס איז א קהל־מענטש? א רוצח אדער א קדוש. קיין מיטן איז נישטא. ער מוז אויסהערן דאס געוויין פון אן ארעמאן, וועלכן מ'האט צוגענומען פאר שטייערן דאס לעצטע קישן אדער צודעק. ער מוז איבערטראגן דאס געוויין פון אן אלמנה, ביי וועלכער מ'האט צוגענומען איר לעצטן זון.
>
> די ארעמקייט איז געווען אן אומגעהייערע. אויף צוויי הונדערט ארעמע לייט קוים איין פארמעגלעכער. פון איין רעוויזיע פון דער צאל נפשות ביז צו דער צווייטער האט געקאנט דויערן א לענגערע צייט. יעדעס יאר איז פארגעקומען א נאבאר, לויט דער פראפארץ פון 10 אויף 1000. די 1000 האט מען גערעכנט לויט דער פאריקער רעוויזיע, הגם א סאך פון די פארשריבענע זענען דערווייל אויסגעשטארבן אדער אנטלאפן. נישט קוקנדיק אויף אלע אנשטרענגונגען פון די קהל־באמטע איז זיי דאך נישט געלונגען צוזושטעלן די געפאדערטע צאל רעקרוטן. — — —
>
> ווי א יתום, ווי אן איינזאמער בחור, ווי א הולטיי — אלע האבן מיר שוין אפגעגעבן. די משפחות האבן געקעמפט מיט אונז און זיי

זענען געווען גערעכט. זיי האבן שוין איין און צוויי מאל דערפילט זייער מיליטער-פליכט.

מיר האבן צונויפגעקליבן געלט און געשיקט אין אלע זייטן דינגען פרייוויליקע, נאר דאס איז געווען א שווערע זאך און האט זעלטן ווען געלונגען.

עס איז אנגעקומען א באפעל, אז, כדי אויסצומיידן די „ניעדאימקעס“, זאלן מיר פאר יעדן פעלנדן רעקרוט געבן צוויי, אלס שטראף, ד.ה. צוזאמען דריי. און פאר יעדע 2000 רובל חובות, אויך א רעקרוט. אין פאל פון נישט אויספירן דעם באפעל זאל מען די קהל-מענטשן אפגעבן פאר רעקרוטן. אויף אונזער קהל'ה האט זיך גערעכנט 40 שטיק „ניעדאימקע“. האבן מיר געדארפט צושטעלן פאר זיי 120. אויסער דעם האבן מיר געדארפט צושטעלן מער ווי 120 רעקרוטן צום געוויינלעכן נאבאר, נישט רעדנדיק וועגן די צענער טויזנטער רובל שטייערן-חובות, פאר וועלכע מיר זענען אויך געווען מחויב צו געבן רעקרוטן.

איצט פארעכנט אונזער לאגע: אין פאל פון נישט אויספירן דעם באפעל וועגן די שטראף-רעקרוטן וועט ווידער אנוואקסן אויף יעדן איינעם נייע צוויי און אזוי ווייטער אין אזא שרעקלעכער פראפארץ, ביז די גאנצע שטאט וועט ווערן איין סאלדאטן-מחנה. — — —

באטשאלסטווע איז אנגעפארן פון גובערניע און אויעזד. אן אפטיילונג באוואפנטע זעלנער איז אריין אין שטאט. א טייל איז גלייך צו צו דער שול. ווי שעפסן האט מען געיאגט אין שול אלעמען, אלט און יונג, פרויען און קינדער. מ'האט געיאגט מיט די ביקסן-קאלבעס. אונז, די קהל-לייט, די סאלדאטן-ליפעראנטן. אלע אמטס-מענטשן האט מען געשמידט אין קיטן און אויך געיאגט מיטן גאנצן המון. עס האבן זיך אנגעזאמלט א סאך מענטשן. די מענער- און ווייבער-שול אויף דער שול-הויף און די שול-גאס זענען געווען אנגעפילט מיט מענטשן. א באאמטער האט זיך געשטעלט אויף א הויך ארט און אנגעהויבן לייענען פון א פאפיר. ער האט לאנג געלייענט און האט אונז אלעמען פארגעווארפן אומגעהארכזאמקייט אנטקעגן דער מאכט. עקשנות. ענדיקנדיק דאס לייענען האט ער אנגעהויבן צו שיטן אויף אונז פעך און שוועבל: אלע אן אויסנאם האט ער אויסגעמישט מיט בלאטע. אלע האבן שטילשווייגנד און ציטערנדיק אויסגעהערט. נאר, ווען ער האט צום סוף בייז אויסגעשריגן: „ווייסט איר, מיט וועמען איר שפילט זיך? איר, מבוזהדיק

און שפּלדיק פאָלק, ווייסט איר, אַז מ׳קאָן אייך אין איין אויגנבליק אָפּמעקן פון דער ערד, צעטרעטן ווי אַ וואָרם!״ — — איז בײַ די לעצטע ווערטער אויסגעבראָכן אַ גרויס געוויין. אויך די, וועלכע זענען געשטאַנען אין הויף און אויף דער גאַס, האָבן געוויינט. הערנדיק ווי מ׳וויינט אין דער שול. די געוויינען האָבן אָנגעפילט די לופט. עס איז געווען שרעקלעך צו זען, ווי די גאַנצע עדה האָט געוויינט אויפן קול.

נאָר דאָס איז געווען בלויז אַן אָנהויב. מ׳האָט געהייסן כאַפּן יעדן איינציקן, וואָס האָט נאָר עפּעס אויסגעזען צו זיין טויגלעך פאַר אַ רעקרוט. מענטשן זענען זיך צעלאָפן אין אַלע זייטן ווי אָן איבערגעשראָקענע סטאַדע. סאָלדאַטן האָבן זיי נאָכגעיאָגט. אויף אַלעמענס פּנים איז געלעגן אַ שרעק. אַלע האָבן זיך באַהאַלטן ווי איינער האָט געקאָנט. אויף די בוידעמערס און אין די קעלערס. אַלע געוועלבער זענען געווען פאַרמאַכט. דאָס גאַנצע לעבן איז אָפּגעשטאַרבן. די מהומה איז געווען אַ שרעקלעכע. נאָר די צאָל פון די געכאַפּטע אויף דער גאַס האָט ווייט נישט דערגרייכט די פאַרלאַנגטע ציפער. מ׳האָט באַפוילן צו לאָזן אונז צו רו. בײַנאַכט אָבער האָט מען זיך אַריינגעריסן אין די הײַזער און אַרויסגעשלעפּט מענטשן פון די בעטן. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין געשרייען: כ׳בין שוין אַלט, כ׳בין אַ בן־יחיד און קאָן נישט געהערן צו דער ריי א. אַ. וו. קיינער האָט דאַרויף קיין אַכט נישט געלייגט. קייטן, אָפּגאָלן דעם פאָדערשטן טייל קאָפּ איבערן שטערן און אין איין אויגנבליק...״

הגם דאָס באַשריבענע איז אַרויסגענומען פון אַ דערציילונג, איז עס אַבסאָלוט נישט קיין פּראָדוקט פון אויטאָרס פאַנטאַזיע. ראַבינאָוויטש איז געווען אייגנטלעך פּובליציסט און די דערציילונגען זיינע זענען ריינע כראָניק פון דער רעאַלער פאַרגאַנגענער ווירקלעכקייט. די באַשריבענע עקזעקוציע האָט געהערט דעמאָלט, ד. ה. אין די לעצטע יאָרן פון ניקאָלײַס ממשלה, צו די מעשים בכל יום.

אויך דער באַקאַנטער אָדעסער אַדוואָקאַט און כלל־טוער — מנשה מאַרגאָליס, מענדעלע מוכר ספרימס אַ גוטער פריינט, דערציילט (אין „וואָסכאָד״ 1895) וועגן אַן איבערפאַל פון מיליטער אויף באַרדיטשעוו, ווו מ׳האָט אין משך פון זעקס וואָכן געכאַפּט יידן, אַלט און יונג, פאַרשפּאַרט זיי אין תּפיסות און אָפּגעגעבן פאַר סאָלדאַטן אויסערן חשבון. אַלץ צוליב די פאַרשאָלטענע „ניעדאָימקעס״. אָט וואָס מאַרגאָליס דערציילט:

„...די נאַכט איז געווען אַ שרעקלעכע. צומאָרגנס האָבן זיך אַלע, וואָס זענען געבליבן פריי, געסודעט צווישן זיך. איבעראַל זענען פאָרגעקומען ענלעכע סצענעס, ווי מיט אונזער פעטער. וועמען מ׳האָט באַהאַלטן אין קעלער, אויפן בוידעם, אין אַ פאַס, אָדער מ׳האָט איבערגעטון אין פרויען־קליידער. אין אַלע שולן האָט מען געבעטן גאָט, קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס עס איז געשען. דאָס אומגליק איז געקומען פלוצלינג און האָט אַלעמען פאַרטויבט. — — —

נאָך עטלעכע טעג איז קלאָר געוואָרן, אַז אַ ספּעציעלע קאָמיטע פון פעטערבורג דאַרף אָפּגעבן פאַר סאָלדאַטן אויסערן חשבון אַלע פרעמדע יידן, וועלכע באַזיצן נישט קיין פּאַספּאָרטן, אָן אונטערשייד פון עלטער און שטאַנד. אַ סך פון די שטאָטישע איינוווינער האָט אויך געדאַרפט טרעפן דער זעלבער גורל, מיטן אויסנאַם פון די סוחרים. אַרום שטאָט אין אַ רינג פון 18—20 קילאָמעטער האָבן זיך געדרייט פּאָליציי מיט סאָלדאַטן און האָבן פאַרהאַלטן יעדן, וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפן. די טורמע און פּאָליציי־געביידעס האָבן נישט געקאָנט אַרייננעמען אַלע פאַרהאַלטענע. האָט מען פאַרפילט מיט זיי אויך דעם קאַטוילישן קלויסטער אין עק שטאָט. צווישן די פאַרהאַלטענע זענען געווען דריי דורות: אייניקלעך, פאָטערס און זיידעס.

אַ פרוי, אַרומגערינגלט מיט אַ קופּע קינדער, האָט אויף דער גאַס פאַרהאַלטן אַ פליגל־אַדיוטאַנט און האָט אים אויף די קני געבעטן, ער זאָל באַפרייען איר מאַן. זי האָט פון שויס אַרויסגעוואָרפן אויפן ברוק צוויי קליינע פּיצעלעך קינדער. דער פליגל־אַדיוטאַנט האָט גאָרנישט געענטפערט. — — — —

דאָס, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין משך פון זעקס וואָכן, כל זמן די גזרה האָט געדויערט, לאָזט זיך גאָרנישט באַשרייבן.

מיר האָבן געוווינט אַנטקעגן דעם רעקרוטן־אַמט, ווו דאָס וואָרט „לאָב"*) האָט זיך צעטראָגן מיט אַ הילכיקן עכאָ איבער דער טויזנט־

---

*) אין רוסיש באַדייט דאָס וואָרט: שטערן. ביי די, וועלכע מען האָט צוגענומען צום מיליטער, האָט מען אָפּגעגאָלט דעם פאָדערשטן טייל קאָפּ; ביי די באַפרייטע האָט מען אָפּגעגאָלט דעם אונטערשטן טייל. עס איז אַרויסגעקומען אַזוי „סימבאָליש": געגאָלט פון פאָרנט האָט באַדייט ביין פאָראיס אין מיליטער; פון אונטן — צוריק אַהיים. ביים צונעמען צום מיליטער פלעגט מען טריי־

קעפּיקער מאַסע. יעדער ווידערקול פון וואָרט „לאַבּ" פלעגט באַגלייט ווערן מיט אַ לאַנגן האַרצרייסנדן געוויין פון דער גאַנצער מאַסע. פון וועלכער יעדער האָט געהאַט אַ גרונט צו גלויבן, אַז דאָס שרעקלעכע וואָרט באַציט זיך צו זיין זון, פאָטער און אפילו זיידען. אויב מ׳האָט עמעצן באַפרייט, האָבן די געוויינען און זיפצן אויף אַ מינוט אויפגעהערט. יעדער האָט געגלויבט, אַז דאָס וואָרט געהערט אָן אים. באַלד אָבער האָבן זיך די געוויינען ווידער באַנייט. אַזוי האָט עס געדויערט לאַנג, זייער לאַנג. געווען אויפטרייסלענדע סצענעס. צוויי אַ זעלכע האָבן זיך איינגעשניטן אין מיין קינדערשן זכרון. מ׳האָט באַפרייט אַ פופצן-יעריקן, וועלכער איז אין אָדם הראשונס קליידער אַרויסגעלאָפן פון הויף. די מאַסע האָט אַ ציטער געטאָן, דאָס יינגל איז געבליבן שטיין ווי איינגעגראָבן. באַלד האָט ער זיך געכאַפּט און גענומען לויפן אַ נאַקעטער איבער דער גאַס. די מוטער האָט אים דערקענט און גענומען שרייען: „משהלע, משהלע! דאָס בין איך דאָך דיין מאַמע, אַ קלאָג צו איר." משהלע האָט גאָרנישט געהערט און געלאָפן ווייטער, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, מ׳זאָל אים נישט אַריינפירן אין הויף.

איצט דער צווייטער פאַל.

מ׳האָט אַרויסגעלאָזט אַ 40-יעריקן ייד. אַ נאַקעטער איז ער אַרויס פון הויף און ווי אַ פייל פון בויגן אַריינגעשפּרונגען צו אונז אין צימער דורך די אָפענע טיר. אָטעמענדיק שווער האָט ער געקוקט אויף אַלע מיט אומפאַרשטענדלעכע בליקן. אַזוי איז ער געזעסן אָן באַוווסטזיין אַ פירטל שעה. ערשט ווען די קרובים זענען אָנגעקומען און האָבן אים גענומען רופן ביים נאָמען, האָט ער זיך דערשפּירט און געקומען צום באַוווסטזיין. דאַן האָט ער ערשט דערזען, אין וואָס פאַר אַ מצב ער געפינט זיך. פאַר חרפה איז ער אַנטלאָפן אין אַ צווייטן צימער. — — —

דערנאָך האָט מען געפירט גאַנצע אָפּטיילונגען פון די אומגליקלעכע קרבנות אין דער גובערניע."

ען „לאַבּ", ד. ה. אַ באַפעל אָפּצוזאָגן דעם מאַרש, ביים באַפרייען: „זאַטילאָק", ד. ה. דעם אונטערשטן טייל קאָפּ. — א. ל.

ח.

די דריי שרעקלעכע יארן פון דער אלגעמיינער כאפעריי.

די שווערסטע און אומדערטרעגלעכסטע יארן פון דער רעקרוטשינע זענען געווען די לעצטע דריי יאר פון 1853 ביז 1856, וועלכע פאלן צונויף מיט דער קרימער מלחמה. אין די דאזיקע יארן איז אויך פארגעקומען דאס כאפן פאספארטלאזע יידן לויטן באפעל פון 29 יולי 1853 און די רעקרוטן-שרויף האט זיך אלץ ענגער און ענגער צוזאמענגעצויגן ארום דעם יידישן גוף.

דאס איז געווען פיליכט דער טרויעריקסטער פעריאד אין גאנצן 19-טן יארהונדערט. וועגן די דאזיקע יארן האבן א סך שריפטשטעלער געשריבן אין זייערע זכרונות.

די יידישע ליידן פון איין זייט און די יידישע אכזריות פון דער צווייטער זייט האבן דערגרייכט זייער קולמינאציע-פונקט.

וועגן דעם, וואס עס האט זיך אין די פאר יאר אפגעטון אין יידישן תחום, דערציילט אונז אן אויספירלעכער מעמאריאל, וואס איז געווארן איבערגעגעבן אלעקסאנדער דעם II-טן דורך באראן האראץ גינזבורג. דער מעמאריאל איז געמארן פארפאסט דורך דעם געלערנטן און פארדינסטפולן ייד, עמנואל באן לעווין פון מינסק (שפעטער באראן גינזבורגס סעקרעטאר). דער דאזיקער מעמאריאל דארף באטראכט ווערן ווי אן אויטענטישער דאקומענט, וואס טרייבט אין גארנישט איבער די באשריבענע און אנגעגעבענע פאקטן. די אנגעגעבענע מעשים און פארפאלן ווערן אויך דורך אנדערע קוועלן באשטעטיקט אלס אמתע ווירקלעכע געשעענישן. ליידער איז די טאג טעגלעכע ווירקלעכקייט דעמאלס געווען א זעלכע.

דער מעמאריאל אין זיין תמצית לויטעט:

„אין יולי 1853 איז געווארן ארויסגעגעבן אן אלערהעכסטער באפעל, וואס האט געהאט דעם צוועק צו באקעמפן דאס איסבאהאלטן זיך פון יידן פון מיליטער-דינסט מיט פאלגענדע מיטלען:

1) דערלויבן יעדער יידישער געמיינדע צו כאפן יעדן ייד, וואס האט נישט ביי זיך קיין פאספארט אדער האט אן אויסגעגאנגענעם,

און אפגעבן אים פאר א סאלדאט, נישט אפשיקנדיק אים אין דעם ארט ווו ער איז צוגעשריבן אלס תושב;

2) די פּאַיקע צום מיליטער-דינסט אפגעבן פאר סאלדאטן און זיי פאררעכענען די געמיינדעס אדער פריוואט-פערזאנען, וואס האבן זיי געכאפט, כאטש דער געכאפטער געהערט צו אן אַנדער קרייז אדער גובערניע. די אומפּאַיקע צו מיליטער-דינסט אויך אפגעבן פאר סאלדאטן, אבער נישט פאררעכענען אין רעקרוטן-קאנטינגענט.

3) דעם באפעל איינפירן אלס פרווו אויף דריי יאר. נאך דריי יאר דאַרף דער אינערן-מיניסטער פארשטעלן א ראפּארט וועגן באפעסטיקן דעם באַפעל אויף שטענדיק, איינפירנדיק דערביי די ענדערונגען, וואס וועלן זיך ארויסווייזן פאר נייטיק.

ווען דער באַפעל וואלט געווארן איבערגעגעבן צום אויספירן דער מאַכט אליין, וואלטן נישט פארגעקומען אזוי פיל בייזוויליקע אומגערעכטיקייטן, וואס האבן אין די דריי יאר איבעראל געהאט אן ארט, איבערהויפּט אין די דרום-מערב גובערניעס, און מ׳וואלט געקאנט האפן אויפן איינפירן נוצלעכע ענדערונגען ביים באשטעטיקן דעם באפעל אויף אנטגילטיק. ביי דער היינטיקער ארדנונג אבער, ווען די מאכט נעמט אַ קליינעם אַנטייל אין דעם אַלעם, וואס קומט פאר, קאן זי נישט וויסן וועגן די אַלע בייזוויליקייטן, וואס געשעען טויזנטער אומשולדיקע מענטשן און די פארטזעצונג פון דידאזיקע מעשים-תעתועים פילט אן מיט צער די הערצער פון אַלע רעכטדענקנדע מענטשן.

ווייל דער באפעל איז געווען אַ פרווו-באפעל אויף אַ געוויסע צייט, איז דא איצט א מעגלעכקייט אויסצונוצן דעם אפלויף פון דער פרווו-צייט, כדי אנצווייזן אויף די פאלגן פונם שטרענגן באַפעל.

פאר אלעם איז אומבאדינגט נויטיק צו דערציילן עטלעכע פאקטן פון די בייזוויליקייטן וואס זענען צוליב יענעם באַפעל פארגעקומען:

1) — א ייד איז געקומען אין שטאט מיט א צייגניש פון קאסירער צו באקומען א פאס אין שטאט-דומע. מ׳האט אים געכאפט און אפגעגעבן פאר אַ סאלדאט אלס פאספארטלאזן.

2) — אין א סך ערטער האט מען פאַרהאַלטן יידן מיט פאַספארטן, וואס האבן געזאלט קירצלעך אויסגיין. די יידן האט מען געהאלטן אין ארעסט ביז צו דער צייט, ווען די פאַספארטן זענען גע-

וואָרן נישט גילטיק. דאַן האָט מען זיי אָפּגעגעבן פאַר רעקרוטן אַלס בראָדיאַגעס (שלעפּערס). עס זענען אויך געווען פיל פאַלן, ווען מ׳האָט געכאַפּט יידן מיט כשרע פּאַספּאָרטן. די לעצטע האָט מען פאַרניכטעט און זייערע באַניצער האָט מען אָפּגעגעבן פאַר רעקרוטן.

3) — אין אַ שטאָט האָט אַ שניידער געכאַפּט אַ צווייטן ייד פון אַ שטעטל, וואָס איז געלעגן נענטער ווי 30 ווערסט פון דער שטאָט, און האָט אַלזאָ לויטן געזעץ נישט באַדאַרפט האָבן ביי זיך קיין פּאַספּאָרט, און האָט אים געוואָלט אָפּגעבן פאַר אַ רעקרוט פאַר זיין פאַמיליע. עס האָבן זיך אַריינגעמישט פריינט פונם געכאַפּטן און האָבן קוים געפּועלט ביים שניידער, ער זאָל נעמען 150 רובל אויסלייז־געלט.

דער געכאַפּטער האָט נישט געהאַט ביי זיך אין באַרעס די 150 רובל און דער שניידער האָט איינגעשטימט צו פאָרן מיט אים אין שטעטל אָפּצונעמען דאָס געלט. דאָ אָבער האָבן זיך די ראָלעס געביטן: קומענדיק אַהיים האָט דער ייד פון שטעטל געכאַפּט דעם שניידער און צוגעשטעלט אין רעקרוטן־אַמט אַלס סאָלדאַט פאַר זיין פאַמיליע.

4) — אין אַ סך שטעט האָט מען זיך געטשעפּעט צו יידן מיט פּאַספּאָרטן, ווייל די סימנים אין פּאַס האָבן זיך נישט געפּאַסט צו דער אויסערלעכקייט פונם באַניצער פונם פּאַס. נישט איינער פון די דאָזיקע יידן איז געפאַלן פאַר אַ קרבן פון אַ טעות, וואָס דער פּאַספּאָרטן־שרייבער האָט געמאַכט.

5) — ווען די באַפולמעכטיקטע פון איין געמיינדע קומען צופאָרן אין אַ צווייטער שטאָט מיט אַ בפירוש באַפעל אויסצוזוכן די יידן, וועלכע געהערן צו זייער געמיינדע און געפינען זיך אין די רשימות פון די ריי־פאַמיליעס (מיליטער־פליכטיקע) און האָבן דעריבער נישט קיין פּאַספּאָרטן, — טרעפט זיך שטענדיק, אַז די דאָרטיקע געמיינדע פאַרהאַלט פאַר זיך די געכאַפּטע פון דער פרעמדער קהלה פּערזאָנען און גיט זיי אָפּ פאַר סאָלדאַטן פאַר זיך אַלס פאַרפאַרטלאָזע. די באַפולמעכטיקטע פאָרן אַהיים מיט ליידיקע הענט, נישט האָבנדיק וועמען אָפּצוגעבן פאַר רעקרוטן און זיי בלייבן נישט אין אָרדנונג אַנטקעגן דער מאַכט.

6) — אין א סך ערטער האט זיך געטראפן, אז מ׳האט אפגעגעבן פאר סאלדאטן א זעלכע פערזאנען, וועמענס פאמיליע-מיטגלידער האבן שוין געהאט אויפן ארט דערפילט זייער רעקרוטן-פליכט. די דאזיקע מענטשן האבן אבער נישט געהאט ביי זיך אין יענעם מאמענט זייערע פאספארטן צוליב אומשולדיקע און פון זיי אומאפהענגיקע סבות. פאר פיל פון א זעלכע רעקרוטן זענען אנגעקומען פאספארטן אויפן צווייטן טאג נאכן אפגעבן זיי. מ׳האט זיי אבער שוין נישט באפרייט. עס זענען געווען פאלן, ווען גאנצע פאמיליעס זענען געווארן אפגעגעבן פאר רעקרוטן: איינער אין זיין געבורטס-שטאט אלס פארשריבענער אין דער ריי, די אנדערע אין אנדערע ערטער, ווו מ׳האט זיי פארכאפט, ווייל זיי האבן מאמענטאל נישט געהאט ביי זיך קיין פאספארטן. פון דידאזיקע פאמיליעס זענען געבליבן בלויז די פרויען און קינדער אן מיטלען צום לעבן.

7) — עס זענען געווען עטלעכע פאלן מיט סוחרים. וועלכע אונטערליגן נישט דער רעקרוטן-פליכט, אז ארויספארנדיק עטלעכע וויארסט אונטערן שטאט אן א פאס אין קעשענע, האט מען זיי געכאפט און זיי האבן זיך געמוזט אויסקויפן ביי די כאפערס.

8) — אין א געוויסער שטאט האט זיך דער קהל-כאפער געמאכט א האנדל מיט פארכאפטע פאספארטלאזע יידן און א לאנגע צייט האט ער געפירט דעמדאזיקן האנדל, ווערנדיק זייער שטארק רייך. ער האט זיך אזוי פארגאלאפירט, ביז ער האט פארקויפט זיינע אייגענע צוויי פלימעניקעס. צום לעצט איז ער אריינגעפאלן צום גובערנאטאר אין די הענט.

9) — צו א ייד. וועלכער האט געוווינט אין אן איינזאמער קרעטשמע אין פאדאליער גובערניע, זענען פון נאנטן אויעזד צוגעפארן ביינאכט כאפערס פון פאספארטלאזע. די קרעטשמע איז געווען געבויט פון א געמיש פון ליים מיט שטרוי און די ווענט זענען דאריבער געווען נישט פעסט. די כאפערס האבן לייכט פונאנדערגענומען א וואנט און האבן ארויסגעגנבעט דעם קרעטשמערס א יינגל, כדי אים אפצוגעבן פאר א רעקרוט. ווען דער פאטער האט זיך דערוווסט, אין וועמענס הענט זיין זון איז אריינגעפאלן, איז ער געקומען צו די כאפערס מיט א פארשלאג אויסצוטוישן אים דעם זון אויף א צווייטן.

חייניקער געליבסן, און דערפאר האט ער זיי צוגעזאגט 50 רובל פארגיטיקונג. דער האנדל איז צושטאנד געקומען און אויך דער אויסטויש. ווען די רויבער האבן צוגעשטעלט דעם אויסגעטוישטן יינגל אין רעקרוטן־אמט, האט זיך ארויסגעוויזן, אז עס איז אן איבערגעטון מיידל.

10) — די פארשטייער פון א סך קהלות האבן אויסגעטראכט פאלגענרן שווינדל, כדי אומבאשטראפט אויסצופירן אנטיגעזעצלעכע מעשים. אויב מ׳חיל אפגעבן פאר א רעקרוט א פערזאן, וועמענס פאמיליע האט שוין דערפילט מיליטער־פליכט אויפן ארט לויט דער ריי, אדער, ווען מ׳וויל אפגעבן א קינד, וואס האט נאך נישט דערגרייכט דעם געהעריקן פארגעשריבענעם עלטער און, מורא האבנדיק צוצושטעלן א זעלכע פערזאנען אין שטאטישן רעקרוטן־אמט, ווו עס געפינען זיך די ריי־ליסטעס און קאנטראל־רשימות מיט די געהעריקע אנמערקונגען, טיישט מען זיי אויס אויף פערזאנען פון אנדערע שטעט און די דאזיקע אויסגעטוישטע פערזאנען שטעלט צו יעדע געמיינדע ביי זיך אלס פאספארטלאזע אן יעדער מורא אדער דאגה.

11) — א רייכער ייד פון וואלינער גובערניע איז זיך א היים געפארן אויף א פאיעטאן מיט א גוט פערד. אויפן וועג האט ער אנגעטראפן גיין צופוס א יונגן ייד און פון זיינע תשובות איז ער געוויר געווארן, אז ער גייט א היים קיין ליטע נאך א פאס. דער רייכער ייד האט אים פארגעלייגט גאסטפריינטשאפט ביי זיך אין הויז און האט אים ארויפגענומען צו זיך אויף דער בריטשקע. א היים קומענדיק האט ער דעם אורח גאנץ פיין מכבד געווען און האט אים באקאנט געמאכט מיט זיין צאלרייכער פאמיליע.

אויפן צווייטן טאג האט דער „בארמהארציקער“ רייכער ייד פארגעשטעלט דעם ארעמען וואנדערער פארן פריסטאוו און געהייסן אים פארהאלטן אלס פאספארטלאזן רעקרוט פאר זיין פאמיליע. אפזיצנדיק א מעת־לעת האט זיך דער יונגערמאן געבעטן אויף א פארהער צום פריסטאוו, זאגנדיק, אז ער האט צו מאכן א וויכטיקע אנטדעקונג. ארייַנקומענדיק צום פריסטאוו האט ער ארויסגעשלעפט פון אונטערן זאק א פאספארט, וואס איז נאך געווען גילטיק, און האט דערקלערט, אז ער האט מורא געהאט צו דערציילן זיין גאסטגעבער און שפייזער, אז דער פאס איז נאך גילטיק, ווייל יענער וואלט אים קענען צונעמען

מיט כוח און פארניכטן, ווי עס האט אפט פאסירט. דער פריסטאוו איז געווען אן אייגנארטיקער ארענטלעכער מענטש. ער האט זיך אפגערעדט מיטן יונגנמאן, ווי אזוי זיי זאלן ביידע דעם רייכן ייד שווער באשטראפן און דערביי זאל אויך דער פריסטאוו האבן א נוצן. באקומענדיק די נייטיקע אנווייזונגען פונם פריסטאוו איז דער יונגערמאן צוריקגעגאנגען אין ארעסט און אויף צומארגנס פרי איז דער כאפער געווארן ארויסגערופן צום פריסטאוו אויף א קאנפראנטאציע מיטן געכאפטן. ביי דער באגעגעניש האט דער יונגערמאן געמאלדן, אז ער איז א דעזערטיר פון דעם און דעם פולק און, אז ער האט זיך עטלעכע וואכן אויסבאהאלטן ביים רייכן ייד. אלס באווייז האט ער אנגערופן די נעמען פון יענעמס פרוי און קינדער. אויך אנדערע פרטים פון זיין שטוב. וואס האבן קלאר באוויזן, אז ער האט זיךווירקלעך אויפגעהאלטן ביי יענעם אין הויז. עס האט דעם ייד געדראט א שווערער קרימינעלער פראצעס. א קלייניקייט: אויסצובאהאלטן א דעזערטיר!

ווערנדיק משוגע פון שרעק האט דער ייד געשריגן צום יונגנמאן: „גזלן, פארוואס ווילסטו מיך אומברענגען?" ער האט זיך געווארפן דעם פריסטאוו צו די פיס און געבעטן רחמנות צו האבן אויף אים. גענעדיקט האט עס זיך דערמיט, וואס דער פריסטאוו האט באקומען פינף הונדערט רובל פאר שענקען אים די שטראף און דער יונגערמאן הונדערט — אלס פאלוינונג און רייזע־קאסטן. דער כאפער האט געטון א נדר מער נישט צו כאפן אויף די וועגן אומשולדיקע פאספארטלאזע יידן.

12) — באפולמעכטיקטע פון א געוויסער קהלה זענען געקומען אין א צווייטער שטאט און האבן צוגענומען פאר א רעקרוט איינעם, וואס האט אנגעהערט צו זייער שטאט. די פארשטייער פון דער דאזיקער שטאט ווידער האבן געכאפט יענעמס זון אלס פאספארטלאזן. א טאכטער איז פאר שרעק און פארצווייפלונג דעמזעלבן טאג געשטארבן. די דערשלאגענע מוטער האט נישט געוווסט, וואס זי זאל פריער טון: לויפן נאכן מאן, ראטעווען דעם זון אדער באגראבן די טאכטער.

13) — א ייד מיט אן אויסגעגאנגענעם פאספארט האט בצאיילט א היים מיט זיין פאמיליע, וואס איז באשטאנען פון א פרוי און פינף קינדער, איינס קלענער פון צווייטן. מ'האט אים פארהאלטן אין א שטעטל. אים אליין מיט דעם עלטסטן זון האבן די כאפערס אפגעגעבן

אלס רעקרוטן פאר זייער געמיינדע. די צוויי מיטעלע זין האבן זיי פארקויפט פאר געלט צו א צווייטער שטאט. און די פאריתומטע מוטער מיט די צוויי יונגסטע זין, וועלכע האבן נישט געטויגט, ווייל זיי זענען נאך געוועזן גאר יונג, האבן זיי אהיימגעשיקט מיטן עטאפ.

אין דער צייט פון נאבאר ווערן אלע וועגן געפערלעך פאר יידן, ווייל אומעטום האבן זיך געבילדעט באנדעס, וואס האנדלען מיט פאספארטלאזע און לויערן אויף רייזנדע, פאר וועלכע א פאס איז אויך נישט אלע מאל קיין שוץ. ביי דידאזיקע לייט זענען פאראן גאנצע הייזער פול מיט געכאפטע און דער האנדל קומט פאר סיסטעמאטיש: דארף ווער עס איז א רעקרוט — קום אין קויף וועמען דו דארפסט. סחורה איז שטענדיק דא איבערגענוג. פאר א פאר צענטליק רובל באקומסטו אן אויסלייזער פאר דיין זון. מיט איין ווארט, ביי יידן איז אויפגעשטאנען אן אמתער האנדל מיט מענטשן. גארנישט ערגער פון דעם, וואס פירט זיך צווישן אפריקע און אמעריקע. נאר מיט דעם אונטערשייד, וואס דא ווערן פארקויפט ארעמע מענטשן ווייסע אין א סאך ביליקער ווי די שווארצע נעגערס.

די געבערענגטע פאקטן שטעלן נישט פאר, צום באדויערן, קיין אויסנאם. אין אלע גובערניעס ווערן אפגעטון מאסנווייז אזעלכע געמיינהייטן, ווייל דאס אפגעבן פאר א סאלדאט קומט פאר אן דעם אנטייל פון דער רעגירונג, וועלכע קאן נישט אכטונג געבן אויף דער געזעצלעכקייט פון כאפן און ווייסט זעלטן ווען וועגן די עוולות, וואס ווערן אפגעטון. די העכערע מאכט איז קיינמאל נישט אינפארמירט וועגן דעם, ווייל אום עס זאל צוקומען צו איר אינטערווענץ, פאדערט זיך א שריפטלעכע אנקלאגע און וויאזוי קאן זיך צו דעם דערשלאגן אן ארעמער און אומגעבילדעטער מענטש, באזונדערס ווען ער איז אין דער פרעמד. יעדנפאלס, ביז עס וועט פארקומען אן אויספארשונג, וועט שוין דער אומגליקלעכער זיין אין פארלויף פון עטלעכע שעה פארמשפט און באשטראפט. ער וועט שוין זיין ווייט, אין פולק. דער נאבאר איז געענדיקט און ווער וועט זיך אין דער פרעמד באמיען פאר דעם אומגעזעצלעך אפגעגעבענעם רעקרוט?״ *)

---

*) לויט די רוסישע מיליטער-געזעצן האט קיין סאלדאט נישט געהאט קיין רעכט צו דערלאנגען אהין אנקלאגעס.

דער מעמאָריאַל האָט נאָך אַנטהאַלטן צום סוף אַ ברייטע מאָטיווירונג פון דער שעדלעכקייט פון דער פאַראָרדנונג — פון געזעצלעכן, אַדמיניסטראַטיוון און מאָראַלישן שטאַנדפּונקט און האָט געבעטן דעם קייזער זי מבטל צו מאַכן.

ווי באַוווּסט האָט אַלעקסאַנדער דער 2-טער דערפילט די בקשה און מבטל געמאַכט דעם באַרבאַרישן באַפעל.

די פאַקטן, וואָס ווערן אויסגערעכנט אינם מעמאָריאַל, זענען אַזעלכע הימלשרייענדע, אַז זיי געבן אונז אַ גענוגנד בילד פון די אויסטערלעשעליידן, וואָס זענען אויסגעפאַלן אויפן גורל פון יענעם דור.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער עפּילאָג פון מענדעלע מוכר ספרים׳ס דערציילונג: „קצור מסעות בנימין השלישי" באַציט זיך אויף יענע טרויעריקע יאָרן. דאָס, וואָס אונזערע אומבאַהאָלפענע דאָן קישאָט און סאַנכאָ פּאַנטשאַ, ר׳ בנימין און סענדערל, ווערן אָפּגעגעבן אין דער גרויסער שטאָט, וווהין זיי פאַרקריכן, פאַר סאָלדאַטן, האָט געקאָנט געשען נאָר אין יענע שרעקלעכע יאָרן, און אָפּגעגעבן זענען זיי געוואָרן טאַקי אַלס פּאַספּאָרטלאָזע.

אין וואַרשעווער רעגירונגס-אַרכיוו האָב איך געפונען צוויי אַקטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו יענער אומהיימלעכער תקופה און דינען אַלס ממשותדיקער און קאָנקרעטער באַווייז אויף די פאַרברעכערישע מעשים. וואָס זענען דעמאָלסט אָפּגעטאָן געוואָרן מיט דערוואַקסענע און קליינע קינדער געבוירענע אויך אין קאָנגרעס-פּוילן. ווו די גזירה וועגן אויפכאַפּן פּאַספּאָרטלאָזע יידן איז נישט חל געווען. אין קאָנגרעס-פּוילן גופא האָט מען נישט געכאַפּט. קוים אָבער האָבן זיך פּוילישע יידן געפונען מחוץ די פּוילישע גרענעצן, לאָמיר זאָגן אין גראָדנע אָדער קאָוונע, האָט מען זיי געכאַפּט צוגלייך מיט אַלע איבעריקע יידן פון תחום און אָפּגעגעבן פאַר סאָלדאַטן אויפן סמך פון ניקאָלייס ווילדן באַפעל.

די דערמאָנטע אַקטן זענען געשריבן דער 1-טער אין דער פּוילישער און דער 2-טער אין דער רוסישער שפּראַך.

צוליב זייער וויכטיקייט ברענג איך דאָ אַ פאַרקירצטע איבערזעצונג פון די ביידע כאַראַקטעריסטישע און טרויעריקע אַקטן. דער ערשטער לויטעט: *)

---

*) (Akta Kom. Spr. W. i D 9'61 57)

„פון דער אויגוסטאָווער (שפּעטער גערופן סוואַלקער) גובערניאַלער פאַרוואַלטונג צו דער רעגירונגס-קאָמיסיע פאַר אינערלעכע און אמונה-עניינים אין וואַרשע. דעם 2-טן יאַנואַר 1854.

די אויגוסטאָווער גובערניע-פאַרוואַלטונג האָט דעם כבוד פאַרצושטעלן דער קאָמיסיע פאַר אינערלעכע און אמונה-עניינים פאָלגנדן פאַרפאַל, וואָס איז לעצטנס פאַרלאָפן אין גראָדנע מיט אַ 14-יעריקן ייִד, וואָס געהערט נאָכנישט צום פאָבאָר או איז אַן איינאיינציקער זון בײַ זײַן פאָטער. *)

הירש בראָם, אַלט 14 יאָר, אַ זון פון בערעק בן נחום בראָם, אַ שניידער און אַן אייגנטימער פון אַ הייזל אין שטעטעלע סאָפּאָטשקין, וואָס ליגט עטלעכע מייל ווייט פון גראָדנע, איז אין יולי פון פאַריקן יאָר (1853) אַוועק קיין גראָדנע, כדי צו געפינען דאָרט אַרבעט. דאָרטן האָט אים צוגענומען פאַר אַ געהילף דער שניידער חיים זאַמער, בײַ וועלכן ער האָט אָפּגעאַרבעט צוויי וואָכן.

דערנאָך, ווען אין גראָדנע האָט זיך אָנגעהויבן דער רעקרוטן-נאָבאָר בײַ ייִדן, האָט חיים זאַמער אַוועקגעפירט דאָס ייִנגל צום קהל און האָט דערקלערט, אַז ער האָט נישט קיין שום פּאַפּירן און דעריבער קאָן ער ווערן אָפּגעגעבן פאַר אַ רעקרוט אַלס פּאַספּאָרטלאָזער.

ער האָט דעם ייִנגל צוגעזאָגט צו געבן זעקס רובל און האָט אים אָנגערעדט, ער זאָל עדות זאָגן אויף זיך, אַז ער שטאַמט פון שטעטעלע אינדורי און הייסט חיים בן לייב דעסע.

אויף אַזאַ אופן האָט מען דאָס ייִנגל צוגענומען אין די קאַנטאָניסטן און ער איז געבליבן אין גראָדנע אַלס קאַנטאָניסט קרוב צו פיר חדשים. די צוגעזאָגטע זעקס רובל האָט אים חיים זאַמער נישט געוואָלט געבן, זאָגנדיק, אַז עס איז אַרויס אַ קייזערלעכער אוקאַז וועגן אָפּגעבן פאַר סאָלדאַטן אַלע ייִדן, וואָס באַזיצן נישט קיין דאָקומענטן.

בעת דאָס ייִנגל איז געווען אין די קאַנטאָניסטן האָט אים געזען עוזר שימקאָווסקי, אַ סאָפּאָטשקינער תושב. און אויסהערנדיק פון אים, וויאַזוי ער איז אַרײַנגעפאַלן אין די קאַנטאָניסטן, האָט ער

---

*) דער רעקרוטן-עלטער אין פוילן איז געווען פון 20 (18) ביז 25 יאָר און איינאיינציקע זין זענען געווען פריי פון מיליטער-דינסט.

אים געהייסן מיטגיין מיט אים קיין סאפאטשקין, ווי ער האט אים אפגעפירט א היים צום פאטער.

עוזר שימקאווסקי לייקנט אפ, וואס אן אמת, אז ער זאל האבן ארויסגעפירט דאס יינגל הירש בראם פון גראדנע און אפגעפירט קיין סאפאטשקין, אבער זיינע רייד פארדינען נישט קיין צוטרוי, ווייל הירש בראם חזרט איבער כסדר דעם דאזיקן פרט פארן בורמיסטרז פון סאפאטשקין און אין דער קאנצעלאריע פון דער גובערניע-פארוואלטונג אין די אויגן פון עוזר שימקאווסקי — און אויך, ווייל אלס 14-יעריק קינד וואלט ער זיך אליין נישט געקאנט קיין עצה געבן."

די אויגוסטאווער גובערניע-פארוואלטינג פרעגט ווייטער אן, וואס פארא שטראף קומט דעם יינגל, וואס געפינט זיך אין ארעסט אין סוואלק און אויך עוזר שימקאווסקין. די גובערניע-פארוואלטונג באמערקט, אז בראם — אלס א בן-יחיד — וואלט אין פוילן געווען פריי פון מיליטער.

וואס די רעגירונגס-קאמיסיע אין ווארשע האט געפסקנט, ד. ה. צו האט מען דאס יינגל צוריקגעשיקט קיין גראדנע צו די קאנטאניסטן און ווי אזוי האט מען באשטראפט דעם דערוואקסענעם עוזר שימקאווסקי — איז מיר נישט באוווסט. דעם 10 אויגוסט פון זעלבן יאר האט נאך די אויגוסטאווער גובערניע-פארוואלטונג נישט געהאט קיין באשייד פון ווארשע און זי האט זיך נאך א מאל אנגעפרעגט, וואס זי זאל טון (מער וועגן דאזיקן ענין האב איך אין די אקטן נישט געפונען). פון זיך אליין מאכט די אויגוסטאווער גוב.-פארוואלטונג אן אויספיר, אז לויט איר מיינונג דארף דער באפעל פון יולי 1853, אפילו ווען ער זאל אין רוסלאנד האבן אן אבסאלוטע קראפט איבער אלע פאסלאזע יידן, זיך נישט באציען אויף 14-יעריקע קינדער, וועלכע קענען נישט נישט די שפראך און נישט די פארשריפטן און זייער באדייטונג. באשטראפט דארפן ווערן דער שניידער זאמער אין דער גראדנער קהל, ווייל זיי האבן באוווסטזיניק צוזאמען אנגערעדט בראמען צו ענדערן זיין געבורטס-ארט און נאמען.

די גובערניע-פארוואלטונג האט קענטיק געוואלט אפראטעווען דאס קינד פון קאנטאניסטן-גיהנום, דאגעגן האט זי געשטרעבט צו באשטראפן שימקאווסקין פאר אוועקפירן דאס יינגל.

דער צווייטער אקט באציט זיך אויף א פאל, וואס האט געהאט א מער טראגישן פארלויף. א ווארשעווער יונגערמאן האט זיך צופעליק געפונען אין

שטעטעלע וואָלטשינסק, גראָדנער קאַנט, וואַרשיינלעך אויף אַרבעט. דאָרט האָט מען אים געכאַפּט און אָפּגעגעבן פאַר אַ רעקרוט אַלס פּאַספּאַרטלאָזן. דער אַלטער פאָטער זיינער האָט זיך געווענדעט מיט אַן אַנקלאַגע צום פאַרזיצער פון דער רעגירונגס-קאָמיסיע פאַר אינערלעכע און גייסטלעכע ענינים. דער לעצטער האָט זיך געווענדעט וועגן דאָזיקן ענין צום נאַטשאַלניק פון גראָדנער גובערניע. דעם 20-סטן אָקטאָבער 1856 איז אָנגעקומען פאָלגענדער ענטפער אין דער רוסישער שפּראַך:

„צוליב אייער שרייבן פון 16-טן אויגוסט האָב איך דעם כבוד אייך צו מעלדן אויפן סמך פון ידיעות, וועלכע מיר האָט צוגעשטעלט די גראָדנער רעגירונגס-פּאַלאַטע, אַז דעם פאַריקן 26-טן יולי האָט דער באַפולמעכטיקטער פון וואָלטשינסקער קהל, בריסקער אויעזד, צוגעשטעלט אין גראָדנער רעקרוטן-אַמט אויפן חשבון פון די שטראָף-רעקרוטן פאַר נישט-באַצאָלטע שטייערן-חובות, וואָס קומען פון וואָלטשינסקער קהל. דעם פּאַסלאָזן ייד יחיאל בן אברהם גאָלדמאַן מיט אַ צייגניש פון פּריסטאַוו פון בריסקער אויעזד, אַרויסגעגעבן די וואָלטשינסקער ראשי-הקהל דעם 15-טן יוני, אַז דער פאַרמשפּטער ייד איז געוואָרן פאַרהאַלטן דורך די וואָלטשינסקער קהל-לייט אין שטעטעלע וואָלטשינסק אָן אַ פּאַס און, אַז דער יונגערמאַן האָט אויפן פאַרהער דערקלערט, אַז ער שטאַמט פון קעניגרייך-פּוילן. נאָכן באַטראַכטן דעם יידן אין רעקרוטן-אַמט, ווי ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס דינסטפעאיק, איז ער געוואָרן צוגענומען פאַר אַ רעקרוט אויפן סמך פון קייזערלעכן באַפעל פון 29/7 1853 און איז געוואָרן פאַררעכנט דעם וואָלטשינסקער קהל."

דער אָפּגעגעבענער גלאַזמאַן איז נישט געוואָרן באַפרייט און דער פאָטער זיינער איז אין קורצן געשטאָרבן. דער זעלבער גורל האָט דעמאָלט געטראָפן זייער אַ סך יידן פון פּוילן, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אויסער די פּוילישע גרענעצן. אין יאָר 1854 האָט מען אין קאָוונע געכאַפּט און אָפּגעגעבן פאַר סאָלדאַטן אַלס פּאַסלאָזע 33 יידן, וואָס האָבן געשטאַמט פון סוואַלקער קאַנט. די אויגוסטאָווער גובערניע-פאַרוואַלטונג האָט זיך געפילט באַעוולט, וואָס מ'האָט איר צוגענומען „אירע" יידן. זי האָט זיך געווענדעט צום קייזערלעכן נאַמיעסטניק אין וואַרשע מיט אַ פאָדערונג, אַז די יידן פון איר גובערניע, וועלכע מ'האָט געכאַפּט און אָפּגעגעבן אין קאָוונע, זאָלן פאַררעכנט ווערן אויפן חשבון פון קאָנטינגענט-רעקרוטן, וואָס פאַלט אויס אויף

אויגוסטאָווער גובערניע. דער נאַמיעסטניק האָט דערפילט די בקשה פון דער דערמאָנטער גוב.־פאַרוואַלטונג און האָט דעם 22־טן מאַי 1854 אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די 33 יידן פון סוואַלקער קאַנט, ווי אויך אַלע אַנדערע יידן פון פוילן, וועלכע וועלן ווערן אָפּגעגעבן אין דער אימפּעריע (אַלס פּאַסלאַזע) פאַר סאָלדאַטן, זאָלן ווערן אַריינגערעכנט אין חשבון פון די שטעט, פון וועלכע זיי שטאַמען.

עס איז באַשערט געווען, אַז אויך פוילישע יידן זאָלן דערפילן אויף זייער הויט דעם טעם פון דער אַלגעמיינער כאַפּעריי.

אין דער „יעווריעיסקאַיא סטאַרינאַ“ פון 1910 איז געוואָרן איבערגעדרוקט אַ קוויטאַנץ פון איינעם, וואָס איז געוואָרן געכאַפּט דורך אַ צווייטער פאַמיליע אַלס פּאַספּאָרטלאָזער און איז געוואָרן אָפּגעגעבן פאַר איר אין מיליטער. נאָך עלף יאָר דינען איז ער געקומען אַ היים אויף אורלויב און באַקומענדיק פון דער פאַמיליע, וואָס האָט אים געהאַט געכאַפּט און אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט, אַ געלט־באַפרידיקונג, האָט ער איר אַרויסגעגעבן פאָלגנדע כאַראַקטעריסטישע קוויטאַנץ (איבערגעזעצט פון רוסיש):

„געגעבן פון מיר דעם אונטן־אונטערגעשריבענעם, זעלנער פון דער 2־טער ראָטע פון פירטן מענשיקאָוו פולק, משה (אָווסיעי) בן וואָלף פעטליוק, צייטווייליק אויף אורלויב אין פינסק, דעם פינסקער ייד, משה בן מרדכי פעלדמאַן, אַז אַזוי ווי אין יאָר 1855 בין איך געכאַפּט געוואָרן דורך פעלדמאַנען אָן אַ פּאַס און בין געוואָרן אָפּגעגעבן דערפאַר, איינשטימיק מיטן אַלערהעכסטן מאַניפעסט, אינם זעלבן יאָר פאַר אַ רעקרוט פאַר פעלדמאַנס פאַמיליע, און באַקומענדיק היינט פון משה פעלדמאַנען אַ פולע באַפרידיקונג אין באַרעס געלט פאַר מיין אַריינטרעטן אין מיליטער־דינסט פאַר זיין פאַמיליע, דערקלער איך און באַשטעטיק דערמיט, אַז מער האָב איך נישט און וועל נישט האָבן צו פעלדמאַנען אָדער צו וועמען עס איז פון זיין פאַמיליע קיין שום פּרעטענזיע.

אויף דעם שרייב איך זיך אייגנהענטיק אונטער. דעם 19־טן יאַנואַר 1866 יאָר.

„אָווסיעי, זון פון וואָלפן, פעטליוק באָראָדעצקי“.

ט.

א. ש. פרידבערג

צו יענע יארן פון דער אלגעמיינער כאפעריי באציען זיך די אינטערעסאנטע זכרונות, וואס דער באקאנטער העברעאישער שריפטשטעלער, א. ש. פרידבערג, מחבר פון די פאפולערע היסטארישע דערציילונגען „זכרונות לבית דוד“, האט פארעפנטלעכט אין סאקאלאווס „ספר-השנה“ פון 1902. די זכרונות באציען זיך הויפטזאכלעך צו די כאפערס און געכאפטע. וועגן די קהל-לייט דריקט ער זיך אויס אין זייער שארפע ווערטער:

> „זיי זענען נישט ווערט, זיי זאלן ווערן צוגערעכנט צו אברהמס קינדער, ווייל זיי זענען געווען ווייט פון רחמנות ווי די ערד פונם הימל. דאס איז די חטאת-הקהל, וואס האט דערגרייכט ביזן הימל. קהלס רשעות האט נישט געוווסט פון קיין זאטקייט ווי דער קבר. ער איז געווען פול מיט רויב פון די ארעמע, פול מיט געוויינען פון די אומבאהאלפענע, מיט בלוט פון אלמנות און יתומים, וואס האט זיך געגאסן ווי וואסער ארום דעם „קהל-שטיבל“, וואס האט זיך געפונען אין דער גרויסער שול פון מיין שטעטל. דארטן, אינם הייליקן שטיבל, האט געברענט דאס רשעות ווי פייער. אזעלכע מערדערייען און אומגערעכטיקייטן ווי אינם קהל-שטיבל האט מען נישט געזען און נישט געהערט ביי קיין שום שונא-ישראל, אנהייבנדיק פון פרעה און המן ביז נבוזראדן, אדריאנוס און טארקוועמאדא.
>
> איך וועל גישט רעדן וועגן די פארשידענע שטייערן, ווי: קאפ-שטייער, ליכט-אפצאל, וועלכע זענען געלעגן, דער עיקר, אויפן פראסטן פאלק און פאר וועלכע די יידישע גבאים-זשאנדארמען פלעגן זיי פארשטערן די שבתים און ימים-טובים, צונעמענדיק ביי זיי די קישנס, לייכטער, חומשים און אלץ, מיט וואס זיי האבן נאר באדעקט זייערע לייבער, אין דער צייט, ווען די רייכע און תקיפים ביים קהל זענען געווען באפרייט פון דעם אלעם, — די גרעסטע און שרעקלעכסטע עוולה איז געווען דאס כאפן קרבנות פונם ארעמען פאלק פאר רעקרוטן.“

פרידבערג מיינט די שרעקלעכע צייט פונם קרימער קריג, די יארן 1853—1856 ווען מ׳האט גענומען עטלעכע מאל רעקרוטן ביי יידן און עס איז פארגעקומען די בארימטע כאפעריי. פרידבערג דערציילט ווייטער וועגן קהל:

„דעמאלט האט קהל געטון, וואס ער האט נאר געוואלט. מ׳האט געכאפט אלט און יונג. אין די באפעלקערונגס־ביכער פלעגן זיי טון וואס עס איז פאר זיי געווען גוט. ארעמע פלעגט מען אויסשטרייכן אלס געשטארבענע אדער מ׳פלעגט זיי גאר צושרייבן א סאך פרעמדע קינדער, כדי זייערע פאמיליעס זאלן דארפן געבן רעקרוטן לויט דער ריי. מ׳פלעגט אפגעבן פאר סאלדאטן עלטערע מענטשן, וואס האבן שוין געהאט אייניקלעך. עס פלעגן ווערן אפגעגעבן אלע דריי צוזאמען, ד. ה. דער פאטער, זון און אייניקל“.

פרידבערג דערציילט ווייטער, אז פון סעמיאטיטש האט מען געבראכט אין רעקרוטן־אמט פון זייער שטאט א פינפיעריק יינגעלע, וואס האט געהאט אויף זיך נאר א העמדל און א ציצית־כנפות. דאס יינגעלע איז געווארן צוגענומען פאר א רעקרוט.

אויף דער פראגע, ווי אזוי די רבנים האבן זיך באצויגן צו די חילדקייטן און אכזריותן פון די קהל־לייט, ענטפערט פרידבערג, אז אין גרעסטן טייל האבן זיי נישט געהאט קיין מוט און מעגלעכקייט אנטקעגנצושטעלן זיך די תקיפים און רשעים. עס האבן זיך אבער אויך געפונען געציילטע רבנים, וועלכע האבן אויפגעהויבן א בונט קעגן קהל און רעקרוטן־שטיבל. עס זענען געווען פאלן, ווען דאס פאלק האט חרוב געמאכט דאס קהל־שטיבל און ארויסגעלאזט די פארהאלטענע רעקרוטן־קאנדידאטן. דאס זענען אבער געווען ווייניקע אויסנאמען, אזוי דערציילט פרידבערג וועגן א רבי, ר׳ אליהו פון דירעטשין, וועלכער איז אנגעקומען אין דער שטאט, ווו פרידבערגס עלטערן האבן געוווינט. אין דער צייט, ווען מ׳האט געכאפט פאספארטלאזע יידן, און האט אויפגעהויבן אזא געוואלד קעגן די ווילדע מעשים פון קהל, אז דאס פאלק איז אים נאכגעגאנגען. דער רב האט געהאלטן אין דער האנט א האקאלע, וועלכע זענען נאכגעגאנגען דעם רבי, האבן אויך געכאפט העק. זיי זענען צו צום ארעסט־שטיבל, צעבראכן די ריגלען און באפרייט דריי פארהאלטענע. דאן האט ער צונויפגערופן אלע קהל־פארשטייער און זיי באשווירן, זיי זאלן מער אזעלכע שווידערלעכקייטן נישט טון. דאס כאפן האט אבער דאך נישט אויפגעהערט, ווייל עס האט נישט געקאנט אויפהערן.

די אומגליקלעכע מוטערס פלעגן קומען אין שול אריין וויינען, עס האָט אָבער קנאפּ וואָס געהאָלפן. מ׳פלעגט זיי מאנכעס מאָל ארויסוואַרפן.

פרידבערג דערציילט פאָלגענדע געשיכטע, וועלכע עס האָט אים איבער־געגעבן יעקב דינעזאָן, וואָס האָט זי געהערט פון זיין פאָטער:

איינמאָל אויף א שבת איז קיין ניי־זאַגער געקומען דער באַוווסטער רב יאַנקעלע בויסקער. אין מיטן שמונה־עשרה איז אריינגעקומען אין שול אַן אלמנה און אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען, ווייל מ׳האָט איר איינאיינציק קינד אָפּגעגעבן פאַר א רעקרוט אַנשטאָט א גבירס א קינד. דער פּרנס־חודש האָט א געשריי געטון צום שמש

„חיים, וואַרף ארויס די חצופה!״

דער שמש האָט אזוי געטון. פּלוצלונג איז רב יאַנקעלע בויסקער ארויף אויפן באַלעמער, האָט אויפגעעפנט דעם אָרון־קודש, ארויסגענומען א ספר־תורה און אויסגערופן צום עולם:

„הייליקע תורה! אין דיר שטייט געשריבן אין גאָטס נאָמען: „שלח תשלח את האם ואת הבנים תקח לך״, ד. ה. אַוועקשיקן זאָלסטו די מוטער און די קינדער זאָלסטו דיר צונעמען. כ׳בין שוין אלט 80 יאָר און האָב נאָכנישט זוכה געווען צו זעען, אז די מצווה זאָל מקוים ווערן אזוי, ווי דער פּרנס־חודש האָט זי היינט מקיים געווען. אַן אומגליקלעכע מאַמע האָט ער געפונען, האָט ער זי געהייסן ארויס־וואַרפן און איר איינאיינציק קינד האָט ער זיך צוגענומען. זאָג, הייליקע תורה, צי האָט ער געטון אזוי, ווי דו הייסט, און זאָל עס אים אָפּערן באַצאָלט אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט!״

דידאָזיקע ווערטער האָבן אזוי אויפגעברויזט אַלע יידן, אז זיי זענען אַוועק אין קהל־שטיבל, האָבן אויפגעבראָכן די טיר און באַפרייט די געפאַנגענע. *)

---

*) אין דער „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ״ פון 1916 ז׳ 396 ווערן דערציילט נאָך פאָלגענדע פאַקטן: דער רב אליהו שיק, באַקאַנט מיטן נאָמען: אלינקע דער לידער, האָט איינמאָל אָנגעטראָפן אין בראָנע א קהל־תקיף פון וואָלקאָוויסק, ווי מ׳האָט אָפּגעגעבן רעקרוטן נישט בלויז פאַרן לויפנגן נאָבאָר, נאָר אויך פאַר די קינסטיקע. ער האָט פון אים געפאָדערט צו מאַכן א סוף צו די מעשים־תעתועים אין זיין שטאָט. דער תקיף האָט אָפּגעזאָגט. דעמאָלט האָט אים דער רב אָרויסגעלאָזט צחוי־פּעטס. דער תקיף האָט זיך באַקלאָגט פאַרן גובערנאַטאָר און מ׳האָט דעם רב איינגעזעצט אין תפי־

ווייטער דערציילט פרידבערג:

„אין יענע צייטן פלעגן מחנות אָרעמע יידן זיך לאָזן פון דער הונגעריקער ליטע צו דרום צו קיין וואָלין און נאָך ווייטער זוכן ברויט און פרנסה. די וואָלינער יידן פלעגן פיינט האָבן די ליטוואָקעס פונקט ווי די פוילישע יידן האָבן זיי פיינט געהאָט.

אין דיזאָזיקע שרעקלעכע יאָרן פלעגט פאָסירן, אז די באלעגאָלעס האָבן פארקויפט זייערע פאסאזשירן די כאפערס. געשעען איז עס אויף אזא אופן. די אָרעמע ליטוואָקעס האָבן נישט געהאָט קיין געלט צו באצאָלן פאר דער נסיעה. זיי פלעגן אוועקגעבן דעם פורמאָן די פעסער און קומענדיק אויפן אָרט און פארדינגנדיק זיך צו אַן אַרבעט, האָבן זיי גענומען אָפּצאָלן פאר דער רייזע. אין וועג פלעגן מאנכע פאסאזשירן פארשווינדן. דיזאָזיקע פארשווונדענע זענען פשוט פארקויפט געוואָרן”.

די ערשטע שטאָט, וועלכע האָט זיך באנוצט מיטן נייעם באפעל וועגן

סה. אין שטאָט איז אָבער געוואָרן אזא רעש, אז דער תקיף האָט זיך געמוזט אליין באמיען, מ׳זאָל דעם רב באפרייען.

אינם יאָר 1853 איז אריין אין מינסקער שול א פרוי, וועלכע האָט שטארק געוויינט און ניט געלאָזט ארויסנעמען די ספרי-תורות, ווייל די כאפערס האָבן געהאט צוגענומען ביי איר איר בן-יחיד. צוערשט זענען אלע מתפללים געבליבן שטיל און פארלוירן. דערנאָך האָט זיך דער גבאי צעבייזערט אויף דער יידענע און געשריען: „וואָס פארא חוצפה דאָס איז פון א יידענע צו שטערן דעם דאַווענען. קוקט ניט אויף איר און נעמט ארויס די תורה”. מ׳האָט די פרוי אָפּגעשטויסן און ווייטער געדאַוונט. די אומגליקלעכע מאַמע איז צו צום אָרון-קודש און אויפהייבנדיק די הענט און אויגן צום הימל האָט זי אויסגערופן מיט געוויין: „רבונו של עולם, דו שטאָלצירסט מיט אונזער פאָטער אברהם, ווייל ער האָט מסכים געווען צו ברענגען זיין זון יצחק פאר א קרבן. הייס מיר שחטן מיין איינאייניציק קינד און איך וועל דאָס באלד טון, נאָר צי וועלסטו געקאָנט פועלן ביי אברהמען, ער זאָל אוועקגעבן יצחקן אויף אָפּצושמדן אים?” — מיטן דאָזיקן פראָטעסט אנטקעגן גאָט איז די אָרעמע מוטער אוועק פון שול.

רב ברוך הלוי עפשטיין דערציילט אין זיין בוך: „מקור ברוך” וועגן זיין זיידע ר׳ יעקב בערלין, דעם פאָטער פון בארימטן וואָלאָזשינער ראש-ישיבה ר׳ נפתלי צבי יהודה בערלין (הנצי״ב), אז זייענדיק דער חשובסטער באלעבאָס אין שטעטל מיר, האָט ער איינמאָל צוזאמען מיטן רב און אנדערע באלעבאטים אויפגעהעצט די שטאָט-מענטשן קעגן קהל פאר פארשפארן אין רעקרוטן-שטיבל קליינע קינדער. דאָס גאנצע שטעטל איז באפאלן דאָס „שטיבל”, אָפּגעהאקט די שלעסער און באפרייט די קינדער. ר׳ יעקב בערלין האָט דערפאר געהאט אויף זיך שפעטער א משפט אין מינסק.

כאפן פאסלאזע יידן, איז געווען בארדיטשעוו. דארטן האט די קהלה אליין איינגעארדנט א געיעג אויף אזעלכע יידן-ליטוואקעס. לויט ווי פרידבערג גיט אן זענען אין דער ערשטער פארטיע געכאפטע אריינגעפאלן ביז 500 ליטווישע יידן.

אט וואס פרידבערג דערציילט:

„אין איינעם פון די שרעקלעכע טעג, אהיימגייענדיק פון שול נאך שחרית, בין איך געבליבן פלוצלינג דערשראקן פון א שרעקלעכן בילד, וואס האט מיך טיף אויפגעטרייסלט און געמאכט מיך זינלאז. א גרויסער המון איז געלאפן אין די זייטן וועג ארום א מחנה באוואפנטע סאלדאטן, וועלכע האבן געפירט יידן. נעבן יעדן ייד זענען געגאנגען צוויי זעלנער. די געזיכטער פון די פארהאלטענע זענען געווען ווייס ווי קאלך, די אויגן איינגעזונקען אין די לעכער, די קני ציטערנדיקע און די ציין האבן געקלאפט פאר שרעק. איך האב געהערט דערציילן, אז דאס זענען געכאפטע ליטוואקעס, בעלי-מלאכות, ביז 500 מאן; זיי זענען פארהאלטן געווארן ביינאכט אלס פאסלאזע און דארפן גלייך אוועקגעשיקט ווערן געשמידטע אין קייטן קיין סעוואסטאפאל אין קריג...״

דער באלעגאלע, וואס האט פארקויפט יידן, האט געהייסן ישעיהו קאריצער. ער האט געפירט רייזנדע פון זשיטאמיר קיין אדעס. פרידבערג איז אויך געפארן מיטן דאזיקן ישעיה. אויפן גאנצן וועג האבן כאפערס בעלויערט אויף פאסלאזע און טאמער האבן זיי נאר דערשפירט, אז עמעצער איז אן א פאס. האבן זיי אים גלייך אויפגעכאפט. אין באלטער קאנט, דערציילט פרידבערג, האט מען געכאפט א קליין יינגעלע, א שניידערס א זון. ווען דער פאטער איז געלאפן אים אפראטעווען, האט מען אים אויך געכאפט און ביידע, דעם טאטן מיטן זון, אפגעגעבן פאר רעקרוטן.

אין א וואלד נעבן טשיטשעלניק איז געגאנגען אן אלטער בלינדער חזן מיט זיין 10-יאריק יינגעלע. דער אלטער איז געווען חזן אין טשיטשעלניק. אויפן וועג האבן די כאפערס פארכאפט דאס יינגעלע און נישט בעלייגט קיין אכט אויף די געוויינען פונם אלטן חזן. צומארגנס האט מען געפונען דעם אלטן אין וואלד א פארפרוירענעם אויף טויט: ער האט נישט געפונען דעם וועג א היים.

נאך דערציילט פרידבערג אזא שוידערלעכן פאל: א ייד האט באהאלטן

זיינע צוויי זין אין א דאָרף בײַ א קריסט. דעם ווייב אָפילו האָט ער נישט דערציילט, ווו זיי זענען באַהאַלטן, זי זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּן מיטן סוד. דער ייד איז געווען א קצב. איינמאָל איז געקומען צו דער מוטער פון די צוויי באַהאַלטענע זין, דער קצבטע, א קריסטן און געבעטן כשר פלייש פאַר צוויי יידישע קינדער, וואָס זענען בײַ איר באַהאַלטן און ווילן נישט עסן קיין טריפה.

די יידענע האָט זיך אויסגעפרעגט אלע פרטים, ווו די יינגלעך זענען באַהאַלטן. פלייש האָט זי געגעבן גאָר א סך און האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר א באַרמהאַרציקע. אונטערווײַלעכץ האָט זי גענומען כאַפּערס און געגאַנגען כאַפּן די צוויי יינגלעך, וועגן וועלכע זי האָט זיך געהאַט אויסגעפרעגט בײַ דער קריסטין, כדי זיי אָפּצוגעבן פאַר אירע קינדער.

מ׳קאָן זיך פאַרשטעלן, וואָס מיט איר איז געשען, ווען זי האָט דערזען אירע אייגענע קינדער געכאַפּטע.

אין באַלטע האָט מען אויך פרידבערגן געכאַפּט, פאַרשפאַרט אין קהל-שטיבל און געוואָלט אָפּגעבן פאַר א רעקרוט. על פי נס איז אים געלונגען אַרויסצוקריגן זײַן פּאַס פונם באַלעגאָלע, בײַ וועלכן ער האָט זיך געפונען אלס משכון, און ער האָט זיך אָפּגעראַטעוועט. צוויי באַלטער באַלעבאָטים האָבן אים געהאָלפן זיך אַרויסצובאַקומען פון די כאַפּערס נעגל. זיי האָבן געהייסן: שמואל אליעזר לובאַרסקי און אַלטער שלמהליס.

אין דער העברעאישער וואָכנשריפט „המליץ“ (שפּעטער דערשינען אַלס טעגלעכער אָרגאַן) פון 17 יאַנואַר 1861, ד. ה. עטלעכע יאָר נאָך די באַטריבענע פאַקטן, ווען זיי זענען נאָך געווען גענוג פריש אין זכרון, שרייבט איינער, יקותיאל בערמאַן, וועגן די מערדערייען פון אייגענע קעגן אייגענע און גיט איבער פאָלגענדע פרטים: „פאַר 30—40 רובל פלעגט מען קויפן אַזעלכע קרבנות. פאַרנדיק דעמאָלט איבער וואָלין האָט ער, דער דערמאָנטער בערמאַן, געהאַט בײַ זיך א רעוואָלווער און איז געווען גרייט צו קעמפן מיט די כאַפּערס אויף לעבן און טויט. וואָלין איז געווען אין דעם פּרט זייער א געפערלעכער קאַנט. אויף די וועגן און אין די שטעט האָט מען באַגעגנט באַנדעס כאַפּערס מיט א געזאַנג אויף די ליפּן. אין די וועגענער זענען געלעגן געבונדענע יונגעלייט.

אין זשיטאמיר איז צוגעקומען צו א קרעמער אן ארעמע פרוי מיט צווי קליינע קינדער און געבעטן א נדבה אויף שבת. עס איז געווען פרייטיק. דער קרעמער האט איר דערלאנגט עסן און געהייסן צוווארטן: ער וויל איר, הייסט עס, אויך געבן ליכט אויף שבת. דערווייל האט ער א חונק געטון דעם משרת. עס זענען אנגעקומען די כאפערס און צוגעכאפט דעם עלטערן יינגל. עס האבן נישט געהאלפן די געוויינען פון דער אומגליקלעכער ארעמער מוטער״.

י.

יהודה לייב לעווין (יהל״ל).

וועגן דער דאזיקער טרויעריקער צייט האט דער העברעישער פאעט יהל״ל פארעפנטלעכט אין „ספר-היובל״, וואס איז געווארן ארויסגעגעבן אינם יאר 1904 לכבוד סאקאלאווס 25-יעריקער שריפטשטעלערישער ארבעט, פאלגענדע רירנדע זכרונות (מיט פארקירצונגען):

> „עס איז געווען אינם יאר 1854 — תרי״ד. עס איז געווען א יאר פון שרעקלעכע צרות פאר יידן, א יאר פון כאפערס און געכאפטע. א יאר, אויף וועלכן מ׳האט געזאגט, אז משיח דארף קומען. א רמז האט מען געפונען אינם פסוק: והיה כאשר תריד... ופרקת... תריד, האט מען געטייטשט, מאכט תרי״ד... איך בין דעמאלס אלט געווען ניין יאר און האב געוווינט מיט מיינע עלטערן אין מינסק.
>
> איינמאל זומערצייט קומענדיק אין חדר האב איך דארט קיינעם נישט אנגעטראפן. די רביצין האט מיר דערציילט, אז דער רבי האט זיך באהאלטן פאר די כאפערס. די קינדער זענען אויך געווען פארשלאסן אין די הייזער. די צרה האט זיך אויסגעגאסן אויף יונגע און אלטע. קינדער האט מען ארויסגעשלעפט פון די בעטלעך, חתנים פון אונטער דער חופה, אלטע יידן פון די שטובן און מ׳האט זיי אפגעגעבן פאר רעקרוטן. באזונדערס טרויעריק איז געווען דער גורל פון די „נעלמים״ אדער באהאלטענע, ד. ה. די נישט איינגעשריבענע, וועלכע האבן ממילא נישט געקאנט האבן קיין פאספארטן. יעדער איינער האט געקאנט כאפן אזא איינעם און אפגעבן אים פאר א רעקרוט — פאר זיך אדער פאר געלט צו א צווייטן.

און יידן — תפילין־לייגערס. ציצית־טראגערס. וואס דאווענען דריי מאל אין טאג — זענען ארויס קאמפאניעסווייז איבער די שטעט און דערפער, האבן געלויערט אויף די וועגן און געכאפט מענטשן... מיט א טרויעריק געמיט בין איך אהיים געגאנגען. אין דער היים האב איך געפונען בלויז די דינסט אין קוך. איך האב געפרוווט עפענען א טיר אין א צווייט צימער, איז זי געווען פארשלאסן. איך האב געעפנט נאך א טיר און האב דערזעען, אז די לאדנס זענען פארמאכט. פינסטער. „וואס איז געשען?“ — האב איך זיך געפרעגט. איך בין אזוי געשטאנען א פאר מינוט און דערזעען, אז א ייד מיט א בארד ליגט אויסגעצויגן אויף דער פאדלאגע. איך האב זיך איינגעקוקט און דערקענט אין אים ר׳ פייוישן דעם בעקער. עס איז מיך באפאלן א שרעק און איך האב א געשריי געטון: אוי! די דינסט איז אריינגעקומען, האט זיך אנגעבייזערט אויף מיר און ארויסגעפירט מיך פונם צימער. איך האב זיך געבעטן ביי איר. זי זאל מיר זאגן, וואס דאס באדייט. און נאך דעם ווי איך האב זיך פאר איר געשווירן מיט כלערליי שבועות, אז איך וועל קיינעם נישט מגלה־סוד זיין, האט זי מיר דערציילט, אז רב פייויש באהאלט זיך אויס ביי אונז פאר די כאפערס.

די כאפערס האב איך שוין געקענט. איך האב געוווסט, אז זיי כאפן קינדער, אבער, אז זיי זאלן כאפן אויך רב פייוישן, וואס איז שוין א דערוואקסענער ייד און האט שוין דערוואקסענע קינדער, דאס האב איך בשום אופן נישט געקאנט באגרייפן.— — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

איך האב געבעטן די דינסט און זי האט עס מיר צוליב געטון, אז איך זאל ברענגען פאר רב פייוישן יעדן טאג מיטאג. טאג טעגלעך בין איך דורכגעגאנגען די שטאט ביז צום טייך, ווו רב פייוישעס הויז איז געשטאנען. די גאס איז געווען ליידיק און וויסט. די לופט איז געווען אנגעזאפט מיט עגמת־נפש און געשטיקט יעדן דורכגייער. כמעט אלע באלעבאטים האבן זיך אויסבאהאלטן. ווו איינער האט געקאנט. בלויז אין איין הויז איז געווען טומלדיק. דאס איז געווען די שענק, ווו עס זענען זיך צונויפגעקומען אלטע סאלדאטן, „דיאדקעס“. מיט די קליינע געכאפטע קינדער, אנגעטוענע אין זייערע משונהדיק גרויסע סאלדאטן־קליידער, די אויגן פול מיט טרערן. — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

איך אַליין האָב נישט געהאַט קיין מורא פאַר די כאַפּערס. איך בּין געווען אַ בּן־יחיד בּיי מיינע עלטערן. מיין פאָטער איז געווען פון די חשובֿע בּאַלעבּאַטים, אַ למדן און אַ גרויסער מיוחס פון בּיידע זייטן. מיין מאַמע איז געווען רב משה קאָבּרינערס אַ טאָכטער. דער דאָזיקער רב משה קאָבּרינער איז געווען בּאַוווּסט אַלס גרויסער צדיק. איך אַליין האָב געהערט צו די גוטע קינדער, עילויים, און אַזעלכע האָט קהל נישט אָנגערירט. — — — — — — — — — — —

איינמאָל האָב איך געזען אַ בּילד, וואָס האָט איבּערגעלאָזט אַ טיפע וווּנד אין מיין האַרץ, אַ וווּנד, וואָס איז בּיז היינט נאָכנישט פאַרהיילט, און וואָס פילט מיך אָן, ווען איך דערמאָן זיך נאָר אָן אים, מיט שרעק און ווייטיק.

אינמיטן העלן טאָג איז אָנגעפאָרן אַ וואָגן, געשפּאַנט אין צוויי גרויסע פערד. און האָט זיך דערנענטערט צו אַ שטוב. פון וואָגן זענען אַראָפּ זעקס גראָבּע יידן און זענען אַריין אין די שטוב. בּאַלד זענען זיי צוריק אַרויס אין דרויסן און האָבּן געהאַלטן אויף די הענט אַ יינגעלע פון אַ יאָר זעקס, וואָס האָט זיך געוואָרפן און געצאַפּלט אין זייערע הענט. זיי האָבּן אים געוואָרגן בּיים האַלז, כּדי ער זאָל נישט קאָנען שרייען. בּאַלד נאָך זיי איז אַרויס אַ פרוי מיט צעשויבּערטע האָר. זי האָט געשריגן מיט אַ שרעקלעך בּיטערן קול און האָט זיך געראַנגלט מיט די כאַפּערס. פיר פון זיי ד־האָבּן דאָס יינגעלע אַריינגעוואָרפן אין וואָגן און צוגעהאַלטן, ער זאָל נישט קאָנען שרייען, און די איבּעריקע צוויי האָבּן זיך געאַמפּערט מיט דער אומגליקלעכער מוטער, וועלכע האָט געיאָמערט: „קינד מיינס! פייגעלע מיינס!“ די כאַפּערס האָבּן זי אַנידערגעוואָרפן אויף דער ערד, זענען אַרויפגעשפּרונגען אויפן וואָגן און שנעל אָפּגעפאָרן. — — — — —

איך האָב אָנגעהויבּן צו שרייען און צו וויינען. איך ווייס נישט, וויאַזוי מיין פאָטער איז מיר אַנטקעגן געקומען און האָט מיך אַהיים געטראָגן. איך האָב געחלשט. פון דעמאָלט אָן בּין איך אַרומגעגאַנגען ווי אַ שאָטן.

איינמאָל בּיינאַכט האָט מיך אויפגעוועקט פון שלאָף אַ גערויש פון אַ געוויין. אין שטוב זענען דאָ פרעמדע מענטשן. דער טאַטע שרייט, די מאַמע שרייט. די שוועסטערן כליפּען, די דינסט קלאָגט.

אין חעמד בין איך אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און האָב דערזען, אַז די כאַפּערס זענען דאָ ביי אונז אין שטוב. דער טאַטע סענהט איין מיט זיי הויך אויפן קול. איינער פון זיי זאָגט צום טאַטן: „כ׳גיב אייך, מיין עצה, רב ברוך, איר זאָלט אַוועקגיין. לאָזט אונז טון אונזער זאַך, ווייל איר וועט באַדויערן. מיר זענען אייך מתרה־ה״.

דער טאַטע ענטפערט מיט כעס:

„זאָל זיין וואָס ס׳היל. ב׳וועל נישט אַוועקגיין פון דאַנען און איר וועט נישט נעמען דעם, וואָס האַלט זיך אויף אין מיין שטוב״.

די מאַמע האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר, ווו רב פייוויש איז געווען און האָט געשריגן:

„הרגט, הרגט רב משה קאַברינערס טאָכטער. איך וועל פון דאַנען נישט אַוועק״.

איינער פון די כאַפּערס האָט מיך אָנגענומען און געזאָגט:

„אויב איר גייט נישט אַוועק פון דאַנען, וועלן מיר נעמען אייער בן־יחיד״.

די מאַמע האָט זיך איבערגעשראָקן און האָט מיך באַהאַלטן אונטער אירע אָרעמס. דער טאַטע האָט זיך געבייזערט און געשריגן. די שוועסטערן און די דינסט האָבן אויפגעהויבן אַ יללה; די שכנות, וועלכע זענען זיך צונויפגעקומען, האָבן גענומען שיטן פעך און שוועבל אויף די כאַפּערס, ביז די מענטשן־חיות האָבן זיך דערשראָקן און זענען אַוועק זאָגנדיק, אַז זיי וועלן באַלד צוריקקומען מיט פּאָליציי. רב פייוויש איז דערווייל אַנטלאָפן דורך דעכער אין אַן אַנדער באַהעלטעניש.

צומאָרגנס איז דער טאַטע צוריקגעקומען פונם ראש־הקהל און מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל זיך נישט דרייען אין גאַס״...

א.

יחזקאל קאָטיק (1847—1921)

אין יחזקאל קאָטיקס מעמואַרן א. נ. „מיינע זכרונות״ (דערשינען אין וואַרשע 1911) געפֿינען זיך אויך אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן דער רעקרוטשינע. קאָטיק איז געווען אַ פּשוטער ייִד, ווייט פֿון וויסנשאַפֿטן און געשיכטלעכע מקורים. האָט די זכרונות געשריבן אוממיטלבאַר פֿון זכרון און האָט זיך שוואַך אָריענטירט אין דער היסטאָרישער און כראָנאָלאָגישער זייט פֿון דער רעקרוטשינע און קאַפּעריי. דאָך זענען זיינע דערינערונגען וועגן דער קאַפּעריי און רעקרוטשינע אין די לעצטע יאָרן פֿון ניקאָליי דעם ערשטן פֿון זייער גרויסער וויכטיקייט. די פֿאַקטן און איינדרוקן, וועלכע קאָטיק האָט באַהאַלטן פֿריש אין זכרון און שילדערט זיי מיט פּשטות און לעבעדיקער אוממיטלבאַרקייט אין זיינע „זכרונות״, שפּיגלען אָפּ די דעמאָלדיקע ווירקלעכקייט און דעריבער זענען זיי אַזוי וויכטיק. הגם מאַנכע דאַטעס און פּרטים זענען אָדער נישט קיין ריכטיקע, אָדער בלויז אַ פּראָדוקט פֿון זיין איינבילדונגסקראַפֿט. אויף די דאָזיקע אומפּינקטלעכקייטן וועל איך אָנווייזן אין די ציטאַטן גופֿא. קאָטיק דערציילט:

„אַקוראַט צו מיין אַכט-יעריקן עלטער איז אַרויס דער באַרימטער באַפֿעל, אַז מ'זאָל נעמען פֿון ייִדן אַכט-יעריקע ייִנגלעך פֿאַר זעלנער, כדי מ'זאָל זיי קאָנען טויפֿן. *) (קאָטיק באַמערקט. אַז דאָס איז געווען אינם יאָר 1855. ווי מיר ווייסן, זענען דער עצם באַפֿעל, ווי קאָטיק

---

*) אַלע ייִדישע משומדים, אַפֿילו די, וועלכע מ'האָט מיט געוואַלט אָפּגעשמדט אין די קאַנטאָניסטן-באַטאַליאָנען, ווען זיי זענען געווען קליינע קינדער — איז געווען שטרענג פֿאַרבאָטן צוריק־איבערצוגיין צום ייִדנטום, ווען זיי זענען געוואָרן פֿולייעריק און האָבן נישט געפֿונען קיין רו פֿאַר זייער נשמה בלייבנדיק אָפֿיציעל אָנגעהעריקע צום קריסטנטום.

אין אַלעקסאַנדער דעם 2-טנס „ליבעראַלע״ צייטן — אין די 60—70-קער יאָרן — האָט זיך געפֿירט אַ ריי פּראָצעסן קעגן אַזעלכע „אָפּטריניקעס״. זיי האָט גערודפֿט די גייסטלעכע (צערקווע), ווי די ציווילע מאַכט. מ'פֿלעגט ביי זיי קאָנפֿיסקירן דאָס פֿאַרמעגן און זיי גופֿא איבערשיקן אין די מאָנאַסטירן, וווּ מ'האָט געדאַרפֿט דערוועקן אין זיי תשובה-געפֿילן און מחזיר-למוטב זיין.

א. ל.

גים אים אן. און אויך די דאטע אין גרונט נישט קיין ריכטיקע. ארויס איז דאס געזעץ אינם יאר 1827 און קיינמאל איז נישט געווען אפיציעל דערלויבט צו נעמען 8־יעריקע, נאר 12־יעריקע. — א.ל.) אזעלכע עופעלעך האט מען גענומען נאר איין יאר. (ווידער אין גרונט נישט ריכטיק—א·ל.) דערנאך האט מען זיך ארומגעזועען, אז עס איז א שטיקל טעות. אפשר 1 פראצ. פון די אלע קינדער האט זיך געטויפט און דאס איז אויך אנגעקומען מיט גרויס נויט. (אויך ביי דער דאזיקער באהויפטונג האט קאטיק, ווי עס איז באקאנט פון די אנגעגעבענע פרטים און ציפערן אין דער פארליגנדער ארבעט, ליידער געהאט א גרויסן טעות. — א. ל.) — — — — — — — — — —

דעמאלס זענען געווען אין קאמעניץ (קאמעניץ ליטאווסק — קאביקס געבורטס־שטעטל — א. ל.) דריי כאפערס. איינער פון זיי — אהרן לייבעלע — איז געווען ממש א מערדער. האט לחלוטין נישט געהאט אין הארצן קיין פונק פון רחמנות. צו אים זענען געווען נאך צוויי: א חאצקל און א מאשקע. אט די כאפערס האבן געדארפט אויפכאפן א קליין אכט־יעריק יינגעלע פאר א זעלנער.

ביי אונז אין חדר, ביי מאטע מלמד, האט געלערנט צווישן די גרויסע באלעבאטישע יינגלעך איינער, א יתום פון א רייכן באלעגאלע, יאסעלע. מחמת ער איז געווען זייער א גוט און געראטן יינגל און די מוטער, די אלמנה, איז געווען א נגידה, האט זי געצאלט טייער מלמדות־געלט פאר אים, אבי ער זאל לערנען ביי א גוטן מלמד צווישן די יחסנישע קינדער. איינמאל אין מיטן טאג זענען אריינגעקומען צוויי כאפערס צו אונז אין חדר, געעפנט די טיר, געשטאנען אויפן שוועל און איבערגעקוקט די קינדער. איך מיט מיין פעטער ישראל — אויך א חדר־יינגל ביי מאטע מלמד — האבן באלד פארשטאנען, אז זיי זענען געקומען נעמען יאסעלען פאר א זעלנער. האבן מיר געכאפט די רביצינס לייכטער און געוואלט זיי ווארפן אין די קעפ אריין. דאריבער האבן מיר געשריגן צו זיי, אז באם זיי וועלן קומען צו אונז אין חדר, וועלן מיר זיי פלעטן די קעפ. געסטראשעט האבן זיי קינדער, דאך זענען זיי אנטלאפן.

איינמאל זענען מיר יינגלעך געגאנגען פון חדר מיטאג עסן. האט אהרן לייבעלע געוואלט כאפן יאסעלען. יאסעלע האט עס באמערקט. האט ער זיך ארויסגעכאפט צו מיר אויף דער פלייצע. האט

ער זיך ארויפגעכאפט צו מיר אויף דער פלייצע. האט שוין אהרן לייבעלע אפגעטראטן (ווייל דער מחבר און זיין פעטער ישראל זענען געווען דעם ראש-הקהלס אייניקל און זון — א. ל.). דערביי האב איך אין אים געווארפן א שטיין און געטראפן אין פלייצע. — — — דערנאך האב איך שוין יאסעלען אנגענומען פאר דער האנט און אוועקגעפירט צו זיך אהיים און געבעטן דער מאמען, אז זי זאל אים האלטן ביי אונז אין שטוב, געבן אים עסן, און שלאפן וועט ער מיט מיר ביז דער נאבאר וועט אריבער.

מיר, אלע יינגלעך, האבן זייער ליב געהאט יאסעלען פאר זיין חכמה און וויכקייט. אגב איז ער געווען זייער א שיין יינגעלע, ממש בלוט און מילך.

די פני האבן אבער פארט איבערגעגעבן די כאפערס צו כאפן נאר יאסעלען. קיין אנדערן אויף זיין ארט האבן זיי נישט געהאט קיין רעכט צו כאפן. האבן זיי אלץ געלויערט ארום יאסעלען. איינער האט זיך פארגנבעט און איז געזעסן אין א שטעלעכל געגנאיבער אונזער הויז טאג און נאכט און געהיטן, טאמער וועט יאסעלע ארויס פון אונזער שטוב, וועט ער אים כאפן. — — — — דריי וואכן איז יאסעלע געווען באהאלטן ביי אונז אין שטוב. אבער ליידער האט זיך יאסעלע פארבענקט נאך דער מוטער און ארויסגעכאפט זיך אין דרויסן. קיינער האט אים נישט באמערקט און ער איז גיך געלאפן צו דער מוטער. דעמאלט האט אים מאשקע געכאפט. עס האט שוין קיין זאך נישט געהאלפן. די מוטער האט, פארשטייט זיך, ביטער געוויינט... — — — — — — —

א פאר וואכן איז יאסעלע געזעסן אין שטיבל לעבן גרויסן בית-המדרש, וווּ עס איז געווען א פענסטער מיט אייזערנע קראטן און אן אייזערנע טיר. דארט פלעגן זיצן אלע יאר די נאוואבראנצעס, ביז מ'האט זיי אוועקגעפירט קיין בריסק צום איספראווניק. — — — — — —

יאסעלע האט ביטער געוויינט אין שטיבל און די מוטער לעבן שטיבל אין שיער נישט צעריסן געווארן וויינענדיק. — — — — — — —

דערנאך האט דער אסעסאר גענומען דריי דעסיאטניקעס מיט א פור און אוועקגעזעצט דאס קליינע יינגעלע. פון דער קאמער האט ער נישט געוואלט ארויסגיין, ער האט זיך שטארק געריסן, האט מען אים געבונדן און דערביי נישט געזשאלעוועט קיין קלעפ. די מאמע זיינע

איז ווײלנווייז געפאלן אין חלשות. זי האט באוויינט ראס קינד און געקלאגט דארויף, ער זאל זיך נישט שמדן. — — — — — — — — — —

די געוויינען פון דער מוטער מיטן קינד האבן זיך געהערט אין דער גאנצער שטאט. אין שטאט איז געווען א חורבן. אלע ווייבער און שוואכע מענער האבן מיטגעוויינט. אלע יינגלעך פון אונזער חדר (אנדערע מלמדים האבן נישט דערלויבט צו גיין) זענען אויך געקומען, ווען מ׳האט אים ארויסגענומען פון שטיבל און ארויפגעלייגט אויפן גרויסן וואגן מיט א פאר פערד אוועקצופירן. — — — די מוטער איז מיטגעפארן קיין בריסק מיט אן אנדער פור און האט דעם גאנצן וועג געחלשט. די גויים האבן איר געמונטערט. דאס קינד האט שוין ניכט געהאט קיין כוח צו וויינען און איז געלעגן א האלב-טויטער אין וואגן. וועגן דעם, אז ער האט שוין נישט געהאט פארזוכט פון עטלעכע טעג קיין עסן, איז איבעריק צו דערמאנען. — — — אז מ׳האט אים געבראכט קיין בריסק האט דער קלוסשוויט דערציילט דעם איספראווניק, וואס ער מיט די העלפער האבן זיך אנגעליטן פון דער מוטער אויפן וועג, פון איר וויינען און חלשן. דער איספראווניק האט געהייסן א דעסיאטניק אפפירן זי באלד צוריק קיין קאמעניץ. אז זי איז געקומען אהיים, איז זי אפגעלעגן צוויי טעג און געשטארבן. — — — — — — — — — — —

מיר האט דערציילט א געטויפטער קאנטאניסט, ווי אזוי מ׳ה׳אט אויסגעשמדט אין סאראטאוו מיט איינמאל זעקס קאנטאניסטן פון דרייסיק. דאס איז פארגעקומען אויף אזא אופן: אז קיין שמיץ האבן נישט געהאלפן, איז דער פאלקאווניק געפאלן אויף א נייעם שכל ווי אזוי צנויטן, זיי זאלן זיך טויפן. מ׳האט אריינגעפירט די דרייסיק קאנטאניסטן אין באד און מ׳האט אנגעהויבן צו געבן פארע אלעמאל מער און מער. דאס איז געווען אוממעגלעך איבערצוטראגן. זעקס האבן נישט אויסגעהאלטן און זיך געטויפט. די איבעריקע זענען געבליבן פארחלשטע. אז מ׳האט זיי דערנאך אפגעמינטערט, זענען דריי געבליבן טויט. מיין קאנטאניסט איז געווען צווישן זייער בייז אויף גאט. לויט זיין מיינונג האט קיין גאט נישט געקאנט זיין — קוים האט ער געקאנט צוזעען אזוי פיל יסורים און פיין. און אויב עס איז יא דא א גאט, איז ער נאר דער גאט פון שלעכטס...

יאָסעלע איז פאַרפאַלן געוואָרן ווי אין וואַסער אַריין. נאָר אין א יאָר אַרום, חנוכה צייט, איז געקומען קיין קאמעניץ א ראָטע זעלנער, וואָס האָט באַדאַרפט שטיין דאָ א פּאָר חדשים. ווי דערשטוינט זענען מיר געוואָרן, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז די ראָטע זעלנער פירט מיט זיך יאָסעלען דעם יתום. אריה לייב, א קוזין, האָט גלייך געבעטן דעם אָפיציר, אַז ער זאָל דערלויבן ברענגען יאָסעלען צו אונז. זענען עטלעכע סאָלדאַטן געקומען מיט יאָסעלען צום זיידן אין שטוב אַריין. יאָסעלע איז אַריינגעקומען א באָרוועסער, אין א גרויסן גראָבן גוישן העמד לאַנג ביז די טריט, אָן הויזן, אין א פּעלצל. דאָס פּנים פאַרשוואָלן. בלאַס ווי א טויטער. אַז מיר האָבן אים דערזען, איז געוואָרן א געוויין. מער פון אַלעמען האָב איך געוויינט, ווייל איך האָב אים ליב געהאַט און ער איז געווען מיין חבר. איך בין צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט: יאָסעלע! יאָסעלע! אָבער יאָסעלע היינט, יאָסעלע מאָרגן, ער ענטפערט נישט. ער איז געוואָרן אַן אידיאָט. און וואָס איך האָב נישט גערעדט צו אים, געבעטן און געוויינט: יאָסעלע, יאָסעלע, יאָסעלע, — איז געווען אין קול ואין עונה. אַז מען האָט אים געגעבן סיי מיט זעמל, האָט ער נישט געוואָלט נישט עסן און נישט טרינקען. עס איז נישט געווען מיט וועמען צו רעדן. מ'קאָן זיך פאָרשטעלן וואָס פאַרא קלאָג עס איז געוואָרן אין דער גאַנצער שטאָט. — — — — — — — — — —

איך בין געבליבן א צעבראָכענער און געוויינט נאָך אים וואָכן און חדשים. — — — — — — — — — — — — —

מ'האָט געפרעגט דעם אָפיציר, פונוואַנען קומט דאָס קאַנטאָניסטל אַהער, האָט ער געענטפערט, אַז ווען מ'האָט אַוועקגעשיקט אַלע קאַנטאָניסטן אין טיף רוסלאַנד, איז יאָסעלע בעווען קראַנק, ווייל ער האָט נישט געוואָלט עסן און נאָר געוויינט, ער איז געלעגן אין לאַזאַרעט אין פעסטונג. לאַנג איז ער געלעגן און פון נישט עסן און נישט טרינקען איז ער געוואָרן אַן אידיאָט. — — — — — — — — —

אין צוויי יאָר אַרום, תרט"ז—1856, איז שוין דאָס געזעץ בטל געוואָרן, איז אָבער אָנגעקומען א צווייטע צרה אויף יידן. עס איז אַרויס א פאַראָרדנונג, אַז איין שטאָט קאָן אָפּגעבן פאַר סאָלדאַטן יידן

פון אַנדערע שטעט (ווידער פאַרדרייט קאַפּיק די היסטאָרישע פאַקטן און מישט צונויף דאָס אָפּשאַפן די קאַנטאָניסטן-גזרה, וואָס איז געשען אין אויגוסט 1856, מיטן צייטווייליקן באַפעל וועגן כאַפּן פרעמדע פּאַסלאָזע יידן, וואָס איז אַרויס אין יולי 1853 און איז געוואָרן אָפּגעשאַפט דורך אַלעקסאַנדער דעם II צוזאַמען מיט דער קאַנטאָניסטן-גזרה דורך אַ געמיינזאַמען באַפעל פון 26 אויגוסט 1856 — אַ. ל.).

דעמאָלט איז געוואָרן אַן אמתע כאַפּעריי ביי יידן. מ'האָט זיך געשפּילט אין כאַפּעריי. אָבער דאָס איז געווען אַ גראַנדיעזע בלוטשפּיל. כאַפּערס זענען געקומען פון אַ ווייטער שטאָט און געכאַפּט זעלנער. זיי פלעגן קומען ביינאַכט און אַרויסנעמען די רייכסטע און שענסטע יונגעלייט, וואָס האָבן שוין געהאַט צו עטלעכע קינדער. אַט די סצענעס זענען געווען פון די שוידערהאַפטעסטע ביי יידן. די כאַפּערס זענען געקומען בשתיקה, קיינער זאָל נישט וויסן. געמאָלדן האָבן זיי זיך ביי דער פּאָליציי מיט אַ פּאַפּיר פון זייער איסבאָרשטשיק מיטן אַסעסאָר. אין פּאַפּיר איז געשטאַנען, אַז זיי זענען כאַפּערס. פּאָליציי האָט זיי געגעבן דעסיאַטניקעס מיט סאָלדאַטן און כאַפּן פלעגן זיי אין מיטן נאַכט אָנקלאַפּנדיק אין טיר. — — — — — — — —

און טאָמער האָט מען אַזוי גיך נישט געעפנט, האָבן זיי שוין געהאַט מיט זיך אַזעלכע אינסטרומענטן אויפצוהאַקן טירן מיט שלעסער. זענען באַלד אַריין, אַרויסגעשלעפּט פּשוט און מיט גרויס אַכזריות דעם יונגנמאַן און אַוועק. און אַז מ'האָט דערהערט אין הויז, אַז פּאָליציי קלאַפּט אין טיר, איז געפאַלן אויף דער גאַנצער פאַמיליע אַ טויט-שרעק. טיילמאָל האָט מען זיך שטאַרק געווערט קעגן די כאַפּערס. מ'האָט געכאַפּט אין די הענט העק, מעסערס, אייזנס, האַמערס. ווי זיי זענען אַריינגעקומען, איז דאָס גאַנצע הויזגעזינט באַפאַלן די כאַפּערס און געהרגעט זיי צום טויט. די כאַפּערס פון זייער זייט האָבן אויך נישט געשוויגן. אין שטוב פלעגט פאָרקומען אַן אמתע מלחמה. עס האָבן זיך געגאָסן טייכן בלוט. מ'האָט זיך געשלאָגן ביז די לעצטע כוחות און ווער עס האָט געהאַט מער כוח, דער האָט מנצח געווען. דאָס רוב האָבן די כאַפּערס געזיגט. האָבן זיי זיך אַנגעזעצט אויף אַ יונגנמאַן אים צו נעמען, האָט שוין קיין זאַך נישט געהאָלפן. די מוטערס פון די רעקרוטן זענען ס'רוב געשטאָרבן פון גרויס צער. די פאָטערס און די ווייבער זענען געבליבן קאַליקעס פון דער הויז-

מלחמה. דערנאָך האָט מען געהאַט אויף זיך קרימינעלע פּראָצעסן פאַר קעגנשטעלן זיך דער פּאָליציי א. א. וו. איז מען געזעסן אין די טורמעס און מ׳האָט געהאַט אויף זיך אַ משפּט. מ׳איז געוואָרן אָרעם און עס פלעגט ווערן אַ תּל פון אַ גרויסער און צומאָל רייכער פאַמיליע. — — —

עס איז קיין ווונדער נישט, וואָס אַ פאַמיליע פלעגט איינשטעלן דאָס לעבן מיטן האָב און גוטס, אַבי צו ראַטעווען דאָס קינד פון די זעלנער. דעמאָלס זענען אַלעמען גוט באַקאַנט געווען די צרות און די אכזריותן, וואָס אַ זעלנער האָט באַדאַרפט אויסשטיין אין זיינע 25 יאָר דינסט. — — — — — — — — — — — — — —

איך געדענק, ווי ביי אונז איז געשטאַנען אַ האַלבע ראָטע זעלנער און איך האָב געקאָנט זען, וויאַזוי עס איז צוגעגאַנגען דער מיליטער־דינסט פאַר ניקאָלייען. די זעלנער פלעגט מען מושטירן אין מאַרק. טאָמער האָט איינער נישט אַזוי גוט געמאַכט מיטן ביקס אָדער נישט אַזוי גוט געשטאַנען, האָט דער אונטעראָפיציר גענומען דרייען דעם זעלנער פאַר די אויערן, נאָז, און געפּאַטשט אָן רחמנות. אָדער ער האָט אים מיטן אייזערנעם שטעקל פון ביקס געשלאָגן מכּות־רצח. אַז דער זעלנער האָט זיך געבויגן אין פירן און איז אַזש געוואָרן בלוי.

געשמיסן האָט מען פאַר אַ מינדעסטער זאַך פאַר אַלעמען אין די אויגן. די ריטער זענען געווען יעדן טאָג פרישע. און יעדער שמיץ פון אַזאַ רוט פלעגט אויסרייסן אַ פּאַס פלייש פון לייב. ביי מאַשקען אין קרעטשמע איז איינגעשטאַנען אַן אָפיציר — אַ גרויסער מערדער. פלעגט מען אין מאַשקעס סטאָדאָלע שמייסן די זעלנער. געדענק איך דייטלעך די ריסער. יעדן טאָג האָט מען געהערט דעם קנאַל פון שמיץ. נאָכן שמייסן, אַז מיר יינגלעך פלעגן זיך אַריינכאַפּן אין סטאָדאָלע, פלעגן מיר געפונען די ערד אויסגעווייקט מיט בלוט. איינמאָל האָט דער אָפיציר פאַרשמיסן צום טויט דריי זעלנער. ער האָט געהייסן געבן צו 500 שמיץ. ביי 80—90 זענען זיי געבליבן טויט. דער אָפיציר איז געשטאַנען און געשריגן: פּאַקרעפּטשע (שטאַרקער).

יעדן איינציקן וואָס מ׳האָט אָפּגעגעבן פאַר אַ זעלנער, האָט מען באַדאַרפט כאַפּן. אַליין שטעלן זיך האָט מען נישט באַדאַרפט. נאָר אַז מ׳האָט אים געכאַפּט — איז געווען פאַרפאַלן. קאָן מען פאַרשטיין די הריגות, וואָס זענען פאַרגעקומען צווישן דער פאַמיליע פון רעקרוט

מיט די כאפערס. עס איז זיך שווער פארצושטעלן די שטיינערנע הערצער, וואס עס האבן באדארפט האבן די כאפערס. זיי זענען געווען א סאך עקלהאפטער פון א היינטיקן תלין. — — — — — — —

דער כאפער אהרן לייב איז געווען עפעס א חיה אין דער מראה פון א מענטשן. אויפן פנים איז אים געלעגן דער רוצח. אלע האבן אים שרעקלעך פיינט געהאט. מיט אים האט מען געסטראשעט קינדער און ער האט געדינט אלס א העטלעכער בייספיל פאר אלעמען. ווען איינער האט געוואלט דעם צווייטן זידלען מיט די שמוציקסטע ווערטער, האט ער אים געזאגט: דו ביסט דאך אהרן לייבעלע! דאס איז געווען אזא באליידיקונג, וועלכע עס איז שווער געווען צו שענקען.

וועגן דעם ווי אזוי איך האב יינגלווייז „געקעמפט" מיט די כאפערס, וועל איך נאך דערציילן אזא מעשה: איינמאל בין איך געשטאנען נעבן דעם מגידס שטוב מיט נאך א פאר יינגל'עך. אין דער זעלבער צייט איז מאדנע האסטיק דורכגעלאפן רוד דער סטאליאר. דערפון האב איך פארשטאנען, אז אהרן לייבעלע יאגט אים און וויל אים געוויס כאפן פאר א זעלנער. אזוי איז טאקע געווען. באלד נאך אים איז געלאפן הענדום פענדום אהרן לייבעלע. אינסטינקטיוו פון זיך אליין בין איך אונטערגעלאפן און אונטערגעשטעלט אהרן לייבעלען א פוס. איז ער געפאלן און זיך צעבלוטיקט די נאז ווי א חזיר. יענע יינגלעך זענען זיך בשעת מעשה גיך צעלאפן. איך אבער בין געשטאנען און געשריגן: אהרן לייבעלע, ווען וועסטו שוין א מיתה-משונה אייננעמען?

ער איז אויפגעשטאנען און האט זיך אפגעווישט דעם טריפהנעם דם מיט זיין גרויס שמוציק נאז-טיכל. ער האט מיר נישט געוואגט א ווארט צו זאגן. ער האט נאר דערציילט מיין טאטן דערפון. דער טאטע האט מיר געגעבן א פאטש און געזאגט: „ער איז טאקע אהרן לייבעלע, נאר דו באדארפסט אים נישט אונטערשטעלן א פוס, ער זאל פאלן."

יב.

א. י. פאפערנא

דער שרייבער פון דער השכלה-עפאכע, א. י. פאפערנא, וואס איז געבוירן און דערצויגן געווארן אין שטעטעלע קאפולע (מינסקער גובערניע), אין זעלבן שטעטעלע, וווּ עס איז געבוירן געווארן און אויפגעוואקסן מענדעלע מוכר ספרים, וועלכער האט עס פאראייביקט אין זיין „שלמה רב חיימס“ — האט אפגעדרוקט אין יידיש-רוסישן זאמלבוך „פערעזשיטאיע“, באנד צוויי, זייער אינטערעסאנטע זכרונות פון די ניקאלאיעווער צייטן א. נ. „פון דער ניקאלאיעווער עפאכע“.

פאפערנא איז געווען זייער א געבילדעטער מענטש. זיינע זכרונות צייכנען זיך אויס מיט זייער וואונדערבארער עפּישער רוהיקייט און שטארקער בילדלעכקייט. מיר נעמען ארויס פון די דאזיקע זכרונות די שטעלן, וועלכע שילדערן די ממשלה פונם קהל און די ארדנונג ביים צושטעלן רעקרוטן און בשעת דער כאפעריי. פאפערנא ווארפט א העל ליכט אויף די אמאראלישע און פארברעכערישע מעשים פונם קהל אין יענע טראגישע צייטן. אט וואס ער דערציילט:

„נעבן בית-המדרש האט זיך געפונען דאס קהל-שטיבל, תלמוד-תורה און תפיסה-קאמער, פארזען מיט אייזערנע פרענטן און די פענסטער מיט אייזערנע קראטן. אין דעם שטיבל פלעגט מען האלטן די רעקרוטן ביזן אפשיקן זיי אין גובערניע-שטאט.

דער קהל האט פון אלטע צייטן געהאט צוויי אויפגאבן: 1) די השגחה איבער דער רעליגיעז-מאראלישער ארדנונג און 2) דאס פארמיטלען צווישן דער קהלה און דער מאכט.

אין מיינע צייטן האט דער קהל נישט געהאט קיין ארבעט איבער דער ערשטער אויפגאבע. אלץ האט זיך אליין געפירט מיט דער קראפט פון איינגעלעבטער געוואוינהייט. די גאנצע אויפמערקזאמקייט פון קהל איז געווען געווענדעט צו דערפילן די פליכטן פון דער קהלה קעגנאיבער דער מאכט. די דאזיקע פליכטן זענען אין מיינע צייטן געווען ווייט נישט קיין לייכטע. די וויכטיקסטע זענען געווען: 1) דאס פירן די קאנטראל-רשי-

מות (דריי-ביכער), 2) דאָס איינמאָנען און איינטראָגן די שטייערן און 3) דאָס צונויפטרייבן און אָפּגעבן די רעקרוטן.

די קאָפּולער יידישע באַפעלקערונג איז געווען אין איר גרעסטער מערהייט שרעקלעך אָרעם און נישט זיכער אין מאָרגנדיקן טאָג. בעלי-מלאכות און קליינע סוחרים האָבן אָפּערירט מיט אַ קאַפּיטאַל פון 50 ביז 100 רובל און האָבן קוים קוים פאַרדינט אויף ברויט. אַ סך איינוווינער זענען געפאָרן איבער דער ברייטער וועלט זוכן פרנסה און האָבן איבערגעלאָזט זייערע פאַמיליעס אויף גאָטס באַראָט און אויפן רחמנות-געפיל פון גוטהאַרציקע מענטשן. די 40—50 פאַרמעגלעכע יידן, סוחרים און באַלעבאַטים, וואָס האָבן זיך געפונען אין קאָפּולע און האָבן פאַרמאָגט פון 500 ביז 1000 רובל, האָבן געמוזט טראָגן אויף זיך די גאַנצע לאַסט פון אויסהאַלטן אַלע קהלשע אינסטיטוציעס און געמוזט קומען צוהילף די גאַנץ אָרעמע, וואָס האָבן אויסגעמאַכט אין יעדער ליטווישער קהלה ביי אַ 20 פּראָצ. און האָבן אויך געמוזט אַריינטראָגן פאַר די אָרעמע און כלי-קודש אַלע שטייערן, ווי קאָפּ-שטייער און אַנדערע.

אין פרט פון מלוכהשע שטייערן האָט די רעגירונג נישט געקענט קיין באַזונדערע יידן, נאָר דעם קהל אַלס אויסשליסלעך פאַראַנטוואָרטלעכן. שטייערן זענען געווען אַ סך: אויסער אַלגעמיין-מלוכהשע, דאָרפישע און שטאָטישע, זענען אויך געווען ספּעציעל יידישע ווי: קאָראָבקע און ליכט-שטייער, אַ באַזונדערער אָפּצאָל פאַר קאָלאָניסטן א. א. וו.

נישט ווייניק געלט האָבן אויך איינגעשלונגען די יערלעכע רעקרוטן-נאַבאָרן. מ׳האָט געמוזט אויסהאַלטן אַ גאַנצע כאַפּטע אַגענטן און סטראַזשניקעס (כאַפּערס) און שפּייזן די רעקרוטן ביזן אָפּגעבן זיי פאַר סאָלדאַטן. אויסער שטענדיקע הוצאות זענען אויך געווען אומפאָראויסגעזעענע אין קהל האָט זיך שטענדיק גענייטיקט אין געלט.

רעדנדיק וועגן קהל קאָן איך נישט נישט באַרירן, כאָטש מיט אַ ווייטיק אין האַרץ, זיין טעטיקייט אין באַצוג צו מיליטער-פליכט און, וואָס איז געווען דערמיט פאַרבונדן, צום פירן די באַפעלקערונגס-ביכער. אַ געמיינער בלבול זענען די טענות פון די יעניקע, וואָס האָבן געזאָגט, אַז דער קהל האָט עקספּלואַטירט די קריסטן און האָט געשטרעבט שיער נישט צו באַהערשן די קריסטלעכע וועלט. שעדלעך איז געווען דער קהל נישט פאַר קריסטן, נאָר פאַר די יידן אַליין, באַזונדערס פאַר די אָרעמערע קלאַסן.

אליין פאר זיך נוצלעך, אפילו אומענטבערלעך, אלס רעגולאטאר פון דעם זיך אליין איבערגעלאזענעם יידישן לעבן אין רעליגיעז-דערציערישער און עקאנאמישער הינזיכטן, איז דער קהל געווארן אפגעריסן פון דערפילן זיינע הויפט-אויפגאבן דורך די אויף אים ארויפגעלייגטע שווערע, כמעט אומאויספירבארע לאסטן פון פינאנציעלן כאראקטער. אין פרינציפ א דעמאקראטישער, געוויילט דורך אלע עדה-מיטגלידער, איז ער מיט דער צייט פארוואנדלט געווארן אין אן אליגארכישער אדער זעלבסטהערשערישער מאכט אין דער פערזאן פון ראש-הקהל. די ארעמע שיכטן האבן נישט געהאט קיין צייט און נישט קיין חשק זיך צו פארנעמען מיט קהלשע אנגעלעגנהייטן. דערצו האבן זיך גענומען די רייכערע און מער אנטוויקלטע עדה-מיטגלידער, וועלכע האבן פון צווישן זיך אויסגעקליבן דעם ראש-הקהל. דער לעצטער האט געהאלטן פאר זיין חוב צו שיצן די אינטערעסן פון דער געלט- און גייסט-אריסטאקראטיע, צו וועלכער ער אליין האט אויך געהערט און פון וועלכער ער האט באקומען די מאכט – צום שאדן פון דער ארעמער שיכט, אויף וועלכער מ'האט ארויפגעלייגט די גאנצע משא פון שווערסטן מלוכה-דינסט: די מיליטער-פליכט. — — — — — — — —

די סאלדאטשינע, באזונדערס דער ניקאלאיעווער 25-יעריקער דינסט מיט זיין הארטן און אוממענטשלעכן רעזשים, האט ארויסגערופן א סך קומער און הייסע טרערן אויך ביי דער איינגעבוירענער נישט-יידישער באפעלקערונג. אויך דאס געזעץ האט דאס דינען באטראכט פאר א שטראף, פארמשפטנדיק פארברעכער אויף מיליטער-דינסט. נישט אין פארגלייך שווערער האט די סאלדאטשינע געדארפט זיין פאר די יידן פון די 40-קער יארן, ווען דער מיליטער-דינסט איז געווען פאר זיי נאך אזוי ניי און אומגעוויינלעך. אויך דארף מען נעמען אין אכט, אז דער ייד, אריינטרעטנדיק אין מיליטער, איז אריינגעפאלן אין א גאנץ פרעמדער פאר אים — לויט דער שפראך, אמונה און מנהגים—סביבה, וועלכע האט זיך צו אים באצויגן פיינטלעך און שפאטיש. ביזן סוף פון די 50-קער יארן האט זיך נישט אומגעקערט אהיים קיין איינער פון די קאפולער יידן, וואס זענען געווארן אפגעגעבן פאר סאלדאטן. עס איז נישט קיין וואונדער, וואס קאפולער יידן (און נישט בלויז קאפולער האבן באטראכט יעדן רעקרוט פאר א פארלוירענעם מענטש און האבן אים באוויינט ווי א טויטן. צום דערגענצן דאס אומגליק איז געקומען

דער שרעקלעכער קאַנטאָניסטן-אינסטיטוט. יידישע קינדער האָט מען אָפּגעריסן פון די מוטערס, און ווינטער האָט מען זיי אַוועקגעפירט אין די ווייטעסטע קאַנטן פון רוסלאַנד, וווּ מ'האָט זיי צעטיילט אין די פויערשע כאַטעס צו דערציען אין „קריסטלעכן גייסט" ביזן דערגרייכן דעם מיליטער-עלטער (18 יאָר). ווי ווייט די יידישע קינדער זענען נישט געוואָרן פאַרוואָרפן, זענען דאָך צום יידישן תחום-המושב דערגאַנגען ידיעות וועגן די אוממענטשלעכע ליידן און עינויים, וואָס מ'טוט זיי דאָרט אָן, נייטנדיק זיי צו שמדן זיך. עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, ווי אַזוי די ידיעות האָבן געווירקט אויף די דעמאָלסדיקע יידן, קינדער פון קדושים, וועלכע זענען אין מיטלאַלטער געגאַנגען אין פייער פון דער אינקוויזיציע און האָבן מיט זייערע הענט געטייט זייערע קינדער, כדי אָפּצוראַטעווען זיי פון געוואַלט-שמד. — — — — — —

יעדער האָט זיך באַמיט צו ראַטעווען זיך פון גיהנום. יונגעלייט זענען אַנטלאָפן און האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער. מוטערס האָבן אויסבאַהאַלטן זייערע עופעלעך ווי נאָר זיי האָבן געקאָנט. אַזוי צו אַזוי, אָבער אונזער ראש-הקהל ר' חיימקע האָט געמוזט אָפּגעבן די פאָרגעשריבענע צאָל רעקרוטן (עס זענען געווען פאַלן, ווען די ראשי-הקהל זענען געוואָרן אָפּגעגעבן פאַר סאָלדאַטן פאַר פעלנדע רעקרוטן). געבן האָט מען אויך געמוזט אין אַ טאָפּלטער פּראָפּאָרץ, ווי די קריסטן: 10 אויף 1000 פאַרשריבענע יידן און ביי קריסטן נאָר 5 פון 1000.

און ר' חיימקע האָט פלייסיק געאַרבעט. אייגנטלעך נישט ער פּערזענלעך. אויך אין נאָבאָר-צייט האָט ער פאַרברענגט די טעג, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשעען: אין שול ביי אַ בלאַט גמרא און אין דאַוונען, פאַרגיסנדיק, ווי שטענדיק, ביטערע טרערן אויף יידישע צרות.

עס האָט אָנגעקערט וועלטן זיין נעדוונגענע, געפּאַשעטע און געפּאַיעטע, קריסטלעכע שייקע באַנדיטן, וועלכע האָט גאַנצע טעג און נעכט גענאַרעט איבער דער שטאָט און אומגעבונג. ביינאַכט האָט זי געמאַכט רעוויזיעס, כדי צו פאַרכאַפּן די אַנגעמערקטע דורך רב חיימקען קרבנות. מ'וואָלט נישט געקאָנט זיך באַקלאָגן אויף רב חיימקען אָדער באַשולדיקן אים פאַר זיינע אכזריותן ביים דערפילן די אויף אים אַרויפגעלייגטע פליכטן, ווען ער וואָלט זיך דערביי געפירט מיט גערעכטיקייט. ער האָט אָבער געזוכט זיינע קרבנות איבערהויפּט צווישן די אָרעמע, וועלכע

האָבן געמוזט אָפקומען דעם שווערן דינסט נישט בלויז פאַר זיך, נאָר אויך פאַר די פאַמיליעס פון די רייכע שטאָט-מענטשן.

כדי צו באַשיצן די רייכע פאַמיליעס האָט קהל זייערע קינדער אינגאַנצן נישט אַריינגעטראָגן אין די רוי-ביכער, אָדער, וואָס עס איז נאָך שרעקלעכער, ער האָט זיי צוגעשריבן צו פאַמיליעס פון פראָסטן אָרעמען פאָלק. אַזוי איז אויסגעקומען, אַז ביי די רייכע זענען אינגאַנצן נישט געווען קיין יינגלעך, אָדער זיי זענען געווען איינאיינציקע זין. דערפאַר האָט דערגרייכט די צאָל זין ביי די אָרעמע ביז זעקס—אַכט. אַזוי איז געווען אַ מעגלעכקייט אָפצוגעבן איינעם נאָכן אַנדערן צוויי און דריי זין פון איין אָרעמער פאַמיליע.

די מער געוויסנהאַפטע פאַרמעגלעכע מענטשן האָבן נישט געהאַלט אויסנוצן זייער פריווילעגירטע שטעלונג אויפן חשבון פון אַנדערע און האָבן צוגעשטעלט פאַר זייערע זין פרייוויליקע („אַכאָטניקעס"). נאָר בראָדיאַגעס, שכּורים, גנבים און אַנדערע אויסווורפן פון דער געזעלשאַפט זענען געגאַנגען פאַר אַכאָטניקעס. מ'האָט זיי דערפאַר געצאָלט פון 300 ביז 400 רובל. אויסער דעם האָט מען זיי אין משך פון אַ געוויסער צייט געגעבן עסן און טרינקען און נאָכגעגעבן אַלע קאַפריזן. עס האָט אָבער אויך אָפט געטראָפן, אַז אָפהולענדיק אַ גאַנצע ריי חדשים אויפן חשבון פון זייער באַדינגער, האָבן זיי סאַמע פאַרן אָפגעבן פאַר אַ סאָלדאַט אָפגעזאָגט זיך פון דער גאַנצער טראַנזאַקציע און אַלע הוצאות זענען געוואָרן פאַרפאַלן. יעדנפאַלס זענען אין קאַפולע געווען זייער ווייניק רייכע מענטשן, וועלכע זענען געווען אימשטאַנד צוצושטעלן פאַר זייערע זין אַכאָטניקעס.

ביי דער אומגערעכטיקייט, וואָס איז געשען דעם אָרעמען קלאַס בשעת די רעקרוטן-נאָבאָרן, האָבן זיך די רייכערע און בכּבודיקע קאַפולער איינוווינער פאַרענטפערט דערמיט, וואָס זיי טראָגן אַלע געלטפליכטן פון דער קהלה און צאָלן שטייערן פאַר דער אָרעמער באַפעלקערונג. זיי האָבן זיך אויך געשטיצט אויפן געזעץ פון 1827, וואָס דערלויבט דעם קהל נישט צו רעכענען זיך שטרענג מיט די פאַמיליען-רשימות און דערלויבט אים אָפצוגעבן פאַר סאָלדאַטן די יעניקע, וועלכע האָבן אויף זיך נישט-באַצאָלטע שטייערן און אויך אַ זעלכע, וועלכע האָבן נישט קיין באַשטימטע פראָפעסיע. — — — — — —

איבריקנס איז שווער געווען צו פאדערן פון קהל, ער זאל זיך ריכטן לויטן גלייכהייטס-פרינציפ אין דער צייט, ווען דער דאזיקער פרינציפ האט פארגעשטעלט א שארפן קאנטראסט מיט דער ארומיקער מלוכהשער און געזעלשאַפטלעכער ארדנונג פון לאנד, אין וועלכן די גרעסטע מערהייט פון דער באפעלקערונג, דאס פויערטום, האט זיך געפונען אין א קנעכטישער אפהענגיקייט פון א מינדערהייט, און אין וועלכן די העכערע שטאנדן, דער אדעל, סוחרטום און גייסטלעכקייט, זענען געווען פולקאם באפרייט פון מיליטער-דינסט, וואס האט זיך מיט זיין גאנצער שווערקייט געלייגט אויפן פויערטום און בירגערטום. אבער קיינע מאטיוון האבן נישט געקאנט באוואיקן די עלטערן פון די קינדער, וועלכע מ׳האט אומגעזעצלעך צוגענומען פאר רעקרוטן. זיי האבן זיך געבונטעוועט און פראטעסטירט. אפט שבת, אין דער צייט פון דאוונען, פלעגן זיך אריינרייסן אין שול פרויען, מאמעס פון קינדער, וועלכע זענען געווארן פארשפארט אינם קהל-שטיבל, זענען ארויף אויפן באלעמער, האבן מעכב-קריאה געווען, האבן געקלאגט און געשאלטן דעם קהל, אנווייזנדיק מיט די פינגער אויף די יינגלעך און בחורים, פאר וועלכע זייערע קינדער זענען געווארן אפגעגעבן פאר רעקרוטן, און האבן מיט א באזונדערן כעס געפאדערט אן ענטפער פון רב חיימקען, וועלכער איז זיך געשטאנען אנגעטון אין טלית ביים ארון-קודש.

די גאנצע עדה האט געשוויגן, נישט האבנדיק די העזה צו שטערן די ארעמע מאמעס אויסצוויינען זיך און ארויסצוזאגן דעם ביטערן אמת. עס האט געשוויגן אויך רב חיימקע, פארטיפנדיק זיך אין א ספר, ווי די אלע אנקלאגעס וואלטן צו אים גאר קיין שייכות נישט געהאט. נאך א שעה אדער צוויי, ווען די פרויען זענען שוין געווארן הייזעריק און פארחלשט פון וויינען, האט רב חיימקע זיי געבעטן צו בארויקן זיך און האט זיי צוגעזאגט צונויפצורופן דעם זעלבן טאג אַן אַסיפה צו באטראכטן די זאך. די אומגליקלעכע מאמעס זענען אוועק. די אַסיפה איז פארגעקומען, אבער אלץ איז געבליבן ביים אלטן.

דער רעקרוטן-דרוק איז געווארן וואס אַמאל שטארקער און די לעצטע יארן פון ניקאלייס הערשאפט (אין אונגארישן מארש פון 1848, און אין קרימער קריג) און האט דערגרייכט זיין קולמינאציע-פונקט אינם יאר 1854, ווען דער רעקרוטן-נאבאר האט זיך גארנישט געענדיקט (אין איין יאר זענען פארגעקומען דריי נאבארן). רב חייסקע האט נישט

אויסגעהאַלטן און האָט אַוועקגעוואָרפן דעם באַמת פאַרשאָלטענעם אמט.

אין יענער צייט איז אַרויס דער באַפעל וועגן אָפּגעבן פאַר אַ סאָלדאַט יעדן פרעמדן פּאַסלאָזן ייד. נישט נאָר קהל, נאָר אויך פּריוואַטע יידן האָבן געקאָנט כאַפּן יעדן פּאַסלאָזן ייד און אָפּגעבן אים פאַר אַ זעלנער פאַר זייער פאַמיליע אָדער פאַרקויפן אים צו דעם צוועק אַן אַנדערן. אויב עס איז נייטיק צו באַווייזן די דעמאָראַליזירנדע ווירקונג פון גרויזאַמע געזעצן, קאָן די עפּאָכע פון דער „באַפּרייי" דינען אַלס דער שרייענדסטער באַווייז דערצו.

צווישן יידן האָבן זיך געפונען אויסוואָרפן, וועלכע האָבן אויסגענוצט דאָס אוממענטשלעכע געזעץ פאַר אייגננוציקע צילן. פאַרשאַפנדיק זיך אַ ברישקע מיט אַ פּאָר פערד, זענען די רויבער, צוזאַמען מיט געדונגענע באַנדיטן, געפאָרן און געלויערט אויף די גרויסע וועגן און האָבן געכאַפּט יעדן אַנגעטראָפענעם ייד אָן אונטערשייד פון עלטער און שטאַנד: קינדער און דערוואַקסענע, בחורים און באַווייבטע. האָבן זיי געבונדן הענט און פיס, אַוועקגעפירט אין שטאָט און פאַרקויפט פאַר גרויסע געלטער. עס האָט נישט געהאָלפן קיין פּאַספּאָרט. אויב מ'האָט ביי עמעצן געפונען אַ זעלכן, האָט מען אים צוגענומען און פאַרניכטעט.

אַ שרעק האָט אַרומגענומען דעמאָלט אַלעמען: אָרעמע און רייכע, סוחרים און בעלי־מלאכות, לומדים און פּראָסטע יידן. קיינעמען האָט מען נישט געשוינט. דער האַנדל האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. די גזיט האָט דערגרייכט די לעצטע גרענעצן.

די געשעענישן פון יענער צייט שטעלן פאַר מיט זיך אַ טרויעריק און, צוזאַמען דערמיט, שענדלעך זייטל אין דער געשיכטע פון רוסישן יידנטום. די שאַנד אין איר גאַנצן געוויכט פאַלט טיילווייז אויף די קעפּ פון די דעמאָלדיקע רבנים. זיי האָבן באַדאַרפט אויפהייבן זייער שטים און אויטאָריטעט קעגן די רויבער און אַרויסטרעטן קעגן זיי מיטן, צו יענער צייט נאָך מעכטיקן, חרם. זיי האָבן עס אָבער נישט געטאָן. זיי האָבן זיך באַגרענעצט בלויז מיט זיפצן אין זייערע רבנים־שטיבלעך." — — — — — — — — — — —

יג.

בענצע דער כאַפּער.

מיטן מבטל מאָכן אינם יאָר 1856 די קאַנטאָניסטן-אינסטיטוציע האָט אויפגעהערט די קינדער-כאַפּעריי. די אָרדנונג ביים אָפּגעבן סאָלדאַטן איז אָבער געבליבן די זעלבע, ד. ה. די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן צושטעלן דעם געהעריקן קאָנטינגענט רעקרוטן איז ווייטער בעלעגן אויפן קהל. אַזוי האָט עס געדויערט ביזן יאָר 1874, ווען דאָס געזעץ וועגן מיליטער-דינסט איז געוואָרן רעפאָרמירט און פאַראַלגעמיינערט, ד. ה. דער חוב צו דינען אין מיליטער איז געוואָרן אויסגעשפּרייט אויף אַלע אָן אויסנאַם בירגער, און נישט בלויז אויפן פּויערטום און אומפאַרמעגלעכן בירגערטום, ווי דאָס איז געווען פריער; אויך איז דער מיליטער-דינסט לויטן נייעם געזעץ פון 1874 געוואָרן אַ פּערזאָנאַלער חוב פון יעדן בירגער און קהל איז געוואָרן באַפרייט פון דער אויפגאַבע צוצושטעלן רעקרוטן.

די כאַפּערס-אינסטיטוציע איז אַלזאָ אינם יאָר 1856 נאָכנישט אונטערגעגאַנגען. קהל האָט ווייטער געהאַלטן כאַפּערס און געכאַפּט רעקרוטן. דער איינציקער אונטערשייד איז באַשטאַנען בלויז אין דעם, וואָס פריער האָט מען געכאַפּט קינדער און דערוואַקסענע, שפּעטער, פון 1856 ביז 1874 (18 יאָר), האָט מען געכאַפּט בלויז דערוואַקסענע. ערשט אינם יאָר 1874 האָט קהל געקאָנט פריייער אָפּעטעמען און מאָכן אַ „ברוך שפּטרני" אויף דער טיוואָלאַנישער מיסיע, וואָס ער האָט געהאַט צו דערפילן אין משך פון גאַנצע 47 יאָר (1827 — 1874).

נאַטירלעך קאָן מען די לעצטע 18 יאָרן פון דער כאַפּעריי אין אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס צייטן נישט פאַרגלייכן מיט דער פריערדיקער ניקאָלאַיעווער כאַפּעריי-עפּאָכע. דער פּאָליטישער רעזשים אין לאַנד איז געוואָרן אַ מילדערער. עס זענען געוואָרן דורכגעפירט פאַרשיידענע רעפאָרמען, ווי די פּויערים-באַפרייאונג, אינם געריכטס-וועזן א. א. יידן האָבן אין אַ באַדייטנדער מאָס גענאָסן פון פאַרשיידענע הנחות. זיי האָבן זיך מיט דורשט געריסן צו בילדונג. מ'האָט אָנגעהויבן חלומען וועגן גלייכבאַרעכטיקונג. אויך אין מיליטער זענען געוואָרן דורכגעפירט גרינדלעכע רעפאָרמען. דער רעזשים און דיסציפּלין זענען געוואָרן לייכטער, די דינסט-צייט שטאַרק פאַרקירצט. די קאַזאַרמע

האָט אויפגעהערט צו זיין דאָס, וואָס זי איז געווען ביי ניקאָלאַיען — אַ קבר און גיהנום צוזאַמען. ממילא האָבן שוין אין די דאָזיקע יאָרן נישט געקאָנט אָפּגעסון ווערן אין די יידישע קהלות אַזעלכע גרוילן און רציחות ווי פריער. דאָך איז דער מיליטער-דינסט געבליבן און וועט אייביק בלייבן (ווי לאַנג ער וועט עקזיסטירן) די אומאָנגענעמסטע און אומדערטרעגלעכסטע לאַסט פאַרן פשוטן מענטש און ייד. יידן האָבן, פאַרשטייט זיך, מיטן אייגענעם ווילן נישט געוואָלט גיין אין מיליטער און קהל איז געווען געצוווּנגען ווייטער זיך צו באַנוצן מיט כאַפּערס.

אַזאַ כאַפּער פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטנס צייטן שילדערט אונז ס. ביילין (יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ 1914 זייט 459):

„איך האָב געקענט אַ כאַפּער אין אונזער שטעטל נאָוואָרדאָק (נאָוואָגרודעק), וועלכער האָט געהייסן: בענצע דער כאַפּער אָדער בענצע משרת. דאָס איז געווען אַ פעסטער און געזונטער פאַרשוין מיט אַן אָקסענעם קאַרק און אַ נישקשהדיקן בויך. איך געדענק אים גענוי א זעלכן פון די צייטן, ווען איך בין געווען אַ יינגל, אין די 60-קער יאָרן, ווען מ'פלעגט כאַפּן דערוואַקסענע און אָפּגעבן זיי אַלס פרייוויליקע. וויפל האָבן זיך אויף אים געשיט קללות פון אָרעמע מאַמעס. וועלכע האָבן מורא געהאַט, אַז אָט וועט בענצע כאַפּן זייערע זין און אָפּגעבן אין גוישע הענט פאַר סאָלדאַטן. ווען איך פלעג אים נאָר דערזען, פלעגט זיך אין מיר אָנצינדן אַ געוואַלטיקע שנאה צו אים. אַלע קללות, וואָס זענען נישטאָ אַפילו אין דער תוכחה, האָב איך געשיט אויף זיין קאָפּ. איך בין געווען זיכער, אַז גאָט וועט אים סוף-סוף באַצאָלן פאַר זיינע מערדערלעכע מעשים. איך האָב געגלייבט, אַז אויף זיין קינד, וואָס איז געווען אַ שיין יינגל אין מיינע יאָרן, וועט קומען אַזאַ אומגליק, ווי ער ברענגט אויף אַנדערע.

מיר איז באַשערט געווען צו זען בענצעס טרויעריקן סוף. כל זמן מ'האָט זיך געניייטיקט אין כאַפּערס, האָט בענצע באַקומען אַ גוטן געהאַלט פון קהל. איך געדענק בענצעס טעטיקייט אין די צייטן פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, ווען רעוויזיעס אויף יונגעלייט פלעגן נאָך פאָרקומען. מ'פלעגט כאַפּן יונגעלייט פון די אָרעמע קלאַסן און אָפּגעבן זיי פאַר סאָלדאַטן — אַפילו, ווען זיי האָבן נישט אָנגעהערט צו די ריי-פאַמיליעס און זענען געווען פטור פון מיליטער-פליכט. אַזעלכע

אויסעררייעדיקע פלעגט מען נייטן מיט פאַרשיידענע מיטלען צו פאַרקויפן זיך אַלס פריייוויליקע און צו גיין דינען פאַר אַ געוויסן אָפּצאָל פאַר אַנדערע מיליטער־פליכטיקע ריי־פאַמיליעס. די כאַפּערס אָדער פּאָליציי פלעגן כאַפּן אָרעמע יונגעלייט און זיי האַלטן פאַרשפאַרט אין קהל־שטיבל אָדער פּאָליציי־הויז, באַלד נאָך סוכות. ווען מ׳האָט זיך נאָך אויף גאָרנישט געריכט, פלעגט מען שוין אָנהייבן כאַפּן. דער נאָבאָר פלעגט פאָרקומען נאָענט צום קריסטלעכן ניי־יאָר. די געכאַפּטע פלעגט מען זייער גוט שפּייזן מיט געבראָטענע גענז, ווייסע זעמל און בראָנפן. פון צייט צו צייט פלעגט מען זיי אויך פירן צו פרויען אין עפנטלעכע הייזער. אין דידאָזיקע הוליאַנקעס האָבן גענומען אַן אַנטייל אויך די קהל־שמשים און זיי פלעגן אָנרעדן די געכאַפּטע, זיי זאָלן זיך פאַרקויפן פאַר 200—300 רובל און גיין דינען פריייוויליק פאַר אייגענע פון די ריי־פאַמיליעס. קהל האָט געהאַט רעכט צוצושטעלן אַזעלכע פריייוויליקע. פיל פון די פריייוויליקע פלעגן באַשטיין דאַרויף, ווייל זיי האָבן געוווּסט, אַז אויב זיי וועלן נישט באַשטיין, וועט זיי קהל סיי־ווי־סיי אָפּגעבן פאַר סאָלדאַטן. קהל האָט געקאָנט צושרייבן זיי צו אַ גרויסער פאַמיליע און מאַכן זיי פאַר ריי־פליכטיקע. דאָס איז געווען מעגלעך, ווייל כמעט אַלע אָרעמע לייט זענען נישט געווען איינגעשריבן אין די קאָנטראָל־ליסטעס. זיי האָבן געציטערט נישט נאָר פאַר יעדן פּאָליציאַנט, נאָר אויך פאַר יעדן ייד, באַזונדערס פאַר די מוסרים.

די שוצלאָזע יונגעלייט האָבן פון ערגעץ נישט געקאָנט דערוואַרטן הילף. זיי האָבן נישט געהאַט קיין איינפלוסרייכע קרובים, וואָס זאָלן קאָנען ברעכן שויבן ביי די קהל־לייט, אָדער מעכב־קריאה זיין אין שול. אַזוי זענען די אויף הפקר איבערגעלאָזענע יונגע מענטשן געווען גענייט צו גיין אַלס פריייוויליקע. קהל ווידער פלעגט באַרואיקן זיין געוויסן מיט אַזעלכע טענות: ער האָט דאָך מסכים געווען מיטן גוטן ווילן צו ווערן אַ סאָלדאַט און מיר געבן דאָך אים געלט דערפאַר.

אין דער צייט, וואָס די געכאַפּטע זענען געווען פאַרשפאַרט, פלעגן פיל פון זיי ווילדעווען, רוישן און שלאָגן זיך. פון פאַרצווייפלונג פלעגן אַ סך פון זיי אָנהייבן לעבן אויסגעלאַסן: שפּילן אין קאָרטן, שכורן און כאַזוכן פּראָסטיטוטקעס. די קהל־משרתים פלעגן זיי איינרעדן און צוגעבן חשק צו אַזאַ אַרט לעבן, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, ווי זיי וואָלטן געהאַט פאַרגעניגן פון דער העלדישקייט און וויליונגערישקייט.

וואס זיי באווייזן. די קהל־לייט איז דאס געווען אויף דער האנט. ווייל זיי האבן געהאט א תירוץ צו פארענטפערן זייער אכזריות: נאט, זעט — דער און דער איז דאך סיי־ווי־סיי א הולטיי, אן אמתער „אכאטניק״ (אין ליטע האט דאס ווארט „אכאטניק״ אין יענער צייט באדייט אזויפיל ווי: לאפוז, שכור און זולל וסובא). מ׳קאן דאך נישט אוועקגעבן אן ארענטלעך באלעבאטיש קינד.

אכט האבן די געכאפטע שלום געמאכט מיט זייער גורל, ווייל אויף דער פריי איז זיי געווען נישט גוט: ארעמע, אן א מלאכה, בארוועסע און הונגעריקע פלעגן זיי זיך ארומדרייען גאנצע מאנאטן. איצט וועלן זיי זיין לכל הפחות זאט...

אינם גרעסטן טייל אבער פלעגן די קאנדידאטן אויף רעקרוטן ביזן לעצטן מאמענט וויינען, שרייען, ברעכן די הענט און רייסן אויף זיך די האר פון פארצווייפלונג. ביי יעדער געלעגנהייט פלעגן זיי זיך באמיען צו אנטלויפן אפילו ביי לעבנס־געפאר, אפזאגנדיק זיך פון גוטן עסן און טרינקען און פון די 200 — 300 רובל, וואס מ׳האט זיי מיט אן אפענער האנט פארגעלייגט. עס איז געווען שווער צו זען, ווי מ׳האט זיי געפירט אונטער א שטארקן קאנוואי א הוליע צו טון, כדי זיי זאלן זיך בארואיקן. נאך שווערער איז געווען צו זען, ווי מ׳האט „געכאפט״ די זיך אויסבאהאלטנדע, כדי צו פארשפארן זיי אינם רעקרוטן־שטיבל. זיי פלעגן זיך פארצווייפלט שיצן ווי צערייצטע חיות. עס זענען געווען פאלן פון רציחות. פונם דערבייאיקן שטיבל אדער ווינקל לויפט ארויס די מוטער אדער דער פאטער און דערלאנגט מיט א דובינע אדער שייטער־האלץ איבערן קאפ דעם קאנוואי־סאלדאט און באזונדערס דעם כאפער, ווי נאר עס לאזט זיך. דער קרבן איז אבער געפאנגען. טויט־בלייך, מיט אראפגעלאזטע קעפ, קוים שלעפנדיק די פיס און וויינענדיק אויפן קול, ציען לאנגזאם די רעקרוטן־קרבנות אין דער באגלייטונג פון די כאפערס און פאליציי אין רעקרוטן־שטיבל אדער רעקרוטן־אמט.

אויף אונזער הויף איז געווען א פאליציי־ארעסט. איינמאל ביינאכט האבן מיר זיך אלע אויפגעכאפט פון א שרעקלעכן געוויין. דאס האט מען געברענגט אין דער פאליציי געכאפטע יונגעליים. אין דער פרי האב איך זיי געזען דורך די קראטן. צווישן זיי זענען געווען: לייבעטשקע דער באד־יונג, ליפעטשקע דער שייגעץ און לייבעטשקע

דער קעשעניק. זיי האבן אין כאר געזונגען תפלות. זייער וויינענדיקער קול האט געשניטן ביים הארץ. יעדערער, וואס איז פארבייגעגאנגען, האט אראפגעלאזט דעם קאפ און זיי טיף באדויערט.

אינם יאר 1874, ווען מען האט איינגעפירט אלגעמיינע פערזענלעכע מיליטער-פליכט, זענען די אלע כאפערס געווארן אומנייטיק. אויך די לאגע פון בענצע כאפער האט זיך א וואקל געטון. פארלירנדיק די הויפט-פונקציע האט ער באקומען פון קהל א קליינע שכירות. אויך פאמיליען-אומגליקן האבן זיך גענומען שיטן אויפן געוועזענעם כאפער. דער איידעם זיינער, א באלעגאלע, האט זיך געגט מיט זיין טאכטער. אין זיין צייט האט ער זיך משדך געווען מיט אים, כדי נישט אריינצופאלן אין זעלנערישע בגדים. איצט איז אים דער יחוס מיטן געוועזענעם כאפער נישט אנגעשטאנען. בענצע האט ביסלעכווייז אויפגעהערט צו באקומען שכירות. קיין ארבעט האט ער אויך נישט געהאט. די טעכטער זיינע זענען געווארן ניאנקעס, דער זון זיינער — א שרייבער.

אינם יאר 1881, זייענדיק אין נאווארדאק, האב איך באגעגנט בענצען און בין געווארן איבערראשט: קיין זכר פון זיין פעטקייט. פון פנים און פון זיין איינגעהויקערטן רוקן האט מען געזען, אז ער הונגערט פעריאדיש. אויך איז ער געווארן כמעט בלינד. זיין גאנצער פארדינסט איז באשטאנען פון 30—40 קאפיקעס, וואס ער פלעגט באקומען פאר צונויפרופן די שטאט-באלעבאטים אויף אן אסיפה אדער פארבעטן געסט אויף א חתונה, ברית-מילה א. א. וו.

עס איז כדאי צו באמערקן, אז בענצע האט זיך פאר קיינעמען נישט באקלאגט אויף זיין גורל. ער איז געווארן א שווייגנדיקער ביז קרענקלעכקייט. יעדן טאג אין דערפרי און אוונט האט מען אים געקאנט באגעגענען, ווי ער איז געגאנגען אין שול אריין און פון שול אהיים.

אין שול איז ער געזעסן לעבן דער טיר און געדאווענט שטיל, נאטספארכטיק און מיט א צעבראכן געמיט. שבת פלעגט ער אנטאן אן אלט כאלאטל און, קוקנדיק מיט זיינע האלב-בלינדע אויגן אין דער ווייטקייט, שפאצירן פון זיין וווינונג אויסער דער שטאט רואיק און וואזשנע אין שול אריין. דאס הארץ פלעגט מיר יעדעס מאל צודריקן, ווען איך האב אים באגעגנט. עס האט זיך געדאכט: אט, אט פאלט דער מענטש אנידער און שטארבט פון הונגער.

רואיק האָט דער אַלטער אויפגענומען אַלע קלעפּ פון גורל. אָן מורמל און פּראָטעסט האָט ער אויפגענומען דעם שווערסטן קלאַפּ: דעם טויט פון זיין איינציקן זון. ער איז געווען גענוג געבילדעט אין דער רוסישער שפּראַך און האָט פאַרנומען אַן אַמט פון אַ שרייבער ביים פּריסטאַוו פאַר 25 רובל אַ חודש. ער האָט זיך פאַרקילט און איז געשטאָרבן נאָך אַ קורצער צייט פון גאַלאָפּ-שווינדזוכט. דער טויט פון זיין איינציקן זון האָט בענצען אנטגילטיק צעבראָכן. ער איז געשטאָרבן אינם יאָר 1883.

מ׳דערציילט, אַז ער איז געשטאָרבן פון כראָנישער קעלט און הונגער. אין די ליידן האָט ער געזעען אַן אויסלייז פאַר זיינע זינד, וואָס ער איז אַמאָל באַגאַנגען אין די יאָרן פון דער אַמאָליקער רעקרוטשינע. אין דער נשמה פון דעם אַלטן כאַפּער האָט נאָך געטליעט אַ געטלעכער פונק.

אין דער אמתן איז ער אָפּגעקומען נישט אַזוי פאַר זיינע אייגענע זינד, ווי פאַר די זינד פון זיין דור.

VI

רעקרוטשינע פּאָלקס-לידער פון דער ניקאלאָיעווער עפּאָכע

פאָלקס-לידער.

גרויסע געשעענישן און איבערלעבענישן, פרייליכע און טרויעריקע. געפינען זייער אָפּקלאַנג אינם אַנאָנימען פאָלקס-ליד. דאָס פאָלק אין אַלגעמיין געפינט אַן אויסדרוק פון דעם, וואָס דריקט אָדער דערהויבט אים, אין דער פאָלקס-דיכטונג. און ווייל דאָס פאָלקס-ליד ווערט באַשאַפן דורכן איינפאַכן פאָלקס-מענטש און עס איז נישט באַשטימט פאַרן דרוק און נישט אויסגערעכנט אויפן עפעקט, וואָס יעדער, אַזוי צו זאָגן, פּראָפעסיאָנעלער דיכטער זוכט, באַוואוסטזיניק אָדער אומבאַוואוסטזיניק, צו דערוועקן ביים לעזער, ממילא פאַרמאָגט עס — דאָס פאָלקס-ליד — דעם מאַקסימום אוממיטלבאַרקייט און פּשטות, וואָס אַ ליד, און באַזונדערס אַ ליריש ליד, קאָן פאַרמאָגן.

ווען מיר ווילן טיפער אַריינדרינגען אין דער נשמה פון יחיד און כלל, אוממיטלבאַר דערפילן זייערע ליידן און פריידן און אויפנעמען אַלע קלענסטע וויברירונגען, וואָס קומען פאָר אין דער טיפעניש פון דער געזעלשאַפט, מוזן מיר זיך אויפמערקזאַם צוהערן צו דעם, וואָס דאָס פאָלק זינגט אָדער קלאָגט. ד. ה. צום פאָלקס-ליד.

אַ זעלכע טראַגישע און טיף-אויפטרייסלנדע איבערלעבענישן, ווי די רעקרוטשינע און כאַפּעריי, האָבן נאַטירלעך געמוזט געפינען זייער אָפּקלאַנג אויך אין דער פאָלקס-שאַפונג. אין די פאָלקס-לידער איז אַם שאַרפסטן, אַם אויסריכטיקסטן אויסגעדריקט דער טיפער ווייטאָק און פּיין, די גרענעצלאָזע פאַרצווייפלונג און ליידן, וואָס דאָס פאָלק האָט איבערגעלעבט.

די צאָל פאָלקס-לידער אין שייכות מיט דער רעקרוטשינע, וואָס מיר האָט זיך איינגעגעבן צונויפצוקלייבן, איז נישט באַזונדערס גרויס. מ'דאַרף משער זיין, אַז זייער אַ סאַך פון זיי זענען פאַרגעסן געוואָרן, ווייל זיי זענען לאַנגע יאָרן דורך קיינעם נישט געוואָרן פאַרצייכנט.

די שווערסטע רעקרוטשינע-צייט פאלט אויס אויף די יארן 1827—1856. דאן האט די קינדער-כאפעריי אויפגעהערט. די מערהייט רעקרוטן-לידער באציען זיך ווארשיינלעך אויף די דאזיקע 30 יאר. פון דאמאלס זענען אדורך ביי א 50 יאר ביז מ'האט זיך אנגעהויבן צו אינטערעסירן ביי אונז מיטן יידישן פאלקס-ליד. אויף וויפל מיר איז באקאנט, איז די ערשטע זאמלונג פון יידישע פאלקס-לידער דערשינען ערשט אינם יאר 1904, ארויסגעגעבן אין פעטערבורג דורך מארעק און גינזבורג. פארשטענדלעך, אז דורך אזא לאנגע צייט האבן א סאך, פיליכט וויכטיקע און ווערטפולע, פאלקס-לידער געמוזט פארגעסן ווערן. דאס דאזיקע איז שטארק צום באדויערן. אבער אויך די לידער, וועלכע זענען דערגאנגען צו אונז, זענען פון אומשאצבארן ווערט. א ים פון טראגיזם און פאלקסטימלעכקייט איז אין זיי באהאלטן.

די איבערגעדרוקטע פאלקס-לידער האב איך ארויסגענומען פון דער דערמאנטער זאמלונג, וואס איז דערשינען אינם יאר 1904. דאן האב איך געפונען א ריי הארציקע און קלאנגפולע רעקרוטשינע-לידער אין פרוי פאולין וענגעראווס זכרונות („מעמוארן איינער גראסמוטער" (דייטש) בערלין 1910).

דאס, וואס מארעק און גינזבורג, וועלכע האבן ארויסגעגעבן זייער זאמלונג עטלעכע יאר פריער, האבן נישט געוווסט פון די לידער, וועלכע געפינען זיך אין די „מעמוארען איינער גראסמוטער", איז א באשטעטיקונג פון דער אויבן אויסגעדריקטער השערה, אז אסאך לידער זענען ליידער געווארן פארגעסן.

אויסערדעם האב איך נאך אויף אן ארט געפונען עטלעכע זייער שיינע רעקרוטשינע-לידער.

* * *

די באציאונג און געפילן פון פאלק אין באצוג צו דער רעקרוטן-גזרה שפיגלען זיך אפ אינם פאלגענדן ריטמישן לידל:

I

בעסער וואלט איך געלעגן
צען איילן אין ד'ערד,
איידער צו טראגן
דעם קייזערס שווערט.

II

בעסער וואלט איך געלעגן
צען איילן אין בלאטע,
איידער צו טראגן
דעם קייזערס קאפאטע.

וואס פארא איינדרוק ניקאלייס אויפטרעטן אויפן טראן און זיין רע-

קרוטן-גזרה האָבן געמאַכט אויף יידן, קאָנען מיר זען פון דעם פאָלגנדן טרויעריקן ליד:

אָז ניקאָליי פּאַוולאָוויטש איז קייזער געוואָרן,
זענען יידישע הערצער אומעטיק געוואָרן.
דער ערשטער אוקאַז איז אַראָפּגעקומען אויף יידישע זעלנער,
זענען זיך אַלע צעלאָפן אין די פוסטע וועלדער.
אין אַלע פוסטע וועלדער זענען מיר צעלאָפן,
אין פוסטע גריבער זענען מיר פאַרלאָפן.

די אַכזריות פון די כאַפּערס און די פאַרצווייפלונג, וואָס זיי האָבן פאַרשפּרייט, ווערן געשילדערט אין די פאָלגענדע לידער:

קומט אַריין דער כאַפּער מענדל,
טראָג אין אים אַריין דאָס רויטע רענדל.
דאָס רויטע רענדל צוגענומען, צוגענומע
און מיך פאַר איין רעקרוט מיטגענומען.

* * *

יידן, כ'ווייס, איר זייט געקומען
ניט נאָך ווייץ און ניט נאָך קאָרן;
איר זייט דאָך געקומען
נאָך מיינע יונגע יאָרן!

כ'האָב נישט קיין געלט
פון אייך זיך אויסצוקויפן;
די וועגן האָט איר מיר פאַרשטעלט,
כ'האָב ניט ווו צו אַנטלויפן.

אַ מאַמע גיסט אויס איר ביטער האַרץ אויף דער רשעות־דיקער און ריקזיכטסלאָזער האַנדלונג פון קהל אַנטקייגן די אָרעמע פאַמיליעס:

וואָס האָט איר אַ גאַנצע אַטשערעד צונויפגעקליבן
און מיין איינציק קינד צו פיר ברידער צוגעשריבן?
ביי זוסיע ראַקאָווער זענען דאָ זיבן בנים —
איז פון זיי ניטאָ איינער אין די יונים.
נאָר לאה די אַלמנהס איינציק קינד
איז אַ כפרה פאַר קהלשע זינד.

אין אַ שניידער-שטוב זיצן אַרבעטער און נייען. עס דערנענטערט זיך אַ כאַפּער. אַ גוטער פריינט קומט צולויפן און וואָרנט פאַר דער סכנה. אַלע צעלויפן זיך, ווי פאַר אַ מגפה. מ'זוכט ווו זיך אויסצובאַהאַלטן. נישט אַלע

געלינגט עס. דער געכאפטער גיסט אויס זיין צער פאר דער מאמען. וועגן דעם זינגט דאס פאלקס-ליד:

זיצן שניידערלעך ארום טיש
אוי אוי אוי נייען,
קומט א גוטער ברודער
און זאגט: אוי די כאפערלעך גייען.

ווי עס איז ביטער, מיין ליבע מוטער,
א שיפעלע אויפן גרינעם גראז.
אזוי איז ביטער, מיין ליבע מוטער.
מ׳טוט דאך מיך כאפן ווי א האז.

ניט וויין און ניט שריי, מיין ליבע מוטער.
ניט איך בין דאס אליין.
עס נעמט מיר אן פאר מיין הארץ,
זעט איך מיך אנידער און וויין.

ווי עס איז ביטער, מיין ליבע מוטער,
א בלימעלע אן ריטער.
אזוי איז ביטער מיין ליבע מוטער.
מ׳טוט דאך מיך מאכן פאר
א מאסקאוויטער.

אינם פאלגענדן לידל קומט צום אויסדרוק דער צער און רחמנות פון די פאלקס-מאסן אויף די קליינע קינדער, וועלכע מ׳כאפט און מ׳גיט אפ פאר רעקרוטן:

אז אך און ווי צו יידישע קינדער
זינט זיי האבן געזעען די לקוי-לבנה.
פון יענער צייט האבן זיי
קיין גוטס, קיין נחמה.
אז מ׳פירט יידישע קינדער צום פריאם,
טוט דאך ציטערן די נשמה.
דרום בעטן מיר דיך, רבונו של עולם
דו זאלסט אונז געבן פאר אונזער צער א שטיקעלע נחמה.

יידישע רעקרוטן זענען זיך מצער, וואס זיי קאנען נישט אפהיטן אין מיליטער דאס יידישקייט און מוזן עובר זיין אויף א סאך מצוות. באזונדערס טוט זיי וויי דאס פארלירן בארט און פאות:

ביטער איז דאך אונזער לעבן אזוי ווי דער טויט,
אז מיר דארפן עסן דעם יוונישן ברויט,
אז מיר דארפן גיין אין שעטנז געקליידט.
דאס איז דאך אונזער ביטערע נויט!
דער וואס אין הימל, דער פארשטייט.

גאָט, גאָט, וואָרום ביסטו זיך פון אונז פּרוש ?
דו ווייסט דאָך, אַז מיר קענען ניט ניט היטן דיינע גזרות.
דאָס איז דאָך אונזער ביטערע ברירה.
דרום בעטן מיר דיך, רבונו של עולם,
דו זאָלסט אונז מוחל זיין אונזערע עבירות.

דיין שטראָף טוען מיר מקבל באהבה אָננעמען,
אַז מ'טוט אונז באָרט און פּאות אָראָפּנעמען,
טוט דאָך אונז אין הארצן קלעמען,
אַז מיר טוען זיך אַליין פאַר אונז שעמען.
דרום בעטן מיר דיך, רבונו של עולם,
דו זאָלסט אונז פון גלות אַרויסנעמען.

חער וועט אונזער אַרויסנעמער און אונזער אויסלייזער זיין,
אַז מיר זענען טיף אין גוישע הענט אַריין,
דאָס איז דאָך אונזער שמאַרץ און פּיין.
דרום בעטן מיר דיך, רבונו של עולם,
דו זאָלסט אונזער אַרויסנעמער און אויסלייזער זיין.

דאָס ביטערע קלאָגן זיך פון יידישע רעקרוטן איבער די ליידן פון טאַטע-מאַמע אין דער היים און זייערע אייגענע.

זילבער און גאָלד טוען דאָך די סדאַטשיקעס פאַר אונז לייגן,
אַז דער פריאָמשטשיק זאָל זאָגן, מיר טוען פאַר סאָלדאַטן
יאָ טויגן.
אַזוי טוט דאָך פון אונזערע פאָטערס און מוטערס ניט טריקענען
זייערע אויגן.
שבתים און ימים-טובים טוען זיי אַזוי פאַרברענגען.
חלשן טוט דאָך אונזער הארץ פון דעם גרויסן געדויש ;
אין דערהיים האָבן מיר דאָך געהאַט פון חלב און דבש.

די שרעק, וואָס נעמט אַרום אַלע יונגעליים, באַדראָאָטע דורכן נאָבאָר, און זייער צעלויסן זיך באַלד ווי ער ווערט פאַרעפנטלעכט, וואָס פלעגט פאַרקומען מייסטנס אין ימים-נוראים צייט:

אַז מ'לייענט דעם ביטערן אוקאַז —

טאָר זיך קיין יונגערמאַן ניט ווייזן אויף דער גאַס.
טויט ווינטשן מיר זיך געוויס.
אַז מיר דאַרפן זיך בוקן צום נאַטשאַלניקס פיס.
אַז דער נאַטשאַלניק טוט א געשריי: פּאַשאָל,
מוזן מיר עס אָננעמען פאַר צוקער זיס.

ימים נוראים טוען מיר דאָך שופר בלאָזן,
אויף פעלדער און אויף וועלדער טוען מיר זיך צעשפּרייטן
ווי די גראָזן.
אַז מען לייענט אָפּ דעם ביטערן אוקאַז,
טוען מיר זיך דאָך צעלויפן ווי די האָזן.
דרום בעטן מיר דיך, רבונו של עולם,
די זאָלסט אונז פון גלות אַרויסלאָזן. *)

די גלגולים וואָס א יידישער רעקרוט גייט אַדורך, ביז מ׳שיקט אים אַוועק פאַר א סאָלדאַט:

אַז אַלעקסאַנדער פּאַוולאָוויטש איז מלך געוואָרן,
זענען יידישע הערצער פריילעך געוואָרן. — אוי וויי, אוי וויי.
אַז ניקאָליי פּאַוולאָוויטש איז מלך געוואָרן,
זענען יידישע הערצער אומעטיק געוואָרן. — אוי וויי, אוי וויי.

דער ערשטער אוקאַז איז אַראָפּגעקומען אויף יידישע זעלנער,
זענען זיך אַלע צעלאָפן אין די פוסטע וועלדער. —
אוי וויי, אוי וויי.
אין אַלע פוסטע וועלדער זענען מיר צעלאָפן,
אין פוסטע גריבער זענען מיר פאַרלאָפן. — אוי וויי, אוי וויי.

בין איך געלעגן אין גרוב א טאָג מיט דריי מעסלעס,
בין איך געוואָרן טויט ווי א מת. — אוי וויי, אוי וויי.
טו איך אַ קוק — ס׳שטייט א שטיבעלע פון דערווייטן,
איז נישטאָ דאָ קיין שום לייטן — אוי וויי, אוי וויי.

---

*) די אַלע לידער זענען אַרויסגענומען פון פּאַולין ווענגעראָווס מעמואַרן. די ווייטערדיקע — פון מאַרעק-גינזבורגס זאמלבוך.

גיי איך צו צו דער טיר.
זאָג איך: באַלעבאָסטע, עפנט מיר. — אוי וויי, אוי וויי.
די באַלעבאָסטע האָט א קוק געטון אויף מיר: בין איך זייער טויט.
ניט זי מיר פאַר רחמנות א שטיקל ברויט. — אוי וויי, אוי וויי.

צום שטיקל ברויט דאַרף מען זיך וואַשן,
און די כאַפּערס גייען ארום אין אַלע גאַסן. אוי וויי, אוי וויי.

קומט אריין דער כאַפּער מאיר,
טראָג איך אים אריין דעם ווייסן צמייער. — אוי וויי, אוי וויי.
דעם ווייסן צווייער צוגענומען, צוגענומען,
און מיך פאַר קיין רעקרוט ניט גענומען. — אוי וויי, אוי וויי.

קומט אריין דער כאַפּער מענדל,
טראָג איך אים אריין דאָס רויטע רענדל. — אוי וויי, אוי וויי
דאָס רויטע רענדל צוגענומען, צוגענומען,
און מיך פאַר איין רעקרוט מיטגענומען. — אוי וויי, אוי וויי.

לייגט מען מיך אַרויף אויף דעם וואָגן,
זאָג איך: אוי, מאַמעניו, בעסער זאָלסטו מיך באַגראָבן.
אוי וויי, אוי וויי.
פירט מען מיך צום פּריאָם, צום פּריאָם,
זאָג איך: אוי, מאַמעניו, בעסער מאַך מיר א צאָם! —
אוי וויי, אוי וויי.

פירט מען מיך אריין אין דער ערשטער טיר,
שטייען פאָלדאָטן און קוקן אויף מיר. — אוי וויי, אוי וויי.
פירט מען מיך אריין אין דער צווייטער טיר,
שטייען זשאַנדאַרמען און קוקן אויף מיר. — אוי וויי, אוי וויי.

פירט מען מיך אריין אין דער דריטער טיר,
שטייען דאָקטוירים און קוקן אויף מיר. — אוי וויי, אוי וויי.
ר'טוט מיר א קוק אין די אויגן:

— פאר א סאלדאט וועט ער טויגן. — אוי ווײ, אוי ווײ.
ר׳טוט מיר א קוק אויף די פיס:
— פאר א סאלדאט בין איך צוקער זיס. — אוי ווײ, אוי ווײ.

זייט זשע מיר געזונט, מיין פאטער און מוטער,
כ׳גיי שוין אוועק פאר איין מאסקאוויטער!
גאט זאל אייך געבן געזונט און לעבן,
און מיר א גליקלעכן וועג!
וואס זשע וועט אייך העלפן אייער געוויין?
כ׳גיי זיך ניט אליין.

א הארצרייסנדע געשיכטע וועגן א בן יחיד, וואס האט זיך לאנג אויסבאהאלטן פון די כאפערס און איז דאך צום סוף אריינגעפאלן אין זייערע הענט, דערציילט אונז דאס פאלגנדע ליד:

איינער איז אריין אין א שטוב זיך באהאלטן,
האט ער געפונען א מאן אן אלטן.
„הערט צו, כ׳וועל אייך זאגן א ווארט.
אז פאר אייך אין שטוב איז ניטא קיין זיכערער ארט.
ס׳טוט דא אין שטוב פאר אייך צו באהאלטן ניט טויגן,
ס׳וועלן אייך נאך קענען דערזעען זייטיקע אויגן.
ס׳וועט ניט העלפן קיין יאמערן און קיין קלאגן.
זאל מען נעמען עטלעכע רובל און די קהלס־לייט ניט זאגן.
קומט ארויס מיט מיר פון שטוב.
כ׳וועל אייך ווייזן אן ארט אין א גרוב“.

איז ער ארויס פון שטוב מיטן אלטן,
האט ער געזען א גוטע גרוב זיך צו באהאלטן;
ווי ר׳איז אין גרוב אראפגעקראכן,
איז אים א שקרוך איבערן לייב אריבערגעלאפן;
איז ער דארט אפגעלעגן דריי מעסלעס,
האט ער שוין אויסגעזען ווי א מת.

האט מען אן אים דארטן גאר פארגעסן

און מ׳האָט אים ניט געגעבן ניט טרינקען ניט עסן,
וואָס וועט ער זיך אַליין פארדארבן?
קיינער וועט ניט וויסן, אַז ר׳וועט שטאַרבן.
איז ער פון גרוב ארויסגעקראָכן,
האָט ער דערזעען די באַלעבאָסטינקע רח׳ען.

„באַלעבאָסטינקע באַלעבאָסטינקע, וואָס האָט איר אָן מיר
פארגעסן?
דריי מעסלעס האָט איר מיר ניט געגעבן ניט טרינקען
און ניט עסן.“
זי האָט געגעבן אַ קוק, אַז ר׳איז טויט.
האָט זי אויפן טיש אַרויפגעלייגט אַ לעבעלע ברויט.
נעמט ער די קענדל און וויל זיך גיין וואַשן.
דוכט זיך אים, אַז די כאַפערס גייען אַרום אין די גאַסן.
גייט ער צו צום האַנטוך זיך ווישן.
דוכט זיך אים די קייטן צושליסן.

גייט ער צו צו דעם ברויט און וויל „המוציא“ מאַכן,
דוכט זיך אים אויס, אַז מ׳טוט די שטוב פאַרוואַכן.
ווו ר׳האָט גענומען דעם ערשטן וואָרט בענטשן,
זענען אַרייַנגעקומען אַ פולע שטוב מענטשן.

מ׳האָט אים אַוועקגעלייגט אויף ד׳ערד אין קייטן צו שליסן,
די לעצטע קאַפּאָטקע האָט מען אים אויף ברעקלעך צעריסן.
מ׳האָט אים אין וואָגן אַרייַנגעהויבן.
דעסיאַטניקעס האָבן זיך אַרומגעזעצט ווי בערן און לייבן.
מ׳האָט אים שוין אין שטאָט געבראַכט צו פירן.
אַ גליד פון יסורים האָט ער ניט געקאָנט רירן,
די מוטער איז צו די קהלס-לײַט גלייך געלאָפן,
האָט זי פאַר צרות די טיר ניט געטראָפן.
„וואָס האָט איר אַ גאַנצע אָטשערעד צונויפגעקליבן
און מיין אייניציקעס קינד צו פיר ברידער צוגעשריבן?
וואָס איז דאָס פאַר אַזאַ וועלט.

אַז מ׳געמט אַן איינאיינציקעס קינד און מ׳פאַרקויפט עס
פאַר געלט ?!
— וויבל, חייבל, זאָלסט ניט מאַכן קיין ליאַרם אויף דער וועלט.
שווייג שטיל, וועסטו קריגן אַ סאַך געלט.

גיי איך אַרויס אויפן גאַס,
פרעגט מען בײַ מיר: וואו איז דײַן פּאַס ?
„מײַן פּאַס, מײַן פּאַס האָב איך געטון פאַרלירן.״
מ׳טוט מיך אין פריאָם אַרײַן פירן.
מ׳שטעלט מיך אַוועק אונטערן מאָס.
דערלאַנגט מען אַ געשריי: „סאָלדאַט כאַראַש״.
פירט מען מיך אַרויס פון שול שווערן ווי אַ חתן.
כ׳דערלאַנג אַ קוק — שטייט אַרום מיר אַ ראָטע סאָלדאַטן
געשלאָסן.

בעסער צו זאָגן „המאיר לארץ״.
איידער צו עסן חזיר ווי אַ פּריץ;
בעסער צו זאָגן תהלים אַ קאַפּיטל,
איידער צו טראָגן די סאָלדאַטסקע היטל;
בעסער צו לערנען אַ ביסעלע משניות,
איידער צו עסן דעם סאָלדאַטסקען כּזית;
בעסער גאָטס תורה צו וויסן,
איידער מיטן ביקס צו שיסן.

---

* געזעגענונגס-ליד פון אַ רעקרוט מיט זיינע אייגענע:

ס׳איז אַ גזר מן השמים. אַז ס׳נייען גרויס און קליין. (ביס)
זייט זשע מיר געזונט, שוועסטער און ברידער,
כ׳גיי זיך שוין אַוועק!
גאָט זאָל אייך געבן גוטע זוונים
און מיר אַ גליקלעכן וועג;
וואָס זשע וועט אייך העלפן אייער געוויין ?

כ׳גיי זיך ניט אַליין!
ס׳איז אַ גזר מן השמים, אַז סגייען גרויס און קליין. (בּיס)

זייט זשע מיר געזונט, פעטערס-מומעס,
כ׳גיי זיך שוין אַוועק!
גאָט זאָל מיר געבן אַ גליקלעכן וועג!
זייט זשע מיר געזונט, מיינע זיידעס און באָבעס,
כ׳גיי זיך שוין אַוועק!
גאָט זאָל אייך געבן אַ גוטע עלטער
און מיר אַ גליקלעכן וועג!
וואָס וועט אייך העלפן אייער געוויין?
כ׳גיי זיך ניט אַליין,
ס׳איז אַ גזר מן השמים, אַז ס׳גייען גרויס און קליין. (בּיס)

זייט זשע מיר געזונט, מיינע דעפּוטאַטן,
כ׳גיי זיך שוין אַוועק!
גאָט זאָל אייך געבן קרענק צום לעבן
און מיר אַ גליקלעכן וועג!
ס׳איז אַ גזר מן השמים, אַז ס׳גייען גרויס און קליין. (בּיס)

אסורנו — אסור דרבנים,
לאָמיר זינגען אַ ליד פון די יידישע יונים.
באָרט און פּאות טוט מען אונז אָפּשערן,
שבתים און ימים טובים טוט מען אונז פאַרשטערן.
גאָר די וועלט טוט גרויס קלאָגן,
אַז מיר דאַרפן שפּטנז טראָגן.

דאָקטוירים טוען אויף אונזערע לייבער קוקען,
און צום (קייזערס בילד) מוזן מיר זיך בוקן.
... היינטיקע וועלט זענען מיר נעבוירן געוואָרן,
די וועלט און יענע וועלט האָבן מיר אָנגעוווירן.
וואָס זאָלן מיר וויינען און שרייען,
אַז דאָס איז אַ גזר מן השמים.

זיבן טעג האָבן מיר אין סוכה געטון זיצן,
און היינט דאַרפן מיר סאָלדאַטסקע ברויט נוצן.
חזנים און רבנים טוען אונז טרייבן צו דער שבועה.
און צו אונזער גזרה איז ניטאָ קיין רפואה.
טייכן טרערן האָבן פון אונזערע מוטערס געטון רינען,
איידער זיי האָבן אונז געטון געווינען,
יה, גאָט, קוק אראָפּ —
ווי די יידישע יונים קומען אָפּ.

לעבן וואסער וואַקסן בוימער,
און אויף די בוימער וואָקסן צווייגן.
אַז מ׳האָט אונז דאָ אין קאַראַולקע אריינגעפירט,
מוזן מיר דאָך שווייגן.

לעבן וואסער וואקסן בוימער,
און אויף די בוימער וואַקסן צווייגן,
און אויף צווייגן וואַקסן בלעטער.
אַז מ׳האָט אונז דאָ אין קאַראַולקע אריינגעפירט,
מוזן מיר שלאָפן אויף די הוילע ברעטער.

לעבן וואסער וואַקסן בוימער,
און אויף די בוימער וואַקסן צווייגן,
און אויף די צווייגן וואַקסן בלעטער,
און אויף די בלעטער וואַקסן ניס.
אַז מ׳האָט אונז גענומען פאַר רעקרוטן,
סוט מען אונז שליסן די הענט מיט די פיס.

לעבן וואסער וואַקסן בוימער,
און אויף די בוימער וואַקסן צווייגן,
און אויף די צווייגן וואַקסן בלעטער,
און אויף די בלעטער וואַקסן עפל.
אַז מ׳האָט אונז שוין אין פריאָם אריינגעפירט.

גאָלט מען דאָך אונז אָפּ א האלבע קעפל

לעבן וואַסער וואַקסן בוימער,
און אויף די בוימער וואַקסן צווייגן,
און אויף די צווייגן וואַקסן בלעטער,
און אויף די בלעטער וואַקסן דוילן.
אַז מ׳גיט אונז אָפּ פאָר סאָלדאטן,
לערנט מען דאָך אונז שיסן מיט גרויסע קוילן.

אַז מ׳פירט אונז שוין ארויס פון דערהיים,
טוען דאָך פאָטער און מוטער און שוועסטער און ברידער שרייען.
אַך, אונז טוט מען דאָך לערנען שיסן
מיט כלערליי כלי־זין.

אי, אוי אב הרחמים, שוכן במרומים,
דו ביסט אַ פאָטער איבער אַלע יתומים.
בעסער צו לערנען חומש מיט רש״י,
איידער צו עסן די סאָלדאטסקע קאַשע;
בעסער צו ליגן אויף הוילע ברעטער,
איידער צו רופן דעם יון „פעטער“;
בעסער צו טראָגן טלית און קיטל,
איידער צו טראָגן די סאָלדאַטסקע היטל;
בעסער צו עסן הרעטשענע האָלקעס,
איידער צו ליידן אַ מאָל פאָלקעס;
בעסער צו לערנען צוואַנציק יאָר גמרא,
איידער צו האָבן אויף זיך די צרה.
בעסער צו לערנען צוואַנציק יאָר תוספות מיט מהרש״א,
איידער צו שטיין „נאַ טשאַסאָך“ א האלבע שעה.
— — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — —

אינם פאָלגענדן לידל הערט זיך באַזונדערס שטאַרק דאָס געשריי און ביטער געוויין פונם פראָסטן פאָלק, ביי וועמען מ'רייסט אַוועק די קליינע קינדער — אין דער צייט, ווען די רייכע געשעט קיין ביין נישט:

טרערן גיסן זיך אין די גאַסן,
אין קינדערשן בלוט קאָן מען זיך וואַשן

געוואַלד! וואָס איז דאָס פאַר אַ קלאָג?
צי ווערט דען קיינמאָל ניט ווערן טאָג?

קליינע עופעלעך רייסט מען פון חדר,
מ'טוט זיי אָן יוונישע קליידער.

אונזערע פרנסים, אונזערע רבנים
העלפן נאָך אָפּצוגעבן זיי פאַר יוונים.

ביי זישע ראַקאָווער זענען דאָ זיבן בנים,
איז פון זיי ניטאָ איינער אין די יוונים.

נאָר לאה די אַלמנה'ס איינציק קינד
איז אַ כפרה פאַר קהלשע זינד.

ס'איז אַ מצוה אָפּצוגעבן פראָסטאַקעס,
שוסטער, שניידער זענען דאָך לייראַקעס.

קרעציקע חייציקלעך פון אַ משפחה אַ שיינער
טאָר ביי אונז ניט אָוועקגיין ניט איינער.

דאָס פאָלגענדע לידל איז כאַראַקטעריסטיש דערמיט, וואָס יעדע סטראָפע הייבט זיך אָן מיט אַן אות פונם אלף־בית. ליידער זענען פון אים געבליבן בלויז ווייניקע סטראָפן מיט די אותיות: ל. מ. נ. ק. ש.

לויפן מאַמעס אויפן בית־עלמין
קלאָגן, וויינען, וואָס זיי אין צוגעקומען:

רעם לעצטן קדיש פון אַ טאַטען
האָט מען אין יוניס צוגענומען.

מלאכי השרת פון הימל,
ווי קענט איר גאָר פאַרליידן:
מ'נעמט מיך צו פון דער גמרא
און מ'טוט מיך פון גאָטס דינסט פאַרמיידן.

נאָך מיין טאַטען און נאָך מיין מאַמען
בין איך איין קריש געבליבן,
האָט זיך קהל איבער מיר דערבאַרעמט
און מ'האָט מיך פאַר אַ סאָלדאַט פאַרשריבן.

קול ברמה נשמע. —
מ'פאַרטרייבט יידן פון דער תורה.
גאָט וואָלט איבערקערן אונזערע סטאַראָסטעס, די ראשי-ישראל,
במהפכת סדום ועמורה!

שוין צייט געווען, אַז משיח זאָל קומען,
וואָלט געווען אַ נס מן השמים.
מ'האָט אונז פאַרביטערט אונזער לעבן
נאָך מער איידער אין מצרים.

אויסער די ציטירטע פאָלקס-לידער האָט אויך דער גרעסטער העברעאישער פּאָעט פון דער השכלה-עפּאָכע, יהודה לייב גאָרדאָן, פאַרפאַסט אין יידיש צוויי רעקרוטן-לידער. דאָס ערשטע איז אַ וויג-ליד און איז געהאַלטן אין אַ ליריש-סענטימענטאַלן טאָן, דאָס צווייטע — אין אַ סאַטיריש-סאַרקאַסטישן, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער השכלה-ליטעראַטור.

הגם אינם ערשטן לידל קומען צום אויסדרוק די פּסידאָ-פּאַטריאָטישע געפילן פונם מחבר און אינם צווייטן — די קריטישע און אומבּרחמנות-ריקזיכטסלאָזע באַציאונג צו די אומגעבילדעטע פאַרדאָרבענע קהל-ליט, דאָך הערט זיך פון זיי אויך דער גרויסער וויסאַק פון דער יידישער מאַמע, וואָס זעט, ווי איר מיט בלוט און שווייס דערצויגן קינד ווערט ביי איר אַוועקגעריסן

און אָפּגעגעבן אין ברוטאַלע הענט פאַרפייניקט צו ווערן אויף טויט. און אויך די הימל־שרייענדע עוולות, וואָס תּקיפים און רייכע זענען באַגאַנגען קעגן אָרעמע און שוואַכע.

אין דיזאָזיקע לידער אַנטפּלעקן זיך פאַר אונז די געפילן פונם משורר, וועלכער האָט געלעבט אין דער שרעקלעכער רעקרוטשינע־צייט (יל"ג איז געבוירן געוואָרן אינם יאָר 1832 און געשטאָרבן אין 1892) און איז געווען אַן עדות פון די שרעקלעכע געוואַלדסאַכן און גרויזאַמקייטן, וועלכע זענען אָפּגעטון געוואָרן אין די יידישע שטעט און שטעטלעך. גאָרדאָנס משכּילים־פּאַטריאָטישער שטאַנדפּונקט האָט אים נישט דערלויבט צו באַציִען זיך קריטיש צום עצם־פאַקט פון דער ווילדער רעקרוטשינע, ד. ה. צו דער רשעותדיקער רוסישער רעגירונג. האָט ער, אום צו באַרויִקן לכל הפּחות זיין געוויסן און דערפילן זיין מיסיע פון א פאָלקס־מוכיח, געשילדערט די געוואַלטיקע אומגערעכטיקייטן, וואָס אייגענע זענען באַגאַנגען קעגן אייגענע. אין דעם ליגט די באַדייטונג פון גאָרדאָנס רעקרוטן־לידער. אגב זענען גאָרדאָנס יידישע לידער ווייניק באַקאַנט דעם יידישן לעזער, ווייל זיי זענען בכלל ביים היינטיקן טאָג א יקר־המציאות.

מיר דרוקן זיי איבער אָן א פאַרקירצונג.

I

די מוטערס אָפּשייד — *)

(פון איר קינד אין יאָר 1845. וואָס מ'האָט אָפּגעגעבן פאַר א רעקרוט.)

בנגון — „Спи младенец"

I

זיי געזונט, מיין טייער קינד,
איך וועל דיך מער נישט זעען;
גיי וווהין דיך טראָגט דער ווינט,
וואָס באַשערט איז — זאָל געשען.
אַז איך האָב אויף דיר פאַרבראַכט
געזונט און בלוט און גוט,
האָב איך אַוודאי נישט געטראַכט,
אַז דו וועסט זיין א רעקרוט.

---

*) די אָרטאָגראַפיע געענדערט אויף די נייע.

2

איך האָב דיך געטראָגן, דיך געבוירן,
געזייגט מיט מיין ברוסט,
דיך דערצויגן אַזוי פיל יאָרן,
פון קיין נחת ניט געוווּסט.
דערלעבט צו שיקן דיך אין חדר,
דו האָסט שוין געלערנט גמרא.
געהאָפט צו נייען חתונה-קליידער
און דערלעבט אַזאַ צרה.

3

דיין טאַטע דער צדיק איז לאַנג שוין טויט,
זאָל ער ליגן אין זיין רו! —
ער ליגט און שווייגט אין אונזער נויט
און לאָזט דאָס אַלצדינג צו.
מסתמא הערט אים דער בורא ניט,
נעמט ניט אָן זכות-אבות;
אָדער ער האָט זיך ניט געמיט
אָדער ס'איז אַלץ אַ טעות.

4

זיי געזונט, מיין טייער קינד,
גיי אַהין, וווּ זיי דיך יאָגן!
מיינע אויגן האָב איך געוויינט מיר בלינד,
איך קען שוין מער ניט קלאָגן.
און וואָס קען העלפן וויינען און טרערן! —
מאַכן זיי דען אום דעם דעקרעט!
אַנדערש וועט דאָך שוין ניט ווערן,
דו ביסט און בלייבסט אַ רעקרוט.

5

פינף און צוואַנציק פינסטערע יאָר
מוזטו אין קאַזאַרמע לעבן!

פאַר אַלע צרות, איך ווייס דאס קלאר,
וועט מען דיר קיין לוין ניט געבן.
דערדינען קענסטו זיך אין לעבן ניט.
מעגסטו זיין דער גרעסטער כוואט.
דו ביסט געבוירן געווארן אַ ייִד —
דו ביסט און בלייבסט סאלדאט!

6

דאס זאל דיך אבער, מיין קינד, ניט האַרן,
דו דינ דעם קיסר טריי,
אפילו אין די גרעסטע געפארן
זיי בראַברע און ערלעך דערביי.
דיין לעבן, דיין בלוט זאלסטו ניט שוינען,
אַז מ׳פאַרלאנגט עס פון דיר,
מילן מענטשן דיר ניט באלוינען,
באַצאלט דיר גאט דאפיר.

7

זיי געזונט, מיין טייער קינד,
דארט קומט דער אפיציר,
זיי געזונט און גיי געשווינד,
ער פרעגט געוויס נאך דיר.
גיי געשווינד. ניין — צי נאך אויף,
באלד וועט מען אייך ארויסטרייבן —
גיב מיר דיין האנט און שווער דרויף:
דו זאלסט א ייד נאך בלייבן.

8

און אז מ׳שיקט אייך אין מלחמה
זיך מיט דעם שונא צו שלאגן,
פארטרוי דעם ליבן גאט דיין נשמה
און פארגעס ניט ודוי צו זאגן.
קומסטו צוריק, זאלסטו מיר שרייבן.

ראָס וועט זיין אויף מיין וווּנד בוימל;
פאַרגעס ניט אַ מנין צונויפצוקלייבן
און צו בענטשן גומל.

9

אַ קליין סידורל און אַ פּאָר תפילין,
אויך ציצית גיב איך דיר מיט.
פאַרגעס ניט, מיין קינד, אום גאָטס ווילן,
פאַרגעס דיין גלויבן ניט.
און אז דו האָסט אַ ווײַלע צייט,
קענסט אָפּקומען אָן סכנה,
לייג די תפילין און גיי אין אַ זייט
און דאַוון מיט כוונה.

10

נו גיי שוין גיי, מיין טייער קינד,
ער רופט שוין אויס אויפן קול.
נאָך איין קוש וויל איך דיר געבן,
נאָך איינעם צום לעצטן מאָל.
נו, גענוג שוין, איצט גיי געשווינד,
ער האָט גערופן דיין נאָמען.
זיי געזונט, מיין טייער קינד,
געזונט און גליקלעך — אמן.

11

עכּוב הקריאה

(אַ מעשה פון פאַרצייטן).

1

צו ענדע איז די שמונה-עשרה די הויכע
ס׳איז שוין נאָך חזרת-הש״ץ;
דער חזן האָט שוין אויסגעקרייעט „אין כמוך“,
דער שטענדער האָט באַקומען דעם פּאַטש;
דער שמש האָט שוין פאַרקויפט די עליות
פאַר דרייצנטהאַלבן גילדן —
נו, סאַ וואָס וואַרט מען, וואָס מאַכט מען שהיות,
פאַרוואָס נעמט מען ניט אויס שוין?

2

אפשר איז נאָך דער רבי רב פירך
שמונה-עשרה ניט אויסגעגאַנגען?
אָדער איז ער אויפן צורך
אויפן דרויסן אַרויסגעגאַנגען?
ניין. דאָרט לייכט זיין כשרה צורה
דורך דער זילבערנער עטרה אַרויס;
דער רב איז דאָ. אַלץ איז כשורה.
סאָ פאַרוואָס נעמט מען ניט אויס?

3

בּיים אָרון-קודש אויף די טרעפּלעך
שטייט אַן אשה און טרעט ניט אָפּ;
די באָרוועסע פיסלעך, די נאַקעטע קעפּלעך —
דאָס זענען אירע קינדער ווי באָב;
זי האַלט מיט בּיידע הענט דעם פרוכת
און פון אָרון-קודש די טיר,

און שרייט און וויינט מיט אלע כוחות,
די קינדער שרייען מיט מיט איר.

4

וואס האט איר. רוצחים. געוואלט. באנדיטן,
אויף מיין לעבן זיך אנגעזעצט?
פארוואס האט איר מיין זון, דעם דריטן,
אין קאזארמע אריינגעזעצט?
צוויי זין מיינע דורך פאלשע נעמען
האט איר שוין פארטיק געמאכט;
און איצט ווידער לאזט איר נעמען
דעם דריטן הייגטיקע נאכט!

5

פאראיארן ערב ראש-השנה
האט מיך געטראפן די קויל —
מיט פינף עופעלעך אן אלמנה...
ניט זינדיקן זאל מיין מויל,
נאך זלמנ׳ס טויט ניט יאנקל לעבן
אונז דאס שטיקעלע ברויט;
איצט ווילט איר אים נאך אויך אפגעבן —
גיט בעסער אונז דעם טויט.

6

אווי שרייט ציפע, וואס האלט דעם שעמער, *)
ווי מ׳שרייט אין באר אויפן פאל.
איר אנטקייגן פון אלמעמער
הערט זיך נאך א קול:
דארט שטייט א ווייבל אפגעריסן,
בלייך און קראנק, האלב בלינד·
און אויפן שולחן אין א קישן
ליגט א נפל-קינד.

---

*) אויף ווילנער לשון — א קרעמל ביים טויער. — א. ל.

7

צייט איך קימפעט איז צוויי וואָכן
אינגאַנצן נאָך ניט פול.
זי איז פון בעט אַרויסגעקראָכן.
געקומען קוים אין שול.
איז זי אפשר פון גרויס צדקות
פון בעט אין שול געקומען?
ניין. די כאַפּערס האָבן גיטקעס
מאַן די נאַכט גענומען.

8

א בן־יחיד — טענהט זי — ביי זיין פאָטער
איז אַרטשיק דאָך מיין מאַן,
דאָס ער איז פון רעקרוטן פטור.
דאָס מען מיר איינגעשאַצט אין נדן.
נאָך אונזער חתונה, דאָס ווייס דאָס געסל,
איז נאָך ניטאָ קיין יאָר,
און א יונגער באַלעבאָסל
איז דאָך פטור פון נאַבאָר.

9

וואָס טו איך איצט? מיט מיר איז אַן עק!
וויי צו מיינע יאָרן!
פאַרגאַנגענע נאַכט פון גרויס שרעק
האָב איך די מילך פאַרלוירן!
זאָל איך מיין קינד דערטרינקען? פאַרסמען?
לעבעדיק אין קבר לייגן?
אָן א טאַטן און אָן א מאַמען —
זאָל קהל דאָס קינד זייגן!

10

צווישן די שטענדערס ווערט געדודערט —
וואָס איז דאָרטן פאַר א לייט?

די היטל פאַרקערט. די האָר צופוירערט,
די קאפאָטע אויפן לינקען זייט,
איז ער מיט העזה אריינגעלאָפן
און לויפט גלייך אויבן אָן.
וווּ צווישן מזרח און צפון
שטייט די גילדענע פאָן.

11

דאָרט שטייט א ייד מיט צוויי מורינוס —
ער הייסט רב איציק רב בערס,
ער ווינט מיטן רב אין נאָנטע שכנות,
דער גבאי איז זיין שווער.
ער איז אַליין אויך א שטיקל לייט
און א שיינער באַלעבאָס.
דאָס איז דער סבאָרשטשיק — פון לאַנגער צייט
פירט ער די שטאָט ביי דער נאָז.

12

צו אים לויפט דער עזות-פנים
מיט גרויס אימפעט צו.
וואָס ווילסטו — שרייט ער — פאַר יונים
אונז אַלעמען מאַכן דו?
וואָס האָסטו, גזלן, געלאָזט מיין בענצען
ברענגען אויפן פראָנט?
מיינסטו, באַלמעלאָכעס זענען ניט קיין מענטשן?
מיט זיי טוט איר וואָס איר קענט?

13

פאַר מיין משפחה פאַר דריי יאָרן
האָב איך אַן אַכאָטניק געשטעלט.
איך בין בדיל הדל געוואָרן —
דאָס חיים די גאַנצע וועלט.
און בינטו פאַר א פלעשל משקה

אים משנה־השם, כל בוניק.
און שרייבסט אים צו צו דער סקאַזקע
פון חיים׳קע דעם ימח־שמוניק.

14

בשעת איך האָב געדאַרפט אַן ערוב —
דענסמאָל איז קיין גואל געווען;
איצט איז ר׳ חיים מיינער אַ קרוב,
מיין ברודער זאָל פאַר אים גיין.
זיינע פינף בענקאַרטן זענען קראַנק צו דינען!
טויגן פאַר סאָלדאַטן ניט!
איך זאָג אייך, רבותי, בלוט וועט רינען,
איר קענט ניט שמערלען דעם שמיר.

15

אַזוי יאָמערן נעבעך די ביידע ווייבער,
אַזוי ליאַרעמט שמערל דער שמיר;
דער רב, דער סבאַרשטשיק, דער קהלישער שרייבער —
זיי רירט דאָס אַלצדינג ניט.
און דעם גבאי׳ס פינף בענקאַרטעס
שטייען זיך אויף זייער פלאַץ.
זיי שטייען רואיק און זיי אַרט עס,
אַזוי ווי די גראָע קאַץ.

16

זענען דאָס די זעלבינקע טייערע יידן,
וואָס איך האָב אַמאָל געזען,
בשעת מ׳האָט ביי דייטש אָנקלייבן
גוזר תענית געווען?
דענסטמאָל האָט דער רב געוויינט ווי אַ ביבער,
דער סבאַרשטשיק האָט ליפן געשטעלט.
די גבאים, שמשים, דער גאַנצער צבור
האָבן איבערגעקערט די וועלט.

17

איצט דירס זיי ניט קלאגן און וויינען,
זיי זענען ווי פון שטיין.
זיי וואלטן נאר גערן, מ'זאל שוין לייענען
און גיכער צום טשולענט גיין.
זעט איר דארט ניט ר' חיים'ן
מיט די שפאקולן אויף דער נאז?
ער זאגט דערווייל זיך „אני מאמין". *)
ווי ניט אים מיינט מען דאס.

18

דער אנדערער גבאי, ער הייסט רב חייא,
דער טלית איבערן קאפ,
איז זיך רואיק מעביר קריאה
און עברי נאר מיט טראפ.
רב איציק, רב בער, דער איידעם דעם גבאי'ס,
איז געגאנגען ברכה מאכן;
זאל ער דען הונגערן לכבוד שבת?
ער האט פיינט אזעלכע זאכן.

19

דער רב זיצט זיך ווי א שררה
גאנץ רואיק אויף זיין ארט.
ער בלעטערט כלומרשט די גמרא
און גלעט זיך נאר די בארט.
נעבן אים שטייט רב יאנקל דער דיין —
זיין מיחוש לאזט זיך אים ניט זעצן —
ער שטייט און לערנט זיך דעם „זיין"
פון „תזכרו" גוט צו קוועטשן.

---

*) ווי עס שיינט, ווייס נעבעך ר' חיים דער גבאי ניט, אז שבת זאגט מען ניט קיין „אני מאמין". אנמערקונג דעם זעצערס.

20

און רב קלמעלע וואָס זאָגט דעם שעור —
דער איז גאָר ניטאָ.
ער שטייט און וואַשט די הענט בײַם כיור
אַ גאַנצע האַלבע שעה.
ער זאָגט מיט כוונה „אשר יצר"
און ווישט זיך אָפּ די האַנט
און זוכט ווען עס איז דער יום הקצר
אין לוח אויף דער וואַנט.

21

דעם סוף פון דער מעשה ווילט איר וויסן!
איין אויסגעבלאָזן איי!
אומזיסט האָבן זיך די נאָל געריסן
די אומגליקלעכע אַ שעה צוויי.
דעם שמיד איז דער האַלז געוואָרן טרוקן,
ער האָט צו שרייען אויפגעהערט.
דער אַלמנה האָט מען געגעבן אין רוקן,
אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד.

22

די קימפּעטאָרין, אין חלשות געפאַלן,
האָט מען אין פּאַליש אַרויסגעבראַכט.
אויף דעם קינד האָט זיך געפונען אַ בעלן,
דעם שולחן האָט מען טרוקן געמאַכט.
דער חזן האָט געשווינד אויסגענומען
און געזונגען „שמע ישראל".
און אַלע זענען צו זיך געקומען —
אויפגעלעבט גאַנץ קהל.

23

דער בעל-הקריאה האָט אָנגעהויבן צו קרייען
און זיך שטאַרק צו שאָקלען.

דעם רב האָט מען אויפגערופן כהן,
שלישי נעגעבן רב יאָקלען.
ששי האָט ויך געגומען רב חייא —
— ער האָט א פעטן ביינדל האָלט —
און יעדער האָט באַקומען די עליה,
פאַר וועלכע ער האָט ניט באַצאָלט.

24

און רב איציק רב בערס האָט געליִיענט מפטיר,
מיט מתיקות אויפן קול
און האָט געגעבן האָלץ אַ קלאַפּטער,
אַ גדבה אויפן שפּיטאָל.
און יאַנקלען און בענצען און גיטקעס אַרטשיק
האָט מען צום פריאָם געשטעלט,
און רב איציק רב בערס איז געבליבן סבאַרשטשיק
און וועלט איז געבליבן וועלט.

VII

זכרונות פון געוועזענע קאַנטאָניסטן.

דער חודש-זשורנאַל פאַר יידישער געשיכטע מ. נ. „יעוורעיסקאַיאַ סטאַרינא", אַרויסגעגעבן דורך דער יידישער היסטאָריש-עטנאָגראַפישער געזעלשאַפט אין פעטערבורג אין רוסיש, אונטער דער רעדאַקציע פון שמעון דובנאָוו, האָט זיך באַלד אינם ערשטן העפט (אָנהייב יאָר 1909) פאַראינטערעסירט מיטן קאַנטאָניסטן-פּראָבלעם און האָט זיך געווענדעט מיט אַן אויפרוף צו די אַלע, וואָס האָבן עפעס וואָס עס זאָל נישט זיין צו דערציילן וועגן די קאַנטאָניסטן-קדושים, זיי זאָלן דעם מאַטעריאַל צושיקן אין דער רעדאַקציע פונם זשורנאַל, וועלכער וועט אים גערן דרוקן.

אויף דעם אויפרוף האָבן זיך צווישן אַנדערע אויך אָפגערופן עטלעכע אַלטע לייט, געוועזענע קאַנטאָניסטן, וועלכע האָבן נאָך צו יענער צייט געלעבט אין פאַרשיידענע ערטער אין רוסלאַנד. זיי האָבן אָנגעשריבן זייער לעבנס-געשיכטע אין דער רוסישער שפּראַך און האָבן זי איבערגעשיקט קיין פעטערבורג אין דער רעדאַקציע.

דובנאָוו באַמערקט, אַז ער האָט אין דידאָזיקע מאַנוסקריפּטן גאָרנישט געענדערט. ער האָט בלויז אויסגעבעסערט די גראַמאַטישע און סטיליסטישע פעלערן פון דער שפּראַך. פאַר דעם קומט דובנאָוון אַ גרויסער יישר-כח, ווייל די דערציילונגען אַזוי ווי זיי זענען, אָן פאַרקירצונגען און פאַרבעסערונגען, שטעלן פאַר מיט זיך אַ זייער אינטערעסאַנטן, פשוט פאַרכאַפּנדן לייען-מאַטעריאַל און זענען פאַר דער געשיכטע פון די קאַנטאָניסטן, זייער לעבן און ליידן, ממש פון אומשעצבאַרן ווערט. זיי זענען געשריבן מיט גרויסער פשטות און פון לויטערן זכרון דורך אַלטע לייט, וואָס קוקן צוריק מיט אַן אָפן אויג אויף זייער לאַנגן לעבנס-וועג.

די דערציילונגען האבן, לויט מיין מיינונג, דעם כאראקטער און ווערט פון פאלקס-שאפונגען. נישט סתם מעמוארן פון יחידים דארף מען אין זיי זען, נאר פאלקס-דערציילונגען, וואס באזירן, מיטן אונטערשייד פון סתם פאלקס-מעשהלעך, אויף דעם געשעענעם און איבערגעלעבטן. נישט „ווארהייט און דיכטונג״, נאר גאנצע 100 פראצ. ווארהייט. און אין דעם באשטייט זייער קאלאסאלער ווערט.

די אלע קאנטאניסטן-מחברים זענען געווארן געכאפט אין די לעצטע 6—5 יאר פון דער קאנטאניסטן-תקופה, ד. ה. אין די יארן 1850—6. זיי זענען, פילייכט. די איינציקע אוממיטלבארע דערציילונגען פון אונזערע מארטירער-קדושים און פארדינען באקאנט צו ווערן דעם ברייטן כלל יידן.

ערשטע דערציילונג

(פון געוועזענעם קאנטאניסט משה שפיגעל, וווין-ארט — אירקוטסק).

דער שרייבער פון די שורות, געוועזענער מיליטער-שרייבער פון די קאנטאניסטן, משה שפיגל — איז געבוירן געווארן אין א מיטל-פארמעגלעכער פאמיליע אין זאסלאווער קרייז, וואלינער גובערניע. צו 6 יאר בין איך געווארן א יתום נאכן פאטער און צו זיבן יאר בין איך שוין געווען געכאפט (אין יאר 1851) און אפגעגעבן פאר א רעקרוט. נישט לאנג פאר דעם האט מיין מוטער אויסגעגעבן א סאך געלט מיך צו באפרייען. אבער אויפן אכטן יאר בין איך געווארן געכאפט און מ׳האט מיך אוועקגעשיקט קיין סאבאלסק.

כ׳וועל דערציילן כסדר, ווי ס׳איז פארגעקומען.

ווען מ׳האט מיך צום ערשטן מאל געכאפט אין 1851-טן יאר, איז מיין מוטער נישט געווען אין דערהיים. נאך גרויסער מי איז איר געלונגען געווארן צו ווערן, אז מ׳האט מיך אוועקגעפירט קיין נאווגראד-וואלינסק. דארטן האט מיין מוטער מיך אויסגעקויפט און, ביז ס׳האט זיך נישט געענדיקט דער נאבאר, בין איך געווען באהאלטן דריי חדשים ביי א קליינרוס אויפן אויוון.

כ׳געדענק, ווינטער 1851 זענען געקומען צו אונז א סאך קרובים צו באטראכטן וואס ווייטער מיט מיר צו טון, כדי אויסצומיידן, אז מיין ברודער לוי זאל נישט געכאפט ווערן, איז ער נאך ביים פאטערס לעבן אוועקגעפירט

געהארן צו א פעטער קיין לעמבערג. די קרובים האבן באשלאסן, אז מיר זאלן פארקויפן דאס הויז און די גאנצע הירטשאפט און זאלן אלע אוועקפארן נאך פסח קיין עסטרייך. מ׳האט אזוי געטון. מיין מוטער מיט די קינדער איז אנגעקומען קיין וואלאטשיסק. ווו ס׳האבן זיך צענויפגעקליבן א מאן 24 עמיגראנטן. די מאלדאוואנעס און יידישע שווינדלער האבן זיך אונטערגענומען פאר 20 רובל פון פערזאן איבערצופירן אלע איבערן טייכל אויף יענער זייט גרענעץ צו א געוויסן ייד. איידער וואס ווען האבן זיי גענומען צו 10 רובל פון יעדן אלס האנטגעלט. ס׳איז געווען ביינאכט פון מיטוואך אויף דאנערשטיק. די מאלדאוואנער האבן זיך געמאכט, ווי זיי פירן איבער אויף אקסן פאשע פאר זייערע פעלדער. מ׳האט אונז אוועקגעלייגט אין א וועלדל און געהייסן נישט אויפשטיין. ווייל ס׳קאן אונז באמערקן די גרענעץ-וואך.

און וואס איז ארויסגעקומען ? פרייטיק, 7 אווגט, האבן דראגונער אויף פערד ארומגערינגלט דאס וועלדל און אלע ביז איינעם פארנומען. שבת האט מען די קינדער אנגעטון רינגען אויף די הענט און צענויפגעבונדן אין צווייען. די עלטערע האט מען פארקאוועט אין קייטן און אפגעשיקט מיטן עטאפ קיין קאמענעץ-פאדאלסק. און פון דארטן יעדן אין זיין שטאט צום משפט. דערווייל זענען מיר געבליבן אין תפיסה. ענדע מאי האט מען אונז פאר געלט באפרייט פון תפיסה.

באלד נאך דעם געשעעניש, אין יאר 1852, האבן זיך אנגעהויבן די הכנות צו דער מלחמה מיט דער טערקיי. אומגעריכט איז מען צוגעטרעטן צו א נייעם נאבאר. א שרעקלעכע פאניק האט ארומגענומען אלע יידן. אלע זענען געווען איבערגעשראקן. ביי טאג דרייט מען זיך. ביינאכט שלאפט קיינער נישט. אלע זיפצן, קלאגן —

מיין מוטער האט געהאלטן אין איין וויינען, האלטנדיק מיך אין אירע ארעמס. אליין האב איך אויך געוויינט. א געוויסע צייט האט מען מיך איבאהאלטן : מ׳האט מיך אוועקגעפירט צו א פעטער קיין זאסלאוו. נאר ארויסגעקומען איז אנדערש. אין אויגוסט האט מען מיך געכאפט, אוועקגעפירט קיין אסטראג און פון דארטן קיין זשיטאמיר. כ׳געדענק, א 7–8 טעג פאר ראש-השנה האט מען מיך אויסגעטון, אריינגעפירט אין דער קאמיסיע און צוגעשטעלט צו דער מאס. א דאקטאר און אן אפיציר האבן מיך בא קוקט. אויסגעדרייט אויף אלע זייטן און אן נעוויסנס-ביסע ארויסגערעדט ד ווערטער : „גאדיען-פריניאט" (טויג. צוגענומען). מאמענטאל האט מען מיך איבערגעגעבן אין א שכניש צימער דער מיליטערישער קאמאנדע. אינם זעלבן

צימער זענען שוין געווען נאך א סאך יונגינקע עופעלעך ווי איך. וואס האבן ביטער געוויינט, פרויען, כאכלושקעס. האבן צוגעטראגן טעפ מיט עסן און האבן איינגערעדט די קינדער נישט צו וויינען. „עסט קאשע — וועט איר זיין געזונט". זיי האבן דערציילט, אז יערע פון זיי דארף באדינען 5 קינדער און, אז זיי וועלן ברענגען עסן אין די קאזארמעס 2 מאל טעגלעך ביזן אפגיין פון דער פארטיע. קורץ דערנאך האט מען אונז באגלייט. 2 טעג פארן אפגיין פון דער פארטיע, וואס איז באשטאנען פון 225 קינדער, הויך פון 1 ביז 1½ ארשין, האט מיך נאך די מאמע געטראפן אין זשיטאמיר. ס'איז שוין אבער געווען שפעט. געלט האט שוין נישט געקאנט העלפן. כ'בין דאמאלס געשטאנען און געגעסן קיכלעך מיט מאן ארער יאגדעס, וואס די פויערטע האט געברענגט. אונז האבן שוין באטאפט די סאלדאטן-דיאדקעס. דער פארטיע-אפיציר האט עפעס געשריבן און האט געגעבן באפעלן צו די אונטעראפיצירן. אלע קינדער זענען געווען אין רעגירונגס-קליידער, וואס זענען באשטאנען פון: א שינעל פון גראען טוך אן פאדשעווקע — מיט גראע טוכענע קנעפ, מיט א שטייענדיקן קאלנער — א לאנגער און אן קעשענעס; א היטל פון גראבן טוך אויף פאדשעווקע, שרעקלעך מיט, גרעסער פון קאפ און אן א דאשעק; הויזן פון גראבן טוך אויף גראבע לייווונטענע פאדשעווקע, זייער גרויסע, וואס האבן אפגעריסן די הויט און מיט וועלכע מ'האט זיך אין פאל פון א נאטירלעכער באדערפעניש ניש געקאנט קיין עצה געבן אן דער הילף פון דיאדקע; און שטיוול פון גראבע לעדער מיט אניצעס. אזוי ווי ס'איז שוין געגאנגען צום ווינטער האט מען אונז פארזעען מיט געמיינע האלב-שוכעס, אין וועלכע ס'האבן זיך אויפגעהאלטן א מאסע לייז. וואס האבן אונז שרעקלעך געפייניקט. פון שטענדיקן קראצן זיך האט זיך ביי א סאך פון אונז אנטוויקלט א הויט-קראנקהייט. אויפן אקסל האבן מיר געטראגן א זעקל פון פויערשן טוך. אין מיין זעקל זענען געלעגן 2 העמדער פון גראבן לייווונט, טיכלעך, זאקן, גאטקעס און אנדערע זאכן, וואס מיין מאמע האט מיר געקויפט. פון געלט האב איך א ביסל איבערגעלאזט ביי זיך. דעם גרעסטן טייל אבער האבן אלע יידן אוועקגעגעבן דעם פארטיע-אפיציר צום היטן — אויף אייביק, ווייל ער האט עס קיינמאל נישט צוריקגעגעבן.

מיר זענען געשלאפן אין די קאזארמעס ווי חזירים. אויפן צווייטן טאג האבן מיר שוין געהערט דעם געוויינטלעכן רוף אין ראטע: „הע, איר זשידיאנקעס" (Жиденята)!

2—3 טעג פאר ראש-השנה האבן זיך יידישע באלעגאלעס אונטערגעני-

מען אונז צו דערפירן ביז קורסק. פון זשיטאמיר זענען מיר ארויסגעפארן אין באגלייטונג פון דער גאנצער וויינענדיקער שטאט. גלייך ווי מ׳וואלט די קינדער געפירט אויפן בית-הקברות אדער צום הענגען. פאטערס, מוטערס, ברידער, שוועסטערן און קרובים האבן באגלייט 3—4 סטאציעס. מיך האט די מוטער באגלייט ביז קיעוו. דארטן האבן מיר זיך צעשיידט, באגיסנדיק זיך מיט טרערן. מיין מאמעס לעצטע ווערטער זענען געווען: „קינד מיינס, טויש נישט אויס ריין העמד״ (געמיינט: די יידישע אמונה — ז. ל.).

נעקומען זענען מיר קיין מאסקווע אין די קנאקנדיקסטע פרעסט. מ׳האט אונז איינגעארדנט אין קאלטע שמוציקע קאזארמעס. דאס מיטאג האט מען געגעבן אין גרויסע שיסלען (4—5 יינגלעך האבן קוים געקאנט דערטראגן אזא שיסל). אין אזעלכע שיסלען האט מען געגעבן עסן די קינדער. נאך 5 טעג איז געקומען צופארן דער פליגל-אדיוטאנט צו באקוקן אונז און פרעגן, אויב מיר האבן נישט קיין פרעטענסיעס. נאר ווער פון אונז האט געוואלט רעדן. ווען קיינער פון אונז האט נישט געקענט די רוסישע שפראך. מיר האבן איבערהויפט נישט געוווסט וווהין און צו וועלכן צוועק מ׳פירט אונז.

נאכן פארענדיקן דעם „סמאטר״ זענען מיר אויפן צווייטן טאג ארויס פון מאסקווע צופוס. די זעקלעך מיט די זאכן זענען נאכגעפארן נאך אונז אויף פורן. מ׳האט אונז געברענגט אויף א פעלד, ווו ס׳איז היינט „כאדינקא״ און מ׳האט אונז צעטיילט אויף ווינונגען. דא האט מען אונז געזאגט, אז די רוסישע באפעלקערונג וויל אונז נישט אויפנעמען — ערשטנס, ווייל זיי ווילן אונז פאר 12 קאפעקעס א טאג נישט שפייזן, און צווייטנס, ווייל מיר זענען נישט קיין קריסטן. דאס איז געווען גאנץ צו אוונט און מיר האבן זיך שטארק איבערגעשראקן, ווייל אין מאסקווע זענען פיל פון אונז אין דער צייט פון אונזער אויפנהאלט אין די קאזארמעס (6—7 טעג) קראנק געווארן פון הונגער און קעלט. א סאך האבן געבראכן פון די געמיינע שפייזן און אלע זענען מיר געווען אויסגעדרסט אויסגעשעפט און אנגעשראקן. מיר האבן נישט געהאט קיין שום שוץ, ווייל מיר האבן נישט פארשטאנען קיין רוסיש. די דיאדקעס זענען געווען חיות און שכורים. זיי האבן אונז געשלאגן פאר יעדער קלייניקייס. אלץ, וואס מיר האבן געהאט אייגנס פון קליידער און געלט, האבן זיי ביי אונז אוועקגענומען און פארטרונקען. די שפייז איז געווען עקלהאפט. נישט קוקנדיק דרויף, וואס פלייש האט דאמאלס געקאסט 5 קאפעקעס א פונט, שווארץ ברויט — 1 קאפעקע, א ווייצענע בולקע — 1 קאפעקע און אנדערע פראדוקטן — כמעט בחנם.

ס'איז געווען ווינטער. מיר זענען צעטיילט געוואָרן איבער די הײַזער צו צוויי, פינף און זיבן אין יעדער שטוב.

בײַם אַרײַנגיין אין די שטובן האָט מען אונדז באַגעגנט מיט די ווערטער: „זשידיאָנקעס, אַנטיכריסטן". מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען, אין וואָס ס'בײַט זיי. מיר זענען צוריק אַרויס אין גאַס צו באַקלערן, וואָס צו טון. עטלעכע פון אונדז האָבן אַביסל פאַרשטאַנען רוסיש. אָבער קיין איינער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ס'באַדײַט דאָס וואָרט „בונט". מיר האָבן זיך אָפּגערעדט צו גיין צוריק קיין מאָסקווע. אין מאָסקווע זענען דאַן געווען יידן און פאַרשיקטע. איך געדענק, ס'זענען דאַן אין מאָסקווע געווען יידן פון סלאַוויטע, וואָס מ'האָט זיי געיאָגט דורכן „סטרוי", ווייל מ'האָט אויף זיי געמסרט, אַז זיי זאָלן אין זייער דרוקערײַ פון יידישע רעליגיעזע ספרים האָבן געדרוקט עטוואָס קעגן פּראַוואָסלאַוויע. אַזוי זענען מיר אַ גאַנצע קאָמפּאַניע צוריקגעקומען בײַנאַכט קיין מאָסקווע אויף עפּעס אַ פּלאַץ (דער פּאַרטיע־אָפיציר איז געהאַט געבליבן אין מאָסקווע און די דיאַדקעס זענען געווען פאַרנומען אין די שענקען). די פּאָליציאַנטן פון די בודקעס האָבן אונדז אַרומגערינגלט. צווישן זיי איז געווען אויך אַ יידישער סאָלדאַט. מיר האָבן דערציילט אַלץ, וואָס מ'טוט מיט אונדז אָפּ. מ'האָט אונדז צוגעפירט צו אַ גרויס שטיינערן הויז פונעם פּאָליציימייסטער. דער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער ענין איז אַן ערנסטער, האָט אונדז געהייסן פירן אָרדנונגסווייז צום גענעראַל־גובערנאַטאָר און אַליין איז ער געפאָרן פאָרויס. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר האָט אונדז געהייסן געבן עסן, לייגן שלאָפן און בײַנאַכט האָט ער אַוועקגעשיקט אַ פעלדיעגער צום קריגס־מיניסטער סוכאָזנאַטעוו דעם 2־טן קיין פעטערבורג. אויף מאָרגן פרי האָט מען אונדז צענויפגענומען. מ'האָט גערופן דעם פּאַרטיע־אָפיציר און די דיאַדקעס און מ'האָט זיי אַלע אָפּגעגעבן „פּאָד סוד". מ'האָט באַשטימט אַ נײַעם אָפיציר, דיאַדקעס און אַ שרײַבער — אַ ייד, אַ געטויפטן אויף פּראַוואָסלאַוויע.

דאַן זענען מיר געפאָרן קיין ניזשני־נאָווגאָראָד. אויף די חוינונגען אין וועג האָט מען אונדז געגעבן גוט צו עסן. באַזונדערס אויב מיר זענען אַרײַנגעפאַלן צו רײַכע. אַ סאַך אָבער פון אונדז האָבן זיך געמאַטערט, ווייל זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן קיין חזיר. אַלע האָבן מיר געליטן אויפן מאָגן, פון פיבער און באַזונדערס פון הויט־קראַנקהייטן (קרעץ), ווייל לײַז האָבן זיך בײַ אונדז געהאָדעוועט אין די מענגעס, כאָטש מיר האָבן זיך טײַלמאָל געבאָדן און וועש האָבן מיר אַליין געוואַשן. נאָך פּסח זענען מיר אָנגעקומען

קיין ניזשני-נאָווגאָראָד. די רוסישע איינוווינער, באַזונדערס די סטאַראָאָבריאַדצעס, האָבן אונז אויפגענומען פריינטלעך. (אין ניזשני זענען קיין אַנדערע יידן, אויסער סאָלדאַטן און געטויפטע, נישט געווען). די מערהייט פון אונז איז צוגעטיילט געוואָרן צו סוחרים, אַנדערע צו מיעשטשאַנעס (שטאָט-בירגער). מיר, איך און יאַנקל שניידערמאַן, זענען איינגעשטאַנען ביי אַ סוחר. די ערשטע זאַך, וואָס מ'האָט מיט אונז געטון, איז געווען — דאָס פירן אונז אין היימישן באָד אַריין אויפן הויף. צוויי פרויען און דעם באַלעבאָס טאָכטער האָבן אונז אַרומגעוואַשן און אָנגעטון אין נייע וועש. דערנאָך האָט מען אונז אוועקגעזעצט ביים טיש, אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען: אַ גרויסער סאַמאָוואַר, ווייס ברויט, פוטער, מילך, אייער און קיכלעך, געפילטע מיט פיש און פלייש. דער באַלעבאָס מיט דער גאַנצער פאַמיליע זענען אויך געזעסן ביים טיש. אַלע האָבן עפּעס צווישן זיך גערעדט, געזיפצט און כסדר גערופן: „גאָט מיינער! גאָט מיינער!“. זיי האָבן זיך געווענדעט צו אונז, אָבער מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען און נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. נאָכן טיי האָט מען אונז געלייגט אויף איין בעט שלאָפן. אויפגעכאַפּט האָבן מיר זיך ערשט אונטס-צו. דאַן האָט מען אונז ווידער געוואַשן און אוועקגעזעצט ביים טיש צום מיטאָג. מיר האָבן אויסגעדריקט אונזער דאַנקבאַרקייט מיט די ווערטער: זינקויו, פּאַנאָטשקאַ (אוקראַיניש — (Зинкую, паночка — ווייל „ספּאַסיבאָ“ אָדער „בלאַגאָדאַרים“ אין רוסיש האָבן מיר נישט געוווסט.

אין ניזשני זענען מיר געשטאַנען 3 טעג. באַגלייט האָט מען אונז זייער פייערלעך. אויף אַ גרויסן באַזאַר-פּלאַץ זענען זיך צונויפגעקומען אַ סך מענטשן פון פאָלק און נאַטשאַלסטווע. 2 סוחרים מיט אַ זאַק זילבערנע מטבעות האָבן אונז געגעבן אין די הענט צו 50 קאָפּעקעס, אַ שטיקל זייף, אַ ווייס ברויט, 2 העמדער פון ווייסן און רויטן לייוונט, אַ האַנטוך, 2 טיכלעך, אַ פּאָר שטיוול, אַ קעמל און פאָדעם מיט נאָדל. דאַן האָבן זיי אונז געווונטשן אַ גליקלעכן וועג, געזעגנט און האָבן אונז איבערגעגעבן, אַז מיר פאָרן אין סיביר, קיין טאָבאָלסק. אָט, ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, וווהין מ'יאָגט אונז, אומשולדיקע ציגעלעך, אַוועק. נאָכן אָנקומען קיין יעקאַטערינבורג האָט אונז, מיך און בורשטיינען, צוגענומען אַ געוויסע פרוי צו זיך אויף דער וווינונג. מ'האָט אונז אָפּגעוואַשן אין דער הילצערנער באָד און אונז געגעבן נייע וועש. צו אונזער גרעסטער פאַרוווּנדערונג זענען אין באָד אַריינגעקומען אויך שיינע אויסגעפּוצטע מיידלעך, האָבן אונז נישט נאָר געוואַשן, נאָר אויך געקושט, איינגעהילט אין ליילעכער, אַוועקגעטראָגן

צו דער באלעבאסטע און אונז אוועקגעזעצט פארן טיש טרינקען טיי און עסן מיטאג. ביים טיש האט די באלעבאסטע פלוצלונג אנגעהויבן צו רעדן יידיש. האט אונז אויסגעפרעגט פון וואנען מיר זיינען, צו האבן מיר עלטערן, ווי אלט מיר זיינען; און האט אונז געבעטן עסן. דערנאך האט זי אונז געלייגט שלאפן אויף איר בעט. די באלעבאסטע האט פארלאנגט, אז מיר זאלן איינלאדן אויך אונזערע חברים. מיר האבן אזוי געטון. אלע האבן ביי איר געגעסן מיטאג. די מיידלעך האבן אונז מכבד געווען מיט זיסווארק. מיר האבן זיך געשפילט ווי אין דערהיים. אינם טאג פון אפרייזן האט זי געגעבן יעדן פון אונז צו איין רובל, 2 העמדער, גאטקעס און א טיכל. זי האט אונז געקושט ווי א מוטער. די מיידלעך האבן זיך אויך מיט אונז געקושט ווי מיט ברידער און האבן יעדן איינציקן געגעבן א פעקעלע זיסווארק, האבן אונז באגלייט ביז צו דער פארטיע און געהאלפן אונז זיך ארויפזעצן אויף די וועגנס.

ביז טאבאלסק האבן מיר זיך שוין געהאט ווי געהעריק אויסגעלערנט רעדן רוסיש. מיר זענען דארט אנגעקומען עטלעכע טעג פאר ראש-השנה. צוזאמען האבן מיר געציילט 110 יינגלעך. די איבעריקע 115 זענען אויפן וועג פון זשיטאמיר ביז טאבאלסק קראנק געווארן און זענען געבליבן שטעקן אין פארשיידענע לאזארעטן; א טייל פון זיי האבן געהאלטן ביים שטארבן.

דער דעזשורנע אפיציר און דער אונטער האבן אונז באגעגנט און האבן באלד געגעבן צו וויסן די העכערע קאמאנדירן. זיי זענען געקומען, האבן אונז באקוקט און אויסגעשטעלט אין פראנט. דער מאיאר איז אוועק מיט א ראפארט צום דיוויזיע-קאמאנדיר. דאן זענען אנגעקומען אפיצירן, לערער, דער פעלדשער איגנאטיעוו (א געטויפטער ייד), דער אינספעקטאר ביעלקין און דער פעלדפעבל דער רוצח, סאלאוויאוו, 8 אונטעראפיצירן און 20 סאלדאטן-דיאדקעס. (אלע באאמטע און לערער זענען געוועזענע קאנטאניסטן). דער דיוויזיע-קאמאנדיר איז צוגעקומען צו אונז און האט אונז באגריסט מיט דער געוויינטלעכער רוסישער מיליטערישער באגריסונג. מיר האבן אבער נישט געקענט אויף דער באגריסונג ענטפערן, כאטש מ'האט אונז א סך מאל אנגעזאגט, וואס מיר האבן צו ענטפערן. דער גענעראל האט דאן עפעס אנגעזאגט די עלטסטע און איז אוועקגעפארן. אונז האט מען אריינגעפירט אין ליידיקע קלאסן. די קאמאנדירן זענען געווען אנוועזנד, ווי דער דאקטאר האט אונז באטראכט און געפונען א העלפט פון אונז קראנק אויף קרעץ. די קראנקע האט מען גלייך אוועקגעפירט אין לאזארעט. צומארגנס האט מען אונז

געבאדן, אויסגעטוישט די וועש און די גאנצע באקליידונג. אויך דאס בעסגעוואנס און די בעטן האט מען ארויסגעטראגן אויסצולופטערן. א גאנצן חודש האבן מיר געדוט נאכן יערלעכן מארש פון זשיטאמיר ביז טאבאלסק.

יעדן טאג 6 אזייגער האבן אונז געוועקט דער אונטער און די עלטסטע קאנטאניסטן. יעדער עלטסטער האט די קינדער פון זיין צימער געפירט וואשן. יעדער קאנטאניסט האט געמוזט אליין פארבעטן זיין בעט לויט א געוויסן נוסח. ווינטער זענען מיר אויפגעשטאנען ביים ליכט פון א חלבן ליכטל. קיין נאפט איז נישט געווען. דאן האבן מיר געריייניקט דאס אנטועכץ. נאכן אנטון זיך האבן מיר זיך אויסגעשטעלט אין א שורה און געזונגען אויף קאמאנדע די תפלות: „פאטער אונזער,“ „גאטס-מוטער“ „גאט זאל אויפשטיין תחית המתים“ א. אנד. נאכדעם האט מען אלע געטיילט א פונט שווארץ ברויט מיט זאלץ. מ'האט אונז פארווערט צו רעדן צווישן זיך יידיש. האבן מיר גערעדט נאר אין געהיים. וועגן אונזערע תפלות האבן מיר נישט געקאנט אפילו חלומען. צווישן די קאנטאניסטן זענען געווען קינדער פון סיבירער יידן. אין געהיים האבן מיר זיי אנגעהויבן אויסצופרעגן וועגן דעם און יענעם. זיי האבן אונז איבערגעגעבן, אז זייערע עלטערן איז פארווערט זיי צו באזוכן און, אז אויף די יידישע ימים-טובים לאזט מען זיי נישט אפ. דעריבער זענען זיי געווען אנגעשראקן. ווען ס'האט זיך געענדיקט אונזער האניק, און ראש-חודש נאכן יערלעכן מארש, האט מען אונז אריינגענומען אין הארטע און פעסטע הענט. אין ערשטן ווינטער איז פארגעקומען דאס לערנען אונז 2 מאל טעגלעך. אין „סטרוי“ זענען געווען אלע קינדער, אפילו די קלענסטע. אויף יעדע 10 יינגלעך איז געווען אן עלטסטער פון די קאנטאניסטן. אויף די לערע האבן אכטונג געגעבן דער אונטער און דער אפיציר. שווער איז געווען פאר אונז קינדער די לערע. שטיי הי אייגעגראבן, הער די קאמאנדע, אויב נישט — וועט מען דיך שפעטער שטעלן אויף די קני, און די הענט — א הילצערן זאמד-קעסטל פון 10 פונט און שטיי אזוי... אן מיטאג. באזונדערס שווער איז אנגעקומען אויסצולערנען זיך אויפצוהייבן פאמעלעך איין פוס און בלייבן שטיין פעסט אויפן צווייטן. שוואכע קינדער זענען געפאלן ווי סנאפעס שטרוי. שטרענג האט מען אונז מושטירט און דראענדיק געגעבן באפעלן. ביים מושטירן אונז איז מען זיך נישט באגאנגען אן צו צוקוועטשן אונז די זשעבערעס. זייטן און קינבאק ביז טרערן. די, וואס האבן אכטונג געגעבן, האבן זיך געמאכט נישט זעענדיק ווי מיר וויינען.

אויב דער קאפראל-לערער האט באמערקט, אז עמעצער מארשירט נישט

גוס. האָט מען אזוי געטון: די נישט געשיקטע און אומפעאיקע צו דער לערע האָט מען סעגלעך באשטימט אלס געהילפן צו די קוכארזשעס צו שיילן קארטאָפל, טראָגן האָלץ, אונטערהייצן דעם קעסל אָדער צו די בעקערס צום באקן ברויט. מ'האָט זיי אויך באשטימט אלס שיק-יינגלעך אין די קאנצעלאריעס. אויך צום בעדער-סאָלדאט אָדער צום רייניקן א גרויסן הויף. אויסערדעם האָט מען די קאנטאָניסטן, וואָס האָבן נישט אויסגעפילט די אויפגעגעבענע ארבעט, גענייס צו וואשן די פאָרלאָגעס אין די קלאסן און די לערער האָבן געהאט רעכט צו נעמען די פוילע קאנטאָניסטן צו זיך א היים אויף פארשידענע היימישע ארבעטן און שליחותן. צום אוונט האָבן זיי זיך געדארפט מעלדן צום עלטסטן פון זייער צימער און מיטטיילן, אז זייער ארבעט האָבן זיי פינקטלעך דערפילט.

אויסער פראָנט-לערע איז נאָך געווען לערע אין די קלאסן. לעבן דער קאזארמע איז געשטאנען א גרויסע געביידע, אין וועלכער ס'זענען געווען 5 קלאסן. געלערנט האָט מען אונז אזוי: אין ערשטן קלאס האָבן זיך אויסגעשטעלט אין א האלברינג 5 גרופעס קאנטאָניסטן צו 10 אין יעדער גרופע. אין דערמיט — א לערער א קאנטאָניסט מיט א טייטל אין האנט. אויף דער וואנט איז געהאנגען אן אלף-בית-טאפל. דער, וואָס האָט שוין געקענט די בוכשטאבן און זייער צוזאמענלייגן, האָט זיך געזעצט פאר די טישן 1—2, אויף וועלכע ס'איז געווען אויסגעשיט צוגעגלעט זאמד, און האָט מיט א טייטל געדארפט אנשרייבן די זעלבע בוכשטאבן, וואָס אויפן טאפל. ביים 3-טן און 4-טן טיש האָט יעדער געהאט א שווארצע טאפל אין רויטע ליניעס און מיט א גענזענער פעדער און צעריבן קרייד האָט ער אזוי לאנג געשריבן סילאבן, ביז ער האָט עס געמאכט אזוי ריין און פינקטלעך ווי אויף דער טאפל. די, וואָס האָבן שוין דאָס געקענט, האָט מען איבערגעזעצט אויף דעם 5-טן, 6-טן 7-טן און 8-טן טיש, ווו מ'האָט שוין געשריבן פון ביכל. די שילער פון די טישן: 9, 10, 11 און 12 האָבן שוין אנגעהויבן צו לערנען ציפערן מיט אויפגאבן אין חבור, חסור, כפל און חילוק. די טישן 13. 14 און 15 זענען געווען באשטימט אויף אויסצולערנען גוט אלע פיר אריטמעטישע פעולות איבער איינפאכע און צוזאמענגעזעצטע צאלן ווי אויך דעם 1-טן טייל גראמאטיק. ווער ס'איז נישט געווען פלייסיק, האָט מען אים באשטימט אין די האנטווערקערייען.

אין 2-טן און 3-טן קלאס האָט מען געלערנט צוזאמענגעלייגטע צאלן, איינפאכע און געבראכענע, צענטליקע, געאמעטריע, געאגראפיע, ווייטער גרא-

מאַטיק, צייכענען, רוסישע געשיכטע, רעליגיע מיט די קירכלעכע תפלות, מיליטערישע רעכן-קונסט, דעם אוסטאַוו פון פיעכאָטע און לאַגער-דינסט.

אין 1854-סטן יאָר בין איך נאָכן עקזאַמען אַריבערגעפירט געוואָרן אין צווייטן נידעריקן קלאַס. צו מיין אומגליק האָט מען מיר געגעבן צו צייכענען פליגל פון אַן אָדלער און דאָס האָט מיך פולשטענדיק דערשלאָגן. מאָנטיק און דאָנערשטיק פלעג איך פונם לערער באַקומען טרוקענע באַלוינונגען — מיטן קאַנט פון אַ ליניע עטלעכע מאָל איבער דער האַנט. מיט דער באַמערקונג: „וואָס, יידל, ווילסט זיך נישט אויסלערנען צייכענען איקאָנעס?”.

די זאַך איז באַשטאַנען דערין, וואָס פון די 110 יינגלעך זענען געבליבן קוים 30—40, וואָס זענען נישט אַריבער אין פראַוואָסלאַוויע, נאָר זענען געבליבן יידן. מ׳האָט זיך צו אונז געטשעפעט און זיך אָן אונז נוקם געווען יעדן טאָג, כדי מיר זאָלן ווערן געהאָרכזאַמער און אָננעמען פראַוואָסלאַוויע, ווי מ׳האָט אונז געראָטן. די אונטערשטע נאַטשאַלניקעס פלעגן דערפאַר באַקומען באַלוינונגען, ווייל זיי האָבן געמאָלדן, אַז די קאַנטאָניסטן נעמען אָן פראַוואָסלאַוויע מיטן אייגענעם ווילן אָן צוואַנג.

גלייכצייטיק האָט מען אונז, יידישע קינדער, געלערנט דאַווענען אין רוסיש, רוסישע תפלות, און יעדן זונטיק האָט מען אונז געפירט אין צערקווע. פראָטעסטירן קעגן אָפיציר אָדער פאָפ האָט זיך קיינער נישט אַנטשלאָסן. אפילו די עלטערן פון די סיבירער קאַנטאָניסטן האָבן נישט געוואַגט זיך אָנצונעמען פאַר זייערע קינדער. ביז צו אַלעקסאַנדער דעם 2-טנס מאַניפעסט וועגן פונאַנדערלאָזן אַלע סאָלדאַטן-קינדער האָבן מיר קיין איין יידישן יום-טוב נישט געפייערט, ווייל מ׳האָט אונז נישט אָפגעלאָזן. אַזוי שטרענג האָט מען אונז געהאַלטן.

צוליב דעם, וואָס די הענט זענען ביי מיר געוואָרן געשוואָלן, האָט מען מיך איבערגעפירט אין לאַזאַרעט. דאָרטן האָבן מיך געניטע קאַנטאָניסטן-מאַרטירער אויסגעלערנט איינצורייבן די אויגן, כדי צו בלייבן לענגער אין לאַזאַרעט. דער פעלדשער, אַ געטויפטער ייד און אַ גוטער מענטש, האָט די פאַרשריבענע לאַפיס-טראָפנס אין די אויגן נישט אַריינגעלאָזן. אַזוי בין איך אָפגעלעגן אַ חודש צייט און האָב זיך אַליין דערמיט שווער באַשטראָפט, ווייל כ׳האָב געמוזט דעריאָגן דעם גאַנצן חודש. כ׳האָב געדאַרפט לערנען אַריטמעטיק, גראַמאַטיק, אויסלייגן און רעליגיע. דער לערער שוסטאָוו האָט מיך אָפט אַרויסגערופן צו דער טאָפל, באַזונדערס ווען העכערע נאַטשאַלסטווע איז געווען אַנוועזנד. און דער פאָפ באָגאָלובסקי איז פשוט געווען באַגייסטערט,

ווען כ׳האב געענטפערט אויף זיינע פראגן פון ליטורגיע, הייליקע קאמוניע און די קריסטלעכע תפלות. ער האט מיך אפט אהיימגענומען צו זיך, ווו כ׳האב געשפילט מיט זיין זון גבריאל און מיט זיינע דערוואקסענע טעכטער. זיין ווייב און טעכטער האבן מיך געשטאפט און אלץ איינגערעדט זיך צו שמדן. א סך מאל האבן זיי מיר אנגעטון א צלמל און האבן מיר דערציילט, אז כריסטוס איז אויך געווען א ייד א. א. וו. זיי האט זיך אויסגעדוכט, אז אז מ׳וועט נעמען איך אן פראוואסלאוויע. כ׳האב אבער גוט געדענקט די לעצטע ווערטער פון מיין מוטער און האב שארף אפגעזאגט. דערפאר האבן מיך די קינדער פיינט געקריגן. אויך באנאלופסקי אליין האט אנגעהויבן צו מערקן, אז דאס וועט זיך אים נישט איינגעבן, איבערהויפט, ווען מ׳האט די קאנטאניסטן צעלאזט און די צאל לערער און אפיצירן איז געווארן פארקלענערט.

אין 3-טן קלאס האב איך זיך אפגעגעבן אויסשליסלעך אריטמעטיק-געאגראפיע, גראמאטיק און קאליגראפיע. — — — — — — —

דאס איז געווען אין יענעם זומער, ווען מ׳האט די איינגנטלעכע קאנטאניסטן, קינדער פון זעלנערישע עלטערן, צעלאזט. און געבליבן אין די קאנטאניסטן-באטאליאנען זענען בלויז יידישע קינדער, וואס מ׳האט אפגעגעבן בשעת די נאבארן פאר רעקרוטן. די מיליטערישע מאנעווערעס האט מען איבערגעריסן. געבליבן איז בלויז די שולע, געווערקשאפטן און הויזלעכע לערע וועגן מיליטער-דינסט. אין שולע זענען געבליבן בלויז 150 יידישע יינגלעך, געכאפטע און אפגעגעבענע פאר סאלדאטן. פון דעמאלט אן האט מען אונז אנגעהויבן בעסער צו באהאנדלען. אנשטאט $1\frac{1}{2}$ קאפעקעס א חודש אויף א קאנטאניסט האט מען אנגעהויבן צו געבן 8 קאפעקעס. דאס טעגלעכע שמייסן און שלאגן האט אויפגעהערט. מ׳האט אונז אויך דערלויבט מיט א באזונדער קוויטל צו גיין טיילמאל אין שטאט אריין, ווו מיר האבן געמאכט געוויסע באקאנטשאפטן.

אין יאר 1858 בין איך געווען אין א שרייבער-קלאס, פון וואנען ס׳פלעגן ארויסגיין שרייבער מיטן טיטל: אונטעראפיציר.

אין יאר 1859, זייענדיק אויף פראבע אין קאנצעלאריע, האבן מיר איך און נאך 2 חברים, אנטרעקט א געהיימען צירקוליאר פונם קאמאנדיר פון אלע מיליטערישע שולן, אז מ׳זאל מער נישט נייטן יידישע קינדער-קאנטאניסטן אנצונעמען דעם פראוואסלאוונעם גלויבן. — — — —

אין יאר 1870 האב איך אנגעהויבן מיין דינסט אלס מיליטערישער-שרייבער.

צווייטע דערציילונג

דעם מחברס באַמערקונג צו זיינע זכרונות:

דורכלייענענדיק אין „יעווריעיסקאַיאַ סטאַרינאַ" די זכרונות פון די געוועזענע קאַנטאָניסטן: יערמאַנאָוויטש און שפּיגעל, האָב איך באַשלאָסן זיך צו טיילן מיט די לעזער מיט מיינע זכרונות (אַלס געוועזענער קאַנטאָניסט פון יאָר 1853 ביז נאָך 1857) פון די צייטן פון דער רעקרוטן-אינקוויזיציע. כ'וואָלט זיך באַמיען צו דערציילן מיט איינפאַכע, אָבער אמתע ווערטער, וואָס מיט מיר און מיינע חברים איז פאָרגעקומען אין אַרכאַנגעלסקער קאַנטאָניסטן-באַטאַליאָן.

I

פון פּאָלאָצק ביז אַרכאַנגעלסק.

אָנפאַנגס 50-קער יאָרן האָט נאָך געווירקט דאָס געזעץ, וואָס האָט דערלויבט צו נעמען יינגלעך פון 12 יאָר פאַר רעקרוטן, „ווייל די יידן באַהאַלטן זיך אויס פון מיליטער-דינסט" (אַזוי איז געשריבן אין מיין סאָלדאַטן-דאָקומענט). דער יידישער קהל איז געווען פאַרפליכטעט צוצושטעלן א געוויסע צאָל קליינע רעקרוטן, וועלכע מ'האָט אָפּגעגעבן אין די קאַנטאָניסטן-באַטאַליאָנען. די עלטערע פון 18 יאָר האָט מען גלייך אָפּגעגעבן פאַר סאָלדאַטן, רעכענענדיק זיי דעם 25-יעריקן דינסט ערשט פון 20 יאָר (די 2 יאָר פון 18 ביז 20 האָט מען נישט פאַררעכנט).

פאַרשטייט זיך, אַז צווישן די יידן, ווי צווישן אַנדערע פעלקער אין רוסלאַנד, האָבן זיך די רייכע און געלערנטע באַמיט מיט אַלע מיטלען, ווי שוחד און מתנות, נישט צו געבן זייערע קינדער פאַר רעקרוטן. די גאַנצע משא פון רעקרוטשינע איז געפאַלן אויפן אָרעמען קלאַס. מ'פלעגט אָפּגעבן פאַר סאָלדאַטן קינדער פון אָרעמע עלטערן נישט, לייגנדיק קיין אַכט אויף זייער עלטער און וווּקס. מ'האָט געכאַפּט קינדער אויך 7—8-יעריקע. די קליינינקע פלעגן די כאַפּערס אַרויסרייסן פון די מוטערס אָרעמס. פלעגן צוזאַמען מיט די באַאַמטע באַשטימען זייער עלטער אויף 12 יאָר און מער און האָבן זיך אויך נאָרנישט גערעכנט מיט די קינדערס געזונט. די קהל-לייט האָבן

געדאַרפט אָפּגעבן די געהעריקע צאָל און די באַאַמטע האָבן זיך נישט געקימערט, צו די קינדער וועלן אויסהאַלטן דעם שווערן דינסט. אין יענע צייטן האָט מען זיך אין די מיליטער-קרייזן געהאַלטן ביים כלל: פון 10 מענטשן דערהרגע אָפּילו 9: זאָל כאָטש איינער בלייבן אַ גוטער סאָלדאָט.

צו דער קאַטעגאָריע אומגליקלעכע קינדער האָב איך אויך געהערט.

איך שטאַם פון אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע. דער זיידע מיינער האָט געהאַלטן אין אַרענדע אַ סך דעסיאַטינעס ערד אין דיסנענסקער קרייז. האָט אויך פאַרמאָגט אַ גאָרזעלניע און האָט געפירט אויף אייגענע באַרזשעס טויזנטער פוד תבואה קיין ריגע.

אינם יאָר 1851/2 זענען אַלע באַרזשעס מיט דער תבואה צעשלאָגן געוואָרן בשעת אַ שטורם און די תבואה — דערטרונקען. אויך אַ צווייט אומגליק האָט אונז געטראָפן: די בראָנפן-בראָוועריי איז פאַרברענט געוואָרן. פון פאַרמעגלעכע מענטשן זענען מיר אין אַ שיינעם טאָג געוואָרן אָרעמע לייט. דער זיידע איז פון עגמת-נפש פּלוצלונג געשטאָרבן. דער פאָטער מיינער וועלנדיק פאַרבעסערן זיין מאַטעריעלע לאַגע, האָט אָנגעהויבן צו פירן פון קורלאַנד קאָנטראַבאַנד-ספּירט. מ'האָט אים אָבער געכאַפּט און פאַרשיקט קיין סיביר, וווּ ער איז נאָך לאַנגע יאָרן געשטאָרבן. אינם יאָר 1853 בין איך אַלט געווען 7 יאָר (ווי מיין פאַרשטאָרבענע מוטער האָט מיר געזאָגט). מיר האָבן דעמאָלט געוווינט אין שטעטל פּאָלאָצק, וויטעבסקער גובערניע, ווו מיר האָבן זיך ביי דער זייט פון רייכע קרובים ווי ס'איז דורכגעשלאָגן.

מיר זענען געווען ביי דער מוטער דריי: אַ ברודער — 12 יאָר אַלט, אַ שוועסטער — 9 יאָר און איך — 7 יאָר. דעם ברודער האָט די מוטער אוועקגעשיקט אין אַן אַנדער שטעטל און ער איז געראַטעוועט געוואָרן. אין אַ געוויסן אָקטאָבער-טאָג גאַנץ פרי, ווען איך האָב געהאַלטן ביי „ברכות", האָבן זיך אַריינגעריסן 3 יידן-כאַפּערס. האָבן מיך געכאַפּט אויף די הענט און אוועקגעטראָגן ערגעץ אין אַ שטוב. דאָס געוויין און חלשן פון דער מוטער האָבן נישט געהאָלפן. אין דער שטוב, וווּהין מ'האָט מיך געבראַכט, האָב איך געפונען עטלעכע צענטליק קינדער, געכאַפּטע ווי איך. דאָ האָט מען אונז געהאַלטן עטלעכע וואָכן. מ'האָט אונז גוט געשפייזט. מיין מוטער און קרובים האָבן מיך אָפט באַזוכט. צווישן אַנדערעס האָבן זיי מיך געלערנט, איך זאָל נישט אָנרופן ביים אויספרעגן מיך מיין נאָמען. (קיין מעטריקעס האָבן ביי יידן צו יענער צייט נישט עקזיסטירט. מ'האָט געכאַפּט יעדן איינציקן, נישט פרעגנדיק ווי ער הייסט און ווי אַלט ער איז).

נאָך 3 וואָכן, דעם 23 אָקטאָבער 1853, האָט מען אונז געברענגט אין מיליטער-אַמט, ווו מ׳האָט אונז געשוירן און געגאָלט. קיין אומפּעאיקע האָבן זיך נישט אַרויסגעוויזן, ווייל די באַאַמטע זענען אַלע געווען אונטערגעקויפט דורך די קהל-לייט. ביים אַריינפירן אין אַמט האָט מען מיך געפרעגט, ווי איך הייס (מיין נאָמען איז: אליהו לייב). די קרובים האָבן מיר געהייסן זאָגן: ישראל לייב, קלערנדיק מיך צו באַפרייען דערנאָך דורך אַנטלויפן. אָנרופנדיק זיך: ישראל לייב — האָב איך, אויף דער פראַגע וועגן מיין פאַמיליע (פיילין), געענטפערט, אַז איך ווייס נישט. דעמאָלס האָט מען מיך געפרעגט, ווי מיין פאָטער האָט געהייסן. איך האָב געענטפערט דעם אמת: איצקאָ. האָט מען מיך פאַרשריבן: ישראל איצקאָוויטש. אונטער דעם נאָמען בין איך געווען קאַנטאָניסט און ווירקלעכער סאָלדאַט 20 יאָר.

די אָפּגעשוירענע, ד. ה. די צוגענומענע צום דינסט, עטלעכע צענטליק קינדער, האָט מען איבערגעגעבן דעם מיליטער-נאַטשאַלניק און מ׳האָט אונז איבערגעפירט אין קאַזאַרמע, ווו מ׳האָט אונז געגעבן שינעלן, קורטקעס, שטיוול — אַלץ נישט לויט דער מאָס — אַ טוכענעם זאַק אַלס ראַניעץ, אין וועלכן מיר האָבן געהאַלטן אונזער פאַרמעגן, און אַ ביסל וועש פון דער גרעבסטער פאַדשעוויקע-לייוונט.

אין מיין סאָלדאַטן-דאָקומענט איז פאַרצייכנט פאָלגענדעס: „צוליב דעם אויסבאַהאַלטן זיך פון די יידן פון מיליטער-דינסט ווערט ישראל איצקאָוויטש, 12 יאָר אַלט, (צוגעלייגט 5 יאָר) דעם 23-טן אָקטאָבער 1853, צוליב זיין יונגן עלטער אָפּגעשיקט קיין אַרכאַנגעלסק אין אַ מיליטערישן האַלבבאַטאַליאָן“.

דעם 9 נאָוועמבער 1853 האָט מען פון אונז אַלע צוזאַמענגעשטעלט אַ פּאַרטיע און מ׳האָט אונז צו 5 — 9 אויף אַ פור אַרויסגעשיקט אין וועג. אַ סך פון אונזערע אומגליקלעכע חברים האָבן זיך אין יענעם טאָג געזעגנט מיט זייערע עלטערן אויף אייביק: ס׳איז זיי שוין נישט באַשערט געווען מער צו זען נישט זייערע אייגענע און נישט זייער היימלאַנד.

איך געדענק יענעם טאָג. די גאַנצע שטאָט האָט אונז באַגלייט. געוויינען, געשרייען. די לופט האָט געקלונגען פון די געוואַלטן. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז די ערד ציטערט פון די האַרצרייסנדע געשרייען. מיר זענען אָפּגעפאָרן 2—3 וויאָרסט. מיר האָבן נאָך געהערט דאָס וויינען פון די קרובים. מיר זענען געפאָרן ווייטער. טעגלעך האָבן מיר געמאַכט 25—30 וויאָרסט. אָוונטצו זענען מיר אָנגעקומען אין אַ דאָרף. מ׳האָט אונז צעטיילט איבער

די הייזלעך. די שטובן שמוציקע, קאלטע, די פאָדלאָגעס ערדענע. מיר זענען געקומען פארפרוירענע — נישטאָ ווו זיך אָנצוווארעמען. די הענט און פיס — פארגליווערטע. מ'קאָן דעם ראניעץ נישט אראָפנעמען. אויפקנעפלען דעם שינעל קאָן מען אויך נישט. די קינדער חיינען און די דיאדקעס בייזערן זיך און שלאָגן. ביז פעטערבורג זענען א פאָר יינגלעך קראנק געוואָרן און געשטאָרבן. ווו מ'האָט זיי באגראָבן — ווייס איך נישט. אין פעטערבורג, האָט מען געזאָגט, וועט אונז קומען זעען ניקאליי דער I-ער. ס'איז געקומען עפעס א גענעראל, אויב איך האָב קיין טעות נישט, איז עס געווען לעוואשעוו. ווי לאנג מיר זענען געווען אין פעטערבורג געדענק איך נישט. ס'איז מיר געבליבן אין זכרון בלויז דאָס: אין גאטשינא האָט מיך א מאיאָרס א טאָכטער גענומען אויף די הענט, ארויפגעשטעלט אויף א שטול, אָנגעפאָיעט מיט טיי און אריינגעלייגט אין אויבערשלאָג פון שינעל א ווייסן קוכן.

וועגן דעם פיינלעכן וועג פון פאָלאָצק ביז ארכאנגעלסק, וואָס האָט געדויערט העכער 6 חדשים (פון 6-טן נאָוועמבער 1853 ביז נאָך יוני 1854), איז גענוג צו זאָגן דאָס איינע: אויפן וועג זענען די קינדער אויסגעפרוירן געוואָרן ווי פליגן. מ'האָט זיי געשלאָגן און געפייניקט. זיי האָבן געקרענקט און געשטאָרבן. מיט זייערע קערפערלעך האָבן זיי אויסגעזייעט דעם גאנצן וועג פון דער גוטער היים ביז ארכאנגעלסק. ענדלעך זענען מיר אין יוני 1854 אָנגעקומען אין די דערווארטעטע שטאָט ארכאנגעלסק. מ'האָט אונז אריינגעפירט אין א הויז, וואָס איז געווען פארנומען דורך די קאנטאָניסטן.

II

דאָס לעבן פון די קאנטאָניסטן אין ארכאנגעלסק.

די אָנגעקומענע פארטיע האָט מען אויסגעשטעלט אויפן קאזארמע-הויף און מ'האָט זיך צעטיילט אין די ראָטעס. די קליינע, פון 7 ביז 15 יאָר, האָט מען צוגעטיילט צו דער 2-טער ראָטע. די עלטערע — צו דער 1-ער. דאן האָט מען אלע צעטיילט אין די קאזארמע-צימערן און מ'האָט באשטימט דיאדקעס פון די אלטע קאנטאָניסטן. יעדער דיאדקע האָט באקומען 2–3 ניי-אָנגעקומענע קינדער, וועלכע ער האָט באדאַרפן לערנען, אָדער — ריכטיקער געזאָגט — שלאָגן.

אין ערשטן טאג פון אונזער אנקומען האט מען בײ אונז צוגענומען אלע אייגענע געבראכטע זאכן. צווישן זיי אויך: אלע אונזערע תפילין, ארבע־כנפות און סדורים. וואס מ׳האט מיט דעם געטון, ווייס איך נישט. יעדן האט מען אפגעגעבן א בעט, א שטרויענעם מאטראץ און א קישן.

6 אזייגער פרי פלעגט זיך פאנאנדערטראגן דאס קלאפן פון א פויק — זענען מיר אויפגעשטאנען. ס׳האט זיך אנגעהויבן דאס צוכעטן לויט א געווייסן נוסח. פאר דער קלענסטער אומפינקטלעכקייט האט דער ריאדקע אויך א יינגל פון 11—12 יאר. געשלאגן איבער די ציין, קאפ און ווו ס׳האט זיך געלאזן. נאכן צוכעטן האבן מיר זיך געוואשן און דאן זיך געשטעלט צום געבעט. מ׳האט זיך נישט גערעכנט, צו וואס פארא גלויבן איינער געהערט. אלע האבן געמוזט גיין. נאכן געבעט האט יעדער קאנטאניסט באקומען א 1/4 פונט שווארץ ברויט מיט זאלץ. דאס איז געווען פרישטיק. נאכן פרישטיק האט מען אלע נייע קאנטאניסטן געלערנט אנרופן לויטן נאמען און פאמיליע אלע רעגירנדע פערזאנען, איינשליסלעך דעם דיאדקע. נאכדעם האט זיך אנגעהויבן דאס רייניקן די שטיוול און די קנעפ. דער שינעל, קורטקע און הויזן זענען געווען פון גראבן ארמיי־טוך און אלטע. אויסגעריבענע ביז לעכער. דידאזיקע זענען געווען באשטימט פאר די נישט־געטויפטע. די לעצטע פלעגט מען נייטן צו פארריכטן די אלטע צעריסענע קליידער, נישט פרעגנדיק, צי זיי האבן מיט וואס אדער פאר וואס דאס צו טון.

7 אזייגער האט מען אנגעהויבן לערנען פראנט־לערע. וואס איז באשטאנען פון פאלגענדע איבונגען: ארויסשטעלן א פוס, אנשפארנדיק דעם צווייטן אויף דער פיענטע; אויפהייבן א פוס אזוי הויך — ער זאל זיך געפינען אין א גלייכער ליניע צום קערפער — און האלטן אים אזוי וואס לענגער. אויב דאס יינגל איז דערביי געפאלן, האט מען געשלאגן אדער געשמיצן מיט ריטער. אזוי האט עס געדויערט ביז 11. דאן מיטאג. מ׳האט אונז אוועקגעזעצט פאר די טישן — שווארצע, שמוציקע און מיט גארנישט צוגעדעקטע, ביי איין טיש אין א ריי זיצן עטלעכע צענטליק קינדער. אויף יעדע 6 קינדער גיט מען א שיסל מיט א פארציע ברויט צעשניטן אויף שטיקלעך. באלד ווי דער דעזשורנע ברענגט דאס ברויט — ווארפן זיך דארויף אלע 6 קינדער ווי הונגעריקע וועלף. ווער ס׳איז פלינקער, כאפט מער. די שטילערע בלייבן הונגעריק. נאכדעם ברענגט מען א בארשטש פון קרויט, מערסטנטיילס סאפילט מיט ווערם און אנדערע אומריינקייטן. א סך זאגן זיך אפ פונם בארשטש.

כאטש זיי זענען טויט הונגעריק. מער קיין ברויט האט מען נישט געגעבן, נאר א לעפל קאשע. דאס איז געווען דער גאנצער מיטאג. נאכן מיטאג האט מען געלערנט אין קלאס שרייבן, לעזן, אריטמעטיק און גראמאטיק. אלץ האט מען געמוזט אויסזוברעווען. מ'האט געענטפערט נישט פארשטייענדיק דעם זין פונם ענטפער. די קאנטאניסטן האט מען אויך געלערנט א מלאכה: שניידעריי און שוסטעריי. אויף וויפל מיר איז באקאנט, האט קיינער מער ווי לייגן א לאטע נישט געקענט.

אויב א הונגעריקער יינגל האט שטילערהייט געגנבעט א שטיקל ברויט און מ'האט אים געכאפט (נאכן מיטאג און אוונטברויט פלעגט מען באזוכן), האט מען אים געשטעלט מיטן געגנבעט שטיקל ברויט אין מויל פארן באטאליאן און מ'האט אים געגעבן פון 25 ביז 50 שמיץ. קלאגן זיך איז נישט געזען פאר וועמען. דער באטאליאן-קאמאנדיר, פאדפולקאווניק וואסילי דיאקאנאוו, איז געווען גאט און קייזער. די גאנצע סאלדאטן-לערע איז ביי אים באשטאנען אין שלאגן. ביים אויפשטיין שלאגט מען, ביים לערנען שלאגט מען, ביים מיטאג שלאגט מען, לייגסט זיך שלאפן – שלאגט מען. פון אזא לעבן זענען געשטארבן ביז *50* קאנטאניסטן א חודש. די קברים פלעגן גראבן אלטע קראנקע סאלדאטן, וואס האבן דערדינט די לעצטע יארן פונם 25-יעריקן דינסט. אויב ס'זענען געשטארבן עטלעכע קאנטאניסטן, האט מען אויסגעגראבן איין גרוב און אריינגעווארפן ביז 5 קערפערלעך, קאפנדיק אינעווייניק מיט די פיס אויף די טויטע. זיי זאלן זיך בעסער איינלייגן.

יעדן שבת האבן די קאנטאניסטן געמוזט וואשן די פארלאגעס. איינִיקע פלעגן ברענגען וואסער, אנדערע זעגעכץ. נאכן ברענגען די ביידע זאכן האבן מיר פארריקט די גראבע גאטקעס ביז איבער די קני. האבן זיך געשטעלט אין א ריי און יעדער האט באקומען א בינטל ריטער. מיר האבן זיך געשטעלט אויף די קני און אלע האבן אנגעהויבן לויט א קאמאנדע צו רייבן מיט אלע כוחות די פארלאגע מיט זעגעכץ. פון אונטן איז ארומגעגאנגען אן עלטערער קאנטאניסט מיט ריטער אין האנט און האט גענייט צו רייבן וואס שטארקער, שלאגנדיק אן רחמנות די אומגליקלעכע קינדער מיט די ריטער איבער די פלייצעס און אנדערע טיילן קערפער. פון רייבן די פאדלאגע מיטן זעגעכץ האט זיך די הויט אויף די פיס אפגעריבן ביזן ביין און ס'האבן זיך געבילדעט ראנעס, קרעץ און מאטעריע.

די קאנטאניסטן אליין פלעגן די ראנעס אויספאהאלטן, מורא האבנדיק פאר א שטראף. די ווונדן זענען זיך מער צעוואקסן. דער יעפרעיטאר

האָט באַמערקט די יסורים פונם קאַנטאָניסט, האָט אים גוט אָנגעשלאָגן און אָפּגעשיקט אין לאַזאַרעט. דאָרטן האָט דער פעלדשער אויך געשלאָגן פאַר האָבן ראַנעס אויף די פיס. דאָס זעלבע איז פאָרגעקומען ביי אויגן-קראַנקהייטן. ווי נאָר מ׳באַמערקט ביים קאַנטאָניסט אַן אויגן-קראַנקהייט, וואָס לאָזט זיך נישט באַהאַלטן, שמייסט מען אים ראשית כל, דאַן שיקט מען אים אָפּ אין לאַזאַרעט, וווּ עס דערוואַרט אים אויך שלאָגן און הונגער. ביים קראַנק ווערן דאָס ערשטע מאָל האָט דער אונטער אַליין מיך געשלאָגן מיט די פויסטן. דאָס איז שוין געווען אַ גרויסער חסד: ער האָט מיך נישט געשמיסן.

III

די שמד־אינקוויזיציע.

ביי אונז אין דער 2-טער ראָטע איז געווען אַן אונטעראָפיציר, אַ געשמדטער יידישער קאַנטאָניסט, מיטן נאָמען: יעווגראַף גולעוויטש, אַ טויף-זון פונם קאָמאַנדיר דיאַקאָנאָוו. באַלד ביים ערשטן סמאָטר האָט דער קאָמאַנדיר אונז געמאָלדן פאַרן גאַנצן באַטאַליאָן, אַז, ווי לאַנג ער וועט בלייבן לעבן, וועט קיין איינאיינציקער קאַנטאָניסט נישט אַרויס פונם באַטאַליאָן אַלס ייד. און ער האָט געהאַלטן וואָרט. דער טויף-זון האָט אויף אַזאַ אופן אויסגעפירט דעם פאַרלאַנג פון זיין טויף-פאָטער: יעדן אָוונט ביים לייגן זיך שלאָפן פלעגט ער צורופן צו זיך אַ פּאָר קאַנטאָניסטן און זיי געהייסן זיך שטעלן ביי זיין בעט אויף די קני. דאַן האָט ער זיי אָנגעהויבן צו באַווייזן מיטן חומש אין האַנט, אַז יידן לעבן אין טעות און אַז ישו איז דער אמתער משיח. צום סוף האָט ער שוין מיט אַ דראָענדן טאָן געפאָדערט, אַז די קינדער זאָלן באַלד אויפן אָרט מסכים זיין זיך צו טויפן. די, וועלכע האָבן איינגעשטימט, האָט גולעוויטש אָפּגעלאָזט שלאָפן און צומאָרגנס האָט מען זיי אַרויסגעגעבן נייע קליידער און אַן איבעריק שטיקל ברויט. די פאַרעקשנטע האָט ער אָפּגעהאַלטן אַ גאַנצע נאַכט אויף די קני. צומאָרגנס האָט מען זיי קיין ברויט נישט געגעבן, מ׳האָט זיך צו זיי בסדר געטשעפּעט און פאַר יעדער קלייניקייט געשמיסן. פאַרשטייט זיך, אַז לאַנג האָט מען נישט געקאָנט זיך קעגנשטעלן און קעגן אייגענעם ווילן האָט מען צוגעשטימט צום שמד. די 12–15 יעריקע קאַנטאָניסטן האָבן זיך לענגער געמאַטערט. די האָט מען לענ-

גער געשמיסן. מ׳האָט זיך כסדר איבערדערציילט, אַז דער און יענער פון אונזערע חברים האַלט בײַם שטאַרבן פון די קלעפּ און שמיץ. אַנפאַנגס 1855-סטן יאָר איז די גאַנצע ראָטע געווען אויסגעשמדט, מיטן אויסנאַם פון איינעם פון דער 1-טער, וואָס איז אַלט געווען 17—18 יאָר. לאַנג האָט ער זיך אײַנגעשפּאַרט און דערפאַר האָט מען אים יעדן טאָג געלייגט אויף די באַנק און געגעבן 100 שמיץ און מער. איך געדענק: איינמאָל האָב איך אַליין געזען, ווי ס׳האָט גערינען דאָס בלוט פון דער באַנק אויף דער פּאָדלאָגע און דער בחור האָט נאָר געקרעכצט. נאָכן שמייסן האָט מען אים איבערגעשיקט אין לאַזאַרעט, מ׳האָט אים פאַרהיילט די ראַנעס און... ווידער געשמיסן. דעם קאַנטאָניסט האָט אָפּגעראַטעוועט דאָס אַרויפגיין אויפן טראָן פון אַלעקסאַנדער דעם II-טן. דעם 26/8 1856 איז אַרויס דער באַפעל וועגן מבטל מאַכן די קאַנטאָניסטן-באַטאַליאָנען און אונזער קדוש, וואָס איז געבליבן בײַ זײַן אמונה, איז אַלס 18-יעריקער בחור אײַנגעשלאָסן געוואָרן אין אַרכאַנגעלסקער גאַרניזאָן. נאָר דאָס איז שוין געווען נאָך דיאַקאָנאָווס טויט. אַנדערש וואָלט ער נישט, אַזוי ווי ער האָט געשווירן, אַרויסגעלאָזט קיין איין לעבעדיקן ייד.

יעדעס יאָר אין מאַי פלעגט מען לויט אַ באַפעל פון פּעטערבורג אַרויסלאָזן די 18-יעריקע קאַנטאָניסטן אין די אַרמיי. אין 1854-סטן יאָר האָט מען די אַרכאַנגעלסקער קאַנטאָניסטן אָפּגעשיקט קיין פּעטערבורג. צו דער פּאַרטיע האָבן געהערט דער געשטאָרבענער אײַנוווינער שמואל מיל און דער משומד פון אירקוטסק, טראַפּעזניקאָוו. די פּאַרטיע איז פאָרגעשטעלט געוואָרן אויך דעם צאַר. אויף דער געוויינטלעכער פראַגע וועגן פּרעטענזיעס האָבן זיך אַ סך געקלאָגט, אַז מ׳האָט זיי געצווּנגען זיך צו שמדן. דערפאַר האָט מען די פּאַרטיע אַרעסטירט און, ווי מיר האָט דערציילט דער פאַרשטאָרבענער מיל, פאַרמשפּט אַלע צו דער באַרבאַרישסטער שטראָף: דורכצויאָגן דורכן סטרוי פון 3000 מענטשן. פאַרצײַטיס זיך, אַז אַלע וואָלטן געשטאָרבן אונטער די ריטער, ווען דער אורטייל וואָלט געוואָרן אויסגעפירט. צום גליק איז רעמאָלס געשטאָרבן ניקאָליי דער I-טער (19/2 1855). דער נײַער צאַר האָט מבטל געמאַכט די שטראָף פאַר דער גאַנצער פּאַרטיע. בלויז די, וואָס האָבן זיך געקלאָגט, האָט ער געהייסן פאַרשיקן אין די סיבירער גאַרניזאָנען.

נאָך דער געשיכטע איז צו אונז קיין אַרכאַנגעלסק געקומען עפּעס אַ גענעראַל פון פּעטערבורג. ער האָט אונז געפרעגט, צי ס׳איז אמת, אַז מ׳האָט אונז געצווּנגען צום שמד. איך ווייס נישט, וואָס די עלטערע קאַנטאָניסטן האָבן

נענספערס. איך ווייס נאר, אז באלד נאך דעם גענעראלס אפפאר האט מען אונזער קאמאנדיר ארויסגעפאדערט קיין פעטערבורג צו געבן דערקלערונגען. ער איז אבער פלוצלונג געשטארבן, נישט באווייזנדיק אפצופארן. איך געדענק: אין אוונט איז געקומען אונזער פעלדפעבל און האט געהייסן אנצינדן ליכט פאר די איקאנעס, דערציילנדיק וועגן דיאקאנאווס טויט. אלע האבן זיך שיער די קעפ נישט צעשלאגן, ווארפנדיק זיך צום ליכטאנצינדן. באגראבן האט מען אים אין א דעצעמבער-טאג, אין גרעסטן פראסט. 2 שעה האט מען אונז געהאלטן אויף דער קעלט, מיר זענען אלע פארשטייפט געווארן, דאך איז עס געווען פאר אונז א יום-טוב.

יעדעס יאר דעם 1-טן אקטאבער, אין פאקראוו-יום-טוב, האט מען די קאנטאניסטן געגעבן בעסערע שפייז ד. ה. אן ווערט אין בארשטש און א הייסע זעמל. א נאכט פריער האט מען געזונגען א תפלה. איך געדענק: אין דעם יום-טוב. דאכט זיך — אין יאר 1854, איז פארגעקומען אזא געשיכטע: אלע קאנטאניסטן פונם באטאליאן, אן ערך 1000, האבן זיך פארזאמלט אין זאל צו דער תפלה. ס'איז געווען ענג און דושנע. דא האט זיך דעם קאמאנדיר פון דער 2-טער ראטע אויסגעדאכט, אז עמעצער שושקעט זיך. נאך דער תפלה האט דער קאפיטאן געהייסן צומאכן אלע אויסגאנגען און ברענגען ריסער. אנשטאט צו באגריסן מיטן יום-טוב האט מען אלע געשמיסן. דאס שמייסן האט געדויערט ביז 12 ביינאכט.

איך האב באשריבן די אלע אינקוויזיציע-מעטאדן ביים נייסן אונז צום שמד. נאטשאלסטווע האט איר ציל דערגרייכט. מיר אלע אויסער איינעם זענען געווען געשמדט. ס'האט זיך געדאכט, אז טויזנדיק זיך וועלן מיר ווערן גלייכבארעכטיקט מיט די פראוואסלאוונע. אין אמתן אבער איז אזוי נישט געווען. א געטויפטער ייד האט ביי א קריגערײ מיט א פראוואסלאוונעם הייסער געהערט דעם געוויינטלעכן „פארשיווי זשיד". טיילמאל האט מען צוגעגעבן: „א געשמדטער ייד איז ווי אן אנגעפאשעטער וואלף". אונזערע יינגערע האבן נישט געקאנט אריבערטראגן אזעלכע באליידיקונגען. מיר האבן זיך געשלאגן און באקלאגט פאר די קאמאנדירן. ווי אזוי האבן מיר געקאנט אויסהערן אזעלכע זידלערייען פון יענע, מיט וועלכע מיר זענען צוזאמען געגאנגען אין צערקווע, צוזאמען זיך מתודה געווען א. א. וו., גלייך מיר וואלטן געווארן איין משפחה. די באליידיקונגען האבן זיך טיף איינגעקריצט אין מיין נשמה און האבן געהאט פאלגן. איך האב זיך געגעבן א ווארט

צו דערשלאגן זיך צו גערעכטיקייט און אן מורא פאר געריכטן און שטראפן זיך אומצוקערן דאס רעכט אויף יידישקייט — וואס איך האב אויך דורכגעפירט.

* * *

IV

דאס צוריקווערן א ייד.

לויטן באפעל פון אלעקסאנדער דעם II-טן (פונם 26/8 1856) איז בטל געווארן דאס נעמען יידישע קינדער פאר רעקרוטן און אין די יארן 1857/58 איז באפוילן געווארן צו באפרייען און צוריקצושיקן אין זייערע היימען די קאנטאניסטן-קינדער. דאס באפרייען האט זיך באצויגן נאר אויף רוסישע סאלדאטן-קינדער. אונז יידישע. אלס גענומענע אין די רעקרוטן-נאבארן. האט מען נישט באפרייט. וועגן אונז איז ארויס אזא באפעל: אלע קאנטאניסטן-באטאליאנען ווערן אומגעבילדעט אין מיליטערישע שולן. די עלטערע פון 18 יאר האט מען איינגעשלאסן אין די פולקן אין צענטראל-רוסלאנד; די ייננגערע האט מען אפגעגעבן אין די מיליטערישע שולן. דאמאלס האט זיך דאס לעבן עטוואס געביטן. מ'האט אויפגעהערט מערדערלעך צו שלאגן. די 1-טע ראטע אלס עלטערע האט מען אפגעשיקט אין צענטראל-רוסלאנד. אונז פון דער 2-טער האט מען אפגעגעבן אין די מיליטערישע שול. איך בין געווען ייננגער פון אלע, ווייל צונעמענדיק מיך האט מען מיך פארשריבן אלס 12-יעריקן, ווען אין אמתן בין איך אלט געווען נאר 7 יאר. אין 1859-טן יאר בין איך לויט די פאפירן אלט געווען 18 יאר, אין דער ווירקלעכקייט נאר 13. לויטן אויסזעען האט נאטשאלסטווע מיך אנערקענט אלס ייננגער פון 18 יאר. איך אבער, וועלנדיק זיך ארויסרייסן פונם גיהנום, האב פארזיכערט. אז איך בין שוין אינם 18-טן יאר. דעריבער האט מען מיך מיט נאך 18 חברים אפגעשיקט אין א שולע און אינם יאר 1860 באשטימט לויט א גורל: 5 אין פינלענדישן מיליטער, 3 אין ארכאנגעלסקער גארניזאן און 10 אין גרענאדירן-קארפוס. איך בין געווען צווישן די לעצטע. אינם זעלבן יאר האט מען אונז צופוס אפגעשיקט קיין מאסקווע. 4 חדשים זענען מיר געגאנגען. אין דעצעמבער זענען מיר אנגעקומען קיין מאסקווע.

מיך האט מען באשטימט אין דער 3-טער גרענאדיר-ארטילעריע-בריגאדע. מיין קאמאנדיר איז געווען א גוטער מענטש. ער האט מיך ליב באקו-

מען. אויפן 2-טן יאָר דינסט האָט ער מיך געמאַכט פאַר אַן אונטער-אָפיציר. איך בין דאַן אַלט געווען 14 יאָר. אָפיציעל 19. אין דער בריגאַדע האָב איך אָפּגעדינט 10 יאָר און האָב געדאַרפט האַלטן עקזאַמען אויף אָפיציר. מיינע קאָמאַנדירן האָבן מיך שטאַרק דערצו צוגערעדט, צוואַנגנדיק צו שטעלן גוטע נאָטן, און איך האָב זיך געגרייט. איך האָב זיך אָבער דערמאָנט, ווי אַפט ס'איז מיר אויסגעקומען צו הערן אין לעבן די באַליידיקנדע ווערטער: „אַ געשמדטער ייד איז ווי אַן אויסגעפּאַשעטער וואָלף". איך האָב זיך געטראַכט, אַז זייענדיק אין אַ נידעריקן ראַנג האָב איך נישט געקאָנט אויסהערן אַזעלכע באַליידיקונגען. ווי שווער וועט מיר זיין אויסצוהערן אַזעלכע זייענדיק אין אָפיצירן-ראַנג. איך האָב זיך פונם עקזאַמען אָפּגעזאָגט. (מיינע שטאַרק נאָענטע חברים: פּאַוועל אַקסעלראָד און יוסף וועניאַמינאָוויטש האָבן דעם עקזאַמען אייסגעהאַלטן און זענען געוואָרן אָפיצירן).

אָנהייבנדיק פון מיין אַריינטרעטן אין די קאַנטאָניסטן (1853) ביזן ענדיקן דעם דינסט אינם יאָר 1873 האָב איך אָן אויפהער געשטרעבט מיר אומצוקערן סאַר יעדן פּרייז מיינע רעכט אויף יידישקייט, פאַר וועלכער איך האָב אַזויפיל געליטן. אין 1872-טן יאָר, אויסדינענדיק מיין צייט, בין איך אַרויס אין שטענדיקן אורלויב און בין באַלד אַהיימגעפאָרן זיך זען מיט מיינע קרובים, וועלכע איך האָב נישט געהאַט געזען פונם טאָג פון מיין אַוועקגיין אין די קאַנטאָניסטן.

איך וועל נישט פּרוּוון באַשרייבן מיין באַגעגעניש מיט דער מוטער, ברודער, שוועסטערן און אַנדערע קרובים, וואָס זענען געבליבן לעבן. זיי האָבן מיך שוין געהאַלטן פון לאַנג פאַר באַגראָבן. איך אַליין האָב קוים קוים געגלייבט, אַז איך וועל אַרייס אַ לעבעדיקער פון די קאַנטאָניסטן. דאָ אין דערהיים, אינם שטעטל דיסנע, בין איך געוואָר געוואָרן, אַז מיין פאָטער איז נאָך פונם 1858-טן יאָר פאַרשיקט אין סיביר. אָפּלעבנדיק 2 חדשים אין דערהיים בין איך אָפּגעפאָרן קיין סיביר אויפצוזוכן מיין פאָטער, וועלכן איך האָב כמעט נישט געדענקט. איך האָב אים געפונען אין טאָמסק צוזאַמען מיט זיינע 2 ברידער, אויך פאַרשיקטע צוליב דעמזעלבן ענין.

לויט מיין מיינונג האָב איך שוין געדאַרפט האָבן אויסגעדינט די גאַנצע צייט. איך האָב געבעטן אַ באַפרייאונגס-באַפעל. מ'האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז צו אַ באַפרייאונגס-באַפעל מוז איך נאָך צודינען 10 חדשים. אין אורלויב קאָן איך נאָך בלייבן 3 יאָר. איך האָב אויסגעקליבן דאָס ערשטע און בין נאָך אַמאָל אַנגעקומען אין די אַרמיי. נאָך אַ קורצער צייט האָב

איך אפיציעל געמאלדן, אז איך וויל נישט בלייבן ווייטער אלס פראוואסלאוונער, ווייל מ'האט מיך גענויט אנצונעמען פראוואסלאוויע. פארשטייט זיך, אז מיין נאטשאלסטווע האט גענומען דונערן: מ'האט מיר געדראט מיטן געריכט, מיט פארלירן אלע רעכט, שיער נישט מיט דערשיסן. דאמאלס האב איך דערלאנגט א גענויען ראפארט, ווו איך האב אלץ דערציילט, ווי אזוי מ'האט מיך, א 7-יעריק יינגל, בארבאריש באהאנדלט. דאן האב איך אויסגעגעבן, אז מיין פאר-און פאמיליען-נאמען איז נישט דער. וואס איז פארשריבן אין די פאפירן, און האב דאך אפגעדינט ערלעך דעם קייזער 20 יאר. אויף וואס איך באזיץ צייגנישן. ווייטער האב איך געשריבן, אז אויב נאטשאלסטווע האט געקאנט אונז, קליינע קינדער מוטשען און געבן אויסגעטראכטע נעמען, קאן מען אונז נישט פארווערן זיך משתדל צו זיין וועגן צוריקבאקומען דאס, וואס מ'האט ביי אונז מיט געוואלט צוגענומען. איך האב געבעטן מיך איבערצוגעבן דעם געריכט, כדי איינמאל פאר אלעמאל צו מאכן א סוף צו מיינע ליידן.

דער מיליטער-נאטשאלניק האט גענומען מיך מוסרן. און ווען איך האב קאטעגאריש געמאלדן, אז ווייטער אפנארן גאט און מענטשן וויל איך נישט, און מער אין קירכע גיין זיך מתודה זיין וועל איך נישט. — האט ער געלאזט מיין ראפארט ווייטער גיין. נאך 7 וואכן איז געקומען א באפעל פונעם הויפט-קאמאנדיר פון מערב-סיביר מיט פאלגענדן אינהאלט: דעם פון פראוואסלאוויע זיך אפקערנדן אונטעראפיציר איצקאוויטש איבערצוגעבן צו א פאפ אויף אויסצומוסרן און, אויב ער וועט ווייטער בלייבן אן חרטה, איבערפירן אין אן אנדערן מיליטער-טייל, נישט פארפאלגנדיק פארן אפטרעטן פון דער אמונה.

דער פאפ איז, פארשטייט זיך, געקראכן פון דער הויט, ער האט אבער גארנישט געקאנט מיט מיר מאכן. אויף אלע זיינע מוסר-רייד האב איך באמערקט, אז איצט בין איך אלט נישט 7, נאר 26 יאר. אין אן אנדער מיליטער-טייל האט מען מיך אויך נישט איבערגעפירט, ווייל עס האט זיך באלד געענדיקט מיין 20-יעריקער דינסט. דעם 23-טן אקטאבער 1873 בין איך ארויסגעגאנגען פריי.

מיינע חברים-קאנטאניסטן, וואס זענען נאך געבליבן לעבן און ווילן לעזן מיין ודוי, זאלן זיך דערמאנען דעם אמאליקן מיליטער-שרייבער, וואס האט געטראגן עטלעכע נעמען: סערגעיעוו, ארכיפאוו, בעלין און וואס וווינט היינט אונטער זיין אייגענעם יידישן נאמען: אליהו בן ישעיהו איצקאוויטש. (לויט די בירגער-רשימות: ישראל לייב איצקאוויטש).

אירקוטסק, דעם 11-טן נאוועמבער 1911.

דריטע דערציילונג

דערציילונג פון אַן אַלטן זעלנער

I

איך געדענק זיך אַלס 5-יעריק יינגל. די ערשטע דערינערונג איז פאַרבונדן מיט פאָלגנדן צופאַל: מיין מוטער האָט מיר אָנגעטון אַ נייעם אַרבע-כנפות און געבענדיק מיר 5 גראָשן האָט זי געזאָגט: „גיי אין בית-המדרש אַריין און וואַרף זיי אַריין אין ר׳ מאיר-בעל-הנס-פושקע. אויב דו וועסט אויפן וועג טרעפן אָרעמעלייט — צעטייל זיי״. זי האָט מיך דערביי אַרומגענומען מיט אירע הענט, מיך שטאַרק צוגעדרוקט צום האַרץ און מיט אַ טיפן זיפץ צוגעגעבן: „גאָט זאָל געבן, דו זאָלסט זיין אַזאַ צדיק ווי מיין טאַטע, ער זאָל האָבן אַ ליכטיקן גן-עדן.״ מיך האָט די מאַמע ליבער געהאַט ווי אַלע קינדער, ווייל איך האָב געטראָגן דעם נאָמען פון איר פאָטער, וואָס איז געווען רב אין שטעטל. זי האָט געחלומט, אַז איך וועל אויך זיין אַ רב.

ווען איך בין אַלט געוואָרן 5 יאָר האָבן מיינע עלטערן אָנגעהויבן צו קלערן, צו וועלכן מלמד מיך אָפּצוגעבן. פון אַלע דרדקי-מלמדים אין אונזער שטעטל איז געווען אַממייסטן באַרימט איינער מיטן נאָמען ראובן קאָזאַק. געהייסן האָט ער קאָזאַק אָט פאַרוואָס: ראובן האָט געשמט פאַר אַ מושלם אין אַלצדינג, אין האַנדל, אין מעדיצין, האָט געקענט אָפּשפּרעכן אַן עין-הרע, האָט וועגן אַלץ געוווּסט און וועגן אַלץ ליב געהאַט צו רעדן, באַזונדערס וועגן פּאָליטיק. אין פאַל פון אַ מלחמה האָט ער פאָרויסגעזאָגט, וועלכער צד עס וועט מנצח זיין. שבת בין מנחה למעריב פלעגט ער שטיין אין אַ קרייזל ייִדן און זיי דערציילן, וואָס אויף דער וועלט הערט זיך. אין אונזער שטאָט איז קיין צייטונג נישט געווען, ווייל קיינער האָט נישט געקענט לייענען אויף וועלכער עס איז פרעמדער שפּראַך. קיינער אויסער ראובנען האָט באַרנישט געוווּסט וועגן וועלט-נייעס. פון וואַנען ער האָט געוווּסט — איז זיין געהיימניש. איינמאָל האָט מען ראובנען געפרעגט, צו משיח וועט שנעל קומען. ער האָט געענטפערט: „ס׳וועט קומען אַ צייט, ווען אדום וועט מלחמה

האלטן מיט ישמעאלן און אדום וועט זיגן. דאמאָלס וועט אדום זאָגן צו די יידן: „נו, יידעלעך, קלויבט זיך צוזאמען פון דער גאנצער וועלט און נעמט אייך ארץ־ישראל מיט כוח. איצט איז די ריכטיקע צייט. ישמעאל איז אָפּגעשוואכט. מיט איין קלאפּ נעמט איר אָפּ אייער לאנד". — „אָך, האָט אויסגעשריגן ראובן. ווען איך זאָל דערלעבן די צייט, וואָלט איך זיך געוואָרפן מוסיק אין קאמף ווי א קאזאק". די יידן האבן אנגעקוקט די שוואכע פיגור פונם מלמד, האבן זיך צעלאכט און פון דעמאָלס אָן האָט מען אים גערופן ניט אנדערש ווי „ראובן דער קאזאק".

בעסער פון ראובנען האָט קיינער ניט געקענט צוגרייטן קליינע קינדער צום גמרא־חדר. די קינדער פלעגן פאר אים ציטערן, ווייל מ'האָט דערציילט, אז ער רייסט פאר די פאות און אויערן און שמייסט מיט א קאנטשיק. דאָס איז געווען טיילווייז ריכטיק. דערפאר האָט מען זיינע תלמידים אנגענומען אין די העכערע חדרים אָן שום עקזאמען אָדער פארהער. מיין פאטער איז געווען א גמרא־מלמד און ער האָט קיינמאל ניט עקזאמינירט ראובנס א תלמיד, נאָר גלייך געזעצט אויף דער ערשטער באנק. ראובנס חדר האָט געהאט א שם פון א מוסטער־חדר אין מאראלישער ווי אין היגיענישער הינזיכט. א הייזל האָט ער געהאט אן אייגנס, א ירושה פון זיידן, וואָס איז באשטאנען פון א גרויסער שטוב און א פאדער־שטיבל. די הויפּט־באשיינונג פון חדר איז געווען א „מזרח". אויף וועלכן עס איז געווען אויסגעמאָלט די מנורה מיט חיות, די לוחות מיט די עשרת הדברות, אין דער הויך א קרוין מיט 2 אויסגעשפּרייטע כהן־הענט א. א. וו. עס איז געווען אייגענע האנט־ארבעט פונם מלמד און דאָס גאנצע שטעטל איז געקומען זען דאָס קונסטווערק. אין ווינקל אונטער א פוירהאנגל איז געשטאנען א בעט צוגעדעקט מיט א ציצן־ליילעך פון פארשידענע קאלירן. צוקאָפּנס איז געלעגן א גאנצער בארג קישנס. אין מיטן שטוב איז געשטאנען א לאנגער טיש, אויף ביידע זייטן — בענק. ביים עק — א שטול, אויף וועלכן עס איז געזעסן בשעתן לערנען דער רבי. אויף דער וואנט צווישן די פענסטער איז געהאנגען דער קאנטשיק. אויב איינער האָט נעטון א שטיף, האָט אים דער רבי מיטן פינגער אָנגעוויזן אויפן קאנטשיק און יענער איז באלד געבליבן שטיל און באוועגונגסלאָז.

די גאנצע באלעבאטישקייט איז געלעגן אויף ראובנס ווייב, חוה. דאָס איז געווען א פרומע, שטילע און גוטע פרוי. זי האָט זיך באַצויגן צו אלע תלמידים גלייך, ניט מאכנדיק קיין אונטערשייד צווישן א יינגל פון א רייכן

פּאָסער און אָן אָרעמען. זי האָט אויך אונזערע אַלעמענס נעמען צעצויגן: בערעלע, שלמהלע, יאַנקעלע, איצעלע, שמולינקע. חוה האָט שטאַרק אַכטונג געגעבן, קיינער זאָל נישט עסן אומגעוואַשן. — — — זי פּלעגט שטיפּערישע יינגלעך לאַנג מוסרן מיט גוטע רייד ביז דער יינגל פּלעגט אָנהייבן וויינען, אמתדיק חרטה האָבן און זאָגן: „כ׳וועל מער נישט“. אויב דער רבי האָט איינעם געוואָלט באַשטראָפן, פּלעגט זי דעם פאַרמשפּטן פאַרשטעלן מיט זיך אַזוי לאַנג, ביז דער כעס פּלעגט ביים רבין אַריבער. אַלע אין שטאָט האָבן זי ליב געהאַט. צו די ימים־טובים פּלעגט זי באַקומען פיל מתנות פון די תּלמידים. — — —

אויפן זעקסטן יאָר האָבן מיינע עלטערן באַשלאָסן מיך אָפּצוגעבן צו ראַבינען אין חדר. מ׳האָט מיר באַשטעלט אַ נייע קאַפּאָטקעלע, וואָס איז געווען לאַנג ביז צו די פּיענטעס. די מוטער האָט מיך אַרומגעבונדן מיט אַ טונקל בלאָען פּאַס, אויפן קאָפּ — אַרויפגעצויגן אַ נייע קאַפּעלע און אויפן קאַפּעלע ביז צו די אויערן אַ היטעלע. די לאַנגע פּאות האָט זי איינגעשמירט מיט אַ ביסל פעטס, די האָר זאָלן זיך לייגן איינע אויף די אַנדערע, און די עקן האָט זי מיר פאַרבויגן צום מויל. נאָכן פאַרענדיקן די הלבשה האָט מיך מיין מוטער געשטעלט אין אַ זייט, כדי זי זאָל זיך קענען אָנעסן מיט מיין שיינקייט. אין דעם אויגנבליק איז אַריינגעקומען אַ שכנה. מיין מוטער האָט מיך פאַרשטעלט אויס מורא פאַר אַ גוט אויג. די שכנה האָט דאָס באַמערקט און זיך אָנגערופן: „מערע, בינדט אים אָן אויף דער האַנט אַ רויט בענדעלע. וועט ער שוין פון אַ בייז אויג זיין באַוואָרנט“. מיין מוטער האָט אַזוי געטון.

ביז דער לעצטער מינוט האָב איך נישט געוווסט, אַז מ׳גיט מיך אָפּ צו ראובן קאָזאַק. ווען איך האָב זיך דערוווסט, האָב איך אָנגעהויבן צו וויינען. פאָטער און מוטער האָבן מיר אָנגעהויבן איינצורעדן. „האָב נישט קיין מורא“, האָט דער פאָטער געזאָגט, „נאַריש קינד, ער שמייסט נאָר לאָבוזעס, וואָס פאָלגן נישט. דו ביסט אָבער אַ שטילער; דיר וועט ער נישט רייסן די אויערן און נישט שמייסן. ווייס, קינד, אַז זיין חדר איז הייליק. מאָנטיק און דאָנערשטיק קומען צו פליהען גוטע מלאַכימלעך און וואַרפן אַראָפּ קיכלעך פאַר גוטע קינדער. היינט איז דאָנערשטיק. קום, זונעניו, שנעלער וועסטו אויך באַקומען“. הערנדיק וועגן מלאכים און קיכלעך האָב איך אויפגעהערט צו וויינען און בין געגאַנגען. אַריינקומענדיק אין חדר האָבן טאַטע־מאַמע אַ קוש געטון די מזוזה. מיך האָט מען אויפגעהויבן איך זאָל זי אויך אַ קוש טון. די עלטערן האָבן זיך האַרציק באַגריסט מיט ראובנען און חוהן און איך בין געשטאַנען אַ פאַרשעמטער מיט אַן אַראָפּגעלאָזן קאָפּ. ראובן

איז צוגעגאַנגען צו מיר. האָט אויפגעהויבן מיט 2 פינגער מיין קין און געזאָגט: „שעם זיך נישט, חיימל, דו ביזט, ווי איך זע, אַ גוטער יינגל." באַקיקנדיק מיין אָנצוגל האָט חוה באַמערקט: „אַך, ווי גוט דאָס קאַפאָטקעלע זיצט אויף אים, ווי אָפגעמאָסטן. און וואָס פאַר אַ שיין היטעלע צום פּניםל. מ׳זאָל אים נאָר קיין גוט אויג נישט געבן." אוועקדרייענדיק דעם קאָפ האָט זי דריי מאָל אויסגעשפּיגן. דערנאָך מיך געקושט אין די ליפּן און ווידער דריי מאָל אויסגעשפּיגן זאָגנדיק: „זאָל דיך אַ גוטער מלאך היטן."

ראובן האָט מיך אוועקגעזעצט בײַם טיש פאַר אַ גרויסן אלף-בית און האָט אָנגעהויבן אונטערצוהאַנדלען מיט מיין פאָטער וועגן שכר-למוד. „ווייסט איר וואָס איך וועל אייך זאָגן, ר׳ יוסף, — האָט זיך אָנגערופן ראובן צו מיין פאָטער, — מיר זענען דאָך חברים און איך וועל ביי אייך נעמען ביליקער ווי ביי אַ צווייטן. 15 גילדן פאַר אַ זמן אַנשטאָט 20." מיין פאָטער האָט גלייך איינגעשטימט אויפן פרייז און איך האָב געוואַרט אויף די מלאכים מיט די קיכלעך. דער רבי האָט גענומען אַ טייטל, אָנגעשטויסן אויפן אות און געזאָגט: „נו, הייב אָן און זאָג אלף." איך האָב אָנגעהויבן אַליין הויך אויסצוזינגען אָן אות נאָך אָן אות. מיינע עלטערן זענען געשטאַנען הינטער מיר. ווי איך האָב אויסגערופן דעם לעצטן אות „תּיו". איז אַ גרויס קיכל אַראָפגעפאַלן אויפן אלף-בית. איך האָב געגעבן אַ לייכטן ציטער און געזאָגט: „רבי, לאָזט מיך נאָך אַ מאָל דורכלייענען." אַלע האָבן זיך צעלאַכט. איך האָב ווידער געלייענט און ווידער איז אַ קיכל (אין דער פאָרם פון אַ הון) אַראָפגעפאַלן אויפן אלף-בית. איך האָב שנעל אויפגעהויבן דעם קאָפ צו זעען דעם מלאך-וואָס וואַרפט קיכלעך, איך האָב אָבער גאָרנישט באַמערקט. ראובן האָט באַמערקט, אַז מן הסתּם האָט מען מיך שוין צוגעגרייט אין שטוב צום לערנען. מיין מוטער האָט מודה געווען, אַז דאָס האָט זי עס מיך צוגעגרייט. „איך זאָג אייך נביאות, האָט זיך אָנגערופן ראובן מלמד, אַז פון אייער זון וועט אַרויסוואַקסן אַ גרויסער למדן. דאָס דערקען איך פון זיין ברייטן שטערן." מיין מוטער איז געווען גערירט און האָט געענטפערט: „פון אייער מויל אין גאָטס אויערן." — — — — — — — — — — — — — —

פון יענעם טאָג אָן זענען מיין פאָטער און ראובן געוואָרן גרויסע גוטע פריינט. כאָטש קאָלעגעס פון פאַך — האָבן זיי נישט געקאָנט קאָנקורירן צווישן זיך, ווייל מיין פאָטער איז געווען אַ גמרא- און ראובן אַ דרדקי-מלמד. אויך מיין מוטער מיט חוהן האָבן זיך שטאַרק באַפריינדעט. מיטן ביסל אָרעמקייט און ביטערקייט האָבן זיי זיך גלייך געטיילט. מיין מוטער איז

געווען אַ גרויסע בריה צו שטריקן זאָקן. ביי חוהן אין געווען אַ מעלקנדיקע ציג. האָבן ווי זיך געשפּילט מיט זאָקן און מילך. חוה האָט מיך ליב באַקומען ווי אַן אייגן קינד. סאַמער האָב איך נישט געהאַט מיט זיך קיין אָנבייסן, האָט זי מיך גענויט צו עסן פונס איריקן. אויך ראובן איז זיך מיט מיר איידל באַגאַנגען. איך בין צו אים געגאַנגען 2 זמנים און געענדיקט זיין חדר.

מיין פאָטער האָט מיך צוליב אָרעמקייט נישט געקאָנט אָפּגעבן צו אַ גרעסערן מלמד און האָט מיך געלאָזן אין זיין אייגענעם חדר. ביי מיין פאָטער האָב איך זיך נישט גוט געלערנט, ווייל איך בין געווען אַ גאַנצע וואָך הונגעריק. בלויז שבת האָב איך געגעסן צו דער זאַט. אַלע קינדער פלעגן מיטברענגען פאַרשידענע עסנוואַרג און אַוועקלייגן עס אויף אַ ברעטל ביי דער טיר. איך פלעג קוקן אויף דעם און שלינגען דאָס שפּייעכץ. נאָכן לערנען זענען זיי אַרויס אין פאָדערהויז און אָנגעהויבן די סעודה. איך בין אַרויפגעלאָפן אויפן בוידעם. זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל און געהאַט טענות צום פאָטער: הלמאַי איז ער געוואָרן אַ מלמד? — וואָלט ער געווען אַ סוחר אָדער אַ בעל־מלאָכה, וואָלט איך אויך געהאַט וואָס צו עסן ווי אַנדערע יינגלעך. עס איז געווען אין די הונגער־יאָרן, ביי אַן אומגעראָטעניש און אַלץ איז געווען שרעקלעך טייער. שפּעטער איז בעסער געוואָרן. שפּייזן זענען געוואָרן ביליקער. די עלטערן פון די תלמידים האָבן אָנגעהויבן פּינקטלעכער צו צאָלן מיין פאָטער שכר־למוד. איך האָב שוין נישט באַדאַרפן מקנא־זיין מיינע חברים ווען זיי האָבן געגעסן. אויב מ'האָט געמאַכט אַ בשותפותדיקע סעודה — האָט מיין מוטער געגעבן אַ חלק פאַר מיר. איך האָב אָנגעהויבן בעסער צו לערנען, כאָטש מיין פאָטער האָט אויף מיר ווייניקער אַכטונג געגעבן ווי אויף מיינע חברים. אַזוי זענען געלאָפן חדשים און יאָרן ביז איך בין אַלט געוואָרן 11 יאָר.

מיין עלפטער געבורטס־טאָג איז אויסגעפאַלן פּונקט אין פרייטיק. מיינע עלטערן האָבן באַשלאָסן מיר צו קויפן „מפטיר" שבת אין בית־המדרש. מיין פאָטער האָט מיך אויסגעפּרוּווט אין לייענען די הפטורה און האָט שטאַרק געהאָפט, אַז איך וועל אים נישט פאַרשעמען. מיין מוטער האָט אָנגעבאַקן אַ גרויסן קוכן. איך מיטן פאָטער זענען געגאַנגען אין באָד אַריין. אַהיימקומענדיק האָט מיין פאָטער מיך געשיקט נאָך בראַנפן און מיר געגעבן מיט 20 גראָשן מער ווי געוויינטלעך, ווייל ער האָט בדעה געהאַט צו פאַרבעטן עטלעכע מענטשן אויף קדוש. איך בין מיט חשק געלאָפן.

אויפן וועג האָב איך געטראַכט: וואָס פאַר אַ פריילעכער שבת וועט זיין ביי אונז. מיין פאָטער מיט ראובנען וועלן צוזאַמען זיצן און מאַכן אַ „לחיים”. מיין גוטע מאַמע וועט זיצן צוזאַמען מיט חוהן. דער פאָטער וועט מיר אָנגיסן אַ קליין כוסעלע און די מוטער וועט מיר געבן אַ גרויס שטיק לעקאַך. איך וועל מאַכן אַ ברכה, אָפּטרינקען אַ ביסל און רופן צו אַלע: „לחיים”. איך וועל טינקען דעם לעקאַך אין בראָנפן און עס וועט מיר ווערן פריילעך אויף דער נשמה. איך וועל אויסזינגען אַלע זמירות. אַזוי האָב איך מיר געטראַכט און בין שנעל געלאָפן. ווי נאָר איך בין אַרויסגעקומען אויף דער וואַרשעווער גאַס האָב איך דערזען אַ גרויסע פור מיט אַ בודע איינגעשפּאַנט אין 2 פערד. אויף דער פור זענען געזעסן צוויי ייִדן אין מיטעלן עלטער. אויטן קאָזיאַל אַ יינגער ליטווינער. איין ייד האָט מיך צוגערופן און געפרעגט, ווו דער שענקער וווינט. „אָט אין עק גאַס. ענטפער איך. איך גיי דאָרט אַהין נאָך בראָנפן”. — זעץ זיך מיט אונז, קריך אַרויף. מיר וועלן דיך צופירן”. — ווי נאָר איך בין אַרויפגעקראָכן האָבן זיי געזאָגט אַ פּאָר ווערטער אויף ליטוויש צום פורמאַן. יענער האָט אַ שמיץ געטון די פערד און זיי זענען געלאָפן ווי אַ שטורם. צוקומענדיק צום שענק האָב איך געבעטן די ייִדן זיי זאָלן הייסן דעם פורמאַן שטיין. אָבער ווי! מיר זענען פאַרפאָרן אין אַ געדיכטן וואַלד. די זון האָט זיך געניגט צו מערב. ס'איז געוואָרן פינסטער. די פור האָט זיך אָפּגעשטעלט. די ייִדן זענען אַראָפּגעקראָכן און אָנגעהויבן דאַווענען מנחה.

ערשט דאַן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען כאַפּערס. איך האָב אָנגעהויבן צו וויינען און שרייען. איך האָב געוואָלט אַנטלויפן, נאָר דער פורמאַן האָט מיך צוגעהאַלטן, ביז זיי האָבן פאַרענדיקט דאָס דאַווענען. זיי זענען ווידער אַרויף אויף די פור און מיך אַוועקגעזעצט לעבן זיך. דער פורמאַן איז געפאָרן מיט קרומע וועגן און פאַרפאָרן צו אַ כאַטקע. דאָרט האָבן שוין געברענט שבת-ליכט. אין אַ ווינקל איז געזעסן איינגעבויגן אַ ייִנגל און געוויינט אויפן קול. מ'האָט אים איינגערעדט ער זאָל צוגיין צום טיש מקבל-שבת-זיין. ער האָט נישט געוואָלט. אין אָנהייב האָב איך געמיינט, אַז דאָס איז זייערס אַ ייִנגל, וואָס קאַפּריזעט ווי אַלע רייכע קינדער. דערנאָך האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַן אומגליקלעך עופעלע, געפאַנגען דורך אַ רויב-פויגל. מ'האָט מיך אַוועקגעזעצט פאַרן טיש און געגעבן אַ סדור, אויפגעמישט ביי „לכו נרננה”. מיר האָט זיך אויך געוואָלט וויינען, איך האָב זיך אָבער דערמאָנט מיין פאָטערס ווערטער, אַז עס איז אַן עבירה צו וויינען אין שבת. איך האָב אָנגעהויבן צו דאַוונען הויך מיטן שבתדיקן נגון. צוקומענדיק צו „לכו נרננה”

האָב איך גענומען אַ הויכן טאָן און געוואָלט נאָכמאַכן דעם חזן, אָבער צוליב מיין נידריקער שטים איז עס מיר נישט געלונגען. די איינוווינער פון דער כאַטע האָבן מיך געלויבט: „אַ וווילער יינגל". די באַלעבאָסטע האָט מיך געקושט. — — — די כאַפּערס זענען געגאַנגען הין און צוריק איבער דער שטוב, האָבן געזאָגט הויך אויפן קול קבלת־שבת און מעריב און האָבן זיך געשטעלט צו שמונה־עשרה אויף דער מזרח־וואַנט, שאָקלענדיק זיך ווי גרויסע חסידים. נאָכן דאַוונען האָבן זיך די כאַפּערס צוזאַמען מיטן באַלעבאָס געזעצט צום טיש. זיי האָבן אויך געוואָלט אַוועקזעצן דעם וויינענדיקן יינגל. איינער פון די כאַפּערס האָט אים געוואָלט נעמען פאַר די הענט און אוועקזעצן. נאָר יענער האָט זיך איינגעשפּאַרט און מיט די הענטלעך זיך איינגעפּלאַכטן אין זיין באָרט ווי אַ ראַק. די אַנדערע כאַפּערס האָבן זיך אָנגערופן: „לאָז אים אָפּ, דעם שייגעץ און עזות־פּנים. רוף מאַסשעקן. זאָל ער אים אַרויספירן אין וואַלד. די וועלף זאָלן אים אויפעסן." און דער אומגליקלעכער איז געבליבן אָן עסן. ער האָט זיך אַלץ געפּרוּווט אַנטלויפן פון די רויב־פויגל, זיי האָבן אים אָבער גוט געהיטן. איך, דערצויגן שטרענג־רעליגיעז, האָב אָפּגעהיטן אַלע שבתדיקע דינים און מנהגים. דער טיש איז געווען רייך געדעקט. אין דערמיט ביי די ליכט איז געשטאַנען אַ גרויסע קאַראַפּקע מיט בראָנפן. פאַר יעדן איינציקן איז געלעגן אַ גרויסע חלה; פאַרן באַלעבאָס — 2 חלות באַדעקט מיט אַ ווייס טישטעכל. דער באַלעבאָס האָט געמאַכט קדוש שטייענדיקערהייט. נאָך אים האָבן אַלע געמאַכט קדוש. איך האָב אויך אָפּגעזונגען דעם קדוש און שנעל אויסגעטרונקען דאָס גלעזעלע בראָנפן. מ'האָט זיך געוואַשן און געמאַכט המוציא. די באַלעבאָסטע האָט יעדן דערלאַנגט אַ גרויסע פּאָרציע געפילטע פיש. נאָך די פיש האָט מען ווידער געטרונקען בראָנפן. איך האָב נישט געוואָלט טרינקען, ווייל ס'האָט זיך מיר שוין געמישט אין קאָפּ פונם 1־טן גלעזל. מ'האָט דערלאַנגט הייסע זופּ, געבראָטן גענדזנס און פלוימען־קאָמפּאָט. אַזאַ סעודה האָב איך ביי מיינע עלטערן קיינמאָל נישט געזען. נאָכן עסן האָט דער באַלעבאָס פאַרגעלייגט צו זינגען זמירות, אָבער די כאַפּערס האָבן זיך דערפון אָפּגעזאָגט, ווייל זיי זענען געווען מיד פון כאַפּן. דער באַלעבאָס האָט פאַרגעלייגט איינעם פון די כאַפּערס, אַ כהן, ער זאָל בענטשן. דער כוהן האָט זיך געוואַשן מיט „מים אחרונים" און געזאָגט: „רבותי, מיר וועלן בענטשן" און אַלע האָבן געענטפערט. דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן שנעל צו מורמלען, ווייל אַלעמען האָט זיך שטאַרק געוואָלט שלאָפן.

נאכן עסן האט מען אונז, די צווי געכאפטע, פארמאכט אין א קליין צימערל מיט איין פענסטער און די טיר פארשלאסן פון דרויסן. אין צימערל איז געווען פינסטער. דאס יינגל האט נישט אויפגעהערט צו וויינען. „נאר איינער, הער אויף צו וויינען", האב איך זיך אנגערופן צו אים, „עס איז שוין שבת און אין שבת טאר מען נישט וויינען."

„דיר איז שבת, האט ער געענטפערט וויינענדיק און ביז, דו האסט זיך אנגעפרעסן מיט די רוצחים ווי א חזיר, דאריבער וויינסטו ניט, אבער איך?" — „ווער האט דיר ניט געהייסן עסן? מ׳האט דאך דיך געוואלט נעמען צום טיש. דו האסט זיך איינגעשפארט און נאך פארפארן אן אלטן ייד אין דער בארד". — „איי, ברודער, איך זע דו ביסט נאריש ווי א קארק און קערסט צו זיין א מלמדס א זון. ווייסטו צוואס מ׳האט אונז געכאפט און וווהין מ׳וועט אונז פארייאגן? מ׳וועט אונז פארייאגן אין טיף רוסלאנד און אפגעבן צו די קאצאפעס. וואס וועלן אונז נויטן צו עסן חזיר און שמדן זיך. עפעס א קליינינקייט?"

„יא ס׳איז אמת, אבער צו וועלן מיר זיך עפעס העלפן מיטן וויינען? אין וועמען וועסטו אפשרעקן, אויב דו וועסט נישט עסן? אוי, מיטן וויינען וועסטו גארנישט אויפטאן. כל זמן מיר לעבן דארפן מיר עסן און טרינקען. דארפן וועלן מיר זעען, וואס גאט וועט מיט אונז מאכן. איך ראט דיר, דו זאלסט זיך מארגן זעצן פארן טיש און עסן. וויינען וועלן מיר נאך באווייזן, אויב גאט וועט אונז נישט אויסלייזן".

צומארגנס פרי האט מאטשעק געעפנט די לאדנס און טיר. האט אונז געגעבן צו וואשן. די באלעבאסטע האט אונז געברענגט א סדורל. איך האב אויסגעווירקט אויף מיין אומגליקלעכן חבר, ער זאל אויפהערן צו וויינען. מיר האבן אנגעהויבן הייס צו דאווענען. אונזערע בעלי-טובות האבן אנגעטון די טליתים און געדאוונט. נאכן דאווענען האבן זיך אלע געזעצט צום טיש. מיר אויך. דער באלעבאס האט יעדן פון אונז געגעבן א גלעזעלע בראנפן און געפרעגט מיין חבר, ווי ער הייסט לויטן פאר- און פאמיליע-נאמען. יענער האט געענטפערט: יאנקל קלעזמער. „א, דיין פאמיליע איז א פריילעכע, און דו וויינסט?" — האט איראניש באמערקט דער באלעבאס. איך האב אויסגעטרונקען אזוי ווי נעכטן דאס גלעזל בראנפן. יאנקל אבער האט נישט געוואלט טרינקען, וויפל דער באלעבאס און די כאפערס האבן אים נישט איינגערעדט. איך האב זיך אנגערופן צו אים: „האסטו אין דערהיים געזאגט שבתדיקע זמירות?" — „יא". — „דארטן שטייט דאך: אל תירא עבדי יעקב"

מיר ביידע דארפן האפן צו גאט. וווהין מ׳זאל אונז נישט אוועקשיקן — איז אומעטום דא גאט. עס קאן זיך נאך טרעפן, אז מיר וועלן זיך באגעגענען מיט די קינדער פון יענע עלטערן. וואס ווילן אונז איבערגעבן אין גוישע הענט און אומברענגען, ווייל אונזערע עלטערנס טרערן וועלן פאלן אויף זייערע קעפ. נאך האב איך געהערט פון עלטערע יידן, אז מ׳צאלט מדה כנגד מדה". יאנקל האט מיך אויסגעהערט, האט גענומען דאס גלעזל. געמאכט א ברכה, אפגעטרונקען אביסל און געזאגט: „לחיים". די כאפערס האבן נישט אויסגעהאלטן. זענען אויפגעשטאנען פון טיש און געבעטן די באלעבאסטע, זי זאל אונז געבן צו עסן צו ערשט, דערנאך זיי. „אך, ווי גיט מען זיי שוין אפ, די ממזרים; זיי האבן זיך אונז שוין אין די לעבער איינגעגעסן, באזונדערס דער חייסקע מיט זיינע שטעך-ווערטלעך". די באלעבאסטע האט אונז געגעבן צוערשט צו עסן אלע שבתדיקע מאכלים, אויך קוגל. נאכן מיטאג האבן מיר געוואלט שפאצירן איבערן וואלד. טראכטנדיק, טאמער וועט אונז געלונגען צו אנטלויפן. די כאפערס זענען אבער אויך געווען וואך. ס׳האט שוין געטראפן, אז די קרבנות האבן זיך זיי ארויסגעגליטשט פון אונטער די הענט. — — —

די באלעבאסטע האט אונז אונטער פארשידענע אויסריידן אריינגעפירט אין שטיבל און געזאגט: „קינדער, ביז שלש-סעודות זאגט פרק, תהלים און בעט גאט, ער זאל אונז געבן א גוטע וואך און א גוט געזונט". דאן האט זי פארמאכט די טיר אויפן ריגל. יאנקל האט אלע ווײלע טיף געזיפצט. גרויסע טרערן האבן זיך געקייקלט איבער זיינע פילע בלייכע בעקלעך און ער האט געטענהט: „אך, וואס טוען מיינע ארעמע עלטערן ז״ זיי וויינען מן הסתם. זענען זיך מצער. נישט ווייסנדיק. וווהין איך בין פארשוונדן." איך קוק אויף אים. דאס הארץ ציפט. עס ווילט זיך וויינען. איך האלט זיך איין צוליב שבת און טרייסט אים: אל תירא עבדי יעקב. עס איז געווארן פינסטער. מיר האבן געדאוונט מנחה. די באלעבאסטע האט אונז געגעבן עסן און באפרייט פון ארעסט. מער האט זי אונז נישט פארמאכט. ווייל די כאפערס האבן זיך געדרייט הין און צוריק; אויסערדעם האבן זיי געדונגען 2 שומרים, אלטע אויסגעדינטע סאלדאטן, אונז אוועקצושיקן.

שטערן האבן זיך געוויזן אויפן הימל. די כאפערס האבן געהייסן מאטשעקן זיך גרייטן צום אפפארן און צוזאמען מיטן באלעבאס האבן זיי געדאוונט מעריב. אויך מיר האבן געדאוונט. די באלעבאסטע האט מיט א וויינענדיקן קול געזאגט: „גאט פון אברהם..." מ׳האט געמאכט הבדלה. מ׳האט אונז פארגעלייגט א קליין גלעזל בראנפן. איך האב זיך אפגעזאגט. ס׳איז

מיר געווען נישט גוט אויפן הארצן. ס'איז שוין געווארן אין דער וואכנס. איצט קאן מען שוין וויינען. איך האב אריינגערופן יאנקלען אין ארעסט-צימערל און האב אנגעהויבן זאגן דעם פרק תהלים: „ה׳, בעניי קראתי אליך”. איך האב זיך שטארק צעוויינט. אומגליקלעכע עלטערן מיינע, ווי האבן זיי דעם שבת פארברענגט אן מיר? זיי האבן געטראכט צו האבן הנאה פון מיר הערנדיק מיך זאגן „מפטיר”. מיך אבער האבן רוצחים געכאפט. פונקט ווי רויב-פויגל כאפן אוועק א קליין הינדעלע פון אונטער דער קוואקע. — — —

מיר האבן ביידע וויינענדיק געזאגט תהלים און האבן זיך אזוי שטארק צעכליפעט, אז, ווען דאס וואלט זיך געטראפן אין שטאט, וואלטן די מענטשן זיכער צענומען די כאטע אויף שפענער און וואלטן אונז אפגעראטעוועט. עס זענען אנגעקומען די 2 בייזע שומרים, האבן אונז פונאנדערגענומען, געשריגן און געמאכט מיט די פויסטן. מיר האבן זייער שפראך נישט פארשטאנען. עס איז געקומען צולויפן מאטשעק און האט מיך געכאפט אויף די הענט. יאנקלען האט געכאפט איינער פון די שומרים. מ'האט אונז ארויפגעזעצט אויף דער פור. די כאפערס האבן זיך אויך ארויפגעזעצט און היידא — — —

אויפן וועג האבן זיי אונז געטרייסט, אז זיי וועלן זיך משתדל זיין, מ'זאל אונז אפלאזן אהיים. מיר האבן אויפגעהערט צו וויינען און זענען איינגעשלאפן. מיר האבן זיך אויפגעכאפט, ווען די פור איז צוגעקומען צו א גרויס סטיינערן הויז. פאר וועלכן עס האט זיך געדרייט הין און צוריק א זעלנער מיט א ביקס. די כאפערס האבן אונז אראפגענומען פון דער פור אפגעשאקלט אונזערע קאפאטקעלעך, ארויסגענומען זייערע שמוציקע טיכלעך און אפגעווישט מיט זיי אונזערע פארוויינטע אויגן, אפגעריבן ביז רויט אונזערע בלייכע בעקלעך און ארויפגעפירט אויפן 2-טן שטאק. אריינקומענדיק האבן אונזערע משגיחים אראפגענומען די היטלען מיט די יארמולקעס, אויך מיר האבן אראפגענומען די היטלען. דארטן האט מען אונז נאר פארשריבן. איינער פון לעצטן טישל האט א ווונק געטון צו די כאפערס, זיי זאלן אונז צופירן נענטער צו אים. יענער האט מיך געפרעגט ווי מ'רופט מיך. איך האב זיך אויסגעדרייט צום כאפער און געפרעגט, וואס ער וויל. ער האט מיר איבערגעזעצט. איך האב זיך געווענדעט צום „פאן” און געזאגט: חיים מערימזאן. דער פאן האט געקוקט אין פאפיר און געשריגן: דו הייסט מאיר און נישט חיים. געדענק, דו הייסט מאיר. — איך האב זיך געכאפט, אז מ'האט מיך אפגעגעבן פאר מיין רייכן קרוב, א שענקערס א זון, וואס האט אויך געהייסן מערימזאן. — און ווי רופט מען דיך? — האט דער „פאן” געפרעגט

מיין חבר. — יאַנקל קלעזמער. — דו זאָגסט ליגנס. דו הייסט: **איצעק גרינבלאַט**. — נאָכן פארשרייבן האָט ער געשיקט נאָך סאָלדאטן און אונז אָבגעשיקט אין תפיסה. אין יענע צייטן פלעגט מען אַלע רעקרוטן — אַלטע און יונגע — האַלטן אין תפיסה ביזן אָפשיקן אין די פולקן. איידער די סאָלדאַטן זענען געקומען האָט דער „פאַן" געהייסן אונז אָפשערן די פאות. עס זענען געקומען זעלנער מיט ביקסן. דער „פאַן" האָט געגעבן די האנט די כאַפערס און זיי אָפגעלאָזט. אַהינגייענדיק האָבן זיי אונז געזאָגט: „זייט געזונט, קינדער! האָט ניט קיין מורא. אין עטלעכע טעג אַרום וועט מען אייך אַרויסלאָזן".

„גאָט זאָל אייך שטראָפן. איר זאָלט אזוי ווי מיר זיך זען מיט אייערע פאַמיליעס. מערדער. אַ דונער זאָל אייך טרעפן מיט אייערע משפחות. אַלע קרענק וואָס זענען דאָ אויף דער וועלט זאָלן אַריין אין אייערע הערצער, געדערעם און קעפ". די כאַפערס, הערנדיק פון מיר אַזעלכע קללות, האָבן דריי מאָל אויסגעשפיגן, זענען שנעל אַראָפ פון די שטיגן און פאַרשוווּנדן.

III

די באַגלייט-זעלנער, פירנדיק אונז אין תפיסה, האָבן פון אונז חוזק געמאַכט, נאָכגעזאָגט פאַרשידענע באַליידיקנדע ווערטער אויף רוסיש און אונטערגעשטויסן מיר זאָלן שנעלער גיין. מיר זענען געקומען אין די רעקרוטן-תפיסה וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע קאַמערן אין דער אַלגעמיינער טורמע, אָפגעגעבענע ספעציעל פאַר רעקרוטן. אין יעדער קאַמער זענען געשטאַנען פון ביידע זייטן לאַנגע נאַרעס, הויך 3 — 4 מעטער פון דער ערד. אויף די נאַרעס זענען געלעגן שמוציקע מאַטראַצן פון גראָבן טוך אָנגעשיט מיט שטרוי. אויף די מאַטראַצן זענען געשלאָפן דערוואַקסענע רעקרוטן. מיר יונגע האָבן זיך געמוזט לייגן אונטער די נאַרעס ווי ווערעם, אָן יעדעס אונטערבעט. ליגן האָט מען געמוזט אויסגעצויגן מיטן פנים צו דער ערד. אויפהייבן דעם קאָפ האָט מען נישט געקאָנט: ס'איז געווען צו נידריק. שלאָפן מיטן פנים אַרויף האָט מען אויך נישט געקאָנט, ווייל פון די אַלטע פאַרפוילטע מאַטראַצן האָט זיך געשיט שטויב און שטרוי. אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט 3 וואָכן, ביז מ'האָט די דערוואַקסענע אויסגעקליידט און אָוועקגעשיקט. ווען מ'האָט די עלטערע אָוועקגעשיקט, זענען מיר אַרויף אויף די נאַרעס און האָבן זיך באַטראַכט פאַר גליקלעכע.

ביזן אָפּשיקן האָט מען אונז נישט גענויט צו עסן טריפות. דאָס באַשפּייזן אונז איז געוואָרן איבערגעגעבן אַ יידישן אונטערנעמער און ער האָט יעדן טאָג געבראַכט פאַר אונז אַ קעסעלע אַרבעס אָדער קאַרטאָפל-זופּ, יעדער האָט געהאַט זיין טעפל מיט אַ כשרן הילצערנעם לעפל. דאָס געפעס האָבן מיר געוואַשן איינמאָל אין 2 וואָכן, ווען מ׳האָט אונז געפירט אין באָד אַריין. ברויט האָט מען אונז געגעבן 2 פונט טעגלעך. (דערוואַקסענע 3 פונט). פלייש האָט מען געגעבן אַזויפיל, וויפיל מ׳קאָן מיט איינמאָל אַריינעמען אין מויל. חלה אויף שבת האָבן יידן מנדב געווען פאַר אונז און דער אונטערנעמער האָט זי צעטיילט צווישן אונז אויף גלייכע חלקים. פאַר אייגן געלט האָבן מיר גאָרנישט געקאָנט קויפן, ווייל מ׳האָט צו אונז קיין שום הענדלער און בכלל קיינעם נישט צוגעלאָזן. גלייך מיר וואָלטן קראַנק געווען אויף דזשומע.

מיין פאָטער, געוואָר ווערנדיק אין וואָס פאַר אַ „חדר" איך געפין זיך, איז געקומען צו פאָרן און האָט זיך געוואָלט זען מיט מיר. זייענדיק אַ מלמד און נישט וויסנדיק די מיליטערישע אָרדנונג איז ער זיך געגאַנגען פריי צו די טויערן פון תפיסה גלייך ווי אין בית-מדרש אַריין... דער וואַך-סאָלדאַט, זעענדיק אַ „זשיד" צוגיין נאָענט צו דער תפיסה, האָט אים געגעבן אַזאַ קלאַפּ מיט דער ביקס, אַז מיין פאָטער איז אַ וועקגעפאַלן און איז לאַנג געלעגן אין חלשות. ס׳זענען געקומען צולויפן יידן, מ׳האָט אים אָפּגעמונטערט און אַוועקגעפירט אין שפיטאָל. וועגן דער טראַגעדיע האָב איך זיך דערוווסט שפּעטער, אינעם טאָג פון אָפּשיקן. לאַנג איז אונז נישט געבליבן צו „לעבן אַ גוטן טאָג" אין תפיסה. אינגאַנצן זענען מיר דאָרטן געווען 6 וואָכן.

אין דער צווישנצייט האָט מען אונז באַקליידט און באַשטימט צום אָפּשיקן אין די קיעווער מיליטערישע קאַנטאָניסטן-באַטאַליאָנען. אַזוי ווי מיר האָבן נישט געקאָנט דורכגיין אַזאַ ווייטן וועג, האָט די מיליטער-מאַכט באַשלאָסן אונז איבערצופירן אויף געדונגענע וואָגנס. אַ יידישער בעל-עגלה האָט זיך אונטערגענומען אונז איבערצופירן. ער האָט געהאַט גרויסע הויכע וואָגנס, אויף וועלכע ער פלעגט איבערפירן סחורות פון די פאַבריקן. מ׳האָט אונז אַרויפגעזעצט ווי די הערינג אין פאַס, צו 16 אויף אַ וואָגן. איך האָב זיך כסדר באַמיט צו זיצן צוזאַמען מיט מיין חבר גרינבלאַט. צווישן אונז איז געווען אַזאַ פריינטשאַפט, וואָס לאָזט זיך גאָרנישט באַשרייבן. מיט יעדן ביס האָבן מיר זיך געטיילט אויף גלייך. אויך האָבן מיר צוזאַמען געדאַוונט און תהלים געזאָגט.

פֿאַרנדיק האָבן מיר זיך צערעדט וועגן דעם, וואָס אונז דערוואַרט אין דער צוקונפֿט. — „איך האָב געהערט, זאָגט צו מיר מײַן חבר גרינבלאַט, אַז דאָרטן, וווּהין מ'יאָגט אונז, נויט מען צום שמד. אויב איינער שפּאַרט זיך איין, מאַטערט מען אים שרעקלעך. אויב מ'באַשטייט — לערנט מען ביז 18—20 יאָר מיליטער־וויסנשאַפֿט און מ'ווערט אַן אָפֿיציר... ניין, איך וועל עס נישט טון. זיי זאָלן עס נישט דערלעבן, איך זאָל פֿאַרבײַטן מײַן הייליקן גלויבן אויף אָפֿיצירשאַפֿט... ניין, איך וועל זיך לאָזן צעשניידן אויף שטיקער, זאָלן זיי מיך דערהרגענען אויף טויט. איך וועל שטאַרבן אויף קדוש־השם. און דו?"

„איך מיין אויך אַזוי. איך האָב אָבער מורא, דער יצר־הרע זאָל נישט צושטיין און זאָל נישט אָנרעדן צו וועלן טראָגן שליפֿעס, צו זיין אַ פּאַן, קאָמאַנדעווען מיט זעלנער און גיין אין אָוונט אין טעאַטער".

„וואָס וועלן זאָגן די עלטערן, רייסט מיר איבער גרינבלאַט, זיי וועלן דאָך אונז פֿאַרשעלטן. זיי וועלן וויינען און פֿאַטערלעכע טרערן דערגייען צו גאָט. שטאַרבן מוז מען אַפֿילו ווען מ'איז אָפֿיציר. די געשמדטע נשמה וועט אַרויספֿליען פֿון יידישן גוף און אַרויף אין הימל אַריין. דער מלאך דומה וועט זי פֿרעגן: ווי הייסטו? — איוואַן. — ביי אונז זענען קיין איוואַנעס נישטאָ, גיי צו דיינע איוואַנעס. — און די געשמדטע נשמה וועט פֿליען איבער דער ברייטער וועלט ווי אַ זומער־פֿויגעלע... אַז דו וועסט קלערן וועגן דעם, וועט זיך דיר נישט וועלן ווערן קיין אָפֿיציר"...

אַזוי האָבן מיר איבערן גאַנצן וועג באַטראַכט מיט אונזער קינדערשן שכל אונזער צוקונפֿט. מיר האָבן זיך דערמאָנט אונזער שטוביק לעבן, ווי מיר האָבן אין חדר סעודות געמאַכט. ס'פֿלעגט אונז פּלוצלונג באַפֿאַלן אַ פֿריי־לעכע שטימונג און מיר האָבן אַלע אין אַ כאָר אָנגעהויבן צו זינגען שבתדיקע זמירות. אַנדערע האָבן נאָכגעמאַכט אַ בדחן, ווי ער ווײַלט דעם עולם אויף אַ חתונה. אַזוי האָבן מיר זיך אַליין געשטאַרקט און נישט דערלאָזט איינער דעם צווייטן צו וויינען און צו טרויערן.

לאַנג האָט געדויערט אונזער וועג. מיר דאַכט זיך, אַז אין היינטיקער צייט וואָלט מען שוין גיכער דערפֿאָרן צום ציר הדרומי איידער דאָמאָלט פֿון סוואַלק ביז קיעוו. מיר זענען געזעסן אין די וועגענער און הינטער אונז איז נאָכגעגאַנגען אַ גרויסע אָפּטיילונג סאָלדאַטן, וואָס האָבן געהאַט אַ באַפֿעל אונז צו האָבן גוט אויפֿן אויג, גלייך ווי מיר וואָלטן געווען פֿאַרמשפּטע פֿאַר־ברעכער. אין יענער צייט איז געווען באַשטימט: 2 טעג גיין און 1 טאָג

רוען. אויף יעדער סטאַציע און אין די רו-טעג האָט מען אונז צעטיילט איבער די פּויערשע כאַטעס. אין די שטעטלעך, ווו ס'זענען געווען מיליטער-נאַטשאַלניקעס, האָט מען אונז געהאַלטן אין קאַזאַרמע אָדער טורמע און מ'האָט געוואַרט, ביז ס'וועלן זיך אָנזאַמלען נאָך קאַנטאָניסטן אָדער אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן באַדאַרפן ווערן איבערטראַנספּאָרטירט. אַזוי האָט מען אונז געפירט 3 חדשים. די גאַנצע צייט האָט מען אונז נישט געפירט אין באַרא ראנק דעם האָט זיך אין אונזערע וועש און קליידער אַנטוויקלט א ריזיקע כּהנה פּאַראַזיטן, וואָס האָבן אונז נישט געלאָזט צורו נישט בייטאָג און נישט ביינאַכט. מיר האָבן זיך געפילט, ווי אונזערע גופים וואָלטן געווען איינגעהילט אין פרישע פּאָקרזיווע. אַז ס'איז שוין געווען נישט צום אויסהאַלטן, האָבן מיר זיך בשעתן דאַווענען שטאַרק צעוויינט. די באַגלייטער האָבן זיך געוואָרפן אויף אונז מיט די געמיינסטע זידלערייען און פּויסטן: „וואָס האָט איר זיך, פאַרשאָלטענע זשידעס, צעוויינט?" — פון שרעק זענען מיר שטום געוואָרן, אָבער די טרערן האָבן נישט געהערט די ווילדע געשרייען פון אונזערע היטערס און האָבן שטראָמענווייז גערינען איבערן געזיכט.

ווען מיר זענען צוגעפאָרן צו קיעוו (1855) איז אָנגעפאַלן אויפן האַרץ אַן אומעט. אָט איז אונזער יום-הדין — האָבן מיר זיך געטראַכט. ביי דער ראָגאַטקע האָבן די היטערס געהייסן די וואָגנס בלייבן שטיין און געווענדעט זיך צו אונז: „נו, זשידיאָנקעס, קריכט אַראָפּ!" מיר האָבן צוזאַמענגענומען אונזערע זעקלעך און זענען אַראָפּ פון וואָגן. די זעלנער האָבן אונז אויסגעשטעלט אין רייען און געפירט אין שטאָט. די שטאָט האָט זיך מיר אויסגעוויזן גאָר קיין עק נישט צו האָבן. אויפן וועג האָב איך געזען א סך שיינע הויכע צערקוועס, גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט אונזער אָרעמען קאַשציאָל. איך האָב געזוכט א שול, האָב אָבער נישט באַמערקט. מ'האָט אונז געפירט דורכן באַזאַר. מיר האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן די הויכע, ברייטפּלייציקע און רויט-באַקיקע מענטשן, וואָס האָבן לעבעדיק זיך געדרייט הין און צוריק, רעדנדיק אויף אַן אומפאַרשטענדלעכער פאַר מיר שפּראַך. נישט ווי ביי אונז אין שטעטל, ווו מען זעט נאָר דאַרע, אויסגעמאָגערטע און הונגעריקע יידן, וואָס רעדן צווישן זיך שטיל, צוהוסטנדיק און פאַרסאָפּנדיק זיך. אויך די הענדלערקעס זענען אַזעלכע גראָבע און ברייטביינינקע, זיצן ביי פולע קוישן מיט פּרוכטן און רייערן צווישן זיך הויך-קלינגנדיק. דערזעענדיק אונז האָבן זיי אָנגעהויבן אונז שפּאָטיש צוצורופן: „עי, זשיראָטשקעס, קויפט ביי אונז ציבעלעס און כריין אויף שבת".

מ׳האָט אונז צוגעפירט צו דער קאַזאַרמע, וווהין מ׳האָט דעם זעלבן טאָג געברענגט צו פירן פון די פוילישע גובערניעס נאָך אַ זעלכע זעלנער ווי מיר. מ׳האָט אונז אויסגעשטעלט אין אַ ברייטן פראָנט אין 3 רייען. די באַגלייטער האָבן אונז געלערנט, ווי אַזוי צו ענטפערן אויף די באַגריסונג פונם נאַטשאַלניק. אין דער צייט האָבן סאָלדאַטן דורכגעטראָגן פאַר אונז אַ פּאָר בינטלעך ריטער. דערזעענדיק דאָס איז ביי מיר אָפּגעשטאָרבן דאָס האַרץ, דורכן קערפּער איז אַדורך אַ קאַלטער ציטער. די פיס האָבן זיך געשאָקלט ווי אין פיבער און אין די אויגן איז געוואָרן פינסטער. מיר זענען געשטאַנען ווי שאָטנס, איבערן גאַנצן פראָנט איז געוואָרן טויט שטיל. אין דער נשמה האָט געקלינגען אַ תפילה: „מאַמע רחל, שטיי אויף פון קבר, בעט ביי גאָט, ער זאָל שיקן זיין מלאך דעם היטער, ער זאָל אונז שיצן פון אַלעם בייזן, ער זאָל אונז געבן כח און פעסטקייט צו בלייבן ביי אונזער הייליקער אמונה".

דער עלטסטער באַגלייטס-סאָלדאַט, דערזעענדיק דעם נאַטשאַלניק פון דערווייטנס, האָט אַ געשריי געטון צו אונז: „אויסגלייכן זיך. די אויגן רעכטס; זעט, זשידיאַנקעס, איר זאָלט ענטפערן אַזוי ווי איך האָב אייך געלערנט." אַ שרעק איז מיך באַפאַלן. איך האָב געטראַכט: ווי אַזוי וועלן מיר ארויסזאָגן אַזאַ לאַנגן טיטל אויף אַן אומבאַקאַנטער שפּראַך? אינגאַנצן איינמאָל האָט ער אים אונז געזאָגט. פאַרוואָס האָט ער אונז אויפן וועג נישט געלערנט? ווי קאָן מען דאָס נאָך איינמאָל געדענקען — זדראַוויאַ זשעלאיעם וואַשע וויסאָקאָ-בלאַהאָראָדיע? סאַמער וועלן מיר ענטפערן נישט ווי געהעריק, וועט מען אונז שמייסן. ריטער זענען שוין צוגעגרייט. ס׳איז צוגעפאָרן דער נאַטשאַלניק, האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דער מיט פראָנט, האָט אַ קוק געטון אויף אונז מיט אַ שמייכל און געשריגן: „זייט געגריסט, קינדער!" מיר האָבן אין איין קול געשריגן ווי קאָזעס: מע-ע-ע. דערנאָך האָט מען אונז צעטיילט אין ראָטעס לויטן וווקס. מיין חבר גרינבלאַט איז אַריין אין די 4-טע, איך אין די 5-טע ראָטע. דאַן האָט מען אונז געפירט אין באָד אַריין. קעגן מיין דערוואַרטונג האָט מען אונז יענעם טאָג נישט געשמיסן.

לאַנג איז אונז אין דער קאַנטאָניסטן-קאַזאַרמע נישט אויסגעקומען צו לעבן. אָנשטאָט אונז האָט מען דאָרט איינקוואַרטירט קאַוואַלעריסטן. אונז האָט מען פאַרשיקט אין טשערניגאָווער גובערניע, אין ניעזשינער און נאָוואָזיבקאָווער אויעזדן. דאָרט האָט מען אונז צעטיילט אויף פּריוואַטע וווינונגען. איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ שטוב פון אַ „סטאַראָוויער". דער גאַנצער נאַ-

גאָזיבקאָװער אויעזד איז געװען באַװוּנט פֿון „סטאַראָװױערן". װען איך בין אַרײַנגעקומען אין שטוב האָט מיך די באַלעבאָסטע צוגעפֿירט צו אַ װינקל אונטערן אויװן, װוּ ס'איז געלעגן אַ זאַק מיט שטרוי, און אָנגעװיזן אויף אים מיט דער האַנט, אַז דאָ איז מײַן געלעגער. זי האָט אָנגעהויבן צו מיר צו רעדן און אויסצופֿרעגן. איך האָב אויסגעשפּרייט די הענט און געשאָקלט מיטן קאָפּ אַלס צייכן, אַז איך פֿאַרשטיי נישט. זי האָט בייז אויסגעשפּיגן און איז אַװעקגעגאַנגען. איך האָב מײַן זעקל אַװעקגעלייגט צוקאָפּנס פֿון געלעגער, דעם שינעל אויפֿגעהאַנגען צופֿיסנס און געװאָרן אַ „גאַנצער באַלעבאָס".

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז מיר געװאָרן טרוקן אין מויל און האָב דערפֿילט אַ שטאַרקן דורשט. איך בין צוגעגאַנגען צום עמער מיט װאַסער, האָב אָנגעשעפּט מיט אַ קריגל און געװאָלט טרינקען. איך האָב אָבער נישט באַװיזן אויפֿצוהייבן דאָס קריגל צום מויל, װי די באַלעבאָסטע האָט זיך אויף מיר געװאָרפֿן װי אַ צעבייזערטע לייבין, האָט מיך געשלאָגן איבער די הענט און געשריגן: „אַנטיכריסט, סמאַדיקער שטן, נישטכריסט!" איך בין געבליבן פֿאַרשטיינערט און האָב פֿרעגנדיק געקוקט אויף איר. איך האָב איר געװאָלט פֿרעגן, פֿאַרװאָס זי זידלט זיך, האָב אָבער נישט פֿאַרשטאַנען קיין רוסיש. זי האָט זיך נישט באַפֿרידיקט מיט זידלען און שרײַען, זי האָט מיך געשטויסן אין האַרץ, איך זאָל זיך אָפּרוקן פֿון איר הייליקן עמער. איך האָב איר געװאָלט צוריקשלאָגן, האָב אָבער מורא געהאַט, מ'זאָל מיך דערפֿאַר נישט שמײַסן. איך בין אַרויס אויף די גאַס און געפֿרעגט בײַ אַן עלטערן קאַנטאָניסט, װאָס דאָס באַטײַט און יענער האָט מיר דערקלערט די היגע װוּנדערלעכע מנהגים.

בײַנאַכט האָב איך זיך געלייגט אומגעגעסן אין פֿינסטערן װינקל. צוקאָפּנס האָב איך זיך אונטערגעלייגט מײַן זעקל און צוגעדעקט מיטן שינעל. איך האָב אָבער נישט געקאָנט אַנטשלאָפֿן װערן, װײַל דער מאָגן איז געװען ליידיק און די װערם האָבן געביסן. ליגנדיק האָב איך זיך דערמאָנט אָן דער מאַמע, װי זי פֿלעגט מיך לייגן שלאָפֿן און צוזינגען. איך האָב זיך צעװיינט און בין ענדלעך אַנטשלאָפֿן געװאָרן.

צומאָרגנס איז די באַלעבאָסטע װייכער געװאָרן. זי האָט מיר דערלאַנגט אַ שטיק ברויט, אַ שטיקעלע חזיר־פֿעטס און אַ ביסעלע זאַלץ. געבנדיק האָט זי צו מיר װייך גערעדט און אָנגעװיזן אויפֿן עק ליג־באַנק. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דער עק װעט זײַן מײַן טיש. דאָס ברויט מיטן זאַלץ האָב איך אויסגעגעסן, דאָס חזיר־פֿעטס — אַװעקגעגעבן דער קאַץ.

אין דער פרי איז דער פויקער געגאנגען איבערן דארף און געפויקט אויף א צוזאמענקום. איך האב זיך אנגעטון און ארויסגעגאנגען. אונטערן דארף האט מען אונז אויסגעשטעלט. דער פעלדפעבל האט אונז געלערנט ווי צו טיטולירן. דער ראטע־קאמאנדיר האט נאכן באגריסן זיך מיט אונז אויסגערופן: „ווער ס׳וויל זיך שמדן — זאל ארויס פארויס". אויף אפצושרעקן זענען פארן פראנט געלעגן ריטער. א סך זענען פאר מורא ארויס פארויס. אלס א מלמדס א זון און א רבס אן אייניקל האב איך באשלאסן פאר יעדן פרייז צו בלייבן ביי מיין אמונה. אין לעצטן פאל בין איך גרייט געווען צו שטארבן אויף קדוש־השם אדער צו נעמען זיך אליין דאס לעבן. אזוי האבן זיך אנגעהויבן אונזערע ליידן, וועלכע איך וויל נישט לאנג באשרייבן, ווייל מ׳האט שוין וועגן דעם גענוג געשריבן.

מ׳האט אונז צעטיילט אין קאפראלסטוועס, צו 15 פערזאן אין א קאפראלסטווע. מ׳האט אנגעהויבן חוזק צו מאכן פון אונז, צו מאטערן אונז מיט פארשידענע ענויים. מיך האט מען געפייניקט מער פון אלע, ווייל אנדערע האבן זייער ווידערשטאנד צום שמד ארויפגעווארפן אויף מיר זאגנדיק, אז, אויב מערימזאן וועט באשטיין, וועלן זיי אויך דארויף איינגיין. צום עסן האב איך זיך אויך נישט געקאנט צוגעוווינען, ווייל די באלעבאסטע האט מיר געגעבן בארשטש מיט חזיר־שמאלץ. וואס איך האב אין אנהויב נישט געקאנט צוטראגן צום מויל. אויב איך האב פון הונגער אראפגעשלונגען א לעפל דערפון, האט עס באלד מיין כשרער מאגן צוריקגעגעבן. אזוי האב איך זיך געשפייזט 3 חדשים מיט ברויט און זאלץ. איך האב אבער אנגעהויבן צו באמערקן, אז מיט אזא שפייז וועל איך ווייט נישט פארפארן און האב זיך מיט גרויס מי צוגעוווינט צום אומדערטרעגלעכן עסן.

אונזער לערע איז באשטאנען דער עיקר אין אויסלערנען די פראוואסלאוונע תפלות און די טיטולן, אנהייבנדיק פון קיסר און ענדיקנדיק מיטן יעפרייטאר. אין דער לערע האב איך זיך שטענדיק אויסגעצייכנט פון אנדערע, ווייל איך פלעג איינלאדן צו זיך דעם לערער. פלעג אים קויפן פאר א פאר גראשן סמעשקעס, בייגל אדער זעמל און ער האט מיר דיקטירט. דאס האב איך אנגעשריבן מיט יידישע בוכשטאבן און עס מיר איינגעחזרט אויף אויסנווייניק. אין דער פרי גיי איך מיר מוטיק צו דער לערע האפנדיק, אז איך וועל גוט ענטפערן.

דער אונטעראפיציר הייבט אן פרעגן און איך זאג אים אלץ אפ ווי א מזמור. אז איך ענדיק באלוינט ער מיך מיט א פינף, נישט אין קאיעס.

נאר איבערן פנים, ווייל איך האב נישט ריכטיק ארויסגערעדט. שולדיק איז געווען דער יידישער אלף־בית, אין וועלכן ס'פעלן מאנכע רוסישע אותיות. אזוי פלעג איך אנשטאט טש ч ארויסרעדן צ ц, אנשטאט ש ш — צ ц, אנשטאט זש ж — ז з א.א.וו. באזונדערס איז מיר געווען שווער ארויסצוריידן די רוסישע ы. איך האב בשום אופן נישט געקאנט ארויסריידן דאס ווארט: мы. ביי מיר איז ארויסגעקומען ми (mi). דערפאר פלעג איך באקומען א „פינף" מיט אן עודף, ד.ה. איך האב געמוזט אונטערשטעלן מיין האנט און דער קאפראל האט געשלאגן איבער איר מיט א שטעקעלע. איך פלעג אהיימגיין פון דער לערע מיט געשוואלענע הענט, רויטע באקן און פארוויינטע אויגן.

קומענדיק אהיים האב איך פאר זיך א נייעם גיהנום. דעם באלעבאס קינדער טשעפן זיך צו מיר מיט פארשידענע חוזק־ווערטלעך, שרייבן מיט קרייד צלמים אויפן שינעל און פארשמירן מיר דאס מויל מיט חזיר־שמאלץ. איינמאל האב איך זיך אנגעטון א כוח און האב זיך אנגעהויבן באשיצן פון די קליינע טייוואלעמלעך. געשען איז אט וואס. איך גיי אהיים פון דער לערע פארשעלטנדיק מיין ביטער לעבן. ווי נאר איך האב איבערגעטרעטן די שוועל פון דער וווינונג, האט זיך אויף מיר געווארפן א קליינער שייגעץ מיט חזיר־שמאלץ און האט מיר דווקא געוואלט באשמירן דאס מויל. אונטער דער האנט איז מיר אונטערגעקומען א שטויסל, מיט וועלכן זיי צערייבן דאס פעפער. האב איך געכאפט דאס שטויסל און בענץ דעם יינגל איבער דער נאז. ער איז אומגעפאלן און דאס בלוט האט אנגעהויבן לויפן ווי פון א קוואל. די באלעבאסטע האט זיך אויף מיר געווארפן ווי א צערייצטע טיגריסן און, ווען איך וואלט נישט באוויזן פריער ארויסצולויפן פון שטוב, וואלט זי מיך צעריסן אויף שטיקער. זי איז ארויסגעלאפן נאך מיר און אנגעהויבן שרייען: „קאראול! דער זשיד האט דערהרגעט מיין פעטקען". ס'האט זיך פארזאמלט אן עולם: קאנטאניסטן און אונטעראפיצירן. דער פויקער האט געשלאגן אויף טרעוואגע. איך האב געכאפט אן אייזערנע לאפאטע און האב זיך געשטעלט אין א באשיצונגס־פאזיציע, זאגנדיק אין זיך די תפילה: לישועתך קויתי ה'. די אונטעראפיצירן האבן מיר געהייסן אוועקווארפן די לאפאטע און האבן מיך געפירט צום ראטע־קאמאנדיר. אויפן וועג האב איך געזאגט שטילינקערהייט דאס 20־סטע קאפיטל תהלים. מ'האט מיך געברענגט צום ראטע־קאמאנדיר און אים דערציילט, וואס ס'איז געשען. ער האט מיך אנגעהויבן אויסצופרעגן. איך האב אבער שוואך פארשטאנען זיינע פראגן. אויף

אַלעס האָב איך געענטפערט מיטן אײַנגעהוזרטן זעלנערישן ענטפער: „טאַק סאָטשנאָ, וואַשע בראָדיע! סלושאַיוס, וואַשע בראָדיע!“ (אַזוי איז עס, אײַער הויכגעבוירן! כ׳הער...) דער קאָמאַנדיר האָט געהייסן מיך גלײַך איבערפירן אויף אַ צווייטע וווינונג און דער באַלעבאָסטע האָט ער צוגעזאָגט, אַז צומאָרגנס וועט ער מיך הייסן שמײַסן.

די נײַע וווינונג האָט זיך אומדערוואַרטעט אַרויסגעוויזן פאַר זייער אַ גוטע. קיין קינדער זענען דאָרט נישט געווען, בלויז דער באַלעבאָס מיט דער באַלעבאָסטע. זיי האָבן מיר אָפּגעגעבן אַ באַזונדער קליין צימערל מיט אַ קליין פענסטערל. דאָרטן איז געשטאַנען אַ בעטל מיט אַ ריין מאַטראַצל, צו קאָפּנס — אַן איבערגעצויגן קישעלע. לעבן בעטל — אַ טישל באַדעקט מיט אַ טישטוך. מיר האָט זיך גאָרנישט אין אָנהייב געגלויבט. איך זאָל באַקומען דאָס צימערל. אַזאַ גן-עדן?! די באַלעבאָסטע האָט זיך אָנגערופן צו מיר: „קום אַהער, קליין זעלנערל“. איך האָב אַרונטערגערוקט מײַן זעקל אונטערן בעטל און האָב אָנגעהויבן אַרונטערצונעמען דעם שינעל. די באַלעבאָסטע האָט באַמערקט, אַז אויף מײַן קורטקע קריכן היהלעך. זי האָט מיך גלײַך געפירט אין באָד אַרײַן. ס׳איז געווען שבת. ווי אַ מוטער האָט זי מיך אַרומגעוואַשן און אויסגעפּאַרעוועט. נאָכן באָד האָט זי מיך אָנגעקאָרמעט מיט וואָס זי האָט געהאַט. איך האָב איר געדאַנקט אויף די קני און געקושט אירע הענט.

דער באַלעבאָס איז אויך געווען אַ גוטער מענטש. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן מיר און האָט מיך אָנגעהויבן ליבלעך אויסצופרעגן, פון וואַנען איך שטאַם, צי איך האָב עלטערן און מיט וואָס זיי באַשעפטיקן זיך. אויף עטלעכע פראַגן האָב איך שוין געקאָנט ענטפערן אין אַ געבראָכענעם רוסיש, בלויז וועגן דער באַשעפטיקונג פון מײַן פאָטער האָב איך נישט געקאָנט געבן קיין ענטפער, חייל איך האָב נישט געוווּסט ווי אַזוי איבערצוזעצן אויף רוסיש דאָס וואָרט: „מלמד“. איך האָב געפּרוּווט אים דערקלערן מיטן פינגער, אָבער ער האָט נישט פאַרשטאַנען. ער האָט מיר דערציילט, אַז זײַן זון איז אַ סאָלדאַט און דינט אויף קאַווקאַז. די באַלעבאָסטע האָט באַמערקט, אַז איך הייב אָן אײַנדרימלען, האָט זי אַוועקגערופן איר מאַן און געהייסן מיר לייגן זיך. מיט אַ הייסער דאַנק-תפילה צו גאָט פאַר זײַן חסד בין איך אײַנגעשלאָפן.

צו מאָרגנס בין איך פרי אויפגעשטאַנען. איך האָב געדאַוונט. די גוטע באַלעבאָסטע האָט מיר געגעבן צו פרישטיקן און האָט מיך באַגלייט צו דער לערע. ס׳האָט אויסגעזעען, ווי זי באַגלייט מיך אין חדר אַרײַן. אויסן וועג

האב איך געדאנקט גאט. וואס איך בין פטור געווארן פון יענער פארשאלסענער ווינוני און וועל ליידן נאר ביי דער לערע. אויף דער דאזיקער ווינונג בין איך געבליבן א גאנץ יאר, ביז איך בין געווארן אויס רעקרוט און אריין אין די רייען. דורך דעם יאר האב איך זיך אויסגעלערנט רוסיש און אלע אנדערע „תורות“. האב שוין מער נישט געקריגן געשלאגן און בין געווארן א גוטער און פלינקער סאלדאט. צו דער לערע בין איך געגאנגען מוטיק, דאס היטל פארריקט אין א זייט, גארנישט ווי א מלמדס א זון.

דאס ערשטע יאר פלעג איך יעדן חודש באקומען פון דער היים א בריוול און געלט — א רובל. פלוצלונג האבן זיי אויפגעהערט צו שרייבן. אויף מיינע פריערע בריוו איז קיין ענטפער נישט אנגעקומען. ס’האט מיך ארומגענומען א שטארקע אומרויקייט. ווער ווייסט — האב איך געטראכט — צו זיי לעבן, וואס זיי מאכן? איינמאל זיצנדיק אויפן בעט האב איך זיך עס שטארק גענומען צום הארצן און האב נישט געוואלט עסן. די באלעבאסטע האט זיך נאכגעפרעגט, פאר וואס איך בין אזוי טרויעריק און פארדאגהט. אפשר, ווייל מ’האט מיך געשלאגן? איך האב איר דערציילט. אז שוין א האלב יאר, ווי איך האב נישט קיין בריוו פון דערהיים. זי האט מיר געגעבן אן עצה, איך זאל שרייבן צו א באקאנטן אדער צום רב, וועלן זיי באשטימט ענטפערן. איך האב זיך שטארק דערפרייט מיט דער עצה און האב אנגעשריבן א בריוו צו מיין געוועזענעם מלמד ראובן. נאך א חודש צייט באקום איך א בריוו מיט א רובל. פארשטייט זיך, אז איך האב זיך דערפרייט נישט אזוי מיטן רובל, ווי מיטן בריוו. לעזנדיק איט איז מיר אבער פינסטער געווארן אין די אויגן. אט וואס זיי האבן געשריבן: — „צו אונזער געוועזענעם זון חיים און איצט. ווייסט דיך דער טייוול, ווי דו הייסט — איוואן אדער אנדערש. מיר שיקן דיר א רובל. דו זאלסט זיך קויפן א שטריק און אויפהעבען, אדער זאלסט זיך אנבינדן א שטיין אויפן האלז און דערטרינקען. פון היינט אן זיי אויף אייביק פארשאלטן. דערמאן קיינמאל נישט אונזערע נעמען, שיק נישט צו אונז דיינע פאלשע בריוו. מיר וועלן זיי אפילו פון בריוו-טרעגער נישט אפנעמען. דו האסט איצט נייע עלטערן, זאלן זיי דיר געבן רובלס. אויב מיר וועלן שטארבן פריער פאר דיר, וועלן מיר אויף יענער וועלט נישט שווייגן, מיר וועלן דיך פארשעלטן און צורו נישט לאזן, ווייל דו האסט מחלל געווען אונזער נאמען און אויך דעם נאמען פון דיין זיידן, וואס דו האסט געטראגן. רוצח דו, האסט באדעקט מיט שאנד אונזער משפחה. איבער דיר לויפן אונז נאך קינדער און שרייען: אייער חיים איז א משומד,

א משומד... אויב דאס אלץ, וואס מ׳האט אונז דערציילט, איז נישט אמת, סא שיק אונז א באשטעטיקונג פונם רב׳, אז די האסט זיך נישט געשמדט, וועסטו בלייבן אונזער געליבטער זון.״ —

איבערלייענענדיק דעם בריוו האב איך געקלערט: אומגליקלעכע, ארעמע עלטערן מיינע! ווייסט אויס, אז פון צער און ווייטיק איז דער מוח ביי זיי גערירט. פונם בריוו איז צו זעען, אז דער פאטער האט אים געשריבן נישט מיט זיינע געדאנקען. ווער האט אים געקאנט דערציילן אזא ליגנט, איך זאל זיך מכלומרשט האבן געשמדט? ווו וועל איך נעמען אזא צייגניש פון א רב? דערנאך בין איך געוואר געווארן פון א קארעספאנדענץ מיט מיין רבין ראובן, ווי אזוי דאס איז געשען. 3 חדשים נאך מיין אפפארן האט מען געכאפט א יינגעל און אים אפגעשיקט אויך קיין קיעוו. דער פאטער זיינער איז נישט געווען קיין מלמד. ער איז אומבאמערקט נאכגעפארן דער פארטיע און סאמע אונטער קיעוו איז אים געלונגען אוועקצוגנבענען זיין זון פון די באגלייטס-סאלדאטן. יענער האט געהערט פון איינעם א קיעווער, אז אונזער פארטיע האט זיך אינגאנצן אויסגעשמדט. אזוי איז עס דערגאנגען צו מיין פאטער... פון דאמאלס אן ביז מיין באפרייאונג פון מיליטער האב איך זיך נישט איבערגעשריבן מיט מיינע עלטערן.

אין א קורצער צייט ארום, ווען אלעקסאנדער דער II איז ארויף אויפן טראן, האט די מאכט איינגעזעען, אז אונזער ליליפוטן-ארמיי איז אומנוצלעך פאר דער מלוכה און בחנם גיט מען אויס אויף איר מיליאנען, און די אפיצירן באקומען פענסיעס און ראנגען נישט פאר העלדן-טאטן. נאר דערפאר, וואס זיי ציען אריבער וואס מער יידן אויף פראוואסלאוויע. מ׳שיקט צו דער מאכט ראפארטן און מ׳שרייבט: „איך האב דעם כבוד מיטצוטיילן, אז אין מיין ראטע האבן אזויפיל און אזויפיל יידן פרייוויליק זיך געשמדט״ ווער ס׳פלעגט האבן מער משומדים, דער פלעגט באקומען א באלוינונג און א העכערן ראנג. מ׳האט די קאנטאניסטן-ארמיי פונאנדערגעלאזט, די רוסישע סאלדאטן-קינדער האט מען גלייך געלאזן פריי און מיט אונז יידן, אלס נאבאר-רעקרוטן, האט מען אזוי געטון: די געטויפטע האט מען איבערגעפירט אין מיליטערישע שולן, פעלדשער-שולן און אין די שרייבער-קלאסן, די נישט געטויפטע האט מען איבערגעפירט אין די „אראקטשעיעוו-קאמאנדעס״. וועלכע זענען געווען דריי — אין פעטערבורג, מאסקווע און קיעוו. פון די קאמאנדעס האט מען די יינגע סאלדאטן אפגעגעבן צו פארשידענע האנטווערקער מיט א קאנטראקט אויף 5 יאר. איך בין אריינגעפאלן צו א סטאליאר אין מאסקווע

III

אין דער מאָסקווער האַנטווערקעריי בין איך געווען איין ייד צווישן 50 מייסטערס און 15 לערן-יינגלעך. אַלע זענען זיי געווען אומוויסנדע, גראָבע פויערן. אין אָנהייב איז מיר אויסגעקומען אַ סך צו ליידן פון זייער חוזק מאַכן און אָפּלאַכן. איך האָב זיך כסדר געזאָגט: „אַל תירא עבדי יעקב!“ און געוואַרט אויף בעסערע צייטן. — — —

דאָס לעבן מיינס אין מאָסקווע האָט אויסגעזעען אַזוי: אַלס אָנפאַנגער האָב איך געמוזט אויפשטיין 6 פרי און אָנשעפּן אַ גרויס פאַס וואַסער פאַר דער שטוב און פאַבריק. דערנאָך האָב איך געקאָכט גריץ און בין געגאַנגען אויפן באַזאַר איינקויפן שפּייז פאַר אַזאַ מחנה. פון דאָרט האָב איך געשלעפּט אַ היים אויף די פּלייצעס 3–4 פּוד. 9 אַזייגער איז געווען פרישטיק. מ׳האָט געגעבן ברויט מיט קוואַס אָדער נעכטיקן באַרשטש. נאָכן פרישטיק האָבן זיך אָנגעהויבן מיינע ליידן. די מייסטערס הייבן אָן צו שרייען: — הע, זשיד, גיב דאָס און דאָס, ברענג דאָס און דאָס; זשיד, גיי דאָרט און דאָרט. — אַלע מייסטערס און אַפילו די לערן-יינגלעך האָבן אויס מיר געלאַכט און געטריבן חוזק. איינער פון די מייסטערס זאָגט עפּעס אַ גראָבן וויץ אויפן חשבון פון די יידן — ברעכט אויס אַן אַלגעמיין געלעכטער. די שווערע אַרבעט האָט מיר נישט אַזוי דערעסן, ווי די נאַציאָנאַלע שנאה צו יידן, די זידלערייען און אָפּשפּאָטונגען.

אויפן עסן איז נישט געווען וואָס זיך צו באַליידיקן. געוויינטלעכער רוסישער באַרשטש און קאַשע. אַן אַפּעטיט האָב איך געהאַט אַ וואָלפישן. דער מאָגן האָט זיך צוגעוווינט צו טרפהנע עסנס און האָט זיך מער נישט געבונטעוועט. — די עלטערע לערן-יינגלעך פלעגן שלאָפן אויף די אַרבעטסטישן און אויף מאַטראַצן פון ראָגאָזשעס. מיר יינגערע — אויף שפּענער צווישן די טישן. איינמאָל ליג איך און טראַכט: ווי אַזוי קומט מען דערצו, איך זאָל שלאָפן אויפן טיש? אין די ערשטע חדשים איז עס אַ שווערער ענין. אין דערפרי, ווי נאָר דער באַלעבאָס איז אַריין אין פאַבריק, האָב איך זיך געמאַכט קוראַזש און האָב אים געבעטן אויף די קני: „איוואַן וואַסיליעוויטש, זייט גוטהאַרציק, זייט מיר אַ פאָטער און אַ מוטער און מאַכט, איך זאָל פאַר אייך גאָט בעטן“. ער האָט געמיינט, אַז איך וויל זיך אויף עמעצן באַקלאָגן און האָט מיך געפרעגט פאַרוווּנדערט: „וואָס איז דיר?“ — „איך וויל

שטיין ביי א טיש און ארבעטן". „און ווער וועט וואסער טראגן?" — „איך וועל טראגן וואסער און ארבעטן. איוואן וואסיליעוויטש, איך וועל טון אלץ וואס איר וועט הייסן, לאזט מיך נאר צו צום טיש און ארבייטן." זיין ווייב, וואס איז געשטאנען אונטער דער טיר און געהערט מיין געבעט, איז ארויסגעקומען און געזאגט: „וואניא, שטעל אים אוועק ביים טיש. ער מוז זיין א קלוג יידל אוז וועט זיך שנעל אויסלערנען ארבעטן". — צו מיין גליק האט אין יענעם טאג איינער פון די מייסטערס זיך אנגעשכורט, האט געמאכט אוואנטורעס אויף דער גאס און מ'האט אים אוועקגעפירט אין פאליציי. דער באלעבאס האט מיר דערלויבט זיך צו שטעלן אויף זיין ארט און האט מיר איבערגעגעבן דעם אינסטרומענט צו מיין דיספאזיציע. איך האב נישט קיין ווערטער איבערצוגעבן מיין פרייד פון יענעם טאג. יעדע מינוט בין איך צוגעלאפן צום ארבעטס-טיש און האב זיך געשפילט מיטן אינסטרומענט. דאס העכסטע גליק האב איך דערפילט, ווען מ'האט אפגעגעסן אוונט-ברויט און מ'האט זיך געלייגט שלאפן. איך האב זיך אויסגעלייגט דעם מאטראץ אויפן טיש און האב זיך אויסגעצויגן אין מיין גאנצער לענג מיטן בויך ארויף. שלאפן האב איך די גאנצע נאכט נישט געקאנט. איך האב געטראכט, ווי אזוי צו געווינען דעם באלעבאס צוטרוי. ווי נאר ס'איז געווארן טאג האב איך זיך שנעל אנגעטון, אפגעוואשן אין דרויסן און געזאגט די ברכות פון דערפרי. איך האב זיך גענומען פאר דער ארבעט. ביים טיש איז געלעגן לינירט האלץ צום צעזעגן. דאס הארץ איז אין מיר געשפרונגען פון פרייד. איך האב אבער געמוזט גוט אכטונג געבן נישט צו פארפארן מיט דער זעג אוועק פון די אנגעצייכנטע ליניעס. איך האב געזעגט מיט אזא ענערגיע, אז דער שווייס איז מיר גערינען איבערן געזיכט. נאכדעם ווי איך האב אלץ צעזעגט, איז צוגעגאנגען דער באלעבאס און זעענדיק, ווי איך האב אלץ פינקטלעך געמאכט, האט ער געהייסן מיין שכן, ער זאל מיר ווייזן ווי צו העבלעווען, ווי צו פארזעגן די סענקן א. א. וו.

איך האב זיך געטראכט: ס'איז נישט גענוג, וואס דער באלעבאס האט געהייסן מיין שכן מיר צווייזן. דער שכן וועט זיך צו אלעם טשעפן, וועט זיך בייזערן און וועט דערציילן דעם באלעבאס, אז איך בין אומפעיק און טויג צו גארנישט. מ'דארף אים אונטערשמירן, כדי אלץ זאל גיין כשורה. איך האב נאך געהאט באהאלטן אויף א שווארצער שעה א רובל. ווייזן אים דעם גאנצן רובל וואלט אבער געווען געפערלעך, ווייל ער וואלט אים געוואלט האבן איינגאנצן. איך האב עס אזוי געמאכט. איך בין ארויס אויף דער גאס,

האָב אַרויסגענומען 10 קאָפּעקעס. געמאַכט זיך שנעל אַריינגעלאָפן און איינגערוימט דעם מייסטער: „יערעמיעי, גאָט האָט מיך באַגליקט מיט אָט די 10 קאָפּעקעס. נעמט זיי... איך דאַרף נישט קיין געלט. אייך וועלן זיי צוניצקומען.“ ער האָט געכאַפּט די מטבע ווי אַ הונגעריקער וואָלף אַ שטיק פלייש און האָט מיר אָנגעהויבן צוצווייזן זייער פריינטלעך. צומאָרגנס האָב איך זיך ווידער גענומען פאַר דער אַרבעט. האָב געהיבלעוועט, געקלעפּט, געלעכערט און אַלץ איז אַרויס פּינקטלעך, ריין און גלאַטיק. דער באַלעבאָס האָט זיך פון דערווייטנס צוגעקוקט ווי איך אַרבעט, איז צוגעגאַנגען צו מיר, האָט מיר אַ קלאַפּ געטון איבער דער פּלייצע און געזאָגט: „אַ מאָלאָדיעץ מאיר! איך וויל דיך רופן מיראָן“. מיר איז אַלץ איינס געווען, ווי אַזוי ער וועט מיך רופן, אַבי ער זאָל מיך לאָזן אַרבעטן. נאָך 3 חדשים האָב איך דעריאָגט די עלטערע לערן-יינגלעך און האָב אָנגעהויבן צו באַקומען אַ גאַנצן קוכן. די עלטערע יינגען האָבן אָנגעהויבן מיך מקנא צו זיין. זיי האָבן אָפּט געוואָלט קאַליע מאַכן מיין אַרבעט. איך האָב אָבער געהיטן און נישט געלאָזט. זיי פלעגן זיך צו מיר ווענדן מיט עכט-רוסישע זידל-ווערטער. איך בין זיי אָבער נישט געבליבן קיין בעל-חוב און אָפּגעענטפערט אין זעלבן גייסט.

נאָך אַ יאָר אַרבעט האָב איך אין געהיימניס פאַר די איבעריקע לערן-יינגלעך אָנגעהויבן צו באַקומען פון באַלעבאָס פאַר די רוסישע ימים-טובים מתנות פאַר מיין פלייסיקייט, געלט אָדער לייוונט אויף אַ העמד — און דאָס האָט מיך באַוויגן זיך נאָך מער צו מיען. ווידער אין אַ יאָר אַרום האָט מיר די באַלעבאָסטע אויפגענייט בריטע הויזן, אַ רויט העמד, האָט מיר געקויפט אַ קאַלירטן האַלב-זיידענעם פאַס מיט פאָנפאָניקעס, און דער באַלעבאָס האָט מיר געקויפט שטיוול מיט רויטע שלאַקן. איך בין געגאַנגען צוזאַמען מיט די מייסטערס אין באָד. אַהיימקומענדיק האָט מען מיך אויסגעשלייערט אין רוסישן קאָסטיום, מ׳האָט מיך אַנידערגעשטעלט אין מיטן צימער און אָנגעהויבן צו אַנטציקן זיך מיט מיר. „אָך, באָרנישט ענלעך אויף אַ זשיד“ — רופט זיך אָן די באַלעבאָסטע. — איך וואָלט דיר געראָטן אָנצונעמען אונזער פּראַוואָסלאַוונעם גלויבן. מיין ערן-וואָרט, דו ביסט גאָרנישט ענלעך צו אייערע. אייערע זענען שוואַרץ מיט געבויגענע נעז און דו ביסט אַן אונזעריקער, אַן עכטער רוס“. — „נאַטאַליאַ פּעטראָוונאַ, האָב איך געענטפערט, וועגן דעם האָב איך אַליין אויך שוין געקלערט. אַלע אייערע תפלות האָב איך אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק. מ׳דאַרף דאָס אָבער אָפּלייגן ביז איך וועל ענדיקן די לערע“. — „הלואי“. האָט זי געענטפערט.

די יונגע קעכין איז אויך געקומען קוקן אויף מיר. האַלטנדיק איין האַנט אונטערן פאַרטוך און די צווייטע אונטערן קין האָט זי לענגער פון אַלע מיך באַקוקט פון קאָפּ ביז די פיס. פון דעמאָלט אָן האָט זי אונטער פאַרשידענע אויסריידן אָנגעהויבן צו קומען אין ווערקשטאָט און מיט אַלעם זיך געוואָנדן צו מיר. פאַרשידענע קיך־כּלים האָבן זיך אָנגעהויבן ברעכן ביי איר און זי פלעגט זיך ווענדן צו מיר. איך זאָל זיי פאַרריכטן. איך האָב אויך אָנגעהויבן צו פאַרקוקן זיך אויף איר און האָב דערפילט אַ נייגונג צו איר. זי האָט מיך פאַרכּשופט מיט אירע גראָע אויגן. איך האָב אָנגעהויבן זי אויסצומיידן, זי, פאַרקערט, האָט געזוכט מיך צו באַגעגענען. איינמאָל איז געווען אַזאַ פאַל. דער באַלעבאָס האָט מיר געגעבן אויף אַ בילעט אין צירק אַריין. איך האָב זיך מכין געווען צום גיין. מאַרפאַ, געוואָר ווערנדיק וווהין איך גיי, האָט זיך אָפּגעבעטן אין שטאָט אַריין מיטן תּירוץ, אַז זי דאַרף זיך זען מיט אַ חברטע. אויפן וועג זענען מיר זיך צונויפגעגאַנגען און זי האָט אָנגעהויבן זיך צו דערקלערן מיר אין ליבע מיט די ווערטער: „מיראָשאַ, איך האָב דיר שוין לאַנג געוואָלט זאָגן, אַז כ'ליב דיך ביז איבער די אויערן און וואָלט געוואָלט מיט דיר חתונה האָבן. נאָר פריער שמד זיך. נדן האָב איך 200 רובל. אין דאָרף איז דאָ אַ כאַטע מיט אַ גאָרטן, 7 דעסיאַטין ערד ירושה. דאָס אַלץ וועל איך איבערשרייבן אויף דיין נאָמען אויפן נאָמען, וועלכן דאָס פּאַטערל וועט דיר געבן ביים שמדן זיך." — אויסהערנדיק איר האָב איך זיך אָפּגערופן: „הייסטו וואָס, מיין ליבע מאַרפושקע, פון שמדן זיך האַלט איך, נאָר נישט איצט, ערשט נאָכן ענדיקן די לערע. דעמאָלסט וועל איך זיך שמדן און מיר וועלן חתונה האָבן. דו וועסט זיין אַ דינסט, איך — אַ סטאָליאַר. מיר וועלן אָנזאַמלען אַ סך געלט און זיך עפענען אַזאַ סטאָלעריי, ווי אונזער באַלעבאָס האָט. מיר וועלן דעמאָלס אָנהייבן לעבן אויף אַ שטייגער. דערווייל וועל איך דיך ליב האָבן און מיר וועלן וואַרטן." זי האָט געענטפערט מיט אַ זיפץ: „אַ, לאַנג וועט אויסקומען צו וואַרטן."

מיין באַלעבאָס האָט געהאַט אַ באַקאַנטן, אַ רייכן סוחר — וויעסראָוו. דער סוחר האָט פאַרמאָגט אין מאָסקווע אַ גאַנצן קוואַרטאַל מיט הייזער אויך אַן אייגענע צערקווע און האָט אַלע פּאָפּן און דינערס אויסגעהאַלטן אויפן אייגענעם חשבון. ער איז שוין געווען אַלט. האָט געלעבט איינזאַם, ווייל זיין גאַנצע פאַמיליע איז שוין געווען אויסגעשטאָרבן.

מיין באַלעבאָס האָט איינגעלאַדן צו זיין געבורטס־טאָג דעם באַקאַנטן

סוחר מיט זיין פאפ. בייס טיש האט מען געשמועסט פארשידנס. מ'האט אויך גערעדט וועגן ירושות. אט איז יענער געשטארבן און האט איבער, געלאזן א צואה. א צווייטער איז געשטארבן נישט איבערלאזנדיק קיין צוואה. די יורשים קאנען זיך נישט צעטיילן און הויבן זיך אן צו פראצעסירן. וויעטראוו האט זיך אנגערופן: „איך האב שוין געמאכט מיין צואה. איך האב צעטיילט מיין פארמעגן אויף פיר טיילן: איין טייל אויף מאנאסטירן, איין טייל אויף פילאנטראפישע אנשטאלטן, פאר ארעמע לייט, אלמנות און יתומים, און פאר דעם פירטן טייל וואלט איך געוואלט אויסגעפינען עפעס אן ארנטלעכן ייד, אים אפשמדן און איבערלאזן נאכן טויט איין טייל ירושה. ס'איז אבער שווער צו געפינען אזעלכן, ווייל איך האב געהערט, אז אזעלכע, וואס שמדן זיך, נעמען די ירושה און אנטלויפן דערנאך קיין אמעריקע, כדי צו ווערן דארט צוריק א ייד. לויט מיין מיינונג איז דאס א חלול-הקדש און מיר פראוואסלאווע דארפן נישט דערלאזן דערצו. ווי מיינט איר, פאטערל, — האט ער זיך געווענדעט צום פאפ — „רעד איך ריכטיק?“ — „זייער ריכטיק, מאקסים כאריטאנאוויטש. נאר נישט אלע זענען אזעלכע“, האט געענטפערט דער פאפ. — „מיר אליין איז אויסגעקומען אפצושמדן עטלעכע יידן און פון זיי זענען ארויסגעקומען זייער גוטע קריסטן, וואס היטן אפ אונזער גלויבן הלואי אויף רוסן געזאגט. מ'קאן פאוואלינקע אויסגעפינען“. — „ווארט נאר א ווייל. מאקסים כאריטאנאוויטש. האט זיך אפגערופן מיין באלעבאס, מ'דארף פרווון, צו ס'וועט זיך נישט לאזן איבעררײדן מיין שילער, דעם ייד“. — „פון וואנען איז צו אייך אריינגעפאלן א ייד אלס שילער?“ — האבן אלע געפרעגט. — „פון דער אראקטשעיעווער קאמאנדע. דעם ייד האב איך ליבער פון אלע מיינע שילער. שוין דאס דריטע יאר, ווי ער איז ביי מיר און אויסער גוטס האב איך וועגן אים נישט וואס צו זאגן: ערלעך, פלייסיק, פעיק — מיט איין ווארט: א גוטער אין אלע הינזיכטן. ווען ס'וואלט זיך געלאזן אים איבעררײדן! איך האב שוין געפרוווט, נאר ער טרייסלט זיך אפ דערפון. אפשר וואלט דאס פאטערל דאס באוויזן?“ (דעם גאנצן געשפרעך האב איך געהערט, ווייל מיין ארבעטס-טיש איז געשטאנען הארט ביים ווענטל, אונטער וועלכן זיי זענען געזעסן).

„רופט אים אריין“, האט געזאגט דער פאפ. די באלעבאסטע איז אריין אין ווערקשטאט און געהייסן מיר זיך אנטון יום-טובדיק און אריינגיין צו די געסט. איך בין אריין. האב זיך נידריק פארנייגט, באגריסט און האב זיך אוועקגעשטעלט ביים טיש אויסציענדיק זיך גלייך. אלע געסט האבן

געקוקט אויף מיר און געהייסן מיך זעצן. לויטן רוסישן מנהג האט מען מיך מכבד געווען צוערשט מיט בראנפן און דערנאך מיט טיי. פון שנאפס האב איך זיך אפגעזאגט דערקלערנדיק, אז איך בין נישט געוווינט צו טרינקען און אויך, ווייל לויטן מנהג דארף א שילער נישט טרינקען. דאס פאטערל האט מיך אנגעהויבן אויסצופרעגן. פון וועלכער גובערניע איך שטאם, ווו און ווילאנג איך בין געווען אין די קאנטאניסטן און ווי אזוי איך בין אריינגעפאלן קיין מאסקווע. איך האב אים געענטפערט אויף אלע זיינע פראגן.

„איך זע, אז דיין גוטער מזל האט דיך געפירט קיין מאסקווע צום גליק. דאס גליק קאנסטו באקומען שוין די טעג. אויב דו וועסט זיך פון אים נישט אפזאגן". — „פאטערל, האב איך געזאגט, ווער וויל עס נישט קיין גליק? דערקלערט מיר ווי אזוי מ'באקומט גליק". — „האסטו געלערנט גאטס אלטע תורה?" — „געלערנט". — „ווייסטו וואס דארטן שטייט. אז אייער פאלק איז געווארן אויסגעקליבן דורך גאט. דערנאך האט זיך גאט אויף אים צובייזערט און צעשפרייט אויף אלע פיר עקן וועלט. יעדעס פאלק האט זיך זיין מלוכה, אבער אייער פאלק האט נישט אין ערגעץ קיין מקום־מנוחה. דעריבער ראט איך דיר: זאג זיך אפ פון דיין פאלק. נעם אן אונזער פראוואסלאוונעם גלויבן און דערפיל אים ערלעך. דעמאלט וועסטו זיין גליקלעך אויף דער וועלט. און אויף יענער וועלט וועסטו זוכה זיין אריינצוקומען אין גאטס קעניגרייך, ווייל דער. וואס גלייבט נישט אין ישו, קאן נישט אריין אין גאטס קעניגרייך. אין דעם באשטייט דיין גליק. נעם..." —

די געסט האבן זיך צוגעהערט אויפמערקזאם צום פאטערלס ווערטער און האבן געווארט אויף מיין ענטפער.

„פאטערל, דאס וואס גאט האט זיך צובייזערט אויף אונזער פאלק און עס צעשפרייט אויף דער גאנצער וועלט, איז זיין גערעכטער משפט. אזוי ווי ער איז דער האר פון דער גאנצער וועלט האט ער אויך זיינע אויסדערוויילטע צעשפרייט אויף דער גאנצער וועלט. און דאס, וואס איר זאגט מיר צו רייכטום אויף דער וועלט, איז עס אפהענגיק פון גאט. איר, פאטערל, האט דאך זיכער געלערנט אין דער אקאדעמיע אונזער העברעאישע שפראך. אין איר זאגט גאט: לי הכסף ולי הזהב. און צום סוף מוז איך אייך זאגן, אז איר שעצט אייער גלויבן צו ווייניק. בעטנדיק זיך מיט אים ביי יעדן ייד פונקט ווי א קרעמער, וואס בעט זיך מיט זיין ביסל סחורה. איר דארפט פריידיקן דעם „ואהבת לרעך כמוך" ווי מיין באלעבאס צום ביישפיל, וואס באגייט זיך מיט מיר אזוי גוט, כאטש איך בין נישט געשמדט, אדער דער

בכּבֿודיקער סוחר װיעטראָװ, װאָס לאָזט איבער זײַן פֿאַרמעגן אויף װילטעסיקע צװעקן״.

— בראַװאָ! בראַװאָ! — האָבן אַלע אויסגערופֿן. דער אָנגעשכּורטער פּאָפּ איז רויט געװאָרען און די אויגן האָבן זיך בײַ אים אָנגעגאָסן מיט בלוט פֿון כּעס און בראָנפֿן. איך האָב געמיינט, אַז ער װעט זיך װאַרפֿן אויף מיר מיט די פֿויסטן, אָבער דאָס איז נישט געשען. ער האָט זיך שנעל אויפֿגעהויבן און געקליבן זיך אַװעקצוגיין. דער באַלעבאָס האָט אים געבעטן ער זאָל בלײַבן, ער האָט זיך אָבער אַרויסגעדרייט מיטן תּירוץ, אַז ער דאַרף גיין צו אַ שװער־קראַנקן. אַלע האָבן זיך אויפֿגעשטעלט צו נעמען פֿון אים אַ ברכה. פֿון מיר האָט ער זיך אויסגעדרייט און איז אַװעק. „נו, אַ מאָלאָדיעץ אַ יידל, ער איז שוין איינמאָל פֿאַרפֿאָרן אונדזער פּאָפּ. אַ מאָלאָדיעץ!“ — האָט געזאָגט דער באַלעבאָס. די אויפֿנאַמע האָט זיך געענדיקט. אַלע האָבן זיך געגרייט אַװעקצוגיין. װיעטראָװ האָט אַרויסגענומען פֿון אַן אָנגעשטאָפּטן פּאָרטפֿעל אַ דרײַערל און מיר עס דערלאַנגט, געקלאַפּט איבער דער פּלייצע און געזאָגט: אַ „מאָלאָדיעץ אַ ייד! האַלט זיך פֿאַר דײַן גלויבן“. איך האָב אים געדאַנקט.

פֿון דעמאָלס אָן האָט שוין קיינער מיר נישט דערמאָנט מכּוח שמדן זיך. דער באַלעבאָס און די באַלעבאָסטע האָבן מיך נאָך מער ליב געקריגן. די מייסטערס, נאָכדעם װי זיי זענען געװויר געװאָרן פֿון באַלעבאָס, װי אַזוי איך האָב געגעבן אַן אָפּשניט דעם פּאָפּ, האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַציִען צו מיר מיט מער אַכטונג און האָבן מיך אָנגעהויבן צו רופֿן לויט מײַנעם און פֿאָטערס נאָמען: מיראָן יאָסיפּאָװיטש אָדער הער מערימזאָן.

IV

צום סוף פֿון פֿערטן יאָר איז מײַן באַלעבאָס שװער קראַנק געװאָרן, איז אָפּגעלעגן זעקס װאָכן און געשטאָרבן. די באַלעבאָסטע האָט פֿאַרקויפֿט דאָס גאַנצע פֿאַרמעגן און איז איבערגעגאַנגען װוינען צו אַ באַװײַבטן זון. אַלע מייסטערס און שילער זענען זיך צעגאַנגען אין פֿאַרשידענע זײַטן. איך האָב זיך געזעגנט מיט מײַן באַלעבאָסטע, האָב איר געדאַנקט פֿאַר איר גוטהאַרציקייט און בין אַװעק אין קאָמאַנדע. אויפֿן צװייטן טאָג האָט מען מיך אונטערגעזוכט מעדיציניש און אָנערקענט אַלס דינסט־פֿעיִק. איך בין געװען

אויסגעפאשעט ווי אן אקס. דער ברוסט-קאסטן און די מוסקולן העלדיש אנטוויקלט. צוליב דעם האבן זיי מיך באשטימט אין דער פערד-ארטילעריע. איך האב זיך דערפון שטארק מצער געווען, ווייל אלס א מלמדס א זון האב איך זיך געהאלטן פאר אומפאסיק אומצוגיין מיט פערד. איך האב זיך גענומען ערשטנס צו גאס און דאן צום בייסל. איך האב אפגעזאגט דאס צוואנציקסטע קאפיטל תהלים און בין צוגעגאנגען צום שרייבער מיט אן אונטערשמירעכץ. דאס האט געהאלפן. ער האט אן אנדערן פארשריבן אויף מיין ארט און מיך אין פיעכאטע, אין דער 17-טער דיוויזיע, וואס איז געשטאנען אין סאראטאוו. געוועזן איז עס אין יאר 1862.

אין דער קאמאנדע איז מיר אויסגעקומען צו ווארטן, ביז ס'האט זיך צוזאמענגעקליבן א פארטיע אין וועג אריין. מיר זענען געפארן איבער ניזשני-נאווגראד און פון דארט איבער דער וואלגא קיין סאראטאוו. אין ניזשני האט זיך צו מיר אנגעשלאסן אזא אומגליקלעכער ווי איך. מיר האבן זיך שטארק באפריינט און געהאלטן זיך צוזאמען. א טאג פארן אפפארן האבן מיר זיך אפגעגעבן אין שטאט אריין איינצוקויפן שפייז אויפן וועג. דאס איז געווען ערב-פסח. מיר זענען געגאנגען און געזארגט: מארגן וועלן אונזערע עלטערן זיצן ביים סדר און מיר וועלן עסן חמץ אויף דער וואלגע. מיר האבן זיך דערמאנט אן אונזער קינדהייט און האבן אנגעהויבן צו וויינען. פלוצלונג איז אונז אנטקעגנגעקומען אן עלטערער רוסישער סוחר, אונטערגעגארטלט מיט א רויטן פאס, מיט אונטערגעשוירענע האר און א ברייטער געלבלעכער בארד, מיט איין ווארט — אויסערלעך אן אמתער רוסישער סוחר. ער האט אונז אפגעשטעלט און אנגעהויבן אויסצופרעגן, פון וואנען מיר זיינען און וווהין מ'שיקט אונז. פון וואס פאר א פאלק מיר שטאמען — האט ער אונז נישט געפרעגט: ער האט אונז דערקענט לויטן אויסזעען. ער האט נאר געפרעגט, צי מיר זענען נישט געשמדט. מיר האבן געענטפערט, אז נישט. „ס'גלייבט זיך מיר קוים. איר זענט געוועזן אין די קאנטאניסטן און האט געקאנט בלייבן יידן? און וווהין גייט איר איצט?" — „מיר גייען איינקויפן ברויט. בלויז אויף צוויי טעג האט מען אונז ארויסגעגעבן ברויט, אויף די איבעריקע טעג סוכארעס. מארגן שיקט מען אונז אוועק קיין סאראטאוו". — „מארגן אוונט איז דאך די סדר-נאכט!" — „וואס קענען מיר טון, הער סוחר, נישט אויף דער פריי זענען מיר, נאר אין דינסט", — האבן מיר געענטפערט. — „גייט צוריק, האט ער אונז געזאגט, גיט נישט אויס אייערע ארעמע גראשנס. אין א שעה אדער צוויי ארום וועל איך אייך שיקן אדער ברענגען שפייז אויפן גאנצן וועג". ער האט ארויס-

גענומען א ביכעלע, פארשריבן זיך אונזערע נעמען, צוגערופן א קוטשער און איז אפגעפארן.

מיר זיינען געבליבן שטיין פארבליפט. וואס זאל דאס הייסן? איז ער א משוגענער אדער האט ער געוואלט מיט אונז טרייבן שפאס. לויטן רײדן האט ער נישט אויסגעזען, ער זאל זיין נישט־נארמאל אדער זאל ער וועלן מיט אונז „זשידעס" שפילן א שפיל. מיר זענען צוריקגעגאנגען אויפן זאמל־פונקט און האבן גענומען ווארטן. פלוצלונג איז מיר געקומען אין קאפ אריין א געדאנק, וועלכן איך האב איבערגעגעבן מיין חבר: „ס'מוז זיין, אז ווען מיר האבן זיך פריער דערמאנט אן אונזערע עלטערן, וואס וועלן אפרעכטן דעם סדר, און מיר האבן געוויינט, האט גאט געזעען אונזערע טרערן און האט אונז אראפגעשיקט אליהו הנביא, וועלכער האט זיך פארשטעלט פאר א סוחר... מיר וועלן זען. אויב ער וועט אונז שיקן פסחדיק עסן, איז עס געוויס ער"... מיר האבן געווארט א שעה, צוויי. פלוצלונג קומט צולויפן דער אונטעראפיציר מיט א קוויטעלע אין האנט און שרייט: „ווער איז עס מאיר מערימזאן? מיכאל זאקס?" מיר ביידע האבן זיך אפגערופן. דער אונטער האט אונז געהייסן גיין צום נאטשאלניק. מיר האבן זיך דערווארט, האבן מיר געטראכט. אבער נישט צו דעם, וואס מיר האבן געוואלט. מיר זיינען ארויס אויף דער גאס. דארט איז געשטאנען א קוטשער. מיר זיינען פארבייגעגאנגען פאר אים און געוואלט גיין צום נאטשאלניק. ער האט אונז אנגערופן און געפרעגט צי מיר זיינען מערימזאן און זאקס. אז מיר האבן געענטפערט, אז דאס זיינען מיר, האט ער אונז דערקלערט, אז ער איז געקומען נאך אונז. האט אונז געהייסן זיך זעצן אין וועגעלע און מיר זיינען שנעל געפארן.

אויפן וועג האב איך אנגעהויבן באטראכטן דעם קוטשער און ער איז מיר אויסגעקומען א ביסל פארדאכטיק, ווייל לויטן קאסטיום און אויסזען איז ער געווען ענלעך מער צו א סוחרס א זונדל. איך האב דאס דערציילט מיין חבר. ער האט מיר געענטפערט: „צו וואס פארשטסט דו ווער ער איז, זאל ער אונז נאר דערפירן וווּהין מ'דארף". מיר זיינען דורכגעפארן א פאר גאסן. דער קוטשער האט זיך אפגעשטעלט פאר א דריי־שטאקיק הויז. ער האט אונז געהייסן אריינגיין אין הויף. דארט האבן מיר צו אונזער גרויסער פארוואונדערונג דערזען דעם סוחר. דער קוטשער איז געווען זיין זון. דער סוחר האט אונז ארויפגעפירט אויף קרומע פינסטערע טרעפ ביזן לעצטן שטאק. ווי נאר ער האט געעפנט די טיר פון זיין וווינונג האט זיך אונז אויסגעוויזן, ווי ס'וואלט זיך פאר אונז געעפנט א ליכטיקער **גן־עדן**. א גרויסער זאל. אין

דער מיט הענגט א גרויסער בראנזענער לייכטער. לענגאויס די ווענט — שטילן געבעטע מיט סאמעט, אויף די ווענט — גרויסע בילדער אין גאלדענע ראמען, שפיגלען. די פאדלאגע א פארקעטענע. אין דערמיט שטוב — א גרויסער טיש באדעקט מיט א קאלירט טישטוך. ביים טיש זיצט א ייד אין די מיטעלע יארן און חזרט מיט 2 רוסישע יינגלעך די הגדה. דער ייד האט זיך אויפגעהויבן און דערלאנגט אונז די האנט מיט א „שלום עליכם", אויף וועלכן מיר האבן געענטפערט: עליכם-שלום. ער האט אונז אויסגעפרעגט פון וואנען מיר זיינעז און וווהין מיר פארן. די יינגלעך האבן אויף אונז געקוקט מיט געוואלטיקער נייגיר. איך האב געפרעגט דעם מלמד, ער זאל מיר זאגן, צו וועמען מיר זענען אריינגעפאלן. עפעס זעט עס אויס צו זיין א יידישע און נישט קיין יידישע שטוב. דער מלמד האט געשמייכלט און געענטפערט, אז דאס זענען „גרים". (א סעקטע פון יידן-גרים, נאענט צו די „סובאטניקעס"). — „דא זענען דא אויך א סך סובאטניקעס, וואס היטן אפ מיט ליבע אונזער אמונה. אזוי ווי די רעגירונג פארפאלגט זיי האבן זיי געפונען א באקוועם ארט ביי מיין באלעבאס, ווו זיי דערפילן די רעליגיעזע מנהגים. איך באקלייד דריי אמטן: חזן, שוחט און מלמד. פאר אלץ ווער איך באלוינט אזוי, אז איך האב נישט אויף וואס זיך צו באקלאגן. היינט אוונט וועט איר זען. היינט וועלן זיי קומען און מיר פארקויפן דעם חמץ. מארגן אוונט וועלן זיי מתפלל זיין צו גאט".

מיר האבן נישט געוווסט, ווו מיר זאלן אוועקלייגן די שינעלן און זעקלעך. דער מלמד האט אונז געפירט איבער א פינסטערן קאריראר אין א שפייכלערל. אז מיר זענען צוריק אריין אין זאל זענען אנגעקומען דער באלעבאס מיט דער באלעבאסטע. — „ביי אונז, מיין טייערע, וועלן זיין אורחים׳ האט ער זיך געווענדעט צו דער פרוי. „איך האב זיי אפגעבעטן אויף א גאנצע וואך. דער נאטשאלניק האט זיי פארשריבן אלס קראנקע און ער האט געבעטן, זיי זאלן זיך נישט דרייען איבער דער שטאט. און איר, האט ער געזאגט צו אונז׳ וועט דא באקומען עסן אזוי ווי איך האב אייך פריער פארזיכערט". — מיר האבן זיך פארנייגט און געדאנקט. די ווירטין האט געקוקט אויף אונז ליבנסווירדיק׳ געשאקלט מיטן קאפ און צוגעגעבן: „אך, וואס פארע יינגעטשקע סאלדאטלעך!" זי האט געוואלט אונז אויספרעגן. דער באלעבאס האט איר איבערגעשלאגן זאגנדיק: „דו וועסט נאך באוויזן זיי אויסצופרעגן אין א וואך צייט. דערווייל זע מיט וואס ס'איז זיי אנצוזעטיקן". די באלעבאסטע האט געפרעגט דעם מלמד: „וואס זאל איך זיי געבן צו

עסן; אין קיך איז שוין קיין חמץ נישטא. דאס חמצדיקע געפעס איז שוין ארויסגעטראגן". — „קאכט זיי אפ אין פסחדיקן ראנדל קארטאפל מיט פיש, און ביז ס'וועט זיך אפקאכן וואלט איך געראטן זיי אפצופירן אין באד אריין". האט געענטפערט דער מלמד. מיר האבן זיך געוואשן, געפארעט און געקומען אין קיך אריין. דארט איז שוין אלץ געווען צוגעגרייט און מיר האבן מיט גרויס אפעטיט אויסגעליידיקט א טיפע שיסל. — אין אוונט האבן אנגעהויבן אנקומען צום מלמד די סעקטאנטן צו „מכירת-חמץ". יעדער האט געברענגט א נייעם הילצערנעם לעפל, איינגעוויקלט אין א שמאטקע. אונטער איר זענען געלעגן גאנז-פעדערן און א וואקסן ליכטל. יעדער האט דעם מלמד דערלאנגט א נישקשהדיקע מטבע. מיר האט זיך אויסגעדאכט, אז דער מלמד האט אין דעם איינעם אוונט צונויפגעקליבן מער, ווי א רב אין א יידיש שטעטל דורך א גאנצן חדש.

ביזן קבר וועל איך נישט פארגעסן יענעם פסח. מיך האט אמייסטן אינטערעסירט, ווי אזוי די „יידן" היטן אפ אונזער אמונה. די זון האט אנגעהויבן אונטערצוגיין. אלע האבן זיך פארזאמלט צו מנחה. איך האב זיך איינגעהערט, ווי אזוי זיי ריידן ארויס די תפלות. דער מלמד-שוחט האט זיך אוועקגעשטעלט פארן עמוד און הויך ארויסגעזאגט: „אשרי"... אלע ווי איין מענטש האבן אנגעהויבן צו דאווענען אין א מין פחד. „שמונה-עשרה" האבן זיי געזאגט שטילערהייט, ביי יעדן ווארט געזיפצט. ווען דער חזן האט געזאגט די הויכע „שמונה-עשרה", האבן זיי נישט דורכגעלאזן קיין איין „ברוך הוא וברוך שמו" און „אמן". מיך האט שטארק געוואונדערט. ווען ס'איז אונטערגעלאפן א יינגל און געזאגט הויך „קדיש". נאך מנחה זענען אלע געבליבן ווארטן ביז „מעריב". דער מלמד איז ארויף אויף דער בימה און געהאלטן א דרשה אין רוסיש. בעת דער דרשה האט אין זאל געהערשט א טויטע שטילקייט, ווייל אלע האבן זיך צוגעהערט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט. נאך דער דרשה האט דער מלמד-חזן-שוחט אנגעהויבן צו דאווענען מעריב. נאכדעם האבן זיך אלע באגריסט מיטן יום-טוב און זיך געווונטשן: „לשנה הבאה בירושלים". ס'האט זיך אנגעהויבן דער סדר. דער זאל איז געווען העל באלויכטן. דער הענג-לייכטער האט געברענט מיט פארשידן-קאלירטע פייערן. אין דער מיט טיש האבן געברענט א ריי סטערין-ליכט אין זילבערנע קאנדעלאברן. ס'איז געשטאנען א גרויסע קאראפקע מיט וויין. פאר יעדן איז געשטאנען א זילבערנער, פון אינווייניק באגילדעטער בעכער. פאר אליהו הנביא — א באזונדערער גרויסער כוס. אין עק טיש זענען געשטאנען 2 פאר-

צעלאנענע טעלער מיט 3 מצות, באַדעקט מיט זיידענע טישטעכלעך. אויף באַזונדערע טעלערלעך זענען געלעגן שטיקלעך כריין, ציבעלעס, געקאָכטע אייער און נאָך עפּעס א געמויזעכטץ פון טונקל צימערינג קאָליר. די 2 געדעקעכטצן זענען געווען פאַר די 2 מלכים: דעם באַלעבאָס און מלמד. זיי האָבן זיך אָוועקגעזעצט אויף שטילן, אויסגעבעטע מיט קישעלעך. לעבן זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויך די מלכות: לעבן מלמד זיין ווייב און לעבן באַלעבאָס אברהם – די באַלעבאָסטע. מיר האָבן זיך מיט לייכטנדע געזיכטער אָוועקגעזעצט לויט דער ריי. דער מלמד האָט גענומען זיין בעכער און מיט א נגון הויך געמאַכט קדוש. נאָך אים האָט געמאַכט קדוש דער באַלעבאָס. דער „עברי״ זיינער איז אָבער נעווען אזעלכער, אַז איך האָב זיך קוים איינגעהאַלטן פון לאַכן. דערנאָך האָט אונז דער מלמד פאַרגעלייגט צו מאַכן קדוש. איך האָב זיך דערמאָנט ווי איך פלעג מאַכן קדוש אין דערהיים און האָב אים אָפּגעזונגען הויך, דייטלעך און פריילעך. נאָך מיר האָט געמאַכט קדוש מיכאל. דערנאָך דעם באַלעבאָס עלטערער זון, וואָס האָט אונז נעברענגט צו סירן. ער האָט געלייענט פון דער הגדה האַרט. 2 יינגלעך, ראובן און שמעון, האָבן פלינק אָפּגעזאָגט די 4 איינגעחזרטע קשיות. דאַן האָבן אַלע צוזאַמען געענטפערט אויף די קשיות. אַלע האָבן געלייענט פריילעך. בלויז די מלמדקע האָט געוויינט ווי ביי תחנות. נאָך דער ערשטער העלפט הגדה האָט מען דערלאַנגט קניידלעך מיט יויך און גענזן-פלייש. מ׳האָט אויסגעטרונקען צו עטלעכע גלעזלעך וויין און מ׳האָט זיך געגרייט צו דער 2-טער העלפט הגדה. דער מלמד האָט געהייסן עפענען די טיר און מיר האָבן געזאָגט דעם נישט-באַמערקבאַרן אליהו הנביא: ברוך הבא. „חד-גדיא״ האָב איך געזונגען מיט א פריילעכן מאָטיוו פון רוסישן „קאַמאַרינסקאַיא״. דער סדר האָט זיך פאַרצויגן ביז נאָך חצות. ס׳האָט זיך אונז געוואָלט שלאָפן. דער גוטער באַלעבאָס האָט אונז אַריינגעפירט אין א באַזונדער צימער און מיר האָבן זיך געלייגט אין ווייכע בעטן. מיר זענען אָפּגעשלאָפן ביז צומאָרגנס שפּעט אין דערפרי. ווען די סאָקטאַנטן זענען זיך צענויפגעקומען אויף שחרית, האָט אונז דער מלמד אויפגעוועקט.

דאָ איז מיר אויסגעקומען צו זעען א הערלעכן אומפאַרגעסלעך בילד. ווען דער חזן האָט אויסגערופן „ויהי בנסע הארון״ האָט זיך דער באַלעבאָס נעוואָרפן בליץ-שנעל צום ארון-קודש, האָט אַרויסגענומען די תורה און זי געטראָגן צודרוקנדיק צום האַרץ, ווי א מוטער טוליעט איר געליבט קינד. אַלע זענען צוגעלאָפן קושן די תורה. דאַן די עליות. אַזוי ווי ביי די גרים

זענען נישט געווען קיין כּוהנים און לויים, האָט מען אַנשטאָט זיי אויפגערופן די מער בכבודע. אָט האָט מען אויפגערופן אַן אַלטיטשקן. איך הער ווי ער זאָגט שנעל די ברכות און דאָס האַרץ צעגייט. ווען איך וואָלט געקאָנט, וואָלט איך אים צעקושט. צו מפטיר האָט מען אויפגערופן דעם באַלעבאָס זון. צו מיין פאַרווונדערונג האָט ער געזאָגט די הפטורה פריילעך, צעציגן — מיטן געוויינטלעכן נגון. זיין מוטער איז געשטאַנען ביי דער טיר און מ'האָט געזעען, ווי זי שעפּט נחת פון איר זון.

מ'האָט געענדיקט מוסף. די מתפללים האָבן געוואָלט פונאַנדערגיין זיך. דער באַלעבאָס האָט זיי פאַרהאַלטן אויף כּבוד. אַלע זענען אַריין אין עס-צימער און מ'האָט געמאַכט „לחיים". ס'איז אויסגעקומען קאָמיש, ווען אייניקע האָבן געזאָגט: ליחאיעס, ליחאיאָס, ליחאיאַס. נאָכן קדוש זענען זיך אַלע פונאַנדערגעגאַנגען. אַ מיטאָג איז געווען אַ גרויסאַרטיקעס. עסן האָט מען געגעבן לרוב. נאָכן מיטאָג האָט אונז דער באַלעבאָס איינגעלאַדן אין סאָד אַריין. ס'איז געווען אַ שיין וועטער. אין מיטן סאָד איז געשטאַנען אַן אַלטאַנקע. פון דאָרטן האָט זיך געהערט אַ הילכיק געלעכטער. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָרטן אַהין זיינען געקומען די קינדער פון די גרים צו שפּילן אין ניס. זיי זענען געווען אַן ערך 20. אַלע זיינען צוגעגאַנגען צו אונז און האָבן אונז נייגיריק באַטראַכט. יעדער האָט געהאַט פולע קעשענעס מיט ניס. אַ 12-יעריק יינגל האָט פאַרגעלייגט, אַז פון יעדן געווינס זאָל מען אונז זעלנער געבן צו 2 ניס. אַזוי האָבן זיי אויך געטון.

דער ערשטער טאָג חול-המועד איז אויסגעפאַלן אין אַ חגא. די געוועלבער זענען געווען געשלאָסן. די גרים האָבן זיך צונויפגעקליבן צו שמועסן און טרינקען טיי. מ'האָט אונז אויך פאַרבעטן צום טיי. דער באַלעבאָס האָט דערציילט, ווי אַזוי ער האָט אונז געטראָפן און ווי אַזוי ער האָט אונז אָפּגעגעבן ביים מיליטער-נאַטשאַלניק. ער האָט אויך דערציילט די געשיכטע פון אונזער לעבן, וועלכע ער האָט שוין געקענט. דער אַלטער, וואָס איז געוואָרן אויפגערופן אַלס כּוהן, האָט פאַרגעלייגט צוזאַמענצולייגן זיך פאַר אונז און געהייסן ברענגען די נדבות דעם לעצטן טאָג יום-טוב נאָך הבדלה.

אַזוי האָבן מיר פאַרבראַכט דעם יום-טוב. ס'איז אָנגעקומען דער לעצטער טאָג. מ'מוז זיך שיידן מיטן גן-עדן און צוריקגיין אין גיהנום. באַלד נאָך הבדלה זענען אַלע גרים געקומען מיט מתנות. איינער האָט געברענגט לייוונט אויף אַ העמד. דער צווייטער אונטער-וועש. די פרויען האָבן געברענגט האַנטיכער, טיכלעך א. אנד. מ'האָט אונז אָנגעלייגט אַ פולן זאַק אויסער שפּייז

און נאשווארק. דאן האט דער מלמד אנידערגעשטעלט א טעלער און אריינגעווארפן א זילבערנע מטבע. אלע האבן אים נאכגעטון ביז די שיסל איז געווארן פול. דער אלטער (כהן) האט יעדן פון אונז געגעבן א רובל און געזאגט: „האלט אייך, קינדער, פאר אונזער הייליקן גלויבן. יאגט אייך נישט נאך רייכקייט אדער טיטולן. גלייבט נישט אין די אפגעטער. גלייבט נאר אין גאט פון אברהם, יצחק און יעקב. שטארקט אייך". מיר האבן הארציק געדאנקט דעם אלטן פאר זיינע געטלעכע מוסר-ווערטער. די קינדער האבן אויסגעבעטן ביי די עלטערן צו עטלעכע קאפעקעס און אויך אריינגעווארפן אין די שיסל. די מלמדקע האט אונז געשענקט א קליין סדורל. דאס הארץ האט זיך מיר פארקלעמט ביים געדאנק, אז צומארגנס וועל איך זיך מוזן שיידן מיט די גוטע מענטשן. ס'איז מיר געווארן קאלאמוטנע אויפן הארץ. איך האב זיך דערמאנט אן „אדיר, איום ונורא — בצר לי לך אקרא". איך האב אנגעהויבן הויך צו זינגען און לסוף זיך צעוויינט. דער מלמד האט מיך געפרווט טרייסטן, איך האב זיך אבער נישט געקאנט איינהאלטן. אלע האבן געפרעגט ביים מלמד וואס איך זינג. ער האט זיי איבערגעזעצט. זיי האבן אפגעזיפצט און מיך אויך געטרייסט. זיי האבן אונז געווונטשן א גליקלעכן וועג, זיך געזעגנט און אוועקגעגאנגען.

צומארגנס האט אונז דער באלעבאס אברהם בן משה אפגעפירט צום נאטשאלניק און דעם זון האט ער באפוילן אפצופירן אונזערע זאכן צום פארט און צוווארטן ביז מיר וועלן אפפארן. די באלעבאסטע האט אונז באגלייט ווי א ליבנדע מאמע, וואס באגלייט אירע געליבטע קינדער אין א ווייטן וועג. מיטן באלעבאס האבן מיר זיך געזעגנט ווי מיט אן אייגענעם פאטער. דער מיליטער-נאטשאלניק האט אונז באלד אפגעשיקט צום פארט. מיר האבן זיך ארויפגעזעצט אויפן שיף. דעם באלעבאס זון, וואס איז, ווייזט אויס, געווען באקאנט מיט די באגלייטס-זעלנער, האט זיי געבעטן, זיי זאלן אונז אין וועג נישט רורן. ער האט זיך מיט אונז געזעגנט ווי מיט אייגענע ברידער. די שיף האט גערירט פון ארט. א גרופע שכורע סאלדאטן האבן געזונגען: „Вниз по матушке, по Волге". מיר האבן געזאגט „תפלת-הדרך".

ארומקוקנדיק זיך האב איך באמערקט, ווי אנטקייגן איבער מיר זיצט א יידישער רעקרוט, ענלעך מער צו א ישיבה-בחור, ווי צו א סאלדאט. דאס היטל איז געווען ביי אים אראפגערוקט אויף הינטן. דער שטערן א ברייטער. דאס פנים בלייך ווי ביי א טויטן. די באקן איינגעפאלן. דער שניפל הענגט אויף אים ווי אויף א דראנג. די קני ציטערן ווי אין פיבער. איך האב אויפ-

פערקואַס געמאַכט מײַן חבר אויף דעם אומגליקלעכן סאָלדאַט. מיר האָבן באַשלאָסן אים צו העלפן. איך האָב געווונקען דעם סאָלדאַט, ער זאָל צוגײן צו אונז. ער איז צוגעגאַנגען. קודם-כּל, האָב איך געקלערט, דאַרף מען אים אָנזעטיקן. איך האָב אויפגעעפנט דאָס קעסטל מיט עסנוואַרג און צו אונזער גרויסן וווּנדער האָב איך דאָרטן געפונען 2 פלאַשן ווײַן און אײן פלאַש פּסחדיקן בראָנפן. אײדער מיר האָבן אָנגעהויבן עסן האָב איך אַרויסגענומען א קענדל מיט קאָנפיטורן, האָב אָנגעשעפּט א פולן לעפל און געהײסן אונזער נײַעם חבר עפענען דאָס מויל און אַראָפּשלינגען. ער האָט געמאַכט א ברכה, אַראָפּגעשלונגען און זיך באַלעקט. מײַן חבר האָט אים אויך מכבד געווען מיט עטלעכע לעפל אײַנגעמאַכטס. ער האָט אַלץ אַראָפּגעשלונגען מיט אַן אויסערגעוויינטלעכן אַפּעטיט. נאָכדעם האָבן מיר זיך געוואַשן און גענומען צום עסן. מיטן בענטשן האָבן מיר מכבד געווען אונזער נײַעם קאָלעגע, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס כּהן. נאָכן עסן איז ער געוואָרן א ביסל אויפגעהײטערטער. מיר האָבן פאַרפירט א שמועס.

איך האָב געפרעגט דעם חבר, ווי אַזוי מ'האָט אים, אַזאַ קראַנקן, צוגענומען אין מיליטער. ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער איז געווען געזונט. נאָר אין וועג איז ער קראַנק געוואָרן, איז אָפּגעלעגן 6 וואָכן אין שפּיטאָל, וווּ די דאָקטוירים האָבן אָנערקענט, אַז בעסער ווערן קאָן אים נאָר אויף דער לופט און דעריבער האָבן זײ אים אויסגעשריבן. ער איז געווען א קײלעכדיקער יתום. האָט געלערנט אין תלמוד-תורה, ישיבה, געגעסן טעג און זיך דערשלאָגן צו היתר-הוראה. ער האָט אויך געוואָלט אָנקומען אַלס דײַן אין א שטאָט, אָבער דאָן איז אונטערגעקומען דער מיליטער-דינסט און מ'האָט אים צוגענומען פאַר א וועלנער. אין סאַראַטאָוו האָבן מיר זיך מיט אים צעשיידט. מיר האָבן אים געגעבן א טייל פון געלט, וואָס מיר האָבן געהאַט. —

אין סאַראַטאָוו האָט מען אונז אָפּגעפירט אין שטאַב פון דער 17-טער פּיעכאָטע-דיוויזיע. מ'האָט אויסגערופן מײַן נאָמען: מערימזאָן. איך האָב זיך אָפּגערופן. פּלוצלונג איז אַרויסגעלאָפן פון צווייטן צימער א יינגער אָפיציר און געפרעגט: ווער איז דאָס מערימזאָן? — איך האָב זיך אויסגעצויגן גלײַך ווי א סטרונע און געענטפערט אויף אַלע זײַנע פראַגן: פון וואַנען איך קום? וווּ איך בין געווען אין די קאַנטאָניסטן? א. א. וו. „און גרינבלאַטן האָסטו געקענט?" — „יאָ געקענט. צוזאַמען מיט אים גענומען געוואָרן אין מיליטער". ער האָט געוואָלט מיך ווײַטער אויספרעגן אין דער מינוט האָט אים דער אונטעראָפיציר געמאַלדן, אַז דער דיוויזיע-נאַטשאַלניק רופט אים. ער איז

גלייך אַוועק. ס'איז מיר גלייך איינגעפאַלן, אַז דאָס מוז זיין גרינבלאַט׳ וועלכן די כאַפּערס האָבן צוזאַמען מיט מיר אַוועקגעפירט. און איך האָב געוואָלט געוואָר ווערן וועגן אים גענויערעס. נאָר ווי אַזוי? איך האָב אויסגעקליבן אַ פּאַסיקע צייט און האָב פאַרבעטן דעם שרייבער אין אַ טראַקטיר, כדי אים אויסצופרעגן וועגן גרינבלאַטן. ביי אַ גלעזל משקה האָט ער מיר דערציילט פאָלגענדעס: דער אָפיציר גרינבלאַט איז פון די משומדים. אין פולק איז ער אָנגעקומען פון דער יונקער-שולע. אין געווען פולק-אַדיוטאַנט. האָט קאָמאַנדירט מיט אַ ראָטע. אויף אַ קאָרפּוס-פּאַראַד האָט ער זיך אויסגעצייכנט. פאַר זיין פלייסיקן דינסט האָט ער איצט באַקומען אַ העכערן ראַנג און איז געוואָרן איבערגעפירט קיין טאַשקענט. אויסהערנדיק דאָס האָב איך נישט ווילנדיק געזיפצט: איך בין געבליבן אַן אומגליקלעכער גערודפטער ייד. נאָר פאַרפאַלן. אַנדערש וואָלטן די עלטערן מיך אויף אייביק געוועזן פאַרשאָלטן. איצט קומט אויס צו שטיין מיט פּראָסטע רעקרוטן.

אין פולק האָב איך זיך אויסגעצייכנט אַלס גוטער סאָלדאַט. דער ראָטע-קאָמאַנדיר האָט מיך באַשטימט אין די אונטער-אָפיצירישע שולע. איך האָב געחלומט וועגן מיין קינפטיקן ראַנג. דאָס גליק האָט מיר געשפּילט און ס'האָט זיך אויסגעלאָזט נאָך בעסער, ווי איך האָב אַליין געוואָלט. אין יענער צייט, צום אָנהייב פון פּוילישן אויפשטאַנד, האָט מען זיך אַרומגעזען, אַז ס'פעלן אויס פעלדשער. ס'איז אַרויס אַ באַפעל צו גרינדן ביי יעדן פולק-לאַזאַרעט אַ פעלדשער-שולע פון 16 פעיקע זעלנער, צו איינעם פון יעדער ראָטע. דער הויפּט-ריוויזיע-דאָקטאָר האָט געהייסן קלייבן דערהויפּט יידן. מ'האָט אויסגעשטעלט אונזער פולק אין רייען און מ'האָט אויסגערופן: „יידן פאָרויס!" אַזוי ווי צווישן אַלע יידן בין איך געווען דער יינגסטער און געזונטסטער, האָט דער הויפּט-דאָקטאָר מיך אָן שום פרעגן באַשטימט אין די פעלדשער-שולע. פאַרשטייט זיך, אַז איך בין געווען אויסער זיך פון פרייד, וואָס איך בין פּטור געוואָרן פון דער אונטעראָפיצירן-שולע, וווּ די גאַנצע לערע באַשטייט אין דעם, צו וויסן ווי אַזוי אַריינצופּאַקן אין סאָלדאַטס פּרצוף לויט אַלע כללים פון מיליטערישער טאַקטיק, און וועל אָנשטאָט דעם האָבן צו טון מיט היילן קראַנקע און פאַרוווּנדעטע.

אין לאזארעט זענען שוין געווען פארזאמלט 15 מאן. מיר האבן איבערגענאכטיקט און געווארט אויפן אנהייב פון דער לערע. אין באפעל איז געשטאנען, אז מ'זאל אונז לערנען די פעלדשער-תורה קורץ. דער עיקר איבערבינדן. איך בין געווען א ייד און... אן אלפאבעט. די איבריקע זענען געווען פאליאקן, לאטישן און רוסן — ווייניק געבילדעטע. נאר די פאליאקן האבן געקענט לאטיינישע שריפט. איך האב זיך ארומגעזען, אז ס'איז שלעכט, אז מ'דארף זיך לערנען. איך האב זיך געקויפט 2 אלף-ביתן: א רוסישן און א לאטיינישן און האב אנגעהויבן איינחזרן. נאך א חדש האב איך שוין געלעזן געלויפיק אין רוסיש און סילאביזירט לאטיין. נאך 3 חדשים איז שוין אלץ ביי מיר געגאנגען ווי א מזמור. ביי די קראנקע פלעג איך אומגיין געדולדיק און ליבלעך. איך האב זיך באמיט, זיי זאל זיין צופרידן פון מיין דיזשורירן. איך האב זיך געקויפט לונינס פעלדשער-בוך. האב זיך אויפמערקזאם צוגעקוקט, ווי אזוי ס'ארבעטן די עלטערע פעלדשער. איך האב זיך נישט דערלויבט צו פארלירן אפילו איין מינוט. כסדר געחזרט דאס פעלדשער-בוך. שוין פון צווייטן האלב-יאר האבן די עלטערע פעלדשער מיך אנגעהויבן בעטן, איך זאל זיי פארטרעטן אין דיזשורירן. דאס האט מיר צוגעגעבן מוט. דער עלטערער דאקטאר האט אנגעהויבן מיר צוצווענדן א באזונדערע אויפמערקזאמקייט. אין שפיטאל פלעגט ער פירן מיט מיר פריינטלעכע שמועסן.

איך האב זיך גענומען צום לערנען מיט נאך מער התמדה. אין מיטן איז אריינגעטרעטן עפעס א שטערונג. דאס איז געווען אויפן צווייטן יאר. ס'איז אנגעקומען א באפעל, אז אונזער דיוויזיע זאל גיין קיין פוילן צו דערדריקן דעם אויפשטאנד. ס'האט זיך אנגעהויבן א סומל-מאביליזאציע. מיר זענען געפארן מיט דער וואלגא ביז ניזשני-נאווגאראד. דא איז פלוצלונג אנגעקומען א טעלעגראם, אז אונזער דיוויזיע זאל בלייבן אין ניזשני, ווייל אין פוילן איז שוין דא גענוג מיליטער. מ'האט אנגעהויבן אוועקצושיקן פון אונזער פולק פעלדשערס. אויפן ארט פון די, וואס זענען אוועק, האט מען געהייסן באשטימען די עלטסטע און בעסטע שילער. לויט א באפעל פון דיוויזיע-דאקטאר האבן אלע שילער געמוזט קומען צו אים צום עקזאמען. דערהערנדיק דאס האט דאס הארץ ביי מיר א ציטער געטון. איך האב נישט געפילט קיין מורא פאר פראגן איבער אנאטאמיע, פארמאצעווטיק, באנדאזשירן א. א. וו. מורא געהאט האב איך פאר פראגן פון דער רוסישער גראמאטיק, מיט וועלכער איך האב פאר קיין מאל נישט געקאנט זיך צונויפריידן. פאר די ענדערונגען פון די הויפט-ווערטער און צייט-ווערטער האב איך געציטערט ווי פאר פייער. טאמער פא-

איך אדורך, וועל איך אנשטאט פעלדשער אין גאלאנען זיין א פראסטער משרת אויף צו וואשן די פאדלאגעס. איך האב זיך גענומען פארן אלטן מיטל: תפלה צו גאט. זיבן מאל האב איך געזאגט דאס 20-סטע קאפיטל תהלים און נאך האט געהאלפן. דעם עקזאמען האב איך גוט אויסגעהאלטן. וועגן דער גראמאטיק איז קיין רייד נישט געווען. מיט איין ווארט — איך בין געווען אויפן זיבטן הימל.

אויפן צווייטן טאג האט מען אונז געפירט אין פראסעקטאריום צו פאלמעסן טויטע. דאס איז מיר אויסגעקומען שרעקלעכער ווי גראמאטיק. א קלייניקייט: שניידן א מענטש! דער אלטער פעלדשער, בארבאריש דיסציפלינירט, איז צו צו א טויטן, האט אפגענומען דעם שארבן און ארויסגענומען דעם גרויסן און קליינעם מוח. אויף דעם אלעם האב איך נאך ווי ס'איז געקוקט און אויסגעהאלטן. אבער ווען ער האט אויפגעשניטן דעם בויך און דאס הארץ און ס'האט ארויסגעשלאגן א שרעקלעכער ריח, האב איך אנגעהויבן שרעקלעך צו ברעכן מיט גאל. דער אלטער בארבאר האט מיך אנגעהויבן צו זידלען. ווער ווייסט, וואס מיט מיר וואלט געווארן, ווען נישט דער יונגער דאקטאר, וואס האט מיר געגעבן א מיטל אפצושטעלן דאס ברעכן און געהייסן מיר ארויסגיין. איך האב באשלאסן צו נעמען זיך פעסט אין די הענט און גובר צו זיין די נאטור מיינע. עטלעכע טעג האט מען אונז געפירט איבער פארשידענע טויטן-שטיבן און איך האב זיך אנגעהויבן צו צוגעוווינען. כדי זיך צוצוגעבן מוט האב איך פארן עקזאמען אויסגעטרונקען א גלעזל בראנפן מיט מיענטע-טראפנס און האב זיך גענומען פאר דער ארבעט. דאס ערשטע מאל איז מיר געווען שווער צו שניידן. דערנאך בין איך געווארן א גאנצער „כירורג". אין א וואך ארום איז געקומען דער עלטסטער דאקטאר און געהייסן אונז גיין אין פולק צו צונייען גאלאנען... וואס פאר א שמחה! איך בין נישט געגאנגען, נאר געפלויגן. איך בין ארויס א שיינענדיקער. מיין קאלנער און אויפערשלאגן זענען געווען באצירט מיט גאלדענע גאלאנען. אויף די פאגאנעס זענען געלעגן שניי-ווייסע שארפלעך. אויף דער גאס האבן מיך סאלוטירט רעקרוטן און אפילו סאלדאטן. איך האב לכתחילה געמיינט, אז אן אפיציר איז דורכגעגאנגען. צום סוף האט זיך ארויסגעוויזן, אז זיי סאלוטירן מיך. ס'האט זיך מיר געדאכט, אז אלץ קומט פאר אין חלום.

צומארגנס בין איך געקומען אין לאזארעט. אלע קראנקע האבן זיך דערפרייט און האבן מיך באגריסט. דער דאקטאר האט מיך אויך באגריסט. ער האט אנגעהויבן מיך מיטצונעמען צו פריוואטע פאציענטן, ווו איך פלעג

באַקומען אַ געוויסע באַלוינונג. אַזוי אַרום האָב איך אָנגעהויבן צונויפצוקלייבן אַ ביסל געלט. באַזונדערס בין איך געוואָרן באַרימט ביי די אַרבעטער. זיי זענען געקומען צו מיר נאָך עצות און האָבן מיך טיטולירט: „הער פערשאַל". אַזוי האָב איך אין די יאָרן 1867/68 געלעבט גאַנץ צופרידן אַלס יינגערער פעלדשער.

אויפן דריטן יאָר האָט מיר דאָס האַרץ פאַרגעזאָגט עפּעס גוטעס. ווירקלעך איז מיין פאַרגעפיל מקוים געוואָרן. מ'האָט מיך געשיקט מיט יינגע זעלנער קיין סטאַווראָפּאָל — אין קאַווקאַז. קיין אייזנבאַן איז נאָך נישט געווען. דער וועג האָט געפירט דורכן דאָנער מיליטער-ראַיאָן. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין אַקסייסקער סטאַניצע. אין שכנות איז געלעגן אַ קראַנקער אויף וואַסער. דערוויסנדיק זיך, אַז דערלעבן געפינט זיך אַ פעלדשער, האָט מען מיך איינגעלאַדן. איך בין אַהינגעגאַנגען און דערזען אַזאַ בילד: ס'ליגט אַ מענש 3 אַרשין לאַנג. די אויגן געשוואָלן. דאָס האַרץ און בויך ווי אַ פאַס. די פיס ווי קלעצער. איך האָב געפרעגט, פאַרוואָס זיי לאָדן נישט איין קיין דאָקטאָר. זיי האָבן מיר געענטפערט, אַז ס'זיינען שוין געווען דאָקטוירעס, פעלדשערס און באָבעס. איך האָב דורכגעקוקט די רעצעפּטן און געקלערט: מיט וואָס קאָן איך אים העלפן? דאָך גאַרנישט זאָגן — איז עפּעס נישט אָנגענעם. צום גליק האָב איך געהאַט ביי זיך אַ היילער-בוך פון אַ באַרימטן דייטשישן דאָקטאָר אין אַ רוסישער איבערזעצונג. איך האָב פון דאָרט אַרויסגענומען אַן אַנטשפּרעכנדע רעצעפּט און געהייסן מאַכן וואַנעס. כדי זיי זאָלן האָבן מער צוטרוי האָב איך איבערן קראַנקן עפּעס געמורמלט און געהייסן יעדעס מאָל פאַרן געבן די רפואה איבערצלמן 3 מאָל דעם קראַנקן.

צומאָרגנס פאַרן אָפּפאָרן אין ווייטערן וועג בין איך אַריין צום קראַנקן זען וואָס ער מאַכט. און האָב, צו מיין גרויסער פאַרוווּנדערונג, באַמערקט, אַז זיינע אויגן האָבן זיך ווי געעפנט. ביים געזעגענען זיך האָבן זיי אָנגעלאָדן מיין וואָגן מיט אַרבוזן, אייער, פּוטער און זעמל. זיי האָבן מיך געבעטן, איך זאָל אויף צוריקוועגס אָפּטרעטן ביי זיי. ס'האָט מיר כסדר געגליקט. דער קאָנוווי-אָפיציר האָט זיך אָנגעהויבן צו ווענדן צו מיר נישט ווי צו אַ נידעריקן טשין, נאָר ווי צו אַ גלייכן קאָלעגע פון מעדיצין-אָפּטיילונג. מיר פלעגן צוזאַמען איינשטיין און צוזאַמען עסן. ביז סטאַווראָפּאָל זענען מיר נאָך געגאַנגען 3 וואָכן. איבערגעבנדיק די פּאַרטיע האָב איך זיך געזעגנט מיטן אָפיציר. ער האָט מיר אויסגעשטעלט אַ צייגניש, אין וועלכן ער האָט מיך געלויבט ביזן הימל. צוריקפאָרנדיק בין איך אין דער אַקסייסקער סטאַניצע

געגאנגען באזוכן מיין געוועזענעם פאציענט. איך גיי צו צום הויז. איך זע: אויף א באנק זיצט א יינגער, הויכער, דארער און בלייכער קאזאק. איך פרעג: — ווינט דא באנדארענקא? — דא, — לעבט דער קראנקער? — ער לעבט. — דער קאזאק האט זיך פארראיטלט און מיט א פרייד־שמייכל מיך איינגעלאדן אין שטוב אריין. די פאמיליע האט מיך באגעגנט ווי דעם היספאנישן קעניג. „איר האט געראטעוועט אונזער זון" — רופט אויס די מוטער. איך טראכט: אז גאט וויל טאנצט א בעזעם. מ'האט ארויפגעשטעלט אויפן טיש חיין, ארבוז, וויינטרויבן און זעמל. אויף דער קיך האט מען אנגעהויבן פרעגלען אייער. אלע שכנים זיינען געקומען קוקן אויפן רעטער. דער געזונסגעווארענער איז צוגעגאנגען צו מיר און מיר געקושט די האנט. איך האב געגעסן און געוואלט אוועק. מ'האט מיך נישט געלאזט: דער עסאול חיל מיך זען. באלד איז געקומען דער עסאול, נאטשאלניק פון דער סטאניצע אין ראנג פון א פולקאווניק, האט מיך געפרעגט, ווו איך דין, האט פארשריבן מיין נאמען, און צום סוף געפרעגט צו איך בין א ייד. דערהערנדיק מיין פאזיציון ענטספער האט ער מער נישט געשטעלט קיין פראגן און איז אוועקגעפארן.

צוריקקומענדיק אין מיין דינסט־ארט בין איך געגאנגען אויף א ראפארט צום דיוויזיע־דאקטאר און צום פולק־דאקטאר. אפראפארטירנדיק אלץ האב איך פארגעלייגט דאס צייגניש, וואס דער באגליט־אפיציר האט מיר ארויסגעגעבן. „דו ביסט א מאלאדיעץ, מערימזאן, האט געזאגט דער דאקטאר, נאר אויף דיר איז אנגעקומען אן אנקלאגע". איך בין געווארן בלייך. באמערקנדיק מיין שרעק האט ער צוגעגעבן: „פאר דער אנקלאגע וועל איך דיך מאכן פאר אן עלטערן פעלדשער". מיין שמחה האט נישט געהאט קיין גרענעץ. דער פולק־דאקטאר האט מיך נישט געלאזט קומען צום ווארט, גלייך גענומען לויבן און פרעגן: „ווי אזוי האסטו דעם קאזאק אויסגעהיילט? דער דיוויזיע־דאקטאר האט באקומען א דאנק פאר דיר".

דער אלטער פעלדשער, וואס האט מיר ביים ערשטן מאל פאלמעסן אויסגעשמירט די ליפן מיט קישקעס פון א סויטן, האט אנגעהויבן קרענקען און האט נישט געקאנט מער זיך פארנעמען מיט די לאזארעט־שריפטן. ער האט מיך געבעטן איך זאל אים העלפן שרייבן. דאס איז מיר סאקי נייטיק געווען, ווייל איך האב זיך געדארפט גרייטן צום אמט, וואס דער דיוויזיע־דאקטאר האט מיר באשטימט. דעם אלטן פעלדשער איז געווארן פון טאג צו טאג ערגער. און א קורצער צייט ארום איז ער געשטארבן. מיר איז

אויסגעקומען צו פאלמעסן זיין קערפער... איך האב פארנומען זיין אמט. האבנדיק די מאכט איבערן גאנצן לאזארעט האב איך אנגעהויבן צו באזוכן די קוך און אכטונג געבן, מ׳זאל די קראנקע געבן גוט צו עסן און, אז די באדינער זאלן זיי נישט באליידיקן. דער לאזארעט-אויפזעער האט זיך אנגעהויבן חנפנען צו מיר און האט מיך איינגעלאדן צו זיך אין דער ווינונג. ביי די מאנאטלעכע רעכענונגען האט מען אנגעהויבן מיך „אונטערצושמירן“. מיט איין ווארט — איך בין געווארן מיט „נאטשאלסטווא“ גלייך. אזוי האב איך אפגעלעבט 3 יאר. מ׳האט מיך איינגעלאדן אויף חתונות, טויף-שמחות א. א. איבעראל האט מען מיך ליב געהאט. כאטש איך בין געווען א ייד.

VI

ס׳האט זיך דערנענטערט די ענדע פון מיין מיליטער-דינסט. ס׳זיינען ארומגעגאנגען קלאנגען, אז לויטן נייעם געזעץ פון יאר 1874 וועט פאר אלע סאלדאטן פארקירצט ווערן די דינסט-צייט און די קאנטאניסטן וועט מען פאררעכענען אלע יארן, וואס זיי זיינען געווען אין מיליטער. (פריער האט מען זיי די דינסט-צייט אנגעהויבן רעכענען פון 20-טן יאר). איך האב געטראכט, אז מ׳דארף זיך צוביסלעך צולערנען יידישקייט, כדי איך זאל נישט אהיימקומען ווי אן אמתר גוי און עם-הארץ. איך האב געשלאסן באקאנטשאפט מיטן שוחט און האב אנגעהויבן צו גיין צו אים אויף לעקציעס. צום ערשטן האט ער מיט מיר איבערגעחזרט דאס, וואס איך האב געלערנט אין חדר. דערנאך האט ער אנגעהויבן מיר איבערצוזעצן פון העברעאיש אויף יידיש. צום באדויערן האב איך געקאנט לערנען בלויז איין ווינטער, ווייל אויף זומער זענען מיר אוועק אין לאגער הינטער מאסקווע. דער שוחט האט מיר געגעבן א ספר מיט א יידישער איבערזעצונג און איך האב אים אן אויפהער געחזרט. פון לאגער איז מיין דיוויזיע געווארן אפגעשיקט קיין טולא, ווו איך האב געדינט ביזן ארויסגיין אין זאפאס. נאכן ענדיקן דעם דינסט האב איך אין אנהייב געהאט באשלאסן צו בלייבן אין טולא און אריינטרעטן אויף דינסט אין א שפיטאל. מיך האט אבער געצויגן א היים, א היים.

איך האב זיך אנגעהויבן צו דערנענטערן צום יידישן תחום. איך בין גלייך פארפארן א היים. איך האב זיך אפגעשטעלט אין קאזאנע און זיך

פארזארגט מיט תשמישי-קודש, ווי: תפילין, ארבע-כנפות א. א. וו. איך האב אויסגעזוכט א סופר און אלץ ביי אים איינגעקויפט. ער האט מיך געלערנט, ווי אזוי מ׳דארף אנטון די תפילין און וועלכע תפלות מ׳זאגט דערביי. זיין ווייב האט מיר אויפגענייט אן ארבע-כנפות. איך האב זיך געזעגנט מיטן סופר און אוועק צום באן. איך זיץ אין וואגאן און פריי זיך אין דער נשמה, וואס איך פאר א היים מקיים צו זיין די מצוה פון כבוד אב ואם, בין שוין א פרייער מענטש און דערנענטער זיך צו גאט און זיין הייליקער תורה, מיט וועלכער איך האב באניים די באקאנטשאפט אין קאוונע. אין מיטן טראכטן בין איך איינגעשלאפן.

אין מיין שטעטל בין איך אנגעקומען 4 אזייגער נאך האלבער נאכט. ווו מיינע קרובים וווינען האב איך נישט געוווּסט. די נאכט איז געווען א פינסטערע. איך האב אנגעהויבן צו וואנדערן איבער די געסלעך. גייענדיק האב איך באמערקט, אז אין איין שטוב לייכט א פייערל. איך האב אריינגעקוקט און באמערקט, אז א בעקער זעצט אריין זעמל אין אויוון און אויפן בעט זיצט אן אלטיטשקע און שאקלט זיך, זאגנדיק מיט א וויינענדיקן קול תפלות פון א קרבן-מנחה-סדור. איך בין אריינגעגאנגען צו פרעגן זיך, ווו מיינע עלטערן וווינען. ווי נאר איך בין אריין האבן זיי מאמענטאל אויסגעהעדס צו ארבעטן. זיי האבן זיך דערשראקן, ווייל זיי האבן געמיינט, אז א פאליציאנט איז אריין צו זיי (איך בין נאך געווען אין פולן אונטער-אפי. צירישן אוניפארם). דער בעקער האט געכאפט א שטול און געבעטן מיך זיצן. זעענדיק ווי דערשראקן זיי זענען האב איך געזאגט אויף יידיש: „איך בין א ייד. דא געבוירן". דערהערנדיק דאס האט די אלטיטשקע פארמאכט דעם סדור. דער בעקער האט אוועקגעשטעלט די לאפאטע אין א זייט און ביידע האבן מיך גענומען אויספרעגן, ווער איך בין. איך האב זיך אנגערופן. — „אך, דאס ביסט דו, חיים׳קע" — האט אויסגעשריגן די אלטע — „נחום, לויף שנעל, פארדין א מצוה, זאג אן די קרובים, ארער גיי צוזאמען מיט אים". די אלטע האט אויך געוואלט פארדינען א מצוה און וויסנדיק, אז מיין פאטער געפינט זיך צו דער צייט אין בית-המדרש, איז זי אהינגעלאפן אנזאגן אים די פריילעכע בשורה.

אלע 3 זענען מיר אנגעקומען. אריינקומענדיק אין שטוב בין איך געווארן איבערראשט מיט איר אורעמען אויסזען. דאס הארץ האט זיך מיר צוזאמענגעדריקט. די אויגן זענען געווארן פול מיט טרערן. איך האב אין יענער מינוט פארגעסן, ווו איך געפין זיך. נחום און די אלטיטשקע האבן אנגעהויבן צו באגריסן

מיינע עלטערן מיטן טייערן גאַסט, אָנווייזנדיק אויף מיר. די עלטערן האָבן געקוקט אויף מיר ווילד און האָבן זיך גענומען בייזערן אויף די בעקערס שרייענדיק: „וואָס זענט איר געקומען אַפּלאַכן פון אונז, אומגליקלעכע! שעמט אייך צו וועלן אַפּלאַכן און ווילן זיך אויפן חשבון פון אונזער אומגליק. עפּעס נישט אויף די קוים פאַרוואַקסענע וווּנדן. מיר האָבן שוין אָנגעהויבן אים צו פאַרגעסן...״ — „רב יוסף! מערעלע! וואָס בייזערט איר זיך?״ — האָבן נחום און די אַלטיטשקע זיי איבערגעבעטן. — „דאָס איז דאָך אייער זון, תּיימקע!״ — „ניין, אונזער געוועזענער זון האָט שוין לאַנג אַוועקגעוואָרפן אונזער הייליקן גלויבן. בלויז פון חרפּה האָבן מיר דאָס ביז איצט אויסבאַהאַלטן. אָך״... — „חי אַזוי וואָלט ער געוווּסט אייער פאַמיליע, ווען דאָס וואָלט נישט געווען ער?״ — „מעגלעך. אַז דער ערל האָט געדינט מיט אונזער זון צוזאַמען און האָט פון אים באַקומען דעם אַדרעס. אָך, רב נחום, מיר בעטן אייך, זייט אַזוי גוט און זאָגט אים ער זאָל גיין צו זיינע עלטערן. איר קענט דאָך מיט אים ריידן. זאָל ער נישט שטיין איבער אונזערע נשמות. זאָגט דעם סערזשאַנט, ער זאָל גיין״... ביי די ווערטער האָט זיך מיין פאָטער אויסגעדרייט און איז אַוועק אין בית-המדרש צום ותיקין-דאַווענען. נחום מיט דער אַלטיטשקער האָבן געפּרוּווט איבערצייגן מיין מוטער מיטן באַווייז, דאָס איך רייד יידיש. „זענען דען נישטאָ קיין גויים, וואָס קענען רעדן יידיש, האָט אָפּגעענטפערט מיין מוטער. ווי אַזוי קאָנט איר מיר פאַרזיכערן, אַז דאָס איז אונזער זון, ווען איר זעט אים צום ערשטן מאָל. אים גאַסט ווילן, גייט אַוועק מיט אים״.

די גאַנצע צייט בין איך געשטאַנען ווי פאַרשטיינערט. געקוקט אויף מיין מוטער און געוואָלט זיך וואַרפן איר אויפן האַלדז און זיך הויך פרייען, וואָס איך האָב זי נאָך געטראָפן ביים לעבן. איך האָב זיך אָבער איינגעהאַלטן אויס מורא, אַז מיין אימפּולסיוו פאַרהאַלטן זיך זאָל איר נישט איבערשרעקן און ברענגען צו אַ קאַטאַסטראָפע. איך בין אַוועק אין אַן אַכסניה. ס׳האָט מיך גענאַגט אַ ביטער געפיל פון פרעמדקייט אפילו ביי מיינע אייגענע. און מיטן טראַכטן וועגן מיין גורל איז אָנגעקומען דער שמש און מיך גערופן צום רב. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער וועט מיך אויספרעגן וועגן מיין יידישקייט. איך האָב מיטגענומען מיט זיך די איינגעקויפטע הייליקע זאַכן, ווי די תּפילין, דעם סידור א.א. דער רב האָט געקוקט אויף מיין מונדיר און געקוועטשט מיט די פּלייצעס, וויאיטער זאָגט: לויט די בגדים זעסטו נישט אויס צו זיין אַ ייד. — „מיט וואָס קאָנסטו באַווייזן, אַז דו האָסט זיך נישט געשמדט״ — האָט ער זיך געווענ-

דעם צו מיר. איך האָב פונאַנדערגעשפּילעט מיין מונדיר און געוויזן, אַז אָנשטאָט אַ צלם טראָג איך אַן ארבע־כנפות. דאַן האָב איך אים געוויזן די תפילין און סידור. דאָס אַלץ איז אָבער נישט געווען בכוח איבערצוצייגן דעם רבער. ער האָט געפאָדערט פון מיר דעם זאַפּאַס־בילעט. נישט קענענדיק אַליין לעזן רוסיש האָט ער געשיקט רופן דעם מיליטערישן שרייבער, וואָס איז געווען אַ ייד, און ערשט דאַן האָט ער אַרויפגעלייגט די הענט אויף מיין קאָפּ און מיך געבענטשט.

ער האָט באַלד געשיקט דעם שמש נאָך מיינע עלטערן. זיי זענען גלייך געקומען. דער רב איז זיי אַנטקעגן געגאַנגען מיט אַ פריילעכער מינע און געזאָגט: „איצט קאָנט איר זיין זיכער. אַז אייער זון איז געבליבן אַ ייד. מ׳דאַרף אים אָנרופן „צדיק", ווייל ער האָט זיך אַזויפיל אָנגעליטן פאַר אונזער אמונה. איך וואָלט זיך געוואונטשן אַ טויזנטסחלק פון זיין עולם־הבא". — מיינע עלטערן דערהערנדיק אַזעלכע ווערטער, האָבן זיך אויגנבליקלעך געביטן. די מוטער האָט מיך אַרומגענומען ביים האַלז, צוגעדריקט מיין קאָפּ צו איר האַרץ און שטאַרק געוויינט, שרייענדיק: „טייערער זון, טייערער קדיש, זיי אונז מוחל, וואָס מיר האָבן דיר געשיקט אַ רובל אויף אַ שטריק. זאָלן זיך אונזערע שונאים אויפהענגען... זיי מוחל..." דער פאָטער האָט אונז ביידע אַרומגענומען און מיר האָבן אַלע געוויינט מיט טרערן פון שמחה. די רביצין איז צו צו אונז און געזאָגט: „איצט טאָרט איר נישט וויינען. איר דאַרפט זיך פרייען און דאַנקען דעם רבונו של עולם, װאָס איר האָט זיך דערוואָרט צו זען אייער זון. פירט אים צו תורה, חופה און מעשים טובים". אמן — האָט געענטפערט דער רב. מיר זענען אַוועק אין פאָטערס אָרעמער שטוב.

די יאָרן זיינען געלאָפן. באַלד נאָכן צוריקקומען פון דינסט זענען מיינע אַלטע עלטערן געשטאָרבן. אויך מיין פריוואַט לעבן האָט זיך נישט געקלעפּט.*) איצט אין סיפן עלטער פיל איך זיך איינזאַם און פאַרוואָרפן.

איצט אויף דער עלטער בין איך געבליבן איינער אַליין,
עלנד ווי אַ שטיין. עלנד ווי אַ שטיין.

---

*) די עלטערן האָבן אים חתונה געמאַכט קעגן זיין ווילן מיט נישט קיין געראָטן מיידל — א. ל.

VIII

וועגן מיליטער-דינסט פאַר יידן
אין קאָנגרעס-פוילן

מיליטער-דינסט פון יידן אין קאָנגרעס-פוילן. *)

היסטאָרישער איבערזיכט

(פון זיין אנטשטייאונג ביז צו די צייטן פון אלעקסאנדער דעם צווייטן).

אין דער אַלטער אומאָפּהענגיקער פוילישער מלוכה האָט נישט עקזיסטירט קיין אַלגעמיינער מיליטער-צוואַנג. דאָס מיליטער איז געוואָרן ווערבירט (געדונגען) פרייוויליק. ערשט אינם יאָר 1789 האָט דער א. ג. 4-יעריקער סיים אָנגענומען אַ געזעץ וועגן פאַרגרעסערן די אַרמיי ביז 100.000 מאַן דורך אַ צוואַנגס-רעקרוטירונג. דאָס געזעץ איז געוואָרן דורכגעפירט טיילווייז אין לעבן. פון יענער צייט הויבט זיך אָן אין פוילן דאָס „נעמען" אין מיליטער — אָדער צוואַנגס-רעקרוטאַציע. (אויף פויליש: „פּאָבור").

דאָסדאָזיקע געזעץ האָט זיך אָבער אויף יידן נישט באַצויגן. אינם אַמאָליקן פרייען פוילן האָט נישט עקזיסטירט פאַר יידן קיין אָבליגאַטאָרישער מיליטער-דינסט. **)

---

*) זואַמענגעשטעלט טיילווייז אויפן יסוד פון אַרכיוו-מאַטעריאַלן.

**) כאָטש אין אַלטע אַרכיוו-אַקטן רעדט זיך וועגן פאַרשידענע מינים קאַנטאָניסטן אָדער רעקרוטן, וועלכע מ'האָט גענומען אויך פון יידן, ווי „פּאָדימנע", ד. ה. אַז אַ געוויסע צאָל קוימענס (המוער) האָט געמוזט צושטעלן אַ רעקרוט, אויך האָט מען אַריינגעצויגן יידן אין דער „פּאָספּאָליטער רושעניע" (אין קריגס-צייט), דאָך איז קלאָר, אַז קיין אַלגעמיינער חוב פאַר יידן צו דינען אין מיליטער האָט נישט עקזיסטירט. אין די פאַלן האָט זיך, וואַרשיינלעך, געהאַנדלט וועגן אַן אָרט-מיליץ אָדער פּראָווינץ-מיליטער און נישט וועגן דער רעגולערער קרוין-אַרמיי. אויב סיהאָבן געדינט אויך יידן, זענען זיי, וואַרשיינלעך, געוואָרן געדונגען דורך די קהלות און זענען געגאַנגען פרייוויליק. אויך האָט נישט עקזיס-

בעת דעם קאַשטשיושקאָ-אויפשטאַנד האָט זיך געשאַפן אַ יידישער פוסגייער-פולק אונטער דער אָנפירונג פונם באַרימט-געוואָרענעם בערעק יאָסעלעוויטש. דער דאָזיקער פולק האָט געציילט אַן ערך 500 מאַן (אַלע כלומרשט פרייוויליקע) און איז דעם 7/XI 1794 כמעט אינגאַנצן אומגעקומען אויף די פּראַגער פאָרטן בשעת דער „פּראַגער שחיטה" פון סוואָראָווס חיילות.

נאָך דער דריטער און אַנטגילטיקער חלוקה פון פוילן אינם יאָר 1794 איז דער גרעסטער טייל פונם שפּעטערדיקן קאָנגרעס-פוילן אַרונטערגעפאַלן אונטער דער פּרייסישער הערשאַפט. די פּרייסישע מאַכט האָט נישט איינגעפירט אין די ניי-פאַרנומענע פּראָווינצן קיין מיליטער-פליכט, נישט פאַר קריסטן און, ממילא, אויך נישט פאַר יידן.

דאָס „וואַרשעווער פירשטנטום" (Księstwo Warszawskie) וואָס נאַפּאָלעאָן האָט געגרינדעט אינם יאָר 1807 און איז באַשטאַנען פון די אָפּגענומענע ביי פּרייסן און עסטרייך אַמאָליקע, דורך זיי פאַרכאַפּטע פּוילישע לענדערייען, האָט איינגעפירט כמעט אַלגעמיינע מיליטער-פליכט. דאָס איז געשען צוליב נאַפּאָלעאָנס פּאָליטיש-סטראַטעגישע פּלענער קעגן רוסלאַנד. ער האָט געצילט צו שאַפן זיך אין פוילן אַ קריגס-באַזע קעגן דאָזיקן לאַנד. פוילן האָט באַדאַרפן צושטעלן אַ טייל פון דער אַרמיי, מיט וועלכער ער האָט זיך געגרייט אַרויסצוטרעטן אין דער שפּעטערדיקער גרויסער מלחמה מיט רוסלאַנד.

לויט דער קאָנסטיטוציע האָט די אַרמיי אין „פירשטנטום" געזאָלט באַשטיין פון 30.000 מאַן — אַ חוץ דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וועלכע איז נישט אַריינגערעכנט געוואָרן אין דער דאָזיקער צאָל.

דאָס ווערבירן די 30.000 זעלנער איז פאָרגעקומען לויטן פראַנצויזישן שטייגער. מ׳האָט דורכגעפירט אַ קאָנסקריפּציע, ד.ה. מ׳האָט אַריינגעטראָגן אין ספּעציעלע רשימות אַלע מאַנסלייט אין עלטער פון 20 ביז 28 יאָר. צווישן די פאַרשרייבענע האָט מען געוואָרפן גורל און מ׳האָט אויסגעקליבן די נייטיקע צאָל רעקרוטן. די דינסט-צייט האָט געדאַרפט דויערן 6 יאָר.

דעם 9-טן מאַי 1808 איז דערשינען אַ דעקרעט פונם זאַקסישן קעניג, וועלכער איז געווען גלייכצייטיק דער ראש פונם „וואַרשעווער פירשטנטום", וועגן איינפירן אין לאַנד אַלגעמיינע מיליטער-פליכט אויף די אויבן-דערמאָנטע יסודות. יידן זענען פון דער דאָזיקער פליכט נישט

טירט קיין אײנהײטלעכע טאַקטיק אין דעם פרט אין באַצוג צו יידן. יעדע פּראָווינץ אָדער וואָיעוואָדשאַפט האָט געהאַנדלט אויף אייגענער האַנט און אינדיווידועל.

געוואָרן באַפרייט. דער 9 מאַי 1808 איז אַלזאָ, היסטאָריש גענומען, די דאַטע פון צוציען דורכן געזעץ פּוילישע ייִדן צום ערשטן מאָל צום מיליטער-דינסט.

דער טעקסט פונם דעקרעט האָט געלויטעט:

„עס מוז אומבאַדינגט דורכגעפירט ווערן אינם גאַנצן „וואַרשעווער פירשטנטום", אין די שטעט און דערפער, אַ מיליטערישע רעגיסטראַציע פון אַלע בירגער און איינוווינער, שטענדיקע און צייטווייליק-באַזעצטע, וואָס זענען אויף וואָס פאַראַ אופן עס איז צוגעבונדן צום לאַנד, אָן אונטערשייד פון געבורט, קלאַס, שטאַנד, באַשעפטיקונג און גלויבן. בלויז גייסטלעכע פונם קריסטלעכן גלויבן – און פונם ייִדישן בלויז איין רב און איין חזן פון יעדער קהלה – זענען פריי פון דינען אין מיליטער"...

דעם 10 אַפּריל 1811 איז דערשינען אַ נייער דעקרעט, וואָס האָט נאָך מער אויסגעשפּרייט דעם מיליטער-חוב אויפן כלל בירגער. דער נייער דעקרעט האָט באַשטימט, אַז אַלע מאַנסלייט אין עלטער פון 20 ביז 50 יאָר ווערן אַריינגעצויגן אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. באַפרייט זענען געווען בלויז קריסטלעכע גייסטלעכע און איין רב מיט אַ חזן פון יעדער ייִדישער קהלה.

דאָס האָט אייגנטלעך באַדייט אַן אַלגעמיינע מאָביליזאַציע, צוגעפּאַסט צו נאַפּאָלעאָנס ווייטזיכטיקע פּלענער.

אין באַצוג צו ייִדן איז דער דעקרעט פון 9/5 1808 געבליבן בלויז אויפן פּאַפּיר.

פון איין זייט האָבן ייִדן, זעלבסטפאַרשטענדלעך, נישט געהאַט דעם מינדעסטן חשק צו גיין אין מיליטער, וואָס איז געווען אַ ווערקצייג אין נאַפּאָלעאָנס האַנט און איז געווען באַשטימט אויף האַרמאַטן-פלייש. עס איז אויך איבעריק צו זאָגן, אַז לויט זייער רעליגיעזן און קולטורעלן ניוואָ, ביי דער אויסערגעוויינלעכער און עקסטרעמער אָפּגעשטאַנענקייט, געוואַלטיקער פרומקייט און דעם זיך אַלץ מער פאַרשפּרייטנדן חסידות, זענען פּוילישע ייִדן, אויסער אַ דינינקער שיכט משכּילים אין וואַרשע, געווען צו יענער צייט זייער כּרחוק מזרח ממערב פונם געדאַנק צו גיין דינען אין מיליטער. זיי האָבן אויך נישט פאַרמאָגט די מינדעסטע עמאַנסיפּאַציע-אַספּיראַציעס, מיט וועלכע דער ייִדישער מיליטער-דינסט איז אין יענע צייטן געווען פאַרבונדן אין אַנדערע מלוכות, ווי למשל אין דייטשלאַנד. זיי האָבן מיטן גאַנצן האַרצן און מיט

דער גרעסטער צופרידנקייט מוחל געווען די גלייכבארעכטיקונג, אבי מ׳זאל זיי לאָזן צורו מיטן מיליטער-דינסט און אנדערע אייראָפּעאיזירונגס-רעפאָרמען. זיי האָבן זיך אויך אין דער ריכטונג זייער שטאַרק משתדל געווען.

פון דער צווייטער זייט האָבן אויך די פוילישע מיניסטאָרן פון דער וואַרשעווער רעגירונג נישט געוואָלט אויפצווינגען די יידן דעם מיליטער-דינסט. אין דער שפּיץ פון דער רעגירונג זענען געשטאַנען אויסגעשפּראָכענע אנטיסעמיטן. זיי האָבן געקוקט אויף יידן ווי אויף נידריקע ברואים, פּאַראַזיטן. דער פּריצישער שטאָלץ זייערער האָט זיי נישט דערלאָזט אריינצוציען יידן גאַסנווייז אין דער ארמיי. זיי האָבן זיך מיט זיי (יידן) פּשוט געמיאוסט. און נאָך א סבה האָט דערביי געווירקט: די וואַרשעווער קאָנסטיטוציע איז געווען צוגעשניטן לויטן פראַנצעזישן מאָדעל. זי האָט פאָרזיכערט אלע בירגער, נישט אויסשליסנדיק די יידן, גלייכע רעכט. די רעגירונג האָט אָבער נישט געקלערט דורכצופירן די גלייכבארעכטיקונג פון יידן אין לעבן. דעם 17/X 1808 איז ארויס א דעקרעט, וואָס האָט אָפּגעלייגט די גלייכבארעכטיקונג פון יידן אויף 10 יאָר. עס איז דאריבער נישט געווען דער רעגירונג צו דער האַנט צו צווינגען די יידן צו גיין אין מיליטער. וואָלט זי צוגעצויגן יידן צום מיליטער-דינסט — וואָלט זי באַין ברירה געמוזט זיי געבן אויך גלייכע רעכט. אזוי ווייט וואָלט זי נישט געקאָנט מעיז פּנים זיין. צוליב דעם איז זי גערן אנטקייגן געקומען דעם ווונש פון דער יידישער אָפּגעשטאַנענקייט און האָט געפּסקנט: קיין קאַרדינאַלע רעכט און קיין קאַרדינאַלע פליכטן.

דאָך איז מצד דער רעגירונג געמאַכט געוואָרן א פּרווו דורכצופירן מ׳ט געוואָלט א פּאַבאַר ביי וואַרשעווער יידן.*) אינם יאָר 1809 האָט די מאַכט פאַרהאַלטן אין וואַרשע א געוויסע צאָל יינגע יידן, כדי אָפּצוגעבן זיי פאַר רעקרוטן. אלע יידן אין מיליטער-עלטער זענען זיך צעלאָפן פון דער שטאָט. דעם 11/7 1809 האָבן זיך די יידן געווענדעט צו דער „ראַדאַ סטאַנו" מיט א ביטע נישט דורכצופירן אויף א צוואַנגס-אופן דעם פּאַבאַר. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן א צאָל פון 168 יידישע רעקרוטן.

בכלל, ווייזט אויס, האָט מען אין יענע עטלעכע יאָר, פון 1808 ביז 1812, סיילוויי יאָ גענומען פון יידן רעקרוטן. אזוי לייענען מיר אין אַ מע-

---

*) פון די אקטן פון „יידישן-קאָמיטעט" אין וואַרשעווער בילדונגס-ארכיוו ביים אוניווערזיטעט.

מאריאל, וואס די פארשטייער פון ווארשעווער קהל האבן דערלאנגט דעם 28/7 1814 אלעקסאנדער דעם I-טן בעת זיין וויילן אין ווארשע, אז: „מיר האבן אנטייל גענומען אין אלע נויטן פון דער מלוכה צוגלייך מיט אלע אנדערע בירגער. מיר האבן אפילו צוגעשטעלט אונזערע זין צום מיליטער ביז די רעגירונג האט עס געהאלטן פאר נוצלעכער אונז צו באפרייען פון דינסט פארן פרייז פון 700.000 זל. יערלעך.“ — צוביסלעך האבן יידן אלזא יא געדינט אין מיליטער. נאר ס׳איז צוגעגאנגען זייער שווערלעך און הארטנעקיק מצד די יידן, ווי ס׳באווייזט אונז דער פאל אין ווארשע אין יאר 1809. און יידן האבן זיך נישט אויפגעהערט משתדל צו זיין, מ׳זאל זיי געזעצלעך און אנסגילטיק באפרייען פון דינסט פאר א געלט-שטייער. —

סוף סוף איז די רעגירונג איינגעגאנגען אויף דעם יידישן פארשלאג און האט איינגעשטימט צו פארבייטן די יידן דעם מיליטער-דינסט אויף א מיליטער-שטייער.

דעם 29/I 1812 איז געווארן פארעפנטלעכט א פירשטלעכער דעקרעט מיט פאלגענדן אינהאלט:

> „אזוי ווי דער גאנצער כלל-ישראל אינם ווארשעווער פירשטנטום האט זיך געווענדעט צו מיר דורך זיינע פארשטייער, אויסדערוויילטע פון אלע דעפארטאמענטן, און האט געבעטן, אז מ׳זאל אים באפרייען פון אקטיוון מיליטער-דינסט פארן פרייז פון א געוויסער דורך אים אליין פארגעלייגטער סומע, וועלכע זיי וועלן יערלעך איינצאלן אין מלוכה-אוצר;
>
> נעמענדיק אויך אין אכט, אז אזא דינסט, וועלכן יידן באטראכטן פאר א צו שווערן פאר זיך, איז אויך צוליב אנדערע סבות און אין הינזיכט פון לאנד-פארטיידיקונג נישט צוגעפאסט פאר זיי;
>
> און נעמענדיק נאך אין אכט, אז די מצוות, מנהגים און געוווינהייטן אינם פריוואטן און געזעלשאפטלעכן לעבן, מיט וועלכע יידן הערן נישט אויף אפצעטיילן זיך פונם גאנצן כלל לאנד-איינוווינער, — וואס האט אויך גורם געווען דאס אפלייגן זייער אנטייל אינם געניסן פון די בירגערלעכע רעכט, — מאכן זיי אויך אומפעאיק פארן איידעלן זעלנערישן באַרוף און איבערצייגן אונז, אז די וויכטיקע אנגעלעגנהייט פון לאנד-פארטיידיקונג קאן זיי נאך נישט אן א באגרענעצונג

אָנפארטרויט ווערן; — באשליסן מיר: די סומע פון 700.000 פוילישע גילדן, וואָס די יידן פונם ווארשעווער פירשטנטום לייגן אייגנוויליק פאר, דערלויבן מיר אָנצונעמען אין מלוכה-שאָץ און פון היינט אָן ווערן די יידישע איינוווינער פונם פירשטנטום באפרייט פון פערזענלעכן מיליטער-דינסט".

אינם זעלבן יאָר — 1812 — ווען עס איז אויסגעבראָכן דער גרויסער קריג צווישן פראנקרייך און רוסלאנד, האָט מען אינם „ווארשעווער פירשטנטום" גענומען א טאָפלטע צאָל רעקרוטן. דאמאָלס האָט מען אויך איינגעמאָנט פון די יידן א טאָפלטן מיליטער-שטייער, ד. ה. 1.400.000 פוילישע גילדן אָנשטאָט 700.000.

קורץ דערנאָך איז געקומען נאפּאָלעאָנס מפּלה. צוזאמען מיט זיין באשעפער איז אויך אונטערגעגאנגען דאָס „ווארשעווער פירשטנטום". אויף זיינע חורבות איז דורכן ווינער קאָנגרעס אינם יאָר 1815 אויפגעריכטעט געוואָרן א פויליש קעניגרייך, באקאנט מיטן נאָמען „קאָנגרעס-פוילן". מיט אַן אייגענער רעגירונג, סיים און ארמיי, — פאראייניקט מיט רוסלאנד אין א פערסאָנאלער אוניע, ד. ה. — דער רוסישער צאר איז געווען גלייכצייטיק פוילישער קעניג.

אין דער פּראַקטיק, ווייזן מיר, האָט די רוסישע אפּוטרופּסות געפירט צו טיראניי אין פוילן און האָט ענדלעך דערפירט צום נאָוועמבער-אויפשטאנד אינם יאָר 1830.

דעם 5/X 1816 איז דערשינען אלעקסאנדער דעם ערשטנס באפעל וועגן דורכפירן אינם ניי-אויפגעריכטעטן קעניגרייך אַן אלגעמיינע רעקרוטירונג. פון די צענויפגעקליבענע רעקרוטן איז געוואָרן אָרגאניזירט די נייע פוילישע ארמיי אונטער דער אויבערהערשאפט פון אלעקסאנדערס ברודער — קאָנסטאנטין. דער באפעל האָט געלויטעט, אז לאנד-פארטיידיקונג איז א פליכט פון יעדן בירגער און דעריבער דארף מיליטער-דינסט פארפליכטן אלע קלאסן אָן אונטערשייד פון שטאנד, געבורט און רעליגיע — אין עלטער פון 20 ביז 30 יאָר. פון מיליטער-דינסט זענען געווען פריי די, וועלכע זענען געווען פארהייראט איידער דער באפעל איז ארויס, און אויך די, וועלכע וועלן אין דער צוקונפט הייראטן פארן דערגרייכן דעם רעקרוטן-עלטער, ד. ה. יינגערע פון 20 יאָר. יידן זענען נישט געוואָרן אויסגעשלאָסן פון מיליטער-דינסט בלויז איין רב און איין חזן פון

יעדער קהלה זענען געוואָרן באַפרייט. יעדער רעקרוט האָט אויך געהאַט רעכט צוצושטעלן פאַר זיך אַ פרייוויליקן פאַרטרעטער. דאָס דינען אין דער פוילישער אַרמיי האָט געדויערט 10 יאָר.

אַזוי ווי לויטן דערמאָנטן באַפעל זענען באַווייבטע צו 20 יאָר געווען פריי פון מיליטער־דינסט. האָבן יידן נישט באַדאַרפט ספּעציעל זיך משתדל זיין וועגן אויסשליסן זיי פון דער דאָזיקער פליכט. זיי האָבן לייכט געפונען אַן אויסוועג, אַז קיין איינאיינציקער ייד זאָל נישט דאַרפן גיין אין מיליטער: צו 20 יאָר זענען אַלע יידן שוין געווען פאַרהייראַט. דער דאָזיקער זאַך־צושטאַנד האָט גורם געווען צום דערשיינען פון אַ נייעם קייזערלעכן באַפעל פון 26/XII 1816 מיט פאָלגנדן אינהאַלט:

> נעמענדיק אין אַכט, אַז בײַ יידן איז איינגעפירט דער מנהג חתונה צו האָבן פאַרן דערגרייכן דעם 20־יעריקן עלטער און, אַז דער דאָזיקער מנהג וואָלט אויפן סמך פון באַפעל פון 5/X 1816 באַפרייט דעם גאַנצן יידישן מענלעכן דור פון מיליטער־דינסט און אויף אַזאַ אופן וואָלטן דער אַלגעמיינער צוועק און די בפירושע פאַרשריפטן פונם דערמאָנטן באַפעל פאַרלוירן זייער זין און ווירקונג אין באַצוג צו יידן — איז — כדי קעגנצווווירקן דער דאָזיקער געמיינהייט — באַשליסן מיר: יידישע יינגעלייט אין עלטער פון 20 ביז 30 יאָר זענען מחויב צו דינען אין מיליטער און אַריינגעצויגן צו ווערן אין די רעקרוטן־רשימות אַלצאיינס צו זיי זענען בחורים אָדער באַווייבטע. — אַלס פאַרטרעטער קאָנען יידן צושטעלן נאָר יידן״.

צו דעם האָבן, ווייסט אויס, געצילט די דעמאָלסדיקע מאַכט־האָבער אין פוילן.

יידן האָבן, נאַטירלעך, גאָרנישט געטראַכט וועגן גיין אין מיליטער. זיי האָבן זיך באַמיט וועגן פאַרטוישן זיי דעם דינסט אויף אַ געלט־שטייער. אויך די פוילישע מלוכה־קרייזן זענען נישט געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אינם אַריינציִען די יידן אין מיליטער — צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים: פריציש־נאַציאָנאַלע אַמביציעס און טראַדיציאָנעלע באַציאונג צו יידן בכלל און צו זייערע מיליטערישע פעאיקייטן בפרט; אויך די אַנטשלאָסענע קעגנערשאַפט צו פאַרברייטערן די בירגערלעכע און פּאָליטישע רעכט פון די יידן. די יידישע השתדלות האָט דאַריבער נישט אָנגעטראָפן אויף קיין שטאַרקער און פּרינציפּיעלער

קאָננערשאַפט מצד דער רעגירונג און איז געקרויינט געוואָרן מיט אַ דערפאָלג. עס זענען בלויז פאַרגעקומען אונטערהאַנדלונגען וועגן דער גרויס פונם ספּעציעלן שטייער: יידן האָבן געוואָלט געבן ווייניקער און די רעגירונג האָט געפאָדערט מער. וועגן דאָזיקן משא-ומתן, וואָס האָט זיך געפירט צווישן יידן און דער רעגירונג, דערציילן אונז 2 ארכיוו-אקטן *) — איינער איז נוגע דעם שטייער פון אלע וואָיעוואָדשאַפטן אויסער דער הויפּטשטאָט ווארשע און דער צווייטער — בלויז דער הויפּטשטאָט ווארשע.

דער ערשטער פון 19/VIII 1817 לויטעט:

„דער פירשט נאַמיעסטניק אין דער „ראַדאַ סטאַנו” (מלוכה-ראַט). באַטראַכטנדיק פון איין זייט אויפן יסוד פון ציטירטן קייזערלעכן דעקרעט די הויך פון דער סומע, וועלכע יידן דאַרפן איינצאָלן אינם פאַל פון באַפרייען זיי פון אקטיוון דינסט, און פון דער צווייטער זייט די פאַרגעשלאָגענע דורך דער קאָמיסיע (פאַר הכנסה און מלוכה-אוצר) דערקלערונג פון די יידישע דעלעגאַטן פון די באַזונדערע וואָיעוואָדשאַפטן — האָט אַרויסגעטראָגן דעם באַשלוס, לויט וועלכן עס איז געוואָרן דערלויבט אָנצונעמען פון די יידן די דורך זיי פאַרגעשלאָגענע סומע פון *600.000* פוילישע גילדן, נישט אַריינרעכענענדיק די איינוווינער פון ווארשע”.

דער צווייטער וואָס איז נוגע ספּעציעל ווארשע, איז פון 6/XII 1817 און לויטעט:

פּראָטאָקאָל פון דעם „אַדמיניסטראַטיוון ראַט”:

„באַטראַכטנדיק, אַז דער אונז פאַרגעשטעלטער צום באַשטעטיקן פאַרשלאָג פון ווארשעווער קהל אין דער פראַגע פון באַפרייען די יידן פון אקטיוון דינסט אין מיליטער פון קעניגרייך פוילן, וואָס איז אונז געוואָרן פּראָטאָקוליאַריש צוגעשיקט דורך דער רעגירונגס-קאָמיסיע פאַר הכנסות און מלוכה-אוצר דעם 28 נאָוועמבער ה. י., קאָן נישט אָנגענומען ווערן צוליב דער נידריקייט פון דער פאַרגעלייגטער פאַר דער באַפרייאונג סומע, וועלכע אַנטשפּרעכט נישט נישט דער צאָל יידן אין דער הויפּטשטאָט און נישט די באַדייטנדע פאַרדינסטן פון די דאָזיקע יידן; —

---

*) אַקטן פונם יידישן קאָמיטעט נומער 74 (אינם בילדונגס-ארכיוו ביים ווארש. אוניווערסיטעט)

באטראכטנדיק פון דער צווייטער זייט, אז די דערלויבניש אויף א קעגנזייטיקן אָפמאך אין דער דאָזיקער פראגע איז געווען בלויז א חסד, וואָס די רעגירונג האָט די יידן ארויסגעוויזן, ווייל דער דריטער ארטיקל פונם קייזערלעכן דעקרעט פון 26/12 1816 לאָזט איבער דער רעגירונג דאָס רעכט צו באשטימען אן אָפצאָל פאר באפרייען די יידן פון אקטיוון מיליטער-דינסט אינם פאל, ווען דער פערזענלעכער דינסט זייערער וואָלט זיך ארויסגעוויזן אלס נישט אומבאדינגט-נויטווענדיקער; —

צוליב די דאָזיקע מאָטיוון און אויפן סמך פון אויבנדערמאָנטן ארטיקל פונם קייזערלעכן דעקרעט און אויך אנטשפרעכנד צום פאָרשלאָג, וואָס איז אונז געמאָכט געוואָרן מצד די יידן דורך דער רעגירונגס-קאָמיסיע פאר הכנסה און מלוכה-אוצר דעם 8-טן ה. ח., באשליסן מיר: — די יידן פון דער הויפט-שטאָט ווארשע מוזן פאר זייער באפרייאונג פונם אקטיוון דינסט אין דער לאנד-ארמיי אנציילן יערלעך אין מלוכה-אוצר 100.000 פוילישע גילדן אלס רעקרוטן-אָפצאָל.

דאָס צאָלן הייבט זיך אָן דעם 1/I 1818. — דאָס אויספירן דעם דאָזיקן באשלוס ווערט איבערגעגעבן דער רעגירונגס-קאָמיסיע פאר הכנסה און מלוכה-אוצר".

צוזאמען האָט דער ספעציעלער יידישער רעקרוטן-שטייער באטראָפן 700.000 פוילישע גילדן א יאָר, אלזאָ אזויפיל, ווי אין די צייטן פון „פירשטנטום". לשם פינקטלעכקייט דארף מען צוגעבן, אז די זעלבע קאָמיסיע (פאר הכנסה אין מל.-אוצר) האָט אין אירס א בריוו פונם 7/XII 1825 צום פינאנץ-מיניסטער אנגעגעבן, אז די ספעציעלע שטייערן, וואָס יידן צאָלן אלס יידן, זענען דער רעקרוטן-שטייער און דער כשרות-שטייער (פון יידישער שחיטה) און זיי באטרעפן יערלעך: רעקרוטן-שטייער — 701.996 פוילישע גילדן מיט 28 גראָשן און דער כשרות-שטייער — 1.470.537 פוילישע גילדן.

אין די דרייסיקער יאָרן, נאָכן נאָוועמבער אויפשטאנד, איז דער רעקרוטן-שטייער געוואָרן איבערגערעכנט אין רוסישע רובלס און האָט באטראָפן 105.299 רובל מיט 58 קאָפעקעס.

וועגן דעם אופן, וויאזוי די דאָזיקע סומע איז געוואָרן צעטיילט אויף די באזונדערע קהלות און יחידים און וויאזוי זי איז איינגעפלאָסן אין מלוכה-אוצר, דערציילט אונז אויך אן אָפיציעלער אקט פון יענע יאָרן. *)

---

*) פון די אויבנדערמאָנטע ארכיוו-אקטן.

דער אַקט איז געשריבן אין דער פאָרם פון אַ פּראָטאָקאָל און ער דערקלערט, אז:

„דער רעקרוטן־אָפּצאָל איז נישט קיין אַלגעמיינער שטייער. נאָר איז אַן אָפּצאָל פאַר באַפרייען זיי (די יידן) פון מיליטער. דאָס שטאַמט פון אַ גוטוויליקן אָפּמאַך צווישן דעם מלוכה־שאַץ און די יידן... דאָס איינמאָנען די דאָזיקע סומע (700.000) איז ביז היינט פאָרגעקומען אויף אַזאַ אופן: צום ערשטן איז די צעטיילונג פון דער דערמאָנטער סומע צווישן די באַזונדערע וואָיעוודשאַפטן געמאַכט געוואָרן דורך די יידישע דעלעגאַטן, וועלכע האָבן פאַרהאַנדלט מיטן מלוכה־אוצר. די פאַרטיילונג אין יעדער וואָיעוודשאַפט אויף די באַזונדערע קהלות איז געמאַכט געוואָרן דורך די דעלעגאַטן פון דער באַטרעפנדער וואָיעוודשאַפט. — אין יעדן קהל האָט מען די חלוקה אויף די געמיינדע־מיטגלידער איבערגעלאָזט די ראשי־הקהל. וועלכע האָבן די אַרויפגעלייגטע סומע איינקאַסירט פון די שטייער־צאָלער און אַריינגעטראָגן אין מלוכה־אוצר“.

פונם דאָזיקן פּראָטאָקאָל איז צו זען, אז דער רעקרוטן־שטייער איז געווען אַן אינדיווידועלער און איז געווען אָפּהענגיק פון פאַרמעגנס־שטאַנד פון יעדן שטייער־צאָלער.

פוילישע יידן זענען אין זייער איבערוויגנדער מערהייט געוויס געווען צופרידן פונם אָפּמאַך מיט דער רעגירונג: זיי האָבן נישט באַדאַרפן גיין אין דער קאַזאַרמע, וואָס וואָלט פאַר זיי, צו יענער צייט, געווען אַ שווערע לאַסט. בפרט ווען אין רוסלאַנד, אייגנטלעך אין די אַמאָליקע פוילישע פּראָווינצן, האָט זיך אָנגעהויבן אינם 1827־טן יאָר די ווילדע קינדערכאַפעריי, האָבן פוילישע יידן געוויס געהאַט אַ גרונט צו זיין שטאַרק צופרידן.

אויך די פוילישע רעגירונג, דאַרף מען משער זיין, איז געבליבן צופרידן מיטן דאָזיקן צושטאַנד. וועגן די יידישע מיליטערישע פעאיקייטן האָט זי קיין הויכע מיינונג נישט געהאַט. קיין בירגערלעכע גלייכבאַרעכטיקונג האָט זי די יידן נישט געוואָלט צושטעקן. זי איז אַבסאָלוט נישט געווען פאַראינטערעסירט צו זען די יידן אין די רייען פון דער פוילישער אַרמיי. דאַקעגן האָט דער יידישער רעקרוטן־שטייער אין דער הייך פון 700.000 גילדן געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג פאַר די פינאַנסן פון לאַנד. צו יענער צייט איז עס געווען אַ גאַנץ באַדייטנדע סומע.

עס ווייזט אויס, אַז יידן איז עס שווער אָנגעקומען צו צאָלן דעם דאָזיקן שטייער. זיי האָבן אים אויך באַטראַכט — די גרויס פון דער סומע — פאַר אַן אומגערעכטן. „די באַראַטונגס-קאַמער ביים יידישן קאָמיטעט" *) האָט דעם 8/I 1827 איבערגעגעבן דעם קאָמיטעט פאָלגענדן מעמאָריאַל, וואָס באַהאַנדלט די פראַגע פונם רעקרוטן-שטייער. זיי שרייבן:

> „... לויטן אָפּמאַך האָבן זיך יידן מתחייב געווען איינצוצאָלן יערלעך 700.000 גילדן. די דאָזיקע סומע צוזאַמען מיט אַוויזאַציעס און עקזעקוציעס באַטרעפט 800.000 גילדן. נעמענדיק אין אַכט, אַז יידן מוזן צאָלן אַזויפיל, וויפל זיי האָבן געצאָלט אין די צייטן פון „וואַרשעווער פירשטנטום", ווען ביז אַ האַלבער מיליאָן יידן האָט אָנגעהערט צו די צאָלער פונם דאָזיקן שטייער אָנשטאָט וואָס איצט ווערט דער שטייער צעטיילט בלויז אויף 300.000 צאָלער. — נעמענדיק אויך אין אַכט, אַז די מאַטעריעלע לאַגע פון די יידן האָט זיך אַ סאַך

---

*) דער א. נ. „יידישער קאָמיטעט" („Komitet Starozakonnych") איז געוואָרן געגרינדעט אינם יאָר 1825. די רעגירונג האָט אים געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו באַטראַכטן אַלזייטיק דאָס גאַנצע יידישע פּראָבלעם און אויסצואַרבעטן פּראָיעקטן אינם גייסט פון אייראָפּעאיזירן און ציוויליזירן יידן. אין יענע צייטן האָט עס באַדייט — צו אַסימילירן יידן מיט דער פּוילישער באַפעלקערונג.

דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון פאָלג. פּערזאָנען: דירעקטאָר איגנאַצי זאַלעסקי, אַסעסאָרן וואַלעריאַן קראַשינסקי און סטעפאַן וויטוויצקי, ביוראָ-שעף יאַן איוואַשקעוויטש און סעקרעטאַרן — משומד (כאַסקל) סטאַניסלאַוו האָגע און יוזעף קאָזנאַצקי.

ביים קאָמיטעט האָט אויך עקזיסטירט אַ באַראַטונגס-קאַמער („Izba Doradcza"), וועלכע איז באַשטאַנען פון אַ פּרעזידענט אַ קריסט און 5 מיטגלידער וואַרשעווער יידן. דער קאָמיטעט האָט זיך באַדאַרפן אין אַלע פראַגן שואל-עצה זיין מיט דער קאַמער. צו דער קאַמער האָבן אָנגעהערט: הויפּט-ראַט מ. א. מיללער אַלס פּרעזידענט און מיטגלידער: יעקב בערקסאָן, מיכאל ראַחסקי-שטיינער, איזאַק יאַנאַש, שלמה מאַרקוס פּאָזנער און העבריק סאַמועלסאָן. אַלס פאַרטרעטער: שלמה אייגער, יוסף עפּ-שטיין, חיים האַלבערשטאַם, אברהם שטערן און טעאָדאָר טעפּליץ. סעקרעטאַר — יאַן גליקסבערג. — אויסערדעם האָט דער קאָמיטעט נאָך געהאַט אַ ריי קאָרעספּאָנדענטן (יידן) אויף דער פּראָווינץ, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט דער קאַמער און קאָמיטעט.

דער קאָמיטעט האָט געאַרבעט זייער טיכטיק און צוגעגרייט פאַרשידענע רעפאָרם-פּראָיעקטן פאַר יידן. אַלע זענען זיי געווען אין אולטראַ-אַסימילאַטאָרישן גייסט. ס'האָט געהייסן, אַז מ'דאַרף מאָראַליזירן יידן. די באַציאונג פון די חסידים און מתנגדים צום קאָמיטעט איז געווען אַ שאַרף-נעגאַטיווע. צוליבן פּראָיעקט און גרינדונג פון דער „ראַבינער-שול" מיט איר ספּעציפישן פּראָגראַם האָבן די פרומע יידן געהאַלטן, אַז דער קאָמיטעט מאַכט אַן אַטענטאַט אויף דער יידישער אמונה און מ'האָט געהאַלטן ביי גוזר-תענית זיין. דאַקעגן די אַסימילירטע יידן, ווי אַנטאָני אייזענבוים א. א. האָבן געשטיצט און מיטגעאַרבעט מיטן קאָמיטעט.

> פארערגערט פון די צייטן פונם ערשטן אפמאך וועגן רעקרוטן-שטייער, וואס איז פארגעקומען אינם יאר 1812, ווייל דער קריטישער צושטאנד פון האנדל און אין אלגעמיין האט זיך ספעציעל אפגערופן אויף יידן, און אויך, ווייל אין דער צווישנצייט זענען ארויס פארשידענע ספעציעלע פארשריפטן וועגן יידן, וועלכע האבן ביי זיי צוגענומען א ריי פרנסות, מוז דאריבער יעדער איינער מודה זיי, אז דער רעקרוטן-שטייער אין דער הייך פון 700.000 גילדן איז א צו שווערער. מ'קאן אויך נישט נישט מאכן די באמערקונג, אז ווען איצט באטרעפט דער קאנטינגענט רעקרוטן א יאר נישט מער פון 3000, וואלט אויסגעקומען צו נעמען פון יידן פראפארציאנעל 300 רעקרוטן א יאר. און ווען אנשטאט 300 רעקרוטן מוזן יידן איינצאלן 700.000 גילדן — און צוזאמען מיט עקזעקוציע-קאסטן ביז 800.000 — מאכט דאס אויס, אז יידן צאלן פאר יעדן רעקרוט 2600 גילדן".

די יידישע טענות, אפיעקטיוו גערעכטע, האבן אבער קיין שום ווירקונג נישט געהאט. דער רעקרוטן-שטייער איז נישט געווארן פארקלענערט.

אבער שוין נישט אין דער הייך פונם רעקרוטן-שטייער איז דאן געלעגן דער שווער-פונקט פון דער פראגע. אין משך פון די 10 יאר, זייט עס איז געשלאסן געווארן דער אפמאך צווישן די יידן און דער רעגירונג וועגן מיליטער-שטייער, האט זיך געענדערט די באציאונג פון דער רעגירונג און דער געזעלשאפט צו דער זאך. דער געדאנק, אז דאס ווירקזאמסטע מיטל צו רעפארמירן די יידן, צו אייראפעאיזירן זיי, איז דאס ארייננציען זיי אין דער ארמיי, — געפינט וואס א מאל מער אנהענגער און געפינט זיין שטארקן אויסדרוק אינם בריטן און אויספירלעכן מעמאריאל, וואס דער „יידישער קאמיטעט" האט דעם 14-טן מאי 1827 דערלאנגט דער רעגירונג ספעציעל וועגן דער פראגע פון צוציען יידן צום מיליטער-דינסט. דער „יידישער קאמיטעט" באשעפטיקט זיך זייער ערנסט מיט דער מיליטער-פראגע, מאכט זי פאר א צענטראלן פונקט פון זיינע פארשלאגן און עצות, און באמיט זיך צו באווייזן, אז מיליטער-דינסט איז דאס בעסטע און ווירקזאמסטע מיטל צו באאיינפלוסן און דערציען די יידן אין בירגערלעכן און ציוויליזאטארישן גייסט. וועגן דער צוועקמעסיקייט פון ארייננציען יידן אין דער ארמיי שרייבט דער „יידישער קאמיטעט" אזוי *):

---

*) פון די דערמאנטע ארכיוו-אקטן.

„... אין רעזולטאט פון די ביידע באשלוסן צאָלן יידן איין אין מלוכה-אוצר א געוויסן שטייער אַנשטאָט פערזענלעכן דינסט אין מיליטער. אָבער אין דער היינטיקער עפּאָכע, ווען די פון לאַנג אנערקענטע נויטווענדיקייט צו רעפאָרמירן דאָס יידישע פאָלק פאַרנעמט באַזונדערס די אויפמערקזאַמקייט פון דער רעגירונג, קאָן זי נישט בלייבן גלייכגילטיק צו די מיטלען, וועלכע פירן צו דער רעפאָרם.

דאָס איינציקע וויכטיקסטע מיטל, וואָס דאַרף ברענגען די זיכערסטע רעזולטאַטן, איז דאָס נעמען יידן אין מיליטער.

און כאָטש דאָס איז נישט קיין סוד פאַרן „קאָמיטעט", אַז יידן פילן אַן עקל צו יעדער אַרט לעבן, וואָס איז פאַרבונדן מיט עפּעס אַ גרעסערער אַרבעט, און מיט נאָך אַ קלענערן חשק וועלן זיי זיך ווידמען אַ באַרוף, וואָס פון איין זייט אַנטהאַלט ער די מעגלעכקייט פון פערזענלעכע לעבנס געפאַרן און פון דער צווייטער זייט דראָט ער מיט אַ שטאַרקערער באַהעפטונג מיט דער לאַנדס-געזעלשאַפט, וואָס זיי מיידן אַזוי מיואס אויס; און כאָטש מ'וואָלט דאָ געקאָנט פאַרשטעלן שוועריקייטן אויך מצד די רעליגיעזע מצוות זייערע, — דאָך קאָן מען זאָגן אָן יעדן צווייפל, אַז די אויסגערעכנטע שוועריקייטן זענען נישט קיין אומאָפּווענדבאַרע און קאָנען לייכט באַזייטיקט ווערן.

די אַלטע געשיכטע פון יידישן פאָלק, אויך פאַרשידענע ביישפילן פון אַנדערע פעלקער אין די נייערע צייטן, טיילווייז אויך פון אונזער אייגן לאַנד, באַווייזן אונז קלאָר דעם דאָזיקן אמת. די געשיכטע פון די יידן און אַנדערע ביישפילן באַווייזן אונז אויסערדעם, אַז אויך פון אַ ייד קאָן אַרויסקומען אַ גוטער זעלנער. דאָ אָבער גייט נישט וועגן אוממיטלבאַרן נוצן, וואָס וועט אַרויסקומען פאַרן מיליטער-שטאַנד, ווי וועגן דער אַלגעמיינער טובה פאַרן לאַנד, וואָס וועט פליסן פון דער דורכגעפירטער מאָראַלישער רעפאָרם איבער אַ קלאַס איינוווינער, וואָס איז ביז איצט שעדלעך פאַרן כלל.

ווען אפילו דאָס אַריינציען יידן אין דער אַרמיי וואָלט נישט דערפילט די האָפנונג פון אויסגלייכן זיי אין דער באַציאונג צום מיליטער-באַרוף מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג פון לאַנד, דאָך פון שטאַנד-פונקט פון זייער מאָראַלישער פאַרבעסערונג וועט עס ברענגען זיכערע און אומפאַרגלייכבאַר וויכטיקערע נוצן.

אין אמתן קאן מען מיט באשטימטקייט זאגן, אז א ייד — ווערנדיק זעלנער — וועט אויף שטענדיק אויפהערן צו זיין א ייד. ארדנונג, ריינקייט, ארבייטזאמקייט און איבערהויפט די איידלקייט פון באַרוף וועלן אין אים באשטימט באקעמפן די צעפוילסקייט, פוילקייט צו ארבעט און וועלן אנגעבן אן אנדערע ווענדונג די גייסטיקע פעאיקייטן, מיט וועלכע ער איז רייך באשאנקען, נאר וועלכע ער נוצט אויס כמעט שטענדיק אויף צו דערווערבן אומערלעכע פארדינסטן דורך אפנארן יענעם און דורך יענעמס קריוודע.

אוועקווארפנדיק איינמאל דעם וועג פון שעדלעכע פאר זיך און פארן לאנד געוווינהייטן; ליבנדיק, צוגעוווינענדיק זיך ווייניקסטנס צו ארבעט, ארדנונג און ריינקייט; אויפהייבנדיק זיך איינמאל איבערן אבערגלויבן און איבערצייגנדיק זיך, אז עס זענען דא אנדערע איידעלערע צילן און אויפגאבן אין באצוג צום שותפותדיקן פאטערלאנד און מיטבירגער, ווי דאס פירן פארן פרייז פון זייער גליק אן ארעם און פאראכטונגספול לעבן — קאן מען זיין זיכער, אז דער ייד וועט אויפהערן צו זיין שעדלעך פארן לאנד ווי ער איז עס איצט, פארקערט, ער וועט ווערן איבערגעבילדעט אין א נוצלעכן מיטגליד פון דער געזעלשאפט און וועט קענען דינען אלס ביישפיל פאר זיינע גלויבנס-ברידער און שטארק מיטווירקן צו זייער אויסבעסערונג.

אויסערדעם וועט דאס אפרייסן די יידישע יוגנט פון דער געזעלשאפט, וואס האלט זיך שטענדיק אפגעזונדערט און בילדעט שטענדיק א באזונדערע קערפערשאפט אין לאנד, און דאס ענגע פארבינדן זי מיט די איבעריקע לאנדס-בירגער — איר פארזיכערן די אויבנאויסגערעכנטע פערזענלעכע נוצן און דאס וועט אויך ווירקן אם ראדיקאלסטן קעגן דער שעדלעכער אפגעזונדערטקייט, קעגן דעם אייפערפולן אפטיילן זיך פון די איבעריקע לאנדס-איינוווינער, וואס ווערט מיט רעכט באטראכט פאר דער גרעסטער שטערונג צו דער ציוויליזירונג פון יידן“.

בנוגע דעם שאדן, וואס וועט ארויסקומען פארן מלוכה-אוצר — ווייל אויב יידן וועלן דינען פערזענלעך אין דער ארמיי, וועלן זיי דאך אויפהערן צו צאלן דעם שטייער — לייגט דער „קאמיטעט“ פאר, אז די קריסטלעכע געזעלשאפט זאל דעקן דעם דאזיקן שאדן, ווייל זי וועט דארפן געבן אויף אזויפיל ווייניקער רעקרוטן, וויפל ס'וועט באטרעפן די צאל יידישע רעקרוטן.

דער „קאמיטעט" לייגט אלזא פאר ארויסצולאזן באפרייאונגס-בילעטן, וועלכע קריסטן זאלן קענען איינקויפן און פריי זיין פון מיליטער. די רעגירונג דארף פאר די ראזיקע בילעטן אפנעמען אזויפיל, וויפל עס האט באטראפן דער יידישער רעקרוטן-שטייער.

ווייטער לייגט דער „קאמיטעט" פאר, אז פאר יידן זאל די דינסט-צייט דויערן נישט 10, נאר 6 יאר. און נישט כדי צו מאכן די ראזיקע נייע און שווערע לאסט לייכטער פאר יידן, נאר:

> „ווייל אויב די גוטע ווירקונג פון אריינציען זיי אין מיליטער אויף זייער מאראלישער בילדונג איז אומבאשטרייטבאר — דארף מען זיך באמיען, אז די ווירקונג זאל זיין ווי ווייט מעגלעך א ברייטערע און זאל זיך אויסשפרייטן אין איין און דערזעלבער צייט אויף מעגלעך א גרעסערער צאל מענטשן. פארקירצנדיק די דינסט-צייט פאר יידן פון 10 אויף 6 יאר, וועט דאס מעגלעך מאכן, אז כמעט א טאפלטע צאל פון זייער יוגנט זאל אין דער זעלבער צייט קענען דורכגיין דורך דער, זאלן מיר זאגן, אמתער שולע פון ציוויליזאציע און רעפארם".

נאך לייגט דער „קאמיטעט" פאר צו באפרייען אינדיווידועל די יידן — מיטן מאמענט פון זייער אריינטרעטן אין דינסט — פון אלע שטייערן, וואס יידן צאלן בלויז דערפאר, וואס זיי זענען יידן, ווי דער כשרות-שטייער צ. ב. דערפאר אבער זאלן די דאזיקע יידן זיך מתחייב זיין נישט אונטערצושיידן זיך אויסערלעך פון אלע איבריקע בירגער, ד. ה. אז אויך נאכן אויסדינען די געזעצלעכע צאל יארן זאל זיי נישט זיין דערלויבט צו טראגן בארט און פאות, לאנגע קליידער א. א. וו., אויב זיי ווילן געניסן פון די שטייערן-הנחות.

די דאזיקע אנשויאונג פונם „יידישן קאמיטעט" אין דער פראגע פון יידישן מיליטער-דינסט דארף מען באטראכטן פאר דער הערשנדער אין דער פוילישער געזעלשאפט און רעגירונגס-קרייזן, לכל הפחות ביים מער ליבעראלן און דעמאקראטישן טייל. וואס האט געוואלט זען די יידן אלס בירגער-פאליאקן, ד. ה. פולשטענדיק אסימילירטע, און אויך פאר דער שטרעבונג פון דער אסימילירטער און פאטריאטיש-געשטימטער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע האט געוואלט ארויסווייזן מיט מעשים איר צוגעבונדנקייט צום לאנד. אלס אויסדרוק פון דער דאזיקער טענדענץ דארף מען באטראכטן דעם דעקרעט פון 17 מאי 1827, וואס האט דערלויבט צו וווינען אין דער הויפט-שטאט ווארשע די יעניקע יידן, וואס וועלן אויסדינען אין פוילישן מיליטער די געזעצלעכע צאל יארן — 10 — אדער וועלן פריער באפרייט ווערן אלס אינוואלידן.

מער אבער ווי צום ארויסנעמען דעם דאזיקן דעקרעט האט די דערמאנטע טענדענץ נישט געפירט. קיין אלגעמיינעם צוואנג פאר יידן צו דינען אין דער ארמיי האט מען נישט איינגעפירט, כאטש רוסלאנד האט עס אינם זעלבן — 1827-סטן — יאר און אין אזא בארבארישער פארם יא דורכגעפירט. מיט וואס זאל זיך דאס דערקלערן? פון איין זייט האט נאך אין די אריסטאקראטיש-פריצישע קרייזן געלעבט די אלטע בטול און פאראכטונגספולע באציאונג צו יידן, ווי אויך דער אומווילן צו מארשירן מיט זיי האנט ביי האנט אין די מיליטער-רייען. פון דער צווייטער זייט האבן די פרומע יידן, ד. ה. דער רוב מנין און רוב בנין פון יידן אין פוילן, געטון אלעס מעגלעכע, אז די גזרה זאל נישט איינגעפירט ווערן. מ'האט, ווארשיינלעך, צעטיילט א סך שוחד און אויסגענוצט, אויך פאר שפאר געלט, די פראטעקציע פון די רוסישע באאמטע, דערהויפט פון נאוואסילצאוון, וועלכע פלעגן, אויף צו להכעיס די פאליאקן, טון יידן טובות, פירנדיק א פאליטיק פון: צעטייל און הערש.

ביי דער גאנצער שנאה, איבערהויפט פאראכטונג, צו יידן האבן דאך אין פוילן נישט געהאט קיין ארט די מאנגאליש-אזיאטישע טראדיציעס פון די רוסישע צארן און דער רוסישער ביישפיל פון וועלן פארפייניקן די יידן מיט דער הילף פון דער קאזארמע האט דא נישט דערוועקט קיין חשק נאכצוטון אים. און אזוי איז אלץ געבליבן ביים אלטן: יידן האבן געצאלט בלויז א רעקרוטן-שטייער און זענען געבליבן פריי פון מיליטער.

אפילו אין דער גורל-שעה פאר פוילן, בשעת דעם נאוועמבער-אויפשטאנד, האט אויך די פריצישע אריסטאקראטיע נישט געוואלט דערלאזן, אז יידן זאלן קעמפן אונטער איין פאן מיט די פאליאקן. באלד אין די ערשטע טעג פון אויפשטאנד האבן זיך מערערע יידן געמאלדן אלס פרייוויליקע אין דער נאציאנאלער גווארדיע, וואס האט געהאט די אויפגאבע צו שיצן די הויפט-שטאט. דעם 11 דעצעמבער 1830, 12 טעג נאכן אויסברוך פונם אויפשטאנד, האט דער דיקטאטאר כלאפיצקי ארויסגעגעבן א פארבאט פאר יידן אריינצוטרעטן אין דער נאציאנאלער גווארדיע, ווייל „יידן, נישט האבנדיק קיין בירגער-רעכט, קאנען נישט פערזענלעך אנטייל נעמען אין די קאמפן צו באשיצן די הויפט-שטאט, נאר מוזן אנשטאט דעם צאלן א ספעציעלן שטייער". שפעטער, דעם 26/V 1831, האט דער מלחמה-מיניסטער מאראווסקי ארויסגעזאגט אין סיים די באקאנטע ווערטער: „ווי אזוי קאנען מיר דערלויבן, אז דאס יידישע בלוט זאל זיך אויסמישן מיטן איידעלן בלוט פון די פאליאקן? און וואס וועט אייראפע זאגן? אז אן דער הילף פון די יידן

האבן מיר נישט געקאנט אויסקעמפן אונזער אומאפהענגיקייט!״ די יידישע פאטריאטן האבן זיך אבער נישט בארואיקט. צום ערשטן האט די מאכט מסכים געווען צו שאפן א באזונדערע יידישע מיליטער-אפטיילונג. די אנטיילנעמער פון דער אפטיילונג האט זי צוגעזאגט בירגער-רעכט און דאס פארזארגן די אלמנות, אויב די יידן וועלן ווירקלעך אנטייל נעמען אין די קאמפן מיטן שונא. צום סוף האט זי אויך צוריקגעצויגן דעם פארבאט פאר יידן, וואס האבן איינגעשטימט צו גאלן די בארד, ארייננצוטרעטן אין דער נאציאנאלער גווארדיע.

צוליב דער פֿענדרונג פון איינעם יוזעף גאלוכאווסקי פון קאליש האט זיך די רעגירונג פון איר זייט אויך אינטערעסירט מיט דער פראגע פון ארייננציען די יידן אין דער לאנד-פארטיידיקונג. 3 טעג נאכדעם ווי זי האט דערהאלטן גאלוכאווסקיס שריפט, דעם 2/I 1831, האט זיך די רעגירונג געווענדעט צום „יידישן קאמיטעט“ ער זאל זיך ארויסזאגן אין דער דאזיקער פראגע. אינם פראטאקאל פון „העכסטן פאלקס-ראט“ לייענען מיר:

> „אפשאצנדיק די ריכטיקייט פון די באווייזן, וועלכע אונז האט צוגעשטעלט הער יוזעף גאלוכאווסקי אין זיין שריפט פון 30-טן פאריקן חודש, נעמענדיק אויך אין אכט דאס, אז אין רעזולטאט פון דער ביטע פון קאלישער יידן האט דער „העכסטער פאלקס-ראט“ באקאנט געמאכט זיין באשלוס, אז יידן מוזן אויך געהערן צו די באוועגלעכע גווארדיעס און זיכערהייטס-וואכן, כאטש זיי צאלן מייטער דעם רעקרוטן-שטייער — באפעלן מיר דעם „יידישן קאמיטעט“ אונז באקאנט צו מאכן, וואס ער דענקט וועגן דעם, וויאזוי מ׳וואלט געקאנט אמבעסטן באוועגן און אויסנוצן די יידן פארן מיליטער-דינסט“.

די אלע פרווון ארייננצוציען יידן אין דער ארמיי האבן אבער כמעט ווי צו גארנישט נישט געפירט. נישט די יידישע פאטריאטן און נישט דער רעגירונג איז עס נישט געלונגען. די צאל פרייוויליקע, וועלכע האבן זיך געמאלדן איז געווען קליין. אין ווארשע זענען ארייננגעטרעטן אין דער נאציאנאלער גווארדיע ביי א 300 יידן. די באזונדערע יידישע אפטיילונג, וועלכע האט געהייסן „שטאטישע גווארדיע“ און האט געציילט 1100 מאן, איז, ווייזט אויס, נישט געווען לעבנס-פעאיק. פוילישע יידן, מיטן אויסנאם פון יחידים, זענען באמת נישט געווען פעאיק צו קעמפן מיט געווער אין דער

האַנס. דעם 30-טן מאַי 1831 האָט דער סיים אָנגענומען אַ געזעץ, וואָס האָט די יידן אינגאַנצן באַפרייט פון מיליטער-דינסט, אָנשטאָט דעם האָט מען דעם מיליטער-שטייער פאַרגרעסערט אויף 4 מאָל אַזויפיל, ד. ה. פון 700.000 גילדן אויף 2.800.000 — אויסער פאַרשידענע אַנדערע מלחמה אָפּצאָלן.

אויף דער פוילישער זייט האָט ווידער געזיגט דער רעאַקציאָנער-פּריצישער טייל פון דער געזעלשאַפט. אויך דער פרומער אָפּגעשטאַנענער טייל יידן, אייגנטלעך 95 פּראָצ. פון גאַנצן יידישן קיבוץ אין פוילן, איז געווען צופרידן פון אַזאַ אויסנאַנג, כאָטש די ספּעציעל-יידישע שטייערן זענען געוואָרן אַזוי פאַרפילפאַכט.

גאַנץ אַנדערש האָבן זיך אויסגעבילדעט די באַציאונגען אין קאָנגרעס-פוילן נאָכן טראַגישן פאַרלויף פון נאָוועמבער-אויפשטאַנד. די לאַגע פון פאַרקנעכטעטן לאַנד איז געווען מוראַדיק ביטער. עס איז דערקלערט געוואָרן קריגס-צושטאַנד, וואָס האָט אָנגעהאַלטן צענטליקער יאָרן. די פריערדיקע ברייטע זעלבסט-פאַרוואַלטונג איז בטל געוואָרן. דער סיים און די מיניסטעריומס — סקאַסירט. אויף זייער אָרט זענען געשאַפן געוואָרן עטלעכע קאָמיסיעס, וועלכע זענען געוואָרן אָנגעפירט דורך רוסישע דירעקטאָרן. דער איינציקער הערשער אין לאַנד איז געווען דער נאַמיעסטניק פּאַסקעוויטש. עס האָט אויפגעהערט די אַליינהערשאַפט פון דער פוילישער שפּראַך אין מלוכהשן און אַדמיניסטראַטיוון לעבן. אַלע אַקטן און באַפעלן זענען געוואָרן געשריבן אין דער רוסישער און פוילישער שפּראַכן אָדער בלויז אין דער רוסישער. אַלע העכערע אַמטן זענען געוואָרן באַזעצט דורך רוסן. בלויז דער ציווילער דינסט איז געבליבן פויליש. אין די שטעט זענען די ציווילע גובערנאַטאָרן געווען על פּי רוב פּאָליאַקן. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער לאַנגער אוניפיקאַציע און רוסיפיקאַציע-פּראָצעס, וואָס האָט דערגרייכט זיין הויך-פּונקט נאָכן יאַנואַר-אויפשטאַנד (1863). אויך דאָס באַזונדערע פוילישע מיליטער, וואָס האָט געדינט אַלס סימבאָל פון פוילנס זעלבסטשטענדיקייט, איז געוואָרן פונאַנדערגעלאָזן. פון יאָר 1834 האָט רוסלאַנד אָנגעהויבן דורכצופירן אין לאַנד אָפּטע, יאָר יערלעכע נאַבאָרן. יאָר ביי יאָר האָט מען אַרויסגעריסן פון לאַנד 5 — 6 טויזנט יינגע מענטשן און מ׳האָט זיי פאַרשיקט אין די ווייטע אינערלעכע רוסישע גובערניעס אויף 15 יאָר (רעקרוטן פון קאָנגרעס

פוילן האבן געדינט אין דער רוסישער ארמיי 15 יאר און נישט 25, ווי אלע איבריקע זעלנער פון רוסלאנד).

ביי אזעלכע אומשטענדן האט זיך אין פוילן זייער געשטארקט די אומצופרידנקייט צוליבן באפרייען יידן פון פערזענלעכן מיליטער-דינסט. די אומצופרידנקייט האט באזירט אויף פאלגענדע דריי וויכטיקע אורזאכן:

I. די צאל יידן אין קאנגרעס-פוילן האט זיך שטארק פארגרעסערט. צוליב די פריע חתונות און אנדערע סבות איז דער נאטירלעכער צווווקס געווען א גרויסער. פון די שכנותדיקע געוועזענע פוילישע געביטן האבן זיך ווארשיינלעך אריינגעגנבעט מאנכע יידן, כדי צו ראטעווען זיך פון ניקאלייס קאזארעמע. אין דער צייט, ווען פון דער פוילישער באפעלקערונג האבן די רוסן ארויסגעריסן יאר ביי יאר מערערע טויזנטער יונגע געזונטע מענער און זיי פארשיקט קיין טיף רוסלאנד, פון וואנען זיי האבן זיך שוין אין זייער גרעסטן טייל נישט אומגעקערט, ווייל קיין זאך האט זיי נישט געשטערט צו בלייבן וווינען דארט, ווו זיי האבן זיך איינגעלעבט אין משך פון 15 יאר, — אין דער זעלבער צייט האט מען פון יידן קיינעמען אין מיליטער נישט גענומען. דאס האט געפירט צו א שטארקן וווקס פון דער צאל יידן, ווייט נישט פראפארציאנעל צום וווקס פון דער צאל פאליאקן. *) לויט אפיציעלע אפשאצונגען האט זיך די צאל יידן אין ק.-פוילן אין משך פון 20 יאר, ד. ה. פון בערך 1820 ביז 1840, פארטאפלט. די פוילישע באפעלקערונג איז אין אזא פראפארץ נישט געוואקסן.

II. די ארעמקייט צווישן יידן האט זיך צוזאמען מיטן וווקס פון זייער צאל שטארק פארגרעסערט. קיין נייע פרנסה-קוועלן זענען נישט צוגעקומען. די נויט און די אומלעגאלע פרנסות, ווי שמוגלעריי למשל, צו וועלכע יידן האבן זיך באין ברירה געמוזט נעמען, האבן זיך שטארק געווארפן אין די אויגן און האבן געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון דער מאכט.

---

*) י. ג. פרענק גיט אן אין די „בלעטער פאר יידישע דעמאגראפיע, סטאטיסטיק און עקאנאמיק" (בערלין 1925, 5 №), אז אין די יארן פון 1832 ביז 1843 האט זיך די קריסטלעכע באפעלקערונג פון ק.-פוילן פארגרעסערט אויף 18 פראצ. (פון 3.531.563 אויף 4.170.107), בשעת די יידישע באפעלקערונג האט זיך אין די זעלבע יארן פארגרעסערט אויף 36 פראצ. ד. ה. אויף טאפלט (פון 383.102 אויף 523.396). — ס'איז א וואונדער, וואס פרענק דערקלערט די דאזיקע דערשיינונג בלויז מיט די פריע חתונות ביי יידן און נישט אויך מיט דער פארשטארקטער רעקרוטירונג ביי די פאליאקן.

III. דער פריערדיקער רעקרוטן-שטייער אין דער הויך פון 105.299 רובל האָט דורכן שטאַרקן צוּוואוקס פון יידן פאַרלוירן זיין אַמאָליקע באַדייטונג. דאָס געלט אַליין האָט אויך דורך דער צייט פאַרלוירן פון זיין אַמאָליקן ווערט.

די אַלע סבּות, געשטייגערט דורך די אַנטיסעמיטישע געפילן און פאַנטאַזיע פון די מאַכט-פאַרשטייער, האָבן גורם געווען דערצו, עס זאָל ווערן אַקטועל דער געדאַנק וועגן צוציען יידן צום פערזענלעכן מיליטער-דינסט. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ לייכט און לעגאַל מיטל צו באַפרייען דאָס לאַנד פון מחנות אָרעמע יידן. דערביי וואָלט דער פאַרלוסט פון מלוכה-אוצר געווען אַ מינימאַלער.*)

דער דאָזיקער געדאַנק האָט אַלץ מער און מער באַהערשט די רעגירונגס-ספערן אין פוילן, די רוסישע ווי די פּוילישע. פאַר יידן זענען די אַלע פּראָיעקטן נישט געבליבן קיין סוד און זיי האָבן געפירט אַ שטאַרקע שתדלנות-קאַמפּאַניע קעגן זייער פאַרווירקלעכונג אין לעבן. דאָס אויסגעפּרוּווטע אַלטע גלות-מיטל איז באַשטאַנען אין איבערקויפן די איינפלוסרייכע העכסטע רעגירונגס-באַאַמטע. פון די צייטן פונם „וואַרשעווער פירשטנטום" זענען יידן כסדר געשטאַנען אויף דער וואַך און האָבן זיך אָן אויפהער משתדל געווען, מ'זאָל זיי נישט נעמען פאַר קיין זעלנער. די הויפּט-ראָל אין דער דאָזיקער שתדלנות-אַרבעט האָט אויף זיך גענומען דער וואַרשעווער קהל, צוזאַמען מיט אַ גרופּע יידישע כלל-טוער פון וואַרשע און פּראַווינץ, וועלכע האָבן זיך באַטראַכט פאַר די שליחים און אַפּיטראָפּסים פון פּוילישן יידנטום. צווישן זיי האָבן געשפּילט אַ גרויסע ראָל עטלעכע רביים און רבנים פון וואַרשע און פּראַווינץ. אין דער ערשטער ריי: דער וואָרקער רבי ר' יצחק, דער וואַרשעווער רב ר' חיים דאַווידזאָן און דער גערער רבי ר' איטשע מאיר אַלטער).

אויף שתדלנות האָט מען באַדאַרפט האָבן געלט און ביי אַזאַ וויכטיקער זאַך ווי רעקרוטשינע האָט מען באַדאַרפט האָבן זייער אַ סך געלט. פון

---

*) די פּראָיעקט-געבער פון יידישער רעקרוטשינע אין פוילן האָבן תחילת געפּלאַנט אָפּצוראַטעווען דעם מלוכה-אוצר פון א חלק וואָס עס איז פאַרלוסט דורכן אַרויסלאָזן אַ געוויסע צאָל באַפרייאונגס-בילעטן, וועלכע וואָלטן אויסגעקויפט געוואָרן דורך די רייכערע יידן פאַרן פּרייז פון 400 רובל אַ שטיק און וואָלטן אומגעקערט דעם מלוכה-שאַץ די סומע, וואָס יידן האָבן אַריינגעטראָגן אַלס רעקרוטן-שטייער און וואָלטן זי אויפגעהערט צו צאָלן מיטן מאָמענט פון אַריינציען זיי אין דער אַרמיי. ניקאָלײַ האָט אָבער דעם פּראָיעקט נישט געוואָלט באַשטעטיקן, באַמערקנדיק, אַז דאָס וואָלט געווען גלייך צו אַ האַנדל מיט מענטשן און „אַזעלכעס האָט ער אויך אין רוסלאַנד נישט דערלויבט".

וואַנען האָט מען דאָס געלט גענומען? פֿאַרשטייט זיך, אַז אַ גרויסן חלק דערפֿון האָבן געגעבן וואַרשעווער ייִדן און די פּראָווינצער, וועלכע זענען געווען פֿאַרבונדן מיט וואַרשע דורך די חסידישע רביים. מ'דאַרף משער זײַן, אַז מ'האָט אין פֿאַרשידענע שטעט אין פּוילן צונויפֿגעקליבן דורך זעלבסטבאַשטייערונג און אַנדערע אופֿנים גרויסע סומעס געלט און איבערגעשיקט עס צום וואַרשעווער קהל אָדער עסקנים־קאָמיטעט, וואָס האָט זיך באַשעפֿטיקט מיטן אָפּשטופּן די זעלנער־גזרה.

די דאָזיקע השערה באַשטעטיקט פֿאָלגענדער אַקט, וואָס געפֿינט זיך אינם וואַרשעווער אַרכיוו פֿון אַלטע אַקטן (נומער 1744):

דער הויפּט־דירעקטאָר פֿון דער רעגירונגס־קאָמיסיע פֿאַר אינערלעכע אין אמונה־ענינים טיילט מיט דעם נאַמיעסטניק אונטער דער דאַטע פֿון 4/XI 1837 פֿאָלגענדעס:

„דער לובלינער ציווילער גובערנאַטאָר איז מיר מודיע, אַז דער רעכנמייסטער פֿון הרוביעשויער קרייז, קאַטשאַראָווסקי, האָט, באַרייזנדיק זײַן קרייז און זײַענדיק אין שטעטל טישאָוויץ, באַקומען געהיימע ידיעות וועגן באַשלוס פֿון די דאָרטיקע ראשי־הקהל אַרויפֿצולייגן און צוזאַמענצוקלייבן פֿון די געמיינדע־מיטגלידער אַן אָפּצאָל פֿון 800 גילדן, וואָס זאָל גיין אויף געהיימע צוועקן.

אויפֿן אָרט, אין בירגערמייסטערס קאַנצעלאַריע, האָט דער קרייז־קאָמיסאַר צונויפֿגעשטעלט פֿאַרן מיליטער־נאַטשאַלניק פֿון לובלינער גובערניע אַ פּראָטאָקולירטע חקירה ודרישה, פֿון וועלכער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די טישאָוויצער ראשי־הקהל האָבן געהאַט בדעה צוזאַמענצונעמען פֿון די ייִדן אַן אָפּצאָל און אָפּצושיקן אים דעם וואַרשעווער קהל אויף שתּדלנות וועגן באַפֿרײַען ייִדן פֿון מיליטער־דינסט.

לויט דעם דאַרף מען משער זײַן, אַז אַזעלכע זאַמלונגען קאָנען פֿאָרקומען געהיים אויך אין אַנדערע שטעט".

דער דירעקטאָר פֿון דער דערמאָנטער קאָמיסיע באַווײַזט ווײַטער אין זײַן ראַפּאָרט צום נאַמיעסטניק, אַז אַזאַ צוזאַמענקלײַבן געלט איז פֿון פֿאַרשידענע שטאַנדפּונקטן אומדערלאָזבאַר, קודם כּל צוליבן פּשוטן טעם, וואָס פֿון די דאָזיקע זאַמלונגען קאָנען רײַך ווערן די ראשי־הקהל בשעת די מאַסע, דאַקעגן, וועט נאָכמער פֿאַראָרעמט ווערן און וועט נישט זײַן אימשטאַנד צו צאָלן די רעגירונגס־שטייערן.

דער דירעקטאר אין ווייטער מודיע דעם נאמיעסטניק, אז ער האט ארויסגעגעבן א הארבן באפעל צו פארפאלגן אזעלכע מינים זאמלונגען און צו ארעסטירן אלע יידן, וועלכע מ'וועט כאפן ביי דער דאזיקער עבירה און אפשיקן זיי צום מיליטערישן גובערנאטאר.

אויך דער מיליטערישער נאטשאלניק פון פאדליאסקער גובערניע שרייבט צו דער צענטראלער מאכט אין ווארשע, אין זיין ראפארט פון 21/VII 1838. אז די שעדלעצער קצבים פארקויפן פלייש צו א טייערן פרייז פון דעם, וואס די מאכט האט באשטימט. אויף דער אויספארשונג האבן די קצבים מודה געווען, אז זיי נעמען טאקי טייערער און, אז דאס געלט גייט אויף עפעס א ציל, נאר גענוי אויף וואס פארא ציל — ווייסן זיי נישט. דער נאטשאלניק איז חושד, אז די געהיימע זאמלונגען האבן א שייכות צו דער אקציע פון באפרייען יידן פון מיליטער.

עס איז קלאר, אז יידן האבן זיך מיט דער הילף פונם צענויפגעקליבענעם געלט שטארק משתדל געווען, אז די גזרה זאל אינגאנצן בטל אדער, לכל הפחות, אפגעלייגט ווערן. אויף א געוויסער צייט איז זיי דאס געלונגען, אבער נאר אויף א צייט.

עס שיינט, אז אויך אין פוילן האט ניקאלייס פערזענלעכער ווילן און זיין ספעציפישע באציאונג צו יידישער רעקרוטשינע דעצידירט אינם געראנגל, וואס האט זיך געפירט צווישן יידן מיט זייער שיטה פון אפשפרעכן די גזרה דורכן איבערקויפן די באאמטע פון איין זייט און דעם פעסטן באשלוס פון די הויכע מלוכה־לייט, רוסן און פאליאקן, פון דער צווייטער.

סוף כל סוף איז אויך דער פאר פוילישע יידן פיינלעכער באשלוס געפאלן. דעם 3/XII נאוועמבער 1842 האט דער „אדמיניסטראטיווער ראט" פראטאקולירט פאלגענדעם:

„צוליב דער פארשטעלונג פון נאמיעסטניק, אז די יידישע באפעלקערונג האט זיך פונם יאר 1817, ווען מ'האט איר דערלויבט אנשטאט פערזענלעכן מיליטער־דינסט צו צאלן א שטייער פון 105.299.58 רובל, מער ווי פארטאפלט; — אז צוליב דער סבה פאסט זיך נישט דער שטייער צו דער געענדערטער לאגע; — אז דאס אומגעוויינטלעכע פארמערן זיך פון די יידן איז געווארן א לאסט נישט נאר פאר די יידישע קהלות, נאר אויך פארן גאנצן לאנד, ווייל זיי קלויבן זיך אויס די לייכטעסטע פרנסות און טוען אפ צוליב נויט און ארעמקייט

אומגעזעצלעכע מעשים און פאַרברעכנס — האָט דער קייזער באַפוילן, אַז יידן זאָלן דערפילן מיליטער-פליכט אין נאַטור".

10 טעג שפּעטער האָט דער נאַמיעסטניק באַפוילן דעם דירעקטאָר פון דער רעגירונגס-קאָמיסיע פאַר אינערלעכע און אמונה-ענינים צוזאַמענצושטעלן אַ רשימה פון אַלע יידן אין עלטער פון 12 ביז 25 יאָר. (עס ווייזט אויס, אַז אויך אין פוילן האָט מען לכתחילה פּראָיעקטירט צו נעמען מינדעריעריקע ווי אין רוסלאַנד. צום גליק איז פון דעם גאָרנישט געוואָרן). דער ערשטער פּאָבאָר האָט געזאָלט פאָרקומען אָנהייב יאָר 1843. עס איז געווען פאָרגעזעען דאָס נעמען 500 יידישע רעקרוטן אויף 5825 קריסטלעכע, ד. ה. קנאַפּע 9 פּראָצ. פון דער צאָל פּאָליאַקן, וואָס האָט מער ווייניק אָנטשפּראָכן דעם פּראָצענט-זאַץ פון דער יידישער באַפעלקערונג אין באַצוג צו דער קריסטלעכער ($12\,{}^1/_4$ פּראָצ.). עס איז געוואָרן אַסיגנירט די נויטיקע סומע פון 14.886 רובל מיט $6\,{}^1/_2$ קאָפּעקע אויף דורכצופירן דעם פּאָבאָר צווישן יידן.

דאָך האָבן זיך יידן נישט מיאש געווען פון דער מעגלעכקייט אָפּצושלעפּן דאָס אויספירן די גזרה. געוויס האָבן זיי זיך וועגן דעם שטאַרק משתדל געווען. דער באַשלוס פון דעם „אַדמיניסטראַציאָן ראַט" איז צוליב אומבאַקאַנטע טעמים נישט געוואָרן פאַרעפנטלעכט אינם אָפיציעלן רעגירונגס-בלאַט. ער האָט אַלזאָ נאָכנישט געהאַט באַקומען די קראַפט פון אַ געזעץ. יידן האָבן נאָך אַלץ געהאָפט און געוואַרט אויף אַ נס.

כאָטש דאָס געזעץ וועגן נעמען יידן אין מיליטער איז נישט געוואָרן אָפּגעדרוקט אין דער רעגירונגס-צייטונג, איז דאָך דער באַפעל וועגן צענויפשטעלן ספּעציעלע פּאָבאָר-רשימות פאַר יידן געוואָרן פונאַנדערגעשיקט צו אַלע גובערניע-פאַרוואַלטונגען. די ציווילע מאַכט-אָרגאַנען, פּוילישע ציווילע גובערנאַטאָרן, האָבן זיך בעאיילט דורכצופירן דעם באַפעל. אין מאַנכע ערטער האָט מען געפּרוּווט נישט בלויז צוזאַמענצושטעלן די רשימות פון די יידן אין רעקרוטן-עלטער, נאָר אויך דורכצופירן אַ פּאַקטישן פּאָבאָר. אַזוי איז געשען צ. ב. אין זלאָטשעוו. יידן האָבן זיך אָבער נישט צוגעשטעלט. קיין איינער איז נישט געקומען. עס זענען געגאַנגען ראַפּאָרטן צו דער צענטראַלער מאַכט אין וואַרשע און עס איז געווען אַ רייד וועגן משפּטן און באַשטראָפן די שולדיקע פאַר ווידערשפּעניקייט. עס האָט זיך געשאַפן אַ כאַאָטישער צושטאַנד.

פּלוצלונג איז דעם 8/20 דעצעמבער 1842 אַרויס אַ באַפעל פון נאַמיעסט-

ניק וועגן אויפהאַלטן דעם פּאָבאָר פון יידן ביז צו אַ נייעם אַנטגילטיקן באַפעל.

יידן האָבן אָפּגעעטעמט, אָבער נאָר אויף אַ קורצע צייט. *)

דער קאַמף אַרום דער פראַגע פון צוציען יידן צום מיליטער-דינסט איז געוואָרן פאַרענדיקט אין האַרבסט פון 1843 בשעת ניקאָלייס אַ באַזוך אין פוילן. אונטער זיין השפעה איז געפאַלן דער אַנטגילטיקער פאַטאַלער באַשלוס פאַר יידן.

דעם 14/26 סעפּטעמבער 1843 איז געוואָרן אָפּגעדרוקט אין דער אָפיציעלער רעגירונגס-צייטונג: „Dziennik Praw Królestwa Polskiego” פאָלגענדער באַפעל:

„האַלטנדיק עס פאַר אַ גערעכטער זאַך, אַז אַלע יידן, איינוווינער פון פוילישן קעניגרייך, זאָלן דערפילן מיליטער-פליכט אין נאַטור צוגלייך מיט אַלע אַנדערע דאָרטיקע איינוווינער, וואָס טראָגן די דאָזיקע פליכט, און, אַז דער פּאָבאָר פון די דאָרטיקע יידן זאָל פאָרקומען ווי ווייט מעגלעך לויט די פאָרשריפטן וועגן מיליטער-דינסט פאַר זייערע גלויבנס-ברידער אין דער רוסישער אימפּעריע, — האָבן מיר אויף דעם סמך באַפוילן צונויפצושטעלן דערגענצונגס-געזעצן צו די, וועלכע פאַרפליכטן אינם פוילישן קעניגרייך אין פרט פון רעקרוטן-פּאָבאָרן-ספּעציעל וועגן מיליטער-דינסט פאַר יידן פון קעניגרייך.

1-ער פונקט: אַרויפלייגן אויף יידן פון פוילישן קעניגרייך מיליטער-דינסט אין נאַטור אָנהייבנדיק פון 1/I 1844 לויט די בייגעלייגטע כללים.

2-ער פונקט: פון דעם טאָג אָן אויפהערן איינצומאָנען פון פוי-

---

*) ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו באַמערקן, אַז נאָך איידער מ'האָט דאָס גאַנצע קאָנגרעס-פּוילישע יידנטום צוגעצויגן צום מיליטער-דינסט, האָט מען שוין אַ צייט פריער, פון 19/I 1834, אָנגעהויבן אָפּצוגעבן אין מיליטער יידישע קרימינעלע אַרעסטאַנטן. אפילו ווען דער אַרעסטירטער האָט געהאַט דאָס רעכט אויסצוקויפן זיך פון קרימינאַל פאַר געלט — איז ער אויך געוואָרן אָפּגעגעבן פאַר אַ זעלנער. ווי באַקאַנט האָט מען אין ניקאָלייס צייטן באַשטראָפט מיט אָפּגעבן אין די זעלנער פאַר כלערליי עבירות, פּאָליטישע און קרימינעלע, גרויסע און קליינע, וויכטיקע און אומוויכטיקע.

אינם באַפעל פון 13/XI 1842 איז געוואָרן פאַרגעשריבן צונויפצושטעלן אַ רשימה פון אַלע יידישע אַרעסטאַנטן פון 25 ביז 35 יאָר, כדי אָפּצושיקן זיי אין די פּולקן.

לישע יידן דעם יערלעכן רעקרוטן-אָפּצאָל אַנשטאָט פּערזענלעכן מיליטער-דינסט אין דער הייך פון 105.299 זילבער-רובל.

3-ער פּונקט: דאָס אויספירן דעם דעזיקן באַפעל אונזערן הערם אַרויפגעלייגט אויף אונזערן נאַמיעסטניק און דעם „אַדמיניסטראַטיוון ראַט". — געגעבן אין נאָוואָגעאָרגיעווסקער (מאָדלינער) פעסטונג דעם 14/26 סעפּטעמבער 1843".

אויף דעם באַפעל האָט דער צאַר אָנגעשריבן זיין באַפעלערישן: „בים פאָ סעמו".

די בייגעלעגטע כללים וועגן מיליטער-פליכט פאַר יידן.

1) יידן ווערן צוגעצויגן צום פּערזענלעכן מיליטער-דינסט צוגלייך מיט אַלע אַנדערע איינוווינער פון קעניגרייך, וואָס דערפילן די דאָזיקע פליכט.

2) אַלע אַלגעמיינע געזעצן און כללים וועגן מיליטער-דינסט פאַר אַלע איינוווינער פון קעניגרייך שפּרייטן זיך אויס אויך אויף יידן נאָר אין דעם פאַל, ווען זיי געפינען זיך נישט אין קיין שום סתירה צו די איצטיקע פאַרשריפטן.

3) געזעצן און כללים, אַלגעמיינע ווי ספּעציעל וועגן יידן, אַרויסגעגעבענע פאַרן צוציען זיי צום פּערזענלעכן מיליטער-דינסט, האָבן קיין קראַפט נישט אין די פאַלן, ווען זיי ווייזן זיך אַרויס אַלס סתירותדיקע צו די איצטיקע פאַרשריפטן.

4) דאָס נעמען פון יידן רעקרוטן דאַרף פאָרקומען אין אַזאַ פּראָפּאָרץ צו דער אַלגעמיינער צאָל יידישע מאַנסלייט, נישט צונויפרעכענענדיק זיי מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, וואָס וועט פעסטגעזעצט ווערן ביי יעדן פאַבאָר באַזונדער דורך אַ קייזערלעכן באַפעל.

5) אַלע יידן אין עלטער פון 20 ביז 25 יאָר ווערן אַריינגעצויגן אין די רעקרוטן-רשימות און דערפילן רעקרוטן-דינסט.

6) יידן אינם פאַרגעשריבענעם עלטער, וועלכע זענען שוין פאַרהייראַט, ווערן נישט באַפרייט פון מיליטער, אויב עס פעלן אויס בחורים צו דער פון יידן געפאָדערטער צאָל רעקרוטן.

7) פאַר שלעפּערייַ און אַנדערע חטאים קאָנען יידן נישט עלטערע פון 35 יאָר, אויב זיי זענען פעאיק צו מיליטער-דינסט, אָפּגעגעבן ווערן דורך

דער צענטראַלער מאַכט פאַר סאָלדאַטן. כאָטש זיי געניסן פון די רעכט פון די ווייטערע 13-טער, 14-ער און 16-ער פּאַראַגראַפן באַפרייט צו ווערן פון מיליטער-דינסט. דערביי ווערן זיי נישט אַראָפּגערעכנט פון דער אַלגעמיינער צאָל רעקרוטן, וואָס פאָדערט זיך פון יידן.

8) מינדעריעריקע יידן אין עלטער פון 12 ביז 18 יאָר קאָנען ווערן אָפּגעגעבן פאַר רעקרוטן נאָר דורך זייערע אייגענע פאַמיליעס. וועלכע וואָלטן געוואָלט אַזויערנאָך באַפרייען אַן עלטערן גליד פון דער פאַמיליע פון רעקרוטן-פליכט.

9) די יידן, וועלכע זענען מחויב צו גיין פּערזענלעך אין מיליטער, ווערט דערלויבט צוצושטעלן פאַר זיך פאַרטרעטער, אָבער אויך די פאַרטרעטער מוזן זיין יידן נישט עלטערע פון 25 יאָר און מוזן אַנטשפּרעכן די אַלגעמיינע רעקרוטן-געזעצן פון קעניגרייך.

10) יידישע רעקרוטן וואָס וועלן אַנטלויפן פונם אָרט, ווו זיי זענען געוואָרן צוגענומען, אָדער פון וועג צום פּולק, צו וועלכן זיי האָבן געדאַרפט ווערן צוגעטיילט, ווערן אַלע אָן אויסנאַם פאַרטרעטן דורך אַנדערע יידן פון זעלבן אָרט, פונוואַנען די אַנטלאָפענע האָבן געשטאַמט.

11) אויף די פרויען און קינדער פון די יידן, וועלכע זענען אין איינקלאַנג מיט די §§ 6 און 7 געוואָרן צוגענומען פאַר רעקרוטן, ווערן אויסגעשפּרייט די אַלגעמיינע געזעצן וועגן סאָלדאַטן-פרויען און סאָלדאַטן-קינדער פאַרן קעניגרייך פּוילן.

12) יידן, צוגענומענע צום מיליטער-דינסט, געבן אָפּ אַ שבועה וועגן טריי דינען לויט דער פאָרם און פאַרשריפטן, וואָס זענען איינגעפירט אין דער אימפעריע.

13) יידן ווערן באַפרייט פון רעקרוטן-פאַבאָר לויט די זעלבע כללים ווי קריסטן.

14) אויסער דער באַפרייאונג אויפן סמך פונם פריערדיקן § האָבן נאָך פאָלגענדע יידן דאָס רעכט באַפרייט צו ווערן פון מיליטער-דינסט:

א – רבנים באַשטעטיקטע דורך דער רעגירונג און נאָר זיי פּערזענלעך און אַזוי לאַנג ווי זיי דערפילן זייערע אַמטס-פליכטן. זייערע פאַמיליעס דערפילן מיליטער-דינסט לויט די איצטיקע פאַרשריפטן. אַנדערע כלי-קודש ווערן אויך נישט באַפרייט פון מיליטער-דינסט

ב — פאבריק-מייסטערס, וועלכע זענען באשעפטיקט אין יידישע פאבריקן און קאָנען דאָס באווייזן, זענען פריי פון מיליטער-דינסט צוגלייך מיט קריסטלעכע מייסטערס.

ג — יידן ערד-ארבעטער, וועלכע וווינען אויף רעגירונגס- אָדער פריוואטבאזן אלס קבוץ און באארבעטן ווירקלעך די ערד, ווערן באפרייט לויט אזא שליסל: 1 — א יידיש דאָרף וואָס ציילט מיניקסטנס 10 הייזער מיט 40 מאנסלייט, ווערט באפרייט אויף 50 יאָר; 2 — פון 5 הייזער מיט 20 מאנסלייט ווערט באפרייט אויף 25 יאָר; 3 — קלענערע ישובים ווערן נישט באפרייט: 4 — יידישע דאָרפישע ישובים ווערן נאָר דאמאלס באפרייט פון מיליטער-דינסט. אויב זיי זענען איינגעאָרדנט אלס ערד-ארבעטער און באזיצן א פולע דאָרפס-ווירטשאפט מיט אלע נייטיקע ארבעטס-מכשירים. באפרייט ווערן נאָר די ערד-ארבעטער אליין מיט זייערע זין און אייניקלעך אין א גלייכער ליניע; 5 — אנדערע יידן, וועלכע וווינען אין דאָרף און זענען נישט קיין זין אָדער אייניקלעך פון די פויערים, ווערן נישט באפרייט.

17) געשמדטע יידן אָדער אזעלכע, וואָס ווילן פארן פאבאַר אויסדריקן זייער באגער צו שמדן זיך, ווערן באפרייט פון מיליטער-דינסט. עס דאָרף דערביי אפגעהיטן ווערן, זיי זאָלן ווייער באשלוס אויספירן. ווי באלד אָבער יידן ווילן שוין אין דער צייט פון פאבאַר אויסדריקן זייער פארלאנג צו שמדן זיך, ווערן זיי פון מיליטער-דינסט נישט באפרייט און ווערן פאררעכנט צו דער יידישער קהלה.

18) יידן אין עלטער פון 20 יאָר אָן ווערן באטראכט אין געזונט, קערפער-בוי, וווקס און אנדערע אייגנשאפטן לויט די אלגעמיינע כללים, וואָס פארפליכטן אין קעניגרייך. מינדעריעריקע אין עלטער פון 12 ביז 18 יאָר דארפן בלויז נישט האָבן קיין קראנקהייט אָדער פעלער, וואָס מאכן דאָס דינען אין מיליטער פאר אוממעגלעך. אויף אלע אנדערע אייגנשאפן, ווי: וווקס, קערפער-בוי א. א., וואָס פאָדערן זיך ביי אלע דערוואקסענע רעקרוטן, דאָרף מען קיין אכט נישט לייגן.

19) אויב עס אנטשטייט א ספק וועגן עלטער פון א רעקרוט, דאָרף די מיליטער-קאָמיסיע פעסטשטעלן דעם עלטער.

20) עס ווערט פּתורת נסיון דערלויבט יידן ביז צו א וויטערן באשלוס צו האבן ביי יעדער הויפּט-רעקרוטן-קאמיסיע זייערן א פארשטייער. וועמענס טעטיקייט וועט זיין באגרענעצט בלויז אויף מאכן פארשלאגן, ווי באלד ער וועט באמערקן אומפּינקטלעכקייטן אדער מיסברויכן ביים באטראכטן יידישע רעקרוטן און ביים אפּגעבן זיי אין מיליטער.

21) די רעגירונגס-קאמיסיע פאר אינערלעכע אין גייסטלעכע ענינים אין פארשטענדיקונג מיטן הויפּט-אנפירער פון די פאבארן אין קעניגרייך דארף אויסארבעטן דעם אופן און ארדנונג פון באשטימען די דערמאנטע יידישע פארשטייער אין אלע גובערניאלע שטעט, ווי אויך אין ווארשע.

22) דאס פארברייטערן דאס דאזיקע געזעץ, ווען ס'זאל זיך ארויסווייזן פאר נייטיק, ווערט איבערגעגעבן דעם נאמיעסטניק צוזאמען מיט דעם „אדמיניסטראציון ראט“.

דאס דאזיקע געזעץ איז געבליבן אומפארענדערט ביזן רעפארמירן דעם מיליטער-דינסט אין דער גאנצער רוסישער אימפעריע אינם יאר 1874. בלויז איין ענדערונג איז געווארן דורכגעפירט אין אים בנוגע דעם עלטער פון די יידישע רעקרוטן. לויטן 5-טן § האט מען גענומען יידן אין מיליטער אין עלטער פון 20 ביז 25 יאר. אזוי ווי אין פוילן האט מען געוויינלעך נישט גענומען קיין טאטעס פון קינדער און 20-יעריקע זענען מייסטנס שוין געווען געבענטשט מיט קינדער, האט זיך געפילט א מאנגל אין יידישע קינדערלאזע רעקרוטן. דעריבער איז דעם 24/10 1847 דערשינען פאלגענדער צוגאב-באפעל:

„אזוי ווי עס איז שווער אויסצוקלויבן א גענוגנדע צאל יידן אומבאווייבטע און באווייבטע, נאר קינדערלאזע, ווייל זיי האבן פרי חתונה און א סאך האבן שוין צו 20 יאר קינדער — האט דער קייזער באפוילן:

1) אלע יידן אין עלטער פון 18 ביז פולע 25 יאר פאלן ארונטער דער רעקרוטן-רעגיסטראציע און פאבאר.

2) עס ווערן אויך צוגענומען 18 און 19-יעריקע, וואס האבן נישט די געפאדערטע הייך, דאך נישט נידריקער פון 2 ארשין מיט 2 ווערשקעס.

אמת, די פוילישע יידן האָט זיך נישט געגליסט צו גיין אין רוסישן מיליטער אפילו אויף 15 יאָר. געווים איז עס געווען אויך פאַר זיי זייער אַ ביטערער נסיון — אַ שווערע גזרה. דאָך, באַטראַכטנדיק די זאַך אָביעקטיוו און פאַרגלייכנדיק די לאַגע פון די רוסישע יידן, אָנהייבנדיק פון יאָר 1827, מיט דער לאַגע פון די פוילישע יידן נאָכן צוציען זיי צום פערזענלעכן דינסט אינם יאָר 1843, פאַרגלייכנדיק אויך די ביידע פאַראָרדנונגען וועגן מיליטער-דינסט פאַר רוסישע און פוילישע יידן — מוז מען קומען צום אויספיר, אַז די פוילישע יידן האָבן זיך געפונען אין אַן אַ סך גליקלעכערער לאַגע ווי די רוסישע. אויפן גורל פון די פוילישע יידן איז נישט אויסגעפאַלן קיין איין הונדערטסט-חלק יסורים און פיין, וועלכע עס האָט געמוזט דורכמאַכן דאָס אומגליקלעכע רוסישע יידנטום. אייגנטלעך די זעלבע פוילישע יידן, נאָר אָפגעטיילטע פון די איבעריקע יידן דורך דער פאָליטישער וואַנט. וואָס רוסלאַנד האָט אויפגעשטעלט. דערמיט לאָזט זיך אויך דערקלערן דער אומשטאַנד, וואָס בעת דאָס איינפירן די רעקרוטשינע אינם יאָר 1827 האָט ארויסגערופן אַזאַ טיפע און אַלגעמיינע דערשיטערונג ביי אַלע „רוסישע" יידן, האָט דאָס איינפירן די רעקרוטן-גזרה פאַר פוילישע יידן נישט איבערגעלאָזן קיין שפורן פון וועלכער עס איז אַלגעמיינער פאַרצווייפלונג אָדער מאַסן-אויסברוך. לכל הפחות געפינען מיר נישט קיין אָפקלאַנג דערפון אין דער פרעסע אָדער ליטעראַטור. אַחוץ דעם וואָס יידן האָבן זיך אין משך פון 17 יאָר אַביסל צוגעוווינט צום געדאַנק און צום עצם פאַקט פון דינען אין מיליטער, לאָזט זיך דאָס בערך רויקע אויפנעמען פון דער דאָזיקער גזרה דורך די פוילישע יידן דערקלערן אויך מיט די לייכטערע באַדינגונגען פון די פאַבאָרן און דינסט.

מיט וואָס האָט זיך די פאַראָרדנונג פון יאָר 1843 אונטערשיידט פון דער פון יאָר 1827?

עס איז גענוג דורכצושטודירן בלויז אויבערפלעכלעך די ביידע פאַראָרדנונגען כדי צו באַמערקן די געוואַלטיקע אונטערשיידן צווישן זיי. איידער מיר וועלן קאָנקרעטיזירן די דאָזיקע אונטערשיידן וועלן מיר דערווייל אָנווייזן אויף צוויי גרויסע פאַרלייכטערונגען, פון וועלכע פוילישע יידן האָבן גענאָסן: איינס — די גזרה איז געוואָרן איינגעפירט גאַנצע 17 יאָר שפעטער ווי אין רוסלאַנד. דאָס איז זיכער אַ גרויסער געווינס. דאָס באַדייט, אַז בערך צוואַנציק טויזנט יידן, אויב נישט מער, זענען ניצול געוואָרן פון ניקאָלייס אינקוויזיטאָרישער קאַזאַרמע. צוויי — געבוירענע אין פוילן, יידן און

קריסטן, האָבן געדינט אין דער רוסישער אַרמיי נאָר 15 און נישט 25 יאָר, ווי אַלע איבריקע אונטערטאַנען רוסלאַנדס. 10 יאָר דינסט ווייניקער — איז אויך אַ גרויסע פאַרלייכטערונג.

אין אַלגעמיין איז די פאַראָרדנונג פאַר פוילישע יידן אין איר וועזנטלעכקייט פיל ליבעראַלער און הומאַנישער, ווי די פאַראָרדנונג פאַר רוסישע. די אונטערשיידן צווישן זיי באַשטייען אין פאָלגענדעם:

1. דאָס דורכפירן דעם פאָבאָר צווישן פוילישע יידן איז געוואָרן איבערגעגעבן דער אַדמיניסטראַטיווער מאַכט און נישט דעם קהל, ווי דאָס איז געווען איינגעפירט אין רוסלאַנד. ווען מיר דערמאָנען זיך וואָס פאַרע עוולות און מערדערייען דער קהל איז באַגאַנגען אין רוסלאַנד, וויפל יתומים און אַנדערע אומבאַהאָלפענע נשמות ער האָט געהאַט אויף זיין געוויסן, קאָנען מיר פאַרשטיין, וואָס פאַרא קאָלאָסאַלע באַדייטונג דאָס האָט געהאַט פאַר פוילישע יידן.

די פראָצעדור ביים נעמען יידן אין מיליטער אין פוילן איז געווען אַזאַ: די ציווילע מאַכט האָט אַרויסגעפאָדערט פון קהל פון באַטרעפנדן אָרט אַ גענויע רשימה פון אַלע יידן מאַנסלייט און זייער עלטער. די מאַגיסטראַטן האָבן אויך געפירט מעטריקאַלע ביכער פאַר יידן, אָבער די מאַכט האָט חושד געווען, אַז נישט אַלע יידן זענען פאַרשריבן אין די שטאָט-ביכער. אויף אַזאַ אופן האָט מען פעסטגעשטעלט די גענויע צאָל יידן אין יעדן אָרט. דאָס איז געווען נויטיק צו באַשטימען דעם קאָנטינגענט רעקרוטן אין יעדן קרייז (לויט דער פראָפאָרץ פון רוסלאַנד האָט מען געפאָדערט 10 רעקרוטן אויף 1000 פאַרשריבענע יידן). דאַן האָט מען צונויפגעשטעלט ליסטעס פון די יידן אין פאָבאָר-עלטער, פון 20 ביז 25 יאָר (שפעטער פון 18 ביז 25). די פאַרשריבענע אויף די ליסטעס האָבן געצויגן אַ גורל, ווער עס זאָל זיך צושטעלן דער 1-טער, 2-טער א. א. וו. דאָס אַלץ האָט דורכגעפירט די ציווילע מאַכט. דערנאָך זענען אַלע פאָבאָר-לייט גערופן געוואָרן אין דער מיליטער-קאָמיסיע, וואָס האָט זיי באַטראַכט קערפערלעך און די פעיקע אָפגעגעבן פאַר רעקרוטן, דערביי האָט מען פריער אָפגעגעבן די בחורים, דערנאָך די באַווייבטע, נאָר קינדערלאָזע. טאַטעס פון קינדער האָט מען אין פוילן נישט אָפגעגעבן פאַר רעקרוטן. איינציקע זין האָט מען יאָ גענומען, ווייל שטענדיק האָט צוגעשטעלט צום קאָנטינגענט רעקרוטן.

די דאָזיקע אָרדנונג ביים נעמען זעלנער ווייזט אונז, אַז אין פוילן

איז די מיליטער-פליכט, לפחות פאַרן געזעץ, געווען אַן אַלגעמיינע. געזעצלעך איז קיינער נישט געווען פריי פון דינען — אויסער סאַטעס פון קינדער. מיליטער-פליכט איז אויך געווען אַ פערזענלעכער חוב פון יעדן איינציקן באַזונדער. קיינער איז פאַר קיינעם נישט געווען פאַראַנטוואָרטלעך און נישט ווי אין רוסלאַנד, ווו דער קהל האָט געמוזט אָן יעדן תירוץ צושטעלן אַזוי און אַזויפיל רעקרוטן. אויב עס האָט אין פוילן ערגעצוווּ אויסגעפעלט אַ געוויסע צאָל רעקרוטן, ווייל די פאַבאָר-לייט זענען זיך צעלאָפן אָדער האָבן זיך געמאַכט אומפעיק צום דינסט, איז געווען פאַרפאַלן. די מאַכט האָט נישט געהאַט צו וועמען זיך צו טשעפען. דער אופן פון דורכפירן די פאַבאָרן אין פוילן איז אַלזאָ געווען אַ ליבעראַלערער ווי אין רוסלאַנד.

אמת, אויך ביי דער דאָזיקער אָרדנונג האָבן די רייכע און יחסניסדיקע עלעמענטן געפונען נענוג מיטלען (געלט, געלט און געלט...) ווי אַזוי אַרויסצודרייען זיך פון מיליטער. סוף סוף זענען אויך אין פוילן אַוועק דינען בלויז אָרעמע בעלי-מלאכות און קינדער פון פּראָסטן פאָלק, דאָך זענען נישט געוואָרן אָפגעטאָן אַזויפיל מיסברויכן און געוואַלד-טאַטן ווי דורכן קהל אין רוסלאַנד.

דאָס, וואָס דער פאַבאָר איז געוואָרן אַרויסגענומען פון „יידישע הענט“ און איז געוואָרן איבערגעגעבן דער אַלגעמיינער מאַכט, דאַרף מען באַטראַכטן אַלס גרויסע טובה פאַר יידן. די מאַכט איז געווען ערלעכער און יושרדיקער צו יידן אין פרט פון פאַבאָר-ענינים, ווי יידן וואָלטן עס געווען צווישן זיך. אויך דער קהל איז געוואָרן אַנטלאַסטעט פון דער שווערער אחריות פאַר דער נעפאָדערטער צאָל רעקרוטן. ער האָט נישט-ווילנדיק אויסגעמיטן צו ווערן אַן אינסטרומענט אין דער האַנט פון דער רעגירונג צו מערדערייען און אכזריותן לגבי די אָרעמע און שוואַכע. דאָס גאַנצע קאָנגרעס-פוילישע יידנטום איז דורכדעם אויך ניצול געוואָרן פון דער כאַפער-אינסטיטוציע, וואָס האָט אין משך פון קנאַפע 50 יאָר נישט אויפגעהערט צו פאַרשפרייטן טויט-שרעק און איז געווען דער מלאך-המות פאַר אַזויפיל קליינע קינדער און דערוואַקסענע אין אַלע יידישע ישובים אין רוסלאַנד. וואָלט דער קהל אין פוילן איבערגענומען די פאַבאָרן, וואָלט ער אויך נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה, ווי צו פאַנגען זיינע קרבנות דורך כאַפערס.

עס איז אינטערעסאַנט, אַז די פוילישע ציווילע גובערנאַטאָרן פון קעלצער, סאַנדאָמירער און אויגוסטאָווער גובערניעס האָבן אין זייערע ראַ-

פארטן צו דער צענטראלער מאכט אין ווארשע *) געראטן, אז מ׳זאל דעם גאנצן ענין איבערגעבן דעם יידישן קהל. די מאטיוון זענען ווארשיינלעך געווען עגאיסטישע: זיי האבן געוואלט פטור ווערן פון דער דאזיקער שטארק אומאנגענעמער אויפגאבע.

דער אויגוסטאווער גובערנאטאר שרייבט:

„יידן, אויספירנדיק אליין די דאזיקע פליכט, וועלן אפגעבן פאר רעקרוטן אזעלכע מענטשן, וואס זענען צוליב ארעמקייט און פוילקייט שעדלעך פאר דער געזעלשאפט און זענען אויך א לאסט פארן לאנד און פאר זיי (די יידן) גופא".

דער גובערנאטאר גיט בפירוש צו, אז דער דאזיקער אופן פון נעמען רעקרוטן וואלט געהאט דעם רעזולטאט, אז די רייכע יידן וואלטן אייסגעמיטן מיליטער-דינסט, אבער דאס וואלט נאך געווען א מעלה פון דער רעפארם, ווייל עס וואלט געפאסט צום אלגעמיינעם צושטאנד אין לאנד. אויך ביי קריסטן דינען נאר די ארעמע, דאקעגן די רייכע ווערן באפרייט אויפן סמך פון פארשידענע פריווילעגיעס. דער גובערנאטאר ווייזט אויך אן, אז די רייכע יידן זענען נייטיק פארן לאנד:

„די קלאנגען וועגן פאבאר דערוועקן אן אומרואיקייט און יידן הערן אויף צו באשעפטיקן זיך מיט האנדל און הייזער-בוי, פון וואס עס ליידט דאס לאנד, ווייל נאר יידן פארנעמען זיך מיט אויפשטעלן הייזער. בלויז אויף די אנשטרענגונגען פון די רייכע יידן באזירט כמעט דער גאנצער האנדל פון לאנד און דער נוצן, וואס פליסט פון אים ארויס".

אויך די יידישע רעדל-פירער האבן געהאט חשק ארייננצונעמען אין זייערע הענט דעם פאבאר. די יידישע שתדלנים, וועלכע האבן געבילדעט דעם קאמיטעט, וואס האט אלע יארן אונטערגעהאנדלט מיט דער רעגירונג וועגן יידישן מיליטער-דינסט, האבן זיך געווענדעט צום נאמיעסטניק מיט א ביטע וועגן איינפירן אין פוילן די זעלבע ארדנונג ביים נעמען פון יידן רעקרוטן ווי אין רוסלאנד, ד.ה. דער קהל זאל צושטעלן זעלנער. צווי כוונות האבן זיי דערביי געהאט: 1) קהל וואלט אפגעגעבן די, וועלכע ער

---

*) פון די אקטן וועגן יידישע פאבאר-ענינים אין ווארשעווער ארכיוו פון אלטע אקטן.

וואלט אליין אויסגעקליבן, ד. ה. די ארעמסטע ; 2) דער סוחרים-שטאנד וואלט געווען פריי פון מיליטער.

די יידישע שליחים פאררופן זיך אין זייער ביטע אויף פאלגענדע מאטיוון: אינם יאר 1817 האבן זיי געשלאסן אן אפמאך מיט דער רעגירונג, אז כל זמן יידן וועלן נישט זיין גלייכבארעכטיקט מיט דער קריסטלעכער באפעלקערונג פון לאנד, וועלן זיי צאלן א שטייער אנשטאט פערסאנאלן-דינסט. אזוי ווי ביים היינטיקן טאג האבן פוילישע יידן נאך קלענערע רעכט ווי די יידן אין רוסלאנד, בעטן זיי צו באפרייען זיי פון מיליטער און זיי זאלן צאלן בלויז דעם שטייער. נאר אויב דאס לאזט זיך נישט דערפילן, בעטן זיי אזא רעקרוטן-געזעץ, ווי ס'האבן די יידן אין רוסלאנד.

דער נאמיעסטניק האט צוריקגעשיקט די ביטע, אפווארפנדיק זי צוליב 3 טעמים:

1) די צאל יידן האט זיך פון 1817 פארטאפלט. זיי זענען געווארן שעדלעך פארן לאנד א. א. וו.

2) דאס רעקרוטן-געזעץ פאר יידן קאן נישט באטראכט ווערן פאר קיין באעוולענדעס. ווייל זיי זענען געווארן אויסגעגלייכט אין דעם פרט מיט די קריסטן און זיי קאנען נישט פאדערן פאר זיך קיין גרעסערע רעכט און פריווילעגיעס פון די קריסטן און אפילו פון דער שליאכטע *).

3) דער חסר, וועלכן מ'האט געטון יידן אין 1817, באדייט נישט, אז די רעגירונג האט נישט קיין רעכט איינצופירן געוויסע ענדערונגען, אויב זי געפינט, אז זיי זענען נויטיק.

געבליבן איז דער פאכאר-ענין אין די הענט פון דער רעגירונג און געווים איז עס געווען לטובת דעם כלל.

II. די צווייטע וויכטיקסטע פארלייכטערונג איז באשטאנען אין דעם, וואס אין פוילן האט מען נישט אפגעגעבן קיין קינדער פאר קיין רעקרוטן. דאס פוילישע יידנטום האט אלזא נישט דורכגעלעבט די שרעקלעכע קינדער-אינקוויזיציע און קינדער-מארטיראלאגיע ווי דאס רוסישע. הגם און 8-טן § פון דער פארארדנונג רעדט זיך וועגן דעם, אז מינדעריעריקע פון 12 ביז 18 יאר קאנען יא אפגעגעבן ווערן דורך זייערע עלטערן, כדי צו באפרייען דורך זיי אן

---

*) אין פוילן איז די שליאכטע ווי אויך דער סוחרים-שטאנד נישט געווען פריי פון מיליטער-דינסט.

עלטערן זון, דאַרף מען מיט דער גאַנצער זיכערקייט פעסטשטעלן, אַז אין פוילן האָט מען קיין קינדער אין מיליטער נישט גענומען. אין פוילן האָט דער קאַנטאָניסטן-אינסטיטוט נישט עקזיסטירט. דער דערמאָנטער 8-טער § האָט אין לעבן באַקומען אַזאַ אויסטייטשונג און צופאַסונג: אויב אַ פאָטער האָט געהאַט עטלעכע זין און ער האָט געוואָלט באַפרייען דעם עלטערן, ווייל ער האָט אים געדאַרפט האָבן אַלס העלפער אין דער פרנסה, אָדער ווייל דער דערוואַקסענער זון איז געווען זיין שפּייזער, האָט ער געהאַט דאָס רעכט אָנצוגעבן אַ ביטע וועגן באַפרייען דעם עלטערן זון און פאַרצולייגן אויף זיין אָרט דעם יינגערן אַלס רעקרוט. דעמאָלט איז דער עלטערער זון געוואָרן באַפרייט און דער יונגערער האָט באַדאַרפן גיין דינען אויף זיין אָרט. אָבער ערשט דאַן, ווען ער האָט דערגרייכט זיין פולן פאָבאַר-עלטער ד. ה. ווען ער איז אַלט געוואָרן 20 (18) יאָר. דאָס האָט געהייסן „אויסוואַל-רעכט" (Prawo wyboru). דער פאָטער האָט געהאַט רעכט אויסצוקלייבן איינעם פון זיינע יינגערע זין און אָפּגעבן אים אָנשטאָט דעם עלטערן. — מ'קאָן נישט זאָגן, אַז דאָס דאָזיקע רעכט זאָל שטאַרק האַרמאָנירן מיטן באַגריף וועגן גערעכטיקייט און פרייהייט — ווען אַ פאָטער דיספּאָנירט מיט זיינע קינדער און קלויבט אויס צווישן זיי דעם שעיר לעזאזל — דאָך מוז מען מודה זיין, אַז אין יענע צייטן איז עס גיכער געווען אַ פאַרלייכטערונג. לפי שעה האָט אַ יידישער טאַטע געהאַט אַ מעגלעכקייט אָפּצוראַטעווען זיין עלטערן זון. וואָס שפּעטער וועט זיין — האָט ער דערווייל נישט געקלערט. „אויף שפּעטער זאָל גאָט זאָרגן". איינס איז קלאָר: קיין קינדער האָט מען נישט אָפּגעגעבן. יידישע סאָלדאַטן-פרויען זענען נישט געווען מחויב צו רעגיסטרירן זיך אַלס „סאָלדאַטקעס" און האָבן נישט באַדאַרפן אָפּגעבן זייערע זין אין די קאַנטאָניסטן-באַטאַליאָנען.

III. אַ גרויסער טייל פון יידן איז געווען פריי פון מיליטער אַ דאַנק דעם, וואָס זיי האָבן צו 18 יאָר שוין געהאַט קינדער. אין פוילן האָט מען אונטער קיינע אומשטענדן נישט אָפּגעגעבן קיין טאַטעס פון קינדער. לגבי רוסלאַנד, ווו קיין קינדער האָבן נישט פאַרהיטן די טאַטעס פון אַוועקגיין אין מיליטער אויף 25 יאָר, איז דאָס אַ גרויסע פאַרלייכטערונג.

IV. אויף די מיליטער-קאָמיסיעס זענען געווען אַנוועזנד יידישע פאַרשטייער אָדער דעלעגירטע. קיין גרויסע דעה האָבן זיי נישט געהאַט. זיי

האבן אבער אין געוויסע פאלן געקאנט אננעמען זיך פאר די, וועמען עס איז געשעען אן עוולה. (אינם יאר 1850 האט מען מבטל געמאכט די יידישע פארשטייערשאפט).

V. יידן זענען אין פרט פון מיליטער־דינסט געווארן אויסגעגלייכט מיט דער אלגעמיינער באפעלקערונג. די אלגעמיינע פאבאר־געזעצן האבן זיך באצויגן אויך אויף יידן. יידן האבן זיך געפונען אין דער זעלבער לאגע, וואס פאליאקן. אמת, דאס איז פאר יידן נישט געווען קיין גרויסע טרייסט, ווייל אויך פאליאקן האבן זיך נישט ווייניק אנגעליטן פון דער רוסישער קאזארמע, פונדעסטוועגן איז זיי געווען א ביסל לייכטער אויפן הארץ, ווייל ווי זאגט אַ יידיש ווארט: צרת רבים — חצי נחמה.

אין א געוויסן פרט זענען די פאבאר־פארשריפטן אין פוילן געווען הארבערע ווי אין רוסלאנד. אין פוילן האט מען נישט באפרייט די שטודירנדע יוגנט, נישט פון די מיטל־שולן און נישט פון די הויך־שולן. אין רוסלאנד, ווי באקאנט, האט מען אלערליי שילער באפרייט. דאס לאזט זיך דערקלערן מיט פאליטישע טענדענצן. אין רוסלאנד האט ניקאליי געשטרעבט צו פארשפרייטן צווישן יידן בילדונג און... קריסטנטום. דעריבער האט ער געמאכט פארשידענע הנחות פאר די, וואס האבן געוואלט אננעמען דאס ערשטע אדער דאס צווייטע. אין פוילן האט מען גערודפט די אינטעליגענץ, אין דער ערשטער ריי די שטודירנדע יוגנט, ווייל זי איז געווען די טרעגערין פון דער פוילישער פרייהייטס־און אומאפהענגיקייטס־אידייען, וועלכע די צארישע סאטראפן האבן אזוי בלוטיק באקעמפט. פאר פוילן האט געגאלטן דער לאזונג: וואס מער אינטעליגענטן אין דער קאזארמע!

אין פוילן איז די רוסישע רעגירונג נישט געווען פאראינטערעסירט צו פארשפרייטן צווישן די יידן בילדונג, ווייל יידישע אינטעליגענטן זענען געווען פאטריאטיש־פויליש געשטימט. דעריבער האט זי נישט געוואלט מאכן קיין הנחות פאר דער יידישער שטודירנדער יוגנט. אין דער צייט, ווען די תלמידים פון די ראבינער־סעמינארן אין זשיטאמיר און ווילנע זענען געווען פריי פון מיליטער־דינסט און דאס האט גורם געווען, אז די צאל תלמידים זאל שטארק וואקסן, זענען די שילער פון דער ווארשעווער ראבינער־שולע נישט געווארן באפרייט. וועגן דאזיקן ענין האבן זיך געווענדעט מיט א בי־

טע צו דער רעגירונג די רייכסטע און פראָמינענטסטע יידן-אסימיליאַטאָרן *) פון וואַרשע און האָבן באַקומען אַן אָפּזאָג. אויך דער וואַרשעווער דאָזאָר האָט זיך דעם 10/V 1845 געווענדעט מיט אַ ביטע וועגן באַפרייען די שטו-דירנדע יונגט און האָט אויך באַקומען די זעלבע תשובה. די רעגירונג האָט גיכט געוואָלט און נישט געקאָנט ברעכן בנוגע יידן איר פרינציפּיעלע ליניע אין באַצוג צו דער סטודענטנשאַפט.

דאָך ענדערט נישט דער דאָזיקער פּרט אונזער אָפּשאַצונג פון דער לאַגע פון פּוילישע יידן אַנטקעגן רוסישן אין ענין פון מיליטער-דינסט.

בנוגע דער געפאָדערטער צאָל רעקרוטן זענען די יידן אין פּוילן ווי אין רוסלאַנד געוואָרן באַעוולט, ד. ה. מ׳האָט ביי זיי געפאָדערט פּראָפּאָר-ציאָנעל אַ גרעסערע צאָל רעקרוטן, ווי ביי די קריסטן. איך האָב נישט גע-פונען צווישן די אַרכיוו-אַקטן קיין גענויע ציפערן וועגן דער צאָל יידישע און קריסטלעכע רעקרוטן אין משך פון אַ ריי יאָרן. מאַנכע ציפערן, וואָס איך האָב יאָ געפונען, אילוסטרירן אונז די אַרויסגעזאָגטע מיינונג. בשעת מ׳האָט אין 1843 פּראָיעקטירט דאָס דורכפירן דעם 1-טן יידישן פּאָבאָר, האָט מען געהאַט ברעה צו נעמען 500 יידן אויף 5825 קריסטן, ד. ה. בערך 9 פּראָצ., וואָס האָט אויך מער ווייניק אַנטשפּראָכן דעם פּראָצענטזאַץ פון דער צאָל יידן אין באַצוג צו דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. אין דערווירקלעכקייט האָט מען שפּעטער גענומען אַ טאָפּלטע צאָל יידן, ד. ה. נישט 500, נאָר בערך 1000. אין די אַרכיוו-אַקטן האָב איך געפונען דעם קאָנטינ-גענט יידישע רעקרוטן ביים פּאָבאָר, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דעם 19/XI 1844 און איז געווען, וואַרשיינלעך, דער 2-טער לויט דער ריי פון די יידישע פּאָבאָרן אין פּוילן. (ס׳קומט אַלזאָ אויס, אַז אין דעם איינעם 1844 יאָר האָט מען דורכגעפירט צוויי פּאָבאָרן). דער דאָזיקער קאָנטינגענט רעקרוטן שטעלט זיך פאָר אַזוי:

1) לובלינער גובערניע 127 רעקרוטן,
2) שעדלעצער „ 95 „

---

*) אויף דער ביטע וועגן באַפרייען די תלמידים פון דער ראַבינער-שול זענען אונטערגע-ריבן: מאַטיאַס ראָזען, בערסאָן, ד״ר אַדאָלף בערנשטיין, מיכאל ראָזענבערג און יוסף יאָנאַס.

3)	סוואַלקער	גובערניע	163	רעקרוטן
4)	קעלצער	„	69	„
5)	ראַדאָמער	„	91	„
6)	פּלאָצקער	„	110	„
7)	לויוויטשער	„	107	„
8)	וואַרשעווער	„	112	„
9)	ווארשע — שטאָט		70	„

צוזאַמען 944 רעקרוטן.

די דאָזיקע רשימה איז מעגלעך נישט קיין פולע. צו יענער צייט איז פּוילן געווען צעטיילט אין פאָלגענדע 10 קרייזן: שטאָט וואַרשע און גובערניעס: פּאָדליאַסקער, קאַלישער, לובלינער, סאַנדאָמירער, אויגוסטאָווער, קעלצער, מאַזאָווער, ראַדאָמער, און פּלאָצקער.

די ציטירטע רשימה אַנטהאַלט נאָר 9 קרייזן. איך ווייס נישט, צי די דאָזיקע 9 קרייזן דעקן לגמרי די אויסגערעכנטע 10. אַזוי פעלט אין דער פריערדיקער רשימה קאַלישער קרייז און איך ווייס נישט, צי איז קאַליש פאַרשטעקט אין אַן אַנדער קרייז (למשל פּלאָצקער אָדער לוויוויטשער), אָדער קאַליש איז אין דער דאָזיקער רשימה אינגאַנצן דורכגעלאָזן. אַ פאַקט איז, אַז שוין ביים 2־טן פּאָבאָר האָט מען גענומען טאָפּלט יידן, ווי עס איז געווען פּראָיעקטירט לכתחילה אין יאָר 1843 צו נעמען. אויב מיר זאָלן אָננעמען, אַז די צאָל קריסטלעכע רעקרוטן איז אינעם יאָר 1844 נישט געוואָרן געהעכערט און איז געבליבן די זעלבע ווי אין 1343, ד.ה. בערך 5825, קומט אויס, אַז ביי יידן האָט מען גענומען רעקרוטן, ווייניקסטנס אינעם יאָר 1844, פּראָפּאָרציאָנעל אַ סך מער ווי ביי קריסטן. *)

---

*) אין ציפערן לאָזט זיך דאָס אילוסטרירן אויף אַזאַ אופן:

די צאָל מאַנסלים־קריסטן אין גאַנץ קאָנגרעס־פּוילן האָט אין יאָר 1843 באַטראָפן 2.083.360. אויב מ'האָט אין יענעם יאָר אָפּגעגעבן 5825 רעקרוטן — מאַכט עס אויס 0,28 פּראָצענט פון דער גאַנצער מענלעכער באַפעלקערונג.

יידן־מאַנסלייט זענען אין יאָר 1843 געווען 261,952. רעקרוטן האָט מען שפּעטער גענומען פון יידן 944. מאַכט עס אויס 0,35 פון דער גאַנצער צאָל זכרים.

אפילו ווען מיר זאָלן אָננעמען, אַז די ציטירטע ערבית־רשימה איז אַ פולע און נעמט אַרום דאָס גאַנצע לאַנד, מאַכט דאָך אויס דער פּראָצענט־זאַץ יידישע רעקרוטן אַ סך מער ווי דער פּראָ-

אין די אַקטן רעדט זיך בפירוש, אַז דער צוועק פון די ייִדישע פּאָבאָרן איז די פאַרמינדערונג פון דער צאָל ייִדן. דערמיט לאָזט זיך דערקלערן דער הויכער פּראָצענטזאַץ רעקרוטן, וואָס מ'האָט גענומען בײַ ייִדן.

אויך די פּוילישע באַפעלקערונג איז געוואָרן שטאַרק אויסגעשעפּט דורך די אָפטע פּאָבאָרן. דער אָנפירער פון די פּאָבאָרן אין פּוילן, גראַף פּאַלסקוי, דריקט זיך וועגן דעם אויס אַזוי: „דאָס, וואָס דער פּאָטער האָט נישט קיין רעכט אויסצוקלויבן דעם ייִנגערן זון, אויב דער לעצטער וווינט ווײַט פון אים און האָט שוין אַ פאַמיליע, — איז געוואָרן פאַראָרדנט, כּדי עס זאָלן נישט אויספעלן קיין רעקרוטן, ווײַל זייער צאָל איז שוין אויך אַזוי שטאַרק פאַרקלענערט אַ דאַנק די אומאויפהערלעכע פּאָבאָרן".

אינם וואַרשעווער אַרכיוו פאַר אַלטע אַקטן האָב איך געפונען געוויסע ציפערן וועגן מאַנכע קרייזן. אַזוי צום בײַשפּיל שטעלן זיך פאַר די ציפערן וועגן ליפּנער קרייז:

די צאָל מאַנסלײַט קריסטן האָט באַטראָפן אין 1845 — 43079
„ „ „ „ ייִדן „ ״ „ „ — 3229,
ד. ה. 7,5 פּראָצענט פון דער צאָל קריסטן.

קריסטלעכע רעקרוטן־קאַנדידאַטן זענען געווען 2779, ד. ה. $6^{1}/_{2}\,^{0}/_{0}$ פון דער צאָל מאַנסלײַט.

ייִדישע רעקרוטן־קאַנדידאַטן זענען געווען 165, ד. ה. קאַרגע 6 פּראָצ. פון דער צאָל פאַרשריבענע ייִדן אָדער 6 פּראָצ פון דער צאָל קריסטן־פּאָבאָראָווע.

פון די קריסטלעכע רעקרוטן־קאַנדידאַטן זענען אַנטלאָפן 834 אָדער $30^{0}/_{0}$
„ „ ייִדישע „ „ „ „ 60 „ $36{,}3^{0}/_{0}$.
נישט צוגעשטעלט זיך האָבן: 17 ייִדן $(10{,}3^{0}/_{0})$ און 309 קריסטן 11 פּראָצ.

אין ליפּנע האָט צו יענער צײַט געלעבט אַ קינסטלער, אַ מאָלער־אַרטיסט, מיטן נאָמען שלמה מאַנאַמיטש. די גובערניאַלע מאַכט האָט אַליין פאַרגעלייגט צו באַפרײַען אים איבערן סמך פון זײַן באַרוף פון מיליטער. איבע־

צענט־זאַץ בײַ די פּאַליאַקן. דער אונטערשייד באַטרעפט 0.28 קעגן 0.35 — אָדער 4 קעגן 5; דאָס הייסט, אַז פּראָפּאָרציאָנעל האָט מען אויף 4 רעקרוטן־פּאַליאַקן גענומען 5 ייִדן.

(די צאָלן זענען אַרויסגענומען פון ע. נ. פרענקעלס אַרטיקל: „צו דער געשיכטע פון דער ייִד. קאָלאָניזאַציע אין ק.־פּוילן" געדרוקט אין די „בלעטער פאַר ייִד. דעמאָגראַפיע"... № 5)

ראל האבן יידן געפרווט צו באפרייען זיך אלס קוואליפיצירטע מייסטער אדער קינסטלער. בלויז געציילטע יידן זענען אויף דעם סמך נעווארן באפרייט. ביים פאבאר פון 1845 האט דער ווארשעווער מאגיסטראט פארגעלייגט צו באפרייען אלס קוואליפיצירטע מייסטערס בלויז 7 יידן; 4 פאבריקאנטן, 1 טאקאר און 2 גראווירער.

די צאלן פון מלאווער קרייז אין 1845 זענען:

קריסטן מאנסלייט — 36091; יידן — 3982 (בערך $11^0/_0$).

„ רעקרוטן-קאנדידאטן (פאבאראווע) 2465 אדער קנאפע $7^0/_0$ פון דער צאל פארשריבענע מאנסלייט.

יידן פאבאראווע, 222 אדער בערך $5^1/_2$ פראצ. פון דער צאל פארשריבענע יידן, אדער 9 פראצ. פון דער צאל קריסטלעכע פאבאראווע.

אנטלאפן זענען: קריסטלעכע פאבאראווע — 363 (בערך 15 פראצ.) און יידן 35 (בערך 16 פראצ.).

אלס מייסטערס האט מען אין מלאווע ביי יענעם פאבאר באפרייט 3 יידן.

אין פולטוסקער קרייז (פאוויאט) זענען אין 1845 געווען: מאנסלייט קריסטן 37858; יידן 8083 — (בערך $21^1/_3$ פראצ.). קריסטלעכע פאבאראווע זענען געווען 3075, ד. ה. $8^1/_2$ פון פראצ. דער צאל פארשריבענע מאנסלייט.

יידישע פאבאראווע זענען געווען 524, אדער $6^1/_2$ פראצ. פון דער צאל פארשריבענע יידן, אדער 17 פראצ. פון דער צאל קריסטלעכע פאבאראווע.

אנטלאפן זענען קריסטלעכע פאבאראווע 123 (4 פראצ.) און יידן — 22 (אויך בערך 4 פראצ.).

פון די געבראכטע ציפערן איז צו זען, אז די יידישע באפעלקערונג האט ארויסגעגעבן פון זיך פראפארציאנעל א קלענערע צאל רעקרוטן-קאנדידאטן, ווי די קריסטלעכע. אזוי זעען מיר, אז

אין ליפנער קרייז האבן קריסטן געגעבן $6^1/_2$ פראצ. פאבאראווע; יידן — קארגע 6 פראצ.;
„ מלאווער „ „ „ „ „ קנאפע 7 „ „ „ — בערך $5^1/_2$ „
„ פולטוסקער „ „ „ „ „ $8^1/_2$ „ „ „ „ $6^1/_3$ „

ממילא איז אויסגעקומען, אז די צאל יידישע פאבאראווע איז פראצענטועל געווען א קלענערע, ווי די פראצענט-באציאונג פון יידן צו דער קריסטלעכער באפעלקערונג. אין ליפנער קרייז האבן יידן געבילדעט $7^1/_2$ פראצ. פון דער

קריסטלעכער באַפעלקערונג און די צאָל יידישע פּאָבאָראָווע אַנטקייגן דער צאָל קריסטלעכע האָט אויסגעמאַכט נאָר 6 פּראָצ. (מיט $1^{1}/_{2}$ פּראָצ. ווייניקער).

אין מלאַווער קרייז: יידן 11 פּראָצ. פון דער צאָל קריסטן און פּאָבאָראָווע — 9 פּראָצ. (מיט 2 פּראָצ. ווייניקער).

אין פּולטוסקער קרייז: יידן $21^{1}/_{3}$ פּראָצ. פון דער צאָל קריסטן און פּאָבאָראָווע — 17 פּראָצ. (מיט $4^{1}/_{3}$ פּראָצ. ווייניקער.

די צאָלן פון די אַנטלאָפענע און נישטצוגעשטעלטע זענען כמעט די זעלבע ביי יידן ווי ביי קריסטן.

מיט וואָס דער דאָזיקער אונטערשייד דערקלערט זיך איז שווער צו זאָגן. (סיידן דערמיט, וואָס יידן האָבן זיך באַמיט צו ענדערן זייערע געבורטס־יאָרן, עס זאָל אויסקומען, אַז זיי זענען יינגער פון 20 אָדער עלטער פון 25. אין ביידע פאַלן האָבן זיי נישט געהערט צום פּאָבאָר־עלטער).

די דאָזיקע ציפערן באַדייטן אָבער בלויז די צאָלן פון קאַנדידאַטן אויף רעקרוטן, אָבער נישט פון די אָפּגעגעבענע רעקרוטן. אין דעם פּרט איז די באַציאונג גיכער געווען אַ פאַרקערטע, ד. ה. אַז דער פּראָצענט אָפּגעגעבענע רעקרוטן אין באַציאונג צו דער אַלגעמיינער צאָל פּאָבאָראָווע און מאַנסליים איז געווען ביי יידן אַ גרעסערער ווי ביי קריסטן. מיר ווייסן, אַז די טענדענץ אין רוסלאַנד ווי אין פּוילן איז געווען צו נעמען ביי יידן אַ גרעסערן פּראָצענט רעקרוטן, ווייל מ׳האָט חושד געווען, אַז יידן באַהאַלטן אויס אַ געוויסע צאָל מאַנסליים, וואָס ווערן נישט איינגעשריבן. דער בייַשפּיל פון 2־טן פּאָבאָר אין יאָר 1844, ווען מ׳האָט גענומען 944 יידן (און אפשר נאָך מער) אויף קנאַפּע 6000 קריסטן, באַשטעטיקט אויך די אויבנגעבראַכטע השערה.

אין הרוביעשאָווער, לוקאָווער, ראַדזינסקער און ביעלסקער קרייזן איז נישט געוואָרן באַפרייט קיין איין ייד אַלס מייסטער. דאַקעגן קאַלישער, קאָנינער, וויעלונער און שעראַדזער פּאָוויאַטן האָבן געגעבן 31 באַפרייטע יידישע מייסטערס. גאָסטינינער פּאָוויאַט האָט באַפרייט 2 יידישע וועבער, אויגוסטאָווער — 3. אויך ראַדאָמער גובערניע האָט באַפרייט 24 יידישע קוואַליפיצירטע מייסטערס.

דאָס איינפירן מיליטער־דינסט האָט גורם געווען, אַז אַ געוויסע צאָל יידן אין פּוילן האָט זיך גענומען צו ערד־אַרבעט, ווייל אויף אַזאַ אופן האָבן זיי זיך געקאָנט באַפרייען אין הסכם מיטן § 14 פון גיין דינען.

אין א ריי געגנטן זענען געגרינדעט געווארן יידישע קאלאניעס.

די רשימה, וואס איך גיב דא, איז ווארשיינלעך נישט קיין פולע. *) מיר זענען באקאנט פאלגענדע ערטער, וו עס האבן זיך געגרינדעט יידישע קאלאניעס:

1) ניי סשעכאנאוויעץ — לאמזשער קרייז:

2) אין מאריאמפאלער קרייז האבן עקזיסטירט פאלג. קאלאניעס: „פרעדא", „מיכאלין", „סארפון" און „אלעקסאס".

3) אין סיינער פאוויאט — „בריקאלעטי".

4) אין פלאצקער „ — „קוכארי", „אידזיקאוויצע" און „קאדלובוועק". (געגרינדעט דורכן באקאנטן עסקן שלמה זלמן פאזנער).

5) אין קעלצער קרייז — „דאמאשעוויצע".

6) אין ראדאמער „ — „מויזשעשווו".

אויך אין ראווער, גאסטינינער, שעראדזער, וויעלונער און פיאטרקאווער קרייזן זענען געווארן געגרינדעט יידישע קאלאניעס.

נאך א לאנגער קארעספאנדענץ צווישן דער צענטראלער רעגירונג אין ווארשע מיט די פוילישע ציווילע גובערנאטארן אויף דער פראווינץ וועגן דעם אופן ווי אזוי צו באלוינען די אויסגעדינטע יידן, ד. ה. נאך 15 יאר דינסט, איז דעם 24 מערץ 1848 געווארן באשטעטיקט און פארעפנטלעכט פאלגענדער געזעץ:

פאר יידן, וועלכע דינען אויס אין מיליטער די פארגעשריבענע צאל יארן, ווערן אנערקענט די דאזיקע הנחות:

1) קראנקע באקומען פון דער רעגירונג שטיצע אין דער הויך פון 10 קאפ. א טאג.

2) קראנקע ווערן אויך אנגענומען אין שפיטאל אומזיסט.

3) אויסגעדינטע יידן ווערן אריינגענומען אין די האנטווערקער-צעכן.

4) זיי באקומען דאס רעכט צו וווינען אין ווארשע און אנדערע שטעט.

5) זיי ווערן באפרייט פון צאלן דעם פלייש-שטייער (koszerne) **)

---

*) זע דעם אויבן ציטירטן ארטיקל פון ע. ג. פרענק וועגן דער ייד. קאלאניזאציע אין ק.-פוילן.

**) אין די 50-קער יארן האבן זיך אין ווארשע געפונען אן ערך 400 פאמיליעס, וועלכע זענען אויפן יסוד פונם דאזיקן געזעץ באפרייט געווארן פון צאלן דעם משרות-אפצאל.

6) זיי קאָנען ווערן אָנגענומען אַלס באַאַמטע אויף נידריקע שטעלעס אין שטאַטישע און ציווילע אַמטן.

די דאָזיקע הנחות האָבן באַדאַרפן זיין א באַלוינונג פאַר 15 יאָר שווערן מיליטערישן דינסט.

כאָטש יידן זענען אַזוי נישט גערן געגאַנגען אין מיליטער, האָבן זיך פונדעסטוועגן געפונען אַזעלכע, וועלכע זענען געגאַנגען אַלס פרייוויליקע פאַר קריסטן. וועגן דעם שרייבט בפירוש דער אָנפירער פון די פּאָבאָרן אין פוילן — גראַף טאָלסטוי. די פרייוויליקע זענען געווען אין עלטער פון 20 — 30 יאָר. די רעגירונג פלעגט זיי אָננעמען אָן יעדער שטערונג. יידן דאָקעגן איז, ווי באַקאַנט, געווען פאַרבאָטן צוצושטעלן פאַר זיך קריסטלעכע פרייוויליקע. אין פוילן איז יידן לחלוטין געווען פאַרבאָטן צוצושטעלן פאַר זיך פרייוויליקע, סיי יידן סיי קריסטן.

אין פוילן האָבן זיך געפונען פלייסיקע ציווילע גובערנאַטאָרן (פּאָליאַקן), וועלכע האָבן פאָרגעשלאָגן אָפּצוגעבן סתם אָרעמע און געזונטע יידן אין מיליטער. דאָס איז געווען אַן אָפּקלאַנג פון דער ענלעכער „ראַזוריאַדן-גזרה", וואָס איז עטלעכע יאָר געהאַנגען איבער די קעפּ פון רוסישן יידנטום.

(עס איז געווען א פּראָיעקט, גאָר נאָנט רעאַליזירט צו ווערן, וועגן פונאַנדערטיילן אַלע יידן אין קלאַסן און די אָרעמע פאַרמעגנסלאָזע, ד. ה. 90% פון אַלע יידן, אַוועקצושיקן אין די ארעסטאַנטן-ראָטעס קיין סיביר. צוליב דער דאָזיקער גזרה איז מאָנטעפיאָרע אין 1846 ספּעציעל געקומען קיין רוסלאַנד).

מיט אַזאַ פּראָיעקט איז אַרויסגעטרעטן דער פּלאָצקער גובערנאַטאָר. ער שרייבט:

> „אַלס מיטל צו פאַרבעסערן די לאַגע פון די יידן, וועמענס צאָל עס פאַרגרעסערט זיך פון יאָר צו יאָר, לייג איך פאָר די יעניקע פון זיי, וועלכע וועלן זיך אַרויסווייזן אַלס פעיק צום מיליטער-דינסט און זענען אָן מיטלען צום לעבן, — אָפּצוגעבן אַלס רעקרוטן".

צום גליק האָט די צענטראַלע מאַכט אָפּגעוואָרפן דעם פּראָיעקט, באַצייכענענדיק אים אַלס געוואַלטזאַמען (Насильственныя) די רעגירונג אין וואַרשע מיינט אָן, אַז עס איז שוין בענוג, וואָס יידן דערפילן מיליטער-דינסט צוגלייך מיט קריסטן נישט קוקענדיק אויף זייער אָפּשיי צו אים.

אין אַלגעמיין זענען די יידישע פּאָבאָרן אין פוילן אַ דורך פאַרהעלטניסמעסיק רואיק. אין דער כראָניק פון יענע יאָרן זענען נישט געוואָרן פאַרצייכנט אַזעלכע דערשיטערונגען און קאַטאַקליזמען ווי די, וואָס זענען פאָרגעקומען צו מזרח פון קאָנגרעס-פוילן, אין תחום-המושב פון דער רוסישער אימפּעריע. אויך געפונען מיר נישט, אַז די מאַכט זאָל זיך שטאַרק קלאָגן אויף אַ מאַנגל אין יידישע רעקרוטן (די טראַגישע „ניעדאָימקעס" אין רוסלאַנד), ד. ה. אַז דער קאָנטינגענט יידישע רעקרוטן איז געוואָרן פאַרפילט.

ביי אַ ליבעראַלערער באַציאונג האָבן זיך יידן צוגעפּאַסט צו דער נייער לאַגע און האָבן געגעבן זייער טייל דעם מולך, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „רוסישע אַרמיי".

קוועלן (ביבליאָגראַפיע).

„הכרמל“ ארויסגעגעבן דורך שמואל יוסף פין. יאָרג. 1879.

„הבקר אור“ „ „ אברהם בער גאָטלאָבער. יאָרג. 1880, 1881.

„המליץ“ — יאָרג. 1861.

„ספר השנה“ ארויסג. דורך סאָקאָלאָוו — יאָרג. 1901|2 וואַרשע.

„ספר היובל“ — צו סאָקאָלאָווס 25 יעריקער ליטער. ארבעט 1904.

ש. דובנאָוו: „תולדות היהודים במאה התשע עשרה“.

מקור ברוך פון ר' ברוך עפשטײן, ווילנע 1927.

יצחק בער לעווינזאָן: „הסקר-העלם“.

אײַזיק מאיר דיק: „דער ניסער נאַבאָר“... ווילנע 1872.

יחזקאל קאָטיק: „מײַנע זכרונות“ וואַרשע 1911.

גינזבורג און מארעק: ײדישע פאָלקס-לידער אין רוסלאַנד. פּב"ג. 1904.

בלעטער פאַר ײדישע דעמאָגראַפיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיק, בערלין 1925 — 5 №.

מינסקער היסטאָרישע שריפטן (זאַמלבוך) מינסק. 1927.

ש. אַנ—סקי: נעבליבענע כתבים. פון ײוואָ-ארכיוו אין ווילנע.

Еврейская энциклопедія I. III. IX.

Еврейская Старина (אַלע העפטן פון 1909 ביזן לעצטן פון 1930).

В. Леванда: Хронологическій сборник законов о евреях.

Мыш: Законы о евреях в Россіи.

А. Герцен: Былое и думы I.

Г. Богров: Записки еврея. Пойманник.

В. Никитин: Многострадальные. Вѣк пережить — не поле перейти.

Ю. Гессен: Евреи в Россіи.

„Восход“ — 1884, 1895, 1896.

„Пережитое“ — I. II. III

О. Рабинович: Сочиненія I.

Paulin Wengeroff: Memoiren einer Grossmutter, Berlin 1910.

M. Mochnacki: Historja Powstania Narodu Polskiego.

Agaton Giller: Podróż więźnia do Syberji — Lipsk, 1866.

Jakób Kirszrot: Prawa Żydów w Królestwie Polskiem, Warszawa 1916.

Ignacy Schiper: Żydzi Królestwa Polskiego w dobie Powstania Listopadowego, Warszawa 1932.

אַרכיוון: 1) פון ווילנער גענעראַל-גובערנאַטאָר אין ווילנע; 2) פון אַלטע אַקטן אין וואַרשע (יעזשיצקאַ 2) און 3) בילדונגס-אַרכיוו אין וואַרשע (אין אוניווערזיטעטס-הויף).